NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10350

UNZER FOLK

Israel Steinbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. שטיינבוים

אונזער פאָלק

אַ לייענבוך פאַר עלטערע קינדער

פאַרלאַג דערציאונג, ניו יאָרק, 1932

הויפּטפאַרקויף אין פאַרלאַג פון
מאַקס נ. מייזל, ניו יאָרק

Copyright 1932
by
Israel Steinbaum

געדרוקט אין „נאָבאָס"־דרוקעריי, 50 איסט 13טע גאַס, ניו יאָרק

33

עטלעכע באַמערקונגען

1) דאָס איצטיקע לייענבוך „אונזער פאָלק“ איז דער ערשטער טייל פון אַ נייער סעריע לייענביכער, וואָס דער צוזאַמענשטעלער גרייט צו פאַר די עלטערע קלאַסן פאַר אידישע אָנפאַנג־ און מיטל־שולן. דאָס בוך איז באַשטימט פאַר יענע קינדער, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט אַן עלעמענטאַרן קורס אין דער אידישער שפּראַך און געשיכטע.

2) לויטן פּרינציפּ פון צוזאַמענשטעל איז דאָס איצטיקע לייענבוך אַ לאָגישע פאָרזעצונג פון דעם פינפטן און זעקסטן לייענבוך פון דער סעריע „לייענביכער פאַר דער אידישער שול“, פון זעלבן צוזאַמענשטעלער. דער דאָזיקער פּרינציפּ באַזירט זיך אויפן געדאַנק, אַז אַ לייענבוך פאַר די קינדער אין די עלטערע קלאַסן דאַרפן אַרומנעמען און פאָרשטעלן אַ באַשטימטן צווייג, אָדער טייל פון אידישן לעבן און דאַרף מיט זיך ניט פאָרשטעלן קיין סתם־זאַמלונג פון קינסטלערישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען, לויט זייער אינהאַלט, מיט גאָרניט געבונדן איינס צום צווייטן.

3) ווי אַזוי מעטאָדיש אויסצונוצן די מאַטעריאַלן פון דעם לייענבוך ווערט פונם צוזאַמענשטעלער אָנגעוויזן אין די „אָנווייזונגען צו די לערער“

4) דאָס איצטיקע לייענבוך שעפּט בשום אופן ניט אויס יענע אַלע מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין אונזער ליטעראַטור און וואָס וואָלטן געקענט אויסגענוצט ווערן אין פאַרבינדונג מיטן שטודיום איבער דער לאַגע פון די אידן איבער גאָר דער וועלט. דער צוזאַמענשטעלער האָט לכתחילה גערעכנט איינצושליסן מער מאַטעריאַלן, ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ שריט וואָלט געפירט צו דער אויסגאַבע פון צוויי גאַנץ גרויסע בענד, וואָלט שטאַרק אַרויפגעצויגן די קאָסטן אַזוי, אַז זיי וואָלטן געווען צו טייער פאַר אונזערע שולן. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן אַרויסגעבן איין קאָמפּאַקטן באַנד מיט אַ קלענערער שריפט און לאָזן די לערער צוקלייבן נאָך מאַטעריאַלן (ווי אָנגעוויזן אין דער ביבליאָגראַפיע), ווען זיי וועלן דאָס געפינען פאַר נייטיק.

5) ביים צוזאַמענשטעלן די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן פון לייענבוך האָט זיך דער מחבר באַנוצט דער'עיקר מיט די ביכער פון דר. אַרטור רופּין, אַמעריקאַנער אידישע יאָרביכער, יעקב לעשצינסקי און מיט דעם פּראַכט־פולן אַטלאַס, וואָס אַ גרופּע סטודענטן פון אידסעקציע פון מערב־אוניווערזי־טעט אין רוסלאַנד האָט אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען „אידן אין פ. ס. ס. ר.“, צענטרפאַרלאַג 1930.

די היימשול — יאַנואַר, 1932

אינהאַלט

חרובֿע היימען

זייט

1) עמיגראַנטן־ליד — ש. אַנסקי — 10
2) אידן בויען אַ שול — שלום אַש — 12
3) אַ איד אַ סוחר — נ. גראָס — 17
4) דער רבי מיט זיינע חסידים — יחזקאל קאָטיק — 18
5) יאַריד — נ. גראָס — 24
6) דער משפט — י. אָפּאַטאָשו — 25
7) עס האָט זיך אָנגעהויבן — יחזקאל קאָטיק — 30
8) אין שחיטה־שטאָט — חיים נחמן ביאַליק — 38
9) אַמעריקע — משה סטאַווסקי — 41
10) זשיד — י. סעגאַלאָוויטש — 45
11) פאַר דער מלחמה — אלעזר בערגמאַן — 46
12) כ'האָב מיין שטעטל ניט דערקאָנט — י. אַדלער — 50
13) די איבערקערעניש — אלעזר בערגמאַן — 51
14) די מלאַווער עדה — י. אָפּאַטאָשו — 53
15) דער וואָלף — ה. לייוויק — 56
16) חרוב — דוד גאָלדשטיין — 63
17) דער איד מיטן קרייץ — אברהם רייזען — 63
18) די פּאָגראָמען אין אוקראַינע — בערנאַרד לעקאַש (פון פראַנצויזיש, ש. ז.) 65
19) דאָס ליד פון מיין חרובֿ'ער היים — ה. לייוויק — 68

אויפן וועג

20) אין די וויטסטע לענדער — אברהם רייזען — 76
21) אין וויטן וועג א. ניסנזאָן — 77
22) אַדיע אייראָפּע — ה. ד. נאָמבערג — 78
23) מיר פאָרן קיין אַמעריקע — א. קאַצאָוויטש — 82
24) אויף דער עמיגראַנטן שיף — יהואש — 87
25) אויפן ים — ה. ד. נאָמבערג — 88
26) צווישן אייגענע אויפן שיף — שלום אַש — 92
27) אויפן שיף — ה. לייוויק — 97
28) די רייזע איבערן ים — י. קאַפּעלאָוו — 98
29) צום אַמעריקאַנער ברעג — שלום אַש — 102
30) יאָסעלע — שלום אַש — 107

אַמעריקע

31) די נייע היים — י. י. שוואַרץ — 123
32) אויף דעם אינזל פון טרערן — שלום אַש — 124
33) מיר קומען אָן אין אַמעריקע — א. קאַצאָוויטש — 127
34) דאָס באַקאַנטע פערדל — אַ. ראַבאַי — 130
35) אַ גרינער — פּרץ הירשביין — 135
36) ניו יאָרק — נ. גראָס — 138

זייט

37) ניו יאָרק — פּרץ הירשביין — 139
38) אין יענע יאָרן — ב. ווײַנשטיין — 144
39) אַ בית עולם אויף טשעטהעם סקווער — י. י. שוואַרץ — 150
40) דאָס אידישע לעבן מיט יאָרן צוריק — י. קאַפּעלאָוו — 152
41) אין געטאָ — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — 158
42) ווײַסע הענט — א. ראַבאָי — 159
43) איז געקומען דער איד — י. י. שוואַרץ — 164
44) פרימאָרגן — י. י. שוואַרץ — 166
45) שכנים — י. י. שוואַרץ — 170
46) דער ערשטער טאָג אין סקול — שלום אַש — 172
47) דזשייק — י. י. שוואַרץ — 178
48) דער אָנהייב איז שווער — ז. לעווין — 180
49) אויף ראָטגערס סקווער — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — 184
50) הער גאָלדנבאַרג — א. ראַבאָי — 185
51) אידן — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — 192
52) פאַרקויפט דאָס מזל — ז. ליבין — 193
53) ברוכוואַרג — י. אָפּאַטאָשו — 197
54) אין סדום — פּרץ הירשביין — 201
55) מײַן רייזע צום וואַסערפאַל ניאַגאַראַ — ס. מעטש (אידיש, מ. ח.) — 205
56) קאַליפאָרניע — פּרץ הירשביין — 217
57) אין דער ווײַט — משה לייב האַלפּערן — 222

ארץ ישראל

58) צו דיינע ברעגן, פּאַלעסטינע — ז. ווײַנפּער — 231
59) ירושלים — ה. ד. נאָמבערג — 232
60) די וואַנט — ז. ווײַנפּער — 236
61) די תימנ׳ער אידן — שלום אַש — 238
62) מישע — שלום אַש — 240
63) אונזערע פעלדער און וועלדער — אפרים אויערבאַך — 244
64) אין יהודה — שלום אַש — 245
65) דאָס ליד פון שומר — אפרים אויערבאַך — 248
66) ווען די ווײַנטרויבן בליען — תלוש — 249
67) טרויבנשניט — אפרים אויערבאַך — 255
68) דאָס לאַנד — ז. ווײַנפּער — 256
69) ארץ ישראל — ה. ד. נאָמבערג — 257
70) ווערט דער אָוונט קילער — אפרים אויערבאַך — 259
71) די תימנ׳ער אידן אין ארץ ישראל — שלום אַש — 260
72) די בשורה אין 1917 — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — 263

אַרגענטינע

73) 30 יאָר אידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע — ה. ד. נאָמבערג — 268
74) אָנגעקומען קיין אַרגענטינע — מרדכי אַלפּערסאָן — 270
75) אין שטורעם און שלאַקסרעגן — מרדכי אַלפּערסאָן — 272
76) דער גאוטשאָ באַראַבוינא — מרדכי אַלפּערסאָן — 277
77) אויף צעאַקערטער שוואַרצערד — אברהם מאָשקאָוויטש — 283
78) דאָס ליד פון גאוטש — אברהם מאָשקאָוויטש — 284
79) אַ שׂרפה — ברוך בענדערסקי — 286
80) אין דער פּאַמפּאַ — ה. ד. נאָמבערג — 291
81) פאַרכאַפּט פון פּאַמפּעראָ — ה. ד. נאָמבערג — 294

זייט

82) מיר דערוואַרטן דעם באַראָן הירש — מרדכי אַלפּערסאָן — 300
83) מען בענקט אין בועניאָס איירעס — ה. ד. נאָמבערג — 303
84) מאָזעסוויל — ה. ד. נאָמבערג — 306
85) די ערד איז קליין — כאַוויער דע וויאַנא — 308

סאָוועטנלאַנד

86) אידן באַזעצן זיך אויף דער ערד — י. י. זינגער — 316
87) דאָס ליד פון די קרעמער — איזי כאַריק — 319
88) שלום געמאַכט — פּרץ הירשביין — 321
89) ערד — מ. מאַרגאָלין — 328
90) דאָס ערשטע ליד פון די בויער — א. פעפער — 329
91) מענטשן — י. י. זינגער — 330
92) שלאָף, מיין קינד — איזי כאַריק — 334
93) מאָיסעי אַבראַמיטש — י. י. זינגער — 335
94) אַ בריוול — מ. פינטשעווסקי — 338
95) ערד — ה. לייוויק — 339
96) אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל — י. י. זינגער — 340
97) אַ בריוו פון מאָסקווע — איזי כאַריק — 344
98) אין אידישן געריכט — י. י. זינגער — 344
99) אַלץ איז געביטן — א. פעפער — 348
100) פּראָפעסיאָנעלע אידישע פאַרייגען — י. י. זינגער — 349
101) בירא בידזשאַן — ד. האָפשטיין — 351

קלענערע צענטערן

102) קלענערע אידישע צענטערן — 358
103) אַלטע אידישע געטאָס — ח. שאָשקעס — 362
104) אידן אין דרום־אַפריקע — פּרץ הירשביין — 367
105) אין מאַראָקאָ — ח. שאָשקעס — 373
106) אידן אין אויסטראַליע — פּרץ הירשביין — 379
107) אין וועלינגטאָן — פּרץ הירשביין — 383
108) אין דמשק — ח. שאָשקעס — 387
109) אויפן איבזל ראָדאָס — ח. שאָשקעס — 391
110) צו מיין פאָלק — מ. ל. ניידוס — 394

111) אידישע סעקטעס און טיפּן — 395

122) אָנווייזונגען פאַר די לערער — 403

113) ביבליאָגראַפיע — 409

114) ווערטערביכל — 412

חרוב׳ע הימען

חרוב׳ע היימען

אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן די אידן זיך געבויט היימען און צענטערן פון לעבן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. דורך זייער ארבעט און פראצע, דורך זייער אנטיילנעמען אין אלע צווייגן פון לעבן אין יענע לענדער, האָבן זיי מיט רעכט זיך באטראכט, ווי שטענדיקע, איינגעזעסענע בירגער פון זייערע נייע היימען.

אָבער כאָטש זיי האָבן זיך אזוי באטראכט און האָבן בייגעטראָגן מיט זייער ארבעט און געלט צו דער אנטוויקלונג פון די שטעט און שטעטלאך, וואו זיי האָבן געוואוינט, איז נישט געקוקט דערויף האָט מען אויף זיי געקוקט אין די מערסטע פאַלן, ווי אויף פרעמדע, ווי ניט־געבעטענע, פון וועלכע ס׳איז א יושר פטור צו ווערן דורך אלע מיטלען.

און מיטלען אנטקעגן די אידן האָט מען אָנגעווענדט די שווידערלאכסטע, קיין זאך איז ניט געווען צו שרעקלאך, קיין מיטל ניט צו שווארץ. אלץ איז געווען גוט: פּאָגראָמען, עקאָנאָמישער באָיקאָט, באגרעניצן דאָס וואוינרעכט, באגרעניצן די רעכט פאַר בילדונג, ספּעציעלע אלגעמיינע און לאָקאלע גזרות און וואָס נאָר דער פינצטערער מוח האָט געקענט אויסטראכטן.

אָבער נישט געקוקט אויף די אלע פאַרפאָלגונגען זיינען די אידן נישט אנטמוטיקט געוואָרן. דירעקט און אומדירעקט האָבן זיי געארבעט נישט נאָר פאַר דער אויסבעסערונג פון זייער אייגן לעבן, נאָר אויך פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם לעבן פון אלע פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געוואוינט. דערויף זאָגט אונז עדות דער גרויסער אנטייל, וואָס די אידן האָבן גענומען אין די פאַרשיידענע רוסישע אויפשטאנדן און רעוואָלוציעס.

אָבער ווי שלעכט ס׳איז די אידן נישט געווען אין יענע לענדער אין לעצטן טייל פון 19טן און אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, איז זיי אָבער קיינמאָל נישט געווען אזוי שלעכט, ווי אין די יאָרן פון דער גרויסער וועלט־מלחמה. צו די פריערדיקע פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונגען זיינען צוגעקומען נייע: באשולדיקונגען, אז די אידן זיינען שונאים און שטייען אין פאַרבינדונג מיט די אַרמייען פון שונא און העלפן זיי.

די מיליאָנען אידן פון די לענדער זיינען געבליבן שוצלאָז, אָן א דאך און אָן א האָפענונג. גאַנצע מאַסן אידן, אלטע, פרויען און קינדער האָבן אין שטראָמען זיך געצויגן פון איין שטאָט אין דער צווייטער זוכנדיק א שוץ־אָרט, בעטנדיק א שטיקל ברויט. דאָס אידישע פאָלק אין מזרח־אייראָפּע איז געשטאַנען אויפן שוועל פון א קאָלאָסאלן חורבן.

און ס'איז געשען דער נס — ס'איז דורכגעפירט געוואָרן די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע און דער קריג האָט זיך אָפּגעשטעלט. אידן, אַליין און מיט זייערע משפחות, האָבן גענומען אַנטלויפן. מ'האָט איבערגעלאָזט אַלץ הינטער זיך און מ'איז געלאָפן וואוהין מ'האָט נאָר געקענט: מ'איז גע־לאָפן קיין אַמעריקע, מעקסיקאָ, אַרגענטינע, בראַזיליע, אַפריקע, ארץ־ישראל, בעלגיע, פראַנקרייך, סיביר — אומעטום, וואו ס'איז נאָר געווען אָפן אַ טויער. דאָס אַנטלויפן פון די לענדער וואָלט ניט אויפגעהערט, ווען ס'וואָלט ניט מיטאַמאָל אין עטלעכע יאָר אַרום אָפּגעשטעלט געוואָרן אינגאַנצן, אָדער טיילווייז, די אימיגראַציע־דערעכט כמעט אין אַלע לענדער אין דער זעלבער צייט.

ס'איז כמעט ניטאָ איצטער קיין לאַנד אין דער וועלט, וואו ס'געפינען זיך ניט די עמיגראַנטן פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אויף יעדן קאָנ־טינענט, אין יעדן לאַנד האָבן זיי אויפסניי אָנגעהויבן בויען פאַר זיך היימען און אָרגאַניזירטע צענטערן פון לעבן.

די אידישע אויסוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע

וואוהין מ'האָט איינגעוואַנדערט	צאָל	וואוהין מ'האָט איינגעוואַנדערט	צאָל
פאַרייניקטע שטאַטן	2,650,000	בעלגיע	25,000
ענגלאַנד	210,000	בראַזיליע	25,000
קאַנאַדע	150,000	מעקסיקאָ	18,000
פראַנקרייך	112,000	אויסטראַליע	18,000
פאַלעסטינע	100,000	קובאַ	6,500
אַרגענטינע	95,000	אוראַגוויי	5,000
דייטשלאַנד	80,000	טשילי	4,000
סיביר און ווייטער מזרח	60,000	ווענעזועלאַ	3,000
בריטיש דרום־אַפריקע	55,000	פאַראַגוואַי	1,000
עגיפּטן	30,000	אַנדערע לענדער פון דרום־אַמעריקע	1,000
ס"ה	3,648,000		

1) רוסלאַנד, פוילן, עסטרייך־אונגאַרן און רומעניע.

עמיגראַנטן־ליד

מיר וואַנדערער, מיר וואַנדערער,
פון איין לאַנד אין דער אַנדערער,
דורך הונגער און דורך קעלט.
פאַרוואָגלטע, פאַרביטערטע,
מיר, גרים פון דער וועלט!
ביי גרעניצן פאַרבאָטענע,
ווי שטויב פון וועג געטראָטענע,
אָן מאַכט, אָן הילף, אָן געלט; —
וואוהין, וואוהין־זשע שוועבן מיר?
צו וועלכע צילן שטרעבן מיר?
מיר, גרים פון דער וועלט?

פון גלות טויזנט־יאָריקן,
פון נייעם און אַמאָליקן,
האָט אונז זיך אָפּגעשטעלט
אַ רייכטום גאָר אַנאַנדערער, —
אַ כוח פון אַ וואַנדערער,
וואָס גייט אום אין דער וועלט.

מיר טראָגן קראַפט אין אַרבעטס־האַנט,
פון פעלזנשטיין אַ ווידערשטאַנד
און גבורה פון אַ העלד;
מיר טראָגן אין דער אַרבעטס־גאַס,
דורך פייער, בלוט, און מענטשן־האַס
אַ קומענדיקע וועלט!

אַ נייע וועלט, אַ גרעסערע,
אַ שענערע, אַ בעסערע
וועט ווערן אויפגעשטעלט;
מיר בויען זי מיט אונזער מוט,
מיט אונזער גייסט, מיט אונזער בלוט,
מיר, בירגער פון דער וועלט!

ש. אַנסקי


די אידישע באפעלקערונג
לויט שטעט
(פון 20 טויזנט און העכער)
אין אייראפע
סאוועטן פארבאנד
אפריקע
פראנקרייך
שפאניע
איטאליע
רומעניע
בולגאריע
יוגאסלאוויע
שוועדן
פינלאנד
נארוועגיע
פון 20.000—50.000
„ 50.000—100.000
„ 100.000 און מער

אידן בויען א שול

בראנזע קאניץ־פּאָלסקי איז אראָפּגעקומען קיין זלאָטשעוו אויף געיעג. און ער האָט אין זיין יעגער־שלאָס געגעבן א באָל פאר זיינע געסט. דער פארוואלטער פון זלאָטשאָוו האָט מענדלען געשיקט קיין נעמיראָוו, אז ער זאָל אראָפּברענגען א אידישע קאַפּעליע און באַזאָרגן די געסט מיט האַנדשו, וועלכע מענדל וועט פארקויפן די „וויעלמאָזשנעס״ צום טאַנץ מיט די פּאַניעס.

דאָס יעגער־שלאָס איז געווען געבויט מיט הויכע טורעמס אין שוועדישן סטיל און די זאַלן זיינען געווען באַלויכטן מיט פיל ליכט אין די אייזערנע לייכטער. און די פאַנעס אין פוילישע קאַנטושן מיט סאַבלנע ברייטע קראַגנס, אראָפּהענגענדיק איבער זייערע אַקסלען און די הוזאַרן־היט, וואָס זיינען געווען מיט גרויסע פּאַוויע־פעדערן אין די הענט, האָבן געפירט די אין וויים־אַטלאַס געקליידעטע דאַמען, באַפּוצטע אין קעניגלאַכן גאַרנאַסטאַי־פוטער, צו דער מאַזורקע. די אידישע פידל האָט געגרימפּלט, געשניטן א ניגון און לאַנג געצויגן, און די אידישע צימבאַלקעס פון דער נעמיראָווער קאַפּעליע האָבן ווייט און זיס צוגעקלונגען צום טאַקט. די „יאַסנע וועלמאָזשנעס״ האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון דער מוזיק מיט די בראָנזענע שפּיציקע שפּאָרנס אויף די אָפּצאַסן. און די פּאַניעס האָבן אויך מיט זייערע גאָלדענע אָפּצאַסלאַך, מיט וועלכע זייערע פוטערנע שטיוועלאַך זיינען געווען באַפּוצט, צוגעקלאַפּט צו דער מוזיק, און מענדל איז אַרומגעלאָפן מיט נייע אויסגעפּרעסטע האַנדשו פון איין וועלמאָזשנע צום אַנדערן און געבעטן זיך:

— א פּאָר האַנדשו צום טאַנץ מיט דער שיינער, ליבטיקער פּאַניע.

נאָך יעדן טאַנץ האָבן די וועלמאָזשנעס אַראָפּגעוואָרפן די האַנדשו פון די הענט און געכאַפּט פון מענדלען א פּאָר נייע האַנדשו.

מענדל האָט א מינוט ניט גערוט. האָט ער ניט פארקויפט די האַנדשו, האָט ער זיי געפּרעסט, צוזינגענדיק זיך פּסוקים פון תהלים, וואָס ער האָט געקאָנט אויף אויסוועייניק, און אריינגעוואָרפן קרעכצן אינמיטן די פּסוקים:

— אוי, פרייען זיך די גויים, מיין ברעכעניש אויף זיי, מיין וויבס צער פון טראָגן און מיין קינדס צאָן־ווייטיק, מאַזלען און שאַרלאַך, טאַטע אין הימל! עלום־הזה'ניקעס, פרעסן און זויפן און דינען צו א גאָט א האַלץ, און א שול, א הייליקע שול, לאָז זיי ניט בויען. אפשר וואָלט שוין צייט געווען, אז דו זאָלסט דאָס הייליקע בית־המקדש אויפבויען. ע, מן־הסתם

איז דאָס נאָך נישט צייט, טאַ זאָל זיין, אַזוי ווי דיר איז באַליבט, טאַטע אין הימל!

— העי, דזשידזשי, וואָס מורמלסטו דאָרט דיין טייוולשע תפילה, דו וועסט אויף אונז נאָך דעם טייוול אַרויסלאָזן — האַנדשוען צו דער מאַזורקע מיט די ווייס־טויב־קעפּיקע פּאַניענקעס פון זלאַטשעוו, די ליכטיקע און ליבנדיקע פרייליין זאָפיע, אָבער ניט קיין אויסגעפּרעסטע, וואָס דיין ממזר'ןק קלויבט אויף צווישן די פּיס פון די שליאַכטשיצעס — ליכטיק־העלע און נייע — צו האַלטן די איידל־געשניצטע טאַליע פון מיין טויב־קעפּעדיקן מלאך.

— וואָס רעדט דער יאַסנע וויעלמאָזשנע? ווער בין איך, וואָס איך וועל איך מיך אונטערשטעלן צו וואַגן אָפּצונאַרן אַזאַ יאַסנע וויעלמאָזשנע שליאַכטשיץ, ווי דו ביסט? איך האָב דאָך נאָך דיין טאַטן געקענט — דעם אַלטן שליאַכטשיץ — אוי, איז דאָס געווען אַ גוטער שליאַכטשיץ — כן יאבדו כל הרשעים...

— וואָס האָסטו געזאָגט פאַר אַ פאַרשאָלטענעם שפּרוך, זשידיק, אויף דיין טייוולשער שפּראַך. איך וועל פון דיר די הויט שינדן לעבעדיקער־הייט, ווען דו וועסט מיין טאַטן שילטן אין קבר.

— איך האָב געבענטשט דיין טאַטן, געבענטשט אים אין אונזער הייליקער שפּראַך צו אונזער גאָט, אַז ער זאָל אין אונזער ליכטיקן גן־עדן זיין.

— דו בענטש נישט און שילט נישט, זשידיק. היט דיין לייב און קריך אונטער דיין ווייבס ספּאָדניצע, ווען איך וועל אויף דיר מיינע הינט אָנרייצן. פלינקער, זשידיק, פלינקער, אייל זיך צו, זשידיק. די פּיס קאָנען עס שוין נישט אויסהאַלטן — עס גלוסט זיך צום טאַנץ.

— נאָך איין מינוט, וויעלמאָזשנע, זאָלן זיי נאָך ליגן אין דער פּרעס. וואָס לענגער האַנדשו ליגן אין דער פּרעס, אַלץ ריינער און שטייפער ווערן זיי. פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש, וויעלמאָזשנע; פּונקט אַזוי ווי מיר, אידעלאַך, וויעלמאָזשנע.

נאָר אין דעם איז צוגעקומען דער פּריץ פון זלאַטשעוו, כראַנזע קאָניץ־פּאָלסקי, אַ הויכער און אַ שטאַרקער, ווי אַ שטאַרקער דעמב, מיט ברייטע פּלייצעס. זיין לאַנגע אַטלעסענע שוואַרצע קאַפּאָטע, וועלכע האָט דערגרייכט ביז צו זיינע טריט, האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט זיין קערפּער, און ער האָט אויסגעזען, ווי אַ געשניטענער פון האָלץ, איין שטיק קערפּער, נאָר אויף די ברייטע פּלייצעס האָט אַרויסגעשיינט, ווי אַ טורעם פון אַ

געביידע, זיין שפּיציק־הויכער קאָפּ, געגאָלט ביז אין דער העלפט — פּאות און גזשיבע געגאָלט, נאָר די שטאַרקע, גרויסע וואָנצעס, ווי ביי אַ שטאַרקן פיש, האָבן זיך געצויגן פון אויער צו אויער.

— זשידקו, וועסט היינט מיט מיינע געסט פאַרוויילן מיט אַ געזאַנג, וואָס איר זינגט. אַז דו וועסט זינגען גוט, וועסטו קאָנען פון מיר עפּעס דערפאַר ארויסקריגן. געהערט?

— געהערט, יאַסנע וויעלמאָזשנע.

דער איד איז אַראָפּגעשפּרונגען הינטערוויילאַכץ פון פריץ, צוגערופן זיין שלמה׳קעלען, וועלכער האָט געהאַלטן אַלץ אין איין קליבן די אוועק־געוואָרפענע האַנדשוען פון צווישן די פיס פון די פריצים. דער טאַטע האָט אים גלייך געמאַכט די פּאות, דאָס אינגל אוועקגעשטעלט לעבן זיך. אַרום דעם איד מיט דעם אינגל האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלייבן פריצים און פריצטעס. אין זאַל איז געוואָרן שטיל, די קלעזמער האָבן אויפגעהערט צו שפּילן — נאָר די ליכט, וואָס האָבן געברענט, קנאַקנדיק פון צייט צו צייט, און דער פאַרשטיקטער פריילאַכער געררייד און געלעכטער פון די ווינקלען און פון די אַרומיקע צימערן האָט זיך געהערט די שטראַלנדיקע העל־בלאָנדע פּאַניעס און פאַרליבטע יאַסנע וויעלמאָזשנעס.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געדויערט דאָס פאַרבארייטן זיך. פּלוצים האָט דער איד זיך איינגאַנצן געענדערט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, און זיין געזיכט איז רויט געוואָרן, אָנגעלאָפן. מען האָט געזען, ווי ער מאַטערט זיך אוועקצוגיין פון דאַנען און ערגעץ אַנדערשוואו צו קומען. און מיטאַמאָל איז עס אים געלונגען. דער איד האָט געגעבן אַ שטעק אַרונטער אַ פינגער אונטער זיין קין און האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו זינגען. צוערשט פּאַמעלאַך, אין דער שטיל, ווי ער וואָלט פאַר זיך צוגעברומט, נאָר באַלד איז עס העכער געוואָרן, זיין שטימע האָט מיטאַמאָל געקראָגן חוצפּה. דער איד האָט פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך. נאָך האָבן די פריצים געלאַכט, נאָר באַלד זיינען זיי פאַרשטומט געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער איד איז דער גאַנצער באַלעבאָס פון די גרויסע זאַלן. ער האָט ניט געזען די פריצים מיט די פּאַניעס, מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון אַטלאַס און פוטער, וואָס איז אַרום אים — קיינער איז דאָ נישט געווען, נאָר ער אַליין — ער מיט זיין באַשערטער:

„אשת חיל מי ימצא.“

פאַרשטומט זיינען געווען די פריצים, און פאַרשעמט זיך פאַר דעם גרויסן גביר, וואָס שטייט אינמיטן זיי און זינגט אַ ליד פון אייביקער ליבע.

— גוט געדינט מיך! גוט געזונגען, מיינע געסט זיינען צופרידן, זשידיק. זאָג, וואָס דו ווילסט, היים דיר געבן אַ סך, נאָר קלער נישט פיל. איך האָב מער מורא פאַר דיין כיטרעקייט, איידער פאַר דיין אַפּעטיט, — לאַכט דער פּאַן.

— יאַסנע וויעלמאַזשנע — וואַרפט זיך דער איד צום פּריצ׳ס פיס — אַ שול און אַ בית־הקברות! אַ שול צום דאַווענען און אַ בית־הקברות אונזערע טויטע צו באַגראָבן. גיט די דערלויבעניש אין זלאָטשאָוו, אַ שול און אַ בית־הקברות.

— אַז דו וועסט פאַר אונזער פּאַן יעזוס קריסטוס דעם קאָפּ בויגן און זאָגן פּאַטשאַרזש פאַר דער הייליקער מאַריע דריי מאָל, וועל איך דיר די דערלויבניש געבן, און אַ שיינעם פּלאַץ אויף אַ צמענטאַרזש געבן.

דער איד איז שטיל געוואָרן, פאַרשטיינערט, און געשוויגן.

— נו, מאַכן מיר דאָס געשעפט, זשידיק. גוט, זאָג נאָר בלויז: מאַריאַ, מאַטקאַ באָסקאַ שווענטאָכאָווסקאַ, ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָנאַ נאַ וויעקי וויעקי, אַמען.

דער איד האָט געשוויגן.

— ווועסטו מוזן דעם בער שפּילן.

דער איד איז בלייך געוואָרן, דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— יאַסנע וויעלמאַזשנע, איך בין נאָר אַן אָרימער איד, האָב רחמנות אויף מיין ווייב, אויף מיינע קליינע קינדער. בעט, שלמה׳לע, מיין בחור׳ניק, בעט דעם שליאַכטשיץ. האָב רחמנות, יאַסנע וויעלמאַזשנע. איך וועל דיר שטענדיק געטריי דינען.

און דער טאַטע מיטן קינד האָבן זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום דעם פּריצ׳ס פיס, און געקושט די שטיוול, די פּאָדלאָגע, און געשלאָגן מיט די שטערנס אָן דער ערד.

— אָדער דעם פּאַטשאַרזש זאָגן, אָדער דעם בער שפּילן.

דאָס אידל האָט אַ מינוט געקלערט. ער איז בלייך געווען און דערשראָקן, און געהאַלטן אין חזר׳ן פּסוקים פון תהלים און דאַווענען, און דערביי דעם פּריץ די קאַפּאָטע געקושט, די שטיוול, נאָר פּלוצים איז אים אין די אויגן ליכטיק געוואָרן. ער האָט נאָך געציטערט מיט די הענט און פיס, נאָר דאָס פּנים איז געווען באַגאָסן מיט רואיקייט און שטילקייט.

— פאַר אַ שול, יאַסנע וויעלמאַזשנע, האָב רחמנות, גאָט וועט העלפן, טו ווי דו ווילסט.

דער פריץ האָט געגעבן אַ וואונק, און צוויי קנעכט האָבן דעם אידל גענומען און איבערגעצויגן אים מיט אַ בערענער פעל. דער פריץ האָט גע־הייסן די קלעזמער שפּילן, און די צוויי קנעכט מיט צוויי לאַנגע בייטשן האָבן אָנגעהויבן דעם בער צו שמייסן. דער בער איז געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערן און געשריען בר—בר—

— גוט געשפּילט, אידל, דעם בער. קריגסט דערפאַר די שול. פאַר דעם בית־עולם וועסטו נאָך מוזן זיך פאַרדינען.

פון פּאַלאַץ אַהיים איז דער איד געלאָפן אָן אַן אָטעם, דאָס לאַנגע ארבע־כנפות האָט זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די פיס, און דאָס אינגל מיט די ציטערנדיקע פאות איז אים נאָכגעלאָפן, אוןביידע האָבן געשריען איבערן וועג, אָנזאָגנדיק דער מאַמען די פרייליכע בשורה: אַ שול! אַ שול!

שלום אַש

אַ איד אַ סוחר

אויף זיין קאָפּ
טראָגט ער גאַנצע בערג מיט וואַלד,
מיט די היילן און מיט די חיות,
מיט די יעגער און פייגל-סטאַיעס
און מיט דעם פערשטער און שומר.
אויף די פינגער —
אויסגעציילטע ביימער.
אַ גאַנצע ליבע וואָך
רוישט פאַר אים אַ סמבטיון
מיט פויערים און בעלי-עגלות,
מיט סוחרים פון קרוין-פוילן;
פרייטיק האַלב-טאָג
ווערט שטיל —
דער סמבטיון נעמט רוען.
דעמאָלט ווערט ער היימיש
מיט דעם הויז, מיט די קינדער,
און פּאָטערלאַך און האַרציק;
אַ זיסקייט —
פאַר דער אויפגעראַמטער מוטער.

אויף אַלע פענסטער בליען די וואַזאָנעס
און דופטן
מיט דער זיסקייט פון שיר-השירים
און פרייטיק-צונאַכטיקע זמירות.

נ. גראָס

דער רבי מיט זיינע חסידים

דער סלאָנימער רבי, ר׳ אברהם, איז געקומען קיין קאַמענעץ דאָנערש־טיק פרי אין אַ בויד מיט דריי פערד. צוזאַמען מיט אים זיינען געזעסן דריי שמשים, איינער אַן עלטסטער און צוויי געהילפן. נאָך זיין בויד זיינען נאָכגעפאָרן פיר באַלעגאָלישע פורן מיט עטלעכע און צוואַנציק בריסקער חסידים. די קאַמענעצער חסידים, ווידער, אַרום דריי מנינים אידן, זיינען אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אין בריסקער גאַס מקבל־פּנים זיין דעם רבי׳ן. און אַז דער פורמאַן פון רבי׳נס בויד האָט דערזען פון ווייטן די חסידים גיין, האָט ער אָנגעהויבן צו פאָרן פּאַמעלאַך. די קאַמענעצער חסידים, ווידער, אַז זיי האָבן פון ווייטן דערזען דעם רבי׳נס בויד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען זייער חסיד׳יש ניגונ׳דל, וואָס דער סלאָנימער רבי האָט באַזונדערס ליב געהאַט. איך בין דעמאָלט אויך מיטגעגאַנגען מיט די חסידים.

— דאָס איז מיין זון !... — האָט מיך דער טאַטע פּאַמעלאַך פאָרגע־שטעלט.

— דיין זון — האָט דער רבי פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף מיר — וועט זיין אַ וואַרעמער איד...

דער טאַטע האָט זיך געפרייט.

מען האָט געטריבן די פערד, און די חסידים האָבן געזונגען הויך אויפן קול. און אַ זייטיקער, אַ קריסט, למשל, וואָלט זיכער געקאָנט מיינען, אַז דאָס פאָרן די סאַמע גליקלאַכסטע מענטשן אין דער וועלט נישט מער, די מלבושים זיינען נישט זייער רייך..

אַז מען איז געקומען אין שטעטל אַריין, האָט מען שוין האַפּערדיק אונ־טערגעברומט אונטער דער נאָז, און די התפעלות איז געוועזן גרויס. פּונקט ווי מען וואָלט איינגענומען אַ פעסטונג.

אַזוי איז מען געקומען צו אונזער שטוב. דער טאַטע האָט צוגעגרייט פאַרן רבי׳ן אַ גרויס צימער און געשיקט צו אבא־יצחקן לייען דעם גרויסן פּאָטעל פאַרן רבי׳ן. חסידים האָבן דעם רבי׳ן אַרויסגענומען פון בויד, אַריינגעפירט אים אין זיין באַשטימטן צימער, וואו מען האָט אים איבער־געלאָזן צוזאַמען מיטן עלטסטן משמש. די איבעריקע צוויי משמשים האָבן זיך צעשטעלט ביי די טירן, ווי אַ שטרענגע וואַך פון סאָלדאַטן. די חסידים האָבן זיך צעשאָטן אין די איבעריקע חדרים. באַלד איז דער עלטסטער משמש אַרויס פון רבי׳נס חדר און אָנגעזאָגט, אַז ער, זאָל לעבן, האָט זיך

צוגעלייגט אויף דער קאנאפע, זאל זיין שטיל... זיינען אלע חסידים, ווי איין מענטש געווארן אזוי שטיל, אז מען האט געקאנט הערן א פליג אויפן וואנט. מען האט מורא געהאט א ווארט אויסצורעדן.

דערנאך האבן זיך די קאמענעצער חסידים גענומען צו דער ארבעט. מען האט צוגעגרייט א שבת פאר א פאר הונדערט מאן. אלע האבן גע־ארבעט, און די פרעמדע חסידים, די אורחים, האבן זיך צעלייגט אויף די בענק. די גרויסע סטאדאלע אונזערע האט מען יום־טוב'דיק צוגערוימט, אויסגעשאטן מיט זאמד און ארום די ווענט האט מען הויך אויסגעלייגט מיט היי פאר די חסידים אויף צו שלאפן. די פורן מיט די פערד מיט דעם רבי'נס בויד האט מען אוועקגעשיקט צו זעליק אנדארקעס אין סטאדאלע.

מיט א וואך פריער האט דער טאטע מיט די חסידים געמאכט א חשבון, וואס מען דארף צוגרייטן אויף שבת פאר אזוי פיל אורחים. דער חשבון האט לאנג געדויערט. מען האט באדארפט צוגרייטן פיש און פלייש, ווייז און בראנפן, פוטער, אייער, שמאלץ, צימערינג, פייגן, מאנדלען, חלות, בולקעס, ברויט און נאך און נאך. דאס איז אן ארבעט גארנישט קיין קליינע.

ר' ישראל, ווידער, איז געשטאנען און נאכאנאנד געלערנט מיט זיינע תלמידים־זינגערס די ניגונים, וואס ער האט צוגעגרייט. צווישן די זינגערס בין איך אויך געווען. ר' ישראל איז געווען פארשוויצט, האט געפאכעט מיט די הענט, געטופעט מיט די פיס, קאמאנדעוועט, געדרייט מיטן פינגער און געמאטערט אונזערע זכרונ'דלאך, מיר זאלן פארנעמען די נייע ניגונים. קאלטס און ווארעמס האט ער, נעבאך, פון אונז געהאט. דער עולם האט זיך נישט זייער אויסגעצייכנט מיט א גוטן געהער, און ר' ישראל האט זיך ממש געבאדן אין שוויים.

ר' ישראל האט דא געהאט איין אויפגאבע: אויסלערנען אונז זינגען. זינגען אליין און מיט אונז צוזאמען פארן רבי'ן האט ער נישט געוואלט. דאס איז געווען א פרעמדער רבי... ווי א גוטער חסיד, האט ער זיך נאר מתחייב געווען צו שאפן ניגונים פאר דעם פרעמדן רבי'ן!... זינגען נאך אליין — דאס איז שוין געווען איבער זיינע כוחות, און ביי דער גאנצער שמחה האט ער זיך געפילט, ווי אן ארימער און שטאלצער איד, וואס וויל אוועקגיין און מוז פארבלייבן...

דער טאטע האט קאמאנדעוועט מיט די עסן־גרייטער, ער האט די ארבעט צעטיילט אויפן אמעריקאנישן שטייגער: די גרופע האט געמאכט פיש, יענע גרופע איז געווען פארטאן מיט געבראטנס, אנדערע האבן צוגעריכט דעם שנאפס, מאנכע האבן זיך גלאט געבאמבעלט ווי אויף א גביר'ישער

חתונה — און עס איז געווען ליהודים!

צו דער סעודה האָט מען געקוילעט אַ בהמה, קעלבער, גענז און הינער.

פּריוויטיק האָבן די חסידים געבעטן די מלמדים, זיי זאָלן באַפרייען די חסיד'ישע אינגלאַך פון חדר צוליב דעם רבי'ן. איך אָבער, ווי אַ פאַלקאָוו־ניקס אַ זון, בין באַפרייט געוואָרן נאָך דאָנערשטיק. און אַז די אינגלאַך זיינען געקומען פון די חדרים, האָט מען זיי אויך מכבד געווען מיט אַרבעט. עס איז געווען גענוג וואָס צו טאָן.

דאָנערשטיק האָט דער טאַטע געשיקט רופן דעם בעדער און אים אָנ־געזאָגט, אַז די באָד זאָל ער אויף מאָרגן צוגרייטן מיט אַ פּאָר שעה פריער; אַז עס וועט זיין צוגעגרייט, זאָל ער גלייך שיקן אָנזאָגן, דער רבי דאַרף גיין אין באָד אריין. די מקוה זאָל אויך זיין צוגעגרייט. זאָל דער בעדער האַלטן גרייט אַ קעסל הייס וואַסער, וועלן קומען מאָרגן אין דער פרי די חסידים און אריבערגיסן די הייסע וואַסער אין מקוה אריין פאַרן רבי'נס וועגן. פאַר דעם אַלעם וועט דער בעדער קריגן אַ פיינע מטבע.

אויף מאָרגן זיינען אוועקגעגאַנגען פיר חסידים אין באָד איבערגיסן דאָס הייסע וואַסער אין מקוה אריין. אַרום עלף אַזייגער איז שוין געווען גרייט די באָד. מען האָט געבראַכט די בויד און עס האָט זיך אריינגעזעצט דער רבי מיטן משמש, דער טאַטע מיט ר' אהרעלען, מיט נאָך עטלאַכע פון די בכבוד'דיקע חסידים — אַ מנין חסידים, און מען איז אוועקגעפאָרן אין באָד אריין. דער טאַטע האָט מיך אויך גענומען: לויט זיין מיינונג, דאַרף איך זיך געפינען וואָס נעענטער צו חסידים און נאָך מער צום רבי'ן.

אַ מנין חסידים זיינען אריין מיטן רבי'ן אין באָד. דער עולם האָט זיך מיט גרויס יראה אויסגעטאָן און זיך אויסגעזעצט אין שוויץ־באָד אַרום רבי'ן מיט די שעפעלאַך וואַסער. מען האָט זיך, ווי איך געדענק, גאָרנישט געוואַשן. מען האָט נאָר געקוקט אויפן רבי'ן, אויף זיין נאַקעט לייב, גע־קוקט מיט פּחד און נייגעריקייט צוזאַמען, פּונקט ווי קינדער קוקן אויף אַ גרויסער וואונדערלאַכער צאַצקע.

אַז דער רבי האָט זיך אַרומגעוואַשן, איז ער געגאַנגען אין מקוה מיט מיין טאַטן און ר' אהרעלען. איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי. דער רבי האָט זיך געשטעלט ביזן האַלז אין וואַסער, און די באָרד זיינע האָט זיך אָנגעפילט מיט ליכטיקע בלישטשענדיקע טראָפּן. עס איז געווען משונה: דער רבי, אַ איד מיט אַ גרויסער באָרד, שטייט אין אַ מקוה וואַסער.

פון מקוה איז דער רבי אַרויס מיט זיין געוויינטלאַכן קרעכץ און איז אוועק אָנטאָן זיך. די חסידים נאָך אים. דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען זייער

לאַנגזאַם. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די חסידים האָבן פֿון דער באָד גופֿא קיין הנאה נישט געהאַט. אַלע מאָל, געוויינטלאַך, האָט מען זיך געוואַשן און געפּאַרעט. דאָס מאָל אָבער איז מען נאָר געווען אָנגעפֿילט מיטן הייליקן פּחד פֿאַרן רבי׳ן.

צו קבלת־שבת האָט דער רבי געדאַוונט פֿאַרן עמוד. איידער ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד, איז געוואָרן אַ שטיל־שווייגעניש, און די חסידים האָבן מיט גרויס יראה געוואַרט. באַלד האָט דער רבי אַרויסגעזאָגט לכו נרננה מיט אַזאַ הויך קול, אַז אויף אַלע חסידים איז געפֿאַלן אַ גרויסע אימה. נאָר תיכף האָבן פֿון אַלע ווינקעלאַך די דאַוונער ווי איין מענטש אָפּגעענטפֿערט מיט געזאַנג דעם רבי׳ן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט דאַווענען אויך.

אַז מען האָט געענדיקט דאַווענען, איז מען איבערגעגאַנגען אין דער גרויסער עס־שטוב. דער רבי האָט אָנגעהויבן זאָגן שלום־עליכם, אַלע חסידים האָבן צוגעברומט, און איבערן שטוב, וואָס איז היינט געווען שטאַרק באַלויכטן, האָט זיך צעגאָסן אַ זיסער געזאַנג, נישט קיין שרייענדיקער, נאָר אַ האַרציקער, און עס האָט זיך געפֿילט, אַז די שבת׳דיקע מנוחה האָט אַלעמען פֿאַרכאַפּט און די נשמה טרייסלט אַראָפּ פֿון זיך דעם אָנדערוואָכנדיקן יאָך.

דערנאָך האָט דער רבי געמאַכט קידוש. אויגן און אויערן זיינען אויסגעשטעלט. יעדער חסיד פֿאַרזוכט פֿון רבי׳נס כּוס. נישט אַלע חסידים אָבער האָבן געקאָנט פֿאַרזוכן פֿונם ווייַן, און די דאָזיקע שלימזל׳ס האָבן געהאַט נעבאַך גרויס צער דערפֿון.

דעם טאַטן האָט ער שוין גערופֿן באַלעבאָס און נישט משה, ווי אַלע מאָל, און דעם טאַטנס אויגן האָבן געלויכטן.

דער עולם איז מער געשטאַנען אויף די בענק, ווי געזעסן. עס זיינען געווען מער ווי דריי הונדערט חסידים. אַזוי פֿיל ערטער איז נישט געווען. ווידער האָבן חסידים ליבער צו שטיין אויף דער באַנק: מען קאָן בעסער זען דעם רבי׳ן.

די אָרדענונג ביים עסן איז געווען אַזאַ:

די חסידים, וואָס זיינען געזעסן, האָט מען דערלאַנגט איין טעלער פֿאַר צוויייען, און די, וואָס זיינען געשטאַנען, האָט מען געגעבן איין טעלער פֿאַר דרייען.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער רבי אַליין האָט באַקומען מאָוים׳דיקע פּאָרציעס פֿון יעדן מאכל, כּדי ער זאָל קאָנען איבערלאָזן דערפֿון שיריים פֿאַר די חסידים. איך האָב איינגעזען, אַז דער רבי האָט ליב ביי יעדער

געלעגנהייט צו קרעכצן מיט פארגלאָצטע אויגן. האָט ער געגעסן פיש, האָט ער געקרעכצט, האָט ער געגעסן פלייש — ווידער געקרעכצט מיט פאַר־גלאָצטע אויגן, פונקט ווי ער וואָלט נישט קאָנען אראָפּשלינגען דעם ביסן.

און איינמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אזא „אוי, רבונו של עולם!", אז מיר האָט זיך געדאַכט, דער סופיט האָט געפּלאַצט. איך האָב אָבער אויך איינגעזען, אז די דאָזיקע קרעכצענישן און אויקענישן האָבן צוגעגעבן מער אַפּעטיט די חסידים.

אַז ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער אַ רוק געטאָן דעם טעלער פון זיך, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס זיינען שיריים. איז געוואָרן אַ שרעקלאַכע כאַפּעריי. די, וואָס זיינען געשטאַנען ווייט, האָבן געבעטן ביי די גליקלאַכע, מען זאָל זיי כאָטש געבן אַ ברעקל צו פאַרזוכן. נאָר דער עולם איז געווען מורא'דיק צעהיצט און פאַרשמייעט און עגאָיסטיש. די בעטער האָבן ווייניק גע'פּועל'ט. צווישן די געריכטן האָט מען געזונגען. מיט ניגונים האָט מען אייגנטלאַך קאָנקורירט. יעדערער האָט אויסגעזונגען אַ ניגון, און אויב דער דאָזיקער ניגון איז געפעלן געוואָרן, איז ער אָנגענומען געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט, ביז ער איז דערעסן געוואָרן. געדויערט האָט דאָס עסן אַ שעה פינף.

נאָכן עסן איז מען געגאַנגען שלאָפן אין סטאַדאָלע. דער רבי איז מיט גרוים פּאַראַד אָפּגעפירט געוואָרן צו זיך אין חדר.

אויף מאָרגן האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען צען אַזייגער אין דער פרי, און צוועלף איז שוין געווען אָפּגעדאַוונט. מען איז געגאַנגען עסן, און דער רבי האָט ווייטער אָפּגעקרעכצט מיט גרויסע פאַרגלאָצטע אויגן. עס האָט זיך איבער־ע'חזר'ט דאָס זעלבע, וואָס נעכטן, נאָך מיט מער פרייש־קייט. עס זיינען געווען פינף סאָרטן קוגלען: אַ לאָקשענער, אַ טרוקענער, אַן איינגעמאַכטס קוגל, אַ רייז־קול און נאָך עפּעס אַ קוגל.

דערנאָך האָט מען דעם רבי'ן דערלאַנגט אַ גרוים שטיק ענדיק, ביי וועלכן דער רבי האָט שטאַרק געקרעכצט. ווייַן און בראָנפן איז געווען לרוב.

אַזייגער פיר נאָכן עסן האָט מען געכאַפּט אַ טענצל, וואָס האָט זיך אוועקגעצויגן ביז מנחה און באַלד ווידער געזונגען. נאָר דער בעסטער זינגער, ר' ישראל, האָט נישט געזונגען. ער איז געווען אַ קאָצקער חסיד, און דער רבי האָט געשיקט אַ חסיד בעטן אים צום טיש. ר' ישראל איז געקומען, אָבער דעם גאַנצן שבת איז ער געזעסן אַ שטומער. דאָס איז געווען נישט זיין יום־טוב, נישט זיין רבי, און עס איז געווען אַ רחמנות אויף אים. צו שלש־סעודות האָט זיך דער רבי געווענדט צו אים:

— ישראל, זינג עפּעס.

ר' ישראל האָט אָראָפּגענומען די הענט פון האַרצן, האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן... נאָר קיינמאָל האָט ער אַזוי נישט געזונגען... אַ פּנים, אַז אין אים האָט דעמאָלט געזונגען די בענקשאַפט נאָך זיין רבי'ן...

און די חסידים זיינען געבליבן פאַרגאַפט.

נאָך שבת איז געוואָרן שיטערער. אַ סך זיינען זיך צעפאָרן, און דינסטיק האָט דער רבי געגעסן דעם לעצטן מיטיק אין קאַמענעץ. עס זיינען שוין געווען נישט פיל מענטשן ביים טיש, און די קאַמענעצער חסידים זיינען געווען זייער צופרידן, וואָס זיי האָבן איצט פרייע ערטער אַרום רבי'ן.

איצט וועלן זיי קאָנען זען די שכינה, וואָס רוט אויפן רבי'נס שיינעם פּנים און וועלן הערן דעם רבי'נס תורות, וואָס מלאכים און שרפים ציטערן דערפאַר.

און דער רבי איז עפּעס געווען זייער פריילאַך און גערעדט ביים עסן מיט אַלע חסידים.

אַוועק אַלע פרעמדע חסידים, זיינען די קאַמענעצער אויפן זיבעטן הימל.

דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, דער לעצטער מיטיק אין קאַמענעץ. נאָך מיטיק איז דער רבי אַוועקגעפאָרן צו איינעם אַ ישוב'ניק און ביי אונז אין שטוב און אין שטעטל איז געוואָרן שטיל, פּונקט ווי אַ רוישיקער ים וואָלט אָפּגעפאַלן און די כוואַליעס וואָלטן מיטאַמאָל אַנטרונען געוואָרן.

יחזקאל קאָטיק

אַ אידישע קראָם אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן

יאַריד

באַגינען האָט שוין דער יאַריד געטאָן זיך שטעלן:
ס'קומען פויערים און ס'קומען בעלי־עגלות
פאַרגאַרטלטע מיט שטריק און אונטערגעבונדענע פּאָלעס —
סע שמעקט מיט דאָיעט און מיט פרישע פעלן.
סע קומען שיקסעס און פאַרפּוצטע מוידן
מיט שלייפן און מיט בענדער, אין רויטן און אין געלן;
באַהאַנגען און באַהאַלזט מיט פּאַטשערקעס און קרעלן —
ציגיינער און ציגיינערקעס אין פאַרמאַכטע בוידן.
אויף טישן און געשטעלן אין דער לענג פון מאַרק
ליגן פּעלצן, פּירות, געמעלן און געוואַנטן;
און עסנוואַרג און לייוונט אין שטיוול — באַרג אויף באַרג,
וואָס סוחרים האָבן אָנגעבראַכט פון ווייטע קאַנטן.

נ. גראָס



דער משפט

מיטן באַגינען האָבן די בערג־פּויערים זיך געלאָזט אין שטעטל אַריין. ווי זיינען אָנגעקומען מיט שווינדל־ווענעלאַך, וואָס האָבן זיך געשניטן פון די בלויע טאַטרען, זיך געוויסט אַנטקעגן דער זון, ווי אָפּגעקאַלעכטע.

די בערג־פּויערים אין לאַנגע שטיוול, בלויע קאַפּטנס, האָבן געשפּאַנט מיט די ווייבער, מיט די קינדער, הילכיק געקלאַפּט מיט די קנאַביקע שטעקנס.

— היינט א יאָר, קינדער, — האָט אַן אַלטער, באַוואַקסענער פּויער אָנגערופן — וואָלט דער עסטרייכער נישט דערלויבט אַזאַ פּראָצעסיע.

—מען האָט דאָך פּאַראַיאָרן „יודאשן" אויך געוואָרפן אין טייך אַריין!

— באַהאַלטענערהייט!

די שטעגלאַך האָבן זיך געקייקלט, געקניפּט, געלאָפן באַרג־אַראָפּ און פון טאָל, וואו ס'שטעטל איז געלעגן, איז זיי אַנטקעגן געקומען דער אַלטער קלויסטער מיט די צוויי טורעמס.

די זון האָט זיך געהויבן העכער. געפּראַלט פון די בערג. געבלימטע קליידער, קאָלירטע האַר־סטענגעס, פאַרביקע פאַטשערקעס — אַלץ האָט שע־מערירט אין דעם יונגן, זוניקן פרימאָרגן.

אין שטעטל האָט זיך שוין געטומלט. גאַנצע דערפער מיט פּויערים, מיט פּויערטעס זיינען געשטאַנען אויפן מאַרק, אויף די שייד־וועגן. די קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך שטיל צעוויגט. יונג און אַלט זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, אַנידערגעקניט און זיך גענומען צלמ'ען. ערגעץ האָבן פרויען זיך טרויעריק צעזונגען. אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט. און וואָס שטאַרקער די קלויסטער־קלאַנגען זיינען געוואָרן, אויפגעציטערט די לופט, זיך גע־קייקלט צווישן די בלויע בערג, ווי ווייטע דונערן, אַלץ טרויעריקער האָט זיך דאָס פּויעריש געזאַנג געהויבן איבער די צעשויבערטע קעפּ.

מאַמעס, זיידעס האָבן געהאַלטן קינדער, אייניקלאַך אויף די הענט, און מיט אומגעדולד געוואַרט די פּראָצעסיע זאָל זיך אָנהייבן.

א פאַרזעעניש א זקן, ווי א פאַרשימלטער גריז, איז געשטאַנען צווישן פּויערים און דערציילט וועגן א „יודאש", וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אין מיטן דער פּראָצעסיע און איז פאַרשוואונדן אויף א בעזעם. דאָס האָט אים געהאָלפן די אַלטע מינאָצקאַ, די מכשפה, וואָס האָט געוואוינט אויף די זומפּן. פון פאַרדרוס האָט ס'פאָלק געכאַפּט די מכשפה, צעליינט אין מיטן מאַרק א פייער און געקוקט, ווי די פאַרשאָלטענע פּרעגלט זיך.

די ארומיקע פויערים האָבן זיך באַלעקט, באַדויערט, וואָס זיי זיינען נישט געווען אין די אַלטע גוטע צייטן און זיך מיטאמאָל געכאַפּט, אַז די פּראָצעסיע האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

אין פאָרויס האָבן צוויי פויערים געטראָגן אַן אָנגעשטאָפּטן „מענטש" מיט אַ געל, קאַלטענעוואַטע בערדל, אָנגעטאָן אין אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל. אַ וואָך פון שקצים מיט דרענגער אין די הענט האָבן, ווי אַ וואַנט, אָפּגעטיילט דעם גולם פונם המון.

דער המון האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט, געוואָרן אומגעדולדיק, און פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט קולות:

— זיידע, הויב מיך העכער!

— כ'זע גאָרנישט!

— וואו איז דער „יודאַש"?

— הע, מענטשן, דרייט אוים דעם נישט־גוטן מיטן פּנים צו די קינדער!

— אַז ער האָט צוויי פּנים'ער! — האָט זיך אימיצער אומאַנגענעם צעלאַכט.

— פאַרקוקט אייך נישט, באַבעס!

— סטעפּקאַ האָט זיך פאַרקוקט, האָט זי געבוירן אַ טייוועלע מיט הערנער!

אַן אַלטע פויערטע האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמ'ען:

— כ'באַשווער דיך „יודאַש", מיט פאַן־יעזוסעס פינף וואונדן, מיט די דריי נעגל, וואָס האָבן דורכגעלעכערט זיינע הענט און פיס, נעם נישט צו מיט דיין טויט די מילך פון די קי, דאָס גערעטעניש פון די פעלדער, נעם צו מיט דיין טויט אַלע פּלאָג און קללות, דער מענטש זאָל זיך מער נישט דאַרפן מאַטערן.

די לופט איז פול געוואָרן מיט אומגעהייערע קולות. די געשרייען האָבן זיך געטראָגן פון אַלע עקן שטאָט, טעמפּ געפאַלן איבער די צעפּאַרעטע לייבער, און אין די אויערן איז געשטאַנען אַ שיסעריי פון פּראָפּנס.

בלויז די עטלאַכע הונדערט אידן, וואָס האָבן פון קדמונים געוואוינט אין שטעטל זיינען געזעסן הינטער פאַרקייטלטע טירן, הינטער פאַרהאַקטע לאָדנס. דורך שפּעלטלאַך האָבן זיי געקוקט אין מאַרק אַריין. און יעדעס מאָל, ווען דער אויפגעטרייסלטער חלל האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין די לאָדנס, האָבן די אידן זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן

איבער כוואַליעס און מיט שרעקנדיקע הערצער געזאָגט מיטן קליינוואַרג תהילים.

די אידן האָבן געוואוסט, אַז אין דעם „הייליקן מיטוואָך", איז אַ געפאַר זיך צו ווייזן אויף דער גאַס, זיך געשראָקן, די בערג־פּויערים זאָלן זיך היינט נישט אָפּרעכענען פאַר די אַלע יאָרן, וואָס דער עסטרייכער האָט געשטערט דעם יום־טוב.

די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שטאָטישן געריכט־הויז. דער המון האָט געווילדעוועט:

— קלייבט אוים אַ ריכטער!

— אַ פּראָקוראָר!

— מיר ווילן דעם פּאַן אַפּטייקער!

— אַזאַ איינעם, וועמען מען זאָל נישט דאַרפן האַקן ס'ציינגל!

— אָט איז ער!

— שאַ! שאַ־אַ!

— ער רעדט שוין!

פונם גאַנעק, וואָס פאַרן געריכט־הויז, האָט זיך אַ זעקס־פוסיקער מאַן אַ בויג געטאָן צום המון, זיין שטים, וואָס איז צעשוואומען געוואָרן אינם טומל, איז געוואָרן שטאַרקער, הילכיקער, זיך געטראָגן איבערן מאַרק ווי אַ גלאָק:

— ברידער! ווען פּאַן יעזוס איז ביים „לעצטן מאָלצייט" געזעסן מיט די אַפּאָסטאָלן ביי אַ וואַסער־טרעגער אין אַ דאַך־שטיבל, איז צווישן זיי אויך „יודאַש" געווען. פּאַן יעזוס האָט די אַפּאָסטאָלן געגעבן צו טרינקען פון זיין כוס און געזאָגט, אַז דאָס טרינקען זיי פון זיין בלוט, וואָס דאַרף פאַרגאָסן ווערן פאַרן מענטשנס זינד, ווי עס שטייט געשריבן ביים הייליקן מאַרקוס. און „יודאַש" — האָט דער רעדנער געצייגט אויפן גולם מיטן געלן בערדל — דער שרעקלאַכער לוציפער, דער העסלאַכער איינאויגיקער שד, האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרקויפט פּאַן־יעזוסן פאַר דרייסיק טאַלער! ברידער! קוקט אָן אַ פּרצוף: דאָס בלוטיקע בערדל, דאָס פינצטערע, בייזע אויג, און אַז מ'קוקט דעם שווינדלער אין די אויגן, זעט מען אָנ־שטאָט איין פּנים, צוויי, אַז מ'ווייסט נישט וועמען צו משפּט'ן. איצט, געער־טער ריכטער, ווען דו האָסט אויסגעהערט און זיך איבערצייגט, אַז „יודאַש", דאָס פאַרזעניש, איז אַ שווינדלער און אַ מערדער, נישט קיין פּשוט'ער מערדער, קומט אים די שווערסטע שטראָף און אפילו טויט־שטראָף איז פאַר אים צו־ווייניק.

די לופט האָט אויפגעציטערט פון די פויערישע געשרייען און דער המון האָט זיך א וויג געטאָן:

— טויט „יודאשן"!

קיינער האָט זיך מער נישט צוגעהערט צום ריכטערס פסק־דין, וואָס איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענער, מיט א צעעפנט מויל און זיינע רייד זיינען געפאַלן ווי אין א תהום אריין.

— וואָס שטייען מיר דאָ?

— וואָס באַלאַמוטשען מיר?

— שלעפט „יודאשן" צום קלויסטער־טורעם!

— וואו זיינען די שטאָטישע „זשידקעס"?

— זיי באהאַלטן זיך!

— מען דאַרף גאָר איינעם אויפהענגען פאַר די פאות!

דער המון האָט זיך א ריס געטאָן, געשניטן צום נאָטאַריוס, געקלאַפּט מיט די שטעקנס אין די פאַרמאַכטע אידישע געוועלבער, אין די לאָדנס און צווישן די אויגן האָט געטאַנצט דער נישט־גוטער, געזוכט א לעבעדיקן איד.

דער נאָטאַריוס האָט זיך באַוויזן אין אָפענעם פענצטער.

— פאַניע נאָטאַריוס, דער פאַר'משפט'ער „יודאש" וויל מאַכן א צוואה פאַרן טויט!

— ביטע, ביטע, פּאַנאָוויע!

מען האָט אוועקגעשטעלט דעם גולם מיטן פנים צום נאָטאַריוס. א יונג האָט זיך אונטערגע'גנב'עט, צוגעשטעלט דעם אויער צום שטריימל און אָפגעשפּרונגען מיט א געלעכטער.

— וואָס האָט ער דיר איינגערוימט, יאַנעק?

— מען זאָל רחמנות האָבן אויף אים און אַרויסנעמען די דרייסיק צוגעקלעפּטע טאָלער פון זיין האַנט!

— ער האַלט זיי דען נאָך?

— אָט האַלט ער זיי — האָט דער יונג א שלעפּ געטאָן דעם צווייטן — קוק!

דער פויער האָט זיך פון שרעק א ריס געטאָן אויף צוריק, נישט געוואוסט, פאַרוואָס דער אַרומיקער עולם לאַכט, און א פאַרגאַפּטער זיך אָפּגעשטעלט אויפן נאָטאַריוס, וואָס האָט געלייענט די צוואה:

„...איך, יודאש, בין אַן אַלט, שוואַך מענטשל, אַן אָרעם באַשעפעניש... איר מעגט מיך הרג'ענען, דערטרינקען, מער ווי דרייסיק טאָלער וועט

איר סיי־ווי־סיי נישט ירש׳ענען... געדענקט אָבער, אַז די ליפּן מיינע דאַרפֿן ביי אייך טייער זיין: זיי האָבן יעזוסן געקושט.״

— געוואַלד!

— לאָזט אים נישט לעסטערן!

— פאַרשטופּט אים ס׳מויל!

— מיר ווילן מער נישט הערן!

— דערטרינקט אים אין אַ צוואה!

אַ פויער, אין אַ ווייס העמדל איבערן ראָק, האָט אַ הויב געטאָן אַ באַגילדטן קרוסיפיקס, וואו יעזוס, אַ צוגענעגלטער, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

הינטער יעזוסן האָט זיך געשלעפּט „יודאַש״ מיטן געלן, קאַלטענע־וואַטן בערדל, איין אויג פאַרבונדן און אריינגע׳טענה׳ט אין לייבלאַכן „ברודער״:

— וואָס שווייגסטו, ישו?

— וואָס זאָל איך זאָגן?

—דו פרעגסט עס, ישו? דו, וואָס ביסט געפאַלן אַ קרבן פאַרן מענטשנס זינד? וואָס האָסטו מיט דעם מענטש געטאָן? קוק אויף דעם ווילדן המון, וואָס זוכט אַ לעבעדיקן אידן פאַר אַ קרבן! און אַז ער קאָן אים נישט כאַפּן, האָט ער מיך, דיין ברודער, אָנגעשטאָפּט, ווי קינדער שטאָפּן אָן אַ ליאַלקע, און שטילט אין זיך די חיה! ווייגסט, ישו?

דער המון האָט „יודאשן״ זיך נישט געלאָזן אויס׳טענה׳ן, אים אוועקגעריסן פון „ברודער״ אינמיטן שמועס.

אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צום קלויסטער־טורעם. אין אַ פיר־עקיק פענצטער, אָן שויבן, איז געשטאַנען „יודאַש״ מיטן פאַרבונדענעם אויג, מיטן שיטערן בערדל, די אַטלאַסענע קאַפּאָטע האָט זיך גע־קנייטשט, געפינקלט אויף דער זון. ער איז געשטאַנען אַ ווייל און אונטער אויפּטרייסלדיקע קולות גענומען פליען — אַ פאַל געטאָן, ווי אַ זאַק מיט זאַמד, אויף די שטיינער.

דער המון מיט שטעקנס, מיט דרענגער האָט זיך געוואָרפן אויף „יו־דאשן״ און אים לאַנג געשלאָגן. און אַז סאיז קיין זכר פון קיין פנים נישט געבליבן, האָט דער המון זיך בארואיקט, איבערגעגעבן ס׳פאַרזעעניש דעם יונגוואַרג און מיט פרייד געקוקט, ווי מען שלעפּט אים אין טייך אַריין.

י. אַפּאַטאָשו

עס האָט זיך אָנגעהויבן

צו דער צייט האָט מען דערהרג'עט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. די ידיעה האָט געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק אויף אידן. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געווען זייער פּאָפּולער און זייער באַליבט צווישן אידן. אידן האָבן אים גערופן „מלך של חסד" און פאַר דער צייט פון זיין הערשן זיינען זיי געווען העכסט פּאַטריאָטיש געשטימט, ווי איך האָב שוין פריער געשריבן. מיט גרויסן טרויער האָבן אים אידן געמאַכט „אל מלא רחמים" אין די שולן, און נישט ווייניק האָבן דערביי געוויינט.

נאָך זיין טויט האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן אין דער לופטן שוואַרצע סודות, פינסטערע בשורות.

דער ליבעראַלער לאָריס־מעליקאָוו האָט אָפּגעטראָטן זיין שטעלע דעם „באַרימטן" איגנאַטיעוון.

און דאָס אידישע האַרץ האָט דערפילט אַ געפאַר.

אידישע פרייד, ווי געזאָגט, האָט קיין יסוד נישט, און באַלד ווי איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געלייענט די שוואַרצע בשורה אין „קיעוולאַנין", אַז אין י ע ל י ס אַ ו ו ע ט ג ר אַ ד האָט מען געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידן.

דער „מענטשנפריינטלאַכער" „קיעוולאַנין" האָט אומישנע פאַנאַנדער־געשמירט באַריכות דעם גאַנצן פּאָגראָם, ווי אַזוי מען האָט געראַבעוועט און געשלאָגן, ווי אַזוי מען האָט פאַנאַנדערגעשניטן פּערינעס און קישנס און די פעדערן אין גאַס אַרויסגעוואָרפן, און די איידעלע און מענטשנפריינט־לאַכע כוונה פון דעם שוואַרצן בלעטל האָט אַ קינד אויך געקאָנט אויפ־כאַפּן.

דאָס איז געווען די כוונה:

— שלאָגט אידן!

— ראַבעוועט, רייסט אידן!

דידאָזיקע פּאָגראָם־בשורה האָט איינגעוויקלט אין אַ געדיכטער אימה אַלע קיעווער אידן. מיטאַמאָל זיינען צעשטערט געוואָרן די האָפענונגען, צעריסן געוואָרן די חלומות, און דער אידישער עלנט איז אַרויסגעטראָטן, ווי אַ נאַקעטער סקעלעט אין דער גאַנצער מורא'דיקער גרויס. געפילט האָט מען, אַז מיט יעליסאַוועטגראַד וועט זיך דאָס אומגליק נישט ענדיקן, אַז עס וואַרטן נאָך שטעט און צווישן זיי די ע ר ש ט ע — קיעוו...

פון שרעק האָט זיך ביי אידן געביטן די פאַרב אין פּנים. אַ מאָדנע געבויגנקייט האָט אויסגעדריקט זייער רוקן.

— וואָס טוט מען?

אַנדערע אידן, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט גרויס אָפּטי־מיזם, האָבן נישט געוואָלט וואַרטן, ביז מען וועט זיי קומען ראַבעווען און שלאָגן. האָבן זיי איבערגעלאָזט האַק און פּאַק און אַוועק קיין אַמעריקע. און אַז איך האָב זיך מיט אַזוינע געזעגנט, זיינען מיר הייסע טרערן געפאַלן פון די אויגן און דאָס האַרץ האָט שטאַרק פאַרדריקט...

נאָר באַלד איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז אין קיעוו וועט זיין אַ פּאָג־ראָם, אין קיעוו איז טאַקע די ערשטע... דערויף האָט אונז עדות געזאָגט נישט נאָר דער גוי און זיין בליק, נאָר די טויטע לופט, די ווענט פון די מויערן, דער ברוק פון גאַס...

און מיר האָבן געוואַרט... קיין אַנדער ברירה נישט געווען ווי וואַרטן. וואוהין לויפט מען, גאָט מיינער!

דערנאָך האָבן שוין מיילער קלאָרע דבורים גערעדט.

די באַסיאַקעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביים ברעג דניעפּר און וואָס זיי ציילן זיך אין די טויזנטער אין קיעוו, האָבן שוין פריי געזאָגט, אַז זיי ווילן זיך נעמען צו דער „אַרבעט״. זיי האָבן זיך אָפן באַרימט מיט דער דאָזיקער אַרבעט, פילנדיק, אַפּנים, אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס:

— דאָס שטיקל אַרבעט ווילן מיר מאַכן ב ע ס ע ר ווי אין יע־ליסאַוועטגראַד.

אַנדערע זיינען ווייטער געגאַנגען:

— מיר ווילן נישט ראַבירן, נאָר ה ר ג ' ע נ ע ן , ש ע כ ט ן...

אַלטע לייט האָבן זיך געלייגט אין די בעטן, און די אַלטע ביינער האָבן געציטערט אין זיי און געקנאַקט, ווי טרוקענע שפּענדלאַך אין אַ גרויס פייער.

קינדער האָבן אויפגעהערט צו שפּילן זיך, אין די אייגעלאַך איז פאַר־גליווערט געוואָרן אַן אומפאַרשטענדלאַכע פראַגע צוזאַמען מיט אַן אימה. ביי די גוטע טייערע קינדער איז דאָס געווען אַ פראַגע, די עלטערן אָבער האָבן געשוויגן...

און דערנאָך איז אפילו קלאָר געוואָרן דער טאָג, אויב נישט די שעה:

— ז ו נ ט א ָ ג ו ו ע ט ז י ך א ָ נ ה ו י ב ן...

איך האָב דעמאָלט געוואוינט ביי איינעם אַ לאַשקעראַוו, אַ יונגער קריסט פון אַ יאָר דרייסיק. אויסער דעם הויז האָט ער געהאַט אַ טאַבאַק־געשעפט און אַ האָלץ־געשעפט. ביידע, ער און זיין יונגע וואונדערלאַך־

שיינע פרוי, זיינען געווען גוטע, ליבעראַלע מענטשן און געוואוינט האָבן אידן אין זייער הויז ביי אַ פיר פאַמיליעס.

דידאָזיקע קריסטלאַכע באַלעבאַטים האָבן זייער גוט געלעבט מיט די אידישע שכנים. אָפטמאָל פלעגן זיי אויפריכטיק באַוואונדערן די אידישע ניכטערקייט, די אידישע שטילקייט און דאָס סאָלידע ציכטיקע לעבן צווישן מאַן און פרוי.

אַז די באַלעבאָסטע איז אריינגעקומען צו אונז דעם שבת, וואָס פאַרן פאַגראָם, איז זי צוערשט אַ רגע אָן ווערטער געבליבן, זיך ארומגעקוקט, ווי אַ פאַרלאָרענע, און דערנאָך זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

וואָס האָט זי געוויינט? פאַרוואָס זאָל זי נישט וויינען? זי איז געווען יונג און שיין און ערלאַך און האָט אַ גוטע נשמה.

דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויסער די טרערן, האָט זי אויך געהאַט פאַר אונז טרייסט און „באַשיצונג". צו באַשיצן אונז האָט זי אָרגאַניזירט אַ הייפעלע חיל פון אירע פריקאַזטשיקעס און ברידער. זיי דאַרפן באַוואַכן די אידן און נישט דערלאָזן.

אָט די ליבהאַרציקע מענטשלאַכע פרוי האָט מיך וואונדערלאַך געריהרט. אַ ווארעמער טוי איז מיר געפאַלן אויפן הארצן פון איר, נאָר וואָס אמת איז אמת, איר „חיל" האָב איך נישט געטרויט. מיין אינסטינקט האָט מיר געזאָגט, אַז ווען עס וועט זיך אָנהויבן,, וועלן זיי אפשר אויך זיין דאָרטן... גוי'אישע הענט, ווער קאָן זיי טרויען אין אזא מינוט?...

די, וועמען עס איז נויטיק געווען אידיש בלוט און פארמעג, זיינען, אוודאי פינקטלאַך געווען ווי אַ זייגער, און זונטאָג ביי טאָג האָט זיך עס אָ נ ג ע ה ו י ב ן...

אָט איז דאָס! אָט איז דאָס! אָט איז דאָס!

טאָמער איז אפשר איין איד פון צען טויזנט אין ספק געווען, קאָן ער איצט הערן: ווילדע געשרייען, אַ געפלאַצעריי פון שויבן, אַ קנאַק פון צע־האַקט מעבל, אַ בראַך פון אויפגעריסענע שלעסער... נישט ווייט פון אונז האָט זיך אָנגעהויבן...

די געשרייען וואַקסן און רוקן זיך נעענטער. דער קנאַק פון שויבן און מעבל ברענען די אויערן.

צי איך בין געווען צעמישט און מיין אויג האָט אויפגעהערט צו באַ־מערקן, צי עס איז ווירקלאַך אזוי געווען — נאָר מיין גוטער און שיינער באַלעבאָסטעס שמירה האָב איך נישט געזען. נישטאָ קיין שמירה.

אוודאי איז נערעכט געווען מיין אינסטינקט. און מיר, די פיר אידישע געזינדן פון הויז, לויפן, ווי די מאָדע איז, באַהאַלטן זיך ערגעץ. לויפן מיר אריין אין אַ שפּייכלער אויף אונזער הויף מיט די ווייבער און קינדער. דער שפּייכלער איז גרויס און טונקל. האָלץ ליגט אין אים. טוליען מיר זיך מיט פאַרהאַלטענע אָטעמס צו דעם שטומען און קאַלטן האָלץ. וויינען זיך פאַנאַנדער די קינדער פּלוצלונג. קינדער זיינען אויפריכטיקע מענטשן: דאָס האַרץ וויל וויינען — וויינט מען. ביי אונז אָבער ווערן שפּיציק די אויגן און מיר סטראַשען מיט בלויע פאַרביסענע ליפּן:

— וויינט נישט! שווייגט! די פּאָגראָמשטשיקעס גייען! שטומען זאָלט איר! הערט איר — ש ש ש ט ו מ מ מ ע ן זאָלט איר!

זיינען די קינדער פאַרגליווערט געבליבן מיט גרויסע אויגן און מיט נאַסע פּנים'לאַך פון טרערן.

דאָס קינד האָט נישט געוואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס פּאָגראָמ־שטשיקעס, און האָט נישט געקאָנט אויפהערן וויינען. וואָס ווייטער, האָט עס אַלץ שטאַרקער געוויינט. נאָר אַז איך האָב עס נישט געקאָנט איינשטילן, האָב איך דעם מיט דער האַנט דאָס מיילעכל פאַרדריקט, אַז די פּאָג־ראָמשטשיקעס זאָלן נישט הערן, וואו מיר זיינען.

און באַלד האָבן מיר איינגעזען, אַז דער שפּייכלער טויג נישט פאַר אונז. אַ בוידעם איז בעסער... אידישלאַכער. אַ איד האָט ליב אַ בוידעם, און מיר האָבן עמיגרירט אַהין.

דאָ האָט זיך באַוויזן אונזערע גאָלדענע ווירטין און האָט פאַרלעגט מיט האָלץ די טיר פון בוידעם, עס זאָל זיין זיכערער. און אונז האָט זיך געוואָלט קושן איר האַנט נישט פון דאַנקבאַרקייט און נישט פון איידלקייט, נאָר גיכער פון ע ק ל ד י ק ע ר ד ע ר ש ל אָ ג נ ק י י ט, פון ח י ה־ ש ע ר פ ח ד נ ו ת, ווי מייז, וואָס זיינען אויף אַ רגע ניצול געוואָרן פון דער קאַץ.

ארום און ארום האָט מען געשריען און געוואַלדעוועט, און געראַבעוועט, און געשלאָגן, און געבראָכן, און גע'הרג'עט. און געדוכט האָט זיך אונז, אַז מיר הערן דאָס פאַרשטיקטע שלוכצערן פון אידן, וואָס ראַנגלען זיך אין גסיסה.

אַזוי איז אַ שוואַרצע נאַכט אַוועק, אַ בוידעם־נאַכט. צו וואָס האָט אונז די באַלעבאָסטע מיט האָלץ פאַרשטעלט? וואָלט נישט גלייכער געווען, מען זאָל אונז אויס'הרג'ענען? וואָרים איידער צו ליגן באַהאַלטן און הערן, ווי עס דוכט זיך די ווייטע געוויינערייען פון געשלאָגענע אידן, איז

ג ל יי כ ע ר און ש ע נ ע ר גע'הרג'עט צו ווערן. אָבער מיר זיינען גאָרנישט געווען קיין מענטשן, נאָר מייז.

אַז די שווערע בלייערנע בוידעם־נאַכט איז אוועק און אין די שפּאַלטן האָט אַריינגעדרונגען דער טאָג, האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט: טויטע פּנים'ער, אַרויסגעשפּאַרטע אויגן, צעקרימטע מיילער. און מיר האָבן געשוויגן. אַ חרפּה צו קוקן אין די אויגן אַריין, אַ חרפּה צו רעדן.

די קליינע קינדער האָבן זיך שוין געהאַלטן בעסער פון אונז, זיי זיינען געלעגן פאַרשמאַכטע, פאַר'יתומ'טע, אָבער פילאָזאָפיש־רואיק, מיט ברייט־אויפגעריסענע אייגלאַך.

אַז דאָס ליכט פון טאָג איז שטאַרקער געוואָרן, האָבן מיר זיך דערלויבט אַ קוק צו טאָן דורך די שפּאַלטן פון בוידעם עס האָט זיך געוואָלט וויסן: וואָס טוט זיך אויף אונזער גאַס...

איך ווייס נישט, ווער האָט געאַרבעט אין דער מינוט אויף אַנדערע גאַסן, נאָר ביי אונז אין געסל האָט געבושעוועט דאָס רוב קליינע באַרוועסע שקצים'לאַך, צוועלף־יאָריקע, מיט אייזנס, לאָמעס און העק אין די הענט. קוקנדיק דורכן שפּאַלט אויף די דאָזיקע משחיתים, האָט זיך געוואָלט די פינגער בייסן: טאַטעס, נאַרישע טאַטעס האָבן זיך פאַרקליבן אויף אַ בוי־דעם און מען זיצט. אין גאַס גייט! אין גאַס אַריין! עס וואָלט געווען אַ מצוה אַראָפּצוּוואַרפן אונז פון דאָרטן.

מיר זיינען אָבער געווען שרעקלאַכע פּחדנים, און אויף דעם דאָזיקן בוידעם זיינען מיר אָפּגעלעגן אין פּיין און אימה גאַנצע צוויי מעת־לעת.

אַזוי פיל האָט געדויערט דער פּאָגראָם.

צייטנווייז האָט זיך געוואָלט נעמען אַ מעסער או זיך אַליין דער'הרג'ע־נען. אַזאַ באַגער איז באַפאַלן אין די „ליכטיקערע" מינוטן, ווען מען האָט געפילט, אַז עס באַגערט זיך עפּעס, ווען עס איז עטוואָס אָפּגעפאַלן די מורא, ווי עס טרעפט אַמאָל נאָך אַ שטאַרקן ציין־ווייטיק...

אין די דאָזיקע מינוטן האָט אויך פאַרדריקט דאָס האַרץ פאַר די אומשולדיקע קינדערלאַך. זיי ווילן געוויס עסן: זיי פּייניקט דער הונגער. זיי ווילן געוויס טרינקען: זיי מאַטערט דער דורשט, וואָס גיט מען זיי?

נאָר אָט דערטראַגן זיך ווילדער די געשרייען פון פּאָגראָמשטשיקעס, און דעמאָלט פאַרגעסט מען שוין ווידער אָן אַלעס, און עס באַפאַלט ווידער אַ חיה'שע אימה און מ'פאַרלירט זיך אינגאַנצן.

די צווייטע נאַכט זיינען מיר שוין געבליבן פאַר'חלש'טע. מיר זיינען געלעגן כמעט ווי אָן אָטעם, פון די קינדערלאַך האָט מען קיין „פּאַרע" נישט

געהערט. מען האָט נישט געוואוסט, צי זיי לעבן, צי זיי זיינען טויט. זיי, די וואונדערלעך קלוגע עופה'לאך, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן זיי איצט נישט העלפן — און האָבן געשוויגן.

טיילמאָל האָט זיך נאָר געהערט דאָס שטילע אָטעמען פון די זויג־קינדער: זיי האָבן געפּאָכט מיט דער נשמה. אָבער עס האָט קיינעם נישט געאַרט פאַר זיי.

אַז עס איז געוואָרן טאָג נאָך דער צווייטער נאַכט, זיינען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן די ווילדע פּאָגראָם־קולות. עס ווערט לאַנגזאַם שטילער, שטי־לער. אַ פּנים, די קאַץ איז אוועק, און מיר, די מייז, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. און אויפגעהויבן די קעפּ — האָבן זיך די מייז באַלד דורכגערעדט אויפן מענטשלאַכן לשון:

— דאַכט זיך, אויפגעהערט ?...

— מען הערט נישט...

— שטיל...

— גענומען אַ סוף...

— אפשר אַראָפּגיין ?...

— וואַרט, דאַכט זיך, איך הער קולות...

— וואָס רעדסטו ?...

— איך הער...

— ניין, דיר דאַכט זיך דאָס...

— האַ...

— ס'איז שטיל...

— טאָמער יאָ...

— ניין...

— שטעל גוט אָן דעם אויער...

— פּאַרט שטיל...

— ששש...

— און מיר דאַכט זיך...

— און מיר שיינט...

— איך האָב מורא...

— האַ...

— שטיל...

— טאַקע שטיל...

— שטיל...

— געווים?...

—שטיל, שטיל...

נאָר דאַ האָבן די מייז דערהערט, ווי אימיצער קריכט אויפן בוידעם. די מייז האָבן תיכּף פאַרהאַלטן דעם אָטעם, און אַ קאַלטער, אַ לעצטער שווייס האָט זיי דורכגענומען. דאָס איז אָבער געווען דער באַלעבאָסטעס דינסט. זי איז אונז געקומען אָנזאָגן, אַז מען קאָן שוין אַראָפּ.

— איר הערט? מען קאָן אַראָפּ! חזר'ט זיך דאָס איין: מען קאָן אַראָפּ. מען קאָן אַראָפּ. מען קאָן אַראָפּ!...

די מייז האָבן זיך אויפגעהויבן, אָבער אַז אָך און ווי איז געווען צו זייער גאַנג: זיי האָבן קיין פּיס נישט געהאַט. און מיט גרויס מאַטערניש איז מען קוים אַראָפּגעקראָכן פון בוידעם.

אַלע האָבן זיך פאַרקליבן צו מיר אין וואוינונג. די ווירטין איז אַריינגעקומען און איר מאַן און איר ברודער, און אַז זיי האָבן אונז דערזען, זיינען זיי געבליבן פאַרגאַפט. די באַלעבאָסטע האָט ספּאַזמירט... די מייז האָבן זייער שיין אויסגעזען.

דער באַלעבאָסטעס ספּאַזמעס האָבן ביי אונז צוגענומען דאָס לעצטע ביסל געזונט אונזערס, עס איז צעגאַנגען דאָס האַרץ פון רחמנות צו זיך, צו די קינדער, און מיר האָבן זיך אַלע צעוויינט הויך אויפן קול, ווי עס וויינען שרעקלאָך־פאַר'יתומ'טע קינדער פון זייער אַ גרויזאַמער שטיפמוטער.

איך געדענק נישט, ווען און ווי אַזוי האָבן מיר אויפגעהערט צו וויינען. אַ פּנים, די באַלעבאָסטע האָט אונז בארואיקט. זי איז באַלד געקומען צו זיך און האָט אונז בארואיקט, יאָ, זי איז אויפן בוידעם נישט געלעגן.

האָט מען זיך גענומען צו די עופה'לאָך: דעם מילך געגעבן, דעם טיי פון דער באַלעבאָסטעס סאַמאָוואַר, וואָס די דינסט אירע האָט אַריינגעטראָגן. מיר, די גרעסערע, האָבן גאַרנישט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין. דער קאָפּ האָט געשווינדלט ווי נאָך אַ טויזנט־יאָריקן הונגער.

ווי עס איז נישט געווען שווער, נאָר אין גאַס בין איך דאָך אַרויס, אין דער שטיפמוטערישער גאַס. דאָרט איז געווען שטיל, ווי נאָך אַ מלחמה. נאָר מיינע באַקאַנטע און פריינט, ווי איך בין דערגאַנגען, זיינען בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק, אויב שרעק ברענגט נישט קיין שאָדן.

פון דער קיעווער אידישער קהילה איז געוואָרן אַ תל. דאָס האָבן געוואָלט די פּאָגראָמשטשיקעס און דאָס האָבן זיי פולקאָם דערגרייכט. וואָרים די פאַרמעגלאַכערע אידן, וואָס זיינען נישט צעראַבירט געוואָרן, האָבן באַנקראָטירט, און די שטאָט האָט אויסגעזען, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. אין

די עטלאכע טעג זיינען אידן פארעלטערט געוואָרן, און מער, ווי א טיפן זיפץ האָט קיינער נישט געקאָנט ארויסברענגען פון זיך. אויף פיל גאסן איז די ערד באדעקט געווען מיט פעדערן, מיט צעריסענע העמדער, מיט כלים און מעבל.

דערנאָך האָט מען אין גאס אָפטער געזען פירן אין צירקל ארײן קופ־קעס פאָגראָמשטשיקעס. פאר דעם אָנגעוויטיקטן אידישן געפיל איז דאָס געווען א טראָפעלע „טרייסט". עקזיסטירט דאָך כאָטש א זכר פון א געזעץ, איז דאָך פאראן, הייסט עס, א צוים פאר א וואלד־גזלן, פאר א בלוט־דורשטיקער חיה. אָבער באלד האָבן מיר זיך איבערצייגט, אז דאָס איז נישט געווען אזוי. פון די צירקלען האָט מען תיכף באפרייט די פאָגראָמשטשיקעס און מיט א חוזק־שמייכעלע האָבן זיי זיך געדרייט איבער די גאסן...

איצט איז געווען קלאָר, אז מיר האָבן נישט אויף וועמען צו האָפן, (פאראן נאָך אנדערע, וואָס האָפן).

און נאָך קלאָרער איז געוואָרן, ווען אויף די גאסן זיינען אויפגעהאנגען געוואָרן התראות פון גובערנאטאָר, וואו עס איז געווען געזאָגט, אז אויב עס וועלן זיך אָנהייבן פון דאָס ניי די „אומאָרדענונגען", וועט ער געברויכן געווער און שיסן אין די פאָגראָמשטשיקעס.

האָט מען דאָס, הייסט עס, פריער נישט געקאָנט...

דער פאָגראָם איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אלע פיטשעווקעס: מיט שענדן פרויען, מיט שלאָגן קראנקע, מיט ברעכן מעבל, מיט ראבירן קראָמען און מיט אָפפירן דאָס אָנגעראבירטע אין די דערפער ארײן.

א פינף טויזנט אידן זיינען אוועקגעפאָרן באלד נאָכן פאָגראָם קיין אמעריקע.

יחזקאל קאָטיק

אין שחיטה־שטאָט

...פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש, — און קום!
קום, גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דיינע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דיינע אייגענע הענט,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אויף שטיינער פון דער גאַס, פון אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ־פאַרטריקנט בלוט מיט די געהירן
פון דיינע ברידערס קעפּ און העלזער.
און אומבלאָנדזשען זאָלסטו צווישן די חורבות
דורך ווענט צעבראָכענע מיט אויסגעקרימטע טירן,
פאַרביי צעשטירצטע אויוונס, האַלבע קוימענס,
אַנטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב־צעברענטע ציגל,
וואו פייער, האַק און אייזן האָבן נעכטן
אויף דער בלוט־חתונה אַ ווילדן טאַנץ געשפּילט.

אין גאַסן וועסטו גיין, מיט פעדערן פאַרפּלייצטע —
דו באָדסט זיך אין אַ טייך, אַ ווייסן טייך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענטשלאַכן בלוטיקן שוויים;
דו טרעטסט אויף גאַנצע בערג צעפּליקטע האָב־און־גוטס —
דאָס זיינען גאַנצע לעבנס, גאַנצע לעבנס,
צעבראָכענע אויף אייביק ווי אַ שאַרבן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַנטלויפסט? באַהאַלטסט זיך אין אַ הויף? אומזיסט!
אָט איז אַ בערגל מיסט!
דאָ האָט מען צוויי געקעפּט, אַ אידן מיט זיין הונט...
אין מיטן הויף האָט נעכטן זיי איין האַק געקעפּט
און היינט האָט זיי אַהער איין שוויין פאַרשלעפּט,
געשנאָרכט, געגריבלט זיך אין זייער אויפגעמישטן בלוט.
און מאָרגן וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטן,
ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיקע אַרויסגיין
פון מזרח־זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל, און גלייך ווי גאָרנישט...

און ווילד, משוגע־ווילד, פארקריכסטו אויף א בוידעם
און בלייבסט דארט שטיין אין פינצטערניש אליין;
דו פילסט: דא שוועבט נאך איצט ארום דער טויט־שרעק
און פאכעט מיט א קאלטן, שווארצן פליגל
און פרירט די ווארצלען פון די האר אין קאפ;
און דא און דארט, פון אלע שווארצע לעכער —
זע אויגן, אויגן, שטומע אויגן קוקן...
דאס קוקן די נשמות פון די קדושים,
פארוואגלטע, פארשטויסענע נשמות,
וואס האבן זיך איניינעם דא אין ווינקל
צונויפגעפרעסט דערשראקענע — און שווייגן...
און קוקן לאנג אויף דיר מיט שטומע אויגן,
וואס מאנען נאר און פרעגן אן לשון
און טענה'ן שטומערהייט אלץ יענע אלטע טענה,
וואס האט נאך קיינמאל נישט דערגרייכט צום הימל
און וועט צום הימל קיינמאל נישט דערגרייכן:
פארוואס, פארוואס? און נאכאמאל פארוואס?...

און דו פארדרייסט דעם קאפ — ניטא קיין הימל!
א דאך, א שטומער דאך מיט שווארצע שינדלען.
אט הענגט א שפין — גיי, פרעג דעם גרינעם שפין:
ער האט געזען אלצדינג, ער איז אן עדות,
א לעבעדיקער עדות אויפן בוידעם,
לאז ער זשע דיר דערציילן אלע מעשות:
א מעשה פון א בויך מיט פעדערן געפילט,
פון נאזלעכער מיט נעגל, קעפ מיט האמערס,
פון מענטשן נאכן קוילען קאפ־אראפ, ווי גענז,
צום באלקן פון דעם בוידעם אויפגעהאנגען;
און פון א קינד אן איינגעשלאפנס מיט זיין מאמעס
צעשפאלטענער און טויטער ברוסט אין מיילכל,
און נאך א קינד, א לעבעדיקס צעריסן,
איניינעם מיט זיין לעצטן שריי אויף צווייען —
א האלבער „מא“ — און „מאמע“ ניט געענדיקט.
און נאך, און נאך פיל מורא'דיקע מעשות,

וואָס לעכערן דיין קאָפּ, פאַרברענען דיר דעם מוח
און טייטן דיר אויף אייביק דיין נשמה.

ארויס קריך, מענטש, קום ווייטער, כ'וועל דיר ווייזן
באַהעלטענישן — שטאַלן פון חזירים,
און זע מיט דיינע אויגן אַלע מיסטן,
וואו דיינע ברידער, חשמונאים'ס יורשים,
די אייניקלאַך פון אייביקע קדושים,
אין יעדן לאָך צו דריי מנינים האָבן
אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאַהאַלטן
און גרויס געמאַכט צווישן מיסט מיין נאָמען...
אַנטלאָפן ווי די מייז, באַהאַלטן זיך ווי די וואַנצן
און ווי די הינט געשטאָרבן... און צומאָרגנס
איז פון שטוב אַ זון ארויס און האָט געפונען
אין מיסט זיין טאַטנס פגר... וואָס זשע ווײנסטו, מענטש?
צו וואָס פאַרדעקסטו מיט די הענט דיין פּנים?
קריץ שטאַרקער מיט די ציין און פּלאַץ פאַר ווייטיק!

און איצט געגוג, אַנטלויף, דו מענטש, אַנטלויף אויף אייביק!
אין וויסטן מדבר לויף און ווער משוגע.
צעריים אויף טויזנט שטיקער דיין נשמה
און וואַרף ארויס דיין האַרץ פאַר ווילדע הינט;
און לאָז דיין טרער אַראָפּפאַלן אויף הייסע שטיינער,
און דיין געשריי זאָל איינשלינגען דער שטורעם...

חיים נחמן ביאַליק

אַמעריקע

א.

פריער האָט מען דאָס געהאַלטן בסוד־סודות, טאַטע־מאַמע האָבן זיך צווישן זיך געשושקעט אויג אויף אויג, פאַרמאַכנדיק זיך אין אַלקער, פון וואַנען מ'פלעגט אַרויסגיין אומעטיק, מיט זייער פאַרזאָרגטע פנים'ער. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן רעדן דערפון שבת ביים טיש אַביסל פאַר־שטעלט, און די קינדער שטרענג אָנגעזאָגט, אַז קינדער דאַרפן האָבן אַ טבע זיך ניט צוהערן צו דעם, וואָס עלטערע רעדן, און אַז עמיצער פרעגט עפּעס, דאַרף מען ענטפערן: „איך וויים פון גאָרנישט“...

נאָר גאָר גיך — ווער ווייסט ווי אַזוי — האָט מען זיך אין שטאָט דערוואוסט און אַ סך גערעדט דערפון און געוואונדערט זיך און ניט גע־קאָנט גלויבן, אַז אַזאַ איד ווי מיין טאַטע, וואָס אויסער זיין דאַווענען און „חק לישראל“ און זיין פרק משניות האָט ער גאָרנישט געוואוסט און קיינ־מאָל ניט אַריינגעשמעקט אין קראָם און ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט גויאיש — זאָל זיך אונטערשטיין פאָרן אין אַמעריקע. און כדי דאָס צו וויסן אויף ריכטיק, איז מען ניט פויל געווען צו פאַרנעמען מיך אויף אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין שטוב — וועגן וואָס מען רעדט אין שטוב, און וואָס שרייבט דער פעטער יואל פון אַמעריקע, און צי איז שוין אָנגעקומען די שיפסקאַרט, און ווען איז געווען ביי אונז די מומע דאָבריש, און פאַרוואָס איז די מאַמע דעם שבת געגאַנגען דאַווענען אָן די פערל און נאָך און נאָך...

מיר האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון אַזוי פיל פראַגן און עס האָט מיר מאָדנע הנאה געטאָן, וואָס דווקא מיין טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע און מיט קיין איינגל רעדן ניט דערוואַקסענע מענטשן אַזוי ווי מיט מיר.

און שפּעטער, אַז משה דער בריוטרעגער האָט געבראַכט צו אונז אין קראָם אַריין אַ גרויסן פּאַקעט, וואָס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע — און די מאַמע האָט אויף דער העלפט צוגעמאַכט די קראָם און איז געלאָפן אין אַפּטייק זיך פאַנאַנדערנעמען, וואָס אין פּאַקעט איז אַזעלכעס, און ווען זי איז צוריק פון דאָרט אַרויסגעקומען אַ פאַרוויינטע, האַלטנדיק אין האַנט דעם פעטערס בריוו, די שיפסקאַרט און די אָנווייזונג אויף פופצן דאָלאַר, — האָבן שוין אַלע געוואוסט אויף ריכטיק, אַז דער טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע. און דאָס פאָרן איז גאָר גיך, אָט נאָר דעם יום־טוב אַריבערקומען....

ב.

פון דעם טאָג, וואָס די שיפסקאַרט האָט זיך באַקומען, האָט אַלץ אין שטוב געקראָגן אַן אַנדער אויסזען — אין אַלץ האָט זיך געפילט אַמעריקע. און וואָס מ׳האָט ניט געטאָן, צו וואָס מ׳האָט זיך ניט גענומען, פון וואָס מ׳האָט ניט גערעדט, האָט אַלץ אָפּגעקלונגען אין די אויערן דאָס אַמע־ריקע. דער טאַטע איז געוואָרן נאָך שטילער און אומעטיקער, איז דעם גאַנצן דאַווענען אויף די פּיס אויסגעשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, און צו זיין „חק״ איז צוגעקומען נאָך אַ צען קאַפּיטלען תהילים, וואָס ער פלעגט טאָג־טעגלאַך נאָכן דאַווענען אָפּזאָגן מיט הארץ. און די מאַמע האָט אויף אַלץ געוויינט — געקושט די קינדער און געוויינט, געלייגט בוריקעס אויף יום־טוב און געוויינט, באַשמירט פאַר די קינדער ברויט מיט סיראָפּ און געוויינט, האָט דעם סידור מיט טרערן באַוואַשן. און אחרון־של־פּסח, צו הזכרת־נשמות, האָט זיך פון דער ווייבערשער שול אַ גרויס געוויין געהערט — און פון אַלע האָט מיין מאַמעס קול איבערגעשטיגן; — דאָס האָט זי איר שווער הארץ אָפּגערעדט: פאַרוואָס האָט דער, „וואָס זי איז ניט ווערט זיין נאָמען אָנצורופן״, אויף אונז זיין צאָרן אויסגעגאָסן, אַז מ׳זאָל ווערן נע־ונד, צעזייט איבער אַלע שבעה ימים, און פאַרוואָס זאָל זיין זיסער קול פון לערנען זיך מער דאָ ניט הערן. און געבעטן האָט זי, אַז מ׳זאָל זיך אָננעמען איר קריוודע פון שלעכטע מענטשן, וואָס רייסן ביי אירע קינדער דעם ביסן פון מויל — און שונאים זאָלן אין איר חלילה קיין נקמה ניט דערלעבן...

ג.

דעם לעצטן שבת איז דער טאַטע פריער ווי שטענדיק אויפגעשטאַנען, האָט מיך אויפגעוועקט און אַוועקגענומען צו דער הרעבליע. ער איז געווען צערודערט און זייער בלייך, האָט מיט מיר געשמועסט ווי מיט זיינס אַ גלייכן. ער האָט מיר דערציילט, אַז די צייטן זיינען ביטער און עס איז אין קראָם קיין פּרנסה ניטאָ, און דעריבער מוז ער אַוועקפאָרן פון דער היים און זיך אַוועקלאָזן אויף יענע זייט ים. איך זאָל זען צו זיין אַ מענטש און וועלן לערנען און שטיין אויף זיין אָרט ביים דאַווענען, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל אויף מיר השגחה געבן, און אַז איך בין זיין גאַנץ שטיקל האָפע־נונג און פאַר וועמען איז זיין גאַנצע האָרעוואַניע און צוליב וועמען לאָזט ער זיך ערשט אויף דער וועלט, אויב ניט צוליב מיר... און איך זאָל השגחה געבן אויף די קלענערע קינדער און די מיידלאַך און איך זאָל אַוועק־

ווארפן די קינדערשע שטיק — איך בין שוין ניט קיין קליין אינגעלע — שבת נחמו ווערט מיר שוין צען יאָר — און איך זאָל פאָלגן דער מאַמען, אַז דער טאַטע איז ניטאָ אין דערהיים איז די מאַמע דער טאַטע.

איך בין געגאַנגען ביים זייט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און צוגעהערט יעדעס וואָרט, און ער איז מיר עפּעס אַזוי מאָדנע טייער געוואָרן אין דער מינוט און אַזוי פיל רחמנות האָב איך געפילט צו אים. נאָך קיינמאָל האָט דער טאַטע מיט מיר ניט גערעדט ווי יענעם פרימאָרגן.

דערנאָך האָבן מיר געטרונקען די שבת'דיקע ציקאָריע, זיך אָנגעטאָן און צוזאַמען אוועק דאַוונען. שטיל זיינען מיר אין גאַטס הויז אַריינגעקומען, דער טאַטע האָט זיך גלייך צו דער וואַנט געשטעלט און איז אַזוי די גאַנצע צייט אָפּגעשטאַנען מיטן טלית איבערן קאָפּ, און פון אונטערן טלית האָט זיך געהערט אַ שטיל דאַוונען מיט אַ שלוכצן. און ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה עולה־לתורה זיין, האָט זיין קול געציטערט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט ער אַ טעות האָבן מיט דער ברכה, און איך האָב פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ איד ווי מיין טאַטע, וואָס קען אַזוי פיל לערנען און איז שוין אַזוי פיל מאָל עולה־לתורה געווען, זאָל זיך שרעקן און אַזוי פיל מאָל איבער־חזר'ן דעם „אתה".

אין בית־המדרש איז מאָדנע שטיל געוואָרן — אַלע האָבן זיך צו די ברכות צוגעהערט און דעם „אמן" געענטפערט, און געדאַכט האָט זיך, אַז איבערן גאַנצן מקום־קדוש שוועבט אַרום אַן אומעט און אַ פאַרדראָס פון אַ גאַנצער עדה אידן, וואָס זיינען געקומען צו כביכול מיט תרעומות, פאַרוואָס ער האָט גאָר גורם געווען אויף אַ אידן אַ למדן נע־ונד צו זיין פון ווייב און קינד, פון אָרט און שטענדער אין שול — אין אַ פרעמד לאַנד...

ד.

אינאָוונט, באַלד נאָך הבדלה, האָבן אָנגעהויבן צו קומען מענטשן געזעגענען זיך און באַלד איז אַ פולע שטוב געוואָרן און אַלע האָבן גערעדט און געטומלט און געפרעגט און געענטפערט און געגעבן עצות. דער טאַטע איז אויף זיין אָרט אויבנאָן ביים טיש געזעסן, בלייך ווי די וואַנט, האָט ניט געוואוסט, וואָס מ'רעדט צו אים און וואָס ער האָט ערשט צו טאָן. מיר, די קינדער, האָבן זיך אַרום שטוב אַרומגעבלאָנקעט מיד און שלעפעריק. ניט מיר זיינען וועמען אָנגעגאַנגען און ניט עמיצער האָט זיך איבער אונז אַרומגעקוקט.נאָר ווען מיר האָבן ערגעץ אויף דער סאָפּקע אָפּגעזוכט אַן

אַרט, זיך צונויפגעקאָרטשעט און גענומען איינשלאָפן, איז פּלוצלונג אויס־געוואַקסן פאַר אונזערע אויגן אונזער שכנה אסתר־חיה, לייבע דעם שוס־טערס ווייב, אין דער געשטאַלט פון אַ פאַרזאָרגערין, און האָט אונז גענו־מען מאַטערן און דרייען און וועקן, — אפשר ווילן מיר עסן, אפשר חלה מיט פּוטער, אפשר סיראָפּ, אפשר אַ שטיקל קיכל. מיר האָט זיך שוין אַלץ געמישט פאַר די אויגן און איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט פאַר־שטיין, וואָס ביי אונז טוט זיך ערשט. פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי פיל מענטשן אין שטוב? וואָס וויל אָט די אידענע און וואָס באַלעבאַטעוועט זי דאָ? דער סוף איז געווען, אַז מיר זיינען אַזוי איינגעשלאָפן אין די זאַכן — זיך ניט געזעגנט און ניט געהערט דעם טאַטן אָוועקפאָרן. נאָר ווי אין חלום געדענקט זיך מיר, אַז מ'האָט מיך אויפגעזעצט אַ שלעפער־דיקן. איך האָב געוויינט, און אַלע קינדער האָבן געוויינט. דער טאַטע האָט מיך אויף דער באַנק אַוועקגעשטעלט, דאָס היטל אָנגעטאָן און עפּעס גע־רעדט צו מיר און מיך צו זיך געדריקט און געקושט — איך האָב זיין באָרד געפילט און דאָס פּנים איז מיר נאַס געוואָרן — איך האָב אין שלאָף גע־וואוסט, אַז דאָס איז מיין טאַטע און אַז מיין טאַטע פאָרט אַוועק און דאָס וויל זיך מיין טאַטע מיט מיר געזעגענען. איך האָב אָבער דאָס מויל ניט געקאָנט עפענען צו זאָגן „פאָר געזונט" און די אויגן — אַ קוק צו טאָן אויף אים. און ווען ער האָט מיך אָפּגעלאָזן און צוריק אויף דער באַנק אַוועקגעלייגט, האָב איך מיטן אָרבל דאָס פּנים פון די קושן אָפּגעווישט, זיך איינגענורעט און ווידער איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן איז שוין גאָרניט געווען — ניט דער טאַטע, ניט דאָס ווייסע זאַליצעקל, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אויף דער באַנק געלעגן. אין שטוב איז מאָדנע שטיל און שווער געווען און אין דער שטילקייט האָט נאָר איינאַונאיינציק וואָרט אומעטיק אָפּגעקלונגען: אַמעריקע... אַמעריקע...

משה סטאַווסקי

„זשיד״

אַ ליד אַ שוואַרצס, פון שוואַרצע קלאַנגען,
פון שוואַרצן ריטם אויסגעשמידט,
אַ שוואַרצער גיפט פון שוואַרצע קלאַנגען
פון שוואַרצן שפּינוועבס איז דאָס ליד.
אַ זשומעריי פון שוואַרצע בינען,
אַ בילעריי, אַ שוואַרץ געמיט;
אַ ברום פון שיכור׳ע אָן זינען:
„זשיד“.
אין שוואַרצע נעכט האָט דער נישט-גוטער
אין גיהנום-פּעך דאָס וואָרט געגליט.
אים חזר׳ט נאָך דער הייסער לוטער
און אויך דער קאַלטער יעזואיט.
אָ, אַלטע גיהנום-וועלט, באַרעכן!
וועסט פּגר׳ן פון האַס געשמידט.
ווען וועסטו שוין די ציין צעברעכן,
בייז קייענדיק דעם „זשיד“...

י. סעגאַלאָוויטש



פאַר דער מלחמה

קיין פאַבריקן איז אין שטעטל נישטאָ. ס׳רוב זענען קליין־הענדלער פון שניט געוועלבער, צעלניק, טישלאַך אויפן מארק; טייל זענען שוסטער, שניידער, ס׳רעשט — לופט־סוחרים — האנדלען מיט תבואה, האָלץ. דאָס שטעטל ציט זיין פרנסה פונם „מיטוואָך" — דאן איז מארק־טאָג, קומען אָן פויערים פון ארום מיט תבואה, קארטאָפל, עופות, אייער; פארקויפן זיי זייערע פראָדוקטן און קויפן זיך איין וואָס זיי באַדאַרפן.

ס׳רוב אידן פון שטעטל זענען חסידים. די רעשט — פראָסטע פרומע מענטשן. די יוגנט איז פאַר דער מלחמה נאָך געווען זייער אָפּגעשטאַנען: געלערנט אין בית־המדרש, צייטונגען האָט מען ווייניק געלעזן, קיין אידישע שולן זיך צו בילדן איז אין שטעטל נישט געווען, קיין הויז־לערער אפילו אויך נישט... זייער בילדונג האָבן זיי געצויגן פון בטלנ׳ישן „מלמד", א איד אין א לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס האָט געקאָנט אביסל רוסיש שרייבן. ער פלעגט שרייבן „פראָשעניעס" אין סאָנד אריין, און צו לערנען שרייבן מיט מיידלאַך — רוסיש, אביסל אידיש. ס׳האָט געהייסן א בריוול מיט אן אדרעס.

— מער — פלעגן זאָגן די מאַמעס — דארפן זיי נישט קאָנען...

אזוי האָבן געלעבט די זיידעס זייערע, אזוי האָבן זיי דערצויגן זייערע קינדער.

נאָענט פאַר דער מלחמה האָט זיך שוין אפילו געפונען א „משכיל", וואָס איז אָוועקגעפאָרן לערנען קיין ליטע אין א ישיבה אריין, און איז צוריקגעקומען אן „אפיקורס", אָן א באָרד, — לייענט א צייטונג אלע טאָג, א בוך; טראָגט אין שטוב א מארינארקע; גייט זיך אלע טאָג דאַווענען, אפילו צו „מנחה און מעריב"; אין איין וועגס שמועסט מען אביסל מיט דער יוגנט, מ׳ווערטלט זיך איבער, מ׳הערט א מגיד, א גוט־וואָרט; נאָכ־דעם גייט מען זיך צוריק אהיים עסן וועטשערע און לייענען אונטערן אויווען א בוך, — אמאָל — א רוסיש; אמאָל — א פויליש; א אידיש; וואָס עס קומט אונטער, קיין ביבליאָטעק איז נישטאָ. — פרואווט מען זיך גרינדן א „חברה" צו עפענען א ביבליאָטעק — באהאלטן, פארשטייט זיך. ביי א פרישן לערער, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אהער מיט א קאַפּעלוש, דאָרט קומט מען זיך צונויף שבת, מ׳פלאַנעוועט צו קויפן אביסל אידישע ביכער.

דער לערער מיטן משכיל זענען די אָנפירער, זיי שאַפן אביסל געלט, מ'פאַרט אריין קיין ווו. מ'קויפט אַ האלב טוץ ביכלאַך און מ'טיילט זיי פאַנאַנדער; יעדעס מיידל, וואָס לערנט זיך ביים לערער, נעמט אַ ביכל, צאָלט פינף קאָפּיקעס אַ וואָך — און ביסלעכווייז גנב'עט זיך אריין די קולטור אין שטעטל.

טאַטעס ווערן געוואָר: די טאָכטער לעזט אַ ביכל; ער פּרוּווט טאָן אַ קוק.

— אָ, שלום־עליכם, וואו האָסטו גענומען דאָס ביכל?

— כ'האָב'ס געבאָרגט.

— ביי וועמען?

— ביי אַ חבר'טע.

דאָס מיידל ווערט רויט; זי האָט מורא, דער טאַטע זאָל, חס־ושלום, נישט צעררייסן דאָס ביכל, אָדער ער זאָל נישט געוואָר ווערן, אַז דער לערער גיט איר ביכלאַך. דאַן — לאָזט ער זי נישט מער גיין לערנען.

ביסלעכווייז ווערט דער קרייז גרעסער, מ'קויפט צו נאָך אביסל ביכער, מ'מאַכט אַ שענקעלע אויף די ביכער. איידער מ'גרייט זיך מאַכן דאָס שענקעלע, מאַכט מען פריער אַן אסיפה, מ'שאַפט געלט און מ'קלערט, וואו צו האַלטן עס. אויף דער אסיפה איז געבליבן, צו מאַכן אַ קליין שענקעלע, וואָס זאָל אויסזען ווי פאַר „כלים" — געפאַרבט טונקל; עס זאָל שטיין אין קיך... טאַקע ביים לערער.

ווען מ'האָט געבראַכט דאָס שענקעלע איז געווען אַ יום־טוב. חברה זענען זיך צוזאַמענגעקומען יום־טוב'דיק, מ'האָט געקויפט פּרוכטן, געפּראַוועט אַ שמחה. — די ערשטע צייט איז מען געקומען פּינקטלאַך: אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פּלעגט מען טוישן די ביכער. די ארויסגעבער זענען געווען דער לערער מיטן משכיל. נאָך די לעקציעס פּלעגט מען ארויסנעמען די קליינע קאַטאַלאָגן און יעדעס מיידל פּלעגט זיך אויסקלייבן אַ ביכל. צום מיינסטן פּלעגט מען אינגאַנצן נישט קלייבן, נאָר דאָס „שענסטע" ביכל פּלעגט גיין פון האַנט צו האַנט... ווען איין חבר'טע פּלעגט איבערלייענען אַ ביכל און עס פּלעגט איר געפעלן, האָבן שוין אַלע דערפון געוואוסט, און פּלעגן דווקא וועלן נאָר דאָס ביכל. צומיינסטן פּלעגט עס טרעפן מיט ראָמאַנען פון „זאָלאַ", „באָקאַטשע", „מאָפּאַסאַן". דאַן האָט מען שוין אינגאַנצן אויסגעמיטן דעם קאַטאַלאָג צו באַנוצן, נאָר: גיב מיר דאָס בוך!
— די ארויסגעבער האָבן אָבער געוואָלט, אַז מ'זאָל לעזן וויסנשאַפטלאַכע ביכער, אידישע דערציילונגען; האָבן זיי געהאַט אַן ארבעט — צו באַהאַלטן

די ראָמאַנען, אָדער אָפּצונאַרן: אַז דאָס ביכל אין אַ ראָמאַן... אַמאָל פֿלעגט עס זיך איינגעבן, ס'רוב־מאָל אָבער פֿלעגן זיי קומען מיט טענות: נישט דאָס ביכל האָט מען געמיינט, עס געפֿעלט נישט...

דערווייל זענען די טאַטעס געוואָר געוואָרן, — אַז ביים לערער איז דאָ אַ ביבליאָטעק און מ'קומט זיך דאָרט צונויף „יונגען מיט מיידן!" מ'זינגט, און ווער ווייס וואָס נאָך?

אין די חסידים־שטיבלאָך פֿלעגט מען שוין רעדן פֿון דעם. די גרויסע חסידים האָבן געהייסן „מסר'ן", ס'איז אַ מצוה עוקר מן השורש צו זיין, אַ פּושע־ישׂראל גייט קאַליע מאַכן אידישע קינדער... נאָר די מעסיקערע האָבן באַשלאָסן אַליין צו פֿאַרניכטן די ביבליאָטעק: מ'וועט אַריינגיין צו דעם פּושע־ישׂראל און אויספּאַטשן אים גאַנץ גוט, צערייסן די ביכער און אים אַרויסיאָגן מיט שטעקנס.

כך הוה — אין אַ שיינער ווינטער־נאַכט, מסתמא מאָנטיק, זענען פּלוצ־לונג אַריינגעקומען דריי עלטערע חסיד'ישע אידן, איינער אַ דאַזאַר — און אַ גוטן־אָוונט, נאָר מיט אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג?...

(מען האָט געטראָפֿן ביים אַרויסגעבן די ביכער).

און מ'איז צוגעלאָפֿן צום לערער, גוט אויסגעפּאַטשט אים, צעריסן די ביכער, צעטראָטן מיט די פֿיס, און אַרויסגעיאָגט די מיידלאָך.

אַהיים, חצופות! ביכער ווילט עץ לייענען, מיט יונגען פֿאַרברענגען? אַרויס!

אַלע זענען זיך צעלאָפֿן. — דער לערער איז געבליבן אַליין שטאַרק איבערגעשראָקן. ער האָט נאָך מורא געהאַט פֿאַר פּאָליציי, מ'זאָל נישט געוואָרן ווערן. — ער קוקט זיך אַרום — עס זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם...

צו מאָרגנס האָט אין שטעטל געקאָכט. וואו מ'איז געגאַנגען האָט מען גערעדט פֿון דער „חתונה", ווייבער האָבן געבראָכן די הענט:

— ווי, ווי, נישט בחינם שטאַרבן קליינע קינדער, יונגען מיט מיידן קומען זיך צונויף צום לערער אין שטיבל אריין אַלע נאַכט, ווער ווייסט.... ווער ווייסט...

יונגוואַרג אַליין זענען געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן. זיי האָבן שוין מורא געהאַט זיך צונויפצוקומען; העכער צוויי וואָכן האָט מען מורא געהאַט זיך צונויפצוקלייבן. דער לערער איז דערווייל אַהיים־געפֿאָרן צו זיינע על־טערן. יונגוואַרג האָט זיך דורך דער צייט פֿאַרזאַמלט בייט פּאַרפּאָלק, וואָס האָבן נישט לאַנג חתונה געהאַט, און דאָרט האָט מען אַרומגערעדט, וואָס

מ׳זאָל ווייטער טאָן. דער משכיל איז נעבאך געווען שטארק נידערגעשלאָגן. ער האָט שוין מורא געהאַט צו אַרבעטן. זיין טאַטע האָט אים געדראָט אַרויס־צואווארפן פון שטוב.

נאָר די מיידלאך אליין האָבן באַשלאָסן, אַז דאָ ביי דעם פּאָר־פּאָלק אין שטוב, וועט זיין דאָס בעסטע אָרט, וואו צו האַלטן די ביכער. דאָ וועט מען ארויפקומען שפּילן אין קאָרטן. און אין איין־וועגס וועט מען טוישן די ביכלאך.

איינמאָל, פאַרנאַכט, האָט מען גענומען אַ טרעגער און צוגענומען דאָס שענקעלע פון לערער. — דער לערער איז צוריקגעקומען און געמוזט צוזאָגן דעם רב, אַז ער וועט שוין מער זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן... ער האָט אַראָפּגעבראַכט זיין פרוי און זיך אַריינגעצויגן אין שטעטל אַריין אויף „סטאַלע"... — און דאָס שענקעלע האָט מען אַרויפגעטראָגן צו שיינדלען. — אַזוי האָט געהייסן דאָס יונגע ווייבל. — דאָרט האָט מען איינגעאָרדענט צוריק די נייע „ביבליאָטעק".

אלעזר בערגמאַן

אַ געסל אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן

כ׳האָב מיין שטעטל ניט דערקאַנט

— כ׳האָב מיין שטעטל נישט דערקענט.
זייט איך בין אַוועק פון דאָרט
האָט עס דריי מאָל אָפּגעברענט.
נאָך אַן אומגליק איז געשען:
ס׳איז אויך אַ פּאָגראָם געווען.

גיי איך אום פאַרוואונדערט שטאַרק:
נישטאָ ביים שול דער קאַרשן-בוים.
נישטאָ דער ברונעם מער אין מאַרק,
— וואו איז דער בוים? — טו איך אַ פרעג,
מען ענטפערט מיר: — „עס ווייסט די זעג".

טויט דאָס שטעטל, טויט און שטיל;
חרוב שטייט דעם רבי׳נס קלויז,
חרוב שטייט די וואַסער-מיל.
און פון דוד רופא׳ס הויז
סטאַרטשעט אַ שווארצער קוימען בלויז.

און מיין מאַמע — וויים ווי שניי
און די אויגן — אויסגעוויינט
און אַ טרויער זיצט אין זיי —
קוקט אוים ווי אַ יאָר-צייט ליכט:
פול מיט קנייטשן דאָס געזיכט.

און מיין שוועסטער — אַלט און מאַט,
איינגעקאַרטשעט און פאַרוועלקט
ווי אַן אָפּגעוועלקטעס בלאַט.
ווען מיר האָבן זיך דערזען,
אַ יום כפור איז געווען!

י. אַדלער

די איבערקערעניש

די מלחמה איז אויסגעבראָכן. דאָס שטעטל האָט געטאָן א ציטער! מ'האָט געמיינט, אז די וועלט גייט אונטער. די סוחרים האָבן מורא גע־קראָגן. — ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מאָבּיליזאַציע. אידן האָבן איבערגע־לעבט שרעקלאַכע טעג. די ערשטע צייט האָט מען גאָרנישט געזען. דער מלחמה־פּלאַץ איז געווען ווייט. — מ'האָט גענומען זיך אינטערעסירן מיט „נייעס", דער משכיל האָט געקויפט אַלע טאָג א בלאַט. — ער פלעגט עס שוין לייענען ביי דער קאַלייקע; נישט ווי פריער, — ווען ער פלעגט זיך באהאַלטן אין שטוב אונטערן אויוון. — איצט שטייען שוין קופּקעלאַך מיט איין אויער צוגעבויגן צו אים און מיט די אויגן סתם אין דער וועלט אריין, פארטראַכט אין מחשבות. ער שטייט און לייענט הויך די „גרויסע נייעס". אידן שלינגען יעדעס וואָרט: מ'האָט גענומען די שטאָט, שרעק־לאַכע שלאַכטן דאָ און דאָ... טויזנטער גע'הרג'עטע, טויזנטער געפאַנגענע, גאַנצע דערפער פארברענט, מ'טרייבט ארויס אידן פון די און די שטעט־לאַך... — אידן זיפצן. טייל אינטערעסירן זיך נאָך מער, מ'לייגט זיך צונויף און מ'קויפט א בלאַט בשותפות. — דאָס שטעטל הייבט אָן צו לייענען צייטונגען!

פארנאַכט, דער משכיל שטייט ביי דער קאַלייקע און וואַרט אַף דעם „שפּיליטער", ער זאָל ברענגען דאָס מיטאָג־בלאַט. נישטאָ קיין געדולד צו וואַרטן ביז מאָרגן. ער לויפט מיטן שפּיליטער אהיים, כאַפּט דאָס בלאַט און שלינגט עס מיט אויגן — לעזט; טייל נייעסן, חזר'ט ער איבער הויך און רעדט ביי דעם צו די איבעריקע:

— שוין ווייטער ביטערע שלאַכטן. ווער ווייסט, צי מ'וועט אויך נישט אונז נעמען פאר קיין זעלנער.

די אידן זיפצן אָפּ, און טייל נעמען זיך אונטער די הענט און גייען אוועק שפּאַצירן אויפן שאָסיי שמועסן פּאָליטיק.

די צייט שטייט נישט, די מלחמה ווערט שטאַרקער, עס הייבט זיך אָן אַנצוריקן נייעסן פון ארום־שטעטל. עס פילט זיך שוין די מלחמה לעבן שטעטל.

זעלנער הייבן אָן דורכפאָרן, אויטאָמאָבילן נעמען זיך באַווייזן. די לופט נעמט שמעקן מיט מלחמה אויף אַן אמת... אין א פארנאַכט אמאָל, קומט אראָפּ אין שטעטל א גרויסער „אַבאָז". דער מאַרק ווערט פארשטעלט, מ'קאָן נישט דורכגיין די גאַס. אידן ווערן צעשראָקן... א זעלנער שרייט:

— ע, יעווּרעי!

דער איד ציטערט, — אנטלויפט; ער קומט אין שטוב אריין שטארק איבערגעשראָקן, שליסט צו הינטער זיך די טיר, און דאָס ווייב פרעגט אים:

— וואָס איז?!

האלט ער זיך ביים הארץ, קאָן נישט אָפּאָטעמען — קוים מיט צרות ער ענטפערט:

— א סאָלדאט האָט מיך גערופן.

דאָס ווייב פרעגט אים:

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן?

— א חכמה! האָסט נישט געהערט, וואָס די ציטונגען שרייבן?...

— וואָס שרייבן די ציטונגען? אַלטער נאַר! אפשר וויל דער סאָלדאט, פארקויפן עפּעס? און דו אנטלויפסט, אוי, שלימזל!

זי שליסט אויף די טיר און גייט ארויס. — ער זיצט שטארק פאַר־קלערט, האָט מורא די זעלנער זאָלן נישט אמאָל אריינקומען צו אים אין שטוב. דאָס ווייב גייט ארויס פאַרן טויער — פול די גאַנצע גאַס מיט „וואויסק". אַלע געוועלבער זענען געפּאַקט, ארום די טישלאַך שטופּן זיך די זעלנער און עס גייט א האנדל. איר טוט באַנג: פארוואָס זי האָט נישט עפּעס צו פארקויפן. קלערט זי זיך איבער, אז מ'דאַרף זיך אויך נעמען צום האנדלען. אָנגעקומען אזויפיל זעלנער, דאַרף מען אויך פּרוּוון ס'מזל, אַליין אויך עפּעס לייזן... פארוואָס נאָר זיי?...

ס'הערט זיך א געשריי .א אידענע לויפט נאָך א זעלנער. — ער האָט ביי איר צוגעכאַפּט א חלה און וויל נישט באַצאָלן. עס ווערט א געלויף. זעלנער קומען צו, מ'הייבט אָן רעדן:

— יעוורעי — יעוורעי! —

אידן מאכן פּליטה; און איינער רופט זיך אָן צו דער אידענע:

— גייט בעסער אוועק, נארישע אידענע, דאַנקט גאָט פאַר דעם!...

אין שטעטל אריין קומט אראָפּ א „קאָמענדאנט". עס הייבט זיך אָן פילן מלחמה אויף אָן אמת. אַלע טאָג כסדר גייען דורך חמרים זעלנער; טיילמאָל נעכטיקן זיי. דער עולם נעמט זיך שרעקן... די נייעסן ווערן כסדר אַלץ שרעקלאַכער... און שרעקלאַכער...

אלעזר בערגמאַן

די מלאַווער עדה

די שאַסייען, די וועגן האָט מען ניט געקאָנט דורכגיין, געווען פאַרנומען מיט רוסיש מיליטער, — האָט זיך די מלאַווער עדה געשלעפּט נאָך ווארשע מיטן גאַנצן האָב און גאָב אויף די פּלייצעס איבער פעלדער, איבער וועלדער.

פון פאַרנט האָט געשפּרייזט משה שמש, אַ הויכער, שווערער איד, פעסט געהאַלטן אין די אָרעמס אַ ספר־תורה, גליך ווי ער וואָלט מורא גע־האַט, מען זאָל אים ניט אויסכאַפּן, אַנגעשפּאַרט די גאָמבע אָן די עץ־חיים'ס און זיין לאַנגע, צעכמאַליעטע באָרד האָט זיך געשוואָנקען אונטערן רעגן.

הונגעריק, דורכגעווייקט פון די האַרבסט־רעגנס, וואָס האָבן, ווי אויף צו להכעיס, שוין אָנגעהאַלטן איבער אַ וואָך — האָט געבלאָנדזשעט די מלאַווער עדה ווי אַ סטאַדע שעפּסן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, ניט געפילט, ווי די אָפּגעהאַקטע זאַנגען, די סאָסנאָווע גאָדלען קריכן דורך די צעווייקטע, האַלב־צעריסענע פּאָדעשוועס, שטעכן ביז צום בלוט און נאָר גע'חלומ'ט, וואו צו געפינען אַ טרוקן, ווארעם פּלאַץ און זיך צו־צושפּאַרן.

און פון הינטן איז נאָכגעגאַנגען הערמאַן, דער שבת־גוי, אַ געזונטער דייטש, וועמעס זיידע האָט זיך נאָך געשפּייזט פון אידישע חלות און גע־פירט אויף אַ שטריקל אַ הונגעריקע, מעלקנדיקע ציג, די איינציקע בהמה, וואָס איז פאַרבליבן ביי דער גאַנצער עדה.

און אַז אַ קינד איז פון מידקייט געפאַלן איבער די פּיסלאָך און די שוואַכע מאַמע האָט עס נישט געקאָנט אויפהויבן, האָט הערמאַן געכאַפּט דאָס קינד, ווי אַ פּאַסטוך כאַפּט אַ מיד שעפעלע, עס אָנגעטרונקען מיט אַביסל ציגן־מילך, געשפּרייזט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געוערדט צו זיך דורך די פאַרקוועטשטע ציין:

— רוסישער שוויין!

האָבן זיך די ווייבער איבערגעקוקט:

— דאָס האָט אין זיך קיין ביז „לב" ניט! בעסער ווי אַ איד.

און אַז די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט און מען האָט אויסגעזוכט אַ פּלאַץ, וואו צו נעכטיקן, האָט די עדה אָנגעהויבן צו גראָבן די פייכטע ערד. טייל האָבן געגראָבן מיט שפּאַדלעס, טייל מיט נעגל, געגראָבן, ווי קראָטן, קברים פאַר די ווייבער און קינדער. די קברים האָבן זיי אויסגעבעטן מיט דורכגעווייקטע לאַכעס, מיט געלע וואַלד־בלעטער, און די מענער האָבן זיך צעשאָטן איבער די פעלדער, געזוכט ניט־אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל. און

אז ביי איינעם זיינען די פיס געשוואָלן געוואָרן פון צופיל גיין, די קישקעס איינגעשרומפּען, און שטייענדיקערהייט איז אים באַפאַלן אַ שלאָף, האָט ער שטאַרק איינגעקוועטשט די קאַרטאָפל אין זיינע פאַרשטאַרטע פינגער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פייכטער ערד, זיך איבערגעגעבן די מחנות שוואַרצע קראָען, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער פעלדער, איבער וועלדער און געזען אין חלום אַ טאָפּ פאַריקע קאַרטאָפל. און אַז די טאַטעס האָבן אויסגעפונען, דאָס זייערע זין פעלן, און די זין — אַז זייערע טאַטעס פעלן, האָבן די זין מיט אַ שטיל געוויין זיך אָוועקגעלאָזט מקבר זיין די טאַטעס, און די טאַטעס — די זין. אין די אידן געבויגענע, מיט פאַר־קוועטשטע ליפּן, חושכ'דיקע פּנימ'ער ווי די נאַסע ערד, אריינגעמאַכטע פּאָ־לעס אין די דיקע גאַרטלען, האָבן זיך ווייטער געשלעפּט און געבלאָנדזשעט. און אַזוי איז די מלאָוועד ערדה קלענער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

אויפן זיבעטן טאָג האָט דער רעגן אויפגעהערט, אַ קאַלטער ווינט האָט געטרוקנט די פעלדער, זיי באַצויגן מיט אַ האַרטלאַבער קאָרע, אָנ־געיאָגט אין וואָלקן אויפן צווייטן ווי אַ טרעפּ און זיי פאַרטריבן איבערן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף דער צווייטער זייט ווייסל.

און די לְבָנה, אַ פולע, איז געשטאַנען איבערן וואַסער, געוואָרפן ווייבע קרענקלאַבע שטיקער ליכט, געשראָקן. אַרום קליינע פייערלאַך איז געזעסן די מלאָוועד ערדה, עלטערע באַוואַקסענע אידן, געטוליעט די קינדער צווישן די פיס, אויפגעשטעלטע ווי קראַקוועס, געגאַרטלט די האָריקע הענט אַרום די קניען, געבויגענע האָבן זיי זיך געוואַרעמט אָן די קליינע פייערלאַך, אָן די קליינע לבנה־שטראַלן.

טויזנטער ריחות האָבן זיך געטראָגן פון וואַלד, פון דער ווייסל, מיטגעבראַכט מיט זיך עפּעס פאַרגעסענעס, פון דור־דורות — האָט דער האַלב־משוגע'נער בעריש, דער מלאָוועד פּרוש, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, און אַ הויכער, אַ ברייטער, ביז אין דער העלפט אַ נאַקעטער, מיט אַ באַוואָקסענעם קאָפּ ווי אַ לייב, מיט אַ לאַנגער, געדרייטער באָרד ווי פון שטאָל, זיך פאַרקוקט מיט זיינע פייערדיקע אויגן, ווי צעגליטע קוילן, אויף דער לבנה, אויף די שטערן און דערזען, אַז אויך דאָרט צווישן די שטערן בלאָנדזשען אַרום געבויגענע אידן, וואַרעמען זיך אָן די קאַלטע לבנה־שטראַלן — האָט ער ברייטער צעעפנט זיינע גרויסע אויגן, אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ־האָר און זיך צעלאַכט.

האָט זיך די ערדה פאַנאַנדערגעטרייסלט, זיך דערמאָנט, וואו זי איז, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, וואָס אַ משוגע'נעם קאָן איינפאַלן, טיף

אנפגעזיפצט, צוריק אראפגעלאזט די מידע קעפ און קוים, קוים געוואַ־רעמט דעם אידישן חלום.

טיף אין פינצטערן וואלד האבן גרינע פייערלאך זיך געטיקט, און א יונגע מאמע, נאך אליין א קינד, האט געשפרייזט פון א פייערל צו א פייערל מיט א קראנק קינד אויף דער האנט, שטיל און ביטער געוויינט, געבעטן די עלטערע אידן, זיי זאלן תפילה טאן, גאט זאל זיך דערבארמען איבער איר עופה׳לע.

און דאס שטילע געוויין, וואס האט זיך אלעמען איינגעגעסן, האט מיטאמאל אויפגעהערט — האבן זיך אלע פון דער שטילקייט אויפגעכאפט, זיך ארומגעקוקט און דערזען, ווי די יונגע מאמע שטייט א בלאסע, מיט פארקוועטשטע ליפן, גלייך זי וואלט ניט געהאלטן דאס קינד, נאר א שטיק אנגעגליט אייזן, און געציטערט.

הערמאן, דער שבת־גוי, איז דער ערשטער אויפגעשפרונגען, צוגע־נומען דאס קינד ביי דער מאמען. האט די מאמע אים ארומגעכאפט מיט אלע כוחות, זיך צעשריען מיט אן אויסטערליש־פרעמד קול, אז אלעמען איז א שרעק באפאלן. זי האט ברייט צעעפנט די אויגן, געשטשירעט די ציין, פעסטער ארומגעכאפט דעם דייטש און מיטאמאל זיך צעלאכט, אזוי אז הערמאן האט זיך שוין ניט געוועוערט און אליין פון שרעק זיך צעשריען.

און די אידן איז אן אימה באפאלן, האבן זיי טיפער געבויגן די מידע קעפ, געביסן פון ווייטיק די ליפן.

און די יונגע מאמע האט געכאפט איר טויט קינד, עס געדריקט צו דער נאקעטער ברוסט, זיך אוועקגעשטעלט אויף אלע פיר אנטקעגן דער לבנה, פארריסן דעם קאפ און געוואויעט ווי א הונגעריקער וואלף, ווי א סאווע.

י. אפאטאשו

דער וואָלף

...און עס איז געווען אויפֿן דריטן פֿרימאָרגן,
ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען אין מזרח־זייט
איז פֿון דער גאַנצער שטאָט שוין נישט געבליבן קיין זכר.

און די זון איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער,
ביז וואַנען זי איז צוגעקומען צום מיטן הימל,
און אירע שטראַלן האָבן זיך באַגעגענט מיט דעם רבֿ׳ס אויגן.

און דער רבֿ איז געלעגן אויף אַ באַרג אַש און שטיינער
מיט אַ צונויפֿגעפּרעסטן מויל און אויסגעגלאָצטע שוואַרצאַפּלען,
און אין זיין נשמה איז געווען שטיל און פֿינסטער און מער גאָרנישט.

און ווען זיינע אויגן האָבן דערפֿילט אויף זיך די הייסע שטראַלן,
האָבן זיי זיך פֿאַנאַנדער געשפּרייט און געקוקט און געקוקט,
ביז וואַנען זיין גוף האָט זיך אָנגעהויבן רירן און אויפֿקומען.

און ווען דער רבֿ האָט זיך אויפֿגעשטעלט און דערזען,
אַז ער איז איבערגעבליבן איינער אַליין אין אַן אויסגע׳הרג׳עטער שטאָט
אָן שולן און אָן אידן און אָן זיין ווייב און קינדער —
האָט דער רבֿ נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

איז ער געשטאַנען און געטראַכט און געוואונדערט זיך,
וואָס אים האָט מען אויסגעמיטן און איבערגעלאָזט לעבן.

און ער האָט אָנגעשטרענגט די אויגן און די אויערן
צו דערזען, אפֿשר קריכט ווער אַרויס פֿון אונטער די חורבות,
און צו דערהערן אפֿשר אַ שאָס, וועט ער זיך לאָזן גיין אַהינצו.

נאָר אומזיסט האָט ער אָנגעשטרענגט די אויגן און די אויערן,
ווייל עס האָט זיך קיינער נישט באַוויזן פֿון אונטער די חורבות
און קיין שאָס האָט זיך פֿון ערגעץ נישט דערטראָגן.

און ער האָט אָנגעשטרענגט נאָך מער די אויגן צו דערזען
כאָטש וועמען נישט איז פון די באַזיגער:
נאָר אויך די באַזיגער זענען נישט געווען צו באַמערקן. —
קופּעס אַש, קוימענס, טליענדיקע פלאַמען,
שטילקייט — און מער גאָרנישט.

איז ער געשטאַנען און די זאַך איז אים געווען זייער קשה,
און ער האָט נאָך מער נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

האָט דער רב זיך גערירט פון אָרט און זיך אַוועקגעלאָזט
זוכן און שאַרן מיט די הענט אין די קופּעס,
צו געפינען כאָטש די אברים פון די אומגעקומענע
און ברענגען זיי צו קבר ישראל.

נאָר אומזיסט האָט ער געזוכט און געשאַרט אין די קופּעס,
ווייל קיין זכר פון קיין אבר איז נישט געווען צו געפינען,
ווייל אַלץ איז געווען אַש און קויל און מער גאָרנישט.

האָט דער רב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן איבערגעקערטן קוימען
און ער האָט אויסגעטאָן די שיך און געוואָלט זאָגן קינות —
ערשט ער האָט פאַרגעסן די ווערטער פון די קינות.

און אַז ער האָט דערפילט, אַז ער האָט פאַרגעסן אַלע ווערטער,
האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אַ שטראָם פון אונטערן לעפעלע;
און אַז דער שטראָם האָט נישט געקאָנט גרייכן צו די אויגן
און געבליבן שטעקן אין זיין צונויפגעקלעמטן האַלז —
האָט דער רב נאָך מערער נישט געוואוסט וואָס צו טאָן...

אַז די נאַכט איז געקומען און האָט צוגעדעקט
די חרוב'דיקע שטאָט מיט אַ גרויסער פינסטערניש,
האָט דער רב זיך אויפגעהויבן פונם קוימען,
אויף וועלכן ער איז נאָך געזעסן,
האָט אַ קער געטאָן דאָס פנים צו מערב־זייט־צו
און מיט די זאָקן אויף די פיס זיך אַוועקגעלאָזט גיין
מיט דעם ברייטן שליאַך, וואָס פירט אין וואַלד אַריין.

דער ברייטער שליאַך איז געווען באַדעקט מיט אַלערליי חפצים,
מיט ביקסן און מיט היטלען און צעבראָכענע רעדער,
און די ערד איז געווען צעאַקערט און צעטראַמפּלט
פון קוילן און פון גראַנאַטן,
פון פערדישע קאָפּיטעס און חייל'ישע פיס,
און אַרום דעם שליאַך און איבער דעם שליאַך —
פינסטערניש און שטילקייט און מער גאָרנישט.

און אַז דער רב איז אָפּגעגאַנגען עטלאָכע מייל,
האָט אַ קאַלטער ווינט אָנגעהויבן בלאָזן פון צפון־זייט,
און דער רב האָט דערפילט אַ גרויסע מידקייט אין זיין גוף
און אַ קעלט איבער אַלע זיינע ביינער.

האָט דער רב זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד צו אָפּרוען,
און דערנאָך זיך אויסגעצויגן אויפן מיטן שליאַך
מיט אָפענע אויגן צום הימל.
און דער הימל איז געווען הויך און טיף און אויסגעשטערנט
מיט מילי־מיליאָסן שטערן.

און ווי דער רב האָט געקוקט מיט זיינע אָפענע אויגן
אַזוי האָבן די מילי־מיליאָסן שטערן
גענומען רייסן זיך פון זייערע ערטער און דרייען זיך,
און שניידן זיך און שלאָגן זיך איינע אָן די אַנדערע
און איבערגעשפּאָלטן איינע די אַנדערע,
ביז זיי זענען געוואָרן איינגעשלונגען אין דער פינסטערניש.

און אַז דער רב האָט געזען ווי זיי ווערן אויסגעלאָשן,
האָט עס אים נישט געהאַרט און ער האָט ווייטער געקוקט.
און אַז איין שטערן, דער לעצטער, האָט זיך איינגע'עקשנ'ט
און נישט געוואָלט פאַרלאָשן ווערן,
האָט דער רב אויסגעשטערקט זיין רעכטע האַנט
און געטייטלט אין דער הויך מיט אַ פינגער.
אַזוי לאַנג געטיילט מיטן פינגער, ביז דער שטערן
איז געוואָרן גרין און געל און רויט,
און אַליין נישט געוואָלט פאַרלאָשן ווערן.

האָט דער רב אַרונטערגעלאָזט זיין רעכט האַנט
און אַרויפגעלייגט זי אויף זיינע ביידע אויגן,
ווייל עס האָט אים נישט געאַרט מער פאַרן לעצטן שטערן.
און די האַנט איז געלעגן אויף זיינע אויגן,
ביז זי איז אַרונטערגעפאַלן אַליין צו דער ערד צו,
ווייל זיינע ברעמען האָבן אָנגעהויבן איינצודרעמלען.

און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן איינצודרעמלען
האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט נאָך נישט געדאַוונט
קיין מנחה און קיין מעריב און נישט געלייענט קיין קריאת־שמע:
און ער האָט זיך אויפגעזעצט און געוואָלט נעמען דאַוונען —
ערשט ער האָט דעם נוסח פון דאַוונען פאַרגעסן.

און אַז ער האָט דערזען, אַז ער האָט אויך דאָס דאַוונען פאַרגעסן,
האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אַ צווייטער שטראָם פון אונטערן לעפּעלע,
און אַז דער שטראָם האָט ווידער נישט געקאָנט גרייכן צו זיינע אויגן
און געבליבן שטעקן אין מיטן פון זיין האַלז —
האָט שוין דער רב מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן.
און ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן
אַלץ ווייטער און ווייטער מיטן ברייטן שליאַך.

די פּאָלעס פון זיין רב'נישן בגד
האָבן זיך צעפלאַטערט ווי צוויי שוואַרצע פליגלען,
און דער ווינט האָט געריסן דאָס שטריימל פון זיין קאָפּ,
און דער זאַמד האָט אַרונטערגעשלעפּט די זאָקן פון זיינע פיס.
און אַזוי מיט אַ נאַקעטן קאָפּ און באָרוועסע פיס
האָט ער זיך אָפּגעשלאָגן פּלוצלונג אָן דער שוואַרצקייט
פון דעם גרויסן פערציק־מייליקן וואַלד.
און זיין מוח איז פון דעם מיטאַמאָל אויפגעצונדן געוואָרן
און פאַנאַנדערגעעפנט זיך אויף צוויי טויערן,
און אַ גרויסע ליכטיקייט האָט אַ שטראָם געטאָן אויף זיינע אויגן.
און ער האָט דערזען דעם פערציק־מייליקן וואַלד
אויף דורך און דורך פון איין עק ביז דעם צווייטן.

און אַז ער האָט דערזען דעם וואַלד אויף דורך און דורך,
האָט זיין אויג נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן
דאָס גרויסע ליכט פון דער פערציק־מייליקער רחבות,
און זיין אָטעם האָט געקלאַפּט די לעצטע קלעפּ,
און זיין גוף האָט זיך געצויגן צו דער ערד פון בענקעניש,
און דאָס ערשטע מאָל פאַרן גאַנצן טאָג
האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין איינגעשטיקטן האַלז
אַ הייזעריקער כריפּ, אַ זכר פון אַ קלאָגג,
און נאָך איין רגע — האָט זיך אים געדאַכט, —
וועט אָנקומען דאָס אמת'ע געשריי...

און ער איז צוגעפאַלן מיטן שטערן צו אַ בוים,
און געשטויסן און געריסן פון זיין איינגעווייד
און געקלאַפּט מיט ביידע הענט אין זיין נאַקעטער ברוסט,
די נישט ארויסגעקומענע געשרייען פון זיין בענקעניש.
און ער האָט געוואָלט זיך לאָזן לויפן ווייטער אין וואַלד אריין,
און ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן די גרענעץ,
אַזוי האָט ער דערפילט ווי זיינע פיס ווערן אריינגעכאַפּט
און אריינגעפלאָנטערט אין געדיכטע שטעכיקע דראָטן.

און ער האָט נאָך נישט געהאַט ארויסגענומען די פיס —
ווי די נעצן האָבן אריינגעכאַפּט זיין גאַנצן גוף,
און אַנידערגעשליידערט אים אויף אַלע פיר,
און געצויגן אים און געשלעפּט אים און געקייקלט אים
ארויף און אראָפּ איבער גריבער און אויסגעקערטע וואָרצלען,
און געריסן שטיקערווייז פון זיינע בגדים,
און נאָכדעם — אַז די בגדים זענען שוין געווען אראָפּגעריסן —
שטיקער הויט פון זיין נאַקעטן לייב.

און אַז דער רב האָט דערזען, אַז ער איז מוטער־נאַקעט,
האָט זיך אַ מאָדנער שמייכל צעגאָסן איבער זיין פּנים,
און איבער זיינע ציין איז דורכגעלאָפן אַ שאַרפקייט,
און איבער זיין צונג אַזאַ געזאַלצענע שפּייעכץ,
און די אונטערשטע ליפּ האָט גענומען ארונטערהענגען.

און אז ער האָט גענומען אַרויסשפּייען דאָס געזאָלצנס פון זיין מויל —
האָבן דינע הערעלעך גענומען אַרויסשטעכן זיך
פון אונטער זיין גאַנצער הויט, אַרויסשפּראָצן און וואַקסן,
און אויסלייגן זיך רייענווייז, רייענווייז,
אין איין אָרט גלאַט און צוזאַמענגעפּאַלן,
אין אַ צווייטן — אויפגעשטעלט און אויפגעשויבערט.

און אַז דער רבּ האָט געוואָלט פאַר אימה
פאַרדעקן די אויגן מיט די הענט —
האָט ער געזען, ווי זיינע פינגער גיסן זיך צוזאַמען,
און קייקלען זיך אויף און פאַרשפּיצן זיך
מיט לאַנגע אויסגעבויגענע האַרטע נעגל;
און איבערן רוקן, האָט ער דערפילט, ווי אימיצער טוט אים אָן
אַ צוזאַמענגעדרייטע רייף, און שמידט צוזאַמען
זיין נאַקן און אַרונטערגעפאַלענע פּלייצעס.
און זיינע אויערן האָבן אָנגעהויבן זיך ציען און אַרונטערלאָזן זיך,
און די צונג אין זיין מויל אַרויסשלאָגן זיך פון אונטערן גומען,
און קנוילן זיך און שפּאַרן זיך פון צווישן די ציין,
און גליטשן זיך און אַרויסשטעקן אַלץ לענגער און לענגער,
און זיינע אויגן האָבן גענומען אויפלויפן
און דרייען זיך אונטער די ברעמען ווי קיילעכדיקע רעדלאַך,
און צינדן זיך אין פּראַסטיקע גרינע פייערן.

און ער האָט דערזען נאָך אַמאָל דעם פּערציק־מייליקן וואַלד
אויף דורך און דורך פון איין עק ביזן צווייטן,
און זיין אָטעם האָט אָנגעהויבן קלאַפּן
גייע, זודיקע, ערשט־געבוירענע קלעפּ,
און ער איז אויפגעשפּרונגען אויף אַלע פיר,
מיט אַן אויפגעשפּיצטן, אויפגעשויבערטן רוקן
און האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דער פינסטערניש.

און אַזוי ווי אַלע געדערים וואָלטן זיך אַ ריס טאָן פון זיין בויך,
אַזוי האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אַ דריטער שטראָם צום האַלז
און מער שוין נישט געבליבן שטעקן אין זיין גאָרגל,

און אַ ווילד געבריל האָט זיך צעטראָגן איבערן וואַלד
אַלץ העכער און העכער און וואָיענדיקער,
און אַ פלינקער שפרונג האָט נאָכגעפאָלגט דעם געבריל —
אַ שפרונג אינם אויסזען פון אַ האַלבן בויגן.

און אַז דער וואַלד האָט דערהערט דעם ווילדן געבריל
און דעם פלינקן שפרונג פון אַ חיה —
האָט אים אָפּגענומען פאַר אַ רגע זיין שטורעמדיקער אָטעם ;
און אין אַ רגע שפּעטער האָט דער וואַלד
נאָך ברייטער פאַנאַנדערגעוויגט זיין שטורעם,
און שטיקערווייז געריסן און צעשליידערט,
און אַריינגענומען צוריק אין זיך און באַהאַלטן אין זיך
דעם ווילדן ברילנדיקן וואָיען.

און עס איז געווען שטורעם און פינסטערניש און מער גאָרנישט.

ה. לייוויק

ח ר ו ב

אין חרוב ליגט מיין שיינע שטאָט,
מיין ברודער פון זיין היים פאַרטריבן;
און ווער וועט איצט דאָרט בעטן גאָט? —
די גרויסע שול איז וויסט געבליבן.

אין חורבות ליגט די אַלטע קלויז,
געבליבן נאָר דער שוואַרצער קוימען.
דערביי געווען איז אונזער הויז.
געוועבט האָב איך דאָרט מיינע טרוימען.

און קיינער איז דאָרט מער ניטאָ,
מיין פאָטערס הויז אַ בערגל ציגל;
עס קראַקעט איצט אַ שוואַרצע קראָ
דאָרט וואו געשטאַנען איז מיין וויגל.

דאָך לייכט די שול אין מיטן נאַכט,
עס שאָקלען זיך אַרום טליתים;
און קיינער האָט זי אויפגעמאַכט —
איצט דאַווענען דאָרט נאָר מתים.

דוד גאָלדשטיין

דער איד מיטן קרייץ

צוויי מאָנאַט איז יוסף — אַ העלד, אַ סאָלדאַט —
אין מאָסקווער שפּיטאָל אָפּגעלעגן;
געקומען צו זיך נאָך די וואונדן, און באַלד
מען הייבט אָן אַ שאלה צו פרעגן:
ווער איז ער, דער העלד מיטן קרייץ אויפן ברוסט,

געהערט ער צום אידישן גלויבן?
אַ איד איז דער העלד מיטן קרייץ און מען קאָן
אים בלייבן דאָ מער נישט דערלויבן.
נאָך שוואַך איז דער איד מיטן קרייץ אויף דער ברוסט,
מוז רוען אַ צוויי־דריי מאָנאַטן;
נו, וועט מען אים שיקן צוריק אין דער היים,
אין אידישן תחום, צו זיין טאַטן.
דאַן ענטפערט דער איד מיטן קרייץ אויף דער ברוסט:
מיין טאַטע אין קריג איז געגאַנגען;
צי לעבט ער נאָך ערגעץ, צי ליגט ער וואו טויט,
צי אפשר ביים שונא געפאַנגען?
דאַן טראַכט מען אַ מיטל: עס איז דאָך געוויס
אַ מאַמע, אַ שוועסטער געבליבן?
און ס׳ענטפערט פאַרביטערט דער העלד מיטן קרייץ:
מען האָט זיי פון דאָרטן פאַרטריבן.

„נו, איז דאָך געבליבן אַ הויז מן־הסתם!״ —
דאָ ווישט זיך דער העלד אוים די אויגן:
דאָס הויז האָט אַ קריסטלאַכער שכן פאַרכאַפּט
און האָט דאָרט אריין זיך געצויגן...
— „אַזוי איז די מעשה... וויבאַלד אַז דו האָסט
אין ערגעץ קיין היים איצט, מיין ליבער —
דאַן מוזן מיר שיקן דיך זוכן דיין פּלאַץ
צוריק אין די גראָבנס און גריבער...״
און שטיל איז געוואָרן דער אידישער העלד,
און מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן; —
געוואָרפן אַ בליק צו דעם קרייץ אויף דער ברוסט,
און האָט זיך געשעמט אים צו טראָגן...

אברהם רייזען

די פּאַגראָמען אין אוקראַינע

נאָך דריי חדשים אָפּוועזנהייט, נאָך דריי חדשים אַרומפאָרן און אַרומ־וואַנדערן איבער רוסלאַנד און אוקראַינע, קער איך זיך צוריק אין מיין היים אין „ציוויליזירטן" מערב. וועלכער האָט, שטאַרק פאַרנומען מיט זיך גופא, אינגאַנצן פאַרגעסן אינם מזרח און לאָזט אים זינקען אין זיין אָפּ־געזונדערטקייט.

ס'וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן זאָגן: „ער האָט גאָרנישט געזען", און אַזעלכע, וואָס וועלן זאָגן: „ער האָט שוין צופיל געזען!" מ'רעדט שוין ניט פון די מענטשן, וואָס וועלן מיך באַשולדיקן, אַז איך האָב שלעכט געזען, און פון די, וועלכע וועלן מיר פאָרוואַרפן, אַז איך דענק שלעכט. ס'וועלן זיך, איבעריקנס, געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך רעד פון זאַכן, וואָס זיינען זיי לחלוטין פרעמד, בעת אַנדערע וועלן זיך חידוש'ן, וואָס איך דערצייל מיינע איינדרוקן און זכרונות באַריכות'דיק. „ווי געפעלט עס אייך! — וועלן אַנדערע זאָגן — דידאָזיקע רייזע זיינע האַלט ער פאַר אַזאַ וויכטיקע, און גיט איר צו אַזאַ באַדייטונג, וואָס זאָגט איר אויף אים?" וויכטיקייט... אויב איר ווילט, איז קיין זאַך ניט וויכטיק, ניט קיין ערדציטערניש, ניט קיין מלחמה. דאָס פייניקן און ס'הרג'ענען אַ גאַנצע ראַסע איז אפשר אויך ניט וויכטיק, גאָרנישט.

— וועגן וואָס, אייגנטלאַך, ווילט איר אונז דערציילן?

— וועגן פּאָגראָמען, אויב דאָס וועט אייך זיין ניחא.

— אַ, יאָ, יענע אידישע געשיכטע... וואו זיינען זיי פאָרגעקומען, יענע אידישע פּאָגראָמען?

— אין אוקראַינע.

— אין אוקראַינע? זייט אַזוי גוט און ווייזט מיר די קאַרטע... אַך, מיין גאָט, ווי ווייט דאָס איז פון אונז! האָט איר אפשר עפּעס ניט פון נעענטערע ערטער?

און שליסלאַך וועט מען באַמערקן:

— יאָ, אָבער צי קאָן מען דאָס אַלץ, וואָס ער דערציילט, איבערגעבן דער עפנטלאַכקייט? צי איז דען דער מאָמענט אַ שעת־הכושר דערצו? וואָלט אפשר ניט געווען בעסער און באַקוועמער צו וואַרטן מיט דעם און אָפּלייגן ביז... ביזן, לאָמיר זאָגן, יאָר 2000?

— וואַרט, אויב איר ווילט, דאָס איז דאָך שוין אייער שטייגער אַלץ אָפּצולייגן און צו וואַרטן. וואַרטן... וואָס אָנבאַלאַנגט וואַרטן, וואָלטן מיר, אידן, אויך געהאַט פיל צו דערציילן... מיר קאָנען שוין צופיל וואַרטן...

נאָר דאָס מאָל האָבן מיר שוין צופיל געוואַרט.

אין משך פון דריי־פיר יאָר, פון יאָר 1918 ביז 1922, ווען די לעצטע מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַן אַלגעמיינעם טרויער, האָט מען אָנגעהויבן קעגן אונז אַ נייע מלחמה. מען האָט חרוב און אַ תל געמאַכט פון הונדערטער שטעט און שטעטלאַך, אויסגע'הרג'עט און געפייניקט טויזנטער אידן, טויזנטער אידישע פרויען, טויזנטער אידישע קינדער.

וואַרטן? דריי הונדערט טויזנט מתים וואַרטן אין זייערע קברים, אין די איינצלנע און אין די מאַסן־קברים. אַן אומגעהויערע צאָל פאַרוואונדעטע, צעקאַליעטשעטע, טויזנטער, טויזנטער יתומים פון דידאָזיקע קרבנות וואַרטן איצט. טויזנטער אַלמנות, וואָס האָבן געמוזט ווערן בעטלערינס, וואַרטן... און וואַרטנדיק הערן די אומגליקלאַכע מוטערס נישט אויף צו באַוויינען זייערע קינדער, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער דאָזיקער שרעקלאַכער מלחמה.

ווער ווייסט עס וועגן די אַלע שוידערלאַכע זאַכן ביי אייך אין מערב?

איינער פון אונזערע מענטשן, שוואַרצבאָרד, האָט נישט געוואַרט.

אין אַ העלן טאָג האָט ער, שוואַרצבאָרד, פאַרלאָזט זיינע זייגערס, זיין אויגנגלאָז אויף בודק צו זיין די זייגערס, ער האָט פאַרלאָזן זיין געוועלבל אויף מעניל־מאָנטאַן. ער האָט באַגעגנט סימאָן פעטליוראַן און האָט אים דער'הרג'עט.

פעטליורא איז, מיט אַנדערע, געוועזן דער זיגער פון אוקראַינע. מ'האָט אים גערופן באַטקאַ, פאָטערל, הייסט עס. בעת זיינע חיילות האָבן זיך גענומען אויס'הרג'ענען די אידן, האָבן זיי, די חיילות, אים באַשטימט אַלס הויפּקאָמאַנדיר; ס'איז געוועזן אַ רעגולערע אַרמיי, געוועזן פּאַרטיזאַנען, גענעראַלן, געוועזן אַ רעגירונג. יעדן טאָג איז אין זיין נאָמען פאָרגעזעצט געוואָרן די שחיטה.

ער האָט דאָס געוואוסט. ער איז וועגן דעם געוועזן אינפאָרמירט. און אָט איז געקומען אַ טאָג, וואָס פעטליורא האָט געהאַט אַ מפּלה, ער איז אַנטלאָפן, פאַרלאָזנדיק דאָס לאַנד, וואו ס'פוילן צענדליקער טויזנטער אידישע מתים.

אַלע וועגן אין אוקראַינע פירן צו פּאָגראָמען. כ'האָב זיך נישט געלאָזט גיין איבער זיי אַלע. אויף דאָס צו טאָן וואָלט קיין דריי יאָר אויך נישט

געוועז געגוג און איך האָב צייט געהאַט נאָר דריי חדשים.

אין נאָמען פון רוסלאַנד, וועמען קאָלטשאַק האָט געוואָלט ווידער־שטעלן, האָט דאָס פאָלק געפייניקט און גע'ממית'ט די אידן. אין נאָמען פון דער רוסישער אימפעריע, וועלכע דעניקין האָט געוואָלט ווידערשטעלן אין די פריערדיקע גרעניצן, האָט ער דאָס פאָלק, לויט זיין באַפעל, גע'הרג'עט און געשאָכטן. אין נאָמען פון אוקראַינע, און בכדי זי צו מאַכן אומאָפּ־העניגיק, האָט פּעטליורא אויסגעפירט אַזוי פיל שחיטות. מ'קאָן נאָך איצט זען די סימנים פון דידאָזיקע שחיטות און דעם גרויסן חורבן, וואָס די אַלע חיילות האָבן געמאַכט.

מעשות פון שרעק און שווערע יסורים זיינען געווען דאָס, וואָס די־דאָזיקע אידן האָבן מיר דערציילט. איך האָב זיך צוגעהערט צו זייער טרוי־עריקער שטים פון שטומען, טיפן יאוש, כ'האָב זיך באמת פאָרצושטעלן אין מיין קאָפּ די גאַנצע דעקאָראַציע, ביי וועלכער ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די־דאָזיקע שרעקלאַכע טראַגעדיע. און פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט, כאַפּט מיך אַרום אַ ציטער אונטער דער אומ'ברחמנות'די־קער זון...

בערנאַרד לעקאַש

דאָס ליד פון מיין חרוב׳ער היים

איך בין געגאַנגען מיט פריש־פאַרשנייטן שליאַך
אין באַגינען,
צום לאַנד פון מיין קינדערשער היים.

ס׳איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב׳דיק אויף דער ערד.

איך בין געקומען נאָנט צו אַ וואַלד,
און — ביים וואַלד — צו אַ שטיבל, אַ חורבה,
מיט אַרויסגעהאַקטע טיר און פענסטער.
אין שטיבל האָט געוואוינט אַ דאַרער הונט
מיט אויגן און מיט אַן עק פון אַ וואָלף.
דער הונט איז געשטאַנען אויפן שוועל
און געבולן דער מאָרגנזון אין פנים אַריין,
אַזאַ ליד,
אַזאַ וויים־פייערדיק ליד,
אַזאַ ליד,
אַזאַ ליד,
אַזאַ ליד
האָט דער הונט צום באַגינען געזונגען.

הונט — אַ שפּרונג צו די פיס מיר
מיט שמחה מיט ווילדער.
אַזוי ווי ער וואָלט דערקענט אַ פאַרלאָרענעם האַר.
איך האָב אַ ציטער געטאָן, אָבער באַלד
האָט אַרומגעכאַפּט אַ שמחה אויך מיך:
אַזאַ נס. אַזאַ זון. אַזאַ פולקייט
גיסט זיך און שטראָמט דורך די לעבער,
אַריין, אַריין אין דער חורבה!
אַזאַ היים.
אַזאַ וויים־פייערדיק היים,

אזא היים,
אזא היים,
אזא היים —
האָט די זון צו דער חורבה געזונגען.

ס'איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

הונט האָט געשמעקט מיינע קליידער,
זיך געדרייט אַרום מיר אַ פאַרשווינדלטער.
און מיטאַמאָל אַ שטילער, אַן איבערגעגעבענער,
זיך אַוועקגעלייגט ביי די פיס מיר אין שניי.
איך האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיין רוקן,
אים געגלעט איבערן פעל און אַזוי געזאָגט:
— ביסט הונגעריק, ביסט דאַר,
און דו האָסט ניט קיינעם מיט דיר;
ווילסט מיר נאָכגיין — גיי,
וועט זיין אויך פריילעכער מיר;
אָבער זע, קוק:
ס'אַרא היים
דו האָסט אויף דער ערד,
ס'אַרא וויים־פייערדיק היים;
אזא היים,
אזא היים,
אזא היים —
צי ווילסטו אויף שטענדיק פאַרלאָזן?

ס'איז געווען שטיל ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

דער הונט האָט אַרומגעכאַפּט מיינע קני.
זיך צוגעטוליעט, געשוויגן.
דערנאָך זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס,
און אַריינגעבילט אין פנים מיר אַזוי:
— ביסט ניט הונגעריק, ניט דאַר,

און האָסט אפשר פריינט נאָך וואו;
אָבער וואו ועסטו א צווייטן מאָל זען
אזא היים מיט אויגן אין זון אריין?
אזא היים,
אזא ווייס־פייערדיק היים —
אזא היים,
אזא היים,
אזא היים
לאָמירביידע בשותפות באוואוינען.

ס'איז געווען שטיל ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

איך האָב געזאָגט: יע.
און געלאָזט זיך צו דער טיר פון דער חורבה.
און דער הונט א גליקלאַכער, נאָך מיר;
און האָב זיך געזעצט אויף דער שוועל פון דער חורבה,
און דער הונט, א גליקלאַכער, לעבן מיר;
איך האָב אָנגעשטעלט מיין פנים אין זון אריין,
און איך האָב גענומען זינגען,
און דער הונט א גליקלאַכער מיט מיר:
אונזער היים,
אונזער ווייס־פייערדיק היים,
אונזער היים,
אונזער היים,
אונזער היים —
אזוי האָבן מיר ביידע געזונגען.

ס'איז געווען שטיל ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

ה. לייוויק

קלאַס־אַרבעט

1. אין נאָרמאַלע צייטן פאַרלאָזן מענטשן געוויינטלאַך זייער וואוינ־אָרט און פאָרן אין אַ צווייטן לאַנד צוליב פאָלגנדיקע מעגלאַכע אור־זאַכן:

א) בעסערע פּרנסה

ב) בעסערע בילדונג

ג) זען די וועלט

ד) זוכן נייע פאַרוויילונגען

וועלכע פון די אורזאַכן האָבן אידן געטריבן אין נייע לענדער? וועלכע אַנדערע אורזאַכן קאָנט איר צושטעלן צו די אויבן־אויסגערעכנטע, וואָס האָבן געפירט צו דער אידישער וואַנדערונג?

2. צווישן 1860 און 1910 איז די צאָל אידן אויף דער וועלט כמעט ווי געטאָפּלט געוואָרן; די מערסטע אידן האָבן דאַן געלעבט אין מזרח־אייראָפּע. וואָס פאַרא פאַרבינדונג קאָן מען געפינען צווישן דעם פאַקט און דער עמיגראַציע פון די אידן אין משך פון יענע 50 יאָר?

3. אין אייער משפּחה געפינט זיך אוודאי אַזעלכע, וואָס זיינען אַהערגעקומען פון אַנדערע לענדער. פאַראַן אַ סך אַזעלכע אין דעם געגנט, וואו איר וואוינט. ס'וואָלט גוט געווען, ווען דער גאַנצער קלאַס זאָל זיך אונטערנעמען צו אינטערוויואירן אַ 50 אימיגראַנטן און אויסגעפינען פאָל־גענדיקע אינפאָרמאַציעס:

א) אין וועלכע יאָרן זיינען זיי אַהערגעקומען?

ב) זיינען זיי געקומען אַליין, אָדער מיט די משפּחות

ג) פאַרוואָס האָבן זיי פאַרלאָזט די אַלטע היימען

ד) וואו האָבן זיי גענומען געלט אויף רייזע־הוצאות?

ה) ווי האָט מען געקוקט אויף זיי, בעת מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי פאָרן קיין אַמעריקע?

4. פּרובירט צונויפשטעלן אַ ליסט פון אידישע באַשעפטיקונגען און פּראָפעסיעס אין די אַלטע היימען. אויב איר ווייסט אַליין ניט גענוג, רעדט זיך ווידער אַדורך מיט די שכנים־אימיגראַנטן. מיט וועלכער אַרבעט האָבן זיי זיך באַשעפטיקט צום מיינסטן, מיט וועלכער — צום ווייניקסטן?

5. לייענט דורך אין דער אָפּטיילונג קאַטיקס „עס האָט זיך אָנגע־הויבן" און ביאַליקס „אין דער שחיטה־שטאָט". ביידע וואַרפן פאָר די אידן זייער שוואַכקייט, זייער מורא, זייער באַהאַלטן זיך. געפין די שטעלן

אין ביאַליקס פּאָעמע, וואו דער דיכטער ברענגט דאָס אַרויס אַמשאַרפסטן. האָבן די אידן פאַרדינט אַזאַ פאַרוואורף? זיינען אייך באַקאַנט פאַלן, וואו די אידן האָבן אין אַזאַ לאַגע ניט קיין מורא געהאַט און זיינען ניט אַנט־לאָפן? פּרובירט קריגן אינפאָרמאַציע וועגן דעם. זעט דאָס ביכל נומער 1 אין דער ביבליאָגראַפיע.

6. וועלכער פּאָגראָם אויף אידן אין אַלטן רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג אין אַמעריקע? וואָס איז דאָ געטאָן געוואָרן וועגן דעם?

7. וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גרויסן ביילים־פּראָצעס אין קיעוו? פּרובירט דורכפירן אַ פאַרגלייך צווישן דעם פּראָצעס און דעם פּראָצעס אַקעגן שוואַרצבאַרדן אין פראַנקרייך.

8. באַקאַנט זיך מיט דער אידישער באַפעלקערונג סוף לעצטן יאָר־הונדערט איבער דער וועלט. וועלכעס לאַנד האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט, וועלכעס דאָס לעצטע? פאַרגלייכט דאָס מיט דער צאָל אידן היינט לויט די לענדער אויף דער וועלט. וועלכע וויכטיקע ענדערונגען זיינען זינט דאַן פאָרגעקומען?

9. איר האָט זיך שוין באַקאַנט אַ היפּש ביסל מיטן לעבן פון די אידן אין די אַלטע היימען. פּרובירט זיך פאָרשטעלן, אַז איר וואוינט, לאָמיר זאָגן, ערגעץ אין אַ שטעטל אין פּוילן און קלייבט זיך פאָרן קיין אַמעריקע. וואָס וואָלט איר געטאָן? ווי אַזוי וואָלט איר זיך גענומען צו דער רייזע? דורך וואַנען וואָלט איר געפאָרן, מיט וועלכע באַנען, מיט וועלכע שיפן?

אחוץ די אינפאָרמאַציעס, וואָס איר וואָלט באַקומען פון אייערע שכנים, וואָלט אייך אין אַזאַ אַרבעט זייער שטאַרק צוניץ געקומען די ליטעראַטור, וואָס די שיף־קאָמפּאַניעס שיקן פריי צו יעדן איינעם. נאָך אַלע צוגרייטונגען וואָלט אייך נישט געהאַרפט אָנקומען שווער אָנהייבן צונויפשטעלן אַ רייזע־ביכל אונטערן נאָמען:

מיין רייזע פון — — קיין אַמעריקע

אַזאַ ביכל וואָלט געדאַרפט אַנטהאַלטן, קודם־כּל, אַ באַשרייבונג פון אייער שטעטל און פון אייער פאַמיליע; דאָס אַלגעמיינע אידישע לעבן דאָרט. דאַן אַ דערציילונג פאַרוואָס איר ווילט, אָדער מוזט אַוועקפאָרן. פאַרוואָס דווקא קיין אַמעריקע. די צוגרייטונגען אין וועג און דאָס פאַר־זאָרגן זיך מיט דערלויבענישן (פּאַספּאָרטן). די לענדער, דורך וועלכע איר דאַרפט דורכפאָרן. וואו איר דאַרפט זיך זעצן אויפן שיף. די דערפאַרונ־גען אויפן וועג ביז דער שיף. די רייזע אויפן ים. די מיטפאָרער און ענד־

לאַך — דאָס אָנקומען אין אַ היגן פּאָרט. פון אַזאַ אַרבעט וואָלט זיך באַקומען אַ ביכל מיט אַזאַ אינהאַלט:

מיין רייזע פון — — קיין אַמעריקע

אינהאַלט:
א) מיין שטעטל (אויסזען, באַפעלקערונג)
ב) מיין משפחה (באַשעפטיקונגען)
ג) פאַרוואָס איך פאָר קיין אַמעריקע (מעגלאַכע אורזאַכן: פאַגראָמען, אָרימקייט, ווייל זיך לערנען, פּאָליטישע אונטערדרייקונג, וואָס חברים שרייבן פון דאָרט, א. אז. וו.)
ד) מיינע צוגרייטונגען (שיפסקאַרט, קליידער, אַנדערע סאָרטן באַגאַזש, עסנווארג.)

די איבעריקע טיילן קאָנט איר לאָזן אויף ווייטער, נאָכדעם ווי איר וועט זיך באַקאָנען מיט די אַנדערע אָפּטיילן אין בוך. ס'וואָלט זיין זייער גוט, ווען איר זאָלט זיך קאָנען איינשאַפן פאַסיקע בילדער, מיט וועלכע צו באַצירן אייער רייזע־בוך.

די אידישע באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע
(אויסער סאָוועטרוסלאַנד)

עסטרייך	250,000	לאַטוויע	95,675
טשעכאָסלאָוואַקיע	354,432	ליטע	155,126
אונגאַרן	476,860	פּוילן	2,845,364
		רומעניע	900,000

די צאָל אידן אין די לענדער וועדט געשאַצט אַ סך גרעסער, ווי די ציפערן באַווייזן. אין אַ סך פאַלן ווערן אידן צוגעשריבן צו אַנדערע פעלקער, אָדער צו „אומבאַשטימטע“, ווייל זיי גיבן נישט אָן זייער אידישע שפּראַך, אָדער זייער רעליגיע, אָדער ווייל זיי פאַרשרייבן זיך, אַז זיי געהערן ניט צו קיין רעליגיע. אין די לענדער וואו ס'ווערט ניט גענומען קיין ספּעציעלער צענזוס אין דער אַרמיי, ווערן די אידישע סאָלדאַטן אַזוי אַרום נישט צוגערעכנט צו די אידן.

די צאָל אידן אין פּוילן

(לויט באצירקן)

שטאָט ווארשע	309,165	33,0
באצירק ווארשע	209,912	9,6
באצירק לאָדז	326,230	14,5
(פון זיי אין לאָדז)	(155,860)	(34,5)
באצירק קעלץ	300,111	11,9
באצירק לובלין	287,433	13.8
באצירק ביאַלעסטאָק	193,326	14,8
באצירק ווילנע	27,935	5,9
באצירק נאָוואָגראָדעק	74,334	9,0
באצירק פּאָלעסיע	110,614	12,5
באצירק וואָלין	164,940	11,5
באצירק קראָקע	152,926	7,7
באצירק לעמבערג	313,898	11,5
באצירק טארנאָפּאָל	128,965	9,0
באצירק סטאניסלאוו	145,345	10,8
פּאָמאָרצע (מערב פּרייסן)	10,397	0,5
באצירק פּאָזן	2927	0,3
אויבערשלעזיע	7337	5,1
אין גאנץ פּוילן	2,865,697	

אויפן וועג

אין די וויטסטע לענדער

אין די וויטסטע לענדער
זיינען מיר צעשפּריים —
יעדער טייל אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

ביי די אַלע טייכן,
נישט פון בבל בלויז,
זיינען מיר געזעסן,
זוכנדיק אַ הויז.

איצטער איז אונז טייער
גאָר די גאַנצע וועלט.
ס'שטייט ביי וויטסטע ברעגן
אונזערס אַ געצעלט...

איצטער איז אונז טייער
ווייכסל און דער רהיין,
און דער ברייטער דניעפּר
רוישט אונז אויכעט שיין...

און דער פרייער האָדסאָן
ווינקט אונז פריינדלאַך צו,
דאָ, ביי זיינע ברעגן,
קריגן מיר ערשט רו.

וועלכע פאָן עס פלאַטערט,
גריסט זי אונז באַקאַנט,
וועלכע שיף עס זעגלט —
צו אַ ברודערס לאַנד!

אברהם רייזען

אין ווייטן וועג

דער גוי איז געקומען מיט וואָגן און פערד:
נו, גרייט זיך שוין, איך בין שוין גרייט.
די מאַמע האָט שווייגנדיק־שטיל מיר געלייגט
אין טאָרבע געטריקנטע ברויט.

עס האָבן חברים געזאָגט: ניט פאַרגעס
אָן אונז אין דעם פרעמד ווייטן לאַנד;
און איינער פון זיי האָט דאַן שווייגנדיק־שטיל
דערלאַנגט מיר אַ בילד אין דער האַנט.

דער לאָמפּ האָט געברענט און געוואָרפן אין הויז
אַ שוואַכן, אַ טונקעלן שיין;
די קאַץ האָט געגלעט מיך ווי זי וואָלט געוואוסט
אַז איך וועל שוין מער דאָ ניט זיין.

דער פורמאַן, ער איילט זיך: נו, גיכער שוין, קום.
איך לאָז זיך שטיל גיין צו דער טיר;
די מאַמע בעט גאָט פאַר איר קינד אויפן וועג,
און ס'גייען חברים נאָך מיר.

איך זעץ זיך אין וואָגן: זייט אַלע געזונט;
דער וואָגן פאָרט לאַנגזאַם אוועק;
און אויגן באַלייטן, באַלייטן מיך לאַנג
אין ווייטן, אין זאַמדיקן וועג.

א. ניסנזאָן

אַדיע, אייראָפּע

דער שנעל־צוג פֿאָרט איצט פּאַמעלאַך צווישן די מיטל־אַלטערישע הייזער פֿון שערבורג און פֿירט אונז צו צום פּאָרט. מען דערזעט די ערשטע מאַסטן, די ערשטע קוימענס פֿון די שיפֿן, וואָס שטייען אין קאַנאַל. אַז איך דערזע מיין צוקונפֿטיקן עלעמענט, דאָס וואַסער, וואָס דאַרף מיך טראָגן העט־ווייט, טויזנטער קילאָמעטער וועג, און וויגן מיך כסדר אַ דריי וואָכן, אָדער שלײדערן און וואַרפֿן אין שטורעם, פֿאַרקלעמט מיר אַזש דאָס האַרץ פֿון פֿרייד. היידאַ און אַדיע! ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט די נאַרישקייט, אַז מענטשן דאַרפֿן טרויערן, אַז זייער האַרץ דאַרף קלעמען, ווען מען צעשיידט זיך, ווען מען רייסט איבער, ווען מ׳לאָזט אַ וועלט מיט פֿריינט און פֿיינט הינטער זיך?! די צעשיידונג, דאָס איבעררייסן — עס איז נאָר דער צער פֿון די קליינע און פֿון נאַרישע; עס איז אָבער די פֿרייד פֿון אַ קינד פֿון דער וועלט, פֿון אַ מענטש, וואָס הימל, ערד, ים, שטורעם און אַלע כוחות פֿון דער נאַטור האָבן נאָך מיט אים עפּעס אַ שייכות. אַזוי לאַנג, ווי מיינע פֿינף חושים וועלן מיר בלייבן געטריי, וועל איך זיין אַ קינד פֿון דער וועלט. בלייב־זשע געזונט, אייראָפּע! בלייבט געזונט, נאָנטע און ווייטע! נישטאָ קיין פֿריינט און פֿיינט! אַלע זענט איר מיר איצט גלייך, אַזוי ווי די טראָפּנס וואַסער פֿון אוקינוס דעם ים.

אין אַזאַ דערהויבענער שטימונג האָט מיך דער צוג צוגעפֿירט צו דעם לעצטן פֿראַנצויזישן גרעניץ־פּאָסטן. דער לאָקאָמאָטיוו פֿייפֿט און גרילצט אָן אויפֿהער. אַרום ווימלט שוין פֿון מענטשן; מאַסן פּאָרט־אַרבעטער, פֿאַרהאָרעוועטע, אין שווערער אַרבעט פֿאַרזונקענע, אָבער מיט פּנים׳ער ברוגז׳ע און בליקן, דוכט זיך, צאָרניקע.

דער לעצטער פּאָסטן! נאָך איינאיינציק מאָל וועט מען מיך באַטאַפּן, באַזוכן, דורכשטודירן מיינע פּאַפּירן און צולייגן נאָך איין שטעמפּל צו דעם טוץ, וואָס איך פֿאַרמאָג שוין. דער אייראָפּעאישער מענטש וואַנדערט איצט אַזוי ווי אַ דרעסירטע חיה צווישן איינגעצוימטע שטייגן, ווען ער לאָזט זיך אין וועג אַריין. זיין מענטשלאַכע ווערט איז נול, זיין רעכט צו אָטעמען און לעבן און רירן זיך פֿון אָרט גיבן אים פּאַפּירן און שטעמפּלען. עס איז היינטיקע צייטן דער גרויסער יום־טוב פֿון דער ביוראָקראַטיע פֿון גאָר דער וועלט. דער מענטש איז אַ צוגאָב. אָט האָט איר אַ קורצן חשבון: 34 מאָל האָב איך ביים אַרגענטינישן קאָנסול אין וואַרשע געמוזט שטעמ־פּלען מיט מיין פֿינגער, אַזוי ווי אַ גנב, און לאָזן מיין פֿינגער־צייכן, אין

ביכער און פּאַפּירן; 15 פאָטאָגראַפיעס האָב איך צוגעשטעלט, 8 מאָל האָב איך אונטערגעשריבן, מיט מיר האָבן געהאַט צו טאָן אַ האַלב טוץ פּוילישע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. מיך האָבן זיי געטרייבערט און אין מיינע זאכן געגישטערט. פּוילישע, דייטשישע, בעלגישע, פראַנצויזישע גרעניץ־באַאַמטע: די לעצטע — צו צוויי מאָל ביים אריינפאָרן און ארויספאָרן פונם לאַנד; ביים אָנקומען צו דער פאַרנצויזישער גרעניץ האָט מען מיך חושד געווען אין שפּיאָנאַזש, איינמאָל, ווייל איך בין געווען פאַר־שלאָפן און בין ארויס זיך וואַשן מיט קאַלט וואַסער, צווייטנס, ווייל זוכנדיק (אין מיין אָפּוועזנהייט) צווישן מיינע זאכן האָבן זיי געפונען אַ שפּאַקטיוו און פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. מיך האָט געראַטעוועט פון דעם חשד מיין פּוילישער פּאַס. אַ פאַרבינדעטער.

אייראָפּע האָט, אַפּנים, שוין גאָר פאַרגעסן די פרייהייט פון פאַר דער מלחמה. קלעמענסאָס כשר'ע ווערטער, אַז די מלחמה גדויערט ווייטער, פערמאַנענט, זיינען מקוים געוואָרן, אָבער די מלחמה איז נישט נאָר קעגן דייטשלאַנד: עס איז אַ מלחמה פון טינט און פעדער, פּאַפּירן, שטעמ־פּלען און ביוראָקראַטן קעגן דעם אומבאַהאָלפענעם מענטשן. אַ מלחמה אָן שום האָפענונג, אַז זי זאָל זיך אַמאָל ענדיקן. אַ מלחמה אָן אַ סוף.

צום לעצטן מאָל האָט מען מיך געשטעמפּלט, צום לעצטן מאָל רע־ווידירט די זאכן און... געהייסן גיין. פריי איז דער וועג. נעם מיך אויף, גרויסער, פרייער ים!

אונזער שיף „אַלמאַנזאָראַ" איז פאַראַנקערט ווייט אין האַפן. אַ קליין שיפל פירט אונז אַהין. דערווייל איז די זון אונטערגעגאַנגען און אַ נאַסער קילער ווינט האָט געבלאָזן. עס געדויערט לאַנג ביז דאָס קליינע שיפל רירט זיך פון אָרט. עס איז אַ געדרודער און אַ געלויף, אַ געמיש פון מענטשן, פון אַלע דריי שיף־קלאַסן און פון פאַרשידענע פעלקער. די טרעגער לויפן מיט געפּעק. מ'רעדט אויף פאַרשידענע שפּראַכן, און צווישן דעם געוואָימל דערקען איך אין דער טונקלקייט די פּנים'ער פון אידישע עמיגראַנטן פון צווישנדעק. זיי זיינען דאָ, מיין געליבט פאָלק ישראל. און די „אידישע פראַגע" איז מיט מיר און אַרום מיר. מ'בלייבט נישט אַליין אויף דער וועלט, כאָטש אפילו, ווען מ'טוט נאָך יונה הנביא'ן און מ'אַנטלויפט אויף אַ שיף.

דער האַפן רוקט זיך אָפּ און מיר פאָרן ארויס אין קאַנאַל אריין. עס טונקלט. פון דער טונקלקייט רוקן זיך אַרויס סילועטן פון קריגסשיפן, וואָס שטייען אונטער פּאַרע און מיט אָפענע פּיסקעס פון גרויסע האַר־

מאטן; פון אפגערוקטן ברעג קוקן ווידער־אמאל הארמאטן, באפעסטי־קונגען, און עס גייט א סיגנאליזאציע מיט רויטע פייערלאך. אלץ ארום שמעקט מיט פולווער, מיט מלחמה־אנגעשטרענגטקייט. הארט, אויף יענער זייט קאנאל, וואוינט דער פארבינדעטער פריינט, ענגלאנד. רעדן דאס די אפענע מיילער פון די הארמאטן צו אים? ווייל וואס האבן זיי צו מיר, די אלע שיסערס מיט זייער שים־געצייג — צו מיר, א שוואכן מענטשן א איד פון פוילן, וואס זוכט סך־הכל א קליין־קליין ביסעלע פרייהייט?

עס דויערט א היפש ביסל צייט ביז מיר קומען צו צו אונזער שיף. מיר פארן פארביי דעם „אלימפיק" — א ריזן־שיף, וואס די אמעריקאנער האבן צוגענומען ביי די דייטשן. עס ליגט אויך פאראנקערט אין מיטן ים־אויסגוס, און אט זעען מיר דאס די שיף „אלמאנזארא", איינע פון די גרעסטע ענגלישע שיפן. דאס איז אונזער היים אויף 32 טעג. זי ווינקט צו אונז מיט הונדערטער באלייכטנדיקע פענצטערלאך, ווי א לאנגע ריזן־געביידע פון א פיר שטאק די הויך. עס דוכט זיך, זי איז פעסט איינגעמויערט אין וואסער, אזוי זיכער און רואיק ליגט זי זיך, ווי זי וואלט קיינמאל ניט בדעה געהאט צו רירן זיך פון ארט. דער ים האט זיך א קליין ביסעלע צעשפילט. אונזער קליין שיפל טאנצט אויף די כוואליעס. קוים 15 מינוט פארן מיר, און איינער א פאסאזשיר, וואס שטייט לעבן מיר, זע איך, ווי ער רוקט זיך פאמעלאך צו צום אנלען און טוט דארט עפעס... וואס מען טוט געוויינטלאך ביי דער ים־קראנקהייט. פאראן אזוינע נאטורן, וואס קוים דערפילן זיי דעם ריח פון ים און קוים הייבט דאס שיפל אן זיך צו רירן, ווערן זיי באלד קראנק. דאס זיינען ספעציאליסטן אויף דער ים־קראנקהייט. פאראן, פארקערט, ספעציאליסטן, וואס ווייסן נישט פון ים־קראנקהייטן און דער גרעסטער שטורעם און דאס גרעסטע וואַרפעניש מאכט אויף זיי קיין פיצל איינדרוק נישט. איך געהער גראד צו די, וואס מאכן זיך כמעט גארנישט פון דער ים־קראנקהייט. דערצו נאך רוקט זיך צו מיר צו מיין שכן אין קופע פון צוג פאריז־שערבורג, א פאראליזירטער אויף א האלבן גוף, וואס איז געקומען פון ארגענטינע קיין פאריז זיך היילן, און פארט איצט צוריק, אזוי ווי ער איז געקומען:

— א, גאלדענע וואסערן זיינען דא, רואיקע, ניט אזוי ווי, אז מען פארט קיין ניו יארק.

ווער איז דאס דערדאזיקער איד, וואס איז אן ארגענטינער בירגער, זיינע קינדער וואוינען אין פאריז און ער, א פאראליזירטער, פארט אהין און צוריק און איז אזוי חבר־לאפ מיט די וואסערן?...

מיר ווילט זיך זיין אַליין. עס איז געוואָרן פינצטער. הימל און ים האָבן איין קאָליר. דער ברעג מיט די אויסגעשטעלטע האַרמאַטן ווערט פאַרשוואונדן. דער איד רעדט עפּעס צו מיר, און איך הער נישט. ערשט אָפּגעריסן געוואָרן פון אַלץ, ערשט פאַרלאָזן א וועלט הינטער זיך, גלוסט זיך נישט באַלד מאַכן נייע באַקאַנטשאַפטן, אָנקניפּן נייע פעדים.

— אין אַרגענטינע זיינען דאָ גוטע ציגאַרעטן... — רעדט ער ווייטער.

מיר קומען אָן צו דער „אַלמאַנזאַראַ“. אונזער שיפל שטעלט זיך אָפּ, די פּאַסאַזשירן מיטן געפּאַק דאַרפן זיך ווידער איבערציען. ווידער אַ געלויף און אַ געטומל, אַן איילעניש. איך שטעל מיך אָפּ אין אַ ווינקל, קוק אין דער פינצטערער נאַכט אַריין.

ה. ד. נאָמבערג



אַ גאַס אין ווילנע

מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע מיט די „עם-עולם"

די רוסיש־אידישע צייטונגען שרייבן גרויסע אַרטיקלען צו פֿאַרטיידיקן אידן, און אין דערזעלבער צייט שרייבט מען, אַז אין פֿילע שטעט קלייבן זיך גאַנצע גרופּן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, און אין קיעוו האָט זיך געגרינדעט אַ חברה „עמעולם", מיט דאָקטאָר מאַנדעלשטאַם אין דער שפּיץ. די חברה וויל האָבן פֿינף הונדערט מיטגלידער, מענטשן מיט גוטע רעפּוטאַציעס, און מיט געלט, און מען זאָל פֿאָרן קיין אַמעריקע, גרינדן דאָרט אַ גרויסע קאָלאָניע פֿון ערד־אַרבעטער. און אין די צייטונגען זײַנען פֿאַראַן בריוו פֿון אַמעריקע, פֿון אונזערע יעליסאַוועטגראַדער לאַנדסלײַט, וועלכע זײַנען לעצטן יאָר נאָכן פּאָגראָם אַוועק קיין אַמעריקע, און זײַנען שוין דאָרט געוואָרן קאָלאָניסטן, און נאָך ווי געוואָרן. די רעגירונג האָט געגעבן לאַנד, און די אַמעריקאַנער האָבן זיי דאָרט באַגעגנט מיט מוזיק, און די רײַכע פֿאַרמער האָבן געשענקט אויף דער קאָלאָניע: פֿערד, קי און מאַשינעס צו באַאַרבעטן די ערד, און זיי לעבן פּשוט ווי אין גן־עדן. דערצו נאָך שרייבן די צייטונגען, אַז איין אידישער כלל־טוער פֿון אַמעריקע פֿאָרט אַרום, און צוזאַמען מיט די גרויסע אידישע געמיינדעס אין אייראָפּע גרינדט מען קאָמיטעטן, מען שאַפֿט אַ גרויסן פֿאָנד צו העלפֿן די עמיגראַנטן קומען קיין אַמעריקע און צו גרינדן דאָרט קאָלאָניעס פֿון ערד־אַרבעטער.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿינצטערע לאַגע אין רוסלאַנד, און די גרויסע האָפֿענונגען אויף אַמעריקע האָבן אין מיר דערוועקט אַ גרויסן חשק צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. אמת, איך ווייס גאַנץ ווייניק וועגן אַמעריקע. ווער האָט נאָך דאַן געוואוסט, אויסער פֿון געאָגראַפֿיע, און אַמאָל עפּעס געלעזן? איך ווייס, אַז מען זאָגט, אַז דאָרט וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן. מיר גייט עס אָבער ווייניק וואָס אָן, איך פֿאַר ניט זוכן קיין רײַכטום, איך וויל נאָר געניסן פֿון איר פֿרייהייט, פֿון איר גלײַכהייט פֿאַר אַלע מענטשן. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ לאַנד אָן אַ הערשער, דאָס פֿאָלק קלייבט זיך אויס אַ פּרעזידענט, פּונקט ווי מיר קלייבן אויס אַ גבאי. היינט איז דאָך דאָרט ניטאָ קיין הויפּט־רעליגיע ווי בײַ אונז אין רוסלאַנד, דאָרט זײַנען אַלע רעליגיעס גלײַך, און אַלע מענטשן זײַנען גלײַכע בירגער. איך באַטראַכט עס אַלץ, און עס ציט מיך אַהין, און מיר געפֿעלט זייער וואָס מיר וועלן זײַן ערד־אַרבעטער. פֿאַרוואָס זאָל טאַקע אַ גאַנץ פֿאָלק לעבן נאָר פֿון ווינט און רויך, — טראַכט איך זיך, — עס איז

דאָך אַ שאַנדע, אַז אַ פֿאָלק זאָל לעבן נאָר פֿון דעם, וואָס אַנדערע פּראָדוצירן. מיר דאַרפֿן ווייזן דער וועלט, אַז מיר קאָנען אויך לעבן פֿון אונזער אייגענער פּראַצע, און פֿאַרזאָרגן נאָך אַנדערע מיט ברויט.

איך שרייב קיין קיעוו אין דער ביוראָ פֿון „עם עולם", דערציייל זיי מיין יחוס און בעט אויסקינפּטן. קומט מיר אָן אַ גאַנצער באַרג מיט צושריפֿטן, ווי אַזוי מען קאָן ווערן אַ מיטגליד פֿון דער חברה, און אַפֿילו אַ פּאַרטיקע קאָנסטיטוציע פֿאַר דער צוקונפֿטיקער גרויסער אידישער קאָלאָניע אין אַמעריקע. מיר געפֿעלט זייער די קאָנסטיטוציע — פֿאַרזאָרגט יעדערן מיט יעדער זאַך. פֿאַר די פֿרומע איז פֿאַראַן אַ שול, אַ שוחט, אַ מקוה, און דאָס גלייכן, און פֿאַר די אינטעליגענטן איז פֿאַראַן אַ ביבליאָטעק מיט ביכער אין אייניקע שפּראַכן; פֿאַר די קינדער אַ שולע מיט וועלטלאַכע און אידישע לימודים, און וועגן דער אַרבעט איז די שענסטע אָרדענונג. פֿון אָנפֿאַנג הייסט עס אַביסל קאָמוניסטיש, און מיט דער צייט וועט מען זיך צעטיילן, יעדערער וועט זיך האָבן זיין שטיקל לאַנד מיט אַ שיין הויז, מיט פֿערד און קי, און וועט זיך לעבן ווי זיין האַרץ גלוסט. איך ווער שטאַרק נתפּעל פֿון די גרויסע קאָפּ־מענטשן, וועלכע האָבן דאָס אַלעס אַזוי גוט אויסגעאַרבעט. איך זע פֿאַר זיך דייטלאַך דאָס גליק פֿון די, וואָס וועלן זיך אַריינכאַפּן אין דער חברה, און מען טאָר ניט פֿאַרלירן קיין צייט.

איך גיי באַלד אַרויס מיט אָפֿענע דיבורים. איך רעד מיט דער פֿרוי, זאָגט זי, אַז אָן די עלטערן פֿאָרט זי ניט. פֿאַנג איך אָן מיט די עלטערן, שפּאַר ניט קיין רייד, שטעל פֿאַר דעם גיהנום אין רוסלאַנד, און דעם גן־עדן אין אַמעריקע. מיין שווער מאַיר כאַפּט זיך אָן, אַז ער פֿאָרט מיט מיר, און די שוויגער צעוויינט זיך, אַז זי וועט די קינדער אַליין ניט לאָזן — אויב פֿאָרן, זאָלן אַלע פֿאָרן. דער שווער אָבער שטימט ניט איין.

איך גיי אום פֿאַרצווייפֿלט. עס איז שוין פּסח, חברה „עם עולם" קלייבט זיך שוין באַלד פֿאָרן, און מיר קומען ניט צו קיין באַשלוס. ביז גאָט האָט געהאָלפֿן, און עס איז אָנגעקומען די נייס, אַז אין באַלטע איז געווען אַ פּאָגראָם, און מען זאָגט, אַז אַ פֿאָר אידן זיינען דער'הרג'עט געוואָרן. „איצט פֿאָר איך קיין אַמעריקע!" — זאָגט דער שווער.

מען פֿאַנגט אָן אויסצופֿאַרקויפֿן. צירונג גאָלד און זילבער מוז מען דאָך געווים פֿאַרקויפֿן. ערשטנס, זאָג איך, דאַרף מען ניט דעם לוקסוס, און צווייטנס, וואָס האָט עס פֿאַר אַ ווערדע אין אַ לאַנד, וואו גאָלד וואַלגערט זיך אין די גאַסן? היינט די וואַרימע קליידער, דאָס פֿוטערוואַרג,

דאַרף מען אין אַמעריקע אויף כּפּרות, דאָרט איז דאָך וואָרים, און ווי קומען קאָלאָניסטן צו פּוקסענע שובקעס מיט סייבלנע קעלנער? דאָרט וועלן מיר אַרומגיין ווי אונזערע מוזשיקעס. דאָס בעטגעוואַנט קאָן מען דאָך געווים ניט שלעפּן, סיידן נעמען אַ באַזונדערע שיף צוליב דעם. די צרה איז נאָר, וואָס קיינער וויל ניט קויפן. מען האָט מורא פאַר פאַנ־ראָמען. כמעט ווי אומזיסט אָפּגעגעבן. און שפּעטער אין אַמעריקע האָט מען אויף זיך די האָר געריסן: ווען מען ברענגט עס אַלץ מיט זיך, וואָלט מען האַלב הוצאות אויסגעשלאָגן. דאָס צווייטע מאָל בין איך שוין קליגער געווען.

הייסט עס, פאָרן מיר קיין אַמעריקע. צו מיינע עלטערן שרייב איך אַ וואָרים בריוועלע, זעגן זיך אויף ניט לאַנג, ווייל איך האָף אין גיכן נעמען זיי צו אונז אין דער קאָלאָניע.

מיר פאָרן גלייך קיין קיעוו. געקומען אין דער ביורא פון „עם עולם“, האָט מען אונז אַריינגענומען אַלס מיטגלידער, אַרויסגעגעבן די פּאַפּירן. און מיר פאָרן קיין לעמבערג, פון וואַנען עס דאַרף אַרויספאָרן די צווייטע פּאַרטיע פון „עם עולם“.. די ערשטע איז שוין אַוועקגעפאָרן. אָפּגעזעסן עטלאַכע טעג אין לעמבערג, זאָגט מען אונז, אַז מיר מוזן פאָרן צוריק קיין בראָד, דאָרט איז דער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, און פון דאָרט מוזן אַלע אַרויספאָרן.

פאָרן מיר קיין בראָד און דאָרט באַקען איך זיך מיט אונזערע צוקונפ־טיקע קאָלאָניסטן. די מערסטע זיינען יונגען יונגעלייט, סטודענטן פון אוני־ווערסיטעטן, פּאָליטעכניקומס. אמת׳ע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן געוואָרפן זייערע קאַריערעס מיט דעם צוועק צו ווערן גוטע קאָלאָניסטן, און דינען אַלס ביישפּיל פאַר זייערע ברידער, פון וועלכע מען מוז מאַכן אַ קלאַס ערד־אַרבעטער. צווישן די עלטערע מיטגלידער זיינען פאַראַן געוועזענע רייכע סוחרים, מיט קינדער גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס און פרויען געבילדעטע. אונזער חברה איז מיר שטאַרק געפעלן. פאַראַן מיט וועמען צו גיין צום טיש.

איך האָב אין בראָד אַריינגעטראָגן אַ געוויסע סומע געלט פאַר יעדערן פון אונזער געזינד. דאָס געלט איז אויף רייזע־הוצאות, און אַ טייל דאַרף בלייבן אין דער קאַסע פאַר דער קאָלאָניע.

פאָרן וועלן מיר ניט ווי אַנדערע עמיגראַנטן אין פערטן קלאַס. דער חברה „עם עולם“ גיט מען אַ ספּעציעלן צוג, דריטער קלאַס, און דאָס קאָסט אונז נאָר אַ העלפט פון דעם פּרייז, און אויף דעם צוג האָט מען דער־

ליבט צו האָבן אונזער אייגענעם פּלאַג, און אַ פּלאַג האָט מען געמאַכט אַ גרויסן, אויסגענייט אין רעכטן מיטן מיט גרויסע בוכשטאַבן „עם עולם".

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט אויף אַ געוויסן פּלאַץ, און די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעפאַנגען. די ערשטע גייען צוויי סטודענטן מיט אונזער פּלאַג, נאָכדעם אַלע עלטערע מענטשן מיט דעם ספר־תורה, וואָס באַלאַנגט טאַקע צו דער חברה, נאָך זיי פאָרן אין קאַ־רעטעס די פרויען מיט די קינדער, נאָכער גיין די מיטליעריקע מענטשן, און דאַן ערשט גייט אונזער יוגנט.

אויפן וואָקזאַל האַלטן פאַר אונז רעדעס די אידישע פּראָפעסאָרן, וואָס זיינען געקומען פון לעמבערג אין ווין. דער ספּעציעלער צוג שטייט שוין גרייט, דער פּלאַג איז צוגעבונדן צום לאָקאָמאָטיוו אין דער הויך, אַלע זעצן זיך אין די וואַגאָנעס מיט אַ געהויבענער שטימונג, און איך זעץ זיך אַ וויינענדיקער. עפּעס וויינט זיך מיר.

אויף פילע וואָגזאַלן באַגעגענען אונז קאָמיטעטן פון מענער, פרויען, אַלטע און יונגע. אַלע זיינען ליבלאַך און פריינטלאַך. מען דערלאַנגט אונז דורך די פענצטער פון די וואַגאָנעס עסן און טרינקען, פאַר די קינדער — וואַרימע מילך; אייניקע טיילן פּרוכטן, ציגאַרן, פּאַפּיראָסן און קאָנ־פעקטן. מען כאַפּט וואָס מען דערלאַנגט, נאָר מיינע הענט הייבן זיך ניט. מיר טראַכט זיך, ווי אַזוי דער פינצטערער גלות האָט אונז אויסגע־לערנט צו באַגעגענען די פאַרטריבענע, פאַרוואָגלטע ברידער. איך טראַכט, און די טרערן שטיקן מיך.

אין ברעסלאַו שטייען מיר זעקס שטונדן. אויפן וואָגזאַל איז געמאַכט אַ גרויסער באַלאַגאַן. טישן געגרייט ווי צו אַ חתונה. סאַרווערס זיינען רייכע דאַמען און הערן. אפילו אידישע אָפיצירן באַדינען אונז. און דאָק־טוירים מיט מעדיקאַמענטן זיינען אויך דאָ. פילייכט פילט זיך אימיצער ניט אַמבעסטן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז פילע האָבן געדרייט דעם קאָפּ די דאָקטוירים. ווען דאַרף דאָס אַ איד נישט האָבן קיין דאָקטאָר? דער ראַבינער, דאָקטאָר לאַנדעסבערג, האַלט פאַר אונז אַ וואַרימע רעדע, און ווינטשט זיך צו זיין אַמאָל ראַבינער אין דער קאָלאָניע פון די „עם־עולם".

אין בערלין האָבן מיר אויך געהאַט זייער אַ וואַרימע אויפנאַמע. און דאָס אַלעס טראָגט ניט דעם כאַראַקטער פון צדקה. עפּעס פילט זיך, ווי מען איז געקומען צו געסט צו ברידער און שוועסטער.

דערפאַר אָבער אין האַמבורג האָט מען אונז באַהאַנדלט ווי געוויינ־לאַכע עמיגראַנטן. מען האָט אונז אַלעמען אַריינגעשפּאַרט אין אַ געביידע, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ ליטווישע באָד. מען האָט פאַר אונז גענומען שיפסקאַרטן פאַר האַלב־פּרייז. אַ האַלבע שיף גיט מען אונז אָפּ, וואו קיין אַנדערע פּאַסאַזשירן וועלן ניט זיין, אפילו מיט אַ כשר'ער קיך האָט מען אונז פאַרזאָרגט, נאָר ווען מיר זיינען געקומען אויפן שיף, איז אונז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מען האָט אַלעמען צוזאַמען אַריינגעטריבן אין אַ פינצטערן, שמוציקן אונטערדעק. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אויף דער שיף פלעגט מען פירן אָקסן, נאָר איצט האָט מען עס געמאַכט פאַר פּאַסאַזשירן. אונזער אָפּטיילונג איז גרויס ווי אַ פעלד, און פון ברעטער האָט מען צונויפגעשלאָגן בעטלאַך, צו צוויי, איינס איבער דעם אַנדערן. מענער, פרויען און קינדער זיינען אַלע צוזאַמען.

עס פאַנגט זיך אָן די ים־קראַנקייט. הונדערטער מענטשן גיבן אָפּ אפילו די מילך, וואָס זיי האָבן געזויגן ביי זייערע מוטערס. אַלע פאָרן דאָס ערשטע מאָל און מיינען, אַז דאָס איז שוין די ענדע פון לעבן. די געשרייען זיינען אומדערטרעגלאַך, און הונדערטער מענטשן, אַלע צוזאַמען, ברעכן. איך וויל אַנטלויפן אין דרויסן. איך שטעק אַרויס מיין קאָפּ פון דעם אונטערשטן בעט, און איינער פון אויבן גיט אַ גאָס גלייך מיר אויפן קאָפּ. אַרומגעווישט זיך, אַרויסגעשלעפּט זיך אויפן דעק, אָפּגעגעבן מיין חלק אין ים, און בלייב ליגן אויפן דעק אַזוי ווי אַ טויטער.

דריי טעג אָפּגעמאַטערט זיך, האָט מען געגומען קומען צו זיך. דער אַפּעטיט ווערט ווי נאָך אַ קרענק. מען געניסט פון דער כשר'ער קיך. דאָס וועטער איז שיין, און חברה הייבן אָן צו לעבן אַ טאָג. די יונגע זינגען רוסישע לידער. די עלטערע האָבן אַ מנין דריי מאָל אין טאָג. אייניקע מאָל האָט מען געמאַכט מאַסן־פאַרזאַמלונגען, געהאַלטן שיינע רעדעס, געמאַכט פאָרשלאָגן וועגן ענדערונגען אין אונזער קאָנסטיטוציע, און עס איז דער־גאַנגען אפילו צו גאַנץ היציקע דעבאַטן.

א. קאַצאָוויטש

אויף דער עמיגראנטן-שיף

עס רוישן די וועלן פאַרערגערט,
אַרום הענגט אַ נעפּל געדיכט;
די שיף שפּאַלט דאָס פינסטערע וואַסער,
ס׳באַוועגט אויפן דעק זיך אַ ליכט.

אַ הויפן באַטריבטע געשטאַלטן,
אין איינקע אויגן אַ טרער;
אין מיטן — אַן ארון פון ברעטער
אין ארון — איין בורא ווייס ווער.

אַ איד, דאַכט זיך, איז ער געווען,
מען ווייס ניט פון וואַנען ער קומט;
ס׳איז איינער אַ קדיש מנדב —
און ווי נאָר זיין קול ווערט פאַרשטומט

זינקט לאַנגזאַם דער ארון אַרונטער.
שוין האָט אים פאַרשלונגען דאָס מער;
דאָס שטומע געזעמל צעגייט זיך
און דענקט פון דעם טויטן ניט מער.

אַליין נאָר דער איד, וואָס האָט קדיש
געזאָגט נאָכן בר-מינן, שווערט
אַז טיף פון די רוישנדע וועלן,
האָט ער ווי אַן „אמן“ געהערט.

יהואש

אויפן ים

דער ים האָט אונז מקבל־פּנים געווען מיט אַ ירגזון. מיר פאָרן איבער דעם ביסקייאישן ים־אויסגוס, צו די ברעגן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. עס רוישט און שוימט; דער הימל איז פאַרוואָלקנט, גודנע־גרוי, אַזוי ווי די פּנים׳ער פון די פּאַסאַזשירן, איך מיין פון די, וואָס האַלטן זיך אויף די פּיס. דער גרעסטער טייל ליגט פאַרשטעקט אין די קאַיוטעס, אָדער מען זוכט זיך אויף פאַרבאַהאַלטענע, אָפּגעזונדערטע ווינקעלאַך. די ים־קראַנקהייט מאַכט אַ מענטש מיזאַנטראָפּיש, איינער דעם אַנדערן ווייכט. עס איז די געוויינטלאַכע שטימונג אין די ערשטע צוויי טעג פון אַ נסיעה, ווען דער ים צעשפּילט זיך אַביסל.

אינדערפרי איז אונזער טיש אין עס־זאַל פון צווייטן קלאַס געווען נאָך גוט באַזעצט, צום מיטאָג האָבן שוין עטלאַכע געפעלט, און צום נאַכטעסן זיינען אונזערע רייען זייער שיטער געוואָרן. איך, איינער פון די שיף־אָפיצירן, וואָס פאַרנעמט עקסטרע פּלאַץ לעבן מיר, וויסנדיק, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט די 150 עמיגראַנטן פון דריטן קלאַס, און נאָך איין פּאַסאַזשיר, אַן עלטערער ענגלענדער, אַ נידעריקער, אַ רירעוודיקער און גראָד אַ רעדעוודיקער — דאָס איז אונזער גאַנצע טיש־געזעלשאַפט. דער טיש ווערט אַרומגעשטעלט מיט לייסטן, דאָס געשיר קלינגט משונה׳דיק, אויף די שויבן פון די פענצטער קלאַפּן די כוואַליעס, איך און דער ענגלענדער מאַכן מיר זיך קוראַזש און דער אָפיציר דערציילט אונז אַ נייעס:

— מיר האָבן אַ קליין ביסל ווינט.

דער פשט דערפון איז, — דאָס רעכטע געדיכטע וועט ערשט קומען. אַ מאָדנע נאַטור ביי זיי, ביי אַלע שיף־פירער: פון אַ מאַטראָס, וואָס ציט די שטריק, ביז צום קאַפּיטאַן, אַלע האָבן זיי ליב חוזק צו מאַכן פון די פּאַסאַזשירן און לייגן זיי שטיינער אויפן האַרצן. מען דאַרף זיי פאַרגינען דעם פאַרגעניגן. זיי זיינען דאָך די אמת׳ע נזירים, די אָפּגעשיידטע פון דער טרוקענער וועלט, חדשים און יאָרן נאָכאַנאַנד.

איר זאָלט זען אַ פאַרנאַכט אויפן שיף, ווי די אָפיצירן און די איבעריקע באַדינער נעמען לויפן אהין און צוריק איבערן דעק, האַסטיק, פאַרטאָן, שנעל, דערמאָנט איר זיך, נישט ווילנדיק, אין דעם טיגער, ווי ער שפּאַצירט אהין און צוריק אין זיין שטייג מיט אַ מינע, גלייך ער וואָלט געהאַט עפּעס זייער אַ וויכטיקע שליחות אויסצופירן. ער פאַנטאַזירט אוודאי דעמאָלט

פון גרויסן, פרייען מדבר. אונזערע שיף־לייט מארשירן אָט אַזוי און האָבן אפשר די אילוזיע, אַז זיי לויפן ערגעץ איבער די לאַנדאַנער גאַסן. דער גרויסער עולם פּאַסאַזשירן ליגט דעמאָלט אויסגעצויגן אויף ליג־בענקלאַך און רוט און גלאָצט אין דער ווייטקייט און דערציילט זיך מעשות. דער ים־מענטש און דער יבשה־מענטש, דאָס זיינען צוויי פאַרשידענע באַשעפענישן. עס פאַרגלוסט זיך אַמאָל צו געבן אַ פּיק, אַ ביס, איבעריקנס, זיינען דאָס רואיקע און גוטמוטיקע מענטשן. די יבשה איז מער מסוגל צו פאַרגיפטן און פאַרביטערן אַ נשמה, ווי דער ים, וואָס קאָן רויִשן, קאָכן, ליאַרעמען, אָבער ער איז קיינמאָל נישט קליינלאַך, נישט קריכעריש, און פאַלט נישט אָן פון הינטן, וואָס עס פּאַסירט, לײַדער, אַזוי אָפט אויף דער יבשה.

דער ענגלענדער, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון דער קאַיוטע, וואוהין ער ווערט אַלע ווײַלע גערופן פון זיין קראַנקער פרוי, צעשמועסט זיך מיט מיר גאָר אויף אַ היימישן שטייגער.

זיין ווייב ליידט שטאַרק פון דער ים־קראַנקייט, ער לגמרי נישט. דאָס שטאַמט, זאָגט ער, פון בלוט. אַזאַ בלוט האָט ער בירושה. זיין זיידע און זיינע אבות־אָבותיו זיינען אַלע געווען פּיראַטן, ים־גזלנים, האָבן געלעבט און זיינען געשטאָרבן אויפן ים. זיי האָבן געלויערט אויף שיפן און זיינען זיי באַפאַלן און האָבן זיך באַהאַלטן און פאַרשטעקט ביי פאַרלאָזטע וואַסערן פון ווּסטע אינזלען. איך, זאָגט ע ר, בין אַן אינזשעניר, דעם באַן־הויף אין בוענאָס־איירעס האָב איך אויפגעבויט, אָבער זעסטו, אין די אָדערן — און ער ווייזט מיר מיט שטאָלץ אויף זיין האַנט, — רינט פּיראַטיש בלוט, אָט פאַרוואָס איך האָב נישט מורא פאַרן ים...

דעם אמת זאָגנדיק איז מיר דער קאָפּ אַביסל שווער. דאָס איז אַלץ, וואָס איך וויים פון דער ים־קראַנקייט, און איך בין גלייכצייטיק אויסצוהערן און צושאָקלען מיטן קאָפּ, וואָסערע נפלאות מען זאָל מיר נישט דערציילן. זאָל ער מיר דערציילן, אַז זיין באָבע איז געווען אַ מענטשן־פרעסערן, וועל איך צוליב פּוילקייט פון געדאַנק און פאַרלאָזנקייט פון די חושים אויך גלויבן.

ביינאַכט האָט זיך דער ווינט שטאַרק צעהוליעט, די ווענט אין שיף האָבן גענומען קרעכצן. איך האָב קוים־קוים איינגעדרימלט, זיינען מיך פּיראַטן באַפאַלן אין חלום. אויף צו מאָרגנס קומט צו מיר אַ באַקאַנטער אַרבעטער, ער האָט קוים דורכגעריסן דעם פּראָנט, וואָס טיילט אָפּ דאָס „פּובליקום“ (ערשטע און צווייטע קלאַס פּאַסאַזשירן) פון די עמיגראַנטן

און ער דערציילט, אַז דאָרטן טוט זיך חושך. אַלע זיינען קראַנק, וואַלגערן זיך אין די קאָרידאָרן און אויף די דעקן, עס איז אַ מהומה, קיינער דער־קענט נישט זיין פּלאַץ, מיט די באַדינער קאָן זיך קיינער נישט פאַר־שטענדיקן, זידלען זיי און שרייען. נאָר ער מיט נאָך צוויי האַלטן זיך אויף די פיס. ווי ער רעדט אַזוי מיט מיר, קומט צו דער באַדינער, וואָס פאַרקויפט די משקה אין אונזער רויכער־סאַלע, מאַכט מיך אויפמערקזאַם אויף ענגליש, אַז דער דריטער קלאַס טאָר זיך דאָ ניט געפינען. דער אַרבעטער האָט דאָס לשון ניט פאַרשטאַנען, אָבער דעם מיין פון די ווערטער האָט ער זיך אָנגעשטויסן און ער האָט זיך אָנגעצונדן פון כעס און אויסגעמאָסטן דעם ענגלישן „באָי" מיט אַזאַ צאָרנדיקן און גיפטיקן בליק, אַז יענער איז באַלד פאַרשטומט געוואָרן און האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט.

— עס געפעלט אים ניט, וואָס איך שטיי דאָ!

און אין זיין טאָן האָט זיך געפילט אַזאַ אינערלאַכער שטאַרקער פּראָ־טעסט, וואָס האָט אויך מיר געגעבן פיל נאָכצוטראַכטן: די קלאַסן־איינטיי־לונג פון דער יבשה ווערט איבערגעטראָגן אויפן שיף אַרויף, און אַזוי ווי דער שטח איז דאָ קליין, קומט דאָס בילד אַרויס רעליפער, שאַרפער. די גרויס־בורזשואַזיע פון ערשטן קלאַס, דאָס בירגערטום פון צווייטן און דער פּראָלעטאַריאַט פון דריטן — דאָס זיינען שטרענג־אָפּגעטיילטע וועלטן, אַז איר גייט אַריבער פון דריטן קלאַס אין צווייטן, איז אַזוי ווי איר וואָלט געקומען פון אַ קעלער ערגעץ אויף סמאָטשש גאַס אין וואַרשע אין אַ גוט־איינגעאָרדנטער בירגער־וואוינונג. דער אַנטוויקלטער אַרבעטער, וואָס איז אויסגעוואָקסן און דערצויגן מיט אַ דאָגמע פון קלאַסן־קאַמף און קלאַסן־איינטיילונג, האָט דאָ זיין גאַנץ וועלט־בילד פאַר זיך אין מיניאַטור, און דער האַס קאָכט אין אים אויף.

יאָ, דער ים איז אומרואיק. ווי זאָגט דער אָפיציר: „מיר האָבן אַביסל ווינט". איראָפּע האָט אויך אַ היפּש ביסל ווינט, און עס טרייסלט אַ קאַפּיטשקע...

איך האָב מיך געלאָזט גיין מיט דעם אַרבעטער צום דריטן קלאַס. ביים נאָז פון שיף האָט מיך דער ווינט אַזאַ שליידער געגעבן, אַז איך בין קוים געבליבן שטיין אויף די פיס. מיט מאַטערניש און אָנגעלענט אויף די פעסטע הענט פון מיין באַגלייטער, האָב איך מיך פאַרקליבן אַהין, און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שפּיטאָל אַריין. די שיף האָט זיך מורא'דיק געוואָרפן, און די עמיגראַנטן האָבן כסדר געבראָכן, די גאַנצע דעק איז געווען נישט דורכצוגיין, און די באַדינער האָבן געשאָלטן און געזידלט

אויף ענגליש, צי אויף שפּאַניש (די צוויי אָפיציעלע שפּראַכן אויפן שיף). מיין אַריינקומען האָט די באַדינער שטיל געמאַכט. באַלד איז געקומען צולויפן דער אָפיציר. מיט אַן עכט־ענגלישער פּראַקטישקייט זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס: ריייניקן אַלע קאַיוטעס, ברענגען אַלץ אין אָרדענונג. איך האָב באַרואיקט די עמיגראַנטן.

אויף דער ווייטערדיקער רייזע, ווען מיר האָבן כסדר געהאַט שיין וועטער, דער ים איז געווען רואיק, די זון האָט געוואַרעמט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער, און די שיף האָט זיך קוים געוויגט, האָבן אי איך, אי די עמיגראַנטן דערמאָנט די דאָזיקע ערשטע צוויי טעג ווי עפּעס אַ פאַרשוואונדענעם בייזן חלום. אַלץ האָט זיך איינגעאָרדנט, איינגעשטעלט, די באַהאַנדלונג איז געוואָרן מענטשלאַך, די דערנערונג גענוגנט, און כאָטש פּראָטענציעס האָבן נישט געפעלט, און צו מיר פלעגן כסדר קומען דעלעגאַציעס, און מען האָט זיך, ווי דער שטייגער איז, אַביסל אונטערגעבונטעוועט, איז אָבער די גוטע שטימונג קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן. עס איז געוואָרן ריין און ציכטיק אין די קאַיוטעס פון דריטן קלאַס, אין דער ים־קראַנקייט האָט מען פאַרגעסן, אַלע, אַלע זיינען געוואָרן פאַרטאָן אין מחשבות וועגן די נייע לענדער, נייע הימלען, איבערגעקערטע ווינטערן און זומערן, וואוהין די שיף האָט געשטייערט.

ה. ד. נאָמבערג

די אידישע באַפעלקערונג אויף די פינף קאָנטינענטן

צווישן אייגענע אויפן שיף

אין א פאר טעג ארום האט זיך שוין די משפחה געפונען אויף דער שיף, וואס איז געלעגן אין די וואסערן פון גרויסן אקעאן. די שיף האט נאך ניט געהאט ארויסגעפארן, זי איז נאך געלעגן אין האפן, און די צווישן־דעקנדיקע האט מען א גאנצן טאג פריער אויף דער שיף אויפגעפאקט. א גאנצן טאג איז א גרויס גערודער געווען אויף דער שיף, פארשידענע פעלקער זיינען ארויפגעגאנגען אויף דער שיף, מערסטנס קליין־רוסישע גויים, — און חנה־לאה מיט די קינדער זיינען דערטרונקען געווארן אין דעם גערודער. מענטשן האבן געשריען אין פארשידענע שפראכן, זי איז געגאנגען וואוהין אלע זיינען געגאנגען. א קליין שיפל האט זי מיט די איריקע צוגעפירט צו דער גרויסער שיף. זי האט נישט געזען דעם ים, זי האט מורא געהאט צו קוקן, זי האט זיך פארלאזט אויף גאט... א גאנצן טאג האט זיך איינס דאס אנדערע געזוכט, פעקלאך זיינען געלעגן פאר די פיס, קיינער האט ניט געקאנט געפינען דאס זייניקע, און אלעם האט געשריען. מען האט זי דורך קעלערס געפירט, אין די טיפענישן אראפ, זי האט געהאלטן יאסעלען ביי דער האנט און נאכגעגאנגען, זי האט נישט מורא געהאט, זי האט זיך פארלאזט אויף גאט... צום סוף האט מען איר אנגעוויזן א סעניק אין א ווינקעלע צווישן א סך, א סך סעניקעס, און זי איז ארויפגעקראכן מיט אירע קינדער, האט זיך איינגענורעט אין איר ווינקל מיט די איריקע און האט זיך מורא געהאט צו רירן. ערשט איצט האט זי אנגעהויבן מורא צו קריגן פאר גרויסן, שרעקלאכן ים, כאטש זי האט אים נישט געזען, כאטש זי האט אים נישט געפילט, ווארים די שיף איז נאך געלעגן אין האפן.

דערווייל איז אין דער קאמער, וואו זי איז געלעגן, געווארן גאנץ היימלאך, און אז חנה־לאה האט זיך ארומגעקוקט, האט זי דערזען, אז זי געפינט זיך צווישן בלויז אייגענע. דאס איז געווען די אפטיילונג פאר „אידישע פאמיליעס מיט קינדער".

— נא, זי איז דאך אויך דא! וואו זייט איר געווען דורך דעם גאנצן וועג?

חנה־לאה האט זיך אומגעקוקט, ווער עס רעדט מיט די ווערטער. עס איז געווען די אידענע, מיט וועלכער זי האט זיך באגעגנט ביי דער גרעניץ, און וועלכע פארט צו איר אנטלאפענעם מאן.

חנה־לאה האָט זיך מיט איר דערפרייט, ווי מיט אַן אַלטן פריינט.

— וואו זייט איר געווען? איך האָב דאָך אייך געזוכט.

און די ביידע שכנות אויף די סעניקעס האָבן צוזאַמענגענומען זייערע קינדער און האָבן אָנגעהויבן צו רעדן צווישן זיך דורך די גראַטעס, ווי אַלטע צוריקגעפונענע פריינט.

דערווייל האָט זיך אונטן איין איד באַקאַנט מיטן צווייטן, אַלע האָבן גערעדט איניינעם, האָבן אויסגעפרעגט אויף באַקאַנטע פון זייערע שטעט, און איין איד האָט אַזוי לאַנג געפרעגט דעם צווייטן, ביז עס האָט זיך אויס־געוויזן, אַז איינער איז מיטן צווייטן משפחה. אַזוי איז אַרומגעגאַנגען דער „ספר היוחסין", ביז עס האָט זיך געפונען, אַז אַ האַלבע שיף איז משפחה, און איין איד איז מיטן צווייטן אַ שני בשלישי.

— אויב אַזוי, טאָ מעגן מיר דאָך טאַקע מנחה דאַוונען, — האָט זיך אָנגערופן אַ פרייליך קול.

— נו, אדרבא, אדהבא, — האָבן זיך געהערט אַרום קולות.

— אידן, איר ווייסט, אַז מען צינדט היינט דאָס ערשטע ליכטל? האָט ווער אין אַ ווינקל דערמאָנט.

— אַ גוטער סימן, אין ערשטן טאָג חנוכה אויף דער שיף אַרויפ־געגאַנגען.

— ווער איז דאָ פון אונז אַ בעל־מנגן? — פרעגט ווער פון עולם.

— ווי הייסט, מיר האָבן דאָך דעם קעלצער חזן דאָ? — האָט אַ איד געוויזן אויף אַ יונגנמאַן מיט אַ געל בערדל, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אַביסל אָפּגעזונדערט פונם גאַנצן עולם.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז דאָס איז דער קעלצער חזן? — פרעגט מען דעם איד.

— מיר דאַרף מען נישט קיין פינגער אין מויל אַריינלייגן, איך ווייס שוין — טענה'ט דאָס אידל פלינק, און גיט אַ וואונק צום געלן יונגנמאַן, — איך דערקען שוין, אין זיין באַס־שטים דערקענט מען שוין. — נאַ, זעסט, — ווייזט ער אויף דעם יונגנמאַן, — דו זעסט נישט דעם לאַנגן נאָגל פון גראָבן פינגער, ווייסט, איך האָב דאָך אים אַליין דאַוונען געהערט.

עס האָט אַביסל געדויערט, ביז דער געלער יונגערמאַן האָט זיך געלאָזט „צו וויסן געבן" פאַר זיינע ברידער, אַז ער איז טאַקע דער קעלצער חזן. דערנאָך האָט ער אַביסל געדויערט, ביז ער האָט זיך געלאָזט איינ־רעדן, אַז ער זאָל גיין „פאַרן ברעטל". נאָך אין אַ פאָר מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען פאַר צוויי ליכטלאַך, וועלכע האָבן געברענט אויף אַ

קעסטל, און דער יונגערמאַן האָט געגאָרגלט פאַרן עולם, און אַלע ווייבער און קינדער פון שיף האָבן מיטגעזאָגט קדושה.

אַ מנחה־דאַוונען איז געווען אַ שיינס און אַ חזנ׳יש. נאָך מנחה־דאַוונען האָט מען געפרעגט, ווער האָט „חנוכה־ליכטלאַך". עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן זיך געריכט אויף חנוכה און האָבן אָנגעגרייט חנוכה־ליכטלאַך. האָט יעדע משפחה אָנגעצונדן די ליכטלאַך אויף איר קעסטל. און דער קעלצער חזן האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרן עמוד, וואָס איז באַשטאַנען פון איין קעסטל אויף אַ צווייטן, דער עולם האָט באַלד געפונען אַ פּאָר קוויטשערלאַך פאַר אים, אַ סאָפּראַנדל האָט ער אַליין מיטגעפירט מיט זיך, זיינס אַ אינגל, אַ קינד אַ וואונדער אין דער וועלט — אַמעריקע וועט אויפן קאָפּ שטיין, — און עס איז געוואָרן אָפּגעזונגען אַ חנוכה־בענטשן מיט אַ מזמור, וואָס אַזעלכעס האָבן נאָך די לייט נישט געהערט. חנה־לאה האָט זיך פאַרגעסן, אַז זי געפינט זיך אויף דער שיף. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז ביי זיי אין שטעטל אין דער שול, עס איז איר נאָר געווען ביטער, וואָס מאיר איז נישטאָ דאָ. דאָס געזאַנג איז גע־גאַנגען וואָס אַמאָל העכער, דאָס אינגל, דאָס סאָפּראַנדל, האָט וואונדער געוויזן און די גאַנצע שיף אידן האָבן אונטערגעהאָלפן (עס איז אַריינגעקומען דער שומר און האָט געשריען — האָט מען אים דאָס מויל פאַרשטופּט מיט אַ לאַ־יחרצ׳ל), און דאָס קול איז געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער און פריילאַכער, און אַז דער חזן האָט געענדיקט דאָס זינגען, האָט זיך אָנגערופן דאָס פריי־לאַכע אידן, הויך אויפן קול, רייבנדיק די הענט:

— איצט פּאַסט די גוטע „לאַטקע", און די פעטע גריוון לכבוד חנוכה.

— און אפשר דאָס פיינע קערטל? — רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— און טאַקע דאָס פיינע קערטל אויך! — ענטפערט אָפּ דאָס אידל, רייבנדיק זיך די הענט.

— גריוון זיינען דאָ — רופט זיך אָפּ אַ ווייבעריש קול פון אַ סעניק אַראָפּ, און דערלאַנגט פון אַ גרויסן פּאַק ארוים אַן איינגעפּאַקטן טאָפּ קאַלטע גריוון.

— פון וואַנען האָט איר גענומען גריוון? — פרעגט אַ אידענע.

— מיין טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַריין, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן — ענטפערט די אידענע גאַנץ גלייכגילטיק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען שוין געזעסן די אידן פון פאַרשידענע געגנטן און לענדער, וועלכע האָבן זיך נאָך נעכטן נישט געקענט, מיט זייערע קינדער אַרום איין טיש, האָבן געגעסן פון איין טעלער, האָבן זיך

געטײלט די ביסנס און האָבן זיך געפילט צווישן זיך ווי מיטגלידער פון איין משפחה, ווי אַלטע, אַלטע פריינט פון אַמאָליקע, אַמאָליקע צייטן, וועלכע האָבן זיך געטראָפן נאָך דאָן, ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, זיינען איניינעם אין די פריערדיקע גלות׳ן געווען, און באַגעגענען זיך ווידער דאָ, אויף דעם וועג קיין גלות־אַמעריקע...

נאָר יאָסעלע איז ביי דעם עולם ניט געווען, בחינם האָט די מוטער אים יעדעם מאָל געצויגן ביים אַרבל, ווען דער חזן האָט געדאַווענט. וואו איז יאָסעלעס שיינער „אמן" נאָכזאָגן? וואו איז זיין „יהי שמיה רבה", זיין „קדושה", מיט וועלכן דאָס שטעטל האָט געקלונגען? פאַרגעסן האָט יאָסעלע זיין אידישקייט. זיינע גרויסע גלאַנצנדיקע אויגן קוקן איצט דורך דעם פענצטערל אין דער נאַכט אַריין אויף דעם גרויסן,ברייטן ים. דאָס איז ער, דער ים־הגדול, פון וועלכן עס שטייט אין חומש, וואָס לויפט ווייט אַוועק, וואו קיין עק איז נישטאָ, וואו די וועלט ענדיקט זיך, וואו די הימלען הייבן זיך אָן. טונקל איז ער און שווייגנדיק, קאַלט און ערנסט ליגט ער אויסגעצויגן און לויפט ווייט, ווייט אַוועק. פון דער ווייטער טי־פעניש פון ים קומט אָן צולויפן אַ וואַל, גרויס איז ער ווי אַ שרעקלאַך־ווילדע חיה, און גיט אַ שרעקלאַכן ברום, און אַ שלאָג־אָן אין דער שיף. אָט שוין האָט זי די חיה — דער וואַל — דאָס מויל געעפנט די שיף איינצושלינגען, און אַלע, די גאַנצע שיף וואָלט געוואָרן איינגעשלונגען אין אים, נאָר גאָט שטייט און זאָגט: „נישט", און מיט אַ געבייזער גיט זיך דער וואַל אַ שלאָג אָפּ פון דעם שיף און לויפט ווייט אין ים אַריין... עס פאַלן די הימלען איבערן ים, עס שטייגט דער ים אין הימל און טונקל ווערט איבער זיי — און מיטאַמאָל גיבן זיך אַ צינד אָן ליכטלאַך אין מיטן ים און שווימען אין דער לופטן, צווישן הימל און ים, איין ליכטל, נאָך איינס, אַ גאַנצע ריי, הונדערטער, טויזנטער, איינס נאָכן אַנדערן, און גלייך זיינען זיי, ווי ביימלאַך איינגעזעצט, שטערן אויסגעזייט — וואָס איז עס, צי איז ביי זיי אויך חנוכה? — און האָט דער ים זיינע חנוכה־ליכט אָנגעצונדן? אָדער זיינען דאָס די ליכט פון די פענצטער פון הימל, וועלכע זיינען שוין פון יענער זייט ים?

און שטיל איז שוין געווען אין דער אָפּטיילונג פאַר די אידישע עמיג־ראַנטן. דאָ און דאָרט זיינען די פאַמיליעס געפאַלן איבער די סעניקעס און זיינען איינגעשלאָפן. דאָ און דאָרט איז אַן עמיגראַנט געזעסן ביים שיין פון אַ צאַנקענדיק ליכטל און האָט אויף זיין קאַסטן געשריבן דעם

לעצטן גרוס פון שיף צו זיין פאמיליע, — און יאָסעלע איז נאָך אַלץ געלעגן ביי דער מוטערס זייט אויפן סעניק און האָט מיט זיינע גרויסע אויגן אַרויסגעקוקט אין דער נאַכט אַריין אויפן ים. אין דרויסן איז שוין פינצטער געווען, אַ שוואַרצע, שווערע כמאַרע איז געלעגן איבערן ים, און אַלץ איז געווען פאַרשטעלט, נאָר פון הינטן, אויף די ווענט פון שיף, האָט זיך געהערט דאָס ברומען פון די כוואַליעס, וועלכע זיינען אַנגעקומען צו־לויפן פון ים און האָבן געקלאַפּט אויף די ווענט פון שיף, און יאָסעלע האָט געטראַכט, פון וואַנען די כוואַליעס קומען אָן צולויפן — פון דער טיפעניש פון ים, פון דאָרט ווייט, נאָך די ליכטלאַך, וואו עס איז שוואַרץ — דאָרט, וואו עס ליגט דער לויתן, און אויף זיין עק שטייט די וועלט, און עס איז געווען, אַז ער זאָל איין וואָרף געבן מיט זיין עק, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אין ים אַריינפאַלן, נאָר גאָט שטייט דערביי און זאָגט: „ריר זיך נישט“ — און דער לויתן גיט זיך קיין ריר נישט. ער האָט אים איצט באַשיינפערלאַך געזען, דעם לויתן, דאָרט אין דער טונקלקייט, וואו ער שניידט זיך אויס פון ים אַרויס און שטייגט וואָס אַמאָל בולט'ער, בולט'ער פון ים אַרויס, אָט וואַקסט זיין קאָפּ, וואַקסט זיין עק, און ציט זיך אויס וואָס אַמאָל לענגער, אָטאָ, אָט, ביז ער דערגרייכט שוין אָט אַהער, אָט וועט ער באַלד אָנרירן מיט זיין עק די ווענט פון שיף און אַלץ וועט ער אומדרייען אין ים אַריין.

— מאַמע! — האָט פּלוצים יאָסעלע געגעבן אַ שריי אויס מיט אַזאַ האַרץ־שרעקנדיקן געשריי, אַז חנה־לאה האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך אומגעקוקט, וואו זי איז — האָט גענומען יאָסעלעס קאָפּ הינטער איר טוך אַרונטער און האָט אים דאָס פּנים פאַרשטעלט.

— לייען קריאת־שמע, יאָסעלע, און שלאָף.

און יאָסעלע האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש קריאת־שמע געלייענט הינטער דער מוטערס טוך.

שלום אַש

אויפן שיף

1

א ליכטיקער מאַן אין א ליכטיקן הוט,
שפּאַנט זיך אַרום אויפן שיף, אויפן דעק,
און איינציקער, וועמען ס'איז האַפּעדיק גוט
אין פּאַניק פון וואַקל און אונטערגאַנג־שרעק.

2

צעשליידערטע ליגן פאַרוואָרפענע קעפּ
פון מענער און פרויען אין גוסס'ן בלייך;
דער גאָט פון די ים'ען, אויף תהום'דיקע טרעפּ,
א שוימיקער שפּילט זיך אין נידער און הויך.

3

געוויין פון סיגנאַלן פאַרוואונדיקט געשריי,
די נעבכט די געשרייען פרעסט אויף מיט איין פּרעס;
דער האַפּעדיק־איינציקער, ווייסער פון שניי,
אין אָנקום פון אומקום גייט אויף ווי א נס.

4

מיטן פּנים צום רוי ווינט, ביים אָנשפּאַר פון באָרט,
מיט פינגער געשטייפטע, ווי קופּערנער דראָט,
מיט ליפּן פון ערשטן אורקוואַליקן וואָרט,
ער בייסט זיך אריין אינם שטורמדיקן גאָט.

ת. לייוויק

די רייזע איבערן ים

די ערשטע פיר־פינף טעג אויפן ים האָבן מיר אַלע שרעקלעך געליטן. דער ים האָט געבושעוועט, ווי אַ צערייצטע, ווילדע חיה און האָט אַרומגעשליידערט אונזער אָרעם שיפעלע, ממש ווי אַ שפענדל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אים האָט זיך נישט אַנדערש געוואָלט ווי פאַרשלינגען אונז. מיר זענען געלעגן אין אונזערע ד׳ אמות על ד׳ אמות׳דיקע צווישן־דעקלעכער און האָבן זיך געוואָרפן אין קדחת.

אָט הייבט זיך די שיף אויף אַזוי הויך, אַז דער קאָפּ הייבט אָן שווינדלען, אין די אויגן ווערט פינסטער און ס׳ווערט אַזוי נודנע אַ מינוט צו חלש׳ן... אָדער אָט הייבט זי גאָר אָן פאַלן אַרונטער, אַרונטער און דאָס האַרץ הייבט אָן זינקען, זינקען אַראָפּ, אַראָפּ, און ס׳דאַכט זיך, אַז באַלד פאַלט זי גאָר אַרויס... אָט טוט זיך די שיף אַ קער אין איין זייט און מיר אַלע קייקלען זיך פון די געלעגערס מיט די שטרויענע מאַטראַצן, בלעכענע כלים און פעקלאַך. עס ווערט אַ קלאַפּעריי, אַ יאָמערן פון קינדער, אַ געשריי פון טאַטעס און מאַמעס און דאָס וואָיען פון די גוואַליעס שרייט אַלץ אַריבער; פּלוצלונג, מיט האַסט, גיט זיך אַלץ אַ דריי איבער אין דער אַנדערער זייט און דיזעלבע געשיכטע חזר׳ט זיך איבער, מיט דעם צוגאָב נאָר, וואָס איצט זענען שוין אַ סך צעקלאַפּט, צעביילט און צעשלאָגן. שלעכט, ביטער ווי דער טויט זענען געווען די ערשטע פּאָר טעג אויף דער שיף!

אָבער אָט האָט אָנגעהויבן ווערן גרינגער. דער ים איז געוואָרן רואיקער און אויפן האַרצן — פרייליכער. עס איז אַוועק נאָך אַ טאָג און מען האָט שוין געקאָנט עפּעס נעמען אין מויל — און דאָס איינהאַלטן. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די לעכער אויף דער פרייער לופט. די ליבע זון האָט געוואַרעמט, געטרייסט און געגלעט. איך האָב זיך דערפילט ווי אויפגעלעבט, ווי איך וואָלט פון אַ קרענק אויפגעשטאַנען. און אויך מיין אַפּעטיט האָט זיך צעשפּילט, ווי נאָך אַ קרענק, וועלכן עס איז גאָר נישט געווען אַזוי גרינג צו באַרואיקן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה — „די אכילה״. פון אונזער אָנגערגייטן „זאַפּאַס״ פון לאָנדאָן איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. מיר האָבן דאָס נאָך דעם ערשטן טאָג צורעכט געמאַכט. פון דעם אַלגעמיינעם טריפ׳ן קעסל עסן, האָב איך אפילו אויפן געדאַנק נישט געקאָנט אַרויפלאָזן. דער גערוך אַליין האָט אָפּגעעקלט — נאָר אַ צוויי־דריי פון אונזערע עמיגראַנטן האָבן זיך באַנוצט מיט דעם געקעכץ. און ס׳איז קיין אַנדער ברירה

נישט געבליבן, ווי קוויקן זיך מיט די „הינטישע ביסקיטס" און מיט היים וואַסער מיט צוקער אָנשטאָט טיי. דער מאַנגל אין שפּייז האָט אָבער מיר נישט געשטערט איצטער ווערן פרישער און מונטערער. איך בין אונטן אין קעלער פאַרבליבן שוין נאָר צו שלאָפן. איך האָב שטענדיק ארומגע־שפּאַצירט אויבן.

איך קוק זיך צו צו די פאַרשיידענע סצענעס און פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר צווישן מיינע שיף־ברידער און שיף־שוועסטער. און פּאַסירונ־גען זענען פאַרגעקומען אַלערליי — אי קאָמישע, אי טרויעריקע.

די גרויסע מאַסע פון אַלערליי וואַנדערער, די פאַרשיידענע בגדים, די אַלערליי שפּראַכן, דיאַלעקטן און אַקצענטן און אַלע איניינעם אין אַזאַ נאָענטער באַרירונג. ממש פּלאָנטערן זיך איינער איבער דעם אַנדערן; שמייכ־לענדיקע פּנים׳ער מישן זיך מיט פאַר׳כעס׳טע און צו׳רוגזה׳טע, פריילאַכע — מיט פאַריאָמערטע, דאָס אַליין איז שוין זייער טשיקאַווע און אינטע־רעסאַנט.

נישט ווייט פון מיר זיצט אַ גאַנצע משפּחה קענטיק חשוב׳ע באַלעבאַ־טים פון דער היים — פּאָגראָם־קרבנות. קיין פרייע מינע זעט זיך נישט אויף קיינעם פון זיי. דער טאַטע זיפצט, ער זיפצט טיף און ביטער. די מאַמע וויינט און גיסט טרערן; אַ טאָכטער, שוין אַ כלה־מיידל, קרומט אַלע ווײַלע איר פאַראומערט פּנים, ווי זי וואָלט געטרונקען עסיק; דער ברודער, אַ בחור׳ל פון אַ יאָר אַכצן, מיט זייער אַן ערנסט פּנים, רייבט דעם שטערן און טוט אַלע ווײַלע מיט כעס אַ שפּיי און רופט אויס: „טשאָרט וואָזמי סאַווסיעם!" לעבן דער פאַמיליע זיצט אַ מלמד׳ל פון ליטע מיט זיין ווייב און צוויי קינדערלאַך. ער זאָרגט זיך, וואָס עס איז שוין אַזוי ווייט אין זמן אַריין — ווייסט גאָט, אויב ער וועט שוין באַוויזן צונויפ־צושטעלן אין „נעוויאָרק" כאָטש אַזאַ קנעלונג, ווי ער האָט געהאַט לכל הפּחות אינדערהיים.

אַ וואַלד־סוחר, וועלכער האָט נאָך געהאַט עטלאַכע טויזנט רובל ביי זיך, פירט צוויי געזונטע דאָרף־שיקסעם און אַ „פּאַראָבעק". ער האָט בדעה קויפן אַן „אימעניע" אין אַמעריקע: ניש׳קשה, ער וועט נאָך ווייזן די אַמעריקאַנצעס, וואָס אונזערער אַ ברודער קאָן מיט „סקאָט" און וואַלד אויפ־טאָן, און אויף דעם סמך האָט ער זיך קודם באַזאָרגט מיט דינסטן און אַ יונג אין שטוב.

איינער אַ ציגאַרן־מאַכער חשבונ׳ט, וויפיל וועט דאָס אויסמאַכן אין רובלס, אויב ער וועט, ווי דער קאָמפּאַניעס פּראָספּעקטן־ביכלאַך שרייבן —

פארדינען דריי און א האלב דאָלער א טאָג? זיין שכן, א באַרבירער און נישט קיין פאַרגינער, שפּאַרט זיך מיט און באַווייזט, אַז אים וועט פון די געשאַנקען אַליין מאַכן כהנה־וכהנה.

א גרויסע פאַמיליע, פון א מענטשן פּופּצן, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, גרויסע און קליינע קינדער האַלטן אין איין קריגן זיך שטענדיק און דוקא הויך אויפן קול, גאָר ווי ביי זיך אינדערהיים. זייער שפּראַך איז געווען עפּעס אַזוי צעצויגן און מאָדנע אויסגעצוגן, אַז מיר איז שווער געווען גאָר צו פאַרשטיין זי. גאָר א יונג, שיינינק ווייבל, מיט א אינגעלע פון א יאָר פינף, א זעלטן קלוג און סימפּאַטיש קינד, האָט כסדר געקלאָגט און געוויינט אויף איר ביטער מזל. דאָס קינד פלעגט זי אַרומכאַפּן מיטביידע הענטעלאַך, קושן און טרייסטן: אַז באַלד, באַלד וועלן זיי שוין זיין ביי דעם טאַטן.

א סך פון די רייזנדע זענען געווען זייער אָפּטימיסטיש, זיי זענען געווען זיכער, אַז די גרעסטע גליקן זענען פאַר זיי אָנגעגרייט אין אַמעריקע. אויף דעם חשבון האָבן זיי שוין גאַנצע לופט־שלעסער געבויט; פּינקטלאַך אויס־גערעכנט, וויפיל טויזנטער זיי וועלן אין א פּאָר יאָר אַרום פירן צוריק; וואָס זיי וועלן טאָן מיט דעם געלט און ווי זייערע שונאים וועלן צעפּיקט ווערן פון קנאה...

א סך זענען געווען שטאַרק דערשלאָגן. געזיפצט, געקרעכצט און גע־האַלטן אין טענה'ן: „גאָט ווייסט, גאָט ווייסט? וואָס פאַר א גוטס קאָן מען שוין דערלעבן פון א לאַנד, וואו מען גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. האַ?" די פּעסימיסטן זענען ס'רוב געווען די עלטערע מענ־טשען, זיי פלעגן טענה'ן: „גיי הייב אָן אויף די עלטערע יאָרן זיך לערנען רעדן, ברעכן די צונג, גיין אויף א נייעם שטייגער, אָן אַנדער פירונג און וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, פאַר א באַטרעף קאָן האָבן אונזער יחוס, אונזער תורה און איבערהויפּט וואָס פאַר א אידישקייט קאָן שוין דאָרט זיין?"

אויפן פערצענטן טאָג האָבן מיר דערזען לאַנד! א יובל־געשריי פון פרייד און באַגייסטערונג, האָט זיך אַרויסגעריסן פון די פאַרשמאַכטע הער־צער. יונג און אַלט, מענער, פרויען, קינדער, אויסגעפּוצט אין דעם שענסטן און בעסטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זענען צעפלאַמטע מיט יום־טוב'די־קע, שמחה־שטאַרלנדיקע פּנים'ער געשטאַנען אויפן „דעק" און געהיט יעדן רוק פון דער שיף, ווי זי קומט אַלץ נעענטער און נעענטער צו דעם נייעם לאַנד, צו דעם נייעם לעבן און צו דעם נייעם מזל...

דער עולם האָט זיך איינגאַנצן פאַרענדערט, יונגוואַרג האָט געפּייפט, געזונגען, הנאה׳דיק געלאַכט און פּשוט געטאַנצט. אפילו אויף די אַלטע פּנים׳ער האָבן זיך אויך די קנייטשן אביסל אויסגעגלייכט. זיי האָבן זיך אַלע געפרייט אַזוי ווי זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז אויפן ברעג, צו וועלכן זיי דערנעענטערן זיך איצט, איז פאַר זיי אָנגעגרייט דאָס העכסטע גליק.

דער דאָקטאָר איז אַרויף אויף דער שיף, געהייסן פאַרקאַטשען די אַרבל, זען אויב די סימנים פון די פּאָקן זענען נאָך פאַראַן.

אָט זעט מען שוין „הומבאַגן״; „הובאַקן״ אָדער האָבאָקען. „פאַראַמען״ אָדער „פּערים״ אָנגעפּאַקטע מיט אַ סך מענטשן, שווימען זיך אַזוי עלעגאַנט איבערן וואַסער, און אונזערע עמיגראַנטן דענקען נישט אַנדערש, אַז דאָס קומט מען אונז באַגעגענען... מאַכן זיי דאָך מיט די טיכלאָך, מאַכן מיט די הענט. שרייען צו אונז און לאַכן!...

אַרום עלף אַזייגער זענען מיר צוגעקומען צום ברעג אין האָבאָקען. דער עולם האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן געזעגענען. פיל באַקאַנטשאַפטן זענען אויף דער שיף געמאַכט געוואָרן; פיל פריינטשאַפטן געשלאָסן געוואָרן — איצט דאַרף מען זיך צעשיידן. מען האָט זיך גענומען פאַרשרייבן אַדרעסן. דריקן זיך הענט און שרייען: „זע פאַרגעס נישט!״

עס איז געוואָרן אַ בהלה, מען האָט גענומען איבערזעצן דעם עולם אויף קלענערע שיפלאָך און פירן קיין „קעסל גאַרדן״.

מען האָט דורכגעקוקט די זאַכן. איך האָב געעפנט מיין טשעמאָדאַן, אַן אינספּעקטאָר איז צוגעקומען, האָט אַ נישטער געטאָן מיט דער האַנט, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אָל־רייט!״

איך מיט מיין באַלטער פריינט זענען אַריין אין „קעסל־גאַרדן״. מען האָט פאַרשריבן די נעמען, עלטער און פון וועלכן לאַנד מיר קומען און אַן שום ווייטערע שאלות האָט מען פאַר אונז ברייט געעפנט טיר און טויער פון דעם געבענטשן, פרייען לאַנד...

י. קאַפּעלאָוו

צום אַמעריקאַנער ברעג

אויף דער שיף איז היינט געווען יום־טוב. מען האָט זיך דערנעענטערט צום ברעג פון אַמעריקע; כאָטש מען האָט דעם ברעג נישט געזען — דאָך האָט מען געפילט זיין נאָענטקייט, און מען האָט אים דערוואַרט יעדן אויגנ־בליק צו דערזען.

נאָך אַ טאָג צו פריער האָבן די מאַטראָסן דאָס גאַנצע גרויסע שיף געוואַשן, נאָך אַ טאָג צו פריער האָבן זיך די מעשׂים פון דער אַמעריקאַנער זייט געוויזן און האָבן מיט זייער שרעקנדיק געשריי באַגלייט די שיף איבער אַ גאַנצער נאַכט; נאָך אַ טאָג צו פריער האָבן זיך אומענדלאָך פיל קליינע שיפלאַך געוויזן איבערן ים, נאָך אַ טאָג צו פריער האָט מען אין די קאַיוטעס איבער דער גאַנצער שיף אויסגערופן: מאַכט אייך גרייט.

די אַמעריקאַנער פאָן אויפן מאַסטבוים פלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברייטן ים. און די פעלקער זיינען אַרוים פון זייערע געצעלטן אויף דעם אויבנדעק, מקבל־פּנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדן.. יעדער איינער האָט דאָס בעסטע אַרויסגענומען פון דעם באָדן פון זיין קאַסטן און דערמיט זיך אויסגעצייכנט. און אויסגעפּוצט אין יום־טוב־קליידער שטייען דאָ די פעלקער פון דער וועלט אויף דעם אויבנדעק פון דער שיף; זייערע בליקן זיינען געווענדעט מיט בענקשאַפט און זיי דערוואַרטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער דעם אַמעריקאַנער ברעג. דאָ און דאָרט זעט מען אַ קליין־רוסישן פּויער מיט זיין רויט־העמדל און שוואַרצן הוט, שטייט און קוקט תּמ׳עוואַטע אויף דעם וואַסער, לעבן אים זיין ווייב, דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פון איר האַרץ צו אירע ליפּן; אַ פּוילישע פּאַרטיע אין איר רויטן נאַציאָנאַל־קאָסטיום גרופּירט די קינדער אַרום זיך; אַ הויכער, ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטן האַלזטוך און צעקנייטשטן קאַפּעלוש האַלט זיין מאַנדעלינע אין דער האַנט, ער האָט גאַרניט צו ברענגען פון זיין רייך לאַנד, נאָר זיין געזאַנג מיט זיין גיטאַרע צום אַמעריקאַנער באָדן; עס וואַרפט זיך דאָס קאַלירטע טוך אויף אַ שפּאַניש שוואַרץ־מיידלשן קאָפּ אין דעם ים פון פאַרבן; עס בלייכט זיך אַרוים צווישן דעם ים מענטשן־קעפּ אַ בלייך כריסטוס־פּנים, אַרומגערינגלט אין אַ שוואַרצער באָרד פון אַ פּוילישן אידן. דאָ און דאָרט נעמען זיך צונויף די רומענישע פּויערים אַרום אַ צלם, וואָס ווייזט זיך איבער זייערע קעפּ, קניען צו דער ערד און לאָזן שאַלן איבער דעם ברייטן ים אַ רעליגיעז לויב־ליד. די קאַטוילישע באַפעלקערונג טוט שוין נאָך: אין צווייטן ווינקל האָבן

זיך די פוילישע פּאַרטיעס און פויערים צוזאַמענגעקליבן אַרום אַ צלם און אַ קירך־פּאָן און עס דערהערט זיך דאָס מורא׳דיקע קאַטוילישע קירכן־ליד, וואָס איז מער ענלאַך צו האַרץ־רייסנדיקע געשרייען, ווי צו אַ ליד. און די זון באַשימערט דאָס וואַסער, באַגיסט מיט ליכט די שיף, ברענט צונויף די פאַרבן פון די פאַרשידענע פעלקער אין איין גרויסן קאָלירטן פאָן; די געזאַנגען ווערן אויסגעמישט, די לידער ברומען איבערן ים, די וועלן קלאַפּן הינטער די רעדער פון שיף, און עס ווערט איין גרויס, גרויס לויב־ליד צו דעם ברעג, וועלכן אַלע דערוואַרטן מיט בענקענדיקע בליקן און קלאַפּנדיקע הערצער.

אַמעריקע מקבל־פּנים זיין איז אויך אונזער חנה־לאה אַרויס מיט אירע קינדער פון דעם שיף־לאָך, אין וועלכן זי האָט זיך אויפגעהאַלטן צוועלף טעג. אָנגעטאָן אין איר שענסטער שבת־הויב מיט דעם נייעם טוך, שטייט זיך דאָ צווישן די פעלקער פון דער וועלט מיט יאָסעלען ביי דער האַנט, מיט דער „קאָמאַנדע״ און רחלען. אָנגעטאָן יאָסעלען דאָס שבת׳דיקע סאַמעטן היטל, אָפּגעוואַשן אים דאָס פּנים און פאַרקרייזלט אים די פּאות׳לאַך, אַז ער זאָל אין די אַמעריקאַנער אויגן חן געפינען; די „קאָמאַנדע״ אויך אויס־געפּוצט די קאַפּאָטקעלאַך, אויסגעשמירט זיי די שטיוועלאַך, און רחלען פאַרפּוצט מיט איר נייעם שבת־קליידל, — שטייען זיי דאָ, אונזער פלייש און בלוט, צווישן די פעלקער פון דער וועלט און דערוואַרטן דאָ אויך דעם אַמעריקאַנער ברעג, אויף וועלכן עס געפינט זיך זייער פאָטער, וועלכער איז אַהינגעפאָרן זוכן פאַר זיי — אַן אָפּרו און אַן אויפהאַלט.

קיין ליד זינגט זי ניט, קיין וואָרט זאָגט זי ניט. וואָס זאָל זי רעדן, וואָס זאָל זי זאָגן — וואָס זי וויל, וואָס זי ווינטשט אין איר האַרץ — ווייסט גאָט גאַנץ גוט.

אַזוי שטייט זי, חנה־לאה, מיט אירע קינדער, און דערוואַרט אַמעריקע מיט איר מאַן מאירן. די הויב גלייך זיך געמאַכט אויף איר קאָפּ, אַז זי זאָל ביי מאירן אין די אויגן חן געפינען, ווי אַ אידישע טאָכטער די האָר פעסט הינטער דער הויב אַרונטערגעשטופּט — גיט זי אַ וואָרף אַ בליק אויף די קינדער, — וואָס וועט ער זאָגן צו זיי, — גיט זי אַ רוק צוריק אַ יונג פון דער „קאָמאַנדע״, וועלכער האָט זיך אַרויסגערוקט, מאַכט גלייך דאָס היטעלע אויף יאָסעלעס קעפּעלע, און גלעט אים דאָס פּנימ׳ל.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ גרויסער אויסגעשריי אויף דער שיף. און די מאַסע, ווי איין מענטש, האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף די קני און זיך גע׳צלמ׳ט. חנה־לאה האָט זיך מיט שרעק געגעבן אַ קוק אום.

זי האָט דערזען פאַר זיך אַ לייכטנדיקן דיקן טונאַן און פון טומאַן האָבן זיך אַרויסגעשניטן הויכע, פּירעקנדיקע בערג, עטוואָס אַזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען. די מענטשן פון דער שיף זיינען געבליבן שטיין און מיט גרויסע אויגן און אויפגעעפנטע מיילער האָבן זיי געהאַלטן אין איין קוקן אַהין, צו די בערג, צו דעם — וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען. נאָר וואָס אַמאָל איז דער נעפּל שיטערער געוואָרן, דורכזיכטיקער און לייכטנדיקער, און פון דעם נעפּל האָבן זיך שוין שאַרף אויסגעשניטן פינף הויכע פּיר־עקנדיקע אייזערנע קאַסטנס, וועלכע זיינען געשטאַנען איינס הארט לעבן אַנדערן, און האָבן געבילדעט ווי אַן אייזערנע וואַנט אויף דעם ברעג פון ים, וועלכע פאַרשטעלט אַלץ, וואָס איז הינטער איר.

דאָס זיינען געווען די ערשטע וואָלקן־קראַצערס, וואָס שטייען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן.

די מענטשן זיינען געוואָרן פאַרבליפט און זיינען געשטאַנען ווי איין מענטש און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג און נייגעריקייט אויף דעם מאָדנעם באַשעפעניש. זיי האָבן אויסגעזען, די הויכע פּיר־עקיקע קאַסטנס, ווי ווילדע באַשעפענישן, ווי מוראַ'דיקע לייבן, וואָס שטייען אויף דעם ברעג פון אַמעריקע.

דערווייל האָבן זיך דורכגעשניטן איבער דער לענג אין וואַסער אומ־געהויער גרויסע ליכטיקע שיפן, וועלכע האָבן שרעקלאַך ווילד געפייפט; פון דערווייטנס האָט זיך פאַרנומען אַ מוראַ'דיק ברומען אַרויס פון דעם נעפּל, וועלכער איז געלעגן איבער דעם ברעג, ווי דאָרט אין דעם טומאַן, וואָלט זיך אַ ים געקאָכט, און דאָס קאָכעניש ברומט דאָס אַרויס פון אים. דאָס ברומען פון דערווייטנס און דאָס שרעקנדיקע פייפן פון די לויפנדיקע שיפלאַך האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף די מענטשן. דאָס קירכן־געזאַנג האָט אויפ־געהערט, דער צלם איז פאַרשוואונדן און אַ גרויסע שטילקייט האָט געהערשט אויפן שיף. אַלע האָבן זיך געפילט צוגעדריקט און קליין פון דער גרויסקייט, וואָס עפנט זיך אויף פאַר זייערע אויגן פון טומאַן אַרויס. נאָר איין חנה־לאה האָט ניט מורא געהאַט און איז ניט דערשראָקן געוואָרן. אומעטום איז דאָ גאָט און זי האָט דאָך שוין אירס דאָרט אויף יענער זייט נעפּל — דער פאָטער פון אירע קינדער איז דאָרט.

דערווייל האָט די שיף אַ גרויסן קרעכץ געטאָן, האָט געגעבן אַ גרויסן קראַך אין וואַסער און איז געבליבן שטיין. צום שיף איז אַ קליין שיפל צוגעפאָרן.אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען צוויי מענטשן אַרויף, אַמעריקאַ־נער, מיט אַמעריקאַנער פּענדלאַך און שטערנדלאַך אויף די היט, האָבן

געגעבן אַ זאָג אַז דאָס גאַנצע שיף מענטשן האָט זיך געשטעלט אין אַ רייע, איינער נאָכן אַנדערן, זיי האָבן געמאַכט אַ צוים, געשטעלט זיך און אַלע מענטשן פון שיף האָבן אָנגעהויבן דורכצוגיין פאַר זיי.

עס זיינען געווען דער אינספעקטאָר מיט דעם דאָקטער פון דער אַמע־ריקאַנער אינקוויזיציע.

די הערצער האָבן אָנגעהויבן צו שלאָגן פאַר שרעק, אַלע האָבן זיך גלייך געשטעלט, גלייכגעמאַכט די היט און די רעק אויף זיך, שטאַרק געמאַכט די אָרעמס און מיט פעסטע טריט האָבן די פעלקער אָנגעהויבן פאַרבייצוגיין פאַר זיי.

עס זיינען געגאַנגען רוטענער, פּאָליאַקן, רוסן, אידן, איטאַליענער, שפּאַניער, יעדער איינער און איינער, יעדע פרוי מיט אירע קינדער, האָבן געמאַכט שטאַרק זייערע אָרעמס און פעסט זייערע טריט, אַז זיי זאָלן געזונט אויסזען. גוט האָבן די אַמעריקאַנער געקוקט אין די אויגן אריין, אָנגע־טאַפּט די הענט, אויב געזונט איז דאָס מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס ברענגט זיינע הענט אַראָפּ, זיי צו באַדינען, אויב געזונט און שטאַרק וועט זיין דער דור, וואָס וועט פון די געבוירן ווערן, צו באַזעצן זייער לאַנד...

און אַז עס איז אָנגעקומען די רייע צו חנה־לאַהן, אַז זי זאָל זיך און די איריקע פאַר די אַמעריקאַנער ווייזן, האָט זי, ווי יעקב פאַר עשון, איר מחנה צעטיילט: פאַרויס האָט זי געשיקט פאַר זיך רחלען מיט אירע צוויי שוואַרצע שבת'דיקע צעפּעלאַך. — רחלע האָט חן געפונען — דורכגעלאָזט; נאָך איר איז געגאַנגען די „קאָמאַנדע". אָנגענומען זיך ביידע ביי די הענט, האָבן זיי מיט זייערע שבת'דיקע שטיוועלאַך הויך געטשאָפּעט אויפן פּאָל, אום זיי זאָלן געזונט אויסזען. באַקוקט די אויגן, דעם האַלז, אַ קלאַפּ געטאָן זיי אויפן רוקן און מיט אַ צופרידענער מינע זיי דורכגעלאָזט. דערנאָך איז געגאַנגען חנה־לאַה מיט יאָסעלען ביי דער האַנט (אַ מינוט פריער אים געקרייזלט די פּאות'לאַך, אַז ער זאָל חן געפינען). דער דאָקטאָר האָט גע־נומען יאָסעלען פאַר דער האַנט, אים געקוקט אין די אויגן אריין — יאָסעלע האָט געציטערט, האָט אָנגעכאַפּט די מוטער ביים קאַפּטן — דער דאָקטאָר האָט אים אויפגעדעקט דאָס קאַשקעטל, געגעבן אַ קוק אויפן קעפּל און האָט אַ וואונק געטאָן צום אינספעקטאָר.

חנה־לאַהס האַרץ האָט עפּעס שלעכטס אָנגעזאָגט. אירע הענט האָבן אַ ציטער געטאָן.

— גאָרנישט, פון לעצטן טיפּוס אַ קראַץ אין קאָפּ, — פאַרענטפערט חנה־לאַה.

דער אינספּעקטאָר האָט געגעבן אַ וואונק צו נאָך איינעם. קיין איין וואָרט איז נישט געוואָרן געזאָגט, און יענער האָט שוין אָנגענומען יאָסעלען ביי דער האַנט און אַוועקגענומען אים אין אַ זייט.

יאָסעלע האָט אָבער פעסט געהאַלטן דער מאַמעס קאַפּטן, זיינע אידישע אויגן האָבן אַ ציטערדיקן בליאַסק געטאָן. די פּאות'לאַך האָבן געציטערט.

— פון לעצטן טיפּוס אַ קראַץ אין קאָפּ געבליבן — טענה'ט נאָך אַלץ חנה־לאה פאַרן אינספּעקטאָר אויף אידיש, אָנהאַלטנדיק יאָסעלען ביי דער האַנט.

קיינער האָט זיי ניט געהערט, מען האָט זיי באַלד אַוועקגעשטופּט. אויף איר אָרט האָבן פּעלקער געוואָרט.

— אוי, מאַמעלע קרוין! — האָט די אידענע געגעבן אַ שריי אויס און איז שוין געווען אין דעם ווינקל, וואו מען האָט יאָסעלען אַהינגעפירט.

— און וואו זיינען מיינע שוואָלבן? — האָט זי געזוכט מיט אירע בליקן אויף יענער זייט צוים די איריקע.

נאָר אויף יענער זייט איז שוין געשטאַנען רחלע, די „קאָמאַנדע" האָט זי געהאַט לעבן זיך און האָט די מוטער באַרואיקט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז זי קאָן זיך פאַרלאָזן אויף איר.

שלום אַש

יאָסעלע

יאָסעלע איז דערווייל געזעסן אין אַ גרויס צימער צווישן אַ סך מענטשן און געוואַרט אויף דער מוטער. ער האָט ניט געוויינט, ער האָט ניט דער מאַמען צוריקגעהאַלטן, אַז מען האָט זי גערופן, ער האָט געשוויגן. פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען עס האָט זיך מיט אים דאָס אומגליק געטראָפן, האָט ער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז דאָ געשען מיט אים, און האָט זיך געפונען שולדיק, עפּעס איבער אַ געהיימער זינד. און עס האָט זיך דערוועקט אין דעם קליינעם איד די גאַנצע הכנעה און געדולדיקייט, מיט וועלכע זיין פאָלק טראָגט איבער זיינע צרות, און ער האָט זיך געפונען צוגעגרייט צו די צרות אַזוי, ווי זיינע עלטערן און אור־עלטערן פון אַלע דורות וואָלטן פאַר אים אַ וועג אויסגעטראָטן צו די צרות... שווייגנדיק און באַהאַלטן אין זיך איז ער געזעסן ביי זיין מוטער, ווי אַ דערוואַקסענער, דענקענדיקער מענטש, אַזוי ווי ער וואָלט די אַלע זאַכן פילאָזאָפיש גענומען, און האָט נאָר אייגנטלאַך פאַרדראָס געהאַט, וואָס מען האָט די מאַמע אַוועקגעריסן פון זיינע ברידער און עס איז איבער דעם פאַרשטערט געוואָרן די שמחה פון זען זיך מיטן טאַטן.

און דאָס אָרט, וואו ער האָט זיך געפונען, האָט געהייסן אין לשון פון פאָלק „דער אינזל פון טרערן". און עס איז ווירקלאַך דאָרט געווען דער טרערן־אינזל. אין דעם צימער, וואו יאָסעלע איז געווען, האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אַלע, וואָס זיינען געווען פאַרורטיילט צוריקגעשיקט צו ווערן מיט די שיפן, וועלכע האָבן זיי געבראַכט, אָדער איבער וועלכע עס האָט זיך נאָך אונטערהאַנדלונגען געפירט מיט וואַשינגטאָן. עס זיינען מערסטנס דאָרט געווען פאַריינזאַמטע, פאַר׳יתומ׳טע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געפונען קיין גואל, קיין קרוב, וועלכער זאָל זיי פון שיף אַראָפּנעמען; אָדער גאָר עלטערע מענטשן שוין, אָדער גאָר יונגע נאָך, וואָס האָבן מיט זייער אייגענעם כוח נישט געקאָנט גוט־זאָגן פאַר זיך אַליין, און האָבן באַדאַרפט האָבן אַן אייגענעם מענטשן, וועלכער זאָל גוט־זאָגן, אַז ער וועט זיי נעמען צו זיך — און זיי האָבן אַזעלכע ניט געפונען; זיי זיינען פרעמד געווען אין דעם לאַנד. און זיי האָבן אויסגעזען ווי „רעשטלאַך", ווי עס וואָלט דאָ פאָרגעקומען אַ גרויסע „חלוקה" פון מענטשן צווישן אייראָפּע און אַמעריקע, און אַ „רעשטל" איז איבערגעבליבן צווישן די שיפן, ווי קערנדלאַך גערשטן, וועלכע וואַלגערן זיך ביי די ברעגן פון די פאַרטן אַרום, ווען מען טראָגט איבער תבואה פון איין שיף אויף דער צווייטער...

ווי די ווייבער רעדן אזוי צווישן זיך, האָט זיך דערוויל יאָסעלע געפונען א חבר. דאָס איז געווען א אינגל אין זיינע יאָרן, וועלכער האָט זיך אויך דאָרט אין דער שטוב אַרומגעדרייט. ער האָט שוין אייניקע מאָל געוואָלט צוגיין צו יענעם, יענער צו אים, און האָבן זיך ביידע אַרום איינס געדרייט מיט א געוויסער שעמעוודיקייט, און געשוויגן. צום סוף זיינען זיי דאָך באַקאַנט געוואָרן האָבן זיך ביידע ביי די הענט אָנגענומען, און א ווינקל זיך געזעצט און ווי די גרויסע אָנגעהויבן צו רעדן:

— מען שיקט דיך אויך צוריק?

— יאָ. און דיך?

— אויך.

— פאַרוואָס?

— מען זאָגט, אַז איך האָב טריבע אויגן.

— און מיר איז פון לעצטן טיפוס א קראַץ אין קאָפּ געבליבן, — און יאָסעלע נעמט אַראָפּ דאָס היטל און ווייזט דאָס קעפּל.

— דו האָסט א טאַטן דאָ?

— יאָ. און דו?

— איך בין א יתום, איך בין צו א פעטער אַראָפּגעקומען — ענטפערט דער צווייטער.

יאָסעלע האָט גרויס דרך־ארץ געקראָגן פאַרן צווייטן אינגל, וויל ער איז א יתום און האָט זיך געהאַלטן פאַר נידעריקער פאַר אים, און ווי צוויי געטרייע קינדער פון זייער פאָלק, האָט זיך קיין שמייכל אויף זייערע ליפּן ניט געוויזן, די יוגנט פון זייערע געזיכטער איז אויסגעשטאָרבן, ווי קלוגע, אַלטע דערוואַקסענע מענטשן זיינען זיי געזעסן און איינער פאַרן צווייטן דאָס הארץ אויסגעגאָסן.

באַלד איז אַריינגעקומען יאָסעלעס מאַמע. אירע אויגן זיינען נאָך געווען פריש און זי האָט מיט נאַסע אויגן א צערטלאַכן רחמנות־בליק געוואָרפן אויף יאָסעלען. יאָסעלע האָט פאַרשטאַנען זיין עלנט, זיין אומגליק און זיין שלים־מזל — אַלעס איבער אים... און האָט זיך געפילט ווי שולדיק, ווי ער וואָלט דאָס אַלעס אָנגעמאַכט.

אין א פאָר טעג אַרום איז צוריקגעקומען די אַנטשיידונג פון וואַשינגטאָן. עס האָט גאָרניט געהאָלפן. יאָסעלע האָט געמוזט מיט דער נעקסטער שיף צוריקפאָרן.

די פאַמיליע איז געשטאַנען צוזאַמען. אַלע האָבן געשוויגן און אַלע

האָבן געוואוסט וועגן וואָס עס גייט, כאָטש מען האָט דערפון קיין וואָרט נישט גערעדט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, ווער עס זאָל יאָסעלען אהיים באַגלייטן.

די מוטער האָט דאָך געדאַרפט דאָ בלייבן מיט די איבעריקע קינדער, מען איז דאָך שוין פאָרט דאָ. די מוטער האָט געוויינט:

— איך וועל ניט לאָזן דאָס קינד אַליין; עס וועט מיר פאַרלוירן ווערן, איך וועל עס נישט לאָזן, איך וועל אַלעס אין מיטן ים איבערלאָזן און וועל מיטן קינד מיטפאָרן.

האָט זיך רחלע אָפּגערופן ווי אַ דערוואַקסענע:

— אויף וועמען וועסטו די קינדער לאָזן, דער טאַטע מוז דאָך אַרבעטן גיין, בלייב שוין דאָ. איך וועל שוין פאָרן — און זי האָט זיך דאָס טיכעלע גלייך געמאַכט אויפן קאָפּ, אום אַ גאַנג צום פעטער צו גיין.

מאיר האָט געשוויגן און האָט נאָר בלויז געקוקט אויף רחלען. די מאַמע האָט ווייטער געוויינט:

— וואו וועל איך אייך אַליין לאָזן? ביסט דאָך נאָך אויך אַ קינד, איבער אַ ווייטן ים וואו וועל איך אייך אַליין לאָזן?

— גיב נאָר אַ קוק, איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן, איך וועל מיר שוין — ענטפערט רחלע און מאַכט זיך ווידער דאָס טיכל גלייך אויפן קאָפּ, ווי זי וואָלט שוין גרייט געווען צו פאָרן.

— מיין אָרים קינד — פאַלט די מאַמע אַרויף אויף איר.

און רחלע צעקושט זיך מיט דער מוטער אין טרערן, ווי זי וואָלט שוין אַן אַלטע אידענע געווען. דער פאָטער האָט גאָרנישט געזאָגט, געשטאַנען, געקוקט און די ליפּן זיך געביסן.

און אַז מען האָט יאָסעלען צו דער שיף געפירט, אויפן שיף אים אַרויפצוזעצן, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, אַזוי ווי ביי דעם קליינעם איד וואָלט דאָס האַרץ פאַרשטיינערט געוואָרן. שווייגנדיק האָט ער פאַרנומען דעם פאָטערס קושן, האָט געפילט דער מוטערס וואַרעמע טרערן רינען אויף זיין קאָפּ; ער האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט זיך געפילט שולדיק, שול־דיק אין אַלעס. מילא, עס איז פאַרפאַלן, נאָר ער שלעפּט רחלען מיט זיך מיט. ער האָט גוט געוואוסט און פאַרשטאַנען, וואָס עס איז פאַר דער שוועסטער איצט צו פאַרלאָזן אַלעס און צוריקפאָרן מיט אים.

ער האָט געשוויגן, געשוויגן און דאָס קעפּל געבויגן צו דר׳ערד.

דאָך, ווען ער איז אַרויף אויפן בריקל, וואָס פירט צום שיף, און האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען די מוטער מיטן פאָטער, האָט זיך דאָס

קינד אין אים דערוועקט און ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו וויינען:
— מאַמע!
און דאָס איז אַזוי נישט פּאַסנדיק געווען פאַר דעם אַכט־יאָריקן איד.

שלום אַש

קלאַס־אַרבעט

1. בעט אייער לערער, ער זאָל אייך פאָרלייענען די דערציילונג „מיר גנב׳ענען די גרעניץ״, פון שלום אַש. וואָס האָט געצוואונגען די אידן צו גנב׳ענען די גרעניץ?

2. וואָס טוט מען היינטיקע צייטן, ווען מ׳וויל פאָרן פון איין לאַנד אין אַ צווייטן? פאַרוואָס לאָזט מען ניט אריין אָן אַ פּאַספּאָרט? מוז מען האָבן אַ פּאַספּאָרט ביים אַרויספאָרן?

3. באַקען זיך מיט דער מאַפּע פון אייראָפּע. פּרוביר אויסאַרבעטן און אָנצייכענען די פאַרשידענע מאַרשרוטן, וואָס די אידן האָבן דורכגעמאַכט ביים אַרויספאָרן פון פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, רומעניע, פאַרנדיק קיין אַמעריקע.

4. אין וואָס זיינען באַשטאַנען די ספּעציעלע שוועריקייטן, וואָס די אידן האָבן באַגעגענט אין די פאַרשידענע אָפּשטעל־לענדער ביז זיי האָבן זיך גע־זעצט אויפן שיף? פּרוביר פעסטשטעלן, דורך אויספרעגן דיינע באַקאַנטע, די שוועריקייטן בנוגע עסנס, געלעגערס, פאַרהאַנדלונגען מיט די פאַרטרעטער פון די שיף־קאָמפּאַניעס, די פיזישע עקזאַמענס, א. אז. וו.

5. ווי אַזוי זיינען די אָרימע אידישע עמיגראַנטן באַהאַנדלט געוואָרן דעם גאַנצן וועג?

6. אַלע די, וואָס באַשרייבן די רייזעס פון די אַמאָליקע אידישע עמי־גראַנטן ווייזן אָן אויף שוידערלאַכע ליידן, וואָס די אידן האָבן געהאַט אויס־צושטיין, באַזונדערס אויף דער רייזע איבערן ים. פון דעם, וואָס איר האָט גע־לייענט אין דער אָפּטיילונג, קאָנט איר זיך שוין אַביסל פאָרשטעלן די דאָזיקע ליידן. אויב איר האָט אַליין אַמאָל דורכגעמאַכט אַזאַ רייזע, אָדער אייערע נאָענטע, וועט איר דאָס בעסער פאַרשטיין. איז פּרובירט פעסטשטעלן, ווער ס׳איז אין דעם געווען שולדיק און מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן די דערפאַרונ־גען, וואָס מ׳האָט אַצינד פון אַזאַ רייזע, און די דערפאַרונגען — אַמאָל. וואָס האָט זיך געענדערט, און וואָס איז נאָך געבליבן.

7. איידער מ׳האָט די עמיגראַנטן אַריינגעלאָזט אין לאַנד, פֿלעגט מען זיי שטרענג עקזאַמענירן. וואָס זיינען די מעלות און וואָס זיינען די חסרונות פֿון אַזאַ באַהאַנדלונג? וועלכע אומגליקן פֿלעגן זיך אין אַזעלכע פֿאַלן אָפּשפּיגלען?

8. איר קאָנט איצטער זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט און ווייטער שרייבן אייער רייזע־בוך. די נעקסטע קאַפּיטלען, וועלכע איר דאַרפֿט אַצינד באַהאַנדלען, זיינען:

ה) איך פֿאַרזאָרג זיך מיט די פּעסער (דער פּאַס פֿון מיין געבורטלאַנד, דערלויבענישן דורכצופֿאָרן אַנדערע לענדער, אויב איר מאַכט אייער רייזע אַדורך אין די איצטיקע יאָרן, פֿאַרגעסט ניט די קוואָטאַ־געזעצן).

ו) די דורכפֿאָר־לענדער (פּרובירט מאַכן אַן אָפּשטעל אין יעדן לאַנד. וועלכע אינטערעסאַנטע זאַכן האָט איר דאָרט באַמערקט? ווי אַזוי פֿאָרט מען אַריבער די גרעניצן אין די לענדער? וואָס האָט איר געטאָן די גאַנצע צייט? אין וועלכן פּאָרט נעמט איר די שיף?)

ז) די שיף, מיט וועלכער איך פֿאָר (נאָמען און אַנדערע אינפֿאָרמאַציעס וועגן דער שיף. אפֿשר זייט איר גאָר אַרויסגעפֿאָרן אין ים אַריין מיט אַ באַדינער־שיפֿל? פֿאַרוואָס טוט מען דאָס?)

ח) מיין רייזע איבערן ים (ווי לאַנג האָט געדויערט די רייזע? ווי לאַנג נעמט אַצינד? דער ערשטער טאָג אויפֿן ים. מיינע מיטפֿאָרער. די עסנס, דאָס געלעגער. מיט וואָס פֿאַרווײַלט מען זיך? שטורעמס אויפֿן ים. די ים־קראַנקייט. וועלכע זאַכן האָט איר באַמערקט? דער לעצטער טאָג. מען זעט שוין לאַנד)

די ליטעראַטור, וואָס איר האָט באַקומען פֿון די געזעלשאַפֿטן, וועט אייך אַצינד זייער צוניץ קומען. זייער פֿיינע רייזע־ביכלאַך און אינפֿאָרמאַציעס וועגן די אַלע לענדער, וואָס איר דאַרפֿט דורכפֿאָרן, קאָנט איר באַקומען פֿון די אינפֿאָרמאַציע־ביוראָס, וואָס יענע לענדער האַלטן דאָ אויס. זיי זיינען געוויינטלאַך באַקאַנט אונטערן נאָמען: — — אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ, אויספֿילנדיק בלויז דעם נאָמען פֿון דעם לאַנד, פֿון וועלכן איר זוכט אינפֿאָרמאַציע, אַשטייגער: פּוילן, דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך, א. אז. וו. זיי שיקן גערן צו אַזאַ ליטעראַטור.

שניידט אויס אַלע נויטיקע און פּאַסיקע בילדער און קלעפּט זיי אַריין אין אייער רייזע־בוך. מאַפּעס וואָלט גוט געווען, ווען איר צייכנט אַליין.

אַמעריקע

די אידישע איינוואנדערונג קיין אמעריקע

די איינוואנדערונג פון די אידן קיין אמעריקע שטעלט מיט זיך פאר איינס פון די סאמע אינטערעסאנטסטע און מערקווירדיקסטע קאפיטלען אין דער נייער אידישער געשיכטע. ווען די לאגע פון די אידן אין די אלטע היימען איז געווארן פינסטער ביז גאר און מ'האט געמיינט, אז ס'וועט זיך שוין נישט זען קיין שטראל ליכט, איז אויפגעקומען א נייער שטערן, א נייע האפענונג —

אמעריקע!

דאס דאזיקע ווארט האט פאר'כישופ'ט דעם אנגעשראקענעם און דער־דריקטן אידן. אהער האט געצויגן דאס הארץ פון דער ענערגישער יוגנט, וואס האט זיך „דארט" געפילט געפענטעט און גערדריקט און געבענקט נאך פרייהייט. אהער האט זיך געריסן דער עלטערער דור, וואס האט געזוכט א ווינקל וואוהין צו אנטלויפן און קאנען אויפהויבן דעם קאפ און אויסגלייכן די ביינער.

און כאטש מ'האט זיך פון אנהייב געשראקן צו פארן אין דעם אמעריקע, וואס געפינט זיך אזש אויף יענער זייט ים, האט מען עס שפעטער ליב גע־קראגן; כאטש מ'איז אין די ערשטע צייטן אויסגעשטאנען געברענטע יסורים, שפאט און חוזק, האט מען די נייע מדינה גאנץ שנעל אנגעהויבן באטראכטן ווי א נייע היים, ווי א שטענדיקע. און געקומען איז מען נים אויף א ווייל, אנשארן דאס געלט און אוועקפארן, ווי אנדערע האבן דאס גע־טאן, נאר אויף אייביק, אויף דור־דורות. ערשטנס, ווייל ס'איז דא געווען בעסער, פרייער, געזינטער; און צווייטנס — ווען ווילט זיך דאס צוריק־פארן אין פייער, אין גיהנום?

ס'איז נאך נישט אויף זיכער פעסטגעשטעלט געווארן גענוי ווען די ע ר ש ט ע אידן זיינען געקומען אהער. אבער מ'ווייסט אויף זיכער, אז אין מיטן פון 17טן יארהונדערט זיינען אין ניי־אמסטערדאם (ניו יארק) שוין געווען עטלאכע צענדליק אידישע משפחות. דאס זיינען געווען די שפאנ־נישע אידן וואס זיינען אנטלאפן פון די אינקוויזיציעס. מ'איז צוערשט אנט־לאפן קיין דרום־אמעריקע, און ווען דארט איז די לאגע געווארן נים־גינ־סטיק, האט מען זיך ווייטער געלאזט אין וועג אריין — קיין צפון־אמעריקע.

נאך די שפאנישע אידן האבן אנגעהויבן קומען די דייטשישע, די אידן

פון דייטשלאַנד, עסטרייך א. אַ. אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט. זייער הויפּט־צענטער איז געווען אין ניו יאָרק.

אָבער קיין לאַנד פון גרויסער אידישער אימיגראַציע איז אַמעריקע נישט געוואָרן ביז די 80ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אידישע עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּייאישע לענדער.

מיטן אָנקום פון דעם מזרח־אייראָפּייאישן אידן קיין אַמעריקע האָט זיך דאָ אָנגעהויבן בויען אַ נייער אידישער צענטער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע. ס'איז ערשט געוואָרן אינ־גאַנצן 50 יאָר זינט די נייע כוואַליע פון אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן — און וואָס פאַרא ריזיקע זאַכן עס זיינען דאָ דורכגעפירט געוואָרן אין דער צייט!

די אידן אין אַמעריקע שטעלן מיט זיך איצטער פאָר דעם גרעסטן אידישן צענטער, סיי אין צאָלן, סיי אין מאַכט און סיי אין דער ראָלע, וואָס זיי שפּילן אין גאַנצן אידישן פאָלק. מ'מעג זאָגן, אַז אין אַ גרויסער מאָס האַלטן זיך די אידן אויף דער גאַנצער וועלט אויף (מיטן אויסנאַם פון עטלאַכע לענדער) מיט דער הילף, וואָס זיי באַקומען פון די אַמעריקאַנער אידן. נישט בלויז הילף אין געלט, נאָר אויך הילף אין מאָראַלישן כוח.

אין אַמעריקע געפינען זיך אידן פון אַלע לענדער אויף דער וועלט. נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד אויף דער וועלט, וואו עס געפינען זיך אַזויפיל פאַרטרעטער און פאָרשטייער פון אַזויפיל פאַרשידענע סאָרטן אידן, ווי אין אַמעריקע. דאָ קאָן מען הערן אַלע לשונות, וואָס אידן רעדן אין לענדער פון דער גאַנצער וועלט. דאָ טרעפט זיך צונויף דער איד פון פּוילן מיט דעם איד פון טערקאי; דער איד פון ארץ ישראל מיט דעם איד פון אַפריקע; דאָ קומען זיי זיך אַלע צוזאַמען אין דער שול, אין דעם פאַריין, אין דער יוניאָן, אין דער פּאַרטיי און ס'ווערט געבוירן אַ נייער איד — דער אַמעריקאַנער איד, אַ איד, וואָס האָט נישט מורא זיך צו פאַרטיידיקן און פאָדערן זיינע רעכטן און וואָס דאַרף זיך נישט באַ־האַלטן אין אַ ווינקל אין שטוב, אָדער אויפן בוידעם, כדי די אַנדערע זאָלן נישט זען און ניט וויסן, אַז ער איז אַ איד.

מעכטיקע אידישע געזעלשאַפטן, שטאַרקע אידישע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס, ריזיקע אידישע צייטונגען, אָן אַ שיעור קולטורעלע צענטערן — אַט דאָס אַלץ און נאָך מער האָט דער איד פון מזרח־אייראָפּע דאָ אויפגע־בויט און אויפגעשטעלט אין אַזאַ קורצער צייט, ווי 50 יאָר. אַמעריקע איז

פאר דעם אידן געוואָרן ניט א דורכפאָר־אָרט, א דערוויילִיקע סטאנציע, נאָר א שטענדיקע היים.*

כמעט א העלפט פון אַלע אידן אין אמעריקע געפינען זיך אין דער שטאָט ניו יאָרק. אָבער כאָטש די אידן קאָנצענטרירן זיך דער'עיקר אין עטלאכע גרויסע שטעט, געפינען מיר זיי אין גרעסערע און אין קלענערע צאָל אין אַלע שטאָטן פון דער רעפובליק און אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווי עס באווייזן די פאָלגדיקע טאבעלעס:

צאָל אידן אין די פאראייניקטע שטאטן

(לויט די שטאָטן)

שטאָט	צאָל אידן	פראָצענט פון אַלג. באפעלקערונג	פראָצענט פון איד. באפעלק.
אַלאבאמא	12,891	0.50	.30
אריזאָנא	1,455	0.32	.03
אָקלאָהאָמא	7,823	0.33	.18
אָהייאָ	173,976	2.59	4.11
אָרעגאָן	13,075	1.47	.31
אייאָווא	16,404	0.68	.39
אינדיאנא	27,244	0.86	.64
אילינאָי	345,980	4.74	8.18
איידאהאָ	1,141	0.21	.03
ארקענסאָ	8,850	0.46	.21
דעלאַווער	5,310	2.18	.12
דיסטריקט אָוו קאָל.	16,000	2.96	.38
דזשאָרדזשיא	23,179	0.73	.55
ווערמאָנט	2,036	0.58	.05
ווירדזשיניא	25,656	1.01	.60
וואשינגטאָן	14,698	0.94	.35
וויסקאָנסין	35,935	1.23	.85
וועסט ווירדזשיניא	7,471	0.44	.17
ווייאָמינג	1,319	0.55	.03
טענעסי	22,532	0.91	.53
טעקסעס	46,648	0.86	1.10

צאָל אידן אין די פאַרייניקטע שטאַטן

(לויט די שטאַטן)

שטאַט	צאָל אידן	פּראָצענט פון אַלג. באַפעלקערונג	פּראָצענט פון איד. באַפעלק.
יוטא	2,857	0.55	.06
לואיזיאַנא	16,432	0.85	.39
מעין	8,480	1.07	.20
מערילענד	70,871	4.44	1.67
מאַסאַטשוזעטס	225,634	5.32	5.33
מישיגען	89,462	1.99	2.11
מינעסאָטא	43,197	1.61	1.02
מיסיסיפּי	6,420	0.36	0.15
מיזורי	80,687	2.30	1.91
מאָנטאַנא	1,578	0.22	0.37
נעבראַסקא	14,209	1.02	.33
נעוואַדא	264	0.34	.01
ניו-העמשייר	2,779	0.61	.06
ניו־דזשורסי	225,306	6.01	5.33
ניו־מעקסיקאָ	1,052	0.27	.02
ניו־יאָרק	1,903,890	16.67	45.03
נאָרט קעראָליינאָ	8,252	0.28	20
נאָרט דאַקאָטאַ	2,749	0.43	.06
ס. קעראָליינאַ	6,851	0.37	.16
ס. דאַקאָטאַ	1,584	0.23	.03
פלאָרידאָ	13,402	0.98	.32
פּענסילווייניא	404,979	4.16	9.58
קאַליפאָרניע	123,284	2.78	2.91
קאָלאָראַדאָ	20,321	1.89	.48
קאָנעקטיקאָט	91,538	5.59	2.16
קענזעס	7,792	0.59	.18
קענטאָקי	19,533	0.77	.46
ראָוד איילענד	25,003	3.56	.60

וואוקס פון דער צאָל אידן אין די פאַרייניקטע שטאַטן

יאָר	צאָל	יאָר	צאָל
1818	3,000	1907	1,776,885
1848	50,000	1917	3,389,000
1877	229,087	1927	4,228,000
1897	937,800		



די אידישע איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע

יאָר	צאָל איינוואַנ־דערער	פּראָצענט פון אַלע איינוואַנד.	יאָר	צאָל איינוואַנ־דערער	פּראָצענט פון אַלע איינוואַנד.
1900	60,764	13,5	1913	101,330	8,5
1901	58,098	11,9	1914	138,051	11,3
1902	57,688	8,9	1915	26,497	8,1
1903	76,203	8,9	1916	17,342	5,1
1904	106,236	13,1	1917	15,108	5,9
1905	129,910	12,7	1918	3,672	3,3
1906	153,748	14,0	1919	3,055	2,2
1907	149,182	11,6	1920	14,292	3,3
1908	103,387	13,2	1921	119,036	14,8
1909	57,551	7,7	1922	53,524	17,3
1910	84,260	8,1	1923	49,719	9,5
1911	91,223	10,4	1924	49,989	7,1
1912	80,595	9,6	1925	10,292	3,5

צוריקוואַנדערונג פון די שטאַטן ביי פאַרשידענע פעלקער

פאָלק	צאָל צוריקוואַנדערער	פּראָצענט צוריק־וואַנדערער לגבי דער איינוואַנדערונג
רומענער	65,554	67.0
מאַדיאַרן	150,936	64.2
איטאַליענער	1,167,407	55.8
רוסן	111,903	50.6
פּאָליאַקן	324,493	40.0
ליטווינער	35,513	25.4
טשעכן	18,366	21.2
ענגלענדער	161,914	19.0
פראַנצויזן	65,104	17.3
רוטענער	29,124	16.7
דייטשן	125,738	15.3
אידן	52,585	5.2

די אידישע איינוואנדערונג אין קאנאדע

די אידישע איינוואנדערונג אין קאנאדע איז זייער ענלאך צו דער איינוואנדערונג אין די פאריייניקטע שטאטן. ס'זיינען פאראן פאר־שיידענע מיינונגען וועגן דעם, ווען אידן האבן זיך אנגעהויבן באזעצן אין דער דאזיקער גרויסער מדינה פון צפון־אמעריקע. טייל האלטן, אז צווישן די איינוואנדערער אין קאנאדע אין 17טן יארהונדערט זיינען געווען בא־האלטענע אידן; אנדערע — אז די אמת'ע אידישע איינוואנדערונג האט זיך אנגעהויבן ערשט סוף פון 18טן יארהונדערט.

פון דאקומענטן ביי דער קאנאדישער רעגירונג ווערט אויף זיכער פעסט־געשטעלט, אז אין לעצטן העלפט פון 18טן יארהונדערט זיינען שוין דארט געווען אידן. פונקט ווי אין פאל פון די פאריייניקטע שטאטן, זיינען די ערשטע אידישע איינוואנדערער געווען ספרד'ישע אידן. זיי זיינען געקומען קיין קאנאדע פון די פארשידענע ענגלישע קאלאניעס, ווי סוחרים, ווי מיט־גלידער פון גרויסע ארמיי־עקספעדיציעס און מיט דער צייט האבן זיי זיך דארט באזעצט און געבליבן אויף שטענדיק קאנאדער איינוואוינער. נאכדעם ווי די אמעריקאנער קאלאניעס האבן זיך דערקלערט אומאפהענגיק פון דער ענגלישער קרוין, זיינען א ריי אידישע פאמיליעס, וואס זיינען געטריי גע־בליבן זייער ענגליש פאטערלאנד, אריבער קיין קאנאדע און דארט פארבליבן.

אין מיטן 19טן יארהונדערט האבן זיך די אידישע קהילות אין קא־נאדע גענומען מערן. ס'זיינען דאן צוגעקומען אידן פון דייטשלאנד, עסט־רייך, ענגלאנד און טיילווייז אויך פון פוילן. אבער קיין גרויסע אידישע באפעלקערונג איז דארט דורך דער גאנצער צייט נישט געווען. לויט דעם צענזוס פון 1861 ווייזט זיך ארויס, אז ס'זיינען דאן געווען אין קאנאדע אינגאנצן 1186 אידן; אין 1881 — 2393 אידן.

א גרויסער צופלוס פון אידישע איינוואנדערער מערקט זיך ערשט דאן, ווען ס'האבן זיך נאכגעהויבן די גרויסע אידישע אויסוואנדערונג פון מזרח־אייראפע (זע טאבעלע איינס, זייט 8) אין די 80 יארן פון לעצטן יאר־הונדערט. אין 1891 געפינען מיר שוין דארטן 6,414 אידן און זייער צאל נעמט שטייגן אלץ העכער און העכער אין די ווייטערדיקע יארן, ווי עס באווייזט די פאלגנדיקע טאבעלע פון יערלאכער נייער איינוואנדערונג:

יאָר	צאָל נפשות	יאָר	צאָל נפשות
1901	2,765	1914	11,252
1902	1,015	1915	3,106
1903	2,066	1916	65
1904	3,727	1917	136
1905	7,715	1918	32
1906	7,127	1919	22
1907	6,584	1920	116
1908	7,712	1921	2,763
1909	1,636	1922	8,404
1910	3,182	1923	2,793
1911	5,146	1924	4,255
1912	5,322	1925	4,500
1913	7,387		

לויטן לעצטן צענזוס געפינען זיך אין קאַנאַדע 126,196 אידן, וואָס צעטיילן זיך, לויט די פּראָווינצן, ווי פאָלגט :

פּראָווינץ	צאָל אידן	פּראָווינץ	צאָל אידן
פּרינץ עדוואַרד איילענד	21	סאַסקאַטשיוואַן	5,380
נאָווא סקאָשיאַ	2,161	אַלבערטאַ	3,242
ניו בראַנזוויק	1,243	בריטיש קאָלומביאַ	1,696
קוויבעק	47,977	יוקאָן	8
אָנטאַריאָ	47,798	נאָרט וועסט טעריטאָריס	1
מאַניטאָבאַ	16,669		

כאָטש עס זיינען אין קאַנאַדע געמאַכט געוואָרן אַ סך אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירן אידישע אַגריקולטורעלע קאָלאָניעס, זיינען די אידן פונ־דעסטוועגן דאָרט געוואָרן, ווי אין אַנדערע לענדער, שטאָט־איינוואוינער. און דער'עיקר איינוואוינער פון די גרויסע שטעט. מער ווי אַ העלפט פון אַלע אידן אין קאַנאַדע וואוינען אין צוויי שטעט; אין מאָנטרעאָל — 42,717 ; אין טאָראָנטאָ — 34,619. נאָך די צוויי שטעט קומט וויניפּעג מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון 14,449.


קאנאדע
צאל אידן לויט שטעט
(פון 5 טויזנט און העכער)
אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע
מצב
20.000 - 5.000 פון
50.000 - 20.000 "
100.000 - 50.000 "
100.000 און מער
ווינניפעג
קוויבעק
מאנטרעאל
אטאווא
טאראנטא
סיאטל
פארטלאנד
סאן פראנציסקא
אוקלאנד
לאס אנדזשעלעס
דענווער
אמאהא
מינעאפאליס
סעינט פאול
מילוואקי
שיקאגא
דעטראיט
קליוולאנד
טאלעדא
באפאלא
ניו-יארק
פילאדעלפיא
פיטסבורג
אינדיאנאפאליס
סינסינעטי
לואיסוויל
קענזעס סיטי
סעינט לואיס
מעמפיס
אטלאנטא
ריטשמאנד
נארפאלק
דאלאס
יוסטאן
סאן אנטאניא
ניו-ארלינס
ז. קאזלאווסקי

די נייע היים

מיר האָבן זיך פון אונזער אַלטער היים געשיידט —
אַ שטורעמווינט האָט אונז אַהער פון ווייט פאַרוויט;
ס'האָט איינער וואו אַן אַלטע מאַמע דאָרט געלאָזן,
און איינער האָט אַ טאַטנס קבר צווישן גראָזן.

נאָר איטלאַך איינעם האָט דאָס האַרץ מיט ווי געדריקט,
און איטלאַך איינעם האָבן טרערן שטום געשטיקט,
מיט פעקלאַך אויף די פלייצעס, קינדער ביי די זייטן
אין גאַסן פרעמדע, מיט זכרונות פון דער ווייטן.

און עמיץ האָט אַהער געבראַכט אַ בינטל ערד,
אַן אַלטן ספר, פון זיידנס אויג באַטרערט,
אַ שטילן צער, אין בליק אַ טיפן, אַלטן טרויער,
אַ ווידערקול פון שווערן זיפצן אין זיין אויער.

און אָפּגעריסן, ווי אַ צווייג פון אַלטן בוים,
גענומען האָבן מיר זיך בויען אונזער נייע היים;
דער אַלטער שטאַם איז דאָרט, דאָס האַרץ פאַרשניטן —
דער גרויסער, ברייטער ים־אוקינוס אין דער מיטן.

און ווי אַ ביימעלע אַ יונגס, וואָס שפּראָצט אַרויס
פון הארטן, קאַלטן פעלז, אַן מוטערס שויס,
וואָס נעמט מיט צווייגעלאַך פאַר'חלש'טע זיך ציען
אַזוי איז דאָ געוועזן אונזער צייט פון בליען.

און יאָרן זיינען זיך געלאָפן, נייע זאַפט
האָט דורכן ביימעלע געשטראָמט מיט לעבנס־קראַפט.
די וואָרצלען האָבן זיך געגראָבן אין דער נידער,
און אויפן קאָפּ געקלונגען האָבן נייע לידער.

י. י. שוואַרץ

אויף דעם אינזל פון טרערן

אויף עליס איילענד, ביי דעם טויער, דורך וועלכן אַלע גייען דורך אין דעם גאָלדענעם לאַנד אריין, האָט זיך געצויגן אַן אייביקע מענטשן־סטענגע פון ברעג־ים צו דעם גרויסן פיר־שטאָקיקן הויז, דורך וועלכן אַלע זיינען דורכגעגאַנגען אין דעם לאַנד אריין. ביי פינף אייזערנע גראטקעס זיינען געשטאַנען אַמעריקאַנער טשינאָווניקעס און האָבן אויסגעפרעגט יעדן פאַר־בייגייענדיקן: ווי און ווען? — פאַר וועלכע זיי האָבן באַדאַרפט זייער געלט ווייזן, און די געזונטע הענט זייערע, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגע־בראַכט. די סטענגע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט, יעדעס מאָל זיינען נייע שיפן צוגעפאָרן צו ברעג, האָבן נייע מענטשן ארויסגעוואָרפן — און די מענטשן, וואָס איינער איז געשטאַנען הינטער דעם צווייטן, האָבן זיך געהאַלטן אין איין ציען. עס זיינען געגאַנגען יונגע און אַלטע, ווייבער און מענער, דערוואַקסענע און קינדער, ס'זיינען געגאַנגען פאַרשידענע פעלקער, נאַציאָנען, אין פאַרשידענע פאַסאָנען און קאָלירן. די שפּראַכן פון דער ערד האָבן זיך געהערט דורך דער סטענגע רעדן, און קיינמאָל, קיינמאָל האָבן זיך די רייען נישט געענדיקט און ציען זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג און ביז צו דער איצטיקער מינוט...

און אַ שרעק ליגט אויסגעגאָסן אויף די פּנים'ער פון די פעלקער, וועלכע ציען דורך דעם טויער אין דעם גאָלדענעם לאַנד אריין. מען זעט, ווי זייערע הערצער קלאַפּן, ווי זייערע הענט ציטערן, און יעדער איינער רופט אָן דעם נאָמען פון זיין גאָט, אין זיין שפּראַך, און בעט הילף — און אַלע פילן זיך נאָענט, איין מענטש מיטן צווייטן. צום ערשט מאָל הערן זיי די שפּראַך, און דאָך פילט מען זיך נאָענט. איין גרויסע אימה בינדט צוזאַמען די הערצער פון די פאַרשידענע מענטשן פון די פאַרשידענע נאַציאָנען אין דער איינער ריי...

מאיר איז אַראָפּגעקומען. זיין הארץ איז געווען פאַרביטערט און זיינע ליפּן פאַרקלעמט. ער האָט זיך גע'חזר'ט אַ גאַנצע רעדע, וואָס ער וועט האַלטן פאַר זיי, די אַמעריקאַנער. „ווי הייסט?" — האָט ער געשריען אין זיך — „אַז מען זאָל נעמען אַ קינד פון אַ פאָטער און אַ מוטער?... אין סדום איז דאָך אַזעלכעס ניט געווען!" — שרייט ער אין זיך. — „ווי הייסט, וואָס זאָל איך טאָן, אריינוואַרפן מיין קינד אין וואַסער אריין, צוריקשיקן"!

און אַ גרויסע שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט פאַר דעם וואָרט. ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן ווייטער, אָבער עס האָט אים געפּויקט אין קאָפּ „צוריקשיקן", אַ קינד אַליין איבערן ים, איבער דעם גרויסן ים!

ער איז געלאָפן אַהין, צו דעם אידישן אַדוואָקאַט, וואָס זיצט דאָרט פאַר די אידישע עמיגראַנטן, אַ בריוו האָט ער געהאַלטן אין זיינע הענט, אַנגעגרייט פאַר אים פון עפּעס אַ סאָסייעטי, „אַלעס וועל איך אים זאָגן, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? עס איז דאָך עפּעס אין אַמעריקע, אין פרייען אַמעריקע!"

אַהין געקומען צום טישל פון אַדוואָקאַט, האָט ער געזען, אַז ער איז ניט דאָ איינער, — אַרום טישל זיינען געשטאַנען אייניקע גאַליציאַנער אידן און ווייבער און האָבן געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן: „אַמעריקע, פאַר־שאָלטן זאָל ווערן קאָלומבוס און זיין מדינה!" אַ אידענע איז געשטאַנען און האָט געוויינט, מען לאָזט איר די טאָכטער ניט אַריין, און עפּעס אַ יונגערמאַן האָט זיך געקלאָגט וועגן אַ כלה, און אַלע האָבן געשריען איבער דעם יונגנמאַן, דעם אַדוואָקאַט, אַז ער זאָל צולאָזן זייערע משפּחות. דער יונגערמאַן איז זיך גאַנץ רואיק געזעסן און האָט זיך גלייכגילטיק אויס־געהערט די געוואַלדן פון די אידן מיט די ווייבער און רואיק זיך עפּעס פאַרשריבן אין אַ ביכל אַריין. מען האָט געזען, אַז ער איז שוין געוואוינט געוואָרן צו דעם.

מאיר האָט זיך דערשלאָגן צו אים און האָט אים איבערגעגעבן דעם בריוו פון דער סאָסייעטי. דער יונגערמאַן האָט גאַנץ גלייכגילטיק דעם בריוו דורכגעלעזן (ביי מאירן האָבן געציטערט הענט און פיס), דערנאָך גענומען דעם בריוו און אים גלייכגילטיק אויף דעם טיש אוועקגעלייגט, געגעבן אַ נעם אַראָפּ די פּענסנע פון דער נאָז, אַ פינקל געטאָן מיט די אויגן און געגעבן אַ צי מיט די פּלייצעס:

— איך קאָן גאָרנישט טאָן.

— אָבער אַ קינד, אַ קינד, אַ קינד! — האָט מאיר אַרויסגעריסן די ווערטער פון צווישן די ציין, וועלכע האָבן זיך געשאַרפט איינער צווישן אַנדערן.

דער יונגערמאַן האָט אַ צי געגעבן מיט די פּלייצעס.

— אַן אַפּעלאַציע נאָך וואַשינגטאָן קאָן מען אָנגעבן — האָט דער יונ־גערמאַן געזאָגט. מאיר האָט ניט געהערט זיינע ווערטער.

— אָבער זען זיך, זען זיך, זען זיך, — האָט מאיר ווידער געשריען און געקריצט מיט די ציין.

— דאָס יאָ — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, זיך אויפגעהויבן און ערגעץ וואו געפירט מאירן. מאיר איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים אויף טרעפּן. ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ שטוב אַריין און געהייסן אים וואַרטן.

באַלד האָט מען געגעבן אַ פיר אַריין צו אים חנה־לאהן.

אַ סעקונדע האָבן זיך ביידע ניט דערקענט. באַלד האָט די אידענע געגעבן אַזאַ האַרץ־געשריי: „מאיר!" און האָט געגעבן אַ בראָך אַרויס אין אַזאַ געוויין, אַז מאירן האָט דאָס האַרץ פאַרציטערט.

ער איז צוערשט בייז געוועז אויף איר.איבער איר פינצטער מזל, נאָר עס האָט אים איצט אַזאַ טיף רחמנות־געפיל אַרומגענומען אויף דער אומגליקלאַכער אידענע, דאָס האַרץ איז אים אַזוי צעגאָסן געוואָרן, אַז ער האָט אויף גאַרנישט געקוקט, נאָר איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט געמאַכט די האַנט איבער איר פנים, איבער איר צערודערט שייטל, איבער איר קאַפּטן און האָט די ליפּן געביסן פאַר צער און האָט קיין וואָרט ניט גערערט.

און זי, חנה־לאה, שטייט אַזוי און נעמט צו די לאָסקעס פון מאַן, וואָס זי האָט קיינמאָל, קיינמאָל פון קיינעם ניט געהאַט, און איר האַרץ גייט אויס אין כליפּען.

— איך וויים, איך בין שולדיק — כליפּעט די אידענע מיט טרערן — מאיר, מיין שוואַרץ, פינצטער מזל איז אַזוי... איך בין שולדיק, איך בין שולדיק — שלאָגט זיך די אידענע מיט די הענט איבערן קאָפּ.

און מאיר שטייט אַלץ און מאַכט מיט דער האַנט איבערן פנים, און איבערן צעשויבערטן שייטל, און איבער דעם קאַפּטן.

— וואָס ביסטו שולדיק? נאַרישע אידענע, וואָס ביסטו שולדיק! — און פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט די אויגן.

איין מינוט זיינען זיי ביידע אַזוי געשטאַנען, פאַרגעסן פון אַלעס, פאַרייניקט אין איין גרויסן צער — און מיט פיל רחמנות — און אפשר איז עס געוועזן די איינציקע מינוט אין זייער ביידנס צוזאַמענלעבן...

— און וואו זיינען די קינדער? — האָט זיך מאיר באַלד דערמאָנט.

— איך וויים? — האָט חנה־לאה אומשולדיק געענטפערט.

נאָר באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און מען האָט פאַר זיי אַריינגעפירט די קינדער, און אַז די „קאָמאַנדע" האָבן דעריזען דעם פאָטער מיט דער מוטער, האָבן זיי פאַרגעסן אין אַלעס, און עס איז דאָרט געוואָרן אַזאַ געשריי און אַזאַ שמחה און אַזאַ געוויין, אַז די באַאַמטע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון די אַרומיקע צימערן, זיי צו באַרואיקן; אָבער חנה־

לאה האָט אַלץ געהאַלטן אין איין וויינען און זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ:

—יאָסעלע, יאָסעלע, מיין אָרים, אָרים קינד!

מאיר האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, האָט געלאָזט אַלץ שטיין און געגעבן אַ לויף צו די טרעפּן, און איז צוגעלאָפן צום יונגנמאַן, צום אַדוואָקאַט, האָט געגעבן אַ נעם אַרויס דאָס געלט, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און געגעבן אַ וואָרף דעם יונגנמאַן אויפן טיש און האָט געגעבן אַ געשריי:

— איך וויל, איר זאָלט מיר שרייבן אַ בריף צום סאַמע פּרעזידענט, און איר זאָלט אים זאָגן, אַז דאָס איז, — נאָר מאיר האָט נישט געקאָנט קיין וואָרט וויטער פון מויל אַרויסברענגען.

דער יונגערמאַן האָט געגעבן אַ קוק אויף אים און האָט זיך מיט שרעק אָפּגערוקט פון אים. זיין געזיכט איז בלייך געווען ווי אַ ליילאַך, נאָר זיינע אויגן האָבן געפינקלט, און די בלייכע ציין האָבן זיך איבער־געביסן איבער די ליפּן, און דער איד האָט אַלץ ניט געקאָנט פון מויל אַרויסברענגען קיין וואָרט אויף דעם, וואָס איז אים געשען; נאָר איבער זיין פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן אַזאַ צער און אַזאַ כעס, אַז דער יונגערמאַן האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס איז דעם אידן געשען, און האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַר אים.

שלום אַש

מיר קומען אָן אין אַמעריקע

אָט איז שוין ניו יאָרק. די שיף גייט צו צו „קעסל־גאַרדן". חברה „עם־עולם" זיינען אָנגעטאָן שבת'דיק. מען שטייט אויפן דעק, אַזוי ווי מען דערוואַרטעט אַ וואַרימען קבלת־פּנים. אַזוי שטייט מען זיך אין אַ יום־טוב'דיגער שטימונג, און אונזערע פירער צענעמען אונזער גרויסן פלאַג. זאָל די וועלט זען און וויסן ווער דאָ קומט אָן. דער פלאַג האָט נאָר־וואָס אַזוי שיין צעשפּרייט זיך, און די גילדערנע ווערטער „עם־עולם" וואַרפן זיך אַלעמען אין די אויגן. ערשט אומדערוואַרטעט לויפט צו אַ מאַן און הייסט אַראָפּלאָזן דעם פלאַג. ענטפערט מען אים מיט אַ ברייטקייט, אַז מיר זיינען אין אַ פריען לאַנד. ווערט ער מלא כעס, כאַפּט אַרויס דעם

פלאָג און שמייסט אים אַריין גלייך אין וואַסער. עפּעס ווי אַ פּאַטש אין פּנים האָבן מיר אַלע געכאַפּט.

מיר גייען אַראָפּ אין :„קעסל גאַרדן". די קיילאַכדיקע געביידע איז אָנגעפּאַקט מיט אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אָנגעקומען פריער פון אונז. ניטאָ וואו צוצוזעצן זיך, — נאָר ווער דאַרף דאָ זיצן? אויף אונז וואַרט מען מן־הסתם פון דרויסן.

מען האָט אונז אַלעמען פאַרשריבן. אַמאָל פלעגט עס צוגיין שנעל, ניט ווי היינט. מיר גייען אַרויס אין דעם קליינעם פּאַרק אין קעסל־גאַרדן און בלייבן שטיין. קיינער באַגעגנט אונז ניט, און מיר ווייסן ניט וואוהין צו גיין. אונזערע פירער לויפן אַוועק, און מיר וואַרטן. די ווייבער מיט די קינדער — הונגעריקע פאַרשמאַכטע — זעצן זיך אויפן גראָז, לויפט צו אַ פּאָליסמאַן און הייסט אויפשטיין.

אין אַ פּאָר שטונדן אַרום קומען אונזערע פירער מיט איינעם פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט און מען הייסט אונז אומקערן זיך צוריק אין קעסל גאַרדן. מען מוז דאָ נעכטיקן. און אַזוי ווי די געביידע איז פאַרנומען מיט אַנדערע אימיגראַנטן, בלייבן מיר אין הויף. זעצן זיך איז ניטאָ אויף וואָס — אָדער שטיי, אָדער זעץ זיך אויף די קאַלטע שטיינער.

פון קאָמיטעט ברענגט מען ברויט מיט וואורשט, און מען טיילט אונז. פילע אַנטזאָגן זיך, ווילן בעסער גיין קויפן, לאָזט מען שוין ניט אַרויס. די טויערן זיינען פאַרשפּאַרט.

עס וואַרט נאַכט. פילע ווייבער זיצן און וויינען שטילערהייט. די מענער זיינען נידערגעשלאָגן. מען פרעגט איינע די אַנדערע: „וואָס טוט זיך דאָ?" און מען ווייסט ניט קיין ענטפער. מען וואַרט אויף מאָרגן. די נאַכט איז אַ קאַלטע, פון דעם וואַסער בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. די זאַכן זיינען אין באַגאַזש, מוז מען שלאָפן אויף דער הוילער, קאַלטער ערד... נאָר ווער שלאָפט? מען האָט אויסגעטאָן די אויבערשטע קליידער פון זיך, און מען וויקלט איין די קינדער, וועלכע זיינען דערשלאָפן געוואָרן אויף די קאַלטע שטיינער, און די מאַמעס זיצן אויף דער ערד, זיפצן און קרעכצן און שטיקן זיך וויינענדיק.

ווען עס איז ליכטיק געוואָרן, איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טאָן אויף אונזער „עם־עולם". אַלע אויסגעמאַטערט און פאַרשוואַרצט, ווי פון אַ לאַנגער קרענק, און דערצו נאָך אויסגעשמירט אין שטויב. אַביסל שפּעטער ברענגט מען ווייטער ברויט מיט וואורשט מיט קאַלטער קאַווע. עס

פאנגט זיך ווייטער אָן אַ געוויין פון אונזערע ווייבער. זיי ווילן ניט קיין געבעטלטע ברויט.

אין אַ פּאָר שטונדן אַרום ליידיקט זיך אָפּ די געביידע. די אַנדערע פּאַסאַזשירן, די גויים, האָבן דאָך ניט אויף וועמען צו וואַרטן, איבערגע־נעכטיקט און יעדערער גייט אין זיין וועג. און אונז הייסט מען דערווייל אין דער ליידיקער געביידע פאַרכאַפּן די ליידיקע פּלעצער.

אַ פּאָר טעג האָט מען זיך געוואַלגערט אויף די הוילע בענק, און נאָכ־דעם קומט מען פון קאָמיטעט, מען נעמט צו די פרויען און קינדער, און מען צעשיקט זיי עפּעס אויף אינזלען. עס ווערט ווייטער אַ געוויין. די פרויען ווילן אַליין ניט פאָרן, נאָר אונזערע פירער באַרואיקן זיי, און זיי פאָרן אוועק.

מיר מענער דרייען זיך אַרום. די פירער פליען אַרום און סוד'ען זיך, ביז גאָט האָט געהאָלפן — אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אונז אַלעמען צוזאַמענגענומען און געזאָגט, אַז וועגן ווערן קאָלאָניסטן קאָן איצט אפילו קיין רייד ניט זיין. יעדערער זאָל זיך זוכן וואָס צו טאָן. מען האָט זיך צע־טיילט מיט געלט, וואָס איז איבערגעבליבן אין קאַסע, און אַלע זיינען גע־בליבן ווי אָפּגעשמיסענע. מען שעמט זיך פאַר זיך אַליין, — ווי אַזוי לאָזט מען זיך אַזוי פאַרפירן? ווער וואָלט קיין אַמעריקע פאָרן, אויב ניט צו זיין קיין ערד־אַרבעטער?

א. קאַצאָוויטש

ניו יאָרק ביינאַכט. אויסזיכט פון צענטראַל פּאַרק

דאָס באַקאַנטע פערדל

אין קעסל־גאַרדן האָט מאַנים באַוויזן דאָס קניפּל מיט געלט, זיינע געזונטע ציין, זיינע שיינע פּאָרטראַכטע אויגן און זיין ווייב שבע, וועלכע ער האָט מיט זיך אויך געבראַכט — און מען האָט אים געהייסן גיין — אין אַמעריקע.

מאַנים האָט זיך דערפרייט און אַ כאַפּ געטאָן זיין ווייב שבע אין איין האַנט און זיינע בינטל אין דער אַנדערער האַנט און געגומען שפּאַנען מיט גיכע טריט.

זענען זיי געגאַנגען, ער און ווייב, אַביסל מיט יבשה, אויף געבויגענע סטעזשקעס, צווישן גרינעם גראָז, און ווידער, אָט־אָ האָסטו דיר, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיף. די בינטל מיטן ביסל אָרימקייט אויפן פּאָל פון שיף; דאָס ווייב שבע אויף די בינטל, און מאַנים קוקט זיך אַרום אַ דערשראָקענער: ווער ווייסט וואוהין די שיף פאָרט? אַ פּייף, און די שיף גייט אַוועק פון ברעג. כוואַליעס הייבן די שיף. אָבער דאָס וואַסער איז שמאָל, און באַלד פון יענער זייט אָקעגן זעען זיך דורך דעם פענצטער פון שיף — טורעמס אַזוינע גרויסע ביז צום הימל און פענצטערלאַך אין די טורעמס אַזוי פיל.

— וואָס זאָל דאָס זיין? — פרעגט מאַנים ביי אַן אַנדער איד — וואָס איז דאָס, אָט דאָרט?

— ר' איד, דאָס איז נעוואָרק.

— און איך האָב געמיינט, ווער ווייסט וואָס... שמייכלט מאַנים און אַ שוויים רינט אויף זיינע געזונטע באַקן.

אַ פּייף און די שיף בלייבט שטיין. מאַנים מיט זיין ווייב גייען אַרויס. זיי דינגען אַ וואָגן, אין וועלכן עס איז איינגעשפּאַנט אַן אויסגעמאָגערט פערד. מאַנים הייסט זיך פירן צווישן אידן. דאָס פערד פון דעם דאָזיקן וואָגן איז אים זייער באַקאַנט. ער וואָלט געשוואוירן, אַז ער האָט עס ערגעץ פריער געזען. ווען נישט דער וואָגן, דער משונה'דיק גרויסער, מיט די צוויי הינטערשטע גרויסע רעדלאַך און מיט די צוויי פאָדערשטע גאַנץ קליינע רעדלאַך. אַ משוגע'נער וואָגן.

„דאָס איז אַמעריקע", האָט מאַנים געטראַכט, קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן וואָגן און אויף די גאַסן, וועלכער ער איז פאַרבייגעפאָרן. איין גרויס הויז, אַזש ביז צום הימל. און דערביי אַ קליין שטיבל... פּונקט אַזוי ווי דער וואָגן מיט די צוויי קליינע רעדער און די צוויי גרויסע רעדער.

געבליבן שטיין איז דער וואָגן אין דילענסי סטריט. פאַרוואָס עפּעס דילענסי סטריט, קאָן מען נישט וויסן. וואָרים מאַניס האָט קיין אַדרעס נישט געהאַט. עס קאָן זיין, אַז דער אָנטרייבער האָט אויסגעקליבן דילענסי סטריט, ווייל ער האָט די דאָזיקע גאַס געקאָנט.

אין דילענסי סטריט איז מאַניס אַראָפּגעקראָכן מיט זיין ווייב און אַראָפּגענומען די בינטלאַך און איז געשטאַנען אַזוי אינמיטן גאַס און גע־וואַרט אַז אַ איד זאָל דורכגיין.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און אַ איד איז אָנגעקומען. מאַניס האָט זיך אויסגעגלעט זיין גרויע, שיינע באָרד און איז אוועקגעגאַנגען מיט דעם איד. ער האָט געזען, אַז דער איד זעט נישט אויס צו זיין אַזאַ רייכער, און וועט וועלן פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן.

— קאָן מיר אַ איד, אפשר, אָנווייזן וואו איך קאָן געפינען אַ דירה ? — האָט מאַניס יענעם געפרעגט.

— וואָס איז, אַרויסגעוואָרפן ?

— איך וויים נישט וואָס דאָס הייסט צי אַרויסגעוואָרפן, צי אַריינ־געוואָרפן — האָט מאַניס געשמייכלט מיט זיין אייגנטימלאַך צעשמייכלט פּנים — נאָר אָט בין איך דאָ און איך קאָן נישט דאָס לשון פון דער מדינה און באַדאַרף אַ דירה.

— האָ, אַ גרינער — האָט יענער זיך געכאַפּט וואָס דאָ איז, און אויסגעצויגן דאָס וואָרט „גרינער" מיטן ניגון פון דעם וואָרט „המלך" — אָט גיי איך שוין מיט אייך טאַקע דאָ אין דילענסי סטריט און גיב אייך אַ דירה וואָלוול. טאַקע וואָלוול ווי באָרשט.

דער איד האָט אָנגעטאָן זיינע ברילן און איז געגאַנגען פאַרויס און נאָך אים איז געגאַנגען מאַניס. אין איין האַנט זיינע פּעק, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געשלעפּט זיין ווייב שבע. מאַניס האָט זיך באמת נישט צו פאַרלירן דעם איד אין דעם ווירוואַר פון מענטשן אויף דילענסי גאַס. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָ איז איצט מן־הסתם אַ יאַריד. עס לויפן אַרום אַזוי פיל מענטשן אַהין און אַהער ; עס פאָרן שווערע אָנגעּ־לאָדענע וועגן מיט קאַסטנס סחורה, מיט פעסער, מיט זעק. עס האָט מאַניסן נאָר באַנג געטאָן, וואָס ער האָט איצט קיין צייט נישט צו שטילן זיין נייגע־ריק אויג, אויערן און נאָז.

דער איד איז געבליבן שטיין לעבן הויז מיט איין טרעפּל און אַ שמאָלער טיר און געמאַכט מיט איין האַנט אין דער גיך צו מאַניסן. מאַניס האָט פאַרגיכערט זיינע טריט, זיך אָנגעשטרענגט מיט זיינע לעצטע

כוחות און ביי דערדאָזיקער טיר געטאָן אַ וואָרף זיינע פּעק און זיך אָפּגע־ווישט דעם שווייס.

— דאָ איז פאַראַן אַ דירה פון אַ שטוב מיט אַן אַלקער, אויפן היימישן לשון — האָט דער איד מיט די ברילן געזאָגט — קומט אַרויף, וועט איר אָנקוקן.

מאַנים האָט איבערגעלאָזט שבע אונטן און ער מיט דעם איד זיינען אַרויף אָנקוקן די דירה. עס האָט נישט גענומען לאַנג און זיי זענען צוריק אַראָפּגעקומען און מיט זיי אַ גרויער אַלטער, אַן אַ היטל, און מיט אַ פּיפּקע אין מויל. מען האָט זיך געדונגען איבער עטלאַכע גראָשן ביז דער מסחר איז געשלאָסן געוואָרן. מאַנים האָט באַצאָלט פאַר אַ חודש דירה־געלט און באַלוינט דעם איד פאַר זיין טרחה, וואָס יענער האָט נישט געוואָלט נעמען און קוים, קוים מיט מאַטערניש דאָך גענומען.

מאַנים מיט זיין ווייב שבע זענען געבליבן שטיין אין דער נייער דירה מיט די גרינע ווענט. דידאָזיקע דירה איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. איינס, גאָר אַ פינצטערס, אָן פענצטער, און איינס מיט צוויי פענ־צטער צו דער גאַס און מיט אַ טיר אין אַ פינצטערן קאָרידאָר אַריין. ביי די צוויי פענצטער איז געווען אַן אייזערנער גאַניק. גלייך דאָ, אויף דעם אָרט, זענען מאַנים מיט זיין ווייב געבליבן שטיין און זיך אָנגעקוקט און זיך דערשראָקן איינער פאַר דעם אַנדערן אָדער זיך פאַרשעמט איינער פאַר דעם אַנדערן. אַ ליידיקע שטוב און דאָס לשון פון דעם לאַנד קאָנען זיי נישט און אין דרויסן לויפן פורן איבער די שטיינער און מענטשן לויפן אַהין און אַהער און ווי עס שרייען דאָ די מענטשן, און גיי פאַרשטיי וואָס די דאָזיקע מענטשן שרייען. און דאָ איז די דירה ליידיק און הונגעריק איז מען און מיד איז מען.

מאַנים האָט אָבער באַלד באַקומען מוט און אויפגעבונדן די פּעק און אַרויסגענומען אַלע זאַכן. ער האָט אַרויסגענומען די לייכטער און זיי אָוועקגעשטעלט אויף דעם איינציקן געזימס איבערן אויוון. אין די בינטל האָט ער נאָך געפונען עטלאַכע שטיקער פאַרטריקנט ברויט, וואָס זיי האָבן געפירט מיט זיך אויף דער שיף. האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן וואַסער, און נישט געוואוסט וואו צו געפינען. און זיין ווייב שבע האָט שוין גע־פּרוּווט זיך רייצן מיט אים, אַז ער האָט געדונגען אַ דירה אָן אַ ברונעם... אין פינצטערן קאָרידאָר, צופעליק, האָט מאַנים געפונען אַ קראַן. האָט ער אים אויפגעדרייט און עס האָט פון קראַן אָנגעהויבן צו זעצן וואַסער.

— נאַ, שבע, אַט האָסטו אונזער ברונעם — האָט מאַנים מיט פרייד געשריגן דורך דער אָפענער טיר צו זיין ווייב.

זיך געוואַשן די הענט און איבערגעכאַפּט עטלאַכע שטיקלאַך דאַר ברויט, איז מאַנים אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַ קוק צו טאָן, צי מען קאָן ערגעץ קויפן בעטן מיט בענקלאַך.

דאָס ווייב איז געבליבן אין שטוב מיט אַ פאַרמאַכטער טיר און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים אָפענעם פענצטער פאַר אַ סימן, כדי מאַנים זאָל וויסן וואו זיין דירה איז, ווען ער וועט צוריקקומען. מאַנים האָט זיין ווייב אויך אָנגעזאָגט קיינעם נישט אַריינצולאָזן אין דירה אַריין, סיידן אים אַליין, מאַנים.

מאַנים איז אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס און האָט זיך ערשטנס געמאַכט אַ צוויי סימנים פון זיין דירה. פון איין זייט איז געשטאַנען אַ הילצערנער מענטש, אין דרויסן ביי אַ טיר פון אַ קראָם. און פון דער אַנדערער זייט האָט געהאָנגען אַ זאָנטיק, אַ רויטער, ביי דער טיר פון דער קראָם, און די טיר פון זיין דירה איז געווען פונקט אין דער מיט, אַט צווישן די צוויי קראָמען.

מאַנים האָט געטראַכט, אַז ער וועט שוין געוואויר ווערן שפּעטער, וואָס דאָס מיינט אַ הילצערנער מענטש און אַ זאָנטיק. דערווייל איז ער אַריבער־אויף דער צווייטער גאַס און אַרויסגעקוקט צו די פענצטער פון זיין דירה און דערזען זיין ווייב אין דעם פענצטער. האָט ער צו איר אַרויסגעוואונקען מיט די הענט. נאָכדעם איז ער אַוועקגעגאַנגען זוכן אַ מעבל־געשעפט.

אַזוי גייענדיק אין גאַס, האָט זיין אויער פאַרנומען, אַז די מענטשן רעדן, דאַכט זיך אים, אידיש. אָבער עס איז דאָך נישט אידיש. מילא, האָט ער געטראַכט, אַ נייע מדינה מיט נייע מין אידן, רעדן זיי אַ נייעם מין אידיש. אָבער, אַז עס איז אידיש, דאָס איז ער געווען זיכער. און עס האָט אים הנאה געטאָן.

באַלד איז ער אָנגעקומען אויף אַ קראָם פון מעבל און איז אהין אַריין.

— וואָס ווילט אַ איד?

— אַ בעט — האָט מאַנים געזאָגט און זיך אַליין נישט געגלויבט זיינע אויגן, וואָרים פאַר אים איז געשטאַנען אַ איד מיט אַ באָרד און מיט ציצית, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעקט פון דעם קורצן רעקל אַפער.

— אַ ניי בעט, אָדער עס מעג זיין אַן אַלט בעט? — האָט דער איד געפרעגט — מיר האַלטן אי נייע, אי אַלטע.

— איך וועל זען וואָס עס וועט מיר געפעלן — האָט מאַניס זיך שוין איבערגענומען.

— אונזערע אידן האָבן ליב אַלץ נייעס — האָט דער איד ווידער געזאָגט פּראָסט און מיט געציילטע ווערטער — עס זענען אָבער פאַראַן אידן, וואָס קאָנען, זאָגן זיי, שלאָפן אין אַן אַלט בעט. פון וואַנען איז אַ איד?

— פון פּאָדאָליע — האָט מאַניס געענטפערט.

— מיינס אַ לאַנדסמאַן! — האָט דער קרעמער זיך דערפרייט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט — איר וועט מן־הסתם קויפן אַ ניי בעט...

מאַניס האָט זיך מחיה געווען, בשעת ער האָט געדריקט יענעמס האַנט. ער איז געווען פול מיט פרייד, וואָס עס האָט זיך דאָ געפונען איינער, וועלכער האָט אים געגעבן שלום. עס איז אים פּשוט אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ; זיך איבערגעשמועסט מיט דעם קרעמער פון וואַנען ער קומט און זיך שיר נישט אויסגערעכנט, אַז זיי זענען גאָר לייבלאַכע קרובים. מאַניס האָט אָבער נישט באַמערקט, אַז ביי דעם קרעמער אין אַ ווינקל פון איין אויג, איז געלעגן אַ קנייטש, און דערדאָזיקער קנייטש האָט געמיינט: עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. איך בין נישט פון פּאָדאָליע און הייס נישט איציק, דאָס הייסט, אפשר הייס איך יאָ איציק, אָבער נישט יענער איציק, וואָס אַט דערדאָזיקער גרינהאָרן מיינט...

אָבער אַזוי ווי מאַניס האָט נישט געוואוסט, וועט דאָס אים נישט שאַדן. ער האָט געקויפט צוויי בעטן, און דווקא נייע. דערפאַר אָבער האָט ער געקויפט אָפּגענוצטע טיש און בענקלאַך. עס איז נישט געווען מאַניסעס שולד, וואָרים דער קרעמער האָט פּשוט נישט פאַרמאָגט קיין נייע.

קורץ און גוט, עס האָט נישט גענומען לאַנג און ביי מאַניסן אין שטוב איז שוין געשטאַנען אַ טיש מיט בענקלאַך און אויך די נייע בעטן. דאָס ווייב האָט זיך געשפּיגלט אין דידאָזיקע בעטן. זי האָט זיי פאַרשפּרייט און פאַרבעט און אָנגעצויגן די קאָלדרעס מיט ווייסע ליילאַכער — און עס האָט אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַ היים.

אַ. ראַבאָי

אַ „גרינער"

מיט פינף יאָר צוריק, אין אַ קאַלטן,רעגנדיקן אָסיען־טאָג, בין איך צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין אַמעריקע — די מדינה, וואוהין דאָס אידישע האַרץ האָט אָנגעהויבן אירע האָפענונגען אַריבערצוטראָגן.

יענע שיף, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט, רוט שוין לאַנג אין דער טיפעניש פון ים. ס'איז געווען די שיינע פלינקע „לוזיטאַניאַ", וואָס האָט זיך ביים לעבן געפליסט אין פינף טעג אירע פּאַסאַזשירן אַריבערצוברענגען פון אייראָפּע קיין אַמעריקע און וואָס האָט מיט איר אונטערגאַנג אַזוי פיל עגמת־נפש אַמעריקע פאַרשאַפט.

די גאַנצע פינף טעג פון מיין רייזע בין איך געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן פּאָרענטש און געקוקט צום שוימיקן וועג, וואָס בלייבט הינטער אונזער שיף; געקוקט צו דער פאַרנעפּעלטער ווייטקייט פון וואַנען מיר זיינען אָנגעקומען און געוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל דערזען די מדינה, וואו ליבע און האַס טרינקען מענטשן אינאיינעם מיט זייער וואַסער. כ'האָב דעמאָלט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס איך פאַרלאָז רוסלאַנד, וואו איך בין געבוירן געוואָרן און וואו איך האָב צום ערשטן מאָל דערשפּירט, ווי שווער עס איז צו ליבן דאָס לעבן און פיינט האָבן די שכנים, וואָס רינגלען מיך אַרום. צייטנווייז האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אויף אייביק, אויף אייביק פאַרלאָז איך רוסלאַנד און אַ גאַנץ נייעם לעבן וועל איך אָנהייבן אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע.

וואָרים זיצנדיק אין רוסלאַנד, אין די קליינע, אָדער אפילו אין די גרעסערע שטעט און טראַכטנדיק פון אונזערע נייע היימען, טראַכטנדיק פון נייע לענדער בלייבט קיין שום לאַנד ניט אַזוי אומבאַקאַנט פאַר אונזער געדאַנק, ווי אַמעריקע. מיט סודות איז פאַר אונז אַרומגעוויקלט דאָס לאַנד, וואו שוין אַ פערטל־חלק פון אונזער פאָלק בויט פאַר זיך אַ היים. אַלץ, וואָס עס ווערט דערציילט ביי אונז דאָרטן פון אַמעריקע, קלינגט ווי פון אַ מעשה־ביכל אַרויסגעקומען. און קומט אַמאָל אימיצער צו פאָרן צוריק פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד, זעט ער אויס אַנדערש ווי די אַרומיקע; רעדט עפּעס קליגער, ווי איינער, וואָס האָט אַ סך, אַ סך געזען און אַ סך געהערט דערציילן — די מעשיות, וואָס ער דערציילט פון דער גאָלדענער מדינה, גלייבן מיר און גלייבן ניט.

צי קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן, אין רוסלאַנד זיצנדיק, אַז אין אַ

שטאָט ערגעץ דאָרט וואָלנען אפשר אַנדערהאַלבן מיליאָן אידן און קיינער טשעפּעט זיי ניט... ווי אַזוי און ווען איז דאָס געשען?

וואָרים, אַז אויב אייך איז אַמאָל אויסגעקומען צו זען, אויף אַ רוסישן וואָקזאַל: אַ צוג קלייבט זיך אָוועקגיין, פּאַסאַזשירן שטויסן זיך און שטופּען זיך מיט זייערע פּעקלאַך, און ערגעץ אין אַ זייט שטייט אַ מאַמע מיט איינגעפאַלענע באַקן, אין דרייען געבויגן און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט. ווי פון אַ בייזן חלום רייסן זיך אירע אויגן צום וואַגאָן, וואו אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייט אַן אויסגעקלאָגטע, אויסגעיאָמערטע טאָכטער און שעפּטשעט:

— מאַמע, הער אויף, וואָרים כ׳וועל עס ניט איבערטראָגן.

נו, וואָס? אייער האַרץ האָט אין דער שטיל מיטגעוויינט און אייך איז גאָרניט איינגעפאַלן צו קלערן אין יענער רגע, אַז פון אָט די איינציקע, מיט טרערן געוואַשענע, וועלן זיך שטעט אויפבויען ערגעץ דאָרט אויף יענער זייט ים; אַז אָט די פּאַרטריבענע לעבנס וועלן נאָך נייע כוחות באַקומען אַ לעבן אויף ס׳ניי אָנצוהייבן.

און קוקנדיק אויף דעם שוימיקן וועג, וואָס האָט זיך געבלייכט אַהינטער אונזער שיף, האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלן, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ מדינה, וואָס הייסט אַמעריקע, אָבער וואָס מער אונזער שיף האָט זיך דערווייטערט פון אייראָפּע, אַלץ פאַרנעפּלטער איז געוואָרן אין מיין געדאַנק דאָס בילד פונם לאַנד, וואוהין כ׳בין געוואָרן געטראָגן.

ביים ברעג האָט מיך קיינער ניט באַגעגנט, קיינער ניט אָפּגעוואַרט; אויסער אפשר דער צאָל־באַאַמטער, וואָס האָט מיר געהייסן אויפעפענען מיין פּעקל און דאָס, וואָס ס׳האָט ביי מיר גענומען פינף שעה איינצופּאַקן, האָט ער אין איין רגע איבערגעקערט פון אונטן אַרויף, קייענדיק דערביי גומע. קוקנדיק אויף אים און אויף מיין צערודערטן פּעקל, איז מיר עפּעס אַזוי מאָדנע געוואָרן אויפן האַרצן:

— צו אַלדע גוטע יאָר! נאָך וואָס פירן מיט זיך אָט די אַלטע שמאַטעס מיט דעם שטויב פון דער אַלטער וועלט און איצטער קוקן, ווי דער אומבאַקאַנטער מיט אַזאַ ערנסט פּנים, רודערט זיך אין מיינע פּעקלאַך... נאַקעט האָט מען באַדאַרפט אָנקומען, נאַקעט ווי די מאַמע האָט געבוירן, און אַזוי פון זיך אַרויסוואַרפן דאָס בילד פון דער אַלטער וועלט!

איך בין אַרויס אין די גאַסן. אידן, אידן, אידן...

— וואו איז די מאַמע, וואָס האָט זיך דאָרט, אויפן וואָקזאַל, קאָפּ אָן וואַנט געשלאָגן? וואו איז דער זון, דער בלאַסער, וואָס האָט זיך נאָך

אין דער לעצטער מינוט, א צעווייטיקטער, געצויגן פון וואַגאָן צו דער מוטער? וואו איז די טאַכטער מיט די פאַרגליווערטע טרערן אויף די באַקען און מיט די הענט אויסגעשטרעקט צו דער מאַמען, צום לעצטן מאָל זיך נאָך ארומנעמען און די טרוקענע באַקן אירע קושן, קושן?

כ'האָב זיי אין די גאַסן ניט באַגעגענט.

ביים שוועל פון גליקלאַכן לאַנד האָבן אונזערע געפּלאָגטע לייט די פעקלאַך אראָפּגעוואָרפן; דערשראָקן זיך פאַר דער אומענדלאַכער, פרייער ברייטקייט, וואָס עפנט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס — און ביים שוועל זיינען זיי אַלע געבליבן, אין א ווינקעלע זיך באַהאַלטן. געשראָקענע, גע'רודפ'טע דורות לאַנג, האָבן זיי אין דעם פרייסטן לאַנד דעם קלענסטן ווינקעלע פאַרנומען.

אין לודלאָוו סטריט פאַרקויפן אידן עפּל; אין העסטער סטריט פאַרקויפט מען הערינג. און אַזוי ענג, זייט ביי זייט, האָבן זיי זיך צונויפגעפּרעסט אַט די אַלע, וואָס זיינען אין פאַרשיידענע צייטן פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך געקומען, יעדערער מיט זיין דלות.

און די שטאָט ניו יאָרק —

א באַשעפעניש פון שטאָל און שטיין, און מיט אייזערנע געדערים און שטאָלענע נערוון, וואָס רוישן אַזוי טרוקן און קלאַפּן אַזוי גרילצנדיק — אַזוי האָט מיר די מערקווירדיקסטע פון אַלע שטעט אויסגעזען אין יענע ערשטע שטונדן, ווען כ'בין אליין ארומגעגאַנגען מיט אָנגעשטרענגטע נערוון און צו אַלץ זיך צוגעקוקט, צו אַלץ זיך צוגעהערט.

איך בין שוין פינף יאָר דאָ אין לאַנד און קאָן זיך אַלץ ניט אויסגרינען. דורכגעשניטן דעם לאַנדס לענג און ברייט, — אין דער היגער פרייהייט בענקט דאָס הארץ נאָך פרייהייט.

איר אָבער פרעגט א קינד, וואָס איז דאָ געבוירן געוואָרן, וואָס איז נאַקעט פון דער מוטערס לייב ארויסגעקומען און היגע קליידער צום ערשטן מאָל דערשפּירט אויף זיין לייב — אים פרעגט, זאָל ער אייך זאָגן וואָס אַמעריקע איז. אָבער איך און אפשר דער גרעסטער טייל פון מיין דור, האָט נאָך דעם אַלטן פעקל אויף זיין פּלייצע און אין פעקל — אַלטע, ווייטע חלומות.

פרץ הירשביין

נ י ו ־ י אָ ר ק

אַן אינזל אויף צענדליקער מײלן,
אַ פּאַלאַץ פון ברעג ביז צום ברעג.
דער פּאַלאַץ האָט טויזנטער זײלן,
די זײלן און הונדערטער צײלן,
זײ שטײען פון ברעג ביז צום ברעג.

אַ וואַסער — אַ פֿאַרביקער שפּיגל,
שנײדט דורך דעם פּאַלאַץ אין מיט,
און בריקן ווי בראָנזענע פליגל
אַריבער דעם וואַסער, דעם שפּיגל —
זײ זײנען צום פּאַלאַץ געשמידט.

דאָס וואַסער טראָגט ליכטיקע שיפן,
די בריקן — אַלײען מיט ליכט;
דער באַרטן האָט פֿאַרביקע ריפן,
און ס'שפּיגלען זיך אָפּ אין די טיפן
די שיפן, די ריפן, די ליכט.

געבויט האָבן דורות דעם פּאַלאַץ,
געבויט און געשאָלטן דערבײ;
געשאָלטן, געבויט ביז די בלויען,
געבויט און געשאָלטן דאָס בויען,
דאָך קײנמאָל אַוועק פון געבוי.

בײטאָג איז דער פּאַלאַץ פֿאַרהוילן,
אַ געשפּענסט אין אַ פֿאַרביקער פעל.
די טורעמס פֿאַרמעקט פון די הויכן,
קופּאָלן צעשוואומען ווי רויכן
אין נעפּלען פון גרוי און פון געל.

און קומט נאָר דער אוונט אַרונטער,
אַ העלקײט לײכט אויף אומעטום;
די העלקײט ווערט וואָס־אַמאָל בונטער,
אויף וועגן באַוועגן זיך מונטער
פֿאַר'כישוף'טע בויער אַרום.

די זיילן ווי ליכטיקע וועגן,
זיי צינדן זיך אָן אין דער נאַכט;
און ליכט ווי אַ פאַרביקער רעגן
נעמט פאַלן אויף די, וואָס באַוועגן
פאַר'כישופ'טע זיך אין דער נאַכט.

מע דרייט זיך אויף טויזנטער ערטער,
מען דרייט זיך אַ הער און אַהין;
פאַר'כישופ'טע שמייכלען און ווערטער,
פאַר'כישופ'טע שטעגן און ערטער
מע ווייסט נישט פון וואַנען, וואוהין.

געבויט האָבן דורות דעם פּאַלאַץ,
געבויט און געשאָלטן דערביי.
זינט דעמאָלט שוין דורות פאַרשוואונדן,
דאָך, ווערט נאָר דער פּאַלאַץ געצונדן,
לעבן-אויף יענע דורות אויפסניי.

ג. גראָס

נ י ו - י אָ ר ק

די שטאָט, וואָס דער גרעסטער טייל פון אונזערע אימיגראַנטן דערזעט ביים אָנקומען קיין אַמעריקע; וואו דער גרעסטער טייל הייבט אָן צו באַשאַפן ביי זיך אין הארצן אַ מיינונג איבער אַמעריקע; — די שטאָט, וואו האָפענונגען פון לאַנגע יאָרן ווערן אין איין רגע פאַרלאָרן און, וואו נאָך אַ לאַנגער שורה פון שווערע טעג און נעכט הייבט אָן די האָפענונג ווידער אויפצולעבן, זיך באַוויזן ווי אונטער אַ גרויען שלייער — אָט די שטאָט הייסט ניו יאָרק.

פיל גרויסע שטעט אין דער ברייטער וועלט זיינען מיר באַקאַנט, אָבער צו קיינער פון זיי קאָן איך ניו יאָרק ניט גלייכן.

פּאַריז, אַז איר בלאָנדזשעט אום אין אירע גאַסן, דאַכט זיך אייך, אַז אָט די אַלטע גרויסע שטאָט איז פון איין האַנט געבויט געוואָרן; איין האַנט האָט איר פּלאַן געצייכנט נאָך גאָר אַמאָל, און די האַנט לעבט נאָך, פּאַסט

אויף, אַז דער אַלטער פּנים זאָל ניט פאַרדאַרבן ווערן אינגאַנצן: וואו ניט וואו צוגעפּאַסט, אָפּגעפרישט, צוגעפאַרבט, פאַרצירעוועט און פאַרלאַטעט. מען היט אָפּ סטיל און כאַראַקטער — זאָל דער נייער דור דעם אַלטנס גרויען קאָפּ ניט פאַרשוועכן; זאָל איין יאָרהונדערט אַזוי ניט טרעטן דעם אַנדערן יאָרהונדערט אויפן קאָפּ.

אָבער ניו יאָרק —

צווישן שטאָט, וואָס לעבן צווישן זיך מיט רוגזה — זיי בויען די שטאָט: איין האַנט בויט, די אַנדערע צעשטערט. איינע מויערט ציגל, די אַנדערע וואַרפט אַראָפּ דעם בנין און שלעפּט צונויף שטאָל און שטיין פאַר אַ צען־שטאָקיקן מיוחס. עס געשעט כמעט אומבאַמערקט. איר גייט דורך אַ גאַס טאָג נאָך טאָג און איר האָט גאָרניט באַמערקט, ווי נידעריקע הייזער זיינען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן און אויף זייער פּלאַץ זיינען העכערע אויסגעוואָקסן. ניו יאָרק בויט זיך און בויט זיך איבער אויף שטיין און פעלזן. טאָג איין טאָג אויס רייסט מען דעם גרונט מיט דינאַמיט. אַמאָל הינטער אייער פענס־טער, און אַמאָל ממש אונטער אייער שטוב ברעכט זיך דער פעלזן־גרונט, אַזש פון בעט שליידערט עס אייך אַרויס. אָבער איר הערט עס ניט. עס קימערט אייך ניט, גלייך ווי אין שטיין זענט איר אַליין פאַרוואַנדלט גע־וואָרן. און מיט אַזאַ שנעלקייט, אין אַזאַ ווילדן גאַלאָפּ קומט דאָ פאָר די איבערקערעניש, אַז אָפט אין איילעניש טרעפט — פון אַ הילצערן הייזל איז געוואָרן אַ צוויי־שטאָקיקער מויער; פון מויער — אַ קלויסטער; פון קלויסטער — אַ טעאַטער; פון טעאַטער — אַ אידישע שול; פון דער אידישער שול — אַ שטאַל פאַר פערד און אויטאָמאָבילן; פון שטאַל — אַ געבאַכל־וואָלקנקראַצער, וואָס קוקט מיט הכנעה צו די שפּיצן פון די יוסטע וואָלקנקראַצער...

און דער גאַנצער שניט פון שטאָט, אַזוי ניט אויסגערעכנט, לאַנג און שמאָל, צווישן די צוויי טייכן — האָדסאָן און איסט ריווער צונויפגעפּרעסט.

דער שניט איז אַ צייטווייליקער. פון אַלע ווינקעלאַך קוקט זי די צייט־ווייליקייט, אַרויס. מענטשן ענערגישע, וואָס קאָנען קיין ווייַלע ניט רוען, זיינען אָנגעקומען פון דער פרעמד; אויף אַ ווייַלע זיך אָפּגעשטעלט און אין דער קליינער ווייַלע גאַנצע בערג שטיין מיט שטאָל צונויפגעשלעפּט, איין הויז אויפגעשטעלט, ס'הויז קליין געוואָרן — אַראָפּגעוואָרפן, אויף גיך אַ גרעסערע געבויט. אויף גיך די באַנען אַוועקגעלאָזן איבער אַלעמענס קעפּ: פיר זיילן, לענג און ברייט שטאַבעס אייזן, איבער דעם רעלסן, און די באַן לויפט שוין און פאַרטויבט די וועלט, פאַרטעמפּט די געפילן, צע־

רייסט די נערוון. איר ווייסט ניט ווען ס'איז געשען, ניט געהאַט קיין צייט זיך ארומצוקוקן. כמעט אין איין נאַכט איז דער וואונדער פאַרלאָפן. און כאָטש די באַן אויבן איז צוגעטראַכט געוואָרן פאַר דער באַקוועמלאַכקייט פון די מיליאָנען מענטשן־קינדער, און דאָך קומט אויס אַזוי, אַז די אַלע מיליאָנען געפינען זיך מייסטנס, גאָר אונטן, אויף דר'ערד, און די באַן, ווען זי טראָגט זיך איבער זייער קאָפּ, דעמאָלט איז בלויז איינס פאַרבליבן — אראָפּצורוקן דאָס היטל איבער די אויערן און טראַכטן אין דער שטיל:

— ווי העלפט מיר שוין גאָט פון דאַנען צו אַנטלויפן.

ניו יאָרק איז ניט קיין מוסטער פון בויען. — נאָר אַ מוסטער פון צעשטערונג.

ניו יאָרק איז ניט קיין שטאָט, נאָר — אַ דערשיינונג, וואָס בייט יעדע שעה איר פּנים. ניט נאָר די ווינטן בייטן זיך דאָ זיבן מאָל אין טאָג, ניט נאָר די הייזער אויף דר'ערד בייטן זיך אַלע ווײַלע, נאָר אויך אונ־טער דר'ערד, וואו די אייזערנע געדערים פון דער שטאָט געפינען זיך, אויך דאָרט ווערן זיבן מאָל אין טאָג אַנדערע אָפּעראַציעס געמאַכט. וואו איר גייט, וואו איר שטייט איז אַ שטיק גאַס אויפגעריסן, און אַז איר קוקט זיך איין אין דער טיף, לויפט אַזש אַ פרעסטל דורך אייערע ביינער. די רינעס און די רערן און די טרויבן, ברייטע און שמאָלע, וואָס ליגן איינס איבער דעם אַנדערן, איינס אונטערן אַנדערן, דורכגעצויגן און דורכגעפלאָכטן. טאָג טעג־לאַך ווערן זיי געביטן — שמאָלע אויף ברייטערע; קורצע — אויף לענגערע. די קינדער פון דער אַלטער וועלט, וואָס זיינען אַהער אריבערגעקומען, האָבן זיך אויסגעאיידלט, זיך אויסגעלערנט נאָכאַמאָל אין טאָג הענט און פּנים צו וואַשן, און דער צופלוס פון וואַסער איז קליין געוואָרן, דער אָפּגאַנג פון דעם וואַסער איז צו שמאָל געוואָרן. טעלעגראַף און טעלעפאָן־רערן דורך וועלכע בריוו לויפן פון עק ביז עק שטאָט... אַלץ אונטער דר'ערד.

דאָרט אונטער דער ערד אין דעם שטאָלענעם בויך פון דער מעטאַל און שטיינערנער שטאָט; די שטאָלענע געדערים, וואָס אין דער פינסטער קנוילן זיי זיך דאָרט אין דער טיף. דער בויך וואַקסט אויפן חשבון פון קאָפּ דאָרט אויבן.

און די ברייטסטע רער פון דעם גיגאַנטישן בויך — דאָרט איז די סאָבוויי, די אונטערערדישע באַן, וואָס לויפט די לענג פון שטאָט אויף און אָפּ.

און אין פרימאָרגן און אין אָוונט, ווען מענטש ווערט אין מאַשין פאַר־וואַנדלט און מאַשין ווערט צוריק אין מענטש געביטן, דעמאָלט, מיט אַן

אַפּגעלאָזענער טעמפּקייט, לאָזן זיך די מענטשן אַהין, צו יענעם אונטער־ערדישן וועג. דער שטאָלענער צוג קומט אָן, טירן רוקן זיך פאַנאַנדער און די מענטשן, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, מענער, פרויען, יונג און אַלט, גייען אויטאָמאַטיש אַהין אריין. און ווען ס'ווערט ענג, איז אַ מענטש פאַראָן ביים טיר, וואָס שפּאַרט אייך מיט דער קני אריין און פאַרריגלט די טיר אונטער אייך. און אינעווייניק — זיבן פאַרשטייער פון זיבן נאַציעס, אָטעמען אייך אין פּנים אריין, אונטערן קאָלנער אַרונטער דעם אָטעם זייערן; דער שמוץ פון איין בגד מישט זיך מיטן שטויב פון דעם אַנדערנס קליידער. גלייכגילטיק און מיט אַ טעמפּקייט באַטראַכט איר אייערע אומבאַקאַנטע נאָענטע אַרום אייך. אַז איך וויל צונויפנעמען די מחשבות, וואָס האָבן גע־צויגן דורך מיין קאָפּ פאַר די עטלאַכע יאָר, ווען מיר איז אַמאָל אויסגעקומען אין יענע שטונדן דורכצומאַכן מיין וועג דורכן בויך פון דער שטאָט ניו יאָרק, — זיינען זיי אַזעלכע נישטיקע טויטע און טעמפּע... אין יענע שטונ־דען ווערסטו נישט אין כעס אויף דער וועלט, ס'לעבן ווערט דיר ניט מיאוס. פילסט זיך ווידער מיט פּאַראַליזירטע געהירן, וואָס ליגט אין זיין אייגענעם שמוץ און דאָס פּנים איז גלייכגילטיק. אַז כ'מאַך צו די אויגן און וויל מיר פאָרשטעלן זיך אַליין אין געדאַנק, וויל זיך פאָרשטעלן מיין לעבן דאָרט, מאָלן אַ בילד פון זיך אַליין פאַר זיך — קערט זיך אום צו מיר דערמאָלט אַ געוויסע טעמפּקייט און איך הער דורך איר דעם עזות'דיקן, אונטערערדישן שטאָלענעם געררויש אין דעם אונטערגרונד־באַן, וואָס נעמט אייערע געהירן און קאַטשעט זיי צונויף ווי מיט אייזערנע הענטשקעס...

כ'האָב געוואוינט אַ געוויסע צייט ביים ים, ניט ווייט פון ניו יאָרק. און יעדעס מאָל, אַנקומענדיק מיטן וואַסער אין שטאָט אריין, האָט זיך פריער פון ווייטן באַוויזן די משפּחה וואָלקנקראַצער און שפּעטער, פון שיף אַראָפּגייענדיק האָב איך יענע גאַסן געמוזט דורכגיין. און יעדעס מאָל האָב איך אַליין ביי זיך געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ כוח טרייבט די מענטשן אַנצושלעפּן אויף איין פּלאַץ אַזוי פיל שטאָל און שטיין און באַמיען זיך דאָס אַלץ אויפצוהורבען מיט אַ סדר? ווער צווינגט זיי אויפשטעלן הייזער פאַר גאַנצע צען טויזנט, אַז גאַנצע צען טויזנט מענטשן זאָלן איינעם זיין, אין דער צייט וואָס דאָס לעבן אין דער שטאָלענער שטאָט מאַכט אַזוי, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל אפילו ניט וועלן קענען?

דער וואונדער איבער אַלע וואונדער, דער וואולוואָירט־וואָלקנקראַצער, וואָס איז כמעט אין איין נאַכט באַשאַפן געוואָרן מיט זיינע פופציק אָדער מער

שטאָק, אין זיין האַלב גאָטיש און האַלב מאָדערנעם סטיל — ער שניידט זיך אַרויס אין דער בלויער לופט און, ווען וואָלקנס ציען איבער זיין שפּיץ, קאָן מען מיינען, אַז ער וויגט זיך אין לופטן ווי אַ מעכטיקע סאָסנע, און אַזוי ליכט זעט ער אויס, אַזוי דורכזיכטיק, דאַכט זיך — אויף דער האַנט צו נעמען און אַוועקטראָגן מיט זיך... קוקסטו לאַנג צו אים און טראַכסט זיך:

— ניט דאָס איז דער אָרט פאַר דעם וואונדערלאַכן בנין. ערגעץ אין סטעפּ, ערגעץ אין דער וויסטע שטעלט אים אַוועק, זאָל די זון אים באַלייכטן, זאָל ער פון דער נאַכט אַרויסקוקן און זאָלן זיך מענטשן פון אַרום און אַרום ציען צו באַוואונדערן אים, צו טראַכטן וועגן דעם שטאָלענעם ווילן פון דעם מענטשן און צונויפנעמען עס ביי זיך אין געדאַנק מיט די אַלע שיינע ערלאַכע זאַכן, וואָס די וועלט פאַרמאָגט; מיט אַלע דערהויבענע שיינקייטן, וואָס די נאַטור אַליין האָט באַשאַפן. דאָ אָבער, אין ניו יאָרק, אַרומגעשטעלט און פאַרשטעלט מיט דער גאַנצער מחנה אַנדערע, קלענערע אומגעלומפּערטע וואָלקנקראַצער, וואָס שטשירען גלייך אין דער וועלט אַריין — דאָ זעט ער אויס, נאַקעט, נאַריש, קוקט מיט אַ פּאַפּירענער גאוה, קוקט מיט באַגרעניצטקייט פון גייסט, מיט טיפער עקשנות און פאַרשוועכונג פון ליניען און פאָרם...

— איז ניו יאָרק אַן אָפּשפּיגלונג פון אַמעריקע?

— ניין! שטעלט זיך פאַר ניו יאָרק אָן אַמעריקע, וואָס אַזעלכעס וועט בלייבן? משוגעת, וואו די רעכטע פוס טרעט די לינקע אָפּ. אַ בילד פון צעשטערונג.

אַמעריקע אָן ניו יאָרק — אַ ליכטיקע, גרויסע און פרייע וועלט, וואו רואיק און זיכער קאָנען זיך פאַרפלאַנצן אָפּגעריסענע לעבנס; וואו ניט מיט געאיילטע טריט וואַלט דער מענטש געקאָנט אַוועקגיין, און וואו זיכער וואַקסט דער עפּל־בוים, פּונקט ווי זיכער טראָגט די מיסיסיפּי אירע וואַסערן צו די דרום ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

פּרץ הירשביין

אין יענע יאָרן

א.

ווען דער שרייבער פון די שורות איז אין 1882 אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז די גרעסטע צאָל פון די דאַמאָלסדיקע אידישע ניו יאָרקער איינוואוינער באַשטאַנען פון פּעדלער. פּונקט ווי איצט, אַזוי זיינען אויך דאַן געווען פאַר־שידענע פּעדלער: הויז־פּעדלער, קאַסטימער־פּעדלער, פּושקאַרט־פּעדלער און קאַנטרי־פּעדלער. אַ סך גרינע אידן, וועלכע זיינען געקומען מיט דער ערשטער גרויסער אימיגראַציע פון רוסלאַנד, האָבן זיך גלייך אַ נעם געטאָן צו פּעדלעריי. די גרינגסטע זאַך איז געווען צו ווערן אַ הויז־צו־הויז פּעדלער. פאַר דעם האָט זיך ניט געפאָדערט קיין גרויסער קאַפּיטאַל. מיט איין דאָלאַר קאַפּיטאַל האָט אַ איד דעמאָלט געקאָנט אריינגיין אין „ביזנעס". ער האָט בלויז געדאַרפט צוזאַמענקלאַפּן פון עטלאַכע דינע ברעטלאַך אַ פלאַך הילצערן סטענדל, צובינדן צו דעם אַ שטאַרקן שטריק, כדי צו קאָנען אָנטאָן דעם סטענדל אויפן האַלז. אַנדערע פלעגן אַפילו דאָס אויך ניט האָבן. זיי פלעגן פשוט קויפן אַ ביליקן פלאַכן קאָרב, איינשאַפן זיך די סחורה און אַרומגיין מיט דעם פון הויז צו הויז פאַרקויפן. די סחורה איז מערסטנס באַשטאַנען דאַן פון שפּילקעס, שוך־בענדלאַך, האָר־קאַמען, זאָקן־בענדלאַך און אַ פּאָר שטיקלאַך שמעקעדיקע זייף.

דער הויז־פּעדלער פלעגט אַרומגיין פון טיר צו טיר, פלעגט אָנקלאַפּן און וואַרטן, אַז מען זאָל אים עפענען. זייער אָפט פלעגט טרעפן, אַז אַן איירישמאַן, אָדער אַ דייטשע גויע פלעגט דעם אידישן „ביזנעסמאַן" גוט אָנברעכן די ביינער, אָדער אַרונטערשליידערן פון די טרעפּ דערפאַר, וואָס ער וואַגט זיי צו באַאומרואיקן. און מען דאַרף זאָגן דעם אמת, די פּעדלער פלעגן טאַקע אין יענע יאָרן אַלעמען דערגיין די יאָרן. אַלע ווײַלע פלעגט אַן אַנדער פּעדלער אָנקלאַפּן אין טיר. דערפון נעמען זיך דאָס די אויפשריפטן, וועלכע מען זעט נאָך היינט אויך אין פילע הייזער: „נאָ פּעדלערס אַלאַוד" (קיין פּעדלער איז ניט דערלויבט אריינצוגיין).

די אַמאָליקע ניו יאָרק פון די יאָרן, ווען איך בין אָנגעקומען אַהער, האָט אויסגעקוקט גאָר אַנדערש ווי די היינטיקע. היינט הערט מען אויף די גאַסן און אַפילו אין די הייזער דעם גערויש און גערודער פון די סאָבוויים, עלע־וויייטערס און אָטאָמאָבילן. דעמאָלט פלעגט די לופט פאַרקלונגען ווערן פון די געשרייען פון צענדליקע טויזנטער פּעדלערס. עס זיינען געווען פיש־

פעדלערס און פרוכט־פעדלערס, גאלאנטעריי־פעדלערס און ברויט־פעדלערס. עס איז ניט געווען קיין איין פראדוקט אדער סחורה מיט וועלכער מענטשן זיינען אין יענע יארן ניט ארומגעגאנגען איבער די גאסן און געפעדלט. יעדער פעדלער האט זיך געהאט זיין אייגנארטיקן ניגון און אויסגעשריי. דאס הייסט, ניט דער פעדלער אינדיווידועל, נאר יעדער „פאך“, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקן, יעדע גרופע פעדלערס. די פיש־פעדלער, צום ביישפיל, האבן געבלאזן א הארן, דריי לאנגע בלאזן און איין קורצן און אפגעהאקטן, נאכדעם פלעגט דער פיש־פעדלער אויסשרייען מיט א קוויטשיקען קול אדער ער פלעגט בילן ווי א הונט. די גלאז פעדלערס האבן געהאט גאר אן אנדער אויסגעשריי. אזוי ווי די מערסטע גלאז־פעדלערס זיינען געווען אלטע ארטאדאקסישע אידן פלעגן זיי אויסרופן זייער סחורה מיט א יעלה־ניגון, דאס הייסט מיט אן אומעטיקן, וויינענדיקן טאן. די פעדלער מיט בלעכענע אדער קופערנע געשיר פלעגן ניט נאר הויך אויפן קול אויסשרייען זייער סחורה, נאר זיי פלעגן דערצו נאך אויך קלאפן אין די טאצן אדער אין די טעפ מיט אזא קראפט, אז אפילו טויטע האבן זיך געקאנט אויפכאפן. די מעסער־שארפער פלעגן קלינגען מיט א גלאק און אפטמאל מיט צוויי גלעקער. דער מילך־פעדלער פלעגט האבן א מאדנעם אויסגעשריי — „יאאיק, יאאיק“, וואס פלעגט זיך הערן יעדן פרימארגן און פלעגט דינען אלס א וועק־זייגער פאר די יעניקע, וואס האבן געדארפט אויפשטיין פארטאג צו דער ארבעט.

פארשטייט זיך, ניט אלע פעדלער זיינען געווען אידן. עס זיינען צווישן די פעדלער דאן געווען אויך א סך קריסטן פון פארשיידענע נאציאנאליטעטן. אבער בעת די ניט־אידן, וואס פלעגן קומען אין אמעריקע, פלעגן זיך נעמען אויך צו אנדערע באשעפטיקונגען, פלעגן די מערסטע אריבערגעקומענע אידן די ערשטע צייט נעמען זיך צו פעדלעריי. די זעלבע דערשיינונג באמערקט מען איצט אויך אין מעקסיקא, אין קיובא, אין בראזיליען און אין די אנדערע לענדער פון זיד־אמעריקע, וואו עס האבן די לעצטע יארן איינגעוואנדערט א היפשע צאל אידן.

ניט אלע אידן אבער זיינען געווען פעדלער. נאך פאר דער גרויסער אימיגראציע פון די יארן 1881—1882, איז שוין אין אמעריקע געווען א היפשע צאל אידן בעל מלאכות און פאבריק־ארבעטער. צווישן די נייע אימיגראנטן, וואס זיינען אנגעקומען אהער אין די אכציקער יארן, איז אויך געווען א היפשע צאל בעל מלאכות פון דער היים. עס זיינען צווישן זיי אויך געווען פיל אינטעליגענטע יונגע לייט, היימישע אידעאליסטן, וואס

זיינען ארויסגעפאָרן פון דער היים מיטן געדאַנק צו גרינדן דאָ אין אַמעריקע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס און פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט. אַזוי אָבער ווי פון די קאָלאָניעס האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן, זיינען די מערסטע פון זיי אַנגעקומען ארבעטן אין די שעפּער און פאַבריקן. ווערן פּעדלער אין אַמעריקע האָט קיינער פון זיי קיין חשק ניט געהאַט. די גרעסטע צאָל פון די ניי־אָנגעקומענע אידישע אימיגראַנטן האָבן דאָ ניט געהאַט קיין קרובים און לאַנדסלייט צו וועמען אריינצופאָרן. די מערסטע אימיגראַנטן האָבן, אַרונטערקומענדיק פון שיף, אָפט ניט געהאַט גענוג געלט אפילו אויף צו דינגען אַ דירה, וואו איבערצונעכטיקן. דערפאַר האָט די „היברו אייד סאָסייעטי אָוו ניו יאָרק" (די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן די „גרינע" אידישע אימיגראַנטן) גע'פּועל'ט, אַז מען זאָל די „גרינע" לאָזן זיך אויפהאַלטן אין „קעסטל גאַרדן". (איצט געפינט זיך דאָרט דער אַקוואַריום). די אימיגראַנטן פלעגן דאַן אָנקומען דורכן „קעסטל גאַרדן" און ניט דורך עליס איילאַנד, ווי איצט.

דער קאָמיטעט פון די היגע רייכע יהודים פלעגט אויסטיילן צווישן די אימיגראַנטן אַ פּאָר מאָל אין טאָג פרייע בילעטן, פאַר וועלכע מען פלעגט קאָנען באַקומען עטלאַכע „סענדוויטשעס" פון ברויט מיט וואורשט. דער אָפּיס פון קאָמיטעט האָט זיך געפונען פונקט אַנטקעגן קעסטל־גאַרדן אין אַ גרויסן קעלער. דאָרט פלעגט מען אויך אויסטיילן די אימיגראַנטן אַלטע קליידער. זייער אָפט פלעגט דער קאָמיטעט אויך געפינען דזשאַבס פאַר די, וואָס האָבן געוואָלט גיין אַרבעטן.

אין איין זאַך זיינען אַלע אימיגראַנטן פון יענע יאָרן דאַן געווען גלייך. זיי זיינען אַלע געווען שרעקלאַכע קבצנים. ווען אייניקע פון זיי זיינען אפילו אַרויסגעפאָרן מיט אַביסל געלט פון דער היים, האָבן זיי עס אויך אויף זייער רייזע צע'פּטר'ט. די מערסטע אימיגראַנטן פלעגן זיך דעמאָלט מוזן מאַנאַטן־לאַנג וואַלגערן אין פאַרשיידענע שטעט פון גאַליציע און דייטשלאַנד, איידער זיי פלעגן אָנקומען אין אַמעריקע. קיין פריינט און קיין קרובים האָבן זיי, ווי שוין געזאָגט, אויך ניט געהאַט. פלעגן די מערסטע פון זיי, אָנקומענדיק אין ניו יאָרק, זיין געצוואונגען צו זיצן אין „קעסטל־גאַרדן", ביים ברעג ים. דאָרטן איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער הויף און די דייטשע יהודים פון קאָמיטעט האָבן גע'פּועל'ט ביים קאָמישאָנער פון אימיגראַציע, אַז מען זאָל לאָזן די „גרינע" אידן שלאָפן אויפן הויף פון קעסטל־גאַרדן, אָדער אויף די „באַרזשעס", וואָס זיינען געשטאַנען דאָרט ביים ברעג ים.

פאַר די פרויען און קינדער פון די אימיגראַנטן האָבן די דייטשע יהודים פון קאָמיטעט געקראָגן אַ דירה אויפן אינזל לעבן ניו יאָרק, וועלכער רופט זיך „וואָרדס־איילענד". (איצט געפינט זיך דאָרטן דער גרעסטער משוגעים־הויז פון דער פאַריייניקטע שטאַטן). דאָרט פלעגט מען זיי געבן עסן און טרינ־קען.

פילע אימיגראַנטן פלעגן זיך אָנדינגען אַלס שוואַרצע אַרבעטער ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן, אויף די אייזנבאַנען און אויך אויף די גרויסע פאַבריקן. זייער אָפט פלעגט מען אידישע אימיגראַנטן פאַרשיקן אין אַזוינע פּלעצער, וואו די אַרבעטער זיינען געווען אין סטרייק. אין אַלגעמיין זיינען די אידישע אימיגראַנטן די ערשטע צייט, וואָס זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, געווען הפקר. יעדער איינער האָט מיט זיי געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט. די שפּראַך פון לאַנד האָבן זיי ניט געקאָנט, שווער אַרבעטן זיינען זיי ניט געוואוינט געווען און הונגעריק זיינען זיי אויך געווען, האָט מען זיך איבער זיי איזדיעקעוועט אויף אַלערליי אופנים.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו יאָרק איז שוין געווען אַ געוויסע צאָל אידישע באַלעבאַטים, וואָס האָבן פאַרמאָגט אייגענע גרויסע פאַבריקן. עס איז אויך געווען אַ גרויסע צאָל אידישע קאָנטראַקטאָרן, וואָס פלעגן אַרויסנעמען אַרבעט פון די גרויסע פאַבריקן און אויסאַרבעטן דאָס אין די טענעמענט־הייזער, וואו זיי האָבן געוואוינט. די מערסטע באַלעבאַטים, סיי די גרויסע, סיי די קליינע, זיינען געווען דייטשע יהודים. נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי זיינען געווען פּוילישע אידן. אין די אַלע שעפּער פלעגן די גרינע אימיגראַנטן פאַרצעווען פון 15 ביז 16 שעה אַ מעת־לעת, אָפטמאָל פאַר דריי אָדער פיר דאָלער אַ וואָך.

ב.

זייער אָפט פלעגט מען אויף די גאַסן פון דער איסט־סאַיד פון ניו יאָרק זען אַזאַ בילד: לעבן דעם אַריינגאַנג פון אַ הויז ליגט אָנגעוואָרפן אַ קופּע פאַרשיידענע זאַכן פון הויז־באַלעבאַטישקייט, די בעבעכעס מיטן מעבל, מ'שטיינס געזאָגט. דאָס האָט דער לענדלאָרד אַרויסגעוואָרפן אַ טענענט פאַר ניט צאָלן קיין רענט. לעבן די זאַכן פלעגט געוויינטלאַך שטיין אַ בלעכן פּושקעלע, אין וועלכער פאַרבייגייער פלעגן וואַרפן נדבות, פאַר דער אַרויסגעוואָרפענער אַרבעטער־פאַמיליע, כדי זי זאָל האָבן מיט וואָס צו דינגען אַ נייע דירה.

די ניט־פאַרהייראַטע אַרבעטער, וועלכע האָבן אין סלעק־צייט ניט גע־האַט קיין אָפּגעשפּאָרט געלט, פּלעגן אין די קאַלטע נעכט זיך ניט האָבן וואו אַהינצוטאָן. איך אַליין האָב דעם ערשטן ווינטער פון מיין זיין אין אַמעריקע דורכגעמאַכט אַזאַ מין דערפאַרונג. קריסטמעס־צייט האָט מען מיך אַוועקגעשיקט פון דער אַרבעט, ביי וועלכער איך האָב ביז דאַן פאַרדינט דריי דאָלער אַ וואָך. ווען די פּאָר דאָלער, וואָס איך האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט האָבן זיך אויסגעלאָזן און איך האָב מער קיין געלט ניט געהאַט צו באַצאָלן מיין באַלעבאָסטע פאַר „לאָזשי“, האָט די באַלעבאָסטע מיך געבעטן אַרויס־קלייבן זיך פון דער דירה. קיין געלט מיט וואָס צו דינגען אַן אַנדער קוואַרטיר האָב איך ניט געהאַט, פּלעג איך שלאָפן אויף עקספּרעס־וואָגנס, וועלכע זיי־נען אין יענע יאָרן געשטאַנען אויף די גאַסן. זייער אָפט, ווען איך פלעג געשמאַק איינשלאָפן אויף אַ וואָגן, פלעג איך פּלוצלונג דערפילן ווי אַזוי אַ פּאָליסמאַן שלאָגט מיך מיט זיין קלאָב. איין מאָל האָט מיינער אַ חבר, אַן אַרבעטסלאָזער ציגאַר־מאַכער, מיר אַן עצה געגעבן, אַז איך זאָל גיין אין עלדרידזש סטריט פּאָליס־סטיישאָן. דאָרט קאָן מען איבערשלאָפן אַ נאַכט און אין דער פרי קריגט מען דאָרט אַ פריי מאָלצייט צוגלייך מיט די אַרעסטאַנטן, וואָס געפינען זיך דאָרט, און מען לאָזט אַרויסגיין זוכן אַ דזשאָב.

איך האָב אָנגענומען די עצה פון מיין פריינט און אין איין קאַלטן אָוונט בין איך אַוועק און עלדרידזש סטריט פּאָליס־סטיישאָן. מיט אַ ציטער אין האַרצן בין איך צוגעגאַנגען צום פּאָליס־לוטענאַנט און דערציילט אים, אַז איך גיי שוין אַ צייט אַרום אָן אַרבעט, אַז די באַלעבאָסטע פון מיין „לאָזשי“ האָט מיך געהייסן אַרויסקלייבן זיך, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר מיין קוואַרטיר. איך האָב אַלץ דערציילט און געבעטן, אַז ער לאָז מיך לאָזן איבערשלאָפן די נאַכט. דער לוטענאַנט האָט מיך אויסגעהערט און האָט אַ וואונק געטאָן צו אַן איינפאַכן פּאָליסמאַן. יענער האָט מיך גלייך אַרונטערגעפירט אין קעלער פון סטיישאָן־הויז. ער האָט אויפגעשלאָסן אַ קאַמער, וואו עס האָט געצאַנקט אַ קעראָסין־לעמפּל. דאָרט זיינען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע עטלאַכע טרעמפּס. דער פּאָליסמאַן האָט מיט זיין „קלאָב“ מכבד געווען מיך מיט אַ פּאָר קלעפּ אין פּלייצע און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— לייג זיך דאָ! — און האָט אויף שנעל פאַרשלאָסן די טיר מיט די אייזערנע גראַטעס.

איך האָב זיך שטילערהייט אוועקגעזעצט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. איך בין אַזוי לאַנג געזעסן ביז דער שלאָף האָט מיך בייגעקומען און איך בין אַנידערגעפאַלן. קאַלט איז דאָרט ניט געווען. מער ניט עס האָט זיך געהערט אַ שלעכטער גערוך און מיינע שכנים האָבן שרעקלאַך געכראָפּעט. אַזוי בין איך אָן זאָרג איבערגעשלאָפן די נאַכט. פאַרטאָג האָב איך דערהערט ווי מען שליסט אויף די טיר פון מיין קאַמער און האָב דערזען פאַר זיך אַ פּאָליסמאַן, וועלכער האָט גענומען קלאַפּן מיט זיין שטעקן איבער מיינע פיס. איך בין אויפגעשפּרונגען ניט טויט ניט לעבעדיק. עס איז געוואָרן לעבעדיק אין קאַמער. די אַנדערע פּאָר „קוואַרטיראַנטן" פון מיין קאַמער, וועלכע זיינען געלעגן אויף צעריסענע אַלטע שטרויזעק, האָט דער פּאָליסמאַן אויך מכבד געווען מיט זיין „קלאָב". מען האָט אונז אַלע פיר אויסגעשטעלט אין דער רייע ווי סאָלדאַטן. איך האָב באַטראַכט מיינע נייע קאַמעראַדן. זיי זיינען אַלע געווען שוין עלטערע טרעמפּס. איך האָב ביי איינעם פון זיי שטילערהייט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דאַרף מען איצט טאָן?

— וואַרט, — האָט מיר מיין שכן געענטפערט. — מען וועט דיר געבן עסן.

עס האָט ניט לאַנג גענומען ווי עס איז אַריין אַן אַנדער פּאָליסמאַן שוין אָן אַ „קלאָב". ער האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויסן פּאַרזשאַווערטן בלעכענעם קעסל מיט קליינע בלעכענע טעפּלאַך. ער האָט יעדן געגעבן אַ טעפּל מיט אַ שוואַרץ געמישעכץ וואָס האָט אויסגעזען ווי קאַווע. ער האָט אונז אויך געגעבן יעדן אַ פּאָר אַלטע זעמל און אַזוי האָבן מיר אָפּגעגעסן אָנבייסן. ווען מיר האָבן געענדיקט עסן, האָט דער פּאָליסמאַן געעפנט די טיר און האָט אונז אַרויסגעטריבן אויפן גאַס. קיין אַרבעט האָב איך יענעם טאָג ניט געפונען. אָבער אין פּאָליס־סטיישאָן בין איך שוין ניט געגאַנגען.

ב. וויינשטיין

א בית־עולם אויף טשעטהעם סקווער

אין הארץ פון ניו יאָרק ליגט אַן אַלער בית־עולם —
עס פעלט איבער אים ניט קיין טוי און קיין זון־שיין,
נאָר מויערן שטייען ארום אים געשלאָסן,
און פאַרנט פאַרצאַמט אים אַן אייזערנער גדר.
אַן איינציקער בוים אַ פאַרדאַרטער נאָר ווייזט זיך,
מיט טרוקענע צווייגן אַריבער די קברים.
דאָרט זינגען ניט פויגלען — נאָר ס'רעשט און עס ליאַרעמט
ארום אים מיט הונדערטער טויזנטער קולות.

עס יאָגן טראַמווייען פאַרביי מיט געפּילדער,
און ס'ווירבלט דאָס לעבן מיט מחנות פון מענטשן.
בין איך צו דעם אייזערנעם צאַם צוגעפאַלן —
און ס'איז מיך אַ געטלאַכע מורא באַפאַלן...

די צייט האָט די אותיות פאַרווישט און צעריבן —
און ס'איז ניט קיין זכר, קיין שפור ניט פאַרבליבן
פון יענע, וואָס זייערע עלנטע ביינער
פאַרגעסענע ליגן דאָ אונטן ווי שטיינער,
פאַרהילט און פאַרוויקלט אין קיטלען, טליתים —
און וואַרטן און וואַרטן אויף תחית־המתים...

עס האָט מיך דער אייביקער צער אַנגענומען —
ס'איז אַלץ ווי אין נעפּל געוואָרן פאַרשוואומען.
פון יעדער מצבה, וואָס ליגט שטיל אין דרימל,
אַ קול האָט געריסן זיך הויך, ביז צום הימל,
אין רעש פון דער גאַס. דורך געוויין און יללות,
דערוואַכט האָט דער ביטערער, פינסטערער גלות...
געקלאַפּט האָבן ביינער אָן ביינער. סקעלעטן
שטיל האָבן געוויינט און געפלוכט און געבעטן...

ווער האָט אייך געטריבן אהער און פון וואַנען?
זייט איר דאָס פון שפּאַניע די לעצטע מאַראַנען?

איר אייביק פארפלוכטע — געבענטשטע צוזאמען,
וואס האט אייך געשטויסן דורך פלאמען און ים'ען?
איך זע אייך, די שטאלצע מיט אדלערשע אויגן,
אין פלאמען פון אויטא־דע־פייען פארצויגן...
איך זע אייך אין נאכט פון כל־נדרי פארהוילן
מיט ווייב און מיט קינד אין די פינסטערע היילן.
איך הער אייער ביטער געוויין און געזאנגען —
איך הער פון די שווערדן און בייטשן די קלאנגען.

פארגעסענע שטייען דא אייערע קברים —
די גרויע מצבות אויף זיי אזוי ארים,
עס וואקסט ניט קיין גרעזל, עס בליט ניט קיין בלימל
אין אייביקן ברויזנדן, ווילדן געטימל.
עס קומען ניט אייערע אייניקלאך בויגן
זיך טיף צונם שטיין מיט א טרער אין די אויגן.
עס קלינגט ניט קיין קדיש נאך אייערע ביינער —
איר לעבט ניט אין קיינעמס געדעכעניש, און קיינער
פארטראכט זיך צומאל ניט, ווי ס'זיינען פארראטן
אט די, וועלכע ליגן דא הינטער די גראטן...

דער סקוואער האט געווירבלט מיט מחנות פון מענטשן,
די גאס האט געשריען, געקאכט און געליארעמט,
פון אפענעם שענק האט א שיכור געזונגען —
און עלנט, ארומ דורך דעם אייזערנעם גדר
געגרייכט האט דער אלטער, פארוויסטער בית־עולם.

י. י. שווארץ

דאָס אידישע לעבן מיט יאָרן צוריק

נאָך א לאַנגן טראַכטן און איבערטראַכטן איז ביי אונז געבליבן מיר זאָלן זיך ביידע אוועקלאָזן אין דער „קאַנטרי" (איבער די דערפער און קליינע שטעטלאך) פעדלען מיט ברעטלאך צו שטולן. דאָס הייסט, מיר האָבן נישט נאָר באַדאַרפט פאַרקויפן די ברעטלאך, נאָר אויסשניידן דאָס צעריסענע שטרוי פון דער שטול, און צוקלאַפּן דאָס ברעטל מיט שיינע טשוועקעלאך מיט מעשענע קעפּלאך.

אונזער ערשטער אַרויספאָר איז געווען מיט דער שיף קיין ניובורג. אָנגעקומען אַהין זענען מיר שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. נישט וויסנדיק וואוהין צו גיין האָבן מיר זיך געשלעפּט מיט אונזערע פּעק ברעטלאך אויף די אַקסלען (א שווערע משא) נאָך אַנדערע, שוין „אויסגעגריינטע" פּעדלער. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צו עפּעס א „סאַלון" און עס איז אויסגעקומען א גאַנץ לאַנגע ווײַלע קלאַפּן אין טיר און וואַרטן ביז מען האָט געעפנט. מיר האָבן זיך גוט דורכגעפרוירן אין דער קאַלטער אָקטאָבער־נאַכט. אין דעם קליינעם צימער, וועלכן מען האָט אונז צוגעטיילט, איז געשטאַנען א שמאָל בעטל מיט א גאַנץ קאַרגן צודעק. מיר האָבן זיך אָבער ווי עס איז ביידע איינגעמאָשטשעט אויף דעם בעטל, אַרויפגעוואָרפן פון אויבן אונזערע שווערע, היימישע מאַנטלען און דורכגעשלאָפן די נאָך פאַרבליבענע עטלאַכע שעה.

אינדערפרי האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט מיט א קאָפּ־ווייטיק. ביים אָנטאָן זיך האָט אונז פון קעלט געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן. זענען מיר אין גרוים אײַלעניש, אפילו אָן איבערבייסן אוועקגעלאָפן קלאַפּן אין די טירן...

א פּאָר שעה בין איך אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז, גאָס איין, גאָס אויס — און גאָרנישט. די אַקסלען זענען שוין געוואָרן גוט אָנגעמוטשעט, איך האָב זיך געפילט מיד און אַנטוישט און האָב צוגעזעצט זיך אויפן גאַניק אָפּרוען. אָבער אָט האָט א באַלעבאָסטע פון אַנטקעגן געקלאַפּט אין פענסטער, געוואונקען מיט דער האַנט, איך זאָל קומען פאַרריכטן א שטול.

כמעט א גאַנצע שעה האָב איך זיך געדרייט אַרום דער שטול און האָב זי געמייסטערעוועט, געשניצט, געזעגט, צעקלאַפּט ביז בלוט די פינגער, אָפּגעגאָסן זיך מיט שוויס, און צום סוף האָב איך די שטול פּאָרט איבערגע־

פירט — דאָס ברעטל האָט אויסגעזען ווי אַן אַרויפגעלייגטע לאַטע פאַר־שטשאָבעט מיט ווייסן פאָדעם.

די גוטע באַלעבאָסטע האָט אָבער מיר באַצאָלט און דוקא אַ גוטן מקח: 40 סענט פאַר 10־סענטיק ברעטל. זי האָט, ווייזט אויס, מיטלייד געהאַט אויף אַ „גרינעם". זי האָט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר איך האָב אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען — די גאַנצע צייט האָבן מיר גערעדט מיט די הענט און אויפן וואונק — האָט זי מיר אָנגעשריבן אַן אַדרעס און האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָרט וועל איך קריגן אַ „דזשאָב". איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּ'חידוש'ן פון דער פרויס גוטסקייט און איינזעעניש. איך האָב אַזש געשעמט זיך פאַר זיך אַליין.

דעם ערשטן טאָג האָב איך פאַרקויפט גאַנצע זיבן ברעטלאַך — אַ קימאַ־לן פון איבער צוויי דאָלער — פיר קאַרבן מיט קאָפּיקעס — ריינער ריווח... און אויך דאָס צוקלאַפּן די ברעטלאַך איז דערנאָך אַ סך גרינגער געוואָרן. און פול מיט האָפענונגען און מיט אַ פריילאַך האַרץ האָב איך זיך אומגעקערט צו מיין סטאַנציע — אין „סאַלון".

מיין פריינט איז שוין געשטאַנען אין דרויסן און האָט געוואַרט אויף מיר. אָבער ווי! ווי! וואָס פאַר אַן אויסזען ער האָט געהאַט. דאָס פּנים איז געווען אויסגעצויגן, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ער איז געווען פאַרצאַרנט, פאַרטרויערט און פול מיט יאוש. ער האָט זיך ביטער באַקלאָגט, אַז פאַרן גאַנצן טאָג האָט ער נאָר איין איינציק ברעטל פאַרקויפט און צרות האָט ער געהאַט אויפן פוד.

ליגנדיק אין בעט, האָט ער מיר איבערגעגעבן זיינע דערפאַרונגען פון טאָג, וועלכע זענען געווען פונקט דער היפוך פון מיינע. הינט זענען אים באַפאַלן, סכנות נפשות, ער האָט שוין געמיינט, אַז אַט צערייסן זיי אים... עטלאַכע מאָל האָט מען אים די טיר אונטער דער נאָז פאַרהאַקט. מען האָט פון אים געלאַכט, איבערגעקרימט און אַן איירישער האָט אים גערופן „שי־ני"... פע, ער האָט פיינט דאָס לאַנד, אַנטוישט געווען אין די מענטשן און אומצופרידן מיט דער פרנסה. „ניין", האָט ער געטענה'ט, „פון די ברעטלאַך וועלן מיר שוין קיין לעבן נישט מאַכן, און גלאַט, ווער האָט עס כוח אַרומשלעפּן זיך אַ גאַנצן טאָג מיט אַזאַ משא?"

איך האָב אַרגומענטירט, אַז גאָר פאַרקערט, די מענטשן זענען דאָ גאָלדענע, דימענטענע, זיי דינגען זיך נישט, באַצאָלן וויפיל מען פאַרלאַנגט און גלאַט מיט וואָס פאַר אַ פיינקייט און איידלקייט זיי באַהאַנדלען אַ ווילד פרעמדן מענטשן! און דאָס לאַנד איז פריי, גאָר אַ מחיה, קיין בילעטן,

קיין פאספארטן, ליי, פאר, האנדל, טו וואס און וועץ דו ווילסט, אן אמת'ער גן־עדן! וועגן אונזער פרנסה האב איך אים און זיך געטרייסט, אז מיר וועלן זיך נאך צוגעוואוינען און אפשר נאך מאכן א גוט לעבן.

די ערשטע צייט האבן מיר זיך ארומגעשלעפט איבער די ניי־ענגלאנד־שטאטן — דורך די קליינע שטעטלאך זענען מיר נאר דורכגעגאנגען און געמאכט בקיצור. אין די גרעסערע שטעט, ווי באסטאן, וואוסטער און פראווידענס, זענען מיר פארבליבן לענגער, אפטמאל עטלאכע וואכן — די צאל פון די אידן דעמאלט אין די קליינע שטעטלאך איז געווען גאנץ קליין, און געוואוינט האבן זיי צעשפרייט און צעווארפן. דאס רוב זענען דאס געווען שוין גאנץ לאנג אריבערגעקומענע און פון גרעבערן סארט. פון א גייסטיקן לעבן האט מען קיין ברעקל השגה נישט געהאט און דאס האט זיי אויך גארנישט געפעלט. דער צוועק פון לעבן איז געווען מאכן דעם דאלער און האלטן אים און פאנטאזירן וועגן: „אי ווי ארבעט מען זיך ארויף אויף א פראפעטקע!" נישט אפשר אזוי צוליב אייגענער באקוועמלאכקייט, ווי צוליב איינקויפן זיך ביי די אמעריקאנער שכנים אין חשיבות, קריגן ביי זיי א ווערט און ווערן אנגעזען...

גערעדט האט מען, פארשטייט זיך, נאר ענגליש. אבער אויך אויף אלע אנדערע אופנים האט מען געזוכט נאכמאכן דעם אמעריקאנער.

דעם אמת זאגנדיק, איז אין דעם אויסערלאכן לעבן במעט קיין ברעקל אונטערשייד שוין נישט געווען צווישן די געבוירענע און געווארענע אמע־ריקאנער. און אויב די אידן זענען נישט געגאנגען זונטיק אין קלויסטער, זענען זיי דאך אבער שבת אין שול אויך נישט געגאנגען. די געשעפטן זייערע זענען ביי זיי געווען שבת אפן גלייך מיט אלעמען און זונטיק פאר־מאכט. זיי האבן גלייכן אנטייל גענומען אין פאליטיק, האבן זיך מתעסק געווען איניינעם מיט די שכנים אין אלע צרכי ציבור, געגעבן א שיינע נדבה אויפן האספיטאל און אפילו אויף א קלויסטער בויען אויך. די צרה איז נאר געווען מיט זייער אייגענעם באוואוסטזיין... דאס שטיקל ירושה, דער חלק איד, דער אידישער פרצוף, דער אידישער קער און ווענד, די אידישע איינגעבוירענע האוואיעס און מינעס, וועלכע לאזן זיך נישט אזוי גיך אויסמעקן, דאס האט זיי נישט געלאזט רוען. און צווישן אלע תרופות האבן זיי זיך אנגעכאפט אויך פאר דער תרופה — דערווייטערן זיך פון אן אנדערן איד כמטחני קשת. קיינמאל א אידס נאמען נישט דערמאנען, מען האט זיך געמאטערט צו פארגעסן זיך גאר אליין, אז מען איז אידן. מיינענדיק, אז מען וועט אלץ פארגעסן — וועט אפשר דער גוי אויך פאר־

געסן !... אין א שטעטל, וואָס עס זענען געווען עטלאַכע אידן, האָט איינער דעם אַנדערן גאָרנישט געקאָנט, אָדער געמאַכט זיך, אז מען קאָן נישט, וואָרום וואָס האָט טאַקע א מענטש א „יענקי" פאַר וועמען איטליכער פון זיי האָט זיך געהאַלטן, וואָס האָט ער צו טאָן מיט א פרעמדן „דזשו"? פאַר מיר האָט זיך איינער אזא תכשיט געריטמט, אז זיינע קינדער זענען גאָרנישט ענלאַך אויף אידישע, און קיינער נעמט זיי נישט אָן פאַר אידי־שע קינדער. און דערמיט האָט ער זייער שטאָלצירט.

קיין גרויסע גבירים אדירים זענען נישט געווען צווישן יענע אידן אין די קליינע שטעטלאַך, אָבער זיי זענען געווען גוט איינגעפונדעוועטע, יוסטע באַלעבאַטים.

פון דעם פריערדיקן פעדלער מיט קליינקייטן איז געוואָרן א „דריי־גודס־סוחר", פון דעם קאָסטאָם־פעדלער — א „קלאָדינג סטאָר", און פון דעם בלעך־פעדלער — א „האַרדוועער סטאָר". אַריבערגעשטייגט זיי אַלע האָט אָבער דער פריערדיקער „דזשאָנק־פעדלער"; ער איז דאָ געווען שוין לאַנג, לאַנג, האָט געהאַט אייגענע פראָפּערטיס און א סך געלט און איז געווען א גרויסער יחסן...

עס זענען אָבער פונדעסטוועגן געווען אויך יוצאים מן הכלל. ווען נישט ווען פלעגט מען אָנטרעפן א אידן אין גאַס, וועלכער פלעגט אָפּשטעלן און פאַראינטערעסירן זיך, פאַנאַנדערפרעגן זיך ווי עס גייט, און אפילו איינ־לאַדן צו זיך אין שטוב. איינמאָל איז א וואונדער געשען. א קליינשטעטל־דיקער איד האָט מיך באַגעגנט, צערעדט זיך און איינגעלאַדן צו זיך אהיים אויף א מאָלצייט. „ניש'קשה, האָט קיין מורא נישט" האָט ער צוגעלייגט. „ביי מיר איז אַלץ כשר".

מען האָט זיך שנעל איבערגעטאָן אין אַמעריקאַנער קליידער, אָפּגע־גאָלט די באָרד, איבערגעביטן דעם נאָמען און כסדר געבראָכן די צונג אויף ענגליש, מיינענדיק, אז דערמיט זענען זיי שוין געוואָרן, „פולע אַמע־ריקאַנצעס". מען האָט אויך אין אַנדערע הינזיכטן געכאַפּט דעם אויבער־פלעכלאַך־אַמעריקאַנישן שניט און קוק אויף זאַכן. דער עיקר אָבער, דער אידעאַל פון אַרויפאַרבעטן זיך, וואָס איז געווען דער איינציקער לעבנס־יסוד.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אידן האָבן זיך מיט אַלע כוחות געמאַטערט צו ווערן אַמעריקאַנער, איז גראָד די מניעה געווען פון דעם אַנדערן צד. דער נאַטירלאַך אינדיווידואַליסטישער כאַראַקטער פון דעם אַמעריקאַנער, זיין האַלטן זיך פאַר א גרויסן מיוחס בכלל און פאַר דעם איד בפרט, האָט אים געמאַכט פאַר נישט מסוגל צו וועלן אויסמישן זיך און

כולל זיין דעם איד אין זיין געזעלשאפט. פארקערט, ער האָט געוויכט פון אים. נישט אין זיינע קלובן, נישט צו זיך אהיים האָט מען דעם אידן געלאדן און א חוץ געשעפט האָט ער מיטן אידן נישט גערן פארקערט.

ביי די אמעריקאנער זענען אלע אידן גלייך געווען. אפילו א גע׳שמד׳־טער איז אויך קיין מיוחס נישט געווען. און ביי די אידן איז קיין אנדער ברירה נישט געבליבן ווי צו פארבינדן זיך ענגער צווישן זיך אליין און אויף אזא אופן זענען זיי פארהיט געוואָרן פון איבערגעקאָכט ווערן אין שמעלץ־טאָפּ, פארשלונגען און אויסגעמישט ווערן ווי אין די קלענערע שטעטלאך.

אָבער אויף דעם „גרינעם" האָט מען אויך אין די גרויסע שטעט גע־קוקט קרום. ער איז געווען עפעס א מין משולחת, נישט נאָר אין די אויגן פון די עכטע אמעריקאנער, נישט נאָר פאררעכנט פאר א ווילד באשעפע־ניש ביי דעם המון, ביי די שקצים און „לויפערס", וועלכע פלעגן אים אָנ־טאָן אלערליי צרות און נגישות — אראָפּרייסן דאָס היטל און צעברעכן, ווארפן אים שטיינער, צעפוילטע פרוכט, אָדער גאָר נישט־פרישע אייער, מיט שניי־קוילן און בלאָטע. נאָר אפילו ביי אונזערע אייגענע אחינו בני ישראל, ביי די זעלביקע, וועלכע זענען אליין נישט לאנג געווען „גרינע" האָבן די נייע גרינע אויך קיין האָניק נישט געלעקט: מען פלעגט פון זיי אָפּלאכן, מאכן חוזק, פארשעמען, אויב גאָרנישט אויסגענוצט די געלעגנ־הייט און אָפּגענארט דעם „גרינעם" פון קאָפּ ביז פיס און זיך גאָרנישט א קרום געטאָן. אזוי ווי עס וואָלט גאָר געווען א שטיקל מצווה א „גרינעם" אָפּצונארן. א „גרינעם" ארבעטער פלעגט מען עקספּלואטירן אָן רחמנות, „גרינע" געשעפטס־לייט אָפּנארן, און א „גרינער" איז געווען א הפקר־זאך, פון וועמענס ענויים און יסורים מען פלעגט זיך נאָר גוט אָנלאכן...

אין אונזער אומשלעפּן זיך איבער שטעט און דערפער איז געווען וויי־ציק מזל ברכה. עס האָט פשוט נישט געסטייעט די חלה אויף המוציא... דערצו האָט דאָס שטענדיקע נע ונד זיין שטאַרק דערעסן. דאָס ארומשלאָגן זיך האָט אונז זייער אויסגעמאטערט און קיין תכלית פאר דער צוקונפט האָבן מיר אין דעם אויך נישט געזען.

אגב האָט מיין פריינט געקראָגן שלעכטע בריוו פון ניו יאָרק — זיין קינד איז געשטאָרבן און די יונגע פרוי מיט איר צעבראָכן הארץ האָט זיך געבעטן רחמים, ער זאָל זי ערגעץ צונעמען צו זיך — און ער איז דורכויס באשטאנען מיר זאָלן זיך וואו עס איז באזעצן. דעריבער ווען

מיר זענען אָנגעקומען אין פּיטסבורג, האָבן מיר באַשלאָסן דאָרטן צו בלייבן. כאָטש אויף אַ ווײַלע.

מיט דעם ביסל געלט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט, האָבן מיר גע־דונגען אַ דירה אין אַלעגעהני סיטי (אַ פאָרשטאָט פון פּיטסבורג) געקויפט די נייטיקע חפצים, אַראָפּגעבראַכט מיין פריינטס פרוי, און געוואָרן פּיטס־בורגער תושבים.

אין פּיטסבורג האָבן זיך שוין דאַן געפונען אַ היפּש ביסל אידן און אַ אידישע געטאָ — אין טונעל סטריט, עס זענען שוין געווען אַ פּאָר שולן, מיט רבנים און אַ רעפאָרמירטער טעמפּל פון די רייכע, דייטשישע יהודים. כמעט אַלע אידן פון פּיטסבורג זענען דאַן געווען געשעפטס־לייט. פון אַ אידישן אַרבעטער איז קיין סימן נישט געווען.

די פריער אַריבערגעקומענע זענען געווען קרעמערס פון כל הסאָרטן סחורות. און די גרינע זענען געווען פּעדלערס פון בלעך, דרעס־גודס, קליי־ניקייטן און — די געהויבענע צווישן זיי — קאָסטאָם־פּעדלערס.

דאָס רוב אידן זענען געווען פּשוטע און פּראָסטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט „מאַכן אַ לעבן", און אויב מען האָט נאָך גע־קאָנט שפּאָרן אַ דאָלער איז געווען מה טוב.

מיר איז אויפן האַרצן געווען אומעטיק און קאַלט. קיין סביבה, וועלכע זאָל אַביסל דערוואָרעמען און אָפּפרישן, איז נישט געווען. איך האָב אפילו נישט געקאָנט און נישט געוואוסט, וואו צו קריגן אַ בוך. טאָג איין, טאָג אויס אַלץ די זעלבע כמורנע רוטינע. אַרומשלעפּן זיך מיטן פּאַק ברעטלאַך, ווי דאָס פערד אויף דער טרעט־מיל. אויך דאָס לעבן איז טאַקע געווען אַ פערדישעס...

מיין איינציקע נשמה־אויפרעגונג האָב איך דאַן געפונען אין מיין דורכ־שרייבן זיך מיט מיין פרומען און גייסטרייכן טאַטן, פאַר וועמען איך האָב אויסגעגאָסן מיין האַרץ און וועלכער האָט מיך אַזוי טיף פאַרשטאַנען, און אַזוי געפּילפּול און וואַרעם זיך אָפּגערופן.

עטלאַכע חדשים האָב איך זיך אָפּגעמוטשעט אין פּיטסבורג און צום סוף איז עס מיר געוואָרן אַזוי נישט ניחא, אַז איך האָב באַשלאָסן אומצו־קערן זיך, לכל הפּחות אויף אַ קורצער צייט, קיין ניו יאָרק.

י. קאָפּעלאָוו

אין געטאָ

האַוועגען די טאַטעס אין די ענגע גאַסן,
פּאַרען זיך די מאַמעס אין די פּייכטע לעכער;
לויפן אום די קינדער אינם הויף דעם נאַסן,
שפּרינגען קעץ און מיאַוקען אויף די קרומע דעכער.

אין די אָפענע פענסטער לופטערן זיך מאַטראַצן —
איז אויף דעם אַ העלע זון פאַראַן אין הימל;
גאַנצע דורות וואַקסן — און אַ חוץ דעם, ראַצן
פלאַדיען זיך און מערן אין דעם גרויען שימל.

קומט אַ קאַטערינטשיק — איז דאָס שבת, צי תמוז,
מיט זיין פּאָפּוגייע — לעבן־אויף די הויפן:
קינדער גייען טאַנצן, און די בלייכע מאַמעס
קומען זייער מזל ביי דעם פויגל קויפן...

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

ווייסע הענט

פונקט דאָס אייגענע, וואָס שבע האָט געפילט ביי זיך אינדערהיים, האָט מאַניס געפילט אַ גאַנצן טאָג אין דעם אָרט, וואו אייבערעם האָט אים געבראַכט.

זיי זענען געגאַנגען איבער אַ גאַס אַ שמאָלער, און, ווי מאַניסן האָט זיך אויסגעוויזן, אויסגעשניטענע ערגעץ אונטער דער ערד; אָן אַ שיר אַ לאַנגער, און די שטיבער איינגעוואָרפענע און ביי די שטיבער וועגע־נער מיט פערד און פעסער מיט הערינג און פעסער מיט ציבעלעס און פעסער מיט עפל און געשטעלן מיט אַלערליי סחורות און אַלטוואַרג און ארויסגעוואָרפענע צעבראָכענע שטיקער מעבל און פלעשער ליידיקע און איינגעבונדענע בינטלאַך זענען געלעגן, איינס אויף דאָס אַנדערע אויף קופּקעלאַך אַש, און קעץ האָבן געדרויעט אין דעם אָפּפאַל, און הינט פאַרלייזיקטע און אָפּגעשונדענע זענען נאָכגעלאָפן די קעץ. און קינדער זענען געשטאַנען אָדער געגאַנגען אין גאַנצע בינטן. אַזעלכע טרויעריקע קינדער, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין מאַמעס. און בעקער־יונגען, ווייס־באַמעליקטע, האָבן געטראָגן גרויסע קוישן פריש־געבאַקענע בייגל און הייס־געבאַקן ברויט, און אידן זענען ארומגעגאַנגען מיט זעגן און מיט העמדלאַך און אַנדערע אידן האָבן געטראָגן בערג מיט הויזן און רעק־לאַך און היטן צום פאַרקויפן. אָט צווישן אַזעלכע גאַסן האָט אייבערעם געפירט מאַניסן. און מאַניס האָט זיך געפּרואווט אַלעמאָל אָפּשטעלן און באַטראַכטן דאָסדאָזיקע בייז־וואונדער, אָבער אייבערעם האָט אים אַלעמאָל דערמאָנט, אַז מען דאַרף גיין. ביז ר'האָט אים צוגעבראַכט צו דער מיט פון גאַס. ערשט דאָ האָט זיך מאַניס ארומגעקוקט, אַז פון אויבן איז די גאַס געווען אינגאַנצן פאַרשטעלט מיט אַ דאַך, ווי, למשל, דער דאַך פון אַ היימישער קאַמער — טאַקע אַ דאַך און פאָרט נישט קיין דאַך. וואָרים עס האָט זיך דורך דעם דאַך פאָרט דורכגעזען שטיקלאַך פון דעם הימל. עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז מאַניס זאָל זיך דערשרעקן. וואָרים אָן שרעק איז ביי אים דאָס לעבן זיינס קיינמאָל נישט אָפּגעקומען. נו, האָט ער זיך איצט אויך אַביסל דערשראָקן. עס האָט אויף דעמדאָזיקן דאַך פּלוצלונג אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. און די אייזערנע באַלקנס פון דעם דאַך האָבן געקרעכצט פון דעם שווערן געוויכט פון דעם, וואָס האָט אַזוי פאַרטויבט צו ווערן געקלאַפּט. עס איז אָנגעקומען דאָס פאַרטויבט־צו־

ווערעניש אזוי ווי מיט א ווינט, און עס איז ווידער שטיל געוואָרן. א גליק, וואָס אייברעם האָט מאַניסן אויפגעקלערט, אז דאָס איז אזא באָן, וואָס לויפט אינדערהייך. וואָלט, דאַכט זיך, מאַניס באַדאַרפט זיין צופרידן, און שוין. איז אָבער מאַניס ערשט איצטער אריין אין אַלערליי סברות און נישט אָפּגעלאָזט אייברעמען, ביז יענער האָט זיך אויף אים נישט אויס־געבייזערט און מיט געוואַלד אים אַריינגעשלעפּט אים אין א פינצטער לאָך און אים געפירט אין דער פינצטער א שטיק וועג, און אים ווידער ארויס־געבראַכט אויף דער ליכטיקייט און דאָרט ערגעץ געעפנט א טיר. אייב־רעם מיט מאַניסן זענען געבליבן שטיין אין א שטוב א טונקעלער, וועל־כע איז געווען באַלויכטן, אינמיטן העלן טאָג, מיט גאַז־לעמפּלאַך.

דער געפילדער פון ניי־מאַשינען און דאָס שווערע, דער'הרג'ענדיקע קלאַפּן פון די אייזערנע פּרעסלאַך, מיט וועלכע עטלעכע אידן האָבן גע־וואָרפן אויף טישן, אזוי ווי זיי וואָלטן זיך מיט דידאָזיקע טישן אָפּגע־רעכנט און צו זיי אויסגעלאָזט זייער כעס, — באַזונדער, דאָס געפילדעריי פון די מאַשינען, האָט גאָרנישט צוגעלאָזט, אז עמיצער אַנדערש, דאָ אין דערדאָזיקער שטוב, זאָל וואַגן צו עפענען א מויל און עפּעס זאָגן. טאָ־מער האָט עמיצער יאָ עפּעס געזאָגט, האָט מען טאַקע נישט געהערט וואָס ער זאָגט.

אייברעם איז דערפאַר צוגעגאַנגען צו איינעם א איד, וועלכער האָט געטראָגן אַן אַרשין איבער זיין האַלז, און א שרייבפּענדל איבערן אויער פאַרלייגט, און אָט צו דעם איד האָט אייברעם געזאָגט עפּעס אין אויער אריין. מעגלאַך, אז אייברעם האָט אַריינגעשריגן יענעם אין אויער אריין, וואָרים יענער האָט זיך אומגעקוקט אזוי ווי א דערשראָקענער, און איז גיך צוגעלאָפן צו מאַניסן און אים באַטראַכט פון דעם קאָפּ ביז צו די פיס.

מאַניסעס פיס האָבן זיך ביי דעמדאָזיקן באַטראַכטעניש אביסל א בייג געטאָן און אים איז עפּעס באַלד דערדאָזיקער איד נישט געפעלן געוואָרן.

נאָכדעם איז פאָרגעקומען דערדאָזיקער שמועס צווישן דעם איד און מאַניסן. אָבער ביידע האָבן געמוזט שרייען איינער דעם אַנדערן אין די אויערן אריין. מאַניס האָט נישט געוואַגט אפילו צו שרייען אזוי הויך ווי דער איד האָט געשריגן:

— א איד וויל זיך לערנען?

— פאַרוואָס נישט?

— עס איז נישט קיין רבנות!

— כ'ווייס...

— ווי אַלט איז אַ איד?

— כ'ווייס, קרוב צו פינפציק... — האָט מאַניס געזאָגט און האָט זיך אַביסל פאַרשעמט.

— האָסט נישט געקאָנט זיין אינגער?

מאַניס האָט געפילט, ווי עמיצער וואָלט אים אָפּגעבריט. אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט. אפילו געפּרואווט אַ שמייכל טאָן.

— ווילסט זיין אַ פּרעסער?

— כ'ווייס?... — ענטפערט מאַניס און כאַפּט דערווייל אַ קוק אַהין, וואו עס שטייען אידן און הרג'ענען די טישן מיט די אייזערנע פּרעס־לאַך. ער דערשרעקט זיך פאַר איינעם פון יענע אידנס גרויסע, גרויע אויגן, וועלכע שרייען צו מאַניסן, אַז ער זאָל נישט זיין קיין פּרעסער, נישט זיין קיין פּרעסער!

— ווייז דיינע הענט! — גיט דער, וואָס מיטן שרייבפּענדעל אונטערן אויער, פּלוצלונג אַ זאָג צו מאַניסן.

מאַניס ווייזט אים זיינע הענט, די ווייכע, אויסגערוטע און ריי־נע הענט, פון דורות אויסגעאיידלטע און געוואַשענע און אָפּגעהיטענע. דידאָזיקע הענט האָבן מיט זייער ווייסקייט געטאָן אַ בליץ אין דער טונקלקייט פון שטוב און זיי האָבן זיך געבעטן, דרייענדיק זיך און בייגנדיק מיט זייערע פינגער, אַז מען זאָל זיי נישט מאַכן אַ תל; מען זאָל זיי נישט אויסשמירן און נישט אָפּבריען מיט דעם הייסן פּרעסל.

— מיט אַזעלכע הענט! מיט אַזעלכע הענט קומט „עס" קיין אַמע־ריקע!...

— אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע... — האָט זיך מאַניס געבעטן.

— איך וועל דיר געבן אַ גרינגע אַרבעט... ווײַן נישט...

— ווער וויינט? — האָט זיך מאַניס געטאָן, פונדעסטוועגן, אַ טאַפּ ביי זיינע אויגן, צי ער וויינט טאַקע נישט.

— ווערסט פּאַקן העמדער?

— פאַרוואָס נישט?

— זעקס וואָכן אומזיסט.

— און דערנאָך?

— און דערנאָך... אַז עס שמעקט נאָך פון דיר די שיף — האָט אים דער פרעמדער איד אָנגעקלאַפּט אין אַן אַקסל.

בשעת דעמדאַזיקן געשפּרעך איז אייברעם געשטאַנען און געהאַלטן די פּיפּקע אין זיין מויל, און עס האָט אים הנאה געטאָן. וואָרים פון איין ווינקל פון זיין מויל איז גערונען אַ שמאָל ריטשקעלע מיט שפּייאַכץ.

אייברעם איז אַוועקגעגאַנגען און איבערגעלאָזט מאַניסן אַליין צווישן די פרעמדע מענטשן. מאַניס האָט אַ גאַנצן טאָג געבענקט נאָך שבען, און אַז עס איז געקומען צוועלף דער זייגער און אַלע האָבן געגעסן אָנ־בייסן, האָט מאַניס זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט אין די קעשענעס און געטראַכט פון שבען און זי באַדויערט. און כאָטש ס׳האָט אין אים גע־ברענט אַ באַגער אַהיימצוגיין, פונדעסטוועגן האָט ער זיך געשטאַרקט און געמאַכט, ווי ער וויל פאַרגעסן אין דער היים.

ביז צוועלף איז ער געשטאַנען און געקוקט ווי אַזוי מען באַדאַרף פּאַקן אַ העמד. דער, וואָס מיט דעם שרייבפּענדל אונטערן אויער, האָט אים געוויזן, ווי אַזוי מען פּאַקט העמדער.

נאָך דעם מאָלצייט, און די מאַשינען האָבן ווידער אָנגעהויבן צו פּילדערן, איז שוין מאַניס געשטאַנען איבער אַ טיש, וואָס האָט מיט זיין הויך דערגרייכט ביז מאַניסעס באָרד, און אויף דעם טיש איז געלעגן אַ העמד, מיט רויטע און בלויע פּאַסן, און מאַניס האָט געפּרוּווט דאָס־דאָזיקע העמד צונויפלייגן. פריער האָט ער פון דעמדאָזיקן העמד באַ־דאַרפט אַרויסשלעפּן שטיקלאַך איבעריקע פעדים, וועלכע זענען געהאַנגען דאָ און דאָרט. פאַרטיק געוואָרן מיט די פעדים, האָט מאַניס געפּרוּווט צונויפלייגן דאָס העמד. פאַרשטענדלאַך, אַז ער האָט נישט געקאָנט. די צוויי אָרבל זענען געשטאַנען אין וועג. ער האָט באַדאַרפט די צוויי אָרבל אַזוי באַהאַלטן אין העמד אינעווייניק, אַז מען זאָל נישט אַרויסזען, און זיי זאָלן, חוץ דעם, ליגן אַזוי באַקוועם באַהאַלטן אין העמד, אַז זיי זאָלן חלילה נישט צעקנייטשט ווערן. פון דעם העמד האָט געשמעקט מיט פריי־שע לייוונט און מיט דעם ריח פון הייסן פּרעסל און די בלויע און רויטע פּאַסן האָבן געלאָקערט דאָס אויג און ווייסע קליינע קנעפּעלאַך האָבן גע־וואַונקען, אַזוי ווי קליינע שטערן איבער דער גאַנצער לענג פון אַ בלויען פּאַס. זאָלן אָבער פאַרשאַלטן ווערן די אָרבל, וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. און אָט איז שוין מאַניס פאַרטיק מיט דעם העמד און טוט עס אַ הייב אויף אין דער הייך און די צוויי אָרבל פאַלן אַרויס, און פון די ניי־מאַשינען הייבן זיך אויסגעבויגענע פּלייצעס און עס הערט זיך אַ געלעכטער.

און דער בארג מיט העמדער וואַקסט. און מאַניס דערשרעקט זיך פאַר דעם באַרג מיט העמדער, און דער איד מיט דעם שרייבפּענדל קומט צו לויפן און ווייזט אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

— זעסט, ווי גיך עס גייט.

— כ'האָב עס ביי מיין טאַטן נישט געטאָן — בעט זיך מאַניס.

— מען ווייסט, מען ווייסט — שרייט אַזוי ווי מיט כעס ער, וואָס מיט דעם שרייבפּענדל, און בשעת־מעשה פליען אים די געפּאַקטע העמ־דער פון די הענט.

ערשט ביים סוף פון טאָג איז מאַניס געוואויר געוואָרן פון דעם סוד, ווי אַזוי מען באַדאַרף פּאַקן אַ העמד, און עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. יאָ. עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אָבער דע־מאָלט האָבן זיך שוין אַלע געקליבן גיין אַהיים. מילא, גיין אַהיים איז אַן ענין; אָבער מאַניסן איז געוואָרן אַ שאָד, וואָרים ערשט איצט זיך אויסגעלערנט, און מען באַדאַרף שוין גיין אַהיים.

אַ. ראַבאָי

איז געקומען דער איד

איז געקומען דער איד פון דער ווייט אין דער פרעמד,
מיט די וואונדיקע פיס, מיטן הארצן, וואָס קלעמט,
מיטן פּאַק אויף דער פּלייצע, מיט שטעקן אין האַנט,
אין דעם נייעם און פרייען און ריזיקן לאַנד.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען —
ביז עס האָט פּלוצלונג ביי דעם אויסבויג פון וועג
דער ישוב פאַר די אויגן אויפגעפּראַלט:
פון שטילער בלויער פינסטערניש פון וואַלד און פעלד
האָט פּלוצים, אומגעריכט, א שלאָג געטאָן
מיט קלאַנג, געזאַנג און רויטע פייערן.
דאָס פאָלק פון אַלע נידעריקע הייזלאַך
געוועז איז אויסגעשאָטן, קינד און קייט
אין מיטן גאַס אַרום די פייערן:
עס האָט געפייפט, געקלאַפּט אין מעש און בלעך,
געצימבלט אויף באַנדורעס און געזונגען;
געטאַנצט משונה'דיקע ווילדע טענץ
מיט יעדן גליד פון קערפּערס פון האַלב-נאַקעטע.
ווילד, רויט, ביים רויטן שיין פון פייערן,
האָבן געגלאַנצט די שוואַרצע פּנימ'ער,
מיט רויט-פאַרצויגענע און שווערע אויגן.
דער פייערדיקער היימישער געברייטער טרונק
איז אומגעגאַנגען היים פון מויל צו מויל.
און קינדער נאַקעטע, מיט קעפּ פון שוואַרצן וואָל,
זיי זיינען איבער פייערן געשפּרונגען,
ווי יונגע וואַלדיקע און ווילדע מאַלפּן
און אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב, אַרויף
צו דעם פאַררויטלטן און שוואַרצן הימל.
עס האָבן גרויסע, שוואַרצע הינט געבולן,
און פעטע קעץ געדרייט זיך אין געווימל.
און דורך דעם רויטלאַך-שוואַרצן נעפּל איז דער איד

אדורכגעגאַנגען מיטן שווערן פּאַק —
איז ער געגאַנגען דורכן רויטן שטויב
און ס'האָבן פרעמדע הינט אים נאָכגעבולן,
און שווארצע קינדער האָבן נאָכגערופן,
און שווערע ווייבער האָבן נאָכגעלאַכט,
און רויטע אויגן האָבן נאָכגעגלאַנצט —
ביז ער איז דורך דעם רויטן, ווילדן לאַגער
אַרויס צום שוואַרצן פעלד, וואו ס'ציען זיך
די אַלטע, נידעריקע פאַרם-הייזער,
אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק פון זיינע פּלייצעס,
און אָנגעקלאַפּט אין ערשטער בעסטער טיר.

האָט זיך פון הויז דערטראָגן אַ גערודער:
דער שווערער ריגל האָט זיך לויז געמאַכט,
די טיר האָט זיך געעפנט פאַרזיכטיק,
און אין דעם שוואַרצן חלל פון דער טיר
האָט זיך אַ הויכע ווייסע מענערשע פיגור
באַוויזן, מיטן שוואַרצן רער פון ביקס
פאַרויס אַרויסגעשטעלט, און ס'האָט אַ קול,
אַ הייזעריק-פאַרשלאָפן קול געשיפּעט:
ווער ביסטו? — האָט דער מאַן פון פּאַק געענטפערט:
אַ איד, וואָס זוכט וואו צושפּאַרן דעם קאָפּ.
כ'בין אויסגעמאַטערט פון דעם שווערן וועג.
— ווי קומסטו דאָ? — איך טראָג מיין האנדל מיט,
די נאַכט איז צוגעפאַלן, איך בין מיד,
די פיס זיינען אין וואונדן, לאָז אַריין,
וועל מאַכן אַ געשאַנק דיין ווייב פון פּאַק. —
האָט זיך די רער פון ביקס אַראָפּגעלאָזט.
דאָס קול האָט ווייכער אויסגעקלונגען: וואַרט.
דערנאָך איז די פיגור אין ווייס אַרויסגעקומען,
אין האנט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן,
האָט ביז צום אידנס אויגן צוגעטראָגן
די ברענענדע לאַמטערן, אים באַקוקט,
פון אויבן ביז אַראָפּ און צוגעוואָרפן: קום.

האָט ער אים אין דער שטאַל אַריינגעפירט,
אים אָנגעוויזן אויף אַ באַרג מיט היי,
אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ: „דו זאָלסט ניט רויבערן,
„וועסט נאָך אוועקשיקן די שטאַל מיט פייער
צוזאַמען מיטן פאַק און מיט די בהמות.
„גיב אַכטונג“. — זיך אַרויסגעשלייכט פון שטאַל,
פאַרשליסנדיק דעם טויער הינטער זיך.

י. י. שוואַרץ

פרימאָרגן

דער גוי האָט אויפגעפּראַלט די טויערן פון שטאַל,
און ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן אין קילער שטאַל
מיט רויטן ליכט פון אויפגייענדער זון.
עס האָט אַ בליץ געטאָן אין פרעמדן אויג
די נייע אומבאַקאַנטע פרישע וועלט
מיט בלויע הימלען און געדיכטע גראָז,
מיט ווייטן וואַלד, מיט גרינער בלעטער־קרוין,
מיט נאָנטע פרוכט־ביימער, באַדעקט מיט טוי,
מיט ווייסע אָפּגעקאַלכטע ווענט פון הויז,
וואָס באָדט זיך ביז די פענצטער טיף אין גרינס.

איז אָנגעקומען שטיל די באַלעבאָסטע
אין נעלן שטרוי־הוט מיט די ברייטע ראַנדן,
האָט זי פריש־מאָרגנדיק באַגריסט דעם פרעמדן.
אַ בלישטש געטאָן אויף אים מיט גוטע אויגן,
מיט אָפענעם און זון־פאַרברענטן פנים,
מיט ווייסן לייוונט פון דעם שטוביק קלייד
און זיך אַראָפּגעזעצט די קו צו מעלקן.
די ווייסע שוימענדיקע שטראָמלאַך מילך,
זיי האָבן זינגענדיק און פלינק געקלאַפּט,
געטענצלט אין דעם דעק פון גלאַנצנדיקן בלעך,

און ס'האָט פאַרשמעקט מיט וואַרימקייט און זאַט.
דער גוי האָט אים אַרויסגעפירט צום ברונים,
און אַז דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעפרישט
מיט קאַלטן, קלאָרן וואַסער — איז די טאָכטער
אַנטקעגן שוין געקומען מיטן האַנטוך,
פון היימיש גראָבן ווייסן ליין געשפונען.
דאָס קליינוואַרג מיטן פינגער אינם מויל,
מיט שטעכיק־ווייסן האָר און בלויע אייגלאַך —
זיי האָבן שרעקנדיק דעם פרעמדן נאָכגעקוקט,
געביטן זיך ווי גענז, אויף ברוינע פיסלאַך,
געקניפּן איינס דעם אַנדערן, געשטופּט זיך,
ביז ס'האָט דער באַלעבאָס זיי אָפּגעיאָגט,
און איינגעלאַדט דעם פרעמדן צונם טיש!
האָט זיך דער איד באַדאַנקט, דערקלערט דעם גוי,
אַז פריער מוז ער דאַווגען, לויבן גאָט.
האָט ער זיך איינגעוויקלט אין דעם טלית,
אין גרויסן טלית מיט די שוואַרצע פּאַסן,
זיך אָנגעטאָן אין די פירעקנדיקע קעסטלאַך
מיט העגנענדיקע שוואַרצע רימענדלאַך —
איז מאַן און ווייב און קינד געבליבן שטיין
פאַרוואונדערט און פאַרגאַפט. דער מאָדנער מענטש
האָט אומגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט,
פאַרמאַכט די אויגן זיינע, און מיט ברען
געוויגט, געוויגט דעם ביינערדיקן גוף.
דערנאָך האָט ער פון ס'ניי די הענט געוואַשן,
האָט ווידער אָפּגעזאָגט אַ קורצע תפילה —
ערשט דאַן גענומען איינברעכן דאָס ברויט.
צום פלייש אפילו זיך ניט צוגערירט,
געגעסן מיט היטל אויפן קאָפּ,
און האָט געטונקט שוואַרצע ברויט אין מילך,
האָט זיך דער באַלעבאָס מיט אים צערעדט
גע'חידוש'ט זיך אויף אַלע וואונדערלאַכע זאַכן
וואָס ער האָט דאָ צום ערשטן מאָל דערזען.

נאָר אַז דער ערשטער וואונדער איז פאַרביי —
דאַן האָבן זיך די מענטשן היימישער געפילט,
דער גוי האָט ברייטלאַך, אויפגעלייגט פאַררויכט
די קורצע, שוואַרצע ליולקע, און דער איד
האָט זיך דעררעדט, אַראָפּגערעדט פון הארצן.
ער קומט, זאָגט ער, פון גיהנום, פון אַ שטאָט,
וואו מענטשן לעבן ניט, נאָר פאַלן אינם יאָך,
ער האָט געפּלאָגט זיך אין דעם ווילדן כרך,
געשניידערט פופצן לאַנגע שעה אין טאָג.
זיך אומגעוואַלגערט אין אַן ענגער לאָך —
קיין טראָפּן לופט, קיין פּיצל שיין געזען.
האָט אָנגעהויבן טריקענען זיין לייב
און איטלאַך ביין זיינס האָט דערשפּירט דעם טויט.
האָט אין זיין הארצן אָנגעהויבן וויינען
אויף זיך אליין, אויף זיינע יונגע יאָר,
און זיין דערבאַרמונג האָט זיך געוועקט
צו די יתומים זיינע לעבעדיקע,
וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג שוין ניט געזען,
אין וואַלגערניש צו זוכן ס׳שטיקל ברויט.
האָט ער זיך מיטן פּאַק געלאָזט אין וועג —
דאָ האָט ער כאַטש אַ הימל איבער זיך.
די וועלט איז ברייט, און מענטשן זיינען גוט,
אַ איד ווערט ניט פאַרפאַלן, ווי זיי זעען.

דער גוי האָט שטיל, געלאַסן אַלץ געפּיפּקעט,
זיך צוגעדעקט מיט פאַרהאַנגען פון רויך,
אַריינגעשטעלט אַ ווערטל דאָ און דאָרט —
און ס׳האָט די גוי׳ע זיך געווישט די אויגן.

וואָס דען, זאָגט ער, אַ איד לעבט מיט בטחון,
ער גלויבט, אַז אים וועט אויך ניט גאָט פאַרלאָזן —
און וואָס פאַרלאַנגט ער דען — עשירות? געלט?
ער וויל זיך בלויז דערשלאָגן צו אַ ברעג
און וויסן, אַז דאָס איז דער פּלאַץ פון רו,

וואָס גאָט האָט אים באַשערט. ער איז שוין מיד,
אַ יעדעס גליד זיינס שרייט און לעכצט נאָך רו,
אַן אייגן דאַך, אַן אייגן ווינקל זיינס.
ער גאַרט נאָך אַרבעט מיטן שווייס פון פּנים,
ער זוכט דען מערער ווי דאָס שטיקל ברויט?
ער האָט, זאָגט ער, געוואַנדערט אין דער לענג און ברייט
פון גרויסער, נייער וועלט. דאָס לאַנד איז רייך,
איז פריש און יונג, די מענטשן זיינען רוי,
דערפאַר באַהאַלט זיך הינטער שאַלאַכץ
אַ האַרץ אַ גוטס, מיט מיטגעפיל צום פרעמדן.
ער האָט געזען, זאָגט ער, די ערשטע אידן
באַזעצן זיך צווישן קריסטן־שכנים —
פאַרנעמען זיך מיט האַנדל פונם לאַנד.
מען קויפט אַ פעל, אַ בינטל וואָל און פוטערוואַרג,
מעטאַלן זיינען דאָ לרוב — מען האַנדלט,
מען אַרבעט פלייסיק און מען האָט חיונה.

דער גוי איז שטיל געזעסן און געטראַכט.
אַריינגעקוקט אין אידנס מידן פּנים,
געלאָסן אויפגעשטעלט זיך פון זיין זיץ,
אַרויסגעקלאַפּט די גרויע אַש פון ליולקע
און אָנגעקלאַפּט דעם אידן אויפן פּלייצע:
זאָלסט היינט פון דאַנען ניט אַוועקגיין, איד,
איך וועל זיך היינט צונויפטרעפן מיט שכנים,
מען וועט זיך דורכרעדן מיט זיי, מ׳עט זען..
און צוגעשריגן פונם שוועל צום ווייב:
ניט לאָז דעם אידן רירן זיך פון פּלאַץ.

י. י. שוואַרץ

שכנים

אין אָנהייב איז דער איד געווען א וואונדער;
ס'איז שווער געווען באַגרייפן זיינע דרכים,
זיין פרעמדן הילוך און זיין פרעמדן לשון,
פון יעדן ריר זיינס האָט אַראָפּגעשריען פרעמדס
און זיך געוואָרפן אין די פרעמדע אויגן.
און אַז מען האָט זיך צוגעוואוינט אַביסל,
און ס'איז אַוועק די ערשטע ניט־פאַרטרויליכקייט,
איז מען געוואָרן רעדעוודיקער, נענטער.
מען האָט זיך אָנגעהויבן צוקוקן פון נאָענט,
און זע א וואונדער: ער פאַרשטייט דאָך אַלץ,
און ווייסט פון אַלעס, וואָס קומט פאָר ארום,
און האָט אויף אַלץ א גוטמוטיק, א פּאַסיק ווערטל,
וואָס איז צו זעלבער צייט אי פרעמד, אי אייגן.
א מענטש, ווי אַלע מענטשן, ארבעט טאָג ווי נאַכט
און זאַמלט אַלטע אייזנס, ביין און קודער,
פאַרקערט, ער גיט נאָך מענטשן צו פאַרדינען.
וואָס דען, ס'איז זיי געווען קשה'דיק:
ווי ארבעט דאָס א מענטש אין זונטיקדיקן טאָג?
און איינמאָל אין א פיינעם, שיינעם טאָג
איז אָנגעקומען אויפן הויף דער פּאַסטאָר,
די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, שמייכלענדיק,
געזאָגט דעם אידן א גוט וואָרט, זיך נאָכגעפרעגט,
ווי גייט עס אים, געגלעט די קינדער אויפן קאָפּ,
פאַרבויגט זיך פאַר דער שטילער אידענע.
אַביסל שפּעטער זיינען צוגעקומען
א צוויי־דריי שכנים; מען האָט זיך צעזעצט,
פאַררויכערט די שוואַרצע ליולקעס, ווי דער שטייגער,
דערנאָך האָט זיך דער פּאַסטאָר שטיל צערעדט,
געצויגן מיט א ניגון ווי אין קירך,
געוויזן בקיאות אין דעם אַלטן טעסטאַמענט,
געמישט די לוקאַס און פון פּאָול די פסוקים,

און פון די אנדערע אפאסטאלן פון קירך,
און אויסגעלאזן מיט א שטילער פראגע:
ווי קומט עס, וואס ער ארבעט אין דעם טאג פון רו?
דא האט דער איד בנעימות אפגעענטפערט:
ער איז א איד און האלט פון אלטן גלויבן,
ווי ס'שטייט פארזאגט אין אלטן טעסטאמענט:
זעקס טעג אין וואך זאלסטו דיין ארבעט טאן,
און אינם זיבעטן, אין טאג פון שבת,
זאלסטו זיך רוען, און אים הייליקן,
צוזאמען מיט דיין קינד, דיין אקס און אייזל.
אויף דעם האט זיך דער פאסטאר שוין פאר'חידוש'ט,
רחמנות'דיק געשאקלט מיטן קאפ
צי ווייסט ער ניט, אז דזשיזוס קרייסט, דער זון,
האט שוין דעם שבת אפגעשאפט פון רו,
און אויף זיין פלאץ געשטעלט דעם זונטיקדיקן טאג?
דא האט רחמנות'דיק דער איד געענטפערט:
איז ניט געלערנט, האט ניט שטודירט אין די שולן,
איז ניט בכוח צו פארפירן א דיספוט
מיט איינעם, וואס איז שטארק און גרויס אין וויסן.
ער גייט בלויז אין דעם וועג פון זיינע פאטערס,
און טוט, וואס זיי האבן געטאן. איז דאס
דעם דינעם פאסטאר שטארק געווען געפעלן,
זיך אויפגעהויבן און געדריקט זיין האנט,
פארבויגט זיך ווידער פאר דער אידענע,
און זיך אוועקגעשלייכט מיט שטילע טריט.
עס האבן זיך די שכנים אויפגעשטעלט,
געקלאפט אים אויף דער פלייצע: גוט געזאגט.
אויף מארגן האט דער איד באקומען צוגעשיקט
א שווערן, דיקן בויגנדיקן ספר:
דעם אלטן מיטן נייעם טעסטאמענט —
געשיקט פון דינעם פאסטאר א געשאנק.

י. י. שווארץ

דער ערשטער טאָג אין סקול

און יוסף האָט זיינע ברידער ניט דערקענט. דורך די צוויי יאָר, וואָס ער האָט זיי ניט געזען, זיינען זיי גאָר אַנדערש געוואָרן און ער האָט פאַר זיי מורא געקראָגן. זיינען דאָס זיינע ברידער בערל און חיים? ניין, די פּנים'ער גוי'איש, ווי די שקצים, און גייען אַ גאַנצן טאָג אַרום אָן אַ הוט, אין קורצע קליידער, און רעדן צווישן זיך אויף אַ שפּראַך, וואָס ער פאַרשטייט ניט. פאַרן טאַטן האָבן זיי נישט קיין מורא און עסן אומגע־דאַוונט, אומגעוואַשן, און נישט דווקא זיינען זיי אַנדערש געוואָרן, נאָר אַלע. רחלע גייט שוין אָנגעטאָן ווי אַ גרויסע פּריצטע און איז אַ גאַנצן טאָג אין שטוב נישטאָ, און די מאַמע איז אַנדערש. זעט ווי חיים און בערל עסן אומגעוואַשן און זי זאָגט זיי גאָרנישט. זיי צעברעכן האָלץ אום שבת און צינדן פּאַפּיר אונטער, און דער טאַטע איז פאַרשטעלט. אַ קורצן ראָק גייט ער אָנגעטאָן און קומט אהיים אויף דער נאַכט און לייענט אַ צייטונג, און אַלע גייען דאָ פאַרשטעלט אַרום. שוין צוויי וואָכן איז ער דאָ, יאָ־סעלע, און קיינעם איז נאָך נישט איינגעפאַלן, מען זאָל אים אין חדר פירן צו אַ רבי'ן. מען זאָגט, מען וועט אים אין שקאָלע פירן, דאָרט, וואו חיים און בערל גייען. און דאָרטן וועט ער אויך אָן אַ הוט זיצן און לערנען ווי זיי. דערווייל דרייט ער זיך אין שטוב אַרום מיט דער מאַמען (ער האָט מורא אין גאַס אַרויסצוקוקן). וויפיל די ברידער האָבן אים נישט אין גאַס אַרויסגעצויגן, האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט מורא געהאַט פאַר דער פרעמדער גאַס, אַזאַ גרויסן רעש הערט מען פון דער גאַס אַרויס. דרייט ער זיך אום, ווי נאָך עפּעס אין אַ פרעמדער שטוב, און ער קאָן זיך אַלץ ניט צוגעוואוינען צו דער שטוב.

אַלעס קומט אים אויס פרעמד דאָ: די שטוב, די ברידער און אפילו די מאַמע אויך. עפּעס אַנדערש גייט זי אָנגעטאָן ווי אין דער היים, און רעדט אַנדערש ווי אין דער היים. ווייסט ער נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. נעמט ער טיילמאָל די גמרא, וואָס שטייט אין שראַנק, און זעצט זיך אוועק איבער'חזר'ן דעם „שיעור", וואָס ער האָט געלערנט אין דער היים. די מאַמע שטייט אין אַ ווינקל און וויינט פאַר פרייד. קומען די ברידער אַריין, לאַכן זיי אים אויס און רייסן אים פון דער גמרא אוועק. דורך די אָפענע טיר און פענסטער רייסט זיך דער רעש פון דער גאַס אַריין. מען קלומפּערט אין דרויסן. מען שרייט, און אַ שפּיל־קאַסטן

שפּילט און צעטומלט אים דאָס לערנען. שלעפּן אים די ברידער אויף דער גאַס אַרויס. אין דער גאַס איז ליכטיק און אַזויפיל קינדער זיינען דאָ, און אַ קאַסטן שפּילט, און די קינדער שטייען אַרום דעם קאַסטן און טאַנצן; דאָרט זאַמלען קינדער פּאַפּירן פון די גאַסן, לייגן עס צונויף און צינדן אַ פייער אונטער. יונגען שפּילן אין פּאַלענט און אַלע פרייען זיך און לאַכן און שרייען, און די קינדער שלעפּן אים מיט צום שפּיל און ער שטייט פון דערווייטנס, האָט מורא צוצוגיין. די ברידער שלעפּן אים און ער רייסט זיך פון זייערע הענט אַרויס. האָט מורא פאַר די פרעמדע קינדער, האָט מורא פאַר דעם רעש און לויפט צוריק אין שטוב אַריין און באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל. די מאַמע נעמט אים אַליין ביי דער האַנט און פירט אים אויף דער גאַס אַרויס. פירט אים צו די שפּילנדיקע קינדער צו, שטופּט אים צו: „גיי, יאָסעלע, גיי, שפּיל זיך". יאָסעלע האָט מורא, רוקט זיך אין אַ זייט אָפּ, קומט צוריק אין שטוב אַריין. זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט, נעמט זיך צוריק צו דער גמרא, אָדער זוכט זיך אַ ספר'ל אויס און קוקט זיך אַריין, ווי אַן אַלטער, דערוואַקסענער מענטש.

אַזוי האָבן פאָטער און זון אַלע אויפדערנאַכט זיך צוריקגעפונען ביי דעם גמרא לערנען אין דעם גרויסן, פרעמדן ניו יאָרק.

עס איז געקומען די צייט, מען האָט געמוזט יאָסעלען אין שקאָלע אָפּגעבן.

מען איז שוין געווען אייניקע מאָל פון דער שקאָלע און געפרעגט אויף אים. די מוטער האָט אים ביי דער האַנט אָנגענומען. בערל איז מיטגעגאַנגען און מען האָט יאָסעלען צו דער שקאָלע געפירט.

אַריינגעקומען אין אַ גרויס הויז. יאָסעלע האָט מורא געקראָגן, נאָר געזען, ווי בערל פירט זיך היימיש דאָרט, גריסט זיך מיט אַלע, איז ער אַביסל רואיקער געוואָרן. בערל האָט זיי אַריינגעפירט אין דער קאַנצע־לאַריע אַריין, וואו מען האָט יאָסעלען פאַרשריבן (לאַנג האָט די מוטער געמוזט טענה'ן מיט אים ביז זי האָט גע'פּועל'ט, אַז דאָס אינגל זאָל דאָס היטל אויסטאָן — ער האָט זיך פאַרהאַלטן מיט ביידע הענט דעם קאָפּ). ער האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט בערלען, ווי ער שטייט און טענה'ט זיך אויס מיט אַ הויכן גוי אויף גוי'איש און ער האָט גאָר קיין מורא נישט. דערנאָך האָט בערל יאָסעלען ביי דער האַנט אָנגענומען און אַריינגעפירט אים אין אַ גרויסן זאָל אַריין.

יאָסעלע האָט נישט געוואָלט אַריינגיין, ער האָט מורא געהאַט און מיטגעצויגן די מאַמע — „קום מיט!"

— גיי, קינד גיי, האָב נישט קיין מורא, זעסט דאָך, בערל איז דאָך אויך דאָרט.

נאָר ווי יאָסעלע איז אין דעם גרויסן זאַל אַריינגעקומען, אַזוי איז ער דערשטוינט געבליבן. אַזאַ שטוב האָט ער נאָך נישט געזען, — גרעסער ווי אַ שול, להבדיל, און אַלע קינדער זיצן אַרום אויף שטולן. ער האָט נישט באַמערקט, ווי מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. ער האָט געקוקט אויף דעם באַלעמער. דאָרט זיינען געשטאַנען שרים מיט שרר'טעס און מען האָט געשפּילט אויף אַ כלי־זמר, וואָס האָט געמוזט זיין אַן אָרגל און וואָס אַ איד טאָר נישט הערן, ווארים אין בית־המקדש האָט געמוזט זיין אַזאַ כלי־זמר. דער אָרגל האָט געשפּילט און די קינדער האָבן אַלע מיטגעזונגען אַ ליד, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. נאָר עס איז אַזוי שיין געווען, אַז מען האָט עס אוודאי נישט געטאָרט הערן... נאָר איבערהויפּט דער אָרגל. דער קול איז עפּעס געווען אַזוי מאָראַליש און עס האָט אַזוי געדונערט איבער דעם הויכן, גרויסן זאַל, אַז יאָסעלע איז געבליבן זיצן און איז דערשראָקן געוואָרן פאַרן קול און טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אויגן, וואָרים דער קול איז געווען זייער זיס און שטאַרק און עס האָט געצויגן דאָס הארץ. אין בית־המקדש האָט מען געמוזט אַזוי שפּילן, און דאָ זיצט ער אָן אַ פאַרדעקטן קאָפּ און הערט זיך איין צום אָרגל.

נאָר באַלד האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט, די קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן מיט רעש צו צעגיין און ער איז פאַרוואונדערט געוואָרן, דערזעענדיק ווי בערל גייט צו צו איינע פון די שררות'טעס און רעדט מיט איר אַזוי גלייך און פרייט זיך מיט איר און האָט גאָרנישט קיין מורא פאַר איר. און באַלד קומט דיזעלביקע שררות'טע צו צו אים און נעמט אים אָן מיט דער האַנט ביים הענטל און קוקט אים אָן מיט אַ ליבלאַכן שמייכל און רעדט עפּעס צו אים. יאָסעלע ווערט פאַרשעמט פאַר איר, לאָזט אַראָפּ דאָס קעפּל, באַהאַלט די אויגן. זי הייבט אים אויף דאָס פּנים און ווידער שמייכלט זי אַזוי ליבלאַך צו אים און גלעט אים מיטן האַנט איבערן קעפּל יאָסעלע ווערט זייער פאַרשעמט און דאָס פּנים ווערט אים רויט — אַ פרעמדע שררות'טע דאָך, נישט די מאַמע...

באַלד נעמט זי אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים אַרויס פון זאַל. ער קוקט זיך אום נאָך בערלען. בערל איז שוין לאַנג נישטאָ, און דאָ נעמט אים אָן די שררות'טע ביי דער האַנט און שפּרינגט מיט אים און האָפּט מיט אים איבערן זאַל אַרויף איבער די טרעפּ און רעדט אַלץ צו אים, און

שמייכלט אלץ צו אים, און דערציילט אים און ווייזט אים מיט די הענט. יאָסעלע ווייסט נישט וואָס זי וויל, ווייסט איבערהויפּט נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. עפּעס איז עס ווי אַ חלום, און וואָס טוט ער דאָ? און ווער איז די שררות'טע? באַלד ברענגט זי אים ווידער אין זאַל אַריין, קינדער זיינען דאָרטן, און ווי זיי האָבן זי דערזען, זיינען זיי באַפאַלן מיט לאַכן און פרייד. זי ווייזט די קינדער אויף יאָסעלען און אַלע קוקן יאָסעלען אַזוי נייגעריק אָן. און זי נעמט אים ביי דער האַנט און זעצט איט הינטער אַ שטענדער אַוועק, און נעמט פּאַפּיר און לייגט פאַר אים, און אַ בליישטיפט גיט זי אים אין האַנט אַריין און ווייזט אים אויף אַ מענטשעלע, וואָס שטייט אויסגעמאָלן אויף אַ טאָבליצע, און הייסט אים, אַז ער זאָל נאָכמאָלן דאָס מענטשעלע, און גייט איבער צו די אַנדערע קינדער.

יאָסעלע זיצט מיטן בליישטיפט אין דער האַנט און הייבט זיך אָן ביסלאַכווייז אַרומצוקוקן, וואו ער געפינט זיך דאָ. די זון שיינט אַריין דורך די גרויסע אָפענע פענסטער, דיזעלביקע זון, וואָס האָט אַריינגע־שיינט ביי דעם רבי'ן יצחק יודלס דאָרט אין לעשנע, נאָר דאָרט איז געווען אַ שטיקל זון און דאָ איז אַ גאַנצע זון. און דאָ איז אַלץ גרעסער; דאָרט זיינען געווען בלויז אײנגלאַך חברים. משהלע דעם רבס איז געזעסן לעבן אים, און קעגניבער אים האָט ער געהאַט שלמה יעקבן דעם חזנ'ס, און די גמרות זיינען אָפן געלעגן און אַלע האָבן געזאָגט הויך אויפן קול און דער רבי האָט זיך אַרומגעדרייט מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט און האָט אכטונג געגעבן, אַז מען זאָל נישט אַרויסקוקן פון דער גמרא אַרויס; און קוים האָט נאָר אַ יונג באַלעמוטשעט אויף איין אויגנבליק, איז דער קאַנטשיק געגעבן אַ פאַל איבער דער נאָז. מען האָט געפילט דעם עול, דעם תכלית פון לערנען, און דאָ גיט מען אים פּאַפּיר מיט אַ פעדער און מען הייסט אים באַלמוטשען און מענטשעלאַך מאַכן. און מיידלאַך זיצן דאָ אויך און מען לאַכט אַרום און מען שפּילט זיך מיט די שררות'טעס און אַלע באַלמוטשען.

און ווי ער קוקט אַזוי אויף דער זון, וואָס שיינט אַריין דורכן פענ־סטער, האָט אים אַ גרויס בענקעניש אָנגענומען נאָך יצחק יודלס חדר. אוי, וואָלט ער געוואָלט זען איצט משהלען און שלמה־יעקבן און איניינעם הויך אויפן קול אָפּזאָגן דעם שיעור און אויסטייטשן גוט דאָס תוספות'ל! און ווי ווייט מוזן זיי שוין איצט זיין, אוודאי האָבן זיי שוין אַ נייע מסתמא און דער שיעור איז שוין אוודאי לאַנג געענדיקט, און דאָ זיצט

ער גאָר און מען גיט אים מענטשעלאַך צו מאַכן. און וואָס טוט ער דאָ? ווי קומט ער אַהער? וואו געפינט ער זיך? וואָס איז?

באַלד רופט זיך עפּעס אָן צו אים ווער. ער קוקט זיך אום און דער־זעט, אַז דאָס אינגל, וואָס איז געזעסן לעבן אים מיט צעשויבערטע האָר און שרעקלאַכע ווילדע גוי'אישע אויגן, רעדט עפּעס צו אים אויף אַזאַ לשון, וואָס נישט ער און נישט די קינדער אַרום האָבן פאַרשטאַנען.

עס איז געווען אַן איטאַליעניש אינגל פון סיציליען, קאַטע קאַמבאַס, וועלכער איז פון סיציליען דאָרף אָנגעקומען אין דעם גרויסן אַמעריקאַנער טאָפּ, די אַמעריקאַנער סקול, און זיצט שוין דאָ פיר טעג און פאַרשטייט נישט קיין וואָרט, וואָס די קינדער רעדן און קיינער פאַרשטייט אים נישט.

דאָס איטאַליענישע אינגל האָט געפרעגט יאָסעלען, אויב ער קומט אויך אַרויס פון דעם דאָרף ציראַנע, פון וואַנען ער קומט אַליין. יאָסעלע האָט נאָר מיט שרעק אים אָנגעקוקט און זיך אָפּגערוקט פון אים. זעט זיך אויס, אַז די פרעמדע סביבה און דאָס אומפאַרשטענדלאַכקייט אַרום זיך האָט דאָס איטאַליענישע אינגל אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך געוואָרפן אויף יאָסעלען מיט די קולאַקעס שלאָגן.

די לערערן האָט עס באַלד באַמערקט, צוגעקומען און באַרואיקט דאָס הייסע איטאַליענישע בלוט פון דעם סיציליאַנער אינגל, יאָסעלען איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער בענקל, געקוקט אויף אים אַזוי ליבלאַך און באַרואיקט אים מיט דער האַנט אויפן קעפּעלע און געזאָגט צו אים אין אידישע ווערטער: „האָב נישט קיין מורא".

יאָסעלע, וועלכער האָט געהערט די אידישע ווערטער פון דער שררות'־טע, האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. פון וואַנען קען זי אידיש? נאָר פון דענסטמאָל אָן האָט איר בליק פון אירע מילדע אויגן אים באַרואיקט און ער האָט געהאַט צו איר צוטרויען.

די לערערין, וועלכע איז אַליין אַרויסגעקומען פון רוסישע אידן און האָט אַלס קליין קינד פאַרלאָזט רוסלאַנד, וועלכע זי האָט נישט מער גע־דענקט, האָט אָבער נאָך תמיד געבענקט נאָך רוסלאַנד און האָט צו רוסלאַנד געפילט ווי צו אַ צווייטער היימאַט, אָבער מערסטן איז איר האַרץ געווען צוגעבונדן צו אידישע עמיגראַנטן־קינדער, וועלכע קומען פון רוסלאַנד. אין זייער צעשראָקנקייט האָט זי דערפילט דעם גאַנצן גלות פון אידן אין רוסלאַנד און אַ גרויס רחמנות האָט זי אַרומגענומען צו די אידישע קינ־דער. זי האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט אַלס אַזאַ עמיגראַנטן־קינד, ווען זי איז קיין אַמעריקע אַראָפּגעקומען, דאָס האָט זי זייער גאַנץ צוגע־

בונדן צו יאָסעלען. אין זיינע צעשראָקענע אויגן און זיין ציטערן האָט זי דערזען די גאַנצע עלנט, פאַרלאָזנקייט פון אידישן קינד אין רוס־לאַנד. יעדעס קינד, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד, האָט איר אַ גרוס געבראַכט פון גלות. איבער דעם האָט זי זיך מיט אַ באַזונדער ליבע געווענדט צו יאָסעלען.

יאָסעלע האָט געפילט די ליבע אין אירע אויגן, און כאָטש ער איז אַזוי פרעמד געווען דאָ, האָט איר בליק און די פּאָר אידישע ווערטער אים דערנענטערט און היימישער געמאַכט. דאָך איז יאָסעלע דורך דער גאַנ־צער צייט פון דער לעקציע געזעסן, ווי אין אַ צווייטער וועלט, און אַז בערל איז דערנאָך געקומען און האָט אים מיטגעשלעפּט אויף דער גאַס אַרויס און אין פּאַרק אַריין, ווייזן ווי די יונגען ברעכן זיך, האָט ער נישט געוואָלט גיין אַהין און געוויינט, אַז ער זאָל אים אַהיים פירן.

אַהיים אים געבראַכט, האָט זיך יאָסעלע אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. בחינם האָט אים די מוטער געבעטן, ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר ער איז געזעסן און געשוויגן, געשוויגן און עפּעס באַהאַלטן אין זיך. די זון האָט אַריינגעשיינט, פון דער גאַס האָט זיך אַריינגעריסן דאָס געשריי און פרייד פון די קינדער... ווידער האָט זיך געהערט דאָס קאַסטן־שפּילן. די מוטער האָט אים ביי דער האַנט אָנגענומען און געוואָלט אים אַרויס־פירן צו די קינדער, האָט אים אַרויסגעשטופּט פון שטוב, צוגעפירט אים צו די שפּילנדיקע קינדער. יאָסעלע האָט זיך אָבער צוריקגעקערט אין שטוב אַריין, זיך צוריק אַוועקגעזעצט אין זיין ווינקל און געשוויגן, גע־שוויגן. קיין וואָרט האָט ער נישט געוואָלט דערציילן פון דער שקאָלע. נאָר אַז דער פאָטער איז אויפדערנאַכט אַהיים געקומען, האָט יאָסעלע נאָכן עסן אַרויסגענומען די גמרא פון שראַנק, צוגעגאַנגען צום פאָטער, זי אויפגעמישט און האָט אָנגעהויבן מיטן פאָטער צו לערנען הויך אויפן קול. און אַז זיינען אין מיטן בעסטן ניגון געווען, האָט זיך יאָסעלע פּלוצלונג אַזוי ביטער צעוויינט, און נאָך אים האָט זיך חנה־לאה צעוויינט, און מאיר האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן שטוב אַהין און צוריק מיט גרויסע טריט און געבּיסן זיך די באָרד אין מויל און קיינער האָט נישט געפרעגט, וואָס איז געשען, פאַרוואָס און ווען — זיי אַלע דריי האָבן עס גאַנץ גוט געוואוסט.

פאָטער, מוטער און קינד האָבן געבענקט נאָך דער „אַלער היים“.

שלום אַש

דזשייק

און ווי דער קליינער קאַטשקע נעמט צום וואַסער,
אַזוי האָט אויך דעם קליינעם יאַנקעלען
גענומען און פאַרנומען מיט דער נייער ערד.
און ניט אַזוי מיט ערד — ווי מיט דער לופטן,
דער נייער, פרישער, אַנשטעקנדער לופט,
זיין אידיש צונג איז פלוצלונג שווער געוואָרן,
געדרייט זיך אומגעלומפּערט אין זיין מויל,
ווי אָנגענומען אַ פול מויל מיט שטיינדלאַך.
דאָס בלאַס, פאַרדאַרט און אויסגעטריקנט פּנים —
געוואָרן ברוין, פאַרברענט פון זון און ווינטן.
די ווייכע דינע הענט און פיס ווי בייטשן —
געוואָרן אויסגעפילט, פאַרהאַרטעוועט, פאַרבראָנזט.
און אין די שוואַרצע אומעטיקע אויגן
האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַ יונג פלעמל.

דאָס ברענט אַ וועלט, ווי גרויס אַ טאָג פון גאָט,
איז אים אַלץ ווייניק צייט: דער הויף איז זיינס,
דער טייך איז זיינס, דער ווייטער וואַלד איז זיינס,
דער שוואַרצער ניגער אויפן הויף איז זיינער.
ס'איז, דאַכט זיך, שטיל פון אים — נאָר אַז דער ניגער
דאַרף עפּעס האָבן אין דעם טונקעלן שייער,
שפּרינגט פלוצים אויף אַ ווייסע שעפּסנפּעל,
און לאָזט זיך אימפּעטיק און טאַנצנדיק אויף אים.
דער ניגער וואַרפט אַלץ אַוועק פון די הענט,
די אויגן — טויט־פאַרגליווערטע פון שרעק,
די הענט פאַרריסן אויפן קאָפּ פון וואָל,
מיט ווילד־באַנומענע משונה'דיקע קולות
ער פליט אַרויס אין העלן הויף אויף אַלע פיס,
און הינטער אים לויפט מעקענדיק אַ שעפּס.

און אַז דער יונג האָט אָנגעהויבן גיין אין שול
האָט זיך זיין אידיש צונג אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

דאָס איז פאַרקאַכט געוואָרן מיט חברים,
מיט ווייסע שקצים מיט די זומער־שפּרענקלאַך,
וואָס ווערט פאַרפאַלן גאַנצע טעג אין וואַלד,
וואו גאָט האָט נאָר אַ זומפּ, אַ נעסט, אַ יאַגדע־בוים.
מען שפּילט אינדיאַנער מיט די אַלטע ביקסן,
מען לאָזט קענו־שיפן אין בלויען טייך,
מען פאַרבט זיך די באַקן ברוין און רויט,
מען שטעקט אַרום דעם קאָפּ מיט אינדיק־פליגל,
און פאַרטיק פאַר דעם שונא צו שקאַלפּירן.
דערזעען זיי די ניגער־קינדער פון דער ווייט,
צעלויפט מען זיך אויף אַלע שוואַרצע פּיסלאַך,
מען גלויצט אַריבער פאַרקאַנעס מיט אויגן,
אַ שוואַרץ און וואַליק קעפּל הייבט זיך אויף
און שפּרינגט צוריק אַ פלינקס — אַ גומי־קנויל.
דאָס קליינוואַרג טוליעט זיך דערשראָקן, שטיל
צום מאַמעס שירץ. און שווערע ניגערטעס —
זיי שטרעקן פאַרזיכטיק די קעפּ פון טירן
מיט רויכנדיקע ליולקעס אין די מיילער,
מיט רויטע טיכער אויף די קעפּ, — און גאַפן.
עס שטייען וואָלקנס שטויב, עס טראַמפּלט שווער,
עס גרילצט דער הילכיקער געשריי פון קריג,
באַגייסטערט און דערשרעקט.
און אַז דער יונג
קערט אום זיך נאָך אַ קריג אין שטוב אַריין —
איז ער צעפלאַמט, פאַרשוואַרצט, פאַרשמירט און רויט,
און הונגעריק — ווי עשו אין זיין צייט.
דאָס האָט ניט קיין געדולד דאָס ברויט צעשניידן:
דאָס קנייפּט פון גאַנצן ברויט און שטופּט אין מויל —
היינט גיי, דערמאָן אים דאָ פון זאָגן ברכה.
דערפאַר איז אים דאָס קעפּל שאַרף צום לערנען:
דאָס גוי'איש לימוד האָט אַן אַנדער מזל.
דאָס ווייסט און דאָס פאַרשטייט און דאָס באַנעמט,
די אויגן צינדן זיך ביי אים פאַנאַנדער,
דאָס קול'כל קלינגט מיט ליבע און מיט פלאַם

פון בריטער פרייִרי און פון יונג־אַמעריקע.
פון וואַנען, וואָס — עס וואָרצלט זיך דער דרום,
ער האָט שוין טענות צו דעם קאַלטן צפון,
איז ניט צופרידן מיטן „אַלטן אייב“,
למאי האָט ער באַפרייט די שקלאַפן.
דער טאַטע פּרוּווט אַריינ׳טענה׳ן אין אים,
דערציילט די פיינע מעשה פונם חומש,
פון פאָטער נח מיט די זין: פון שם,
פון חם און יפת, אַז דער ברודער חם
איז דאָך ניט שולדיק פאַר זיין שוואַרצער הויט.
נאָר דזשייקי האַלט זיך ביי דאָס זייניקע:
אַ ניגער איז אַ ניגער: — און דאָס גאָר.
דער טאַטע קוועטשט נאָר, הערנדיק, די פּלייצעס,
און זי, די מאַמע, שווייגט און הערט און רעדט ניט.

י. י. שוואַרץ

דער אָנהייב איז שווער

אַ שבת אינדערפרי.

אין צימער איז שטיל. דאָס ביסל אָרימקייט ליגט אויפגעראַמט, פאַר־גלעט. דער טיש איז באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אַלצדינג אין הויז איז שבת׳דיק.

דער באַלעבאָס, אַ איד פון אַריבער פופציק, מיט אַ שוואַרץ־גרויער באָרד, איז געזעסן ביים טיש, מיט ברילן אויף די אויגן, און אומעטיק אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ביי דער אַנדער זייט טיש איז געזעסן די באַלע־באָסטע, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, די ליפּן פעסט צוגעמאַכט, און זי האָט זשעדנע נאָכגעקוקט אַלע באַוועגונגען פון איר טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיגל און זיך געקעמט.

די טאָכטער, אַ מיידל פון איין און צוואַנציק, איז געווען זייער איינציק קינד און זייער ברויט־געבערן.

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָבן זיי ניט גערעכנט, אַז זי וועט זיין זייער שפּייזערן. זיי האָבן געהאַט גאַנץ אַנדערע האָפענונגען אויף איר.

זייער גאַנצע זאָרג איז אַמאָל געווען גליקלאַך מאַכן זייער איינציק קינד. זיי האָבן אָבער געמוזט קומען אין אַמעריקע און דאָ האָט זיך דאָס רעדל דערלאַנגט אַ דריי פאַרקערט.

ער, דער טאַטע, איז ניט פאַר אַמעריקע: פאַר די פאַבריקן איז ער שוין צו אַלט, און זיינע היימישע מסחרים גייען דאָ ניט אָן. ער האָט זיך שוין געלערנט פאַרשיידענע מלאכות און ער האָט צו קיינער ניט געטויגט; ער האָט געפּרוּווט פאַרקויפן אויף די גאַסן אַלערליי אַרטיקלען, ער האָט אָבער גאָרניט געקאָנט מאַכן; און דער יאָך פון פּרנסה איז אַרויף אויף זייער קינד. אַ באַקאַנטער פון זייער שטעטל האָט איר רע־קאָמענדירט אין אַ פאַבריק, וואו מען מאַכט מענער־רעק, און זי האָט זיך אויסגעלערנט נייען אויפן מאַשין. געגנוג טרערן האָט עס געקאָסט טאַטע־מאַמע, איידער זיי האָבן איר אַרויסגעלאָזט פאַרדינען פאַר זיי אויף ברויט. דער טאַטע האָט זיך געוואונטשן, אַז די שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט אין אַמעריקע, וואָלט בעסער דערטרונקען געוואָרן מיט זיי צוזאַמען; און די מאַמע האָט זיך געוואונטשן, אַז זי זאָל בעסער בלינד ווערן, איידער זען ווי איר קינד גייט פאַרדינען. די טאָכטער האָט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיי געפינען זיך, און זי האָט זיך מיט געוואַלד אוועקגעריסן אַר־בעטן.

זי האָט געאַרבעט און אוועקגעגעבן אַלע וואָך דער מאַמען די פאַר־דינסטן. די מאַמע פלעגט עס דורכנעצן מיט אירע טרערן און זיך גוט אויסגעוויינט אויף איר קינדס מזל...

אין עטלאַכע וואָכן אַרום, ווי זי האָט גענומען אַרבעטן, איז זי אַ פאַרנאַכט געקומען אהיים מיט אַ נייעס: דער באַלעבאָס וויל, זי זאָל אַרבעטן שבת, און אויב ניט, קאָן ער איר מער קיין אַרבעט ניט געבן. ביי דער מאַמען איז אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ, הערנדיק אַזאַ בשורה. זי האָט זיך גלייך צעוויינט, און אין דער מינוט איז ביי איר אָפּגעמאַכט גע־וואָרן ניט צו לאָזן איר אַרבעטן אום שבת.

די צייט איז דאַמאָלס געווען אַ ביטערע; זי האָט געוואוסט, אַז אַן אַנדער שטעלע איז שווער צו געפינען, און זי האָט געוויינט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געקומען פון מעריב, און זי האָט אים גלייך איבערגעגעבן די נייעס.

— אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבן, וועט מיין קינד ניט אַרבעטן אום שבת — האָט ער געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן, — זאָג דיין באַלעבאָס, אַז איך וועל דיך ניט לאָזן מחלל שבת זיין פאַר זיין גאַנצער פאַבריק אפילו.

און אויף מאָרגן איז זי ווידער געקומען מיטן זעלביקן גרוס פון באַלע־באָס: זי מוז קומען אַרבעטן שבת, און אויב ניט, זאָל זי מער איינגאַנצן ניט קומען.

די מאַמע האָט זיך אויפדאַסניי צעוויינט און דער טאַטע איז גע־בליבן פעסט, אַז זיין קינד וועט ניט מחלל שבת זיין, אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן.

די טאָכטער איז שוין ביי זיך באַשטאַנען אויף צו אַרבעטן שבת; איר האָט אַמעריקע געהאַט אַביסל איבערגעמאַכט, און דער שבת איז ביי איר שוין ניט געווען אַזוי הייליק ווי אַמאָל; און זי האָט אויך געוואוסט, מיט וואָס דאָס שמעקט ניט האָבן קיין אַרבעט, נאָר פונדעסטוועגן, אַז דער טאַטע וואָלט געזאָגט ניין, וואָלט געווען ניין.

די פּאָר טעג ביז שבת איז אין הויז געווען חושך. די מאַמע פלעגט זיך אַלע ווײַלע צעוויינען אויף איר שטיינער, און דער טאַטע איז געווען איינגאַנצן ארייננגעטאָן אין ספר — זיין איינציקע אַרבעט און פאַרגע־ניגן אין אַמעריקע. זיי האָבן פיל ניט גערעדט וועגן דעם; זיי האָבן גע־וואוסט, אַז ס'איז ניטאָ פיל צו רעדן. זיי האָבן געהאַט פאַר זיך צוויי וועגן: לאָזן זייער קינד אַרבעטן שבת, אָדער אַריינפאַלן אין נויט און הונגער. זיי האָבן דאָ קיינעם ניט, ווער ס'זאָל זיי העלפן מיט אַ וואָרט אפילו און זאָל זי איין וואָך ניט אַרבעטן, איז אין הויז קיין ברויט ניטאָ.

די שטונדן האָבן זיך גערוקט און ס'איז געוואָרן פרייטיק־צונאַכטס. דער טיש איז געווען געגרייט ווי אַלעמאָל, מיטן ווייסן טישטוך, מיט דער חלה, מיט דעם פלעשל בראָנפן. אַלץ איז געווען ווי ס'דאַרף צו זיין, דאָך האָט דאָ געפעלט דער שבת'דיקער גייסט, די זיסע היימלאַכקייט פון אַ פרייטיק־צונאַכטס אין אַ פרום־אידיש הויז. ער האָט אפילו געזונגען די זמירות ווי אַלעמאָל, געבענטשט אין דער הויך מיטן שבת'דיקן ניגון; זיין פּנים האָט אָבער ניט געהאַט דעם שבת'דיקן אויסזען, און אין די זמירות האָט אָפּגעקלונגען אַן אומעטיקער ניגון. ער האָט זיך געסטאַרעט אויס־צושלאָגן פון זינען דעם „מאָרגן", ס'זאָל אים ניט פאַרשטערן דעם שבת; ער האָט אָבער אַ מינוט אויך ניט געקאָנט פאַרגעסן.

און די מאַמע האָט געקוקט אויפן שבת'דיקן טיש, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן — — — איבעראַכטאָג — — ווער ווייסט ווי איבעראַכטאָג וועט אויסזען איר שבת. זי האָט זיך געשטיקט מיט אירע טרערן און ניט צוגעלאָזט דעם שאָטן פאַרשטערן דעם שבת!

אויף מאָרגן, שבת אינדערפרי, האָט זיך די טאָכטער גענומען פּאַרטיק מאַכן אוועקצוגיין צו דער אַרבעט, אַזוי ווי אַלע טאָג. זי האָט גאָרנישט גע־זאָגט, און געוואַרט, זיי זאָלן נעמען רעדן. דער טאַטע האָט זיך גלייך נאָכן אויפשטיין געזעצט ביים ספר, און די מאַמע האָט געוואַרט אויף זיין לעצטן באַפעל, די טאָכטער זאָל בלייבן אין דער היים. ער האָט געקוקט אין ספר און גאָרניט געזאָגט. די פּאָר טעג ביז שבת האָט ער זיך געהאַט פעסט באַשלאָסן, אַז ער וועט איר ניט לאָזן מחלל שבת זיין, און ער האָט גאָרניט געוואָלט איבערקלערן, וואָס ס'וועט זיין. און איצט, ווען די רעכטע מינוט איז געקומען, האָט ער געשוויגן; ער האָט ניט גערעדט, און געשטיקט אין זיך די ווערטער: „זאָלסט היינט ניט גיין אַרבעטן" זיינען אים יעדע מינוט אַרויף אויף די ליפּן, און ער האָט זיי ניט אַרויס־געזאָגט... ער פלעגט אויפהייבן די אויגן פון ספר, אַ קוק טאָן אויף איר, ווי זי מאַכט זיך פּאַרטיק אוועקצוגיין, און ער האָט געשוויגן, אַפּגעלייגט זיין באַפעל אויף „באַלד"... די מאַמע האָט מיט אַ ציטערנדיק האַרץ גע־וואַרט אויף זיינע שטרענגע ווערטער, און טרערן האָבן זיך געשפּאַרט אין אירע אויגן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — האַלב נאָך זיבן. ער האָט פאַר־מאַכט דעם ספר, אויפגעהויבן זיך און צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער „זאָלסט היינט ניט גיין אַרבעטן" זיינען געלעגן ביי אים אויף די ליפּן — — —זיינע ליפּן זיינען אָבער אַרויף אויף דער מזוזה, און ער איז שטיל אַרויסגעגאַנגען...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט די טאָכטער אָנגעטאָן דעם הוט און איז אַרויסגעגאַנגען.

די מאַמע איז געבליבן זיצן אַליין. זי האָט ניט געוואָלט נאָכגיין דעם שטן און באַוויינען דעם שבת; די טרערן האָבן זיך אָבער מיט גע־וואַלד געשפּאַרט פון אירע אויגן. די היימישע מעשענע לייכטער, האָט זיך איר געדוכט, קוקן אויף איר מיט שפּאָט — — — און אַ טייך טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן.

טיף אין האַרצן איז זי געווען צופרידן, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויס־געלאָזן...

ז. לעווין

אויף ראַטגער סקווער

נאָך זע איך זי, די אָרימע, פון הענרי סטריט,
(אבי מע זאָגט, אַז אַלע אידן זיינען רייך געוואָרן !)
באַגינען שלעפּט זי זיך, די אַלטיטשקע, מיט שווערע־טריט,
אין האַנט אַ קעסטל, אויפן פּלייצע אַ פּאַק מיט יאָרן.

דער מאַרק אויף סאָפּאָלק סטריט, וואו אידן קויפן עסן,
די אַלטיטשקע האָט ווילנער ברויטלאַך צו פאַרקויפן.
אַ הילצערן קעסטל — אויפן קעסטל איז זי שבעה שוין געזעסן
ווען ס'איז איר טאָכטער דאָ אַוועק זיך טויפן.
— ברויטלאַך, עסט געזונט ! — אַ, ווילנער מאַרק, אַ, אידן פון סלאָבאָדקע !

דער פּייערטאָפּ פאַרגליט, אַ שווערער גענייץ,
אַ דרעמל קלעפּט זיך צו, זי זעט זיך אין אַ לאָדקע,
אַ מאַן געבויגענעם, זי גנב'עט ערשט די גרעניץ.
און יאָרן קייקלען זיך, און קינדער זיך דערוויייטערן,
און אויף די פּלייצעס וואַקסן אוים צוויי האָרבן.
און ער — דער מאַן אירער — אַ וואונד טוט אייטערן —
ער איז — צו לאַנגע יאָרן אייך — שבועות־צייט געשטאָרבן.

די זון דערציט. אַ טאָג אַוועק. מע לויפט, ווי פון יארידן,
(די אַלטיטשקע וועט ווידער זיין — אבי ניט אָנקומען צו לייטן).
און ביים פאָנטאַן וואָס איז שוין טויט, דאָרט זיצן אידן,
דערציילן לעצטע מעשות פון פאַרצייטן.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

הער גאָלדנבאַרג

צוריק מיט צוואַנציק יאָר איז הער גאָלדנבאַרג א יונגער און מיט ליידיקע הענט געקומען אין דער ווייטער וועסט.

זיין יונג ווייבל, רחל, האָט ער געלאָזן אין דער גרויסער שטאָט.

זי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך „נעמען צייט", און ווען ער וועט שרייבן, אז ער האָט געפונען דאָס, וואָס איז גוט, וועט זי אויך ארויסקומען.

געקומען איז ער אין די דאַקאָטעס און האָט זיך אויסגעקליבן א „האָמסטעד", וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד, אויף וועלכע קיין מענטש האָט נאָך ניט פון אוראַלטע יאָרן זיין פוס געשטעלט.

ער האָט זיך אויסגעקליבן דאָס שטיק לאַנד מחמת פילע טעמים: —

ערשטנס, האָט זיך עס געצויגן איבער א ברייטער פלאַכע, און צו צפון־זייט איז געשטאַנען א הויך, ברייט בערגל.

צווייטנס, איז אין דער מיט פון דעם לאַנד א טייכל געפלאָסן.

און דריטנס, איז טאַקע דאָס לאַנד א פעטע, און מיט טיפע גראָזן... און נאָך און נאָך טעמים אָן א שיר, און ער האָט עס ליב באַקומען.

און איינער אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די ברייטע שטחים און געטראַכט און געמאַכט זיינע פלענער. אָטאָ איז ביי אים געבליבן צו בויען די הויז ביים טייכל, איז אָבער געקומען אַן אַנדער פלאַן, אַז עס וואָלט בעסער געווען אַוועקצושטעלן די הויז ביים פוס פון בערגל. וואַסער וועט שוין זיין. און דערפאַר וועט עס ווארימער זיין אין ווינטער, פאַר־שטעלט פון די ווינטן.

און אין יענעם טאָג, וואָס מען האָט אים די פאַפירן אין רעגירונגס־שטיבל געגעבן צום אונטערשרייבן און אים אָנגעזאָגט פון די פאָדערונ־גען: אַז ערשטנס זאָל ער בויען אַ הויז, און צווייטנס — גראָבן א ברונים, און דריטנס: צעאַקערן פינף אַקער לאַנד און זיי מיט עפעס צו פאַר־זייען, און פערטנס, וואָס דאָס איז דאָס וויכטיקסטע: ער זאָל זיך אויף דער ערד אַליין באַזעצן און עס מאַכן פאַר זיין אייגענע היים, — האָט גאָלדנבאַרג צו אַלעם געשאָקלט מיט זיין קאָפּ און געשוויגן.

ער האָט ניט געקאָנט זאָגן דאָס וואָרט, וואָס עס האָט זיך אים גע־וואָלט זאָגן פון זיין טיפן האַרץ אַרויס. נאָר שטום האָט ער די פאַפירן גע'חתמ'עט.

ער האָט באַלד זיין רחלען געשריבן קורץ און פריילאך:

„טייערע רחלע, א גוט שטיק לאַנד גענומען... גרייט זיך אין וועג... איך נעם זיך שוין בויען...“

און אַזוי ווי ער האָט עס נאָר אוועקגעשריבן זיין ליבער פרוי, האָט ער שוין זיך דערפילט אויף דער נאַקעטער פּרערי ווי אין דער היים.

ער איז אַוועק צו דעם נאָענטן שכן, הער עלקינס, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט צוויי פערד און א גוטעווירטשאַפט, און זיך מיט אים באַקענט.

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? — האָט יענער היימלאַך געפרעגט.

— איך וויל אַפּריער טאָן פאַר אייך אַן ארבעט, און דאַן זאָלט איר מיר צוריק אָפּהעלפן, — האָט גאָלדנבאַרג געענטפערט.

עלקינס האָט זיך באַליידיקט:

— ביי אונז גייט עס אַנדערש... מען רעכנט זיך ניט. נאָר וואָס איר דאַרפט, וועל איך מיט פאַרגעניגן טאָן פאַר אייך, און אַז איכ'ל דאַרפן וועט איר, גלויב איך, אויך טאָן עפּעס.

— איך וועל, איך וועל — האָט גאָלדנבאַרג געמורמלט און ניט פאַרשטאַנען דעם חילוק.

און צוערשט איז עלקינס מיט אים געפאָרן אין שטעטל אריין און זיי האָבן געבראַכט א פולן וואָגן מיט ברעטער און שינדלען און אַנדערע נוי־טיקע מאַטעריאַלן.

און גאָלדנבאַרג האָט שוין געמוזט נעכטיקן און קעסט עסן ביי עלקינסן. פרוי עלקינס האָט נאָך דאַן געלעבט, און זי האָט צוליב דעם נייעם שכן אַן עוף גע'הרג'עט און פאַר אים געבראָטן פלייש מיט בולבעס.

— זענט איר דאָך א „דזשו“, און איר טאָרט ניט עסן קיין חזיר...

—האָט זי פיל־באַדייטנדיק געזאָגט.

אויף דעם דריטן טאָג איז דער הער עלקינס אַרויסגעפאָרן מיט זיין אַקער און פערד און פאַר גאָלדנבאַרגן צעאַקערט א שטח לאַנד. ער האָט עס געטאָן א פּאָר טעג נאָכאַנאַנד, ביז ער האָט צעאַקערט אַן ערך פון פינף אַקער ערד.

דערווייל האָט דער איד גאָלדנבאַרג מיט זיין איינגעקויפטער האַק ערגעץ אין א טיפן טאָל ווערבעס אָנגעהאַקט און זיי געבראַכט צוטראָגן אויף זיינע אַקסלען און זיי אַוועקגעלייגט אין א סטויג נאָענט פון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געוואָלט בויען די הויז. און אַז ער האָט געהאַט א סך

קלעצלאך האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און זיי צעהאַקט אין קליינע שטיק־לאַך שפּענדלאַך.

און עלקינס איז מיט אים ווייטער אַוועק אין שטעטל. און זיי האָבן געבראַכט אַ וואָגן מיט בולבע־זריעה. עס איז נאָך ניט געווען שפּעט צו פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿל.

און עס האָט באַלד אָנגעהויבן צעגיין זיין נאָמען פֿון איין מויל צו אַ צווייטן.

פֿלעגט אַ שכן אַדורכפֿאָן און זען די קופּקע מיט די שפּענער, וועלכע האָט זיך געווייסט פֿון ווייטנס, און דאָס צעאַקערטע שטיק לאַנד, פֿלעגט ער עס דערציילן אין שטעטל.

און אַז מען האָט די בולבעס פֿאַרזעצט האָט עס גאָלדנבאַרג מיט גרויס כוונה געטאָן און פֿלייסיק די צעשניטענע שטיקער זריעה געלייגט מיט דער שאָלאַכץ אַרויף.

דאָס, און דער וועג ווי ער האָט דאָס געטאָן, איז עלקינסן שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, און ער האָט פֿאַרציילט פֿאַר שכנים און אין שטעטל.

און שפּעטער, מיט אַ וואָך נאָך איידער די בולבעס האָבן זיך באַ־וויזן אָנצוהויבן אַרויסקומען פֿון דער דער ערד, האָט אים עלקינס געהאָלפֿן מיט די ערשטע פֿאַרמען פֿון אַ הויז.

גאָלדנבאַרג איז דעמאָלט צוגעפֿאַלן צו עלקינס הענט און זיי גענומען קושן און אַליין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן דעם „גוי“, וועלכער האָט אים אַזוי פֿיל אַרויסגעהאָלפֿן.

און עס איז אַוועק זיין אַרבעט מיט אַ סדר.

מיט זונען־אויפֿגאַנג פֿלעגט ער אָנהויבן בויען די הויז. איינער אַליין האָט ער זי געבויט. און מיט זונען־אונטערגאַנג האָט ער די אַרבעט פֿון הויז אוועקגעלייגט און זיך אַ נעם געטאָן צו די בולבעס, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פֿון דער ערד אַרויס, מיט צוויי און מיט פֿיר בלעטלאַך, און זיי גערייניקט קעגן לבנה־שיין פֿון די יונגע קרייטאַכער.

האָט מען עס דערציילט אין שטעטל און דער איד האָט באַקומען אַ נאָמען אַ גוטן און מען האָט אים שוין געשאַצט אין גרויסע געלטן און מיט אַ גוטער היים.

און העט שפּעטער, ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער הויז, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פֿיר־עקעכיקן צימער מיט אַ קליינער קיך און אַן אויוון פֿון שטיינער, און אַז ער האָט שוין אויסגעגראָבן דעם ברונעם און

אים קיילעכיק אויסגעלייגט מיט שטיינער, אז די שכנים זיינען געקומען קוקן אויפן וואונדער, האָט גאָלדנבאַרג געשיקט נאָך זיין פרוי.

דעם ערשטן טאָג, וואָס הער גאָלדנבאַרג האָט זיין פרוי אין דער ווייטער וועסט אַראָפּגעבראַכט, האָט ער זי אַרומגעפירט איבער די פלאַכעס און בערגלאַך און טאָלן פון זיין נייער היים.

און לאַנג זיינען זיי געשטאַנען ביים פעלד פון בולבעס. רחל האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דער זויבערקייט, וואָס איז געווען צעשפּרייט איבער די רייען מיט די הויכע און ברייט־צעוואַקסענע שטאַמען פון די טונקל־גרינע בולבע־פלאַנצן.

און אז זי איז דאָרשטיק געוואָרן פון אַרומגיין, האָט ער זי אָוועקגעפירט צו דעם ברונעם און אַן עמער וואַסער פאַר איר אַרויסגעצויגן. זי האָט געטרונקען און זיך אָפּגערוט און ווייטער געטרונקען און געקוויקט זיך אין טיפעניש פון איר האַרץ.

און אַז זיי זיינען נאָכדעם אַרויף אויף אַ הויכן באַרג און אַ קוק געטאָן פון דאָרטן אויף דעם אַלעם, וואָס האָט געהייסן „זייערס", און וואָס הער גאָלדנבאַרג האָט מיט די הוילע הענט אין אַזאַ קורצער צייט אויפגעטאָן, האָט זיך רחל דערפילט, ווי זי וואָלט פון אַן אָרימער שטוב אַרויסגע'גנב'עט געוואָרן און פון אַ בן־מלך אין זיין פּאַלאַץ אַריינגעבראַכט געוואָרן.

צו אָוונט־צו זיינען די שכנים פון דעם נאָענטן אַרום זיך צוזאַמענגעקומען.

זי האָט דערפילט, אַז עס איז קיין אַנדערע אידן צווישן זיי ניטאָ. זי איז דאָ די איינציקע אידישע טאָכטער... און אַ צער האָט לייכט איר האַרץ אָנגעקלאַפּט...

זי איז נאָך דעמאָלט גאָר יונג געווען.

גאָלדנבאַרג האָט מיט איר חתונה געהאַט אין ניו יאָרק, ווי זי איז געווען — „אין איין קליידל", דערפאַר, וואָס זי איז שיין געוועזן און כמעט אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע.

און דאָך האָט זי, זייענדיק אַליין אַ שטיק „יענקי", זיך געפילט אַביסל אומהיימלאַך צווישן דעם געמישאַכץ פון די שכנים.

יענע האָבן עס גאָרניט באַמערקט. מען האָט איר אין גיכן, און אויף דעם ווייבערישן שטייגער, דערציילט פון די געוואוינהייטן און פיראַכצן אין דער ווייטער וועסט.

רחל האָט אַלעם אויסגעהערט און באַשיידן דאָ אַ שמייכל געטאָן און ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זיך געוואונדערט.

ווייט איז יענע לאַנד און ברייט, נאָר אַז איינער פאָרט אין שטעטל אַריין, פּוילט ער זיך ניט אָפּצושטעלן ביי אַ שכנ׳ס הויז און אָנקלאַפּן אין טיר און די פרוי פון הויז קומט אַרויס און מען דערציילט איר, וואָס האָט געטראָפן דאָ און דאָרט. און אַזוי ווערט עס איבערדערציילט פון הויז צו הויז, און זייער גיך.

דאָס אָנקומען פון פרוי גאָלדנבאַרג האָט זיך צעטראָגן זייער שנעל איבער דער פּרערי און עס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין הער גאָלדנבאַרגס הערפּאָלג.

הער גאָלדנבאַרג האָט אין גיכן געקויפט צוויי פערד און אַ לאַנגן גרינעם וואָגן און אַ שנייד־מאַשין און נאָך און נאָך — דאָס אַלעס האָט מען אים געבעטן צו נעמען אויף באָרג.

און האָט ער דאָך געהאַט ביטחון צו באַצאָלן, האָט ער גענומען דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

און דאָס ערשטע האָט ער זיין אייגענע „היי" געשניטן. דאָס גראָז איז געוועזן טיף, ביז דעם האַלז אַריין. טויזנטער יאָרן ווי דאָס לאַנד איז געשטאַנען און עס האָט יאָר־איין, יאָר־אויס געוואַקסן פון זיך אַליין. און דער לאַנגער ווינטער מיט די טיפע שנייען פלעגן עס איינקלייגן און עס האָט געפוילט, און די ערד איז פעטער געוואָרן און וואָס אַ יאָר בעסערע גראָזן אַרויסגעגעבן.

האָט זיי הער גאָלדנבאַרג געשניטן און זיין פרוי איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט אַ הילצערנעם גאָפּל. און פון ווילע צו ווילע, אַז די מאַשין האָט זיך פאַרשטאָפּט פון די טיפע גראָזן, האָט זי באַדאַרפט מיטן גאָפּל עס אויסרייניקן.

און אַז עס איז געקומען צו מאַכן די סטויגן און אַריינפירן די היי צום סטויג, האָט פרוי גאָלדנבאַרג אַ רויט טיכל אַרום האַלז אָנגעבונדן, אַ ברייט־ברימיקן שטרוי־הוט אָנגעטאָן און איז אַרויס צו העלפן איר מאַן.

זי איז געשטאַנען אין וואָגן און ער האָט דערלאַנגט פון קופּקע.

דערביי האָט זי באַמערקט: אַז בשעת ער נעמט אַ גאָפּל היי, דאַכט זיך איר, אַז עס וואָלט בעסער געווען ער זאָל טאָן, ווי די פרוי טוט, בשעת זי פאַרקאַמט אירע לאַנגע האָר: אַפריער זאָל ער אַרומנעמען מיטן גאָפּל פון אַלע זייטן די צעפּאַלענע עקן פון דער היי און זיי צוזאַמענברענגען

אין דער מיט פון קופּקעלע און דאָן וועט ער קאָנען ארויפנעמען דאָס גאַנצע קופּקעלע און איין היי־זאַנג וועט ניט גיין פאַרלוירן.

גאָלדבאַרגן איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, און שמייכלענדיק פון דעם ווייבערשן איינפאַל, פלעגט ער א נעם טאָן מיט זיין גאָפּל די קופּקע היי און עס א הויב טאָן אין דער הויך איבערן צוים פון וואָגן און מיט איטלאַכן הויב פלעגט ביי אים ארויס א מאָדנער קלאַנג פון צווישן זיינע ליפּן.

און ביים סטויג פלעגן זיי זיך בייטן. זי פלעגט שטיין אין וואָגן מיטן היי און אים דערלאַנגען צום סטויג. גאָלדנבאַרג פלעגט עס א כאַפּ טאָן פון איר גאָפּל און געשיקט אוועקלייגן איטלאַכן בונט היי אויף אַן אַנדער אָרט.

דערביי האָט ער באַמערקט: אז דער, וואָס דערלאַנגט היי צום סטויג, באַדאַרף אין זינען האָבן, אז זיין גאָפּל זאָל תמיד פאַלן מיט די ציינער אַרונטער, בכדי די היי זאָל גרינגער אַראָפּ.

זי האָט שוין פּאַרטיק געהאַט א ווערטל:

— וואָס צו מענער און וואָס צו ווייבער.

גאָלדנבאַרג האָט די סטויגן געבויט מיט דער לאַנגער זייט צו דער הויז, עס זאָל דאָס הויז פאַרשטעלן פון די ווינטערדיקע צפון־ווינטן.

צוגעדעקט האָט ער זיי מיט א שמאָלן, שאַרפן, משופּע'דיקן שפּיץ, דער רעגן זאָל אַרונטעררינען גיכער און דאָס היי זאָל ניט פוילן.

עס איז געלעגן גאָטס ברכה אין דעם היי און אַזוי אויך אין דעם פעלד פון בולבעס.

פון יעדער ריי האָבן זיי אויסגעגראָבן צען זעקלאַך.

און עס איז געקומען צופאָרן א סוחר, און אז ער האָט דערהערט, אז גאָלדנבאַרג האָט טויזנט זעקלאַך בולבעס, האָט ער אָנגעבאָטן א דאָלער פאַר א זעקל אויפן אָרט.

גאָלדנבאַרג האָט פאַרקויפט און דאָס געלט אין באַנק אריין, פון שטעטל, אוועקגעפירט.

דאָס שטעטל האָט זיך געוויגט.

און דאָס ערשטע האָט ער באַצאָלט אַלע זיינע חובות און האָט דאַ־נעהויבן צו בויען א שטאַל פאַר זיינע פערד, און געקויפט א קו, עס זאָל זיין דאָס גלאָז מילך אין הויז.

און אַזוי איז דאָס אוועק יאָר־איין, יאָר־אויס.

און אז גאָלדנבארג האָט זיך ארומגעקוקט און האָט געזען, אז עס איז נאָך דאָ גענוג פרייע לאנד ארום און ארום, האָט ער אויסגעקליבן אן אנדער שטח, וואָס גרעניצט זיך מיט זיינעם, און פרוי גאָלדנבארג האָט זיך גע'חתמ'עט אויף די רעגירונגס־פּאַפּירן, אז זי וויל עס פאַר א היים פאַר איר'ט וועגן.

אלע האָבן זיך אזוי נוהג געווען, פארוואָס זאָל ער זיין אן אויסנאַם?

און מען האָט איר געגעבן דעמדאָזיקן שטח לאנד, נאָך געזעצן פון יענעם געגענט, און זייער ערד איז פארטאָפּלט געוואָרן.

און נאָכדעם איז פון יענעם שטאַט געקומען א רעגירונגס־מענטש און צוזאמענגעקליבן אלע לאנד־באזיצער אויף אן אסיפה און זיי מודיע געווען, אז: „ווער עס וועט אויף זיין לאנד איין אַקער ערד מיטביימער פארפלאנצן מעג זיין פרובט, מעג זיין פשוט'ע וואַלד־ביימער, דעם מענטשן וועט די רעגירונג שענקען נאָך אזוי פיל לאנד, ווי פיל ער באזיצט".

ווער האָט ניט געפלאנצט קיין ביימער?

גאָלדנבארג האָט אין נאָרד־וועסט־ווינקל פון זיין לאנד־גרעניץ גע־פלאנצט עטלאַכע רייען מיט מייפל־ביימער, און זיין לאנד האָט זיך דערווייל נאָכאַמאָל געטאָפּלט און טאַקע דעפאַר איז זיין רעמענענט גרעסער געוואָרן און ער האָט שוין אליין ניט געקאָנט פארטיק ווערן און באַדאַרפט האָבן אן ארויסהעלפער.

פלעגט ער ברענגען פון דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק א יונג א שטארקן און א אידן, ווייל אויף א גוי'אישן יונג קאָן מען זיך ניט פאַר־לאָזן, אז ער „צעטרינקט" זיך... האָבן זיך אָבער די אידישע יונגען ניט געהאַלטן לאנג; אָפּגעווען א יאָר, פארבענקט זיך צוריק אין שטאָט און איז אוועק.

ביז גאָט האָט פאַר אים צוגעשיקט דעם בחור אייזיק, וועלכער ארבעט מיט אן ערלאַכן פליים, און ווי אן אייגענער.

א. ראָבאָי

אידן

אידן גייען, גייען אין די גאַסן,
אין די עוועניוס, אין די מאַרקן פון ניו יאָרק.
מיט די אידן, דורך די איילנדיקע מאַסן,
מיט די אידן, דורכן טומלענדיקן טאָג —
גייט ער מיט זיין הויכן שטערן, מיט די זילבערדיקע האָר,
גייט ער, זעט ער העלע טרוימען אויפן וואָר:

אידן בויען, אידן טראָגן ליים און שטיינער,
אין די טאָלן לעבן אויף פאַרדאַרטע ביינער;
וואו אַ איד — איז דאָרט אַ ישוב, וואו אַ ישוב — דאָרט אַ כישוף,
איז דאָס בירא, צי תל־אביב, פון כאַסלאָוויטש ביז בערדיטשעוו.

קאַראַהאָדן — אָנגעלאָדן שווימען שיפן, פיאָנערן,
פיאָנערן, ווי די שטערן, לייכטן איבער אַלע סקווערן.
אין די פּאַלעס, אין ראַגאַזשעס, אין די טאַרבעס, אין די זעק, —
ליגן אוצרות נאָך באַהאַלטן פאַרן ווייטסטן וועג.

רעדער אונטן, רעדער אויבן — איבער הענגענדיקע בריקן,
מיט די מאַסן, דורך די גאַסן, אין די שטראָמענדיקע רייען —
גייט ער — שמייכלענדיקער פנים, טרייסטנדיקע בליקן:
אידן וואַקסן, אידן בויען, אידן אַקערן און זייען.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

פאַרקויפט דאָס מזל

מלך, איינער פון די אַפּערייטאָרס, האָט געהאַט אַריינגעקראָגן אַ שלעכטע, אַ שווערע לאַט אַרבעט. ער האָט געפּאַכט מיט דער נשמה, איז געווען שטאַרק ניט צופרידן, און האָט עפּעס ניט אויפגעהערט צו מורמלען אונטערן נאָז.

— וואָס גראַמבלסטו? — האָט דער באָס געווענדט זיך צו דעם אומצופרידענעם אַפּערייטאָר.

— ווער, איך? — האָט מלך אים געפרעגט.

— נו, געוויס דו.

— איך גראַמבל ניט — האָט מלך געענטפערט.

— היינט וואָס רעדסטו דאָרטן אונטערן נאָז? — האָט דער באָס ווייטער געפרעגט.

— אַזוי, גאַרנישט — האָט זיך מלך שוין אינגאַנצן פאַרלוירן — איך זאָג בלויז...

— וואָס?

— איך זאָג, אַז איך האָב אַ פינסטערן, ביטערן מזל... — האָט מלך זיפצנדיק געענטפערט.

— אַ פינסטערן מזל? — האָט דער באָס איבערגעפרעגט.

— נו, געוויס! — האָט מלך געענטפערט.

— מען טאָר אַזוי ניט רעדן — האָט רוט דאַן געזאָגט — קיינער טאָר זיך ניט באַקלאָגן אויף זיין מזל, מען קאָן גאַרניט וויסן, וואָס עס קאָן געבן.

— עט — האָט מלך אַ מאַך געגעבן מיט די הענט — איך האָב אויף גאָרניט צו האָפן.

— אָט האָב איך געלעזן אין די צייטונגען — האָט דער באָס ווייטער גערעדט — אַז אַן אָרימער מאַן האָט באַקומען אַ גרויסע ירושה.

— איך וועל עס ניט באַקומען — האָט מלך געענטפערט — מיין גאַנצע משפחה באַשטייט פון לויטער אביונים...

די הענט האָבן געסטאַפּט די אַרבעט און גענומען צוהערן זיך.

— פונדעסטוועגן וועסטו דיין מזל ניט פאַרקויפן... — האָט דער באָס געזאָגט צו מלכן.

— איך וועל אים אָפּגעבן פאַר אַ שמעק טאַבאַק — האָט מלך געענטפערט — וואָס פאַר אַ מזלות האָב איך? ווען איך וועל ניט אַרבעטן,

וועל איך געשוואָלן ווערן פון הונגער.

— און אז מען אַרבעט, האָט מען דען גענוג צו עסן ? — האָט איינער פון די אַרבעטער באַמערקט, און רעכנדיק, אַז ער האָט אַ געזונטן שטאָך געגעבן דעם באַס, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, רויט געוואָרן, פאַרשעמט זיך און גענומען אַרבעטן.

אַלע הענט האָבן זיך איבערגעקוקט.

— נו, פאַרקויף מיר דיין מזל ! — האָט דער באַס זיך געווענדט צו דעם אָפּערייטאָר און האָט ווייטער געטריבן זיינע ליצנות.

— פאַרוואָס ניט ? — האָט מלך געענטפערט שמייכלענדיק.

— וויפיל ווילסטו ?

— וויפיל וועט איר געבן ?

— אַ דאָלער ! האָט דער באַס זיך אָפּגערופן.

— אַ, זייער פיין ! — האָט מלך געענטפערט, אָנגעמענדיק דעם גאַנצן שמועס פאַר אַ שפּאַס.

— אָל רייט — האָט מיסטער רוט געענטפערט.

— זייט עדות... — האָט דער באַס געזאָגט צו די אַרבעטער, איז צוגעגאַנגען צו מלכס מאַשין, האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער און אָנגעשריבן עטלאַכע ווערטער.

— הערט זיך צו ! — האָט דער באַס ווייטער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אַלע אַרבעטער, און ער האָט גענומען לייענען דאָס אָנגעשריבענע.

„איך, דער אונטערגעצייכנטער, מלך בראַטקין, פאַרקויף מיין מזל צו מיין באַס, אייבראַם רוט. אין פאַל ווען מיר וועט אָנקומען וועלכע ניט איז ירושה, אָדער ווען איך וועל געווינען געלט, אָדער מיר וועט עפּעס טרעפן אַזוי אַ גליק, זאָל דאָס געהערן צו דעם מיסטער רוט“.

— צופרידן ? איינשטימיק ? — האָט דער באַס געפרעגט ביי מלכן.

מלך האָט דערפילט עפּעס אַזוי קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ער האָט דאָך אָבער געמיינט, אַז די גאַנצע מעשה איז ניט מער ווי אַ שפּאַס, און ער האָט געענטפערט :

— מיינע דאגות, איינשטימיק, פאַרוואָס דען ניט ?

— שרייב זיך אונטער... — האָט דער באַס געזאָגט און דערלאַנגט מלכן אַ בליישטיפט.

מלך האָט גענומען דעם בליישטיפט און האָט געשמייכלט.

— וואָס לאַכסטו, באַשעפעניש ? — האָט דער באַס ערנסט געזאָגט — וואָס מיינסטו, אַז דו וועסט מיט מיר קאַטאָוועס פירן ? שרייב זיך אונטער.

— איר מיינט, אז איך וועל זיך דערשרעקן? — האָט מלך געזאָגט, און דאָס האַרץ איז ביי אים פּלוצלונג פאַרשטאַרבן געוואָרן.

— נו? — האָט דער באָס געפרעגט.

מלך האָט גענומען אונטערצייכענען זיין נאָמען אונטער דעם צעטעלע, וועלכן דער באָס האָט אים אָנגעשריבן.

דעם אָפּערייטאָרס האַנט האָט געציטערט; ער האָט נאָך אַלץ געשמייכלט, אָבער מיט אַ נערוועזן, קאָנוואולסיוון שמייכל.

דער באָס האָט גענומען דאָס אונטערגעשריבענע צעטעלע און האָט עס באַהאַלטן ביי זיך אין טאַש.

— באַ־באַ־באַ! — האָבן אַלע אַרבעטער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הילכיק געלעכטער און דער אָרימער מלך האָט דערפילט, אַזוי ווי מו־ראַשקעס וואָלטן אים אַריבער איבערן גאַנצן לייב.

— נו... נו... און וואו איז דער דאָלער? — האָט מלך געפרעגט, נאָך אַלץ ניט גלויבנדיק, אַז דער מסחר איז געווען אַן ערנסטער.

— יעס, יעס — האָט דער באָס געענטפערט — וואָס גערעכט איז גערעכט. די סחורה איז ביי מיר און דאָס געלט קומט דיר.

מיסטער רוט האָט אַרויסגענומען אַ דאָלער און אַוועקגעלייגט אויף מלכס מאַשין.

די שאַפּ־אַרבעטער האָבן ווייטער אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. מלך האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און איז געבליבן זיצן עפּעס ניט טויט און ניט לעבעדיק.

דער באָס איז אַראָפּ אין אָפיס און די אַרבעטער האָבן זיך דאָן אַ נעם געגעבן פאַר דעם ברודער מלך בראָטניק.

— וואָס האָסטו דאָס געטאָן? — האָט איינער געזאָגט און האָט געלאַכט אַזוי שפּאָטיש צו מלכן אין די אויגן אַריין.

—ווי פאַרקויפט עס אַ מענטש זיין מזל? — האָט אַ צווייטער גע־זאָגט — ווער ווייסט וואָס מיט אַ מענטשן קאָן פּאַסירן?

— דו שטיק אומגליק! איצט ביסטו דאָך טאַקע אַן אומגליק, אַ רעגע־לער אומגליק, אַ מאַן מיט אַ פאַרקויפטן מזל...

אַלע האָבן ווידער גענומען לאַכן. מלך האָט אויך געשמייכלט, אָבער דאָס איז געווען אַ ביטערער שמייכל, אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס. ער האָט אויסגעקוקט אַזוי אומגליקלאַך, אַזוי דערשראָקן, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט ווירקלאַך פאַרלוירן עטוואָס אַזוינס, וואָס איז אים טייער ווי זיין לעבן.

— וואָס איז? דו האָסט ניט קיין ווייב און קינדער, וואָס דו פאַר־קויפסט דיין מזל? — האָט איינער געוומען ווייטער טאַדלען מלכן.

— האָסט שוין דורכגעמאַכט דיין וועלט, וואָס דו האָפסטו אויף גאָרנישט? — האָט אַ צווייטער געזאָגט — ביסט, דאַכט זיך, נאָך אַ יונגער מאַן.

— ווער פאַרקויפט עס אַ מזל? ווער טוט עס?

— און זע אָקאָרשט — האָט נאָך איינער געזאָגט — אויב דער באָס ווייסט ניט פון עפּעס... — אַז ער האָט געקויפט דיין מזל, ווייסט ער געוויס וואָס ער טוט.

מלך האָט ניט געהאַט פון וועמען און פון וואַנען צו דערוואַרטן גליקן, דאָך איז אים געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער אויפן האַרצן; אים האָט זיך געוומען דאַכטן, אַז טאָמער ווייסט טאַקע דער באָס, אַז אים, בראַטניקן, דערוואַרט אַ גליק. ער האָט ניט געקאָנט איינזיצן רואיק אויף זיין פּלאַץ.

— דו פאַרמעגסט עפּעס אַן אַנדער זאַך חוץ דיין מזל — האָט דער קאַטער זיך געוומען צו מלכן — וואָס דו האַנדלסט מיט אים? ביסט אַן אָרימער, פינסטערער אַרבעטער, וואָס פאַרקויפסטו עפּעס דיין מזל? ווי האָסטו קיין רחמנות ניט אויף דיינע קינדער?

— עט, איך האָב עס אין דער אדמה! האָט מלך געפּרובירט טרייסטן זיך. אָבער מען האָט געקאָנט זען, אַז דער מענטש פילט זיך זייער ניט יום־טוב׳דיק.

ביי אַ וואָך צייט האָבן די אַרבעטער צוזאַמען מיטן באָס ניט אויפ־געהערט צו רייצן זיך מיט דעם אָרימען מלכן, און דער אַרבעטער איז אַרומ־געגאַנגען ווי אַן אַ קאָפּ.

ז. ליבין

ברוכוואַרג

אין אַ קאָרידאָר, הינטער אַ טרעפּ, זיצט דער אַלטער לייזער איבער אַ בארג צעבראָכענע שירעמס און פאַרריכט זיי ביים לעמפּל, וואָס הענגט איבער די ברייוקעסטלאַך. די קינדער פונם פירשטאַטיקן הויז, אינגלאַך, מיידלאַך, קלייבן זיך ארום דעם אַלטן. איינער טראָגט אים אונטער אַ צוועג־נעל, אַ העמערל, אַן אַנדערער קוואַפּעט זיך מיט אַ צעבראָכענעם שירעם־דראָט, מאַכט דערפון אַ פיילנבויגן.

קינדער, קעץ, שירעמס — דעם אַלטן וואָלט גוט געווען, ווען נישט ס'האַרץ, וואָס נאָגט, האַלט אין איין זינקען און קאָן צום גרונט נישט קו־מען. ער האָט פון אינדערפרי אָן נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט און איצט איז שוין לאַנג נאָך מיטאָג.

דער אַלטער האָט נישט קיין תרעומות, טרייבט קיינעם נישט — נישט ס'קליינוואַרג, נישט די קעץ, וואָס רייבן זיך מיט די אויפגעשטעלטע רוקנס אָן די קינדער, אָן דעם אַלטנס פּלייצעס, ווילן זיין וואָס ווייטער פונם רעגן, וואָס גיסט אין דרויסן, ווילן זיין וואָס ווייטער פון דער אָנגעטראָגענער נעץ.

שוין דער צווייטער מעת־לעת ווי עס רעגנט, ווי דער ווינט בלאָזט, קערט־איבער שירעמס מיט די בייכער ארויף. דער ניו יאָרקער הימל איז צעווייקט, הענגט נידריק איבער די דעכער, און די וואָלקנס, ווי איינגע־ווייקטע שטיקער וועש, גיסן, נעצן־דורך מענטש, פערד, גאַסן. מען הערט נישט קראָען זאָלן קראַקען, מען זעט נישט בושעלס זאָלן אָפּפליען אין די וואַרעמע לענדער.

פון די ניו יאָרקער וואַסערן טראָגט זיך דאָס רעווען פון שיפן. איבער די פאַרפלייצטע גאַסן גליטשן זיך אויטאָמאָביל־רעדער, שפּריצן, קרעכצן, נעמען זיך דרייען אין אַ רעדל און דער טויט טאַנצט פאַר די אויגן.

ס'איז האַרבסט.

די קינדער, וואָס קאָנען נישט אַרוים אויף דער גאַס, ווייל ס'צעבערט, ווייל דער רעגן קלאַפּט אין די נידעריקערע פענסטער, קלאַפּט מיט דער בלעכענער טיר, וואָס פירט אויפן דאַך אַרוים — די קינדער זענען גליקלאַך מיטן אַלטן פּאַראַסאָלניק. זיי שטייען און זיצן אַרום דעם זקן, טענה'ן זיך אוים:

— קאָנסט מאַכן אַ גאַנצן שירעם אויך?

— אודאי קאָן איך. — ציטערן די שטייפע פינגער, האַלטן קוים ס'צוועג־

געל, וואָס בייסט זיך אין דראָט. — אינדערהיים, אין וואַרשע, האָב איך ס'געשטעל אויך געמאַכט... כ'האָב אַלץ אָפּגעטאַקט, די הענטלאַך, די גאַל־סעס, אַלץ...

— און דאָ?

— דאָ לוינט נישט, קינדער. — הייבט דער אַלטער אויף זיינע שטייפע קנאָכן, וואָס פאַרמאַכן זיך נישט. — ווייל פינגער וועלן זיך קיין־מאָל נישט קאָנען פאַרמעסטן מיט אַ מאַשין... איך זאָל גיין מאַכן אַזאַ שי־רעם, וועט ער דאַרפן קאָסטן אַ פיר, פינף דאָלער, און דאָ אין ניו יאָרק קריגט מען אים פאַר אַ דאָלער, פאַר פינף־און־זיבעציק סענט. אפילו פאַר פופציק סענט...

— איז ניו יאָרק אַ בעסערע שטאָט ווי דיינע? — זאָגט אַ צען־יעריק אינגל.

— ווי וואַרשע?

—יאָ.

— ניין קינד. — שמייכלט דאָס אַלטע צעקנייטשטע פּנים, וואו צווישן פאַלדן און פעלדלאַך קלייבט זיך זשאַווער. — אין וואַרשע איז מיר בעסער געווען. אַז כ'האָב זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טאָק־מאַשין, געמאַכט אַ הענטל, איז געווען עפּעס אַ קוק צו טאָן: קעצלאַך, הינטלאַך, פייגל, אפילו מענטשלאַכע פּנים'ער האָב איך אויסגעשניצט. היינט זענען מיר די פינגער שטייף, הייבן זיך נישט, און דער עיקר... כ'האָב נישט קיין וואַר־שטאַט, כ'האָב גאָרנישט. און דאָ אין ניו יאָרק קאָסטן אַלע הענטלאַך אַ קלייניקייט, מען קריגט זיי פאַר אַ שיבוש... בעסער געווען אין וואַרשע, בעסער... דאָ וואוין איך ביי מיין לאַנדסמאַן אין אַ פינסטערער קאַמער און שלעפּ זיך איבער די גאַסן... כ'שלייף מעסערס, שערן, כ'פאַרריכט שירעמס. און פון ביידע מלאכות האָב איך מאָרדאָוואַניע...

— וואָס האָסטו? — פרעגן אים עטלאַכע פּאָר נייגעריקע אויגן.

— כ'האָב קוים אָפּצועסן.

— און קינדער האָסטו נישט? — רוקט זיך אונטער אַ מיידל.

— כ'האָב צוויי זין. מאַטערן זיי זיך מער פאַר מיר... ביים גילדענעם גוטן אַרבעטן זיי קוים אויס אויף חיונה... היינט איצט, אַז מען האַלט אין איין סטרייקן? שלעכטע ציטן, קינדער!

— ער דאַרף זיין גאָר אַן אַלטער — רוימט איין אינגל איין אַ צווייטן.

— ציטערט אינגאַנצן. — זאָגט אַ דריטער.

— פרעג אים, ווי אַלט ער איז.

— פרעג דו.
— ווי אַלט ביסטו, זיידע?
— ווער קען איבערציילן, קינדער. — קוקט דער אַלטער פּאַראַסאַלניק אויפן קליינוואַרג. ס'איינגעפּאַלענע מויל אָן ציין וויל אַ שמייכל טאָן און דאָס ווייסע בערדל טרייסלט זיך ביי אים אײַנגאַנצן. — כ'ווייס, אפשר אַכציק, אפשר מער... מיין ברית, קינדער, געדענק איך נישט, פאַרלוירן דעם חשבון...
— אויב אַכציק, — פרעגט אַ אינגל, — ווען איז ער געבוירן געוואָרן?
— אין 1850.
— מיינסט פאַר דער „סיוויל־וואָר"? — כאַפּט זיך אַ צווייטער פאַרן קאָפּ.
— יאָ, יאָ, דזשעק! וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?
די אינגלאַך טוען זיך אַ דריי־אויס צום אַלטן, פרעגן אים אַלע מיט־אַמאָל:
— געדענקסטו די „סיוויל־וואָר"?
— וואָס? — וויל דער זקן אָנשטעלן די אויערן און דער גאַנצער קאָפּ לאָזט זיך ביי אים אַראָפּ.
— געדענקסטו ווען מען האָט באַפרייט די נעגערס?
— ווען איז עס געווען, קינדערלאַך?
— אין 1863.
— אוודאי געדענק איך, — אַרבעטן ביי אים די פינגער פון זיך אַליין, — מיין טאַטע איז געזעסן אויפן בוידעם און באַהאַלטענערהייט געזייט פאַרן פּוילישן מיליטער פּעלצלאַך... צי כ'געדענק די „פּאָווסטאַניע"? אוודאי געדענק איך...
— ווי קומט אַהער פּויליש מיליטער, זיידעשי? — לאַכן די קינדער.
— וועגן לינקאָלן, פּרעזידענט לינקאָלן, האָסטו געהערט?
— געהערט, געהערט...
ביים זקן זינקט ס'האַרץ: ס'ציט אים ערגעץ מיט, טיפער, טיפער, ווי אין אַ ריזיקער לייקע. און דאָס צעקנייטשטע פּנים, געל ווי וואַקס, בעט זיך:
— קינדערלאַך, כ'האָב נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט, ס'האַרץ איז ביי מיר אַוועק, קינדערלאַך...
די קינדער קוקן זיך איבער, ווי דער אַלטער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, הערן אויף לאַכן און נעמען רעדן צווישן זיך:

— וואָס ברענגט מען אים?
— אַ היים גלאָז מילך?
— אַ היים גלאָז טיי?
— אַ היים גלאָז קאַווע?

די קינדער צעלויפן זיך איבער די טרעפּן, קלאַפּן מיט די פיס, מיט די טירן, און אינם קאָרידאָר ווערט די הווילקייט גרעסער, שאָטנס לויפן־אָן פון די ווינקלען, מאַכן שווערער דעם קאָפּ, און שטיקלאַך געדאַנקען מטושטשע, אָן אַ צוזאַמענהאַנג, הייבן אָן טרייבן איינע די אַנדערע.

די דריי קעץ זענען איצט דרייסטער, דרייען זיך מיט אויפגעטורעמטע רוקנס אַרום און אַרום דעם אַלטן, וואָרטשען פון הונגער.

דער ליידיקער קאָרידאָר הייבט אָן אַנטקעגן קומען, שנעל, שנעלער. דער גוף ווערט אייַנגער, דער מוח — ליכטיקער און אין די אויגן נעמען זיך טיקן פליגלאַך.

דער קאָרידאָר, די טרעפּן, די גאַנצע פיר שטאָק — שפּאַרן זיך אין די אויגן אַריין, אין קאָפּ אַריין. דער קאָפּ קאָן קיין זאַך נישט איינהאַלטן, אַפילו קיין מחשבה נישט, צעשיט אַלץ, ווי אַ בוים אין האַרבסט צעשיט די בלעטער.

די גאַנצע אַכציק יאָר האָבן זיך איצט געריסן פון דעם ליימענעם גוף, געוואָלט אַריין אין אַן אַנדער לעבן, וואָס איז אָנגעקומען מיט די טרעפּן, מיט די צעעפנטע טירן.

דער אַלטער פּאַראַסאַלניק צעשפּרייט די הענט, הייבט אָן פליען, און אין די אויערן רוישן אָן אַ שיעור קולות. יונגע, גאָר יונגע — טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער — און צווישן די קולות דערהערט זיך אַ לעצטע מחשבה — מען דאַרף פאַרריכטן דעם באַרג שירעמס, אין דרויסן מבול׳ט, ס׳גיסט מיט צעבערס.

מיטאַמאָל ווערט שטיל.

די קעץ בלייבן שטיין, פאַררייסן העכער די עקן, שמעקן אַרום דעם פּאַראַסאַלניק, וואָס איז אַ פאַל געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט, ליגט אַ טויטער צווישן צוועגלאַך, העמערלאַך און צעבראָכענע שירעמס.

טירן עפענען זיך. קינדער לויפן איבער די טרעפּן, טראָגן דעם אַלטן פּאַראַסאַלניק — ווער אַ היים גלאָז מילך, ווער אַ היים גלאָז קאַווע, ווער אַ היים גלאָז טיי. די יונגע הערצער קלאַפּן פון פרייד, די אויגן לויכטן, ווייסן נישט, אַז אונטער דער טרעפּ ליגט דער טויט.

י. אַפּאַטאָשו

אין סדום

אז מען דערנענטערט זיך צו פיטסבורג קאָן מען מיינען, אַז דאָ ברענט נאָך די ערד פון אַלטע צייטן, רויכערט און טשאַדעט פון אַלטע דורות אָן, און די מענטשן, וואָס באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אין רויך־קנוילן ביים אָפשיין פון די געלע פלאַמען, זיי פאַרנעמען זיך עס דאָ מיטן לעשן דעם פייער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוליב אַ קללה פון גאָט.

אין אמת׳ן אָבער האָבן מענטשן דאָ דעם פייער אָנגעצונדן און וואַכן איבער אים טאָג און נאַכט, ער זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן. און דער שטאָלענער קלאַנג, וואָס הילכט אַרויס פון דער צעפלאָמטער פינצטער־קייט — ס׳איז דער ריזיקער האַמער־קלאַנג, דאָרט שמידט מען גליק פאַרן לאַנד. גאַנצע וועלדער קוימענס הויכע רויכערן אין דער וועלט אַריין, און פון צווישן די קוימענס רייסט זיך אַלע ווײַלע אַרויס אַ גאָלדיק־געלער פאַם, וואָס טרייבט פון זיך דעם קנוילנדיקן רויך אַוועק, באַלד ווערט ער, דעם פלאַם, אין דעם געדיכטן שוואַרצן רויך ווידער דערשטיקט.

פיטסבורג איז די מאַמע, וואָס שפּייזט אַ שטיק וועלט מיט שטאָל און אייזן, דעם רויען מאַטעריאַל קאָכט זי איבער, ברענט איבער, און איר מאָגן מאַכט אים אַזוי, אַז די וועלט זאָל קאָנען פאַרדייען.

איך האָב ניט געלייענט, וואָס עס ווערט געשריבן פון פיטסבורג אין די ביכער, וואו מען מאָלט די ליכטיקע זייט פון אַמעריקע, וואו מען באַשרייבט די עשירות און די שפע פון אַמעריקע. איך גלויב, אַז אין יענע ביכער, וואָס זיינע נאָך אפשר פון דער רעגירונג אַליין אַרויסגעגעבן, ציען זיך שורות, שורות ציפערן, וואָס דערציילן, אַז אין דעם און דעם יאָר האָט מען אַזויפיל און אַזויפיל טאָן שטאָל אַרויסגעגעבן, אַזויפיל הונדערטער, הונדערטער מיילן רעלסן פאַרטיק געמאַכט; אַזויפיל און אַזויפיל וואָלקן־קראַצער־סקעלעטן אויסגעגאָסן; און דער עיקר — אַזויפיל און אַזויפיל אַרבעטער זיינען געווען פאַרנומען ביי שמעלצן די בלאָטיקע רודע און שמידנדיק דעם צעגליטן שטאָל, שמידנדיק גליק פאַרן לאַנד, פּראָפיטן פאַר דער וועלט. יאָ, געוויס זיינען אַזוינע ביכער פאַראַן, וואו צווישן די ציפערן האָט מען האָפענונג איינגעפּאַסט; באַפוילן די ציפערן, זיי זאָלן פון גליק זינגען.

איך האָב יענע ביכער ניט געלייענט. איך בין געווען אין פּיטסבורג. פינף טעג דאָרט פאַרבראַכט. פינף טעג ניט געזען די ליכטיקע זון. צייטנ־ווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ פינצטערער קאָשמאַר האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף דער גאַנצער געגנט. די מענטשן אַרום — ניט אויף דער וואָר זע איך זיי, נאָר אין דער אָפּשפּיגלונג פון מיין געדריקטן געמיט, פון מיין צעהיצטן מוח.

און די מענטשן־געשטאַלטן, וואָס דרייען זיך אַרום צווישן רויך און פייער, פאַרמורזעטע, מיט איינגעצויגענע באַקן, מיט דאַרע, אויסגע־צויגענע, ביינערדיקע פאַרברענטע הענט, אָט די אַלע געשפּענסטער, וואָס דרייען זיך אַרום ביי די גרויסע גיהנום־אויוונס, וואו דאָס פייער, אַזאַ העסלאַך־געלער, ווירבלט זיך און קנוילט זיך און רוישט, גלייך ווי דעם ווינט וואָלט ער אין זיין מויל אַריינגעכאַפּט און וויל אים פאַרברענען; אָט דאָ, ביי די פייערן, וואָס באַדאַרפן עס שטאָל־רודע צעשמעלצן און פון וואַנען עס רייסן זיך אַרויס אַלע ווײַלע מיט געוויש און געפייף הייסע, גיפטיקע סם־גאַזן; אָט דאָ, באַלויכטן פון דעם געלן, גיפטיקן שיין, באַווייזן זיך פאַר מיר געשטאַלטן אַזוי־באַקאַנטע, טרעף איך בליקן אַזוי־היימיש און הער אַ שפּראַך, וואָס איז מיר אַזוי היימיש און קלינגט אַזוי טרויעריק.

איך זע דאָ מענטשן, וואָס זיינען אויף יענער זייט ים נאָכגעגאַנגען באָרוועס, טריט ביי טריט נאָך דעם אַקער־אייזן, וואָס איז געשלעפּט געוואָרן פון אַ פּאָר מאָגערע, איינגעצויגענע אָקסן, אָדער פון אַ דאַר פערדל מיט טרוקענע ריפּן. געשטאַלטן באַקאַנטע פון די זאַמדיקע פעלדער אין דער ליטע, אָדער פון די פלאַכע אומעטיקע פעלדער אין פּוילן. איך זע אים, דעם פּויער, זומער אין האַלבן טאָג, רוענדיק אונטער אַ בוים,און לעבן אים זיין ווייב, וואָס האַלט אונטער דאָס שוואַרצע ליימענע טעפּל אויף איר שויס, פון וואַנען ער שעפּט מיט אַ הילצערנער לעפל דעם אָרימען מיט „נישט" געקאָכטן זופּ. איך זע זיין שטוב מיט שטרוי געדעקט און ביים זייט אַן איינגעבויגענע שטאַל, אַרום וועלכער חזירים ראַיען זיך, הינער גראַבלען די ערד, זוכנדיק קערנדלאַך, און די עלטסטע טאָכטער, וואָס וואַשט גרעט פאַרן שטוב, מיט בלויזע אָרעמס און נאַקעטע פיס ביז די קני. איך זע אים אין אָסיען שטיין אין זיין שטאַל און דרעשן אויף דעם ליימענעם טאָק די אָרימע סנאָפּעס, און ווי ער קערט זיך צו צו די קערנער, וואָס שפּריצן אַרויס פון די זאַנגען, ווען ער דערלאַנגט מיט זיין דרעשער איבער די שפּיצן פון די גאַרבן. איך זע זיין ווייב, ווי זי ציילט די הינערשע אייער, זי לייגט זיי איבער מיט שעטשקע אין קוישל, כדי אין מאַרק אַריין

צו טראָגן און פאַרן אַפּגעלייזטן געלט אַ טיכל אַ געקווייטלטע פאַר דער טאַכטער ברענגען.

איך זע זיי אין ווינטער, ווען אַרום ליגט דער שניי און הינטערן שטוב ערגעץ שטייערט זיך דער פראָסט מיט דער נאַכט, און די געפרוי־רענע צווייגן הינטערן פענצטער ברעכן זיך און קנאַקן; איך זע זיי זיצנדיק ביים אויוון, אין דער ליכט פון אַ קליין לעמפּל. שכנים האָבן זיך צונויפגעקליבן און די אינגסטע מיידל פון שטוב לייענט אַ בריוו פון אַן אייגענעם, וואָס איז ערגעץ ווייט אין אַ פרעמד און זייער רייך לאַנד. מען באַטראַכט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן אייגענעם מאַן מיט אַ גלאַט־אויס־געקאָכט פּנים און מיט אַ קייטעלע ביים זשילעט...

און אַזוי, אויף די פליגלען פון די בייזע ווינטן, זיינען זיי פאַר־טראָגן געוואָרן אַזש קיין אַמעריקע, אַזש קיין פּיטסבורג, און דער ריח פון דעם היימישן, אָרימען און טרייען פעלד איז פאַרביטן געוואָרן אויף פייערדיקע, גיפטיקע גאַזן, וואו זייערע לונגען ווערן דורכגעברענט, וואו דאָס בלוט אין די אָדערן ווערט ווי וואַסער שיטער, ווי וואַסער ביליק...

וואָרים אַט די אַלע שרעקלאַכע, געפערלאַכע אַרבעטן, סיי אויף דער ערד און סיי אונטער דער ערד, ווערן געטאָן אַט פון די פּויערים, וואָס האָבן זייער ברויט מיט קלייען געמישט, געגעסן אין פּוילן, רוסלאַנד אָדער גאַ־ליציע. זיי גראָבן די ברודיקע אייזן־רודע אונטער דער ערד און זיי שמעלצן עס, לייטערן עס, מאַכן שטאָלענע סקעלעטן פאַר די הייזער אין דער גרויסער שטאָט.

און גייט מען אום אין זייערע גאַסן, וואו ווייב און קינד האַלטן זיך אויף — באַדאַרף מען ניט באַדויערן די הייזער, וואָרים זיי זיינען בעסער פאַר די, וואָס זיינען ביי זיי אויף זייער פעלד געשטאַנען, אָבער אַ קעלט איבערן לייב לויפט דורך, ווען מען באַטראַכט ווייב און קינד.

דער טאַטע ברענגט זיין לעבן, שמעלצנדיק שטאָל פאַר אַ טאָלער אַ טאָג, אָדער פאַר אַ טאָלער מיט זיבעציק סענט, און אפשר נאָך צען סענט אַ טאָג; קומט אַהיים, וויל פון לעבן געניסן; אַ ליבע שפּילן, דעם לעבנס־בעכער צו די פאַרברענטע ליפּן טראָגן און — דער נייער דור, וואָס ווערט געבאָרן... אויף אים רוט די קללה פון דער ציוויליזאַציע: פון מוטער־לייב קומען אַרויס קינדער דראָבנע, פּנימ׳ער גרין־געלע און מיט מוסקול שיטערע. דאָס לאַנד, וואָס קאָן ריזן אַרויסגעבן פון זיך, ברייט־ביייניקע, פעסטע, גלייכע, פלינקע ווי הירשן; דאָס לאַנד, וואו אפילו אידישע טאַטע־מאַמע, קליין־געוואַקסענע, טאַטע־מאַמע אַריבערגעקומענע פון שטאָט

און שטעטל ערגעץ אין דער ליטע, האָבן דאָ קינדער, אין צווייען שטאַרקער און אין צווייען גרעסער פון זיך ארויסגעגעבן — — און אָט די מאַגערע אָבער פעסטע מענער, פון פעלד־געקומענע, פון פרייען פון ווינט און ריח פון גראָז געבאָוועטע, וואָס האָבן זיך צום קעניג פון שטאָל און אייזן איבער־געגעבן, ברענגען פון זייערע לענדן ארויס קינדער אָן בלוט, ווי בלויז איין קורצן לעבן צו לעבן, איין קורצן דור איבערציען, און דערנאָך זאָל זייער זיכרון פאַרשניטן ווערן...

איך ווייס ניט, וואָס עס ווערט דערציילט אין די ביכער, וואָו די מזל־און־ברכה פון שטאָט פיטסבורג ווערט באַשריבן; וואו עס ווערן גע־מאָסטן די הונדערטער מיילן רעלסן דאָ אויסגעגאָסענע, איינס אָבער בין איך זיכער איז דאָרט געוויס ניט פאַרשריבן אין יענע ביכער און יענע באַריכטן:

„אַז עס וואָלט גוט און ניצלאַך געווען פאַר די מענטשן, וואָס געפינען זיך שוין דאָ אין לאַנד, אַז ביים ברעג ים, וואו די שיפן קומען אָן פון דער אַלטער וועלט, זאָל די רעגירונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן אַ שטאַרקע און שטרענגע וואַך אנידערשטעלן און יעדן איינציקן, וואָס קומט אהער אין לאַנד, באַטראַכטן זיינע הענט, באַטראַכטן זיין וואוקס און קערפּער, אויספרעגן, וואָס ער האָט ביי זיך אינדערהיים געטאָן און צו וואָס זיינע הענט זיינען געבוירן געוואָרן. און אָט די אַלע, וואָס האָבן ביי זיך אינדערהיים, אויף יענער זייט ים, געצויגן ברויט פונם זאַמדיקן גרונט, זיי זאָל מען אוועקפירן ווייט פון דער שטאָל און שטיינערנער שטאָט, איבערגעבן זיי אין די אָרעמס פון דער רייכער, זאַטער מוטער ערד דאָ אין לאַנד. זאָלן זיי אַליין עסן דאָ צו זאַט און ברויט לרוב פאַר די הונגעריקע דאָ באַזאָרגן.

— — — און ניט נאָכדעם, ווי מען ציילט איבער זייערע גראָשנס, נאָך איידער זיי האָבן אַ פוס אין פרייען לאַנד אנידערגעשטעלט, זאָל מען זיי קוויטלאַך מיט נומערן צושפּיליען צו די לאַצן, ווי שעפסן זיי פאַר־טרייבן אין אַ סטאַדע צו די ענגע וואַגאָנעס, און ערגעץ זיי אוועקפירן, און צום שטאָל־און־אייזן־קעניג פאַר אַ קרבן וואַרפן.

פרץ הירשביין

מײַן רײַזע צום װאַסערפֿאַל ניאַגאַראַ

...אויפֿן זעקסטן טאָג פֿון אונזער רײַזע איבערן אַנטלאַנטישן אָקעאַן באַװײַזט זיך אויפֿן האָריזאָנט אַ פֿלאַך פּאַסיקל יבשה — דאָס איז דער אינזל לאָנג־אײַלענד לעבן ניו יאָרק. אַלע פּאַסאַזשירן פֿילן דאָס זעלביקע, װאָס עס האָט אַמאָל געפֿילט קאָלומב מיט זײַנע חברים, בעת זײ האָבן צום ערשטן מאָל דערזען — ערד. דער גאַנצער עולם טוט זיך אַ שאָט אויפֿן דעק, און קוקט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אַהין, װאו עס זעט זיך דאָס פּאַסיקל ערד. אָט האָבן זיך שױן רעכטס און לינקס באַװיזן ברעגעס, דאָס באַװײַזט, אַז מיר פֿאָרן אַרײַן אין ניו יאָרקער אײַנגוס. אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער טרעפֿן מיר אָן דאַמף־ און זעגל־שיפֿן. אָט איז שױן דער קאַפּ „סענדי הוק״, און אָט שטײט אויף אַ קלײן אינזעלע די סטאַטוע פֿון פֿרײַ־הײט, װעלכע באַלײַכט די װעלט. אַזױ רופֿן זי די אַמעריקאַנער. די דאָזיקע סטאַטוע מאַכט אַ טיפֿן און שטאַרקן רושם. אויף אַ פּיעדעסטאַל, װאָס דער־גרײכט 22 קלאַפֿטער די הײך, שטײט אַ פֿרויען־פֿיגור, װאָס איז הויך 21 קלאַפֿטער. אין דער אויפֿגעהויבענער רעכטער האַנט האַלט זי אַ פֿאַקל, אין װעלכן מען צינדט בײַנאַכט אָן אַן עלעקטרישן לאָמפּ, און אין דער לינקער — אַ בוך. אינעװײניק אין פּיעדעסטאַל איז פֿאַראַן אַ שײנער שטײ־נערנער טרעפּ, און אין דער סטאַטוע אַ לײכטער שרויפֿנטרעפּ; דערבײ זײַנען דאָ ניט אײנער, נאָר צװײ שרויפֿנטרעפּ, װאָס זײַנען אַזױ איבער־געפֿלאָכטן צװישן זיך, אַז די, װאָס גײען אַרויפֿצו, שטויסן זיך ניט צונויף מיט די, װאָס גײען אַראָפּצו. דער דאָזיקער טרעפּ האָט 1500 טרעפּלאַך. אַרויפֿגײענדיק אויף זײ, קומט מען אַרײַן אין קאָפּ פֿון דער סטאַטוע, און מען קאָן דאַן דורך דער עפֿענונג אין איר קראַנץ זען די גאַנצע געגנט אַרום ניו יאָרק, װעלכע איז װאונדערבאַר־שײן. אָבער די װאָס װילן, קאָנען זיך אויפֿהײבן נאָך העכער: נאָך אַ שמאָל טרעפּעלע איז געמאַכט אין דער אויפֿגעהויבענער האַנט פֿון דער סטאַטוע ביזן פֿאַקעל צו. אָט דער טרעפּ באַשטײט פֿון נאָך 54 טרעפּלאַך. דער דאָזיקער טרעפּ פֿירט אויף אַ קלײנעם קײַלעכדיקן באַלקאָן אינעם פֿאַקעל, אויף װעלכן ס׳קאָנען אַרויף — 10 מענטשן. די אויסזיכט פֿון אָט דעם באַלקאָן איז קאָלאָסאַל, אָבער דאָרטן הערשט אַזאַ שטאַרקער װינט, אַז דאָס רוב באַזוכער אַנטשליסט זיך ניט אַרויפֿצוגײן אַהין און באַטראַכטן די אומגעגנט פֿון קאָפּ פֿון דער סטאַטוע.

די סטאטוע פון פרייהייט האט די פראנצויזישע רעפובליק געגעבן א מתנה די פאראייניקטע שטאטן לכבוד דעם הונדערט־יאריקן יובילייט פון דער אומאפהענגיקייט. זי איז געמאכט לויט דעם פלאן פון דעם סקולפטאר באר־טאלדי. דאס געלט אויף איר איז געווארן צונויפגעזאמלט פון פרייוויליקע מנדבים. זי באשטייט פון אן אייזערנעם סקעלעט און גראטן, און איז באַ־שלאגן מיט גראבע מעשענע פלאטן. דערביי וועגן די פלאטן אליין איבער 5000 פוד. כדי צו מאכן א באגריף וועגן דער גרייס פון דער סטאטוע, איז גענוג צו וויסן, אז דער מיטלסטער פינגער פון איר האנט איז 8 פוס די לענג.

ענדלאך איז אונזער שיף אריינגעפארן אין ניו יארקער האפן, וועלכער איז אינגאנצן פול מיט טויזנטער שיפן.

ניו יארק איז — לויט דער צאל איינוואוינער — די ערשטע שטאט אין אמעריקע און אפשר אין דער גאנצער וועלט (פון 6—7 מיליאן). זי שטייט אויף א שטיינערנעם אינזל 20 ווארסט די לענג, וואס ליגט ביי דער לעפצונג פון דעם ברייטן וואסער־רייכן טייך האדסאן; אין דרום ליגט די אלטשטאט מיט קרומע שמאלע גאסן; דא געפינען זיך 10, 15 און 20־גארנדיקע הייזער. דאס איז עפעס א טונקעלער לאבירינט פון שמאלע געסלאך, וואו ס'שוויבלט בייטאג פון אלערליי הענדלער, קאפיטאליסטן און זייערע באהלפער, און וואו ס'איז ביינאכט קיינער, אחוץ די שומרים, ניטא. דא געפינען זיך מאסן סקלאדן און שפייכלערס, דא ציען זיך ביי די ברעגעס לאנגע שורות שווארצע דאקן. אבער דער איבעריקער טייל פון ניו יארק באשטייט פון רעגלמעסיקע שורות גאסן, וואס גייען אין דער לענג און אין דער קווער. די גאסן, וואס גייען לענג אויס, הייסן עוועניוס און זיי זיינען נומערירט פון מזרח אויף מערב, און די, וואס גייען אין דער קווער, זיינען פארנומערירט פון דרום צו צפון. אויף די גאסן איז שטענדיק, נישט געקוקט אויף די זייער ברייטע טראטוארן, א מורא'דיקע שטויסעניש און שטופעניש. צווישן די דערוואקסענע דרייען זיך בסדר ארום קליינע אינגלאך מיט גרויסע פעק צייטונגען. די ניו יארקער קויפן צייטונגען מאסנווייז און לייענען זיי אויף דער גאס גייענדיק, אדער אין די טראמווייען, דערנאך ווארפן זיי זיי אוועק דא גופא אויף דער גאס; דא ווערן אויך אוועק־געווארפן שאלעכץ פון אפעלסינען, באנאנען, קאוואנעס א. א. וו. דעריבער איז אויף די גאסן זייער ניט ריין. אויף יעדער ראג זעט מען אויף א הויכן געשטעל א פלושענעם שטול אונטער א שירם. אויפן שטול זיצט א דזשענטל־מען, וואס שיינט צו זיין זייער א וויכטיקע פערזאן, און לייענט א בלאט. דאס איז א שוך־פוצער. אויב איר ווילט, אז אייערע שיך זאלן באקומען

אן אומגעווייגטלאכן גלאנץ, זעצט איר זיך זייער באקוועם אריין אין דער שטול אונטערן שירם, און כל־זמן מען פוצט אייך די שיך, לויפט איר מיט די אויגן דורך א צייטונג.

די הויפט־גאַס פון ניו יאָרק איז בראָדוויי — די מאָנומענטאַלע עווע־ניו פון דער סוחר׳שער אַמעריקע; אָבער אויב איר ווילט זען דעם גאַנצן לוקסוס, דעם גאַנצן אומדערהערטן גלאַנץ, מיט וועלכן די ניו יאָרקער מי־ליאָרדערן רינגלען זיך אַרום, דאַרפט איר גיין אויף דער „פינפטער עוועניו״. דאָס איז אַ ברייטער, גלייכער בולוואַר, וואָס ציט זיך אויף 10 וויאָרסט פון דרום אויף צפון, און איז פון ביידע זייטן פאַרבויט מיט פּאַלאַצן פון מירמלשטיין, גראַניט און רויטן זאַמדשטיין. אַ טייל פּאַלאַצן זיינען באַפּוצט מיט סטאַטועס און באַרעליעפן, אַנדערע זיינען אינגאַנצן באַדעקט מיט בליענדיקע אָרכידייען און אַנדערע זעלטענע געוויקסן, זיינען דראַפּירט מיט רויזן, מיט יאַפּאַנישע קריכנדיקע געוויקסן, מיט קלעטערנדיקע ליאַנען, וועלכע ציטערן פון לייכטסטן ווינט, און אַנטדעקן אַזוי אַרום די אַרכיטעקטאָנישע באַפּוצונגען פונם פּאַלאַץ. בעת די איבעריקע גאַסן פון ניו יאָרק זיינען פאַר־וואַנדלט אין טונקעלע גאַלערייען אַ דאַנק די אייזנבאַנען, וואָס ציען זיך אין דער לופטן איבער די קעפּ פון די מענטשן, וועט איר אויף דער „פינפטער עוועניו״ קיין שום אייזנבאַן און אַנדערע פאַרקער־מיטלען, אַ חוץ די שיינע אויטאָמאָבילן פון דער ניו יאָרקער געלט־אַריסטאָקראַטיע, ניט זען.

אינם צענטער פון ניו יאָרק געפינט זיך דער צענטראַלער פּאַרק — אַ גרויסאַרטיקע פאַרייניקונג פון גרינע לאָנקעס, וועלדער, פעלזן און אָזע־רעס; דער דאָזיקער פּאַרק איז 5 וויאָרסט די לענג און 1 וויאָרסט — די ברייט. אַריינקומענדיק אין אים, פילט מען זיך, ווי אין אַ דאָרף, און נאָר דאָס פאַרשטיקטע געהילך, וואָס דערגייט אַהער פון די גאַסן, צעשטערט די אילוזיע. אין דעם דאָזיקן פּאַרק זיינען פאַרפלאַנצט די פאַרשיידנסטע ביימער (מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז ניו יאָרק איז אַ דרום׳דיקע שטאָט, ווי למשל אין אייראָפּע נעאַפּאָל), און זיינע שאָטנדיקע אַלייען זיינען שטענדיק פול מיט שפּאַצירנדיקע. אין אַ טייל אַלייען זעט מען כסדר אַ גרויסן עולם, וואָס שפּאַצירט צופוס, אין אַנדערע דרייען זיך אַרום קאַרעטן, אויטאָמאָבילן, וועלאָסיפּעדן, רייטער.

נאָר דאָס שענסטע, וואָס ניו יאָרק פאַרמאָגט, מיט וואָס ער קאָן זיך באמת באַרימען, דאָס איז דער באַרימטער ברוקלינער בריק, וואָס הענגט איבערן ברייטן ים־דורכגוס. ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, געפינט זיך דער הויפּט־טייל פון ניו יאָרק אויפן שטיינערנעם אינזל ביי דער לעפצונג פונם

טייך האָדסאָן. לעבן דעם דאָזיקן אינזל ליגט אַ צווייטער — דער לאָנג־איילענד, וועלכער איז אַ סך גרעסער פאַרן ערשטן, און אַ גרויסער טייל שטאָט, דער אַזוי גערופענער ברוקלין, ליגט אויף אים. ניו יאָרק און ברוקלין זיינען אָפּגעטיילט איינער פונם אַנדערן דורך אַ דורכגוס, וואָס האַלט כמעט אַ קילאָמעטער (1000 מעטער) די ברייט. דורך דעם דאָזיקן דורכגוס גייען כסדר שיפן. אין פריערדיקע ציַיטן פלעגט זיך דער פאַרקער צווישן ביידע טיילן שטאָט אונטערהאַלטן דורך עטלאַכע צענדליק דאַמפשיפן, וועלכע פלעגן כסדר גיין אַהין און צוריק אָנגעפּאַקטע מיט מענטשן. אָבער אין דער צייט פון אַ נעפּל אָדער אַ שלעכט וועטער פלעגט דער פאַרקער ווערן זייער שווער און אפילו געפערלאַך. כדי צו פאַרמיידן די דאָזיקע מניעה, האָט מען געדאַרפט אויפבויען איבערן דורכגוס אַ בריק, אָבער אַזאַ, אַז אפילו די גרעסטע שיפן זאָלן קאָנען דורכגיין דעם דורכגוס. דער אינזשינער דזשאָן ראָבלינג האָט דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע און האָט אויסגעבויט אַ קאָלאָסאַלע הענגענדיקע בריק, וואָס האָט זיך געבויט 14 יאָר און האָט געקאָסט 18 מיליאָן דאָלער. לכתחילה האָט מען אויפן ברעג דורכגוס אוועקגעשטעלט צוויי גראַניט טורעמס, צו 40 קלאַפטער איבערן וואַסער די הייך. אויף די דאָזיקע טורעמס זיינען אָנגעצויגן 4 קאָלאָסאַלע קאַנאַטן, וואָס יעדערער פון זיי איז פריער געוואָרן צוגעפעסטיקט צו אַ פעלז אויפן ברעג, דערנאָך — צו דעם ערשטן טורעם, דערנאָך איז ער געוואָרן איבערגעצויגן איבערן דורכגוס, איז דורכגעגאַנגען דורך דעם צווייטן טורעם און לסוף געוואָרן צוגעפעסטיקט צום צווייטן ברעג.

דער קאַנאַט איז ווי אַ מענטשלאַכער גוף די דיק און באַשטייט פון 5000 שטאָלענע דראָטן. ער וועגט ביז 22,000 פוד. ס'פאַרשטייט זיך, ס'וואָלט געווען אוממעגלאַך צוצופירן און אַריבערצוציען איבערן דורכגוס אַזאַ מורא׳דיקע משא. דעריבער פלעגט מען צופירן באַזונדערע בינטלאַך קאַנאַט, וועלכע מען פלעגט דערנאָך פאַרייניקן צוזאַמען. די דראָטן פלעגט מען לכתחילה אויסלייגן אויפן גרונט פונם אָפּגוס, דערנאָך פלעגט מען אָפּהיטן אַ מאָמענט, ווען צווישן די טורעמס איז ניט געווען קיין איין שיף, און מען פלעגט די בינטלאַך דראָטן אויף גיך אויפהויבן און אָנציען. די אַרבעטער פלעגן זיין ווי שפינען אויפן שפינוועבס. אָנטשעפּען די אָנגעצויגענע דראָטן, פלעגן זיי זיי פאַרייניקן און באַדעקן מיט אַ מאַסע, וואָס פאַרהיט פון ראָסט. בעת אַלע 4 קאַנאַטן זיינען געווען אָנגעצויגן, האָט מען אויף זיי פון אונטן אויפגעהאַנגען אַ שטאָלענעם בריק 12 קלאַפטער די ברייט מיט פאַרענטשן ביי די זייטן.

אויף דעם דאָזיקן בריק גייט אינמיטן אַ ברייטער וועג פֿאַר פוסגייער, פֿון בײדע זייטן פֿון דעם דאָזיקן וועג גייען צוויי וועגן — פֿאַר וואָגנס און אויטאָמאָבילן, און ביי די זייטן פֿון אָט די וועגן — גייען צוויי רייען וועגן פֿאַר טראַמווייען פֿון גאָר אַ באַזונדער געבוי. אַזוינע טראַמווייען גייען איבער אַלע גאַסן פֿון ניו יאָרק. אונטער די וואַגאָנעס באַוועגט זיך דורך אַ דאַמפּמאַשין אין אַ באַזונדער גראָבן — כּסדר אַ קאַנאַט. אויף יעדן וואַגאָן געפֿינט זיך אַ מין אָפּצוועגנג. בעת די אָפּצוועגנג איז אָפֿן, גייט דער קאַנאַט פֿריי דורך דורך אים, און די וואַגאָנעס שטייען אויף אָן אָרט, נאָר בעת דער קאָנדוקטאָר דריקט מיט אַ דריי פֿון אַ באַזונדער הענטל צו די אָפּצוועגנג, נעמט דער קאַנאַט שלעפּן דעם וואַגאָן, און דער וואַגאָן גליטשט זיך גיך איבער די רעלסן. איבערן ברוקלינער בריק פֿאָרן טעגלאַך איבער 200,000 מענטשן.

אָבער מיר האָבן זיך צופֿיל פֿאַרזאַמט אין ניו יאָרק, מיר מוזן זיך איילן צו דער ניאַגאַראַ. אינם האָטעל, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, קאָן מען קויפֿן אַ בילעט, אויף וועלכן אייזנבאַן מען וויל. מיר נעמען אַ בילעט קיין בופֿאַלאָ און ניאַגאַראָ און פֿאָרן אַוועק צום וואָקזאַל.

מיר פֿאָרן גיך דורך דעם רייכן באַפֿעלקערטן שטאַט ניו יאָרק. דורך די שפּיגל־פֿענצטער פֿון אונזער וואַגאָן קאָנען מיר זיך זאַט ניט אָנקוקן אויף די גרויסאַרטיקע לאַנדשאַפֿטן. ענדלאַך קומען מיר צו דעם וואַסערפֿאַל ניאַגאַראָ, צו דעם דאָזיקן וואונדער פֿון דער וועלט, קעגן וועלכן אַלע איבעריקע וואונדער פֿון אַמעריקע זיינען גאָרניט. קיין שענערס פֿון דער ניאַגאַראַ איז אויף דער וועלט ניטאָ, און ניט ווילנדיק ביסטו מקנא די אַמעריקאַנער, וואָס פֿאַרמאָגן דעם דאָזיקן וועלט־אוצר, דעם דאָזיקן מקור פֿונם ריינסטן פֿאַרגעניגן, וועלכן אַ מענטש קאָן פֿילן.

דער טייך ניאַגאַראַ איז דער איינציקער אויספֿלוס פֿון די פֿיר פֿאַרייניקטע גרעסטע אָזערעס פֿון דער וועלט: סופּעריאָר, מישיגען, היוראָן און אירי. די דאָזיקע פֿיר אָזערעס פֿאַרנעמען צוזאַמען אַ שטח פֿון 4,200 קוועדר מייל, ד. ה. אַ שטח, וואָס איז 7 מאָל גרעסער פֿאַר מאָסקווער גובערניע. דעריבער קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן, ס'אַראַ מאַסע וואַסער דער טייך ניאַגאַראָ שלעפּט אַוועק! ניט ווייט פֿון בופֿאַלאָ, ד. ה. ביי דעם אָרט, וואו די ניאַגאַראָ פֿליסט אַרויס פֿון דער אָזערע אירי, איז זי זייער ברייט, און פֿליסט רואיק און שטיל צווישן די נידעריקע ברעגעס, דערביי טיילט זי זיך אָפּטמאָל אין אָרימס, וועלכע בויגן אַרום קליינע וואַלדיקע אינזלאַך.

מיט אַנדערהאַלבן וויאָרסט פאַרן וואַסערפאַל בויגט זיך דער טײַך־געלעגער אַן אַראָפּצו גאַנץ שטיל. זיינע ברעגעס ווערן נעענטער איינער צום אַנדערן, זיינע וואַסערן גליטשן זיך אינם פאַרשמעלערטן געלעגער אַלץ גיכער און גיכער. דער טײַך נעמט וואָס ווייטער פליען פייל פון בויגן, ער ווערט אײַנגאַנצן באַדעקט מיט שוים און גרויסע כוואַליעס. און ענדלעך ווערט ער צעטיילט אויף צוויי מורא׳דיקע וואַסערפאַלן, וואָס פאַלן אַראָפּ פון ביידע זייטן פונם ציגנאינזל, וועלכער הענגט איבער אַן אָפּגרונט. מען זאָגט, אַז דער דאָזיקער אינזל האָט באַקומען זיין נאָמען פון אַ סטאַדע ציגן, וועלכע האָבן אויף אים געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט און וועלכע זיינען שפּעטער אין אַ קאַלטן ווינטער אומגעקומען. דער גאַנצער ציגן־אינזל איז באַוואַקסן מיטן ווייסן שוים פון די פאַרביילויפנדיקע כוואַליעס. פון ביידע זייטן פונם אינזל פאַלן מיט אַ שרעקלאַכן דונער אַראָפּ די צוויי וואַסערפאַלן: דער אַמעריקאַנער און דער קאַנאַדער. איינער איז לערך ניט זייער ברייט — ער האָט סך הכל 32 קלאַפטער די ברייט, דער אַנדערע בילדעט אַ קאָלסאַלן האַלב־קרייז, וואָס איז ענלאַך צו אַ פּאָד־קאָווע, וואָס האָט אין דער קווער 242 קלאַפטער. דורך אָט דעם וואַסערפאַל פאַלט אַראָפּ דער גרעסטער טייל וואַסער פון דעם טײַך, וואָס קאָכט און זידט אויפן גרונט פון תהום. אין דעם דאָזיקן תהום איז גאָרניט מעגלאַך צו זען: מען זעט נאָר דעם אייבערשטן טייל פון דער וואַסער־וואַנט, דער אונטערשטער איז באַהאַלטן אין נעפּל פון די שפּריצנדיקע כוואַליעס און שוים, פון דאָרטן הייבן זיך אויף וואָלקנס וואַסער־שטויב, וועלכע באַגיסן די דערבייאיקע געגנט מיט אַ שטענדיק קליין רעגעלע; אין זיי שפּילן די שטראַלן פון דער זון און בילדן רעגנבויגנס, וואָס וואַקלען זיך און ענדערן זיך כסדר; די דאָזיקע רעגנבויגנס קאָן מען אַמאָל באַמערקן אויך ביי־נאַכט, ביי אַ העלן לבנה־שיין, און דעמאָלט זעט די ניאַגאַראַ אויס ווי אַ כישוף־ווערק.

נאָך די דאָזיקע וואָלקנס פון וואַסער־שטויב קאָן מען שוין פון ווייטן, פון הינטער דיביימער פון די דערבייאיקע פּאַרקן, זען דעם אָרט פון וואַסערפאַל. נאָר נאָך פריער גיט ער צו וויסן וועגן זיך מיט זיין גרויסאַרטיקן דונער. אָבער איצט רעש׳ט שוין ניט די ניאַגאַראַ, ווי אַמאָל, אין דער שטיל־קייט פון די ווילדע וועלדער. איצט פאַרייניקן זיך צו איר דונער דער טומל פון די שטעט, פאַבריקן, אייזנבאַנען, האָטעלן, וועלכע פאַרהילכן אָפט איר מורא׳דיקע שטים. אגב מוז מען זיך מודה זיין, אַז די אַמעריקאַנער האָבן פּראָקלאַמירט ביידע ברעגעס פון וואַסערפאַל און דעם ציגן־אינזל אַלס נאַ־

ציאָנאַל אייגנטום. קיינער קאָן דאָ ניט קויפן אָדער דינגען קיין ברעקל ערד און יעדערער האָט דאָס פולע רעכט, ניט צאָלנדיק קיינעם קיין גראָשן געלט, צו שפּאַצירן אויף די ברעגעס פון ניאַגאַראַ, אין די שאָטנדיקע אַלייען פון אירע פּאַרקן, און שטייענדיק אויף די בריקלאַך, וואָס ציטערן פון שוימענדיקן וואַסער, אָדער אויף די באַלקאָנעס, וואָס זיינען צוגעקלעפּט צו די ארומיקע פעלזן, זיך שפּיגלען אינם וואַסערפאַל, וויפיל זייער האַרץ גלוסט.

מיט עטלאַכע יאָר צוריק האָט מען אוועקגעלאָזט מיטן שטראָם פון וואַסערפאַל אַן אַלטע שיף, וואָס האָט שוין מער ניט געטויגט צום פאָרן; אויף די ברעגעס איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם און געקוקט, וואָס דאָ וועט זיין. ווי אַ פייל פון בויגן האָט די שיף גענומען פליען צום וואַסער־פאַל, האָט זיך אויף אַן אויגנבליק באַוויזן אין זיין קאַנאַדער העלפט און איז מיט גרויס פּראַד אַראָפּגעפאַלן אין תהום אריין. און מער האָט קיינער ניט געזען ניט די שיף, ניט די שפּענדלאַך פון איר.

מען דערציילט, אַז פאַרצייטן האָבן די רויט־הויטיקע אינדיאַנער גע־האַלטן ניאַגאַראַ פאַר אַ גאָט און פלעגן איר אַלע יאָר ברענגען אַ קרבן — די שענסטע יונגע מיידלאַך. מען פלעגט מאַכן אַ ניי־וויים שיפעלע, און מען פלעגט אהין אריינזעצן דעם אָרימען קרבן, אַ פאַרפּוצטן מיט בלומען און גרינס. דאָס שיפל פלעגט מען אַראָפּלאָזן אין טייך מיט עטלאַכע וויאָרסט פאַרן וואַסערפאַל, און טויזנטער מענטשן פלעגן שטיין אויף די ברעגעס און נאָכקוקן נאָך דעם. דער סאַמע פייערלאַכער מאָמענט פלעגט אָנקומען דאַן, ווען דאָס שיפל פלעגט, צושווימענדיק צום אָפּהאַנג, אויף אַן אויגנבליק אָננעמען אַ ווערטיקאַלע לאַגע, און דאַן פאַרשווינדן ווערן אויף אייביק.

אויפן ציגן־אינזל קאָן מען לייכט ארויפגיין צופוס אָדער ארויפפאָרן איבער אַן אויסגעצייכנטער בריק. די דאָזיקע בריק האָט מען געבויט אַזוי: צוערשט האָט מען אויפן ברעג געמאַכט שטיינערנע פּאַליעס. פון די דאָזיקע פּאַליעס האָט מען ארויסגערוקט איבערן תהום פונם וואַסערפאַל עטלאַכע באַלקנס; אויף די באַלקנס האָבן די אַרבעטער אוועקגעלייגט ברעטער, אי־בער וועלכע זיי זיינען אריבער ביזן ברעג פון די באַלקנס און גענומען אַראָפּ־לאָזן גרויסע שטיינער אין טייך אריין. אַזוי ארום האָבן זיי אין טייך אויך געמאַכט אַן אָנשפּאַר. פון אים האָבן זיי ווידער ארויסגערוקט באַלקנס מיט ברעטער אויף זיי און האָבן געמאַכט אַ דריטן אָנשפּאַר א. אַז. וו. ביזן סאַמע אינזל.

לעבן דעם ציגן־אינזל ליגט א קליין אינזעלע — דער לבנה־אינזל. דאָס דאָזיקע אינזעלע איז פאַרייניקט מיטן ציגן־אינזל דורך א שטאַרקער בריק. אזוי ארום קאָן מען באַטראַכטן די ניאַגאַראַ און זיך שפּיגלען אין איר שיינקייט סיי פון די ביידע אינזלען, סיי פון דער בריק, וואָס פאַרייניקט זיי. דערביי קומט אוים, ווי איר וואָלט העננגען איבערן וואַסערפאַל. און אלין אונטער אייערע פיס ציטערט און וויגט זיך פון די קלעפּ פונם וואַסער. יעדע רגע דאַכט זיך אייך, אז אָט־אָט פאַלט איר אַראָפּ אין תהום אַריין, פון וואַנען ס'באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אינם כאַאָס פון די טראָפּעלאַך שרעקלאַכע שוואַרצע פעלזן, וואָס זיינען ס'רוב באַהאַלטן אינם וואַסער־שוים. דאָס זיינען די אייביקע פעלזן, ווי מען רופט זיי דאָ.

צווישן דעם ציגן־אינזל און דעם לבנה־אינזל פאַלט אַראָפּ א שמאָלער שטראָם פון דער ניאַגאַראַ, וואָס הייסט דער צענטראַלער וואַסערפאַל. ער האַלט א קלאַפּטער 10 די ברייט. אונטער אים קאָן דורכגיין א מענטש, פאַרשטייט זיך אזא, וואָס האָט שטאַרקע נערוון. הער וויטקאָווסקי שילדערט אונז אין זיין אינטערעסאַנטן בוך „איבערן אָקעאַן" די דאָזיקע רייזע אונ־טערן וואַסערפאַל אזוי:

„אויפן ציגן־אינזל שטייט א שיין הייזל, וואו ס'זיינען פאַראַן אַלע מיטלען, וואָס זיינען נייטיק צום געפערלאַכן שפּאַציר. צוערשט האָב איך געמוזט פאַרשרייבן מיין נאָמען און דעם אַדרעס, כדי מען זאָל וויסן, וואוהין אָפּצושיקן מיינע זאַכן און דאָס געלט אין דעם פאַל אויב איך וועל אומ־קומען אינם תהום. דערנאָך האָט מען מיר דערלאַנגט אַן אייזערן שאַכטל, וואוהין איך האָב אַריינגעלייגט מיין געלט און די קאָסטבאַרע חפצים. דעם שליסל פון קעסטעלע האָט מען מיר אויך א שטריקל אויפגעהאָנגען אויפן האַלז. נאָכדעם האָט מען מיך אַריינגעפירט אין א באַזונדער צימערל, וואו כ'האָב אויסגעטאָן מיינע זאַכן און אָנגעטאָן א ספּעציעלן אָנצוג. דער דאָ־זיקער אָנצוג איז באַשטאַנען פון גראָבע וואָלענע הויזן מיט א רעקל. פון אויבן האָב איך אָנגעטאָן נאָך אַן אָנצוג פון דורכגעפּעכטע לייוונט. צו די נאַקעטע פיס האָט מען מיר צוגעבונדן שטיקער וואָליק.

„מען האָט מיר געגעבן א פירער. דאָס איז געווען א הויכער געזונטער אַמעריקאַנער. מיר זיינען אַרוים פונם הייזל, זיינען אַריין אין א טורעם, וואָס שטייט הארט ביים אָפּהאַנג פונם ציגן־אינזל. מיר האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן צו דעם דאָזיקן אָפּהאַנג איבער א שרויפן־טרעפּ. אויפן וועג האָב איך איבערגעציילט 185 שטיגן. אַרויסגייענדיק דורך דער אונטערשטער טיר פונם טורעם האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום צענטראַלן וואַסערפאַל, וועלכער

האָט מיט שרעקלאַכע באַטויבנדיקע קולות געררעוועט איבער אונזערע קעפּ. מיין באַגלייטער האָט מיך אָנגענומען פאַר א האַנט און גענומען שלעפּן אין סאַמע וואַסערפאַל אַריין. זעענדיק, אַז די פאַרענטשעס האָבן זיך געענ־דיקט, און פילנדיק, אַז עס פעלט מיר לופט, אַז איך האָב ניט, מיט וואָס צו אָטעמען, האָב איך זיך געוואָלט אָפּשטעלן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָבער מיין באַגלייטער האָט ניט געהערט, וואָס איך האָב צו אים גערעדט, און ער האָט, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געקאָנט הערן — ער האָט מיך געשלעפּט אַלץ פאָרויס איבערן נאַסן, גליטשיקן און אָנגעבויגענעם געזימס פונם פעלז. ס'איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן, איך האָב מער קיין זאַך ניט געזען. דאָס וואַסער האָט זיך פּונקט ווי אין א דוש געגאָסן פון אויבן און פון אונטן.

„דער באַגלייטער האָט מיך צוגעדריקט צום פעלז און פּאַמעלאַך גע־קראָכן מיט א זייט מיטן רוקן צום וואַסערפאַל. קומענדיק אַביסל צו זיך, האָב איך אויפגעהויבן די אויגן אַרויפצו און האָב דורך דעם נעפּל פונם וואַסער־שטורעם דערזען א שוואַרצן פעלז — רעכטס, און א וואַסער־וואַנט — לינקס. דער אייבערשטער טייל פון אָט דער וואַסער־וואַנט האָט געלויכטן מיט א שוואַכער גרינלאַכער פאַרב, און נידעריקער איז געווען א גאַנצער שטראָם וואַסער־טראָפּעלאַך. מיט וואָס צו אָטעמען איז ניט געווען; און אָנשטאָט לופט — כסדר'דיקער וואַסער־שטויב, פּונקט ווי אונטער א כסדר'־דיקן דוש. אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן איז אויך ניטאָ, איבערן פעלז פליסט וואַסער, די פּאָדלאָגע פון דער הייל איז אויך אינגאַנצן נאַס און אָנגעבויגן צום תהום צו. ס'איז אַן אומאַנגענעמע און געפערלאַכע לאַגע. דער איינ־ציקער אָנשפּאַר איז דעם באַגלייטערס האַנט. אָבער טאָמער טוט ער זיך אַליין א גליטש? איך האָב דערלאַנגט א געשריי, נאָר איך האָב ניט געהערט מיין אייגענעם קול...

„אין עטלאַכע רגע'ס אַרום זיינען מיר אַרויס אויף א הילצערנעם בריקל, וואָס פירט צו איינעם פון די גרעסטע אייביקע פעלזן. דאָ איז שוין די סכנה אַריבער. אָבער דאָרטן, אונטערן וואַסערפאַל, אָדער, ריכטיקער גע־זאָגט, הינטערן וואַסערפאַל, איז ניטאָ קיין פאַרענטשעס, ניט קיין בריקלאַך, און איין אומפאָרזיכטיקער טריט פירט צום זיכערן טויט.

„איך בין געוואָרן דורכגענעצט דורך און דורך. א קעלט און א שרעק האָט מיך דורכגענומען. אָבער מיין באַגלייטער, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר און האָט געשמייכלט, האָט מיר אומגעקערט דעם מוט, ער האָט געוויזן מיט דער האַנט אַרויפצו, מיר זיינען געווען פּונקט אַנטקעגן דער וואַסער־

וואנט פונם צענטראלן וואסערפאל. די וואסער־טראָפּנס האָבן נאָך אלץ גע־ שפּריצט אויף אונז פון קאָפּ ביז די פיס, אָבער דאָך האָט מען שוין דאָ ווי עס איז געקאָנט אָטעמען. פאר מיינע אויגן זיינען געוועז צוויי זייער העלע רעגנבויגנס, ווי צוויי געשלאָסענע קאָנצענטרישע קרייזן. כ'האָב זיי, ווי פאר־ צייטן נוח, אָנגענומען פאר א צייכן, אז איך בין ניצול געוואָרן פון געפאר".

אויף אזא אופן ווערט דאָס געמאכט אָט דער אינטערעסאנטער, אָבער שרעקלאכער שפּאציר אונטערן וואסערפאל; אָבער די אמעריקאנער האָבן אויסגעקלערט נאָך א שפּאציר: די וואָס האָבן חשק, קאָנען זיך דורכפאָרן אין א דאמפער לעבן סאמע וואסערפאל. צו דעם צוועק איז פאראן א קליין דאמפערל, וואָס לאָזט זיך יעדע 2 שעה אויפן געפערלאכן שפּאציר. ליב־ האָבער פון אזא מין וואסער־רייזע איז שטענדיק דאָ גענוג, און אלע באקומען רעגן־מאנטלען מיט קאפּיושאָנען, וואָס נעצן ניט דורך. דער דאמפער שווימט צו דאָ צום קאנאדער, דאָ צום אמעריקאנער וואסערפאל, דערביי דערנעענ־



טערט ער זיך צו זיי אויף א קלאפטער 50. די פאסאזשירן ווערן דערביי באנעצט מיט א גוס־רעגן פון די וואסער־טראפנס, דערפאר אבער האבן זיי די מעגלאכקייט צו זען א בילד, וואס האט קיין גלייכן ניט.

דארטן, וואו דער דאמפער שווימט, איז דער טייך זייער ברייט — מער ווי א ווירסט, דעריבער איז דארטן דער שטראם ניט קיין גיכער, יעדנפאלס קאן זיך דארטן דער דאמפער איינהאלטן, און ער ווערט ניט אראפגעטראגן אראפצו. אבער אין א קורצן מהלך נאכן וואסערפאל ווערט דער טייך פארשמעלערט דורך ברעג־פעלזן און ווערט פארוואנדלט אין עפעס מורא'דיקס. דאס איז דער אזוי גערופענער אונטערשטער אפשטורץ פון די ניאגארא. אין א שפאלט צווישן מאסיווע פעלזן טראגט זיך דער מעכטיקער שטראם מיט אזא גיכקייט, אז דאס וואסער באווייזט אפילו ניט זיך צו ברעקלען אויף שוים און טראפנס. דאס זיינען קאלאסאלע וואסער־וואלן, וואס יאגן כסדר איבער איינע די אנדערע. יעדערן איז באקאנט דאס אומאנגענעמע געפיל, ווען מען שטייט הארט ביי דער אייזנבאן־ליניע ווען עס פליט געשווינד פארביי א צוג. אן ענלאך געפיל באהערשט אייך אויך דא: איר שטייט אויפן ברעג פון א ווילדן בארג־שפאלט און פארביי אייך פליט מיט א שרעקלאכער געשווינדקייט א וואסער־שטראם פון 50 קלאפטער די ברייט און ווי מען זאגט, איז זיין טיף — ניט קלענער. דא איז א מורא צו שטיין, אפילו ווען מען האלט זיך פאר די פארענטשעס; יעדע רגע דאכט זיך אויס, אז די גאנצע פלאטפארמע, וואס איז צוגעטוליעט צום סטארטשנדיקן פעלז, וועט אין איין אויגבליק ווערן אראפגעשווענקט פונם וואסער. דערמאנט זיך נאר: דער טייך, וועלכער איז אונטערן וואסערפאל געווען מער ווי א ווירסט די ברייט, פארשמעלערט זיך דא ביז 50 קלאפטער! שטייענדיק אויפן ברעג פון דעם דאזיקן שטראם שפירט מען גיכער שרעק, איידער פארגעניגן.

דאכט זיך, ווער קאן איינפאלן דער משוגע'נער געדאנק — אריבערצושווימען דעם אונטערשטן שטראם פון ניאגארא? און דאך האט זיך געפונען א מענטש, וואס האט דאס געוואלט טאן. אין יאר 1863 האט דער אמעריקאנער אפיציר וועב געמאלדן, אז ער וועט מאכן אזא מין פארשטעלונג פאר געלט. משמעות, ער האט זיך דאס מקריב געווען פאר זיין פאמיליע און אויף אזא אופן געוואלט פארזיכערן איר גורל. ס'קאן אבער אויך זיין, אז וועב האט געהאפט, אז אים וועט זיך איינגעבן איבערצושווימען דעם שטראם, ווייל ער איז געווען אן אויסגעצייכנטער שווימער. ער האט אזוי גוט געקאנט שווימען, אז ער האט זיך איינמאל אריינגעווארפן אינם אט־

לאַנטישן אָקעאַן ראַטעווען אַ מאַטראָס, וועלכן דער ווינט האָט אַראָפּגעטראָגן אין וואַסער אַריין.

דעם 24 יולי אין אָוונט איז דער מוטיקער אָפּיציר צוגעגאַנגען צום אָפּשטורץ און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. דער שטראָם האָט אים, פאַרשטייט זיך, גלייך אַוועקגעטראָגן מיט אַ גוואַלדיקער געשווינדקייט, אייניקע אויגנבליקן האָט מען אים נאָך געזען. מען האָט געזען, ווי ער האָט אויפגעהויבן אַ האַנט; קאָן זיין, ער האָט געבעטן הילף, קאָן זיין, אַז ער האָט זיך דאָס געזעגנט מיט די מענטשן און מיט דער וועלט. דערנאָך איז ער נעלם געוואָרן. ערשט אין 4 טעג אַרום האָט מען געפונען זיין קערפּער אויף אַ מהלך פון אַ וויאָרסט 15 נאָכן אָפּשטורץ. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אויפן קערפּער זיינען ניט געווען קיין שום אויסערלאַכע שעדיקונגען.

זינט דעם יאָר 1878, ווען אַן אייראָפּייאישער מיסיאָנער האָט צום ערשטן מאָל געמאַכט אַ געמעל פון דעם וואַסערפאַל ניאַגאַראַ, זיינען אין דעם דאָזיקן וואַסערפאַל פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. דער וואַסערפאַל טרעט כסדר אָפּ אויף צוריק אַלץ נענטער און נענטער צו דער אָזערע אירי צוליב דער צעשטערונג פונם פעלז, פון וועלכן ער פאַלט אַראָפּ. דער דאָזיקער פעלז באַשטייט פון אַ האַרטער שיכט קאַלכשטיין 12 קלאַפטער די דיק. אונטער אים ליגן ווייכערע שיכטן פון מערגעל און זאַמדשטיין, וועלכע ווערן לייכט צעשטערט פון וואַסער; דעריבער הענגען די קאַלכשטיינער איבערן אָפּהאַנג, ברעכן זיך ביסלעכווייז אָפּ פון אים און פאַלן אַראָפּ אין וואַסער אַריין. מ'האָט אויסגערעכנט, אַז דער קאַנאַדער וואַסערפאַל טרעט אָפּ אויף צוריק אויף 5,7 פוס אַ יאָר. אויב ער וועט ווייטער אויך אַזוי אָפּטרעטן, וועט אין 20,000 יאָר אַרום דער ניאַגאַרער וואַסערפאַל אינגאַנצן פאַרשווינדן.

אָבער אין 20,000 יאָר אַרום וועט זיך ענדערן ניט נאָר די ניאַגאַראַ אַליין: די גאַנצע אויבערפלאַך פון דער ערד וועט זיין גאָר אַן אַנדערע, וואָרים אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אויף דער ערד, ענדערט זיך ביסלעכווייז. ס'וועלן זיך אויך ענדערן די מענטשן. אָבער לאָמיר ניט טראַכטן, וואָס ס'וועט זיין אין 20,000 יאָר אַרום. דערוויילע איז די ניאַגאַראַ הערלאַך שיין און דאָס פאַרגעניגן, וואָס מ'באַקומט, ווען מען זעט זי, איז ניט צו באַשרייבן.

ס. מעטש

קאַליפאָרניע

דער שטילער ים וואַשט דעם זוים פון קאַליפאָרניע, ס'האַרץ פון דער גאָלדענער וועסט. קאַליפאָרניע איז אַזוי ווייט פון ניו יאָרק, אַזוי ווייט... ניט קוקנדיק, וואָס בלויז פינף מעת־לעת נעמט מיטן באַן צו קומען אַהער. ס'איז אַ סך ווייטער ווי פון ניו יאָרק קיין לאָנדאָן און דער וועג איז פיל שווערער אַהער, כאָטש מיט דער יבשה דערקלייבט מען זיך קיין קאַליפאָרניע.

דעם נאָמען „גאָלדענע וועסט" האָט קאַליפאָרניע באַקומען אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט אַכט און פערציק. יעמאָלט, ווען אַ מענטש מיטן נאָנמען סוטער און נאָך אַ מענטש מיטן נאָמען מאַרשאַל, וועלנדיק בויען עפּעס אַ מיל ביי אַ טייכל, אין צפון־זייט פון קאַליפאָרניע, האָבן זיי פּלוצלונג גאָלדענע זעמדעלאַך באַמערקט אויפן גרונט פון קלאָרן וואַסער.

— גאָלד!

פון זייער האַרצן האָט זיך דאָס כישוף־וואָרט אויסגעריסן מיט אַזאַ כוח, אַז פון עק וועלט ביז עק וועלט האָט זיך דער אָפּקלאַנג צעטראָגן. און פון וואַנען האָט מען זיך אַהער ניט געצויגן? פון כינע און יאַפּאַן דורכן שטילן ים, און פון די ברעגעס פון אַטלאַנטיק דורך די קאָלאָראַדאער בערג; דורך די מדבריות פון יוטאַ און אַריזאָנאַ האָט מען זיך צונויפגעצויגן. מען איז געלאָפן פון אַלע עקן אייראָפּע און פון אַלע אַמעריקעס ווינקעלאַך. אפשר נאָך איצטער קאָן מען געפינען דאָ און דאָרטן, אין די מדבריות, ביינער פון אָט יענע בראַווע מענטשן, גליקזוכערס.

יאָ, אַמאָל, גאָר אַמאָל איז עס געשען, מיט ניין און זעכציק יאָר צוריק. דאָ אין לאַנד איז ניין און זעכציק יאָר שוין היסטאָריע, וואָרים בלויז אַ צוואַנציק מיליאָן איינוואוינער האָבן יעמאָלט די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרמאָגט. און אַז שפּעטער מיט איין און צוואַנציק יאָר האָט מען די ערשטע אייזנבאַן־ליניע דורך דער לענג פון לאַנד דורכגעפירט, פון אַטלאַנטיק ביז צום פּאַסיפיק, האָט מען דעם לעצטן טשוואָק אין שוועל פון רעלס אַריינגעשלאָגן — אַ גילדערנעם. מיט דעם פאַרזיגלט און פאַרייביקט דעם נאָמען פון קאַליפאָרניע:

„די גאָלדענע וועסט".

ביי היינטיקע צייטן שטראָמט ניט דער עולם אַזוי שטאַרק קיין קאַליפאָרניע דאָ זיך צו באַזעצן. דער גרעסטער עולם קומט אַהער צו פאַר־

ברענגען ביי די ברעגעס פון שטילן ים. אין צאָל פון מענטשן איז קאַליפאָרניע ניט דער גרעסטער שטאַט; פאַרמאָגט ביי א דריי מיליאָן איינוואוינער. אפשר גראָבט מען דאָרט גאָלד אין צפון־זייט פון קאַליפאָרניע, אָבער ניט דערפאַר פאַרדינט קאַליפאָרניע צו הייסן די „גאָלדענע וועסט“.

די קינדער פון לאַנד, ווען זיי זעען קאַליפאָרניע אין חלום, איז ניט דער קלאַנג פון גאָלד אין דעם שולדיק. זיי חלומ'ען פון דער גאָלדענער וועסט און אין חלום זעען זיי גאָלדענע אַפּעלסינען, וואָס שיינען אַרויס פון צווישן געדיכטע בלעטערדיקע צווייגן; פון צווישן טיף־גרינע און זאַנפטיק־גרינע קאָלירן אַרויס. ס'איז גאָר אַן אַנדער מין גאָלד. ס'איז גאָר אַן אַנדער מין חלום פאַר די, וואָס וואוינען ביי די ברעגעס פון אַטלאַנטיק, און ס'איז אַ שיינעווירקלאַכקייט פאַר די, וואָס האָבן זיך איבערגעקליבן די קאָלאָראַדאָ־בערג, דורכגעשניטן מדבריות און געקומען אַהער צום פרוכטבאַרן פאַס לאַנד, וואָס ציט זיך ביים ראַנד פון שטילן ים, וואָס באָדט זיך די גרעסטע טייל פון יאָר אין זונען־שטראַלן.

אין יענע צייטן, ווען מען האָט אין קאַליפאָרניע גאָלד אַנטדעקט, איז די געגנט נאָך געווען וויסט. ביז צום ים איז דער מדבר פאַרלאָפן. א סך־הכל פון פופצן מיליאָן דאָלאַר האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן באַצאָלט מעקסיקאָ אין יענער צייט פאַר קאַליפאָרניע און באַקומען נאָך א צולאָג דעם שטאַט ניו מעקסיקאָ. אפילו נאָך היינט איז דער גרעסטער טייל פון קאַליפאָרניע, וואָס צו מזרח־זייט, וויסט. שטיין און זאַמד, ווי אין אַריזאָנאַ. און דאָך האָט די וועלט א באַגריף פונ׳ קאַליפאָרניע ווי פון דעם שענסטן, זאַטסטן ווינקל אויף גאָטס ערד, א גן־עדן אויף דער ערד, און אַלץ בליט, אַלץ איז גרין און צעוואַקסן. ס'איז אָבער ניט אינגאַנצן אמת.

זומער גייען דאָ קיין רעגנס ניט. זומער איז אַלץ אויסגעטרוקנט, אויסגעברענט — אויסער דאָרט, וואו דער מענטש האָט זיין מי צוגעלייגט. און ס'איז אַזוי האַרציק צו טראַכטן, אַז ווען ניט דער מענטש און זיין גוטער ווילן, זיין שיינער פאַרלאַנג, וואָלט נאָך איצטער קאַליפאָרניע געווען אַזוי וויסט ווי אַריזאָנאַ; און דער רייזנדער וואָלט דאָ באַגעגנט זאַמד און שטיין און אפשר וואו־ניט־וואו א מענטשן מיט א פרעמדן פייער אין די אויגן, וואָס זיין נשמה איז איבערגעגעבן געוואָרן צום טייוול, וואָס ווערט גענערט אונטער דר'ערד מיטן שטויב פון גאָלד. און די אַפּעלסינען און ציטרינען־ביימער דאָרט רופן אַרויס אין האַרצן א גאַנץ אַנדערן געפיל ווי די פרוכט־גערטנער אין דער אַלטער היים.

ביי אונז, אין דער אַלטער וועלט, ספּעציעל אין רוסלאַנד, אַז מיר טראַכטן אונזערע שיינע געדאַנקען וועגן פעלד און פויער — קומען אונז אַנטקעגן ווייץ־ און קאָרן־פעלדער, וואָס ערב ווינטער האָט מען גע־דראָפּט אַקערן און זייען, און ווינטער ציטערן ,אַז פון פראָסט זאָל חלילה ניט די זריעה אויספרירן; אין פרילינג — וואַרטן, אַז דער שניי זאָל זיך שוין צע־שמעלצן און לאָזן דעם גרינעם גראָז זיך אויסגלייכן; אין זומער וואַרטן, אַז דער רעגן זאָל קומען אין צייט, און דערנאָך — אַזוי פיל פּראַצע, אַזוי פיל פּראַצע ביז מען דערלעבט שוין די תבואה צו האָבן אין דאַשעק אָדער אין זעקלאַך פאַרבונדן — ביז מען איז שוין זוכה צו עסן ברויט פון נייעם קאָרן... אין פרוכט־גערטנער אָדער אין סעדער, ווי מען רופט זיי ביי אונז, האָט מען קיין פּראַצע ניט אַריינגעלייגט. זיי האָט עמיצער געפלאַנצט. אַ זיי־דע אָדער אַן עלטער־זיידע. און פאַרן יורש איז בלויז געבליבן צו היטן, אַז דער צאַם זאָל ניט זיין צעבראָכן, קיין גנבים זאָלן ניט קריכן ביינאַכט טרייס־לען די עפּל פון די ביימער. ס׳איבעריקע האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון פרילינג, אין רשות פון זומער. זיי האָבן די אַרבעט אָפּגעטאָן. גאָר זעלטן האָט מען געקאָנט זען ביי אימיצן אין סאַד אַ בוים אָפּגעקאַלכט ביז צו די צווייגן — אַ שמירה פאַר בייזע ווערים.

אַנדערש אָבער אין קאַליפאָרניע, וואו רעגנס גיסן בלויז אין ווינטער, און מען באַדאַרף, אַז אַלץ זאָל גרינען און בליען אַ קיילאַכדיקן יאָר לאַנג. ס׳איז צו קומען און צו זען מיט וואָס פאַר אַ צערטלאַכקייט מען גייט אום אַרום די חנ׳עוודיקע אַפּעלסינען־ביימלאַך, וואָס שטענדיק בלייבן זיי יונג און שיינענדיק; זעען שטענדיק אויס ווי ערשטלינגס; ווי ערשטע דעם ערשטן יאָר האָבן זיי זיך באַדעקט מיט בליאַכץ, שפּעטער מיט גרינ־גרינע פּירות, וואָס האָבן געקוואָלן ,מיט זאַפט זיך אָנגעגאָסן און אין גאָלד זיך ליבטיק באַקליידט. אַרום אַן אַפּעלסינען־בוים גייט מען אַרום, ווי אַרום אַ בת־יחידה, ווי אַרום אַ יונגער קינפּעטאָרן. ס׳ציען זיך אַוועק אויף צענ־דליקער מיילן שורות, שורות אַפּעלסינען־ביימער, אין הויך פון אַ מענטשן, מיט גרויסע, געדיכטע, געקרייזלטע קעפּ — גרינע בלעטערדיקע לאָקן. אין די לאָקן זיינען געדיכט גאָלדענע פּאָמעראַנצן איינגעפלאָכטן. יעדעס ביימעלע איז אין צייט אַרומגעצופּט געוואָרן, די ערד אונטער אים אַרומגעגראָבן און ווייך צוגעגראָבן; יעדעס ווילדע גרעזעלע ביים צופוסנס פון ביימעלע אַרויסגעריסן. אין ווינטער, כאָטש קאַליפאָרניע, דאָך טרעפט אַמאָל אַ לייכט פּרעסטעלע, און אַמאָל אַ קאַלטער, קאַלטער ווינט, און די ביימעלאַך, וואָס האַלטן פונקט אין רעכטן גרינען, קאָנען זיך חלילה פאַרקילן — מאַכט

מען, אז זיי זאָלן וואַרעם זיין: אונטער יעדן ביימעלע אַ קעראָסין־אויוועלע, וואָס דורך נעכט וואַכט מען איבער דעם, ס'זאָל ניט אויסגיין, און אַזוי דער־האַלט מען דעם גאָרטן ביים לעבן.

און וואָס וואַקסט דען דאָ ניט, אַז מען באַמיט זיך, און אַז מען האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גוט שטיקל ערד? עפּל, באַנאַנעס, פּלוימען, קאָרן, ווייץ, גערשטן, איילבירטן און פייגן, האָבער, מערן און בוריקעס — אָבער קיין שום געגנט שמעקט ניט אַזוי זיס, ווי די אַפּעלסינען־געגנטן, ציטרינען און אתרוגים־גערטנער. זייער פיינער ריח רייסט זיך אַרויס איבער די גרעניצן פון זייער ממשלה, טראָגט זיך אַרויס צום דורכפאָרער אָדער דורכגייער מיט דעם ברייטן וועג.

אויף דעם שטאַט קאַליפאָרניע ליגט אויסגעגאָסן עשירות. אויף די מענטשן, פעלדער —רחבות, זאַטקייט, און אויף דעם שטאָטישן מענטשן זעט זיך ניט אָן די זאָרג, וואָס קוקט אַרויס פון אונזערן אַ מענטשן אין דער איסט. אויך דאָ איז דער עולם שטאַרק אינטערנאַציאָנאַל. אין די גרעסערע שטעט פילפאַכיק. דאָ טרעפט מען דעם כינעזער נאָך מיט זיין לאַנגן צאָפּ און די רוסישע מאָלאָקאַנעס אין זייערע לאַנגע בערד, — אפשר דער איינציקער פּלאַץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו מען רייסט ניט דעם כינעזער פאַר זיין לאַנגן צאָפּ און מען לאָזט דעם מאָלאָקאַנער צורו זיין לאַנגע באָרד.

די צוויי גרעסטע שטעט אין קאַליפאָרניע, סאַן פראַנציסקאָ און לאָס אַנדזשעלעס, כאָטש אינגאַנצן ביי אַ צוועלף שעה רייזע איינס פון אַנדערן, דאָך זיינען זיי אַזוי פאַרשיידן איינס פון אַנדערן מיט זייער כאַראַקטער אין אויסזען. סאַן פראַנציסקאָ זעט אויס ווי איין גרויסער אינטערנאַ־ציאָנאַלער האָטעל, וואו מענטשן פון דער גאַנצער וועלט קומען בלויז אויף איין נאַכט איבערצונעכטיקן; און לאָס אַנדזשעלעס — אַ שיינע דירה פון אַ רייכן פעטער, מיט סעדער, מיט גערטנער, מיט בלומען און מיט אַ סך מילכיקס. אַרום סאַן פראַנציסקאָ קלינגט נאָך מיט דעם קלאַנג פון גאָלד, און אַרום לאָס אַנדזשעלעס שמעקט מיט בליאַכע, גליט דער קאַלי־פאָרניער מאָן און עס רויטלען זיך זשיראָניעס אָן אַ שיר ביי די ווענט פון די הייזער...

אָבער דאָ, אין דעם פרוכטבאַרן פאַס לאַנד, וואָס ביי מערב־ראַנד פון לאַנד, וואַקסט אויסער פרוכט און ברויט נאָך אַ זאַך, אַ זייער ניט־אָנגענעמע זאַך — עס וואַקסט אַ דאגה פאַר די קינדער פון לאַנד, וואָס קאָנען זיך ניט באַפרייען פון ראַסן־האַס.

אַז מען שטייט ביים ברעג פון שטילן ים, קוקנדיק ווי די כוואַליעס קומען אָן צום ברעג און וואַשן דעם זאַמד פון ברעג, טראַכט זיך, אַז אַט אַזוי פונקט רוישן די כוואַליעס אויף יענער זייט ים, ביי די ברעגעס פון ווייטן מזרח, וואו ס'וואַוינען קינדער פון דער געלער ראַסע, וואָס ווערן דאָ אין לאַנד פרעמדלאַך באַהאַנדלט און וואָס דאָ, אין קאַליפאָרניע ספּעציעל, וויל מען זיי, די קינדער פון דער ערד, דערהווייטערן. פילסט, ווי איבערן אויבערפלאַך פון וואַסער, וואָס שפּרייט זיך צווישן די ביידע וועלט־טיילן, שוועבט דער גייסט פון קנאה, שנאה און אפשר דער גייסט פון קריג.

ווען ניט די יאַפּאַנעזער, וואָלט דאָ קאַליפאָרניע געוויס ניט האָבן דעם פּרוכטבאַרן אויסזען; וואָלט קאַליפאָרניע געוויס אַזוינע שיינע פּירות ניט אַרויסגעגעבן. זיי האָבן דאָס געוויזן, ווי זיך מיט דער היגער ערד צו באַגיין. און ביי היינטיקע צייטן טאָרן זיי דאָ קיין ערד ניט קויפן. ס'איז ווערט צו דערציילן, אַז מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן געווען די, וואָס האָבן מיט זייערע קריגסשיפן געצוואונגען יאַפּאַן, אַז זי זאָל עפענען די טויערן פון לאַנד פאַר פרעמדע און זייערע סחורות, וואָס ביז יענער צייט איז דאָס לאַנד געווען די איינציקע מלוכה, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו באַטרעטן יענע ברעגעס. אַמעריקע האָט אויסגעפירט. און אַמעריקע איז אפשר שולדיק, וואָס מען האָט דעם שד פון זאַק אַרויסגעלאָזן; וואָס יאַפּאַן איז אַזוי אייראָפּייאיש מלחמה־פייאיק געוואָרן, און וואָס יאַפּאַן האָט אַזעלכע נישטיקע, ביליקע סחורות אָנגעהויבן צו פאַבריצירן פאַר דער וועלט. און דווקא קעגן יאַפּאַן און כינע האָט מען דאָ אַזעלכע אויסנאַם־געזעצן.

די כינעזער האָבן זיך נאָך ניט אויסגעטשוכעט פון שלאָף, דער ביקס פאַלט נאָך אַראָפּ פון אַקסל, אָבער דער יאַפּאַנעזער...

כ'ווייס ניט, אויב אין קאַליפאָרניע וואָלט מען האָבן אַזוי פיל מאַלינעס, זיסע מערעלאַך און שוואַרצע יאַגעדעס, רויזן, כריזאַנטעמען, קרויט און פּאָמעדאָרן, ווען ניט יאַפּאַנעזער, וואָס זיינען אַהער געקומען נאָך גאָר אַמאָל — גאָלד זוכן. און וואָס איצטער? — באַלעבאַטים אויף דער ערד קאָנען זיי דאָ ניט ווערן. די כינעזער אין די ווייכע פאַנטאָפל, וואָס וואַשן גרעט און שווייגן — גייען פאַרביי אייך און הייבן צומאָל די אויגן ניט אויף אויף אַ בליק געבן.

פּרץ הירשביין

אין דער ווייט

אמאָל — דו ביסט אַ קינד געווען. דיין מוטער איז געזעסן ביי דיין וויג,
געזונגען דיר אַ ליד און אויסגעטרוימט דאָס שענסטע גליק פאַר דיר,
היינט ביסטו ווייט פון איר. ביסט פילע, פילע מיילן ווייט פון איר,
ביסט דאָך ווי איך, ווי איך, ווי אנדערע, וואָס האָבן גלייך ווי דו
געהאַט אַ היים אַמאָל. העט וואו, אויף יענער זייט פון ים, העט וואו —
אויף רוסלאַנד־ערד, אין פוילן־לאַנד. געהאַט האָבן מיר אַ ווינקל־אָרט
אין זיי'רע שטעט. און אַלע האָבן מיר געלעבט איניינעם דאָרט,
און גוט איז אונז געווען, כאָטש שווער האָט אונז די ציינזן־לאַסט געדריקט,
און כאָטש עס האָט דער קעניג בייזע לייט צו היטן אונז געשיקט,
האָט קיינער ניט געקלאָגט. מיר האָבן אמת ליב געהאַט די ערד,
די ערד, וואָס גאָט האָט אונז, די היימלאָזע, אין וואַנדער־וועג באַשערט.
און קיינמאָל האָט גאָטס נאָמען ניט אויף יענע טירן אויסגעפעלט,
אויף וועמעס שוועל עס האָט אַ קינד פון אונז זיין פוס אַרויפגעשטעלט.
קיין אָרימאַן האָט ניט ביים רייכנס טיש געפעלט טאָג־איין, טאָג־אויס.
און גאָט־געבענטשטער פרידן האָט געהערשט אין גאַס, אין יעדן הויז.
און קינדער האָבן זיך געשפילט מיט זיי'רע פאָטערס לאַנגע בערד,
און איבער אַלטע ספרים זיינענדיק, און שטענדיק טיף פאַרקלערט,
געזעסן זיינען טאָג ווי נאַכט פיל איידעלע און יונגע לייט.
און מיידלאַך האָבן תפילין־זעקלאַך אויפגענייט פון גאָלד און זייד.
און אַלע מיידלאַך האָבן אויסגעזען ווי שטערן־דיין,
און אַלע זיינען שעמעוודיק געווען, און גוט און ליב און שיין.
און אַלע האָבן זיי די מאַמעס זיי'רע האַרציק ליב געהאַט.
און ווי אין פרילינג בליט די בלום אין פעלד און אויפן בוים דאָס בלאַט,
אַזוי האָט רואיק, פרידלאַך אויפגעבליט אַ דור און נאָך אַ דור.
און ווי אַ גאָלדנע קייט געצויגן האָבן זיך פיל הונדערט יאָר,
איז אָבער אַזאַ שטילע צייט פאַר אונז, ווייזט אויס, צו שיין געווען,
האָט זיך אַ דריי געטאָן דאָס בלינדע ראָד און דעמאָלט איז געשען,
אַז אויפגעהויבן האָט אַן אומרו זיך. און ווי אַ בייזער ווינט
האָט זי אַרומגעכאַפּט דאָס לעבן גאַנץ, פון זקן ביז צום קינד,
אין יעדן לאַנד און אויף דער גאַנצער וועלט. און אין אַ ווינטער נאַכט
האָט זיך דיזעלבע אומרו אויך צו אונז אין גאַס אַריינגעבראַכט —
אַ קריג, אַ בייזער קריג האָט אָנגעהויבן צווישן יונג און אַלט.

און פרעמד איז איינער צו דעם אַנדערן געוואָרן, פרעמד און קאַלט,
גלייך איבער זיי וואָלט אומגעשוועבט די בשורה פון אַ בייז געריכט.
די זון אין יעדן הויז — זיי האָבן פּלוצלונג פון אַ נייעם ליכט
געזונגען און גערעדט, ווי פיבער־קראַנקע רעדן פונם שלאָף.
די טעכטער אויך... דער פאָטער האָט געזען אין דעם אַ בייזע שטראָף.
„אַ בייזע שטראָף פון גאָט" — האָט יעדער זקן שטום פון צער געטראַכט,
און אַלט און גרוי געוואָרן זיינען יונגע מאַמעס איבערנאַכט.
און אין דערזעלבער צייט האָט אָנגערוקט אויף אונזער גאַס
אַ שווערער וואָלקן־וואַל, דער האַס צו אונז, דער דורות־אַלטער האַס.
צו הערן האָט זיך באַלד געבראַכט פון ערגיץ־וואו, אַז דאָ און דאָרט
האָט זיך אַ רויבער־הורדע ווילד אַריינגעוואָרפן אין אַן אָרט.
און ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין סערפּ, קיין האַמער און קיין שווערד,
האָט אונז אַ ווילדער שרעק אָנגעקומען אונזער היימאַטס־ערד.
און ווי אין האַרבסט צעטראָגט דער ווינט דעם בלעטער־שטויב אין פעלד,
אַזוי האָט אונז די שרעק צעזייט, צעשפּרייט אין ווינקלען וועלט.
און ווי אַ שוואַרצע קייט האָט זיך אַ שרעקנגע שיפן גרויס און שווער
געצויגן יאָרנלאַנג אַריבער דעם אוקינוס דאָ אַהער.
און אייביק רוישט און ברויזט דער ים און שיפן גיין און גיין,
און קינדער לאָזן איבער דאָרט, אויף יענער זייט, אַליין
אַ טאַטן אויף דער עלטער שוין און ווער אַן אַלטע מאַמע אויך,
וואָס וואָגלט דאָרט אַרום, ווי אין אַ גרויען טאָג, אַ וואָלקן רויך,
און טראַכט פון דיר, פון מיר, און פון אונז אַלע דאָ, מיט טיפן פיין...
און גייט אין טרוים צוריק צו אונזער קינדער־וויג... און וויגט אונז איין.
און וויינט אין זיך אַריין און בעט ביי גאָט, עס זאָל אַ נס געשען,
זי זאָל זיך כאָטש נאָך איינמאָל פאַרן טויט מיט אירע קינדער זען.

משה לייב האַלפּערן

קלאַס־אַרבעט

1. מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס די אידישע איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע איז געגאַנגען לויט אַזאַ סדר אין די ערשטע יאָרן:

א) צוערשט זיינען געקומען די „שפּאַנישע" אידן;

ב) דערנאָך זיינען געקומען די „דייטשישע" אידן;

ג) צולעצט זיינען געקומען די „מזרח־אייראָפּייאישע" אידן.

2. איז אייך אַמאָל אויסגעקומען זיך צו באַקאַנען מיט די שפּאַנישע און דייטשישע אידן? האָט איר אַמאָל געזען זייערע צייטונגען, ביכער, סינאַ־גאָגן? אין וועלכע פּרטים שיידן זיי זיך אונטער פון די אַנדערע?

3. קוקט איבער אַ אידישע צייטונג. לייענט איבער די נייעסן פון אידי־שע אָרגאַניזאַציעס און די אַנאָנסן: וועגן וועלכע אידן לייענט איר דאָרט מער, פאַרוואָס?

4. אויב איר געפינט זיך אין אַ פּאָרט־שטאָט, וואו ס'קומען אָן שיפן פון אויסלאַנד, וואָלט זייער גוט געווען, ווען איר זאָלט מאַכן אַן עקסקורסיע אַהין און זיך צוקוקן, וואָס ס'קומט פאָר בעת אַ פּאַסאַזשיר־שיף קומט אָן (דערצו מוז מען באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש).

5. אַז איר וועט איבערקוקן נאָכאַמאָל די טאַבעלעס וועגן דער אידי־שער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, וועט איר באַמערקן, אַז אַ העלפט כמעט וואוינט אין איין שטאָט און די מערסטע פון די פאַרבליבענע — אין עטלאַכע אַנדערע גרעסערע שטעט. אַזאַ דערשיינונג רופט מען געוויינטלאַך אָן „קאָנ־צענטראַציע פון דער באַפעלקערונג". מיט וואָס קאָנען מיר דאָס דערקלערן? וואָס האָט אַזוינס געצויגן דעם אידן אין דער גרויסער שטאָט, וואָס ער וואָלט ניט באַקומען אין דאָרף, אָדער אין דער קלענערער שטאָט? פּרובירט דאָס אויסשטעלן אין אַ סדר פון —

א) ערשטער וויכטיקייט,

ב) צווייטער וויכטיקייט, א. אַז. וו.

7. אין אייער שטאָט געפינט זיך מסתמא אַ „געטאָ" פון אידישער איינוואוינערשאַפט. פּרובירט זיך דורכגיין אויף וויפיל מעגלאַך די דאָזיקע געגנט. וואָס האָט אייך דאָרט פאַרינטערעסירט? וואָס איז אייך געפעלן, וואָס ניט? געפינען זיך ביי אייך אין שטאָט אויך געטאָס פון אַנדערע פעלקער?

8. וואָס האָט געטריבן די ערשטע אידישע אימיגראַנטן צו ווערן פּעד־לער? איז די פּעדלעריי שוין פאַרשוואונדן? צו וואָס נעמען זיך אַצינד נייע־אַריבערגעקומענע? מיט וואָס האָבן זיך די מענטשן, וואָס איר קאָנט,

באשעפטיקט ביי זייער אנקום?

9. וועלכע ארגאניזאציעס אין אמעריקע גיבן זיך אפ מיט ארויס-העלפן די אימיגראנטן? אין וואס דריקט זיך אויס זייער הילף?

10. אין אמעריקע עקזיסטירן הונדערטער אידישע ארגאניזאציעס און געזעלשאפטן. וועלכע זיינען אייך באקאנט? מיט וואס באשעפטיקן זיי זיך? עס וואלט זייער גוט געווען, ווען אייער קלאס טיילט זיך איין אין קאמיסיעס צו באזוכן די מיטינגען פון די ארגאניזאציעס און זען וואס פארא פראגעס זיי באהאנדלען ,און פון די אלע באריכטן באקומען א בילד, וואס עס טוט זיך ביי אייך אין שטאט.

11. אזוי שנעל, ווי די אידישע אימיגראנטן האבן זיך אביסל איינגע-ארדנט, האבן זיי גענומען זיך ארגאניזירן, ארויסגעבן אידישע צייטונגען, גרינדן שולן, טעאטערס, קלובן. פארוואס האבן זיי זיך ניט באנוגנט מיט די דאזיקע אינסטיטוציעס, וואס האבן שוין עקזיסטירט אין דער ענגלישער שפראך? דארפן די אידן אין אמעריקע די אידישע אינסטיטוציעס זייערע ווייטער אויפהאלטן?

12. לייענט דורך ז. ליבינס דערציילונג „די טערקן“ (איר וועט דאס גע-פינען אין זיינע געקליבענע ווערק אויף זייט 88). פארוואס האט דער איד זיך ארויסגעשטעלט, ווי א טערק? פון וואנען נעמט זיך אזא דיסקרי-מינאציע?

13. שטעלט צונויף א ליסט פון די גרויס-באפעלקערטע שטעט פון צפון-אמעריקע. געפינט אויס די צאל פון די אידן אין יענע שטעט. איצטער צייכנט אן געהעריקע גראפן, וואס זאלן פארשטעלן די דאזיקע אינפארמא-ציעס פאר יעדע 50 טויזנט אידן גיט אפ איין קוואדראט. אויבן שרייבט אן:

די אידישע באפעלקערונג אין די גרויסע שטעט אין אמעריקע.

14. אייער רייזע-בוך איז שוין כמעט פארטיק. איר האט געענדיקט ביים לאנדן אין א היגן פארט. די איצטיקע ארבעט וועט אייך אנקומען לייכטער, ווייל איר קענט דאס לעבן דא בעסער.

מיר האלטן ביי קאפיטל —

ט) מיר לאנדן (אינספעקציעס פון אמעריקאנער באאמטע איי-דער די שיף פארט צו אין האפן; דער ארייגפאר אין האפן; די אנ-געשטרענטקייט פון די פאסאזשירן).

י) מען פארהערט מיך (צו וועמען איך פאר, אין וואס איך

גלויב, צי איך האָב געלט, צי איך בין געזונט, וואָס איך רענק דאָ צו טאָן).

יא) צרות פון א גרינעם (די באַציאונג צום גרינעם, דער גרינער ווערט עקספּלואַטירט).

די אידישע באַפעלקערונג אין די געדיכטע טיילן פון דער שטאָט ניו יאָרק

געגנט	צאָל אידן	פּראָצענט פון גאַנצער באַפעלקערונג
קאָני איילענד	40,000	96.7
טרימאָנט עוו, בראָנקס	121,000	96.4
בראָנזוויל, ברוקלין	170,000	95.0
וויליאַמסבורג, ברוקלין	105,000	81.0
ניו־לאָטס, ברוקלין	116,000	78.5
איסט־סייד	264,000	73.3

ארץ ישראל


די אידישע
באפעלקערונג
אין
ארץ ישראל
(פון 500 און העכער)
מיטללענדישער ים
צפת
טבריה
חיפה
עפולה
זכרון יעקב
נהלל
חדרה
כפר סבא
רעננה
הרצליה
פתח תקוה
רמת גן
בני ברק
תל אביב
יפו
ראשון לציון
נס ציונה
רחובות
ירושלים
חברון
ירדן
ים המלח
עבר הירדן
פון 500 — 1,000
„ 1,000 — 5,000
„ 5.000 — 10,000
„ 10.000 — 50,000
„ 50,000 און מער

די אידישע איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל

אייביק כמעט ציט זיך דער אידישער חלום ווידער אויפצובויען פאר זיך אן אייגן לאנד אין פאלעסטינע. פון דער צייט, ווען זיי זיינען פון לאנד פארטריבן געווארן, ביז אויפן היינטיקן טאג, האבן די אידן נישט אויפגעהערט צו וועבן דעם דאזיקן חלום, צו האפן און צו בענקען נאכן „הייליקן לאנד".

אין משך פון הונדערטער און הונדערטער יארן איז דאס טאקע מער ניט געווען, ווי א חלום, א בענקשאפט — אידן האבן געווארט אויף א משיח, וואס זאל קומען, זיי אויסלייזן פון גלות און זיי ווידערקערן אין לאנד פון זייערע אבות. די אידן, וואס זיינען אין יענע יארן געפארן קיין ארץ ישראל, זיינען געפארן אהין ניט בויען, לעבן, נאר — שטארבן, כדי באַ־גראבן ווערן אין דער „הייליקער ערד".

ערשט אין די 80קער יארן פון לעצטן יארהונדערט מערקט זיך אן ענדערונג אין דער אידישער איינוואנדערונג קיין ארץ־ישראל; אידן הייבן אן פארן אין לאנד צו בויען, צו לעבן. דאס איז געווען אין דער צייט, ווען די אידן פון מזרח־אייראפע האבן אין גרויסע מאסן אנגעהויבן זיך רירן פון זייערע אלטע איינגעשטעלטע היימען און זוכן נייע ישובים.

אנגעפירט פון דער חובבי־ציון באוועגונג האבן א סך פון די עמיג־ראנטן זיך אוועקגעלאזט אין זייער אלטן לאנד און אנגעהויבן די נייע אידישע קאלאניזאציע. אזוי אז אין 1895 געפינען מיר שוין דארט 50,000 אידן, צעשפרייט איבער א גאנצער ריי מאדערנע אידישע קאלאניעס. דער אידישער צוּוואוקס האט זיך געמערט פון יאר צו יאר. אין 1907 געפינען זיך דארט 75,000 אידן, אין 1914 — 85,000.

מיטן אויסברוך פון דער גרויסער וועלט־מלחמה האט זיך די אידישע אימיגראציע אין לאנד אינגאנצן אפגעשטעלט און ס'האט זיך אנגעהויבן — די עמיגראציע פון לאנד. א סך, זיינען אליין אוועק, אנדערע האט מען ארויסגעשיקט, אזוי אז אין משך פון א גאנץ קליינער צייט האבן ארום 20,000 אידן פארלאזט דאס לאנד.

גלייך ביים שלום פון וועלט־קריג האט זיך די אידישע אימיגראציע אין לאנד ווידער א הייב געטאן. אין 1922 זיינען אין לאנד שוין דא עטלאכע און אכציק טויזנט אידן, וואס זיינען צעטיילט געווען ווי פאלגט:

די אידן אין ארץ ישראל (אין 1922)

געגנט	צאָל	געגנט	צאָל
ירושלים	33,971	טבריה	4,427
יפו	20,152	צפת	2,986
חיפה	6,230	קאָלאָניעס	16,038
		בסך הכל	83,804

ווען די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען כמעט אינגאַנצן צוגעמאַכט געוואָרן פאַר די אידישע איינוואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע, האָט זיך די איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל שטאַרק אַ הייב געטאָן, באַזונדערס אין די יאָרן 1923—1929. אין די זעקס־זיבן יאָר זיינען אין פּאַלעסטינע אריינגעפאָרן נאָנט צו 80 טויזנט אידן, כמעט אַזוי פיל, וויפיל אידן ס'זיינען ביז דאַן געווען אין גאַנצן לאַנד. צווישן די איינגעוואַנדערטע אין די יאָרן האָט זיך געפונען זייער אַ גרויסע צאָל פון דעם נייעם טיפּ איינוואַנדערער — די חלוצים.

פון דאַן אָן האָט זיך די אימיגראַציע אין לאַנד ווידער כמעט ווי אָפּגעשטעלט. די ענגלישע אדמיניסטראַציע פון לאַנד לייגט ארויף ספּעציעלע שוועריקייטן אויף די נייע איינוואַנדערער מיט דער טענה, אַז דאָס לאַנד איז ניט גרייט פאַר נייע גרויסע אידישע איינוואַנדערער־מאַסן.

צו דיינע ברעגן, פּאַלעסטינע

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.
און ווי אַ קינד
אַן ערשט געבוירנס און אַ ריינס פון זינד,
שטיי איך דאָ צווישן שווייגנדיקע מענטשן אויפן דעק
און הער, ווי יעדער בויג פון מאַסטבוים ברענגט מיך צו דיין ברעג.

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.
ס'שיפל מיט אַ ווייסן ליילאַך פאַרן ווינט צעוויט
שווימט אויפן וואַסער, ווי אַ שוואַן די פליגל אויסגעשפּרייט.
און ביי דעם האָריזאָנט, ווי אומבאַמערקטערהייט,
זיך מיניענדיק אין פּורפּור און אין ראָז,
באַוויַט זיך עפּעס אַזאַ שווערעס וואָס.

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.

שוויג שטיל מיין האַרץ, ניט רייס זיך פון מיין ברוסט אַרויס,
אויב אָפּגעגנאַרט ווערסטו פון אַ מיראַזש איצט בלויז.
אַ שווערע שיף שניידט ציטערדיק זיך אויס,
און איבער איר דער כוואַליעדיקער רויך
בלייבט שטיקערווייז, ווי שווערע וואָלקנס, אין דער הויך.

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד,
דאָס זאָגט מיר אָן דער שטילער ים אַצינד
און אויך דער לייכטער ווינט,
וואָס האָט זיך פלוצלונג, ווי אַ קינד
אַזוי־אַ שטיפעריש און מילד
פאַר טאַטע־מאַמעס הויז צעשפּרייט.

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.

ז. וויינפּער

ירושלים

ירושלים, ירושלים! זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים!

און נישט פרעגט און נישט ענטפערט: מיט וואָס איז ירושלים שיין, און וואו ליגט איר כוח איבער די הערצער, און פאַרוואָס וועט איר זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן?

ירושלים, די הייליקע שטאָט!

און וואו ליגט איר הייליקייט?

די הייליקייט איז דאָרט... אַן אינדוסטריע. אַלע אמונות האַנדלען דאָרט מיט הייליקייטן.

און ווען איר קומט אָן צו דער שטאָט, טראַצן די הויכע געביידעס פון די קירכן און דעם מחמד׳נישן מסגד איינע קעגן די אַנדערע. זיי האַלטן מלחמה און ווילן איינע די אַנדערע גובר זיין. די אַלע הייליקע זיינען באַשאַפן, דוכט זיך, נישט פאַר שטילע תפילות פאַר גאָט, נאָר אויף צו טראַצן פאַר די מענטשן. העכער, העכער קלעטערט מיין טורעם. דער רו־סישער צאַריזם האָט אַלע אויף צו פיקעניש זיך אויסגעשטעלט, און וויל־העלם פון דייטשלאַנד האָט אויפן הר־הצופים געזוכט אַלע איבערצושטייגן. די גאָלדענע צלמים פינקלען אין ליכט פון דער זון, און זיי שיקן בלאַנקע שווערדן איינער דעם צווייטן אין האַרצן אריין.

ירושלים, ירושלים! אוואו ביסטו אַליין, וואָס אַלע האָבן דיך גע־זוכט איינצונעמען פאַר זיך, צו באַהערשן?

און איך, דער איד, לאָז מיך אַראָפּ דורך הינטער־געסלאַך אין דער אַלטער שטאָט, נידעריקער און נידעריקער דרייט מען זיך דורך אַ לאַבי־רינט פון שמאָלע געסלאַך, דורך גאַנצע מחנות פון אויסגעזעצטע אָרימע־לייט, בלינדע, לאָמע און אַלערליי אַנדערע קאַליקעס, און איך זוך אויף מיין הייליקייט די כותל מערבי.

שטייען דאָרט שמשים פון כלי־קודש און צינדן די קנויטן פון דעם אייל־לאָמפּ, אַנדערע שרייבן קוויטלאַך, און מען רוקט זיי אריין צווישן די שפּאַלטן פון די אַלטע שטיינער: „יוסף בן בריינע לפרנסה עם פאַמיליע״.

די שפּאַלטן צווישן די שטיינער ווערן אויסגעפילט יעדע וואָך מיט בערג קוויטלאַך, און אַ באַהאַלטענע האַנט רוימט זיי אָפּ, פון וואָך צו וואָך; פאַר די עטלאַכע מאָל ח״י, וואָס מען באַצאָלט, לייגן זיי אָפּ זייער צייט, און זאָגן אָפּ זייער שטומע תפילה: „שרה בת שיינדל לרחמים גדולים״.

אָרעם איז די אידישע הייליקייט אין ירושלים, נידעריק און פאַר־וואָרפן, און זי פאַרשטעקט זיך אין אַ הינטער־גאַס... און דער האַנדל גייט אויך דאָ ווי אומעטום.

פאַרוואָס אָבער האָב איך פול טרערן אין די אויגן, בשעת איך שטיי פאַר די ריזיקע שטיינער, שלעכט־געהובלעוועטע, וואָס זיי לאָזן אַ חלל פון אַ פינגער די ברייט אײנס צווישן אַנדערן?

אין קאַיראָ ביי די פּיראַמידן, אין אַטען אויף דעם אַקראָפּאָלים איז דאָ פיל מער צו באַוואונדערן; די שטיינער זיינען דאָרטן געפּאַסט איינער צום צווייטן, אַז קיין שפּילקעלע וועט איר נישט דורכשפּאַרן, און די בנינים זיינען ריזיקע, און איר זעט נאָך די פאַנטאַזיע פון די בוי־מייסטער שוועבן איבער זיי...

ירושלים, ירושלים!

און לעבן דער כותל־מערבי האָט אַ שמאָלער, דינער איד פאַרקאַ־טשעט דאָס שטריימל און צוגעפּרעסט דעם שטערן צום איבערגעבליבענעם שטיין, און אַזוי שטייט ער, ער רירט זיך נישט, איר הערט אים נישט בעטן, נאָר די אַקסלען צוקן ביי אים אונטער דעם זיידענעם כאַלאַט.

ס׳איז אַ גרויסע און צעוואָרפענע שטאָט, איר ווערט מיד פון גיין, און דער שטויב עסט אייך מויל און אויגן. איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער „עיר העתיקה" (אין דער אַלטער שטאָט), אין די נייע קוואַר־טאַלן פון הר־הצופים האָב איך געהאַט דעם איבערבליק איבער דער גאַנצער שטאָט... אָבער ירושלים וואו איז?

ירושלים, ירושלים! אַמאָל האָב איך זי געזען אין חלום, פאַר לאַנגע יאָרן שוין, איז זי געווען אַזוי הערלאַך־שיין אויסגעבויט, אין פרומקייט און שטילקייט האָבן די מענטשן אַרומגעוואַנדערט, און אויבן, איבערן הימל, האָבן אפילו לייכטע וואָלקנס געמורמלט אַ תפילה.

איך האָב אַרומגעוואַנדערט, נישט אין חלום, נאָר אין דער וואָר, זיבן טעג אין ירושלים, און האָב ירושלים ניט געקאָט געפינען.

די שטאָט צעוואַקסט זיך, עס ווערן געבויט נייע „שכונות"; איבער די טאָלן און בערגער, פון וואַנען דער רויער, גרויער שטיין קוקט אַרויס פון אַלע זייטן, צעשפּרייטן זיך נייע הייזלאַך אַלאַ תל־אביב, ווילי־אַרטיק, ביליקע, גיבע אַרבעט, אָבער זיי פּאַסן אַהער נישט, צו דער רויער לאַנד־שאַפט.

ירושלים לויפט נאָך תל־אביב און קאָן זי נישט דעריאָגן, פאַרשעמטע ירושלים!

די עלעקטרישע באַלייכטונג איז קנאַפּ און זעלטן אפילו אין דער נייער שטאָט. בייינאַכט שפּאַצירט מען נישט אַזוי געמיטלאַך ווי אין תל־אביב. פאַר דאָס אָבער האָב איך דאָרט אין דער האַלבער טונקלקייט געזען אַ חופּה מיט כלי־זמרים, און אַראַבישע אידן אין רויטע פעסקעס און לאַנגע ציצית האָבן געטאַנצט און געפּאַטשט אין די הענט מיט גרויס התלהבות. דאָס האָט מען געפירט אַ נייע ספר־תורה אין שול אַריין.

די חלוצים און חלוצות, וואָס זיינען צוריקגעגאַנגען פון די גימנאַס־טישע שפּילן, וואָס זיינען צו יענער צייט איינגעאָרדנט געוואָרן, האָבן מיט קרומע בליקן אויסגעמיטן די פייערלאַכע צערעמאָניע. אָבער איך האָב באַדויערט, וואָס איך בין אייראָפּייאיש געקליידט און קאָן מיך נישט אויס־מישן צווישן דער עדה, און קושן מיט זיי די אַלטע ריינקייט...

ירושלים, ירושלים!

אין דער אַלטער שטאָט האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט; ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, אָבער די שטראַלן פון דער זון קאָנען נישט אַריינדרינגען אין דעם לאַבירינט פון די שמאָלע געסלאַך. דושנע איז געווען און טרויע־ריק; אַ שמאָלער, אַ דאַרער איד, מיט יענער בלאַסקייט פון פּנים, וואָס איר קאָנט זען נאָר אין ירושלים, און מיט דורכדרינגענדיקע שוואַרצע אויגן (וואָס איר קאָנט אויך זען אין ירושלים), איז געזעסן אין אַן אָרעם בשמים־געוועלבל און געוואַרט אויף אַ קונה. ער איז געזעסן אין קאַפּטל, און דער הויכער שטערן זיינער האָט אַזוי אַרויסגעקוקט אין דער וועלט אַריין. איך בין אַ לאַנגע צייט געשטאַנען פאַר דעם בשמים־געוועלבל און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אָרט; דער איד מיטן אויסזען פון אַ מקובל, מיט די מחשבות פון אייביקייט און פון גאָט, האָט געוואַרט אויף אַ קונה. צום סוף איז געקומען אַ קונה'טע, אין געשטאַלט פון אַ קליין מיידעלע. ער האָט איר עפּעס אָפּגעוואויגן. אָבער ווען זי האָט אים באַצאָלט איז געשען אַ שרעקלאַכע טראַגעדיע. דאָס מיידעלע האָט אים געררוקט די מטבע אין האַנט אַריין, איז דער איד אויפגעציטערט געוואָרן פון דער זינדיקער באַרירונג, ווי אַן אָפּגעבריטער האָט ער צוריקגעכאַפּט זיין האַנט, און די דורכדרינגענדיקע אויגן האָבן געקוקט אַזוי פאַרלוירן און צעמישט.

צי איז דאָס ירושלים?

און אַביסל ווייטער, וואַנדערנדיק, האָב איך געטראָפן אַ גאַנצע ריי אויסגעשטעלט: אַלטע ווייבער, מיידלאַך און יונגע קינדער מיט כלים אין די הענט זיינען געווען פאַרזאַמלט. פּלוצלונג האָט זיך אַ הויכער, גרויסער „טערק" אין אַ רויטער פעסקע געלאָזט לויפן, נאָך אַ קליין מיידעלע און

געגומען שרייען אויף אן אומפארשטענדלאכער שפראך. דעם מיידעלע איז געלונגען צו אנטרינן ווערן מיט אירע יונגע פיסלאך פון דעם מחבל, וואס האט זי נאכגעיאגט.

פארשטעקט אין א ווינקעלע איז זי געשטאנען, ווען איך האב זי אנגעטראפן.

עס ווייזט אויס, אז דער טערק, דער מחבל, איז א איד, פונקט אזוי ווי די אלע אויסגעשטעלטע. די דארשטיקע שטאט ירושלים איז דא גע־שטאנען אויסגעשטעלט אויף צו באקומען וואסער. דאס מיידעלע האט שוין איינמאל געהאט באקומען איר חלק, און האט געוואלט נאכאמאל באקומען, איז דער משגיח אויף איר דאס אנגעפאלן מיט אזא אימפעט.

צערעדט האב איך זיך מיט איר דורך אן איבעזעצערן, א קליין מיידעלע, אירס א חבר'טע, וואס האט גערעדט העברייאיש.

—ווער איז זי? — האב איך געפרעגט.

— א ספרדית.

— און דו?

— אני „מעורבת״ (איך בין א געמישטע, פון א ספרדי א פאטער מיט אן אשכנזי'שער מוטער).

צי איז דאס ירושלים?

אדער דא ליגט עס באגראבן אין די טיפענישן אונזער אלט ירושלים?

פערצן קלאפטער טיף געפינט מען, גראבנדיק אין דער ערד, חורבות אויף חורבות. מלחמות און ערד־ציטערנישן האבן ירושלים באגראבן, און נייע זיינען אויפגעשטאנען.

אבער איבער זיי, צעווארפן אין דער צייט, טראגט זיך א סימבאל און א קלאנג: ירושלים!

און פון דור צו דור קלינגט ער, דער נאמען, און אז מען הערט אים, ציטערט מאדנע דאס הארץ.

ת. ד. נאמבערג

די וואַנט

אָט איז זי דאָך, די וואַנט. פֿון ריזעדיקע שטיינער אויפֿגעלייגט;
און לעבן איר אַ איד פֿאַרגליווערט, אומבאַוועגט,
ווי ער וואָלט דאָ אַ שטומער טייל געווען פֿון איר.
אַ מחנה בעטלערס טוען זיך אַ וואָרף אויף מיר,
פּונקט ווי אַ טשאַטע רייסנדיקע הינט זיך פֿאַר אַ ביין.
און יעדעס אויפֿגעשריי פֿון זיי פֿאַלט אויף מיין האַרצן ווי אַ שטיין.

און אָרום איר איין מויער אויפֿן אַנדערן אי שווער, אי גרוי.
עס שפּרייט דער טאָג אויף זיי זיין טאָג־ליכט אויך אַזוי.
און אַלטע פֿרוי לאָזט וויגנדיק דאָס לעצטע טרעפּל זיך אַראָפּ
און גיט, ווי איך, דאָס לעצטע קליינגעלט צו די בעטלערס אָפּ.
און זשעדנע נעמען מיינע אויגן בלאַנדזשען אויפֿן גרויל־אַכן גראַניט,
און רגע׳ס־ווייז בלייבט שטיין מיין האַרץ און רירט זיך ניט.
אָט איז זי דאָך, די וואַנט, איך פֿיל די קאַלטקייט פֿון איר שטיין.
און שטייענדיק אַזוי הייבט אָן אַ בילד פֿאַר מיינע אויגן אויפֿצוגיין:
אַ קייט פֿון מאַרמאָרדיקע בערג און צווישן זיי — אַ ריזיקער גיגאַנט,
וואָס הייבט אין לופֿטן יעדע רגע אויף אַ ברוינע מוסקול־האַנט.
און הייבנדיק זי פֿאַלט זי יעדע רגע אויף אַן אַנדער שפּיץ,
און שטיין נאָך שטיין טוט פֿאַלנדיק צו דר׳ערד אַנטקעגן זון אַ בליץ.
און אונטן אינם טאָל אַן אַנדערער, די גרויס ווי ער,
כאַפּט אויף די שטיינער, וואָרפֿנדיק, ווי שפּילצייג הין און **הער.**
צו וועלדער אויסגעשטרעקטע ברוינע מוסקול־הענט.
און העכער הייבן זיך אַרויף די ווייסע מאַרמאָר־ווענט.
ביז איינמאָל אין אַ טאָג, גאָר אומבאַמערקטערהייט,
אַ טעמפּל, ווי אַ נייער מאַרמאָר־באַרג, אַנטקעגן זון־ליכט שטייט.

און דאָן אין ליכטיקע פֿאַר־יום־טוב־טעג:
אויף יעדן בערגיקן און טאָלנדיקן וועג
פֿון ברענענדיקער זון צעגליט,
ווי כוואַליעס אויפֿן ים דאָס פֿאָלק אַהער נאָך ליכטיקייט זיך ציט.
און דאָ, דער כהן גדול אין די ווייסע קליידער אָנגעקליידט,
און אַלע טירן פֿאַרן פֿאָלק צעעפֿנט אין דער ברייט.

אָט איז זיך דאָך, די וואַנט. עס קוקן מיינע אויגן צום גראַניט,
און רגע'ס־ווייז בלייבט שטיין מיין האַרץ און רירט זיך ניט.
און ביי דער צווייטער זייט פון וואַנט דער איד
שטייט, פּונקט ווי פריער, און ער ריט זיך ניט.
וואָס טראַכט ער דאָרט דער איד, אַ שווייגנדיקער טיף אין זיך?

ז. וויינפּער



די תימנ'ער אידן

איבער דער וויסטע איז געגאנגען א שטים און איז אנגעקומען אין תימן, אין אראביע, אז עס איז געקומען די דערלייזונג פון אידן, און די בני־ישראל הייבן זיך אן צו באזעצן אין זייער פאטערלאנד. און די אומ־גליקלאכסטע פון די אומגליקלאבע — די תימנ'ער אידן, וואס האלטן זיך דארט אויף פון ערשטן חורבן אן און זיינען געווארן די קנעכט פון פעטער ישמעאל, די וואס טראגן נאך דעם פלעק פון דער געטא ביזן היינטיקן טאג — האבן זיך אנגעהויבן צו קלייבן אין זייער פאטערלאנד.

אויף קליינע שלעפ־שיפן האבן זיי זיך געלאזט מיט ווייב און קינד איבערן ים, פארוואגלט געווארן אויף פארשיידענע ברעגן, די העלפט איז פון זיי אויסגעשטארבן אויפן וועג פון פארשיידענע קרענק, הונגער און נויט,און אין א שיינעם פרימארגן זיינען צום יפו'ער ברעג צוגעשוואו־מען בערלענקעס מיט די תימנ'ער אידן. זיי האבן געלאנדט אויפן ברעג מיט די ווייבער און קינדער, און דערהערט, אז זייערע פיס האבן מיט אן אמת באטראטן דעם הייליקן באדן, האבן זיי זיך מיט די געזיכטער געווארפן אויף דער ערד און זי געקושט. זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טאן פאר פרייד, געוויינט פאר גליק, געזונגען, געטאנצט און ארויסגעלאזט פון זיך ווילדע געשרייען, וואס זיי האבן מיט זיך מיטגעבראכט פון דער וויסטע.

צוערשט האט מען זיך מיט זיי זייער דערפרייט — די פני און די „חשובי־יפו" זיינען זיי אנטקעגן ארויס אויפן ברעג, אויפגעשלאגן פאר זיי שטעלער, ביידלאך און באזארגט זיי מיט ברויט צו שטילן זייער ערשטן הונגער. אבער די תימנ'ער האבן נישט געוואלט בלייבן אין יפו, וועלכע האט א קליינע ראליע געשפילט אין זייער פאנטאזיע, און זייער רעליגיעזער עקסטאז האט געטראגן זייער ערשטן טריט קיין ירושלים, צום הר־הבית, צו דער כותל־מערבי.

דעם וועג פון יפו קיין ירושלים האבן זיי געמאכט מיט ווייב און קינד צופוס, און אז זיי האבן פון דערווייטנס דערזען די הייליקע שטאט, פון וועלכער שפיצן פון קאטוילישע קירכן און מאכמעדאנישע מעטשעטעס האבן ארויסגעקוקט, איז געווארן צווישן זיי א שרעקלאך געוויין, א געוויין פון פרייד און פון צער, וואס זיי זעען די הייליקע שטאט און זעען זי אין איר פארשקלאפונג. לאנג זיינען זיי געלעגן אויף דער ערד, איינגע־

גראָבן די פּנימ'ער אין דעם זאַמד, און אַרויסגעגעבן פון זיך שרעקלאַכע ברומען.

אין ירושלים זיינען זיי אָנגעקומען צו תשעה־באָב, ווען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג קומט זיך צונויף פאַר דעם כותל־מערבי. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, אַ שרעקלאַכע ירושלים־נאַכט; פון די היילן אַרום דער שטאָט האָט זיך געהערט דאָס קלאָגן פון די שאַקאַלן, און עס איז געווען, ווי עס רופן די בת־קולות פון די היילן, און ברומען ווי די טויבן: „ווייי איז מיר, וואָס איך האָב מיין הויז חרוב געמאַכט". פאַר דעם כותל־מערבי זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט אַלע פאַרשיידענע עדות פון אידן, וואָס וואוינען אין ירושלים.

די ספרדים זיינען געקומען אין זייערע טערקישע טורבאַנען, מיט די גרויסע גרינע גאַרטלען, שוואַרצע בערד, מיט אָפּגעברענטע געזיכטער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, רמב"מס קעפּ, און שבתי־צבי'ניקעס־קעפּ; אין די זאַקן האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דער ערד פאַר דעם כותל־מערבי. פּוילישע אידן אין די שוואַרץ־אַטלאַסענע קאַפּאָטעס מיט די שטריימלען; די אויסגעבלייכטע פּנימ'ער האָבן זיי איינגעגראָבן אין די גרויסע שפּאַרעס צווישן די שטיינער פון דעם כותל־מערבי און אַריינגעוויינט אין זיי; די בוכאַרער אידן אין זייערע קאָלירטע מאַנטלען, אין די פוטערנע היטלען — אַלעס איז געלעגן אויף דער ערד. די ליכט אין די אויל־לעמפּלאַך האָבן זיך געברענט צווישן די שפּאַלטן פון די גרויסע שטיינער, און די קולות און די יללות האָבן זיך געריסן אין הימל אַריין: „איכה ישבה בדד העיר". עס האָט זיך געדאַכט, ווי עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די אידן פון אַלע עקן, און ליגן אונטער דער וואַנט, זיי זיינען אַרויסגעוואָרפן אויף דער צווייטער זייט וואַנט, צווישן זיי און גאָט שטייט אַ וואַנט און זיי רופן און שרייען צו גאָט דורך דער וואַנט: „גאָט! פאַרהייליק דיין נאָמען איבער דער גאַנצער וועלט". און די וואַנט איז שטום און קאַלט, און זאַפּט אין זיך אַריין די טרערן און געשרייען און פאַרשוויינט אַלע געבעטן, וואָס ישראל וויינט איבער זיינע צרות. אַלע טרערן קומען אהער צעשוואַרמען דאָ, צו דער וואַנט, און דאָ, ביי דער וואַנט, שטאַרבן זיי אָפּ, און ווערן פאַרלאָרן און איינגעזאַפּט פון די שטיינער. אַ, ווער וואָלט געקומען און צעבראָכן די וואַנט צווישן ישראל און זיין גאָט!...

די נאַכט איז געווען שוואַרץ און צאָרנדיק, אַ שרעקלאַכע קאַלטע ירושלים־נאַכט פון ערנסטקייט; גאָטס פאַרכט איז געלעגן אין דער לופט און די שטימע פון דער שכינה האָט געקלאָגט אין אַלע היילן אַרום דעם

אלטן מויער. אין דער שווארצער נאכט האָבן זיך אריינגעריסן די תימנ'ער אידן; זייערע ווייסע קיטלען האָבן זיך געבלייכט אין דער טונקעלער נאכט, און ווי זיי זיינען אָנגעקומען פאר דעם כותל־מערבי און דערזען די אידן, וואָס ליגן פאר איר, און דערהערט דאָס געוויין, זיינען זיי ווי איין מענטש, מיט ווייב און קינד, געפאלן מיט די פנים'ער פאר דער וואנט, אויסגע־שפרייט די הענט צום הימל און אַ גרויס געשריי, דאָס געשריי פון דער וויסטע, דאָס געשריי פון דער אידישער עולה, האָט זיך געריסן פון זיי זיי אין דעם שווארצן הימל אריין. זיי האָבן דערזען, אַז זיי האָט מען אָפּגענארט, משיח איז נאָך נישט געקומען, די דערלייזונג איז נאָך נישט דאָ.

שלום אַש

מ י ש ע

צווישן די יונגע לייט, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן פעלד אונטער יבנה, האָט זיך אויך געפונען מישע. שוין פיר חדשים ווי ער איז אין לאַנד. און היינט איז ער צום ערשטן מאָל געקומען צו דער ארבעט. ער האָט זיך אויך, ווי די אַנדערע יונגע לייט, געשטאַרקט זיך אויסצומעקן פון הארץ יעדן סענטימענט, און באַטראַכטן זיך פאַר אַן איינפאַכן ארבעטער. פון פאָטער האָט ער באַשטימט מער קיין געלט צו נעמען, און נאָך זיין אַנגעוויזן אויף זיך אַליין — רחל'ען האָט ער איבערגעלאָזט אין ירושלים; ער האָט זיך דאָך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אהין געפאָרן זען דעם כותל מערבי, דעם הר הבית, און באַהאַלטענערהייט פון זיינע חברים, כדי זיי זאָלן נישט לאַכן פון אים, אַז ער איז אראָפּגעקומען קיין ארץ־ישראל ווי די אַלטע חלוקה־אידן אויף „קבר אבות". רחל האָט זיך געזאָלט צוגרייטן זיין אַ לערערין אין אַ העברייאישער פרעבל־שול, דאָס געלט וואָס ער האָט געהאַט איבעריק פון דער רייזע, האָט ער איבערגעלאָזט איר צום לעבן און לערנען, און אַליין האָט ער אין די קאָלאָניעס ארומגעוואַלגערט זיך פון איינע אין דער צווייטער, מיט נאָך חברים „פועלים", געזוכט ארבעט, וואו מען האָט זיי אויסגעלאַכט צוליב זייער „אידעאַליזם" און געהאַלטן, אַז זיי פארשווערן נאָך דעם ישוב. אַ סך פון זיינע חברים האָט ער געזען זיך מיאש זיין, פארלאָזנדיק דאָס לאַנד מיט טרערן אין די אויגן — ער האָט

זיך אָבער ניט מיאש געווען, אויסגעהאַלטן הונגער און שפּאָט — ביז ענדלאַך איז אים דאָך געלונגען, נישט קוקנדיק אויף זיין קערפּערלאַכער שוואַכקייט, וואָס האָט אים פיל שמערץ און הארצשרעקעניש פאַרשאַפט — אריינצוקומען אין דער אַרבעטער קאָלאָניע.

ער האָט אָבער געמאַכט ביי זיך אַ שרעקלאַכע אַנטדעקונג נאָך פון דער ערשטער צייט, וואָס ער איז נאָר אַראָפּגעקומען אין דעם לאַנד אריין — וואָס ער שטאַרקט זיך מיט אַלע מעגלאַכקייטן, צו פאַרשטיקן אין זיך — זי רייסט זיך אָבער אַרויס און נאָגט ווי אַ וואָרים מיט יאוש זיין הארץ — אַז דאָס איז ניט דאָס ארץ־ישראל, וואָס ער האָט געזען אין זיין קינ־דערשער פאַנטאַזיע, ווען ער האָט געלערנט צום ערשטן מאָל דעם חומש. יענע ארץ־ישראל, דאָס ריכטיקע, וואָס ליגט ביי אים טיף אין הארץ, ביי יעדן אידישן קינד, ביי יעדן אידן, וואָס האָט נאָך נישט אָנגעוואוירן דעם אידעאַל פון זיין פאָלק, מוז זיין, ווי די לעגענדע זאָגט, באַהאַלטן מיט גאָט אין הימל, און ער וועט עס אַראָפּשיקן ווען משיח וועט קומען, און אידן וועלן זיך אין זייער לאַנד צוריקקערן. דאָס ארץ־ישראל פון היינט, וואָס ער האָט דערקענט, וואָס ער זעט אין דער צייט וואָס ער איז אין לאַנד — האָט גאָרנישט צו טאָן מיט זיין אידעאַל, און מיט דעם אידעאַל, דעם חלום, און דער אמונה פון זיין פאָלק. די מענטשן פון נייעם ישוב זיינען אָנגע־לאָפן, פּראָסטע פשוט'ע אידן, וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין זייער שטיקל פעלד און ווילן מאַכן געשעפט דערפון; די בעסטע פון זיי פאַרלאָזן זיך שוין אויף זייערע כוחות און האָבן שוין ניט קיין פּרעטענציעס צום פאָלק ישראל, וואָס מען האָט זיי דאָ אַהער געזעצט, פאַרטריבן פון אידן; — און די ערגערע פון זיי — האָבן נאָך פּרעטענציעס און האַלטן שטענדיק די הענט אויסגעשטרעקט, בעטנדיק פאַר היקף. אפשר איז אַמאָל געווען צווישן זיי דער אידעאַל, אַ, געוויס איז ער געווען — דער אידעאַליזם — אָבער די אידעאַליסטן, זענען אויסגעשטאָרבן, און די וואָס זענען איבערגעבליבן, זענען וואָכעדיקע אידן, וועלכע זענען גרייט צו פאַרקויפן זייערע נחלות, וועלכע זענען אָנגעקומען מיט אַזוי פיל מי, און אַזוי פיל האָפענונג, פאַר יעדן בעסטן געשעפט. יעדנפאַלס, זייערע קינדער טוען שוין נישט די נאַרישקייט — און שענקען זיך שוין נישט אַוועק כלל ישראל און ווערן נישט מער קיין ערדאַרבעטער צו באַזעצן זייער לאַנד. נישט אין זייער לעבן, נישט אין זייערע פאַרמען, וואָס זיי האָבן געשאַפן, זענען זיי נישט ענלאַך צו יענע אידן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געלעבט אויף דער ערד; נישט צו די ביבל־אידן, ניט צו די העלדן־אידן פון חשמונאים — זיי האָבן גאָר

נישט אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס זיי זאָלן זיך שוין האָבן איינגעוואָרבן דאָ, פון אידישן דענקען, פון אידישן אויסגעהייליקטן רעליגיעזן געפיל. די ערד האָט זיי נאָך גאַרנישט געגעבן, און זיי פירן אַ קלאָגענדיק אָרעם לעבן פון אינטעליגענטן, וועלכע זייער מזל האָט פאַרטראָגן אין אַן אַנדער לאַנד צו אַן אַנדער פּרנסה. צי איז דאָס נישט דערפאַר, וואָס אונזער מאַרך איז געוואָרן אויסגעטריקנט דורך דער צייט פון לאַנגן קנעלן די „תורה", זענען מיר געוואָרן אומשעפעריש, און מיר זענען ניט מער אומשטאַנד צו שאַפן נייע פאָרמען, צוגעפּאַסט לויט אונזער גייסט און לויט אונזער טראַדיציע. ער האָט געזוכט די נשמה פון זיין פאָלק צווישן די אַלטע אידן — דאָרט וואו עס האַלט זיך נאָך אויף דער רעזערוואואַר פון די אַלטע אידישע מידות, וואָס ציען זייער השפעה נאָך פון דער אַלטער ביבל. ער האָט אין געהיים פאַרלאָזט די קאָלאָניע און איז געגאַנגען קיין ירושלים, זיך אויפגעהאַלטן אין די אַלטע שולן — איינגעהערט צו די שמועסן פון די אַלטע אידן מיט די ווייס־גרויע בערד. אויך צווישן זיי האָט ער ניט געפילט יענעם הייליקן עקסטאַז, יענעם הייליקן געפיל, וואָס עס לעבט צווישן די זיידעם פון זיין פאָלק, בענקענדיק „אַז די גערעכטיקייט זאָל הערשן איבער דער וועלט". אָ, נישט געפילט האָט ער דאָ צווישן די אַלטע אידן דאָס גרויסע געפיל פון אַ בענקשאַפט נאָך משיח'ן, נאָך ירושלים, וואָס לעבט צווישן די אַלטע אידן אין גלות. דאָס געשפּרעך און דער אינטערעס איז דאָ אַרומגעגאַנגען איבער דער חלוקה, אַרום דער קנאה און שנאה — און איבער קליינעם, קליינעם קלעגליכן לעבן. אָ, ער האָט געבענקט נאָך גלות, נאָך די אַלטע שולן און בתי־מדרשים. אָ, יענע אידן, אין וועלכע עס לעבט נאָך דער גייסט פון דער ביבל; ווי האָט ער געבענקט נאָך די אידן — דאָרט אין גלות — אין וועלכע עס האָט זיך דערוועקט דאָס גרויסע געפיל צו באַלעבן דעם אידעאַל פון זייער אַלט פאָלק. נישט אַ לאַנד, און ניט אַ פאָלק צו באַפרייען — נאָר אַ וועלט! און רייסן זיך אויף אַלע פעלדער, דאָרט וואוהין די גערעכטיקייט רופט זיי, שלאָגן זיך אין אַלע מלחמות, וואו עס האַנדלט זיך אין אונטערדריקונג.

מיט שרעק האָט ער אַנטדעקט, אַז די, וועלכע דערמאָנען אין דעם לעבן פון זיינע עלטערן אויף דער ערד, זענען גאָר זיינע „שונאים", די אַראַבער. ער האָט זיך מיט פליים צוגעקוקט צו זייער לעבן, און דערזען אין זיי אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו דעם לעבן פון די ביבל־העלדן. יעדער אַלטער, איינגעזעסענער אַראַבער איז געגליכן אין זיין לעבן ווי צו אַן אברהם, און דער יונגער צו אַ יעקב. זייערע טעכטער פּאַשען, ווי רחל,

און זאַמלען זיך צונויף מיט די פּאַסטוכער, מיט זייערע סטאַדעס אין דער מיטיק־שעה ביים ברונען אין פעלד. קומט אָן אַ פרעמדער פּאַסטוך, אַ יעקב — און פרעגט זיך אויף לבן זיין פעטער — און דערזעט זיין טאָכטער רחל מיט די שעפּסן אָנקומענדיק פון פעלד, פאַרליבט ער זיך אין איר; נעמט זיך אָנטרינקען אירע שעפּסן און דערציילט איר, אַז ער איז געקומען צו איר פאָטער און שטעלט זיך דינען ביי איר פאָטער פאַר איר זיבן יאָר, ווייל ער האָט זי ליב און קיין געלט צו באַצאָלן פאַר איר האָט ער ניט. קויפט ער זי מיט זיין אַרבעט. אָ, וויפיל קנעכט, יונגע אַראַבער, האָט ער געטראָפן אַרבעטן פאַר זייערע ווייבער. די אַלטע אַראַבער זיצן פאַר די טויערן פון זייערע געצעלטן, וואָס איז ביי זיי אין די ווייטע דערפער, די פרויען אַרבעטן מיט די אָקסן פאַר זיי, און זיי זיצן ווי אַן אברהם און וואַרטן אָפּ אַן אורח אין געצעלט אים אַריינצוברענגען. אָדער זיי זיצן אין האַלבע ראָד אין פאַרנאַכטלאַכן זונען־שיין און דערציילן זיך מעשיות פון אַלאַ מיט זיין נביא מחמד — קומט אָן אַ פרעמדער דורכרייזענדער מיט זיין ווייב און קעמל, שטעלט זיך אָפּ ביים ברונען צו וואַרטן, ביז עס וועט אים ווער אַהיים נעמען. קומט אָן אַן אַלטער אַראַבער און בעט זיי אַהיימ־גיין צו זיך אין זיין געצעלט, און לאָזט זיי קיין שלעכטס ניט טאָן, האַלט זיך פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זייער לעבן און זייער גוט, ווייל זיי זיינען געקומען הינטער דעם „שאָטן פון זיין באַלקן”.

אָבער ער האָט פאַרשטיקט דאָס געפיל אין זיך, מיט אַלע מעגלאַכקייטן. האָט נישט געוואָלט זען דאָס שיינע ביי זיך. פאַרקערט, ער האָט געפּרואווט צו זען דאָס שענסטע אין דעם אידישן ישוב. און נאָכגעטאַנצט די רעדלאַך מיט די יונגע לייט, וואָס דער עקאָנאָם בלומענטאַל האָט געלערנט — ווע־לענדיק זיך איינרעדן, אַז דאָס טאַנצן די בחורים אין ירושלים, אין די גערט־נער, זיי ווילן געפעלן די בתולות. געפּרואווט פאַרגעסן זיין אייגן לעבן, זיינע געדאַנקען, זיינע ספיקות, און גלאָזט זיך אַריינציען אין דעם נייעם לעבן. מיט די אַרבעטער איניינעם אין די נייע הייזלאַך, וואָס מען האָט אויפ־געשטעלט אין די קאָלאָניעס. אָ, מיט וויפיל פרייד האָט ער באַמערקט, אַז יעדן טאָג וואַקסט זייער קאָלאָניע — קומען צו נאָך פיר איילן באַאַרבעטע ערד אין ארץ־ישראל. געגעסן איניינעם מיט די פּועלים, באַמיט זיך צו רעדן לשון־קודש, מיט פרייד האָט ער זיך מאָרגנס אויפגעכאַפּט צו דער אַרבעט, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער געפינט זיך אין ארץ־ישראל.

שלום אַש

אונזערע פעלדער און וועלדער

אנד'רע פעלקער האָבן וועלדער,
מיר — נאָר יונגעביימער;
יענע וועלדער היטן זעלנער,
אונ'זרע היט דער שומר.

יענע וועלדער זיינען אַלטע,
ברייטע צווייגן-קרוינען;
אונטער די געדיכטע צווייגן
ווילדע חיות וואוינען.

ס'קאָן די זון אהין ניט שיקן
אירם אַ שטראַל, אַ שטיפער,
און געדיכטער ווערן שאָטנס
אינם וואַלד וואָס טיפער.

אונז'רע זיינען זון-באַגאָסן,
שלינגען האַרשטיק שטראַלן;
אין דער ערד די יונגע וואָרצלען
זוכן וואַסער-קוואַלן.

און מיר פרייען זיך ווי קינדער,
ווען אַ צווייג ווערט גרעסער,
ווען די יונגע גרינע פרוכטן
שניידט צום ערשט דאָס מעסער.

יענע וועלדער זיינען מיילן,
אונז'רע זיינען — שפּאַנען;
אָבער האָפענונג און ליבע
איז אין זיי פאַראַנען.

אפרים אויערבאַך

אין יהודה

אויף יענער זייט פון הרי יהודה, ביי די פיס פון אַ טאָל, קעגנאיבער דער אַלטער אידישער אוניווערסיטעטן שטאָט יבנה, זענען געשטאַנען אַ צען־צוועלף אידישע יונגע־לייט, אויף אַ האַרט, ווייס שטיק פעלד, וואָס האָט אויסגעזען ווי צוזאַמענגעגאָסן פון איין שטיק שטיין, און האָבן צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן די העק און די שאַפלען אויף זייער פאַרלאָזטער היים. עס איז געווען איינער פון יענע הייסע טעג אין די טראָפּישע לענדער, וואו די זון צעוואַרימט די לופט ווי גליענדע בליי, און קאָכט צונויף די ערד אינאיינעם מיט דעם הימל; און די ביינער פון דעם מענטשן און חיות ווערן לויז אין דעם קערפּער, און ווערן אומבאַוועגלאַך. דאָך האָבן די יונגע לייט, וואָס זענען גאַרנישט צוגעוואוינט געווען צו דעם קלימאַט און צום ערשטן מאָל די העק אָנגעטאָפּט פעדערן באַנוצט, דאָך האָבן די יונגע לייט, (וואָס דער הייליקער אידעאַל צו באַלעבן צוריק זייער אַלטע היים, האָט זיי דאָ אויף די פעלדער צונויפגעבראַכט), נישט געקוקט אויף דער זון, וואָס האָט באַגאָסן זייערע לייבער ווי מיט ברענעדיקער בליי, און אויף דער מיד־קייט, וואָס איז זיי באַפאַלן, נישט געפילט די ביסן פון די מיקן, וואָס האָבן געדונצלט זייער הויט. געטאָן זייער אַרבעט ווי אין עקסטאַז, ווי אין געבעט. טייל האָבן בשעת מעשה געקלערט וועגן דעם, אַז זייערע פיס געפינען זיך אויף דער ערד, וואָס איז אויסגעהייליקט געוואָרן אין דעם בענקעניש פון זייער פאָלק דורך טויזנטער יאָרן. און די האַרטערע צווישן זיי האָבן פאַריאָגט פון זיך יעדע ווייכקייט — געמאַכט זייערע הערצער האַרטער פון אַ שטיין, און געזאָגט זיך — זיי טוען נאָר אַ געוויינטלאַכע אַרבעט פון פּויערים. — אַ טייל האָבן געקוקט קעגנאיבער, פון וואַנען עס ווייזן זיך די ווייסע הייזלאַך, און גערעדט צו זיך אין דער שטיל, כדי זיי זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן פאַר זייערע חברים פאַר דעם סענטימענט: „דריבען איז געווען יבנה“... טייל האָבן אין זייערע פאַנטאַזיעס, צעוואַרעמט אין דער זון, געזען אידישע חילות דורכציען אין דער ווייסער אומענד־לאַכקייט פון האָריזאָנט, און זיי אַלע, סיי די ווייכע פון זיי, סיי די האַרטע פון זיי — האָבן געהאַט יענעם געפיל, וואָס קאָן נאָר האָבן אַ פאָלק, וואָס איז צוויי טויזנט יאָר פאַרטריבן געווען פון זיין היים, און דורך דער גאַנ־צער צייט ניט אָנגענומען קיין אַנדערע — נאָר אויסגעהייליקט זיך, אין זיין בענקשאַפט, אין זיין אמונה — קומט דאָך ענדלאַך צוריק, און הייבט אויף צום ערשטן מאָל זיין האַק און זיין שאַפל אויף זיין ערד — דאָס האָט

זיי געגעבן די קראַפט. שוואַכע אידישע יונגע לייט, צוזאַמענגעלאָפן פון די רוסישע „גראַמאַטיקעס" דורכצוטראָגן די טראַפּישע היץ — אויף דעם באַ־שטיינערטן פעלד. אָט ווארום זיי האָן איצט געאַרבעט אין אַ צושטאַנד פון עקסטאַז — אין אַ פיבער־געפיל.

ווארום עס האָט זיך געהאַנדלט אום איבערצייגן די באַלעבאַטים פון נייעם ישוב, אַז דער אידישער פּועל איז אומשטאַנד אויסצוהאַלטן די קאָנ־קורענץ פון דעם ביליקן אַראַבישן אַרבעטער. נאָך די פּאָגראָמען אין רוס־לאַנד האָבן אַ סך אידישע יונגע לייט פאַרלאָזט די אוניווערסיטעטן, די גימנאַזיעס, זענען אַראָפּ קיין ארץ־ישראל ווערן ערד־אַרבעטער. דער אינ־טעליגענטן־פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט ערשט נאָר־וואָס פאַרלאָזט די רוסישע שול — האָט זייער ווייניק צוטרויען דערוועקט ביי די קאָלאָניסטן, וועלכע זענען אַמאָל אויך געווען אַזוינע אידעאַליסטן, און זיינען אויך דאָ אַהער געקומען פון דער רוסישער שול, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן. זיי האָבן שוין אָבער צייט געהאַט, מיט דער הילף פון די פיל אידישע שטיצער, באַלעבאַטים צו ווערן פון זייערע שטיקלאַך ערד, און זיי האָבן לי־בער געהאַט אַרבעטן מיט דעם אַראַבישן אַרבעטער, וועלכער איז אויס־געהאַלטן, צוגעפּאַסט צום קלימאַט, ביליקער און אַרבעטס־פייאיקער פאַר די „אינטעלעגענטלאַך", וועלכע דער סענטימענט האָט זיי אַראָפּגעבראַכט קיין ארץ־ישראל, כאָטש מיט דעם האָבן זיי געשטעלט דעם גאַנצן ישוב, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַזוי פיל מי אין געפאַר. די אידישע יונגע לייט, וועלכע האָבן אַלץ אוועקגעוואָרפן — פיל, דעם וואוילשטאַנד פון זייערע עלטערן, פיל, זייערע שטודיעס, און — געטריבן פון דעם אידעאַל צו באַזעצן און באַלעבן זייער אַלטע היים — האָבן זיך ארומגעוואַלגערט פון איין קאָלאָניע אין דער צווייטער. דער אידעאַל האָט זיי געגעבן כוח אַרי־בערצוטראָגן די אוממענטשלאַכע באַדינגונגען. זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען קיין געזעלשאַפטלאַכע שטיצע. ברידער האָבן געאַרבעט ביי ברידער, און נישט געוואָלט עסן ביי זייער טיש פון זייער ברויט, נאָר איניינעם מיט די אידישע אַרבעטער, אין זייער אַרבעטער־קיך, כדי נישט צו דערוועקן חשד אין זייערע כוחות.

און טאַקע פיל פון זיי האָבן באַזייט דאָס לאַנד פון זייער אידעאַל מיט זייערע ביינער. — נישט קאָנענדיק איבערטראָגן די אוממענטשלאַכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע זיי האָבן געלעבט, נאָר די שטאַרקערע פון זיי האָבן דאָס איבערגעטראָגן. עס האָט זיי דערהאַלטן דער כוח פון גלויבן,

די בענקשאפט נאך דעם אידעאל, מיט וועלכן זייער פאלק האט דאס פארהייליקט דורך אזוי פיל טויזנטער יארן.

פון די ארבעטער האט מען געגרינדעט די ערשטע אידישע ארבעטער־קאלאניע אויף קאאפעראטיווע יסודות. די פארוואלטונג פון דער קאלאניע האט מען איבערגעגעבן דעם דייטשישן אגראנאם בלומענטאל. דער הער בלומענטאל, וועלכער איז נישט אויפגעצויגן געווארן אין קיין אידישער טראדיציע — האט נישט געהאט די אלע סענטימענטן צו ארץ־ישראל, וועלכע עס האבן געהאט די אלע יונגע לייט. צו ארץ־ישראל האט אים געבראכט דאס נאטירלאכע געפיל — דער גלייכער וועג — וואס פירט יעדן אסימילירטן אידן, ווען ער פארלירט זיין אידעאל אין אסימילאציע. אויפגעצויגן געווארן אין דעם דייטשישן גייסט, האט ער פארלארן דעם דייטשישן פאטריאטיזם און איז איבערגעגאנגען צו זיך אליין — צו אידן. האט ער צו ערשטנס געזוכט עטוואס אזעלכעס ביי אידן, וואס אנדערע נאציעס האבן: לאנד, שפראך. און דער וועג איז געווען פאר אים קלאר: לאנד — ארץ־ישראל, און א שפראך — לשון־קודש. נאר מען דארף דאס לאנד באזעצן און די שפראך באלעבן. ער האט זיין אידעאל דורכגעפירט קאנסעקווענט. שטודירט אגראנאמיע און גענומען זיך לערנען לשון־קודש פון די מעטאדעס. געענדיקט אגראנאמיע, האט ער אנגעהויבן זיין ארבעט ביי די אידישע קאלאניזאציע־געזעלשאפטן. זיין אידעאל איז געווען א פארטיקער, — אן איבערגעזעצטער פון זיין דייטשנטום, ער האט געוואלט באשאפן אין ארץ־ישראל א דייטשן פויער. אין דעם האט ער געזען די ישועה פון נייעם ישוב. און צו דעם האט ער זיך גענומען אויסצופירן מיט זיין גאנצער ענערגיע. דער עלעמענט אבער, מיט וועלכן ער האט געהאט צו טאן, איז געווען ווייניק מסוגל צו פארווירקלאכן זיין אידעאל פון א אידישן פויער. ער וואלט זיך געוואונטשן צו ארבעטן מיט פראסטע אידן: סעדער, פישער, קבצנים, און פון זיי באשאפן א אידישן פויער. ער האט אים, דעם טיפ, געזען קלאר, נאר אזעלכע זיינען נישט געפארן קיין ארץ־ישראל. און פון דעם מאטעריאל וואס ער האט געהאט, האט ער נישט געקאנט שאפן דעם טיפ פון זיין אידעאל, האט ער פאראכט זייערע סענטימענטן, זייער געבילדעטקייט. ער האט דערינען געזען א מניעה. ניט מיט סענטימענטן וועט מען בויען ארץ־ישראל, נאר מיט ארבעט, האט ער געשריען, איינרעדניק די יונגע לייט, אז זיי זאלן די שטיינער פון די פעלדער צונויפקלייבן. באשטראפט פאר יעדןווארט אידיש, וואס האט זיך ארויסגעכאפט פון אן ארבעטער, וועלכער איז נאך צוגעוואוינט געווען צו דער שפראך. ווארים

אזוי ווי דאָס לאַנד, אַזוי איז די שפּראַך — האָט ער געוואָלט זיין איינגאַנצן אויסגעהאַלטן. ער האָט געוואָלט זען, אַז אין זיין קאָלאָניע זאָלן די פּויערים לעבן פּויעריש — מיט פּויערישער פריילאַכקייט און פּויערישע טענץ; האָט ער נאָך דער אַרבעט, אין שבת און יום־טוב, געלערנט די אַרבעטער טאַנצן רונד־טענץ, ריקוד'לאַך, און געזוכט ווערטער, וועלכע מען האָט צוגעפּאַסט צו די אַראַבישע ניגונים.

שלום אַש

דאָס ליד פון שומר

נאָכן ביידל, נאָכן כרם
ציט זיך ווייט אַ וועג,
כ'זאָטל אָן מיין גוטע שקאַפּע
און איך פאָר אַוועק.

ס'איז נאָך פרי. און אויף די פעלדער
ליגט דער מאָרגנטוי;
שטילע מאָרגנס, גוטע מאָרגנס,
האָב איך ליב אַזוי.

וואָס פאַרמאָג איך? נאָר א מויזער
און אַ שאַרפע שווערד.
איבער בערג און איבער טאָלן
יאָג־זשע זיך, מיין פערד.

אויסגעקעמט האָב איך דיין גריווע
היינט אַזוי געטריי.
ביים צופוסנס פונם כרמל
אין גאָליל איז פריי.

דאָרטן אין גאָליל די פעלדער
זיינען איצטער גרין.
היטן ווייץ און היטן גערשטן
רופט מען מיך אַהין.

אפרים אויערבאַך

ווען די ווינטערזיבן בליִען

איך גיי היטן די ווייַנגערטנער. די שמוציקע שטאָט מיט אירע שמאָלע גאַסן און געסלאַך איז שוין ווייט פון מיר. ביי די זייטן פונם סולטאַנער וועג האָבן זיך ברייט צעוואָרפן און זייַנען אַוועק העט ווייט פעלדער און פעלדער מיט ראָזעווע פלאַקס און מיט בלומען־קעפּלאַך, וואָס זייַנען לייכט און לופטיק ווי די פעדערלאַך. פאַר די אויגן האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן די בלויע קייט פון די בערג פון יהודה מיט זייערע וואונדערבאַרע פאַרמען — און עס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גרינג און פריי צו אָטעמען.

אָט איז די קאָלאָניע. פון דער ווייטנס זעט מען שוין די ווייסע שול מיט די גרויסע פענסטער, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די אונטערגייענדע זון; און ביי דער זייט, לעבן די קאַליפּטןביימער, שטייט אַ קליין שטיבעלע. דאָס איז די באָד. באַלד לעבן דעם שטיבעלע שטייט אַ ברונעם, וואוהין פרויען קומען מיט עמער און קריגלאַך און וואו קינדער שפּילן זיך מיטן אייזעלע, וואָס שטייט דאָרטן. אַרבעטער מיט „פּיאַשען" אויף די פּלייצעס קומען אַהין פון אַלע זייטן זיך דערפרישן מיט דעם קאַלטן וואַסער. דער וועכטער פון דער באָד, רבי ברוך, אַן אַלטער אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, קען אַלע בחורים ביי די נעמען.

— נאָר ניט אַלע מיטאַמאָל, חברה, — קאָמאַנדעוועט ער. — שטייט „סמירנאָ". פאַר אַלעמען איז קיין פּלאַץ ניטאָ. העי, בנציון, דו ביסט מיר שוין שולדיק דריי מעטאַליק. דו מיינסט, אַז ווייל איך בין שוין אַ זקן, האָב איך שוין קיין זכרון ניט? ניין, גוטער ברודער, האָסט אַ טעות!

איך גיי ווייטער, צום אַרבעטער־רעסטאָראַן. דער שטילער, פאַרטראַכטער, אין בלויען איינגעהילטער בין־השמשות, ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער און מען באַמערקט ניט, ווי עס קומט אָן אַ שטילער, וואַרימער אויף־דער־נאַכט. די ביימער אונטער די פענסטער ווערן לעבעדיקער, שטיל שאָקלען זיי די צווייגן און וואַרטן אויף דעם זילבער־טוי. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך אונטער די שטראַלן פון דער הייסער זון געבראָטן און שטאַרק געבענקט נאָך אַ קילן ווינטעלע, קוקנדיק פאַרשמאַכט אויפן הימל, צי עס רוקן זיך ניט אָן קיין וואָלקנס.

אין דעם אַרבעטער־רעסטאָראַן איז נאָך קיינער נישטאָ. די באַלעבאָסטע גרייט דעם לאַנגן טיש.

— איר זענט אהער געקומען אויף א לאנגער צייט? — פרעגט זי מיך.

— ביז מען וועט די וויינטרויבן אראפנעמען פון די וויינגערטנער, — ענטפער איך. — די שומרים עסן אלע ביי אייך?

— כמעט אלע, — ענטפערט זי. — באלד וועלן זיי קומען אהער.

פונם שכנ׳ישן צימער הערט מען פון יענער זייט וואנט פארוויגט א פרוי א קינד זינגענדיק מיט אן אנגענעמער שטימע.

שטעל איך זיך אוועק ביים אפענעם פענסטער, און אויפן הארצן ווערט מיר עפעס אזוי גוט, אזוי רואיק.

עס קומט אן פון דער ארבעט דער באלעבאסטעס טאכטער, רבקה. זי איז א געזונטע, פעסט־געבויטע מיידל, מיט צוויי בלויע אויגן און מיט א שווארץ חנ׳עוודיקן פנים.

ווי זי איז נאר אריינגעקומען, האט זי אין א ווינקל אוועקגעשטעלט דאס קוישעלע, און אינמיטן דערינען האט זי זיך פאנאנדערגעלאכט, און דאס גאנצע צימער איז דערפון גלייך פול געווארן מיט פרייד און מיט דעם ריח פון פרישן גראז.

— מאמע, איך בין שרעקלאך הונגעריק, — זאגט זי.

דערנאך גיט זי א קוק אויף מיר, צעלאכט זיך ווידער און פרעגט:

— איר זענט ווידער געקומען צו אונז?

און מארגן היט איך שוין די וויינגערטנער. איך זיץ אויף די טרעפ פון וועכטער־ביידל און קוק פון דערווייטנס אויף דער קאלאניע, וועלכע שפרייט זיך פאר מיר, איינגעהילט אין דעם גרינס פון די מאנדלען און אראנזשען־גערטנער.

„עס וועט היינט זיין א פינסטערע נאכט", — קלער איך מיר. און עס פאלט אויף מיר א שרעק.

פון דער קאלאניע דערטראגן זיך צו מיר אויף די פליגלען פונם ווינט אפגעריסענע קלאנגען פון מענטשלאכע קולות. איך ווייס, אז מיט וועכטער האט זיך שוין ניט איינמאל אן אומגליק געטראפן, און איצט קומט מיר אלץ אויפן זינען די אלע וועכטער, וועלכע זיינען דער׳הרג׳עט געווארן. איך זע זיי מיט די אויגן און האלט אין איין קלערן וועגן זיי.

עס איז געווארן פינסטער.

איך באהאלט דעם ליטער צווישן די ביימלאך און הייב זיך אן ארומדרייען ארום דעם וויינגארטן. די מורא, וואס לויערט פון אלע ווינקעלאך ארום, צווינגט מיך ארומצוקוקן זיך אין אלע זייטן. דער ווינט הייבט אן בלאזן שטארקער. איך גיי צו צום וועכטער, וואס געפינט זיך ניט ווייט,

צו דעם אַלטן קאַפּלאַן. ער שטייט איינגעבויגן איבער אַ קליין פייערל און גרייט פאַר זיך צו עסן, און אויף דער ערד, איינגעהילט אין אַן „אַבאַיע", ליגט דער יונגער אַראַבער לאַסעם, און עפּעס אַזוי אומעטיק און האַרצרייסנד זינגט ער אויס אַ מעשה'לע וועגן אַ הייליקן דערוויש, וועלכער האָט לאַנג געוואַנדערט איבער דעם מדבר, אויסגייענדיק נאָך אַ טרונק וואַסער; אַ מעשה'לע וועגן דעם, ווי גאָט האָט זיך אויף דעם הייליקן דערוויש דער־באַרעמט און אים צוגעשיקט אַ קאַלטן וואַסער־קוואַל אונטערן שאָטן פון אַ הויכן פּאַלמען־בוים, וואו דער נביא האָט זיך פאַר אים באַוויזן.

האַלבע נאַכט.

איך גיי איבער די אַלייען פון דעם מאַנדל־גאָרטן, וואָס ליגט צעוואָרפן ביי דעם בערגל פונם ווייגאָרטן. די ביימער רוישן, און מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אַראַבער באַפאַלן די קאָלאָניע און הרג'ענען דאָרטן אויס מענער, פרויען און קינדער. אַלעמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי פון דאָרטן שרייט מען פאַרצווייפלט: „ראַטעוועט"!

אָבער איך באַרואיק זיך אַליין:

„עט, נאַרישקייטן! דאָס רוישט בלויז דער ווינט און די שאַקאַלן וואָיען".

איך דערפיל, ווי איך בין זייער מיד. עס ווילט זיך שלאָפן. זעץ איך זיך אַוועק אויף דער ערד, און באַלד הייבן מיר זיך אָן צו פּלאָנטערן אין קאָפּ עפּעס אַזעלכע משונה'דיקע פאַנטאַסטישע זאַכן. עס פאַלט מיר איין, אַז איך בין אַ וואַנדערער אין די וויסטע בערג. ניין — איינער פון דעם חיל פון יהושע בן נון; מיך האָט מען געשיקט אַלס מרגל צו זען וואו דעם שונא'ס מחנות געפינען זיך; ווען די זון וועט אויפגיין אין מזרח, וועט יהושע בן נון דעם שונא'ס מחנות באַפאַלן; איך וועל זיך אין דער שלאַכט שטאַרק אויסצייכענען און ווען איך וועל זיך מיט נצחון אומקערן צוריק אהיים, וועלן מיר אַנטקעגן גיין מיט טענץ און געזאַנג די שוואַרץ־הויטיקע טעכטער פון יהודה, פּונקט ווי יפתח'ס טאָכטער איז אַרויס מיט פּויקן און טענץ.

—שלאָפסט?

איך גיב זיך אַ כאַפּ אַן איבערגעשראָקענער, איך דערזע, ווי לעבן מיר שטייט דער עלטסטער שומר פון דער קאָלאָניע.

ענדלאַך הייבט אָן טאָגן. אַ געדיכטער טוי פאַלט אויף דער ערד, און דער ליכטיקער מאָרגן־שטערן צעברענט זיך העל אין מזרח, באַפּוצנדיק אין פּורפּור און אין גאָלד די אַלע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך ביינאַכט אָן אַ ציל

און אָן אַ תכלית ארומגעבלאָנקעט איבערן הימל אין דער פינסטער.

פּאַמעלאַך לאָז איך זיך גיין צום וועכטער־ביידל. איבערן גאַנצן קער־פּער פּיל איך אַ מין זיסע מידקייט און עס ווילט זיך מיר אַזוי שלאָפן. פון די קוסטעס, וועלכע זיינען מיט טוי באַשפּריצט, טראָגט זיך אַ דופטיקער ריח. אַן איבערגעשראָקענער שאַקאַל אַנטלויפט און באַהאַלט זיך הינטער די וויינגערטנער.

מיט עטלאַכע שטונדן שפּעטער דערפיל איך, ווי די שטראַלן פון דער זון וועקן מיך. איך טו זיך אָן שנעל און גיי באַלד אַוועק באָדן זיך אין אַ נאָענטער באַיאַרע. דאָרטן געפינט זיך אַ ברייטע „בירקאַ", פון וואַנען דאָס וואַסער שטראָמט דורך רינוועס אין גאָרטן אריין. באַפרישנדיק דיביימער. ביי די טויערן פון דער באַיאַרע שטייט אַ באָרוועסע בעדואינער מיידל, וועל־כע קוקט אַזוי שטאָלץ ווי אַ שטרענגע פּרינצעסין.

— פון וואַנען ביסטו ?

— איך בין פון די בערג, חאַוואַדזשע, — ענטפערט זי, עפענענדיק דעם טויער.

אין גאָרטן אַרבעט רבקה און צוויי יונגעליים. מיט „פּיאַשען" צעגראָבן זיי די ערד אַרום די ביימער. ווען זי דערזעט מיך, גיט זי אַ וואָרף דעם „פּיאַש" אין אַ זייט און גיט זיך אַ גלייך אויס מיט איר גאַנצן, שלאַנקען, פעסט־געבויטן קערפּער, פון וועלכן עס אָטעמט פּשוט מיט כוח און גבורה.

זיך אויסגעבאָדן, גיי איך צוריק צום ווייגאָרטן, און אויפן וועג רייס איך גרעפלע, שמעקנדיקע בלימעלאַך. און בייטאָג ליג איך אַ פאַרמאַטערטער פון היץ אין שאָטן ביים ביידל און קוק אין דער ווייטקייט. ווייט־ווייט פונם וויינגאָרטן, דאָרטן וואו עס זען זיך די בערג פון יהודה, גייען ערגעץ איינזאַמע וואַנדערער און פון צייט צו צייט ציען זיך ווערבליודן־קאַראַוואַנען. די בלויע לופט איז ווי פאַרגליווערט. די קוסטעס דרעמלען, אָטעמענדיק מיט דעם געשמאַקן ריח פון די בליענדע וויינטרויבן.

אויף דער סטעזשקע, צווישן די קוסטעס, באַווייזט זיך משה׳לע דער שומר. ער איז אַ קאָלאָניסטס אַ זון. אַ שטאַרקער, אַ געזונטער בחור׳ל מיט צוויי שוואַרצע אייגעלאַך און מיט אַ קאָפּ, וואָס איז שטענדיק פול מיט טרוימען און חלומות. זיין פריינט, דער אַלטער קאַפּלאַן, שלאָפט איצטער. לאַסעס איז אַוועק צו זיין ווייב אין דאָרף, און משה׳לע האָט דעריבער ניט פאַר וועמען איבערצוגעבן זיינע טרוימען וועגן פאַרשיידענע וואונדערבאַרע מדינות, וועגן די זעלטענע אוצרות אין די ווייטע בערג — די טרוימען,

וועלכע ווערן געשאַפן אין זיין מוח אין די פינסטערע נעכט, ווען ער היט די וויינגערטנער.

ער זעצט זיך אַוועק און פרעגט:

— ווי אַזוי לעבן מענטשן דאָרטן, פון יענער זייט ים? דערציייל מיר! דאָרטן היטן אויך אידן די וויינגערטנער און אַראַבער באַפאַלן זיי ביינאַכט?...

— אַלע, אַלע באַפאַלן די אידן. אָבער זיי היטן פרעמדע וויינגערטנער און די באַלעבאַטים האָבן זיי דאָרטן ניט ליב...

— פאַרוואָס? — פאַרטראַכט זיך משהלע.

דערנאָך פרעגט ער:

— איז דאָס אמת, וואָס לאַסעם זאָגט, אַז אין די בערג זיינען באַהאַלטן גאָלדענע אוצרות און ווען מען געפינט זיי, קאָן מען ווערן רייכער אפילו פונם סולטאַן?

— אמת, אמת.

— מען דאַרף ווידער גיין היטן די וויינגערטנער!

רואיק און געמיטלאַך גייען זיך די טעג. איך האָב דאָס געפיל, גלייך ווי איך וואָלט אין אַ פרילינגס פרימאָרגן אויף אַ ברייטן פעלד געגאַנגען דער זון אַנטקעגן. מיט די וועכטער טרעף איך זיך זעלטן. די צייט פאַרברענג איך מיט משהלען און מיטן אַלטן קאַפּלאַן, מיט וועלכן איך האָב ליב צו שמועסן וועגן גאָט, וועגן דער שיינער וועלט און וועגן אַנדערע פראַגעס. דער אַלטער האָט אַ סך געזען אין זיין לעבן, אַ סך געטראַכט און איצט איז ער צופרידן דערפון, וואָס ער היט די וויינגערטנער אין אייגענעם לאַנד.

ענדע יולי.

פון די גערטנער הייבט מען אָן אַרונטערצונעמען די ווייַנטרויבן. בחורים, מיידלאַך און קינדער, אַלע אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט ברייטע שטרוי־ענע קאַפּעליושן, אַרבעטן פלייסיק, לאַכנדיק און זינגענדיק. שלאַנקע „גאַ־לאַשקעס" מיט זילבערנע מטבעות אין די לאַנגע צעפּ, האַלטן אין איין טראָגן קוישן מיט ווייַנטרויבן אין די וועכטער־ביידלאַך, פון וואַנען עס ציען זיך אָן אָן אויפהער קעמל־קאַראַוואַנען צום קעלטער, וואו מען אַר־בעט שוין בייטאָג און ביינאַכט.

די אַרבעט איז געענדיקט.

אַלע וועכטער מאַכן אַ גרויסע שמחה. מען טרינקט וויין, מען טאַנצט, מען זינגט, מען דערציילט זיך מעשה׳לאַך און מען שיסט אין דער לופטן, אַרויפוואַרפנדיק אַ שרעק אויף די שאַקאַלן, וועלכע רוקן זיך ברוגזע, שטי־

ליגקערהייט, מיט ברענעדיקע אייגעלאך און מיט צעבלאָזענע עקן נעענטער צו די וויינגערטנער.

פֿאַרטאָג צינדן די וועכטער אונטער דיביידלאַך. דאָס ברענגען זיי אַ קרבן צו דעם גאָט פֿון ליכט און פֿרייד. באַלויכטן פֿון דער רויטער שיין שטייען זיי אַלע אין אַ ראָד און זינגען די „שבועה“, און אויף די בערג פֿון יהודה צינדן זיך אָן די ערשטע שטראַלן פֿון דער זון.

איך קער זיך אום צוריק אין שטאָט. אויף די וויינגערטנער איז אַלץ שטיל, אָפּגעשטאָרבן. ביי דער טיר פֿון דער אַרבעטער־קיך שטייט רבקה און קוקט, ווי איך לאָז זיך גיין צופֿוס אויף דעם וועג, וואָס פֿירט אַוועק פֿון דער קאָלאָניע.

איך שטעל זיך אָפּ און שריי אויס, מאַכנדיק צו איר מיט דער האַנט:

— שלום!

און זי ענטפֿערט:

— שלום! פֿאַרגעס ניט און קום איבעראַיאָר.

און איך גיי ווייטער.

תלוש

טרויבנשניט

שוואַרצע טרויבן־ענגלען בייגן
ווייכע צווייגן צו דער ערד ;
קומען מיידלאַך מיט די שערן
און מען שערט.

איינס און צוויי — אַ פולער קוישל,
לאָדט מען אָן אַ גרויסן וואָגן ;
נעמט אַ בחור פעסט די לייצעס
און די פערדלאַך יאָגן.

און באַלייט די פולע קוישן
האָבן אויגן פריידיקע ;
און נאָך פלייסיקער, ווי פריער,
אָנגעפילט די ליידיקע.

איי, איר מיידלאַך, איר בחורים,
שניידט די טרויבן, לאָדט די וועגן.
זעט די וואָלקנס, נאָך אַ חודש
און עס קומט דער רעגן.

און פאַרנאַכט, די זון פאַרגאַנגען,
גייען אַלע, שטויביקע,
פון דער אַרבעט אָפּצורוען,
זינגענדיקע, גלויביקע.

אפרים אויערבאַך

דאָס לאַנד

אַזוי האָב איך זיך אָט דאָס לאַנד
דורך טעג און נעכט געמאָלן;
און איצטער איז מיר אַלץ באַקאַנט,
די הויכע בערג, די טיפע טאָלן.

די טאָלן זיינען דאָרטן ווילד,
די בערג מיט שאַרפע שפּיצן;
און מענטשן גייען איינגעהילט
און שאַרפע מעסערס בליצן.

נאָר ווייסע זיינען דאָרט די נעכט,
און גרויסע דאָרט די שטערן;
וואָלט נאָר דאָס שטענדיקע געפעכט
די שטילקייט ניט צעשטערן.

עס יאָגן רויבער זיך אויף פערד
מיט שאַרפע אייזערנע כלי־זיין;
און ערגעץ צו דער האַרטער ערד
די מענטשן טוליען זיך אין רייען.

און אימיצנס אַ שווערע האַנט
האַלט בלויז אין איין צעשטערן;
און עמיץ צו אַ קאַלטער וואַנט
קלאַפּט מיד זיין ברענענדיקן שטערן.

ז. וויינפּער

ארץ ישראל

די סדרה פון בליען, וואַקסן, צייטיקן און שניידן גייט אין ארץ ישראל כמעט אַ קיילאַכדיק יאָר נאָכאַנאַנד.

אין חודש אדר, ווען איך בין אָנגעקומען פון אַ לאַנד פון פראָסט און שניי, האָבן דאָ די מאַנדלען געבליט.

זיי הייבן־אָן די ריי באַלד נאָך דער רעגן־צייט.

און ביי אַ צעפּלאָסעמער, צעגאָסענער ליכטיקייט פון דער פרימאָרגן־זון האָט ביי דער סטאַנציע רחובות אַ ווייסער שימער פון בליענדיקע מאַנדל־ביימער מקבל־פּנים געווען אונזער צוג, וואָס האָט אונז אַראָפּ־געבראַכט פון מצרים, מידע און נישט־אויסגעשלאָפענע.

די ערשטע אידישע קאָלאָניע פון אַלטן ישוב איז דאָס געווען, וואָס האָט אונז אָפּגעגעבן דעם גוט־מאָרגן דורך די פענסטער פון וואַגאָן.

און פון דרויסן האָבן צו אונז געוואונקען געדיכטע פּלאַנצונגען, גרינס און שאָטן, שאַרפע ריחות — די מאַנדלען האָבן געבליט!

אַ חודש שפּעטער בליען די פּאָמעראַנצן און פאַר'שיכור'ן מיט זייער ריח. דער גאַנצער שטח אויף אַ ווייטער שטרעקע איז אויסגעפּאַרפומעוועט.

צוגלייך בליט דער בעז, וואָס איז געראָטענער צעוואַקסן ווי אונזער היימישער, מיט שוואַרצע קוויטלאַך אין דער מיט, און זיין ריח איז זאַפטיק און שטאַרק. די רויטע פלאַטערדיקע מאָן־בלום וואַקסט דעמאָלט ווילד און צווישן די פעלזן־שפּאַלטן אַרום.

פּסחצייט בין איך געווען אין פּתח־תקוה (אירע פּאָמעראַנצן מיט דעם נאָמען „פּעטאַך־טיקוואַ" האָט מיר אַן עגיפּטישער אַראַבער, אַ סוחר פון פרוכטן, גערימט). איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען ווי אין אַ האַלבן שיכרות פון די שאַרפע ריחות, וואָס דער ווינט האָט אָנגעיאָגט פון די „פּרדסים" און פון די בעז־ביימער. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט פון צופיל וואויל־גערוך.

און אויפן צפון פון לאַנד, אויבן אין גליל, שניידט מען שוין די גערשטן, און מען גראָבט־אויס די מעלאָנען און אַרבוזן.

קעגן שבועות צייטיקן די איבעריקע תבואות: ווייץ, קאָרן און האָבער.

און באַלד דערנאָך קומט די ריי אויף ווייַנטרויבן. דערנאָך, צום סוף זומער און אָנהייב האַרבסט — אויף די פּאָמעראַנצן, ציטרינען און אתרוגים.

און די אייל־ביימער (זיתים) שיטן אָפּ זייער פרוכט.

דאָס גרויסע ווערקשטאַט פון דער נאַטור האָט דאָ א גאַנץ יאָר ארבעט.

דאָ שלאָפט די נאַטור ניט איין, קאָרטשעט זיך נישט צוזאַמען, אַזוי ווי אַ בער אין דער נאָרע, אויף צו וואַרטן אויף אַ ווידערגעבורט, זי רוט אָפּ, ווי אַ יונגע באַלעבאָסטע, און פרייט זיך מיט אַלץ, וואָס זי האָט צוגעגרייט.

דאָס איז רעגן־צייט, דאַמאָלט, „ווען אַ וואָלקן גייט אויף פון ים אַנצוטרינקען די ערד".

וואָס האָבן מיר, די מענטשן, וואָס וואוינען ביי די גרויסע וואַסער־רייכע טייכן, אין לענדער פון רעגן, נעפּל און שניי — וואָס האָבן מיר דען פאַר אַ באַגריף פונם ווערט פון דער פּליסיקער ברכה, וואָס הייסט וואַסער!

דאָרט אין די לענדער, וואו דער זאַמדיקער, טרוקענער ווייסער מדבר לויערט פון אַלע זייטן, ווייסן מענטשן צו שעצן דעם ווערט פון וואַסער, פון רעגן און טוי און פון שלאַנגדיקע קוואַלן.

די ברכה פון גאָט איז דאָ דאָס וואַסער; די קוואַלן, וואָס שלאָגן פון צופוסן פון די בערגער, דאָס זיינען גאָטס מתנה און לייטזעליקייט. וואו עס שטראַלט פון דער ערד אַרויס דער קוואַל, דאָרט האָט זיך פון אַלע זייטן אָן געקלאַמערט אַ ישוב פון מענטשן.

און די צווייטע ברכה איז דאָ דער שאָטן.

דער מענטש זוכט דאָ נישט די זון, ווי ביי אונז, נאָר ער זוכט זיך צו באַהאַלטן פון איר.

ליידער, זיינען זעלטן די וועלדער און די באַשאָטנדיקע ערטער.

די איילבירטן און די ברושים (ציפּרעסן), וואָס זיינען אַמייסטן פאַרשפּרייט איבערן לאַנד, גיבן אַ קנאַפּן שאָטן.

ערשט אין דער לעצטער צייט, צוזאַמען מיטן נייעם ישוב, איז איינגע־פירט געוואָרן דער עקאַליפּטוס־בוים, וואָס צעוואַקסט זיך ברייט און גרויס אין זייער אַ קורצער צייט.

די דייטשישע קאָלאָניע שכונה, לעבן יפו, פאַרמאָגט אַזאַ שאָטנדיק וועלדל פון עקאַליפּטוס־ביימער, און פון תל־אביב קומט מען אַהין אויסרוען אין שאָטן.

אַזוי־פיל איז נאָך געבליבן אויפצוטאָן אין דעם לאַנד. ליידער, געפינט זיך נאָר אַ טייל פון דער ערד אין אידישע הענט.

ה. ד. נאָמבערג

ווערט דער אָוונט קילער

שטייט אַן אַלטער בוים. צעוואָקסן
זיינען זיינע קרומע צווייגן;
זיצן דאָרטן די אַראַבער
אָנגעשפּאַרט בײַם בוים און שווייגן.

ווער עס זופּט זיין שוואַרצע קאַווע,
זופּט און רויכערט זיין נאַרגילע,
ווער עס קלאַפּט אין דר'ערד זיין שטערן,
קלאַפּט און ברענגט פאַר גאָט זיין תּפילה.

ווערט דער אָוונט טונקעלער, קילער,
קומט אַ ווינטעלע פון צפון,
הויקערט מען זיך איין אין דרייען,
גייט מען אין די שטיבלאַך שלאָפן.

קלינגען גלעקער. בעדואינער
נעמען איינציקווייז זיך ווייזן,
קומען פעסט־געבויטע יונגען,
קומען גרויע, שטאָלצע גרייזן.

זעצט מען זיך אַרום אַ פייער,
וואַרעמט מען זיך אָן די גלידער;
הייבן יונגע אָן צו זינגען,
הייבן אָן צו זינגען לידער.

זינגען זיי פון זייער שבט,
זינגען זיי פון זיין נצחון,
שונאים האָט ער בייגעקומען,
שונאים האָט ער איינגעבראָכן.

אפרים אויערבאַך

די תימנ'ער אידן אין ארץ ישראל

מיין שטיוול־פוצער, אלע אינדערפרי, איז א יונגער תימנ'ער איד. ער שטייט מיט זיין קעסטל אויף רחוב הערצל, און אויב איך האב פאר־פעלט א טאג, האט ער צומארגנס צו מיר טענות: „אדון, אדון, לא היית אתמול!" (דו ביסט נעכטן נישט געווען!)

געשיקט טוט ער זיין מלאכה, און איז איין שוך פארטיק געפוצט, גיט ער א קלונג גאווה'דיק מיטן גלעקל, איך זאל מיך אויפכאפן פון מיינע מחשבות און אוועקשטעלן דעם צווייטן פוס. א דאר, מאגער פנים האט ער, ווי אלע פון זיין שטאם. זייער לעבעדיקע אויגן. זיין גאנצער גוף איז קנאכיק, הויט און ביינער, דוכט זיך, אבער דערדאזיקער גוף איז צוגעפאסט צו די שווערסטע ארבעטן, צו טראגן די גרעסטע משאות, איבערצוטראגן היץ און דארשט; אזוי ווי דאס קעמל. וואס שטאמט אזוי ווי ער, פון די אראבישע מדבריות איז ער געדולדיק און ארבעטס־פייאיק, און אזוי ווי ביי דעם קעמל, ווייעט פון זיין גאנצן וועזן אן אונטערטעניקייט צוזאמען מיט עפעס אן אריסטאקראטישן זעלבסט־געפיל.

צי האט איר געזען, ווי א קעמל, איבערגעלאדן פון ביידע זייטן מיט א שווערער משא, מארשירט ריטמיש, קוקט שטאלץ און פילאסאפיש־רואיק, טוט זיין חוב, ווי איינער, וואס זאגט: איך בין טאקע די צירונג פון דער וועלט, אבער ס'איז א גורל, א מזל אזוינער, צו שלעפן משאות פאר די לויפנ־דיקע, נערוויייאישע מענטשעלאך!

אט אזא איינדרוק מאכט מיין שטיוול־פוצער.

ער איז אויסערלאך אן אונטערטעניק באשעפעניש, אבער פון זיינע שווארצע בלאנקענדיקע אויגן בליצט ארויס אזא איראניש שמייכעלע...

די תימנ'ער אידן האבן אן איינגעבוירענע גרויסע אינטעליגענץ.

זיי זיינען אלע תלמידי־חכמים, טראגן געקרייזלטע פאות, און טוען דעביי די שווערסטע ארבעטן. דער תנא ר' יצחק נפחא האט געמוזט זיין פון זייער שטאם. דאס אראבישע האלב־אינזל האט אין פארלויף פון לאנגע דורות זיי געבאקן אין איר באק־אויוון, האט זיי צוגעגעבן פיל פון כאראק־טער פון די מדבר־קינדער. אויך זייער טראכטן און זייער שפראך איז אראַ־ביש (אחוץ די געקרייזלטע פאות), אבער נאר דאס נישט־געניטע אויג קאן האבן א טעות צו פארוועקסלען זיי מיט די אראבער. דער טיפ איז אן אנדערער.

זיי האַלטן זיך זייער ריין. אויך דאָס האָבן זיי גע'ירש'נט אפשר פון די אַלטע אבות זייערע, אַמאָל, אַמאָל אין ארץ ישראל, ווייל פון זייערע שכנים, וואָס צייכענען זיך בשום אופן נישט אויס מיט זייער ריינקייט, האָבן זיי דאָס געוויס נישט געקאָנט לערנען.

אין צעריסענע זעק, אָנשטאָט מלבושים, קומען זיי אָן פון תימן (יעמען), וואָס ביים פערסישן גאָלף, אָבער אין דער צעריסנקייט באַווייזן זיי די קונסט זיך צו האַלטן ריין.

די עליה קיין ארץ ישראל איז פאַר זיי און פאַר דעם לאַנד אַ גליק. פאַר דעם לאַנד — ווייל זיי זיינען דער פאַסיקסטער עלעמענט אויף אַלע רויע, שווערע אַרבעטן, וואָס פאָדערן געדולד, אויסגעהאַלטנקייט און — אַ מינימאַלן לוין, לויט דעם שטייגער פון די אַראַבער. דער תימנ'ער איד איז צוגעבונדן צו ארץ ישראל און האָט דאָס לאַנד ליב, ניט ווייניקער ווי אונזער חלוץ, און דערצו קומט נאָך צו, וואָס פון דער היים־אויס איז ער געוואוינט צו אַ פיל שווערער לעבן, ווי אין ארץ ישראל. פאַר דעם תימנ'ער איד איז די עמיגראַציע קיין ארץ ישראל דאָס אייגענע, וואָס פאַר אַ איד פון אַ קליין שטעטל דאָס איבערוואַנדערן קיין ניו יאָרק, ד. ה. אַן אויפֿשטייג צו אַ העכערער מאַטעריעלער קולטור, צו אַ העכערן לעבנס־שטייגער, צו אַזוינע וואוילטאָג, וואָס אינדערהיים האָט ער דערפון ניט געקאָנט חלומ'ען.

דער תימנ'ער איד איז דער נאַטירלאַכער עמיגראַנט קיין ארץ ישראל.

און אַזוי ווי רעליגיעז זיינען זיי, זיינען אַלץ זיכער, אַז די גאולה האָט זיך שוין אָנגעהויבן, אַז היינט־מאָרגן וועט פון ערגעץ זיך באַווייזן משיח אויף אַ ווייס פערד, און וועט בלאָזן אויף די גרויסע שופרות, און די וואונדער פון דער וועלט פאַרקומען.

זיי וואַרטן בוכשטעבלאַך אויף משיח'ן, יעדן טאָג.

פאַראַן ביי זיי אַ ווערסיע, אַז הערבערט סעמועל — דאָס איז דער משיח בן יוסף, וואָס דאַרט האָט ער זיך, ווי באַוואוסט, באַוויזן איידער משיח וועט קומען.

נאָר די חלוצים מיט זייער אפיקורסות זיינען פאַר זיי אַ רעטעניש.

דער תימנ'ער איד פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס דער חלוץ, וואָס היט ניט אָפּ די תורה, זאָל זיך אַזוי מוסר־נפש זיין פאַר ארץ ישראל.

ער קוועטשט מיט די פּלייצעס ביי דעם רעטעניש.

די ליבע צו ארץ ישראל דערגרייכט ביי די תימנ'ער צו עקסטאַז.

אין דעם אייגענעם טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין תל־אביב, איז אהין אָנגעקומען אַ פּארטיע פון 17 תימנ'ער עמיגראַנטן. זיינען זיי גע־גאַנגען מיט אַ ספר־תורה און האָבן געזונגען זייערע זמירות (זיי זינגען אממייסטן די העברייאישע פּערזן פון דעם באַרימטן אַלטן משורר ר' ישראל ניאגאַרא), האָבן זיך געוואָרפן צו דער ערד און זי געקושט.

דערדאָזיקער שטאַם איז נאָך פּייאיק צו אַ ברענענדיקן רעליגיעזן עקסטאַז פון די דערוווישן.

איך האָב אין צווייטן טאָג פון מיין זיין אין תל־אביב נאָטירט אין מיין נאָטיץ־ביכל:

דער תימנ'ער איד איז דער בעסטער נאַטירלאַכסטער עלעמענט אויף צו בויען ארץ ישראל. מיר, די אייראָפּייער, ווען אויף אַ צייט לאַנג אַרבעטן מיט אידעאַליזם, און די אָנפירערשאַפט וועט זיך געפינען אין אונזערע הענט.

אָבער דער תימנ'ער איד איז נישט בלויז אַן אַרבעטס־קראַפט, אויך

תימנ'ער אידן

זיין נשמה איז נאָך נישט אויסגענוצט, ווי דער גייסט, למשל, פון פראַנ־צויזישן איד, וואָס האָט שוין אַלע ווינקלען פון דער וועלט און צווישן אַלע קולטורן געלעבט.

שוין איצט ווייזט ער זיך אַרויס פאַר פּייאיק אויף איינצולעבן זיך אין אַרייאַפּייאישע פאָרמען. ער איז אַ גוטער חבר אין דער אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע; דער יונגער דור קליידט זיך אייראָפּייאיש; דער יונגער תימנ׳ער איד אָריענטירט זיך טיילמאָל אפילו אין די פּאַרלאַמענטאַרסטע טעאָריעס פון די „פּועלי־ציון“, און מען האָט מיר דערציילט, אַז די לינקע „פּועלי־ציון“ פאַרמאָגן אַ פייערדיקן אַגיטאַטאָר און זייער אַ פּייאיקן רעדנער אין דער פּערזאָן פון אַ תימנ׳ער יונגנמאַן.

און אויף די גאַסן פון תל־אביב בליצן אַמאָל ווילד אויף צוויי פייער־דיקע שוואַרצע אויגן — דאָס איז דער בליק פון אַ יונגער תימנ׳קע, וואָס האָט זיך אייראָפּייאיזירט, אָבער דאָס שמאָלע, קנאָכיקע, פיין־געשניצטע פּנים איז געבליבן. און די ווילדע אויגן זיינען געבליבן.

ה. ד. נאָמבערג

די בשורה אין 1917

אַריבער קעפּ געבויגענע מיט אַש באַשאָטן,
איבער היימען חרוב׳ע און האָב־און־גוטס צעטראָטן;
אַריבער קינדס געוויין און מאַמעס קלאָגן —
האָט זיך אַ קלאַנג, אַ גאולה־קלאַנג צעטראָגן.

און ס׳האָט דער קלאַנג געהייליקטער דורך בלוט און פלאַמען,
צעטראָגן זיך אַריבער אַלע שבעה ימ׳ען;
און איינגעשטילט האָט זיך דאָס בלוט,
וואָס האָט די ערד געבאָדן,
וואָס האָט זיך ניט פאַרזאַפּט אין זאַמד און דורות־לאַנג געזאָדן.

און אָפּגעלאָזט האָט מאַמעס האַנט, וואָס האָט די האָר געריסן;
די ציין — וואָס האָבן זיך אַליין דאָס פלייש ביז בלוט געביסן —
עס האָט דער אַלטער גרייז אַ ציט׳רענדער אין טיפן גלויבן
דעם קאָפּ געבויגן טיף און ווייגען אָנגעהויבן.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

קלאַס־אַרבעט

1. פון אייערע פריערדיקע אַרבעטן איז אייך אוודאי אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיטן געדאַנק פון ציוניזם, אפשר אויך מיט אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער מיט באַקאַנטע, וואָס זיינען ציוניסטן. פון די אַלע זאַכן פּרובירט צונויפשטעלן אַ קורצע דערקלערונג, וואָס עס מיינט ציוניזם. אויב איר זייט נאָך ניט גרייט דערצו, וואָלט גוט געווען, איר זאָלט אָנשרייבן אַ בריוו צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיי זאָלן אייך צושיקן ליטעראַטור וועגן דעם. מיט דער ליטעראַטור דאַרף אייך די אַרבעט שוין אָנקומען לייכטער.

2. דער ציוניסטישער געדאַנק האָט פאַרשידענע סאָרטן אָנהענגער: עס זיינען פאַראַן די

א) אַלגעמיינע ציוניסטן

ב) פּועלי־ציון

ג) מזרחי

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן זיי? געפינען זיך ביי אייך אין שטאָט אָפּטיילונגען פון די דריי?

3. אונטער וועמעס הערשאַפט געפינט זיך איצט ארץ ישראל? האָט איר געלייענט די „באַלפור־דעקלאַראַציע"? פאַרגלייכט די צוזאָגן פון דער דעקלאַראַציע מיט דער איצטיקער לאַגע אין לאַנד. מיט וואָס קאָנען מיר דאָס דערקלערן?

4. אין וואָס באַשטייט דער קאַמף צווישן די אידן און די אַראַבער — ווי אַזוי וואָלט איר געלייזט די דאָזיקע פראַגע?

5. מיט וואָס דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אַ סך אידן אין אַמע־ריקע, וועמען עס לעבט זיך דאָ זייער גוט, וואָלטן זיי דאָך זייער שטאַרק געוואָלט, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אַ אידיש לאַנד?

6. וועלכע אַנדערע לענדער זיינען אין פריערדיקע יאָרן פאָרגעשלאָגן געוואָרן, ווי פּאַסיקע פאַר אַ אידיש היימלאַנד?

7. באַקאַנט זיך מיט די ביאָגראַפיעס פון דר. טעאָדאָר הערצל, ישראל זאַנגוויל און דר. מאַקס נאָרדוי. זיי האָבן אַלע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער באַוועגונג צו שאַפן אַן אייגן לאַנד פאַר די אידן.

8. צייכנט אָן אין גראַפן די צאָל אידן אין פאַרשידענע לענדער. וועלכעס אָרט פאַרנעמט ארץ ישראל? איז ווי קומט עס, וואָס עס שפּילט דאָך אַזאַ גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן?

אַרגענטינע

די אידישע איינוואַנדערונג אין אַרגענטינע

די אידישע אייוואַנדערונג קיין אַרגענטינע און די גרינדונג פון די אידישע קאָלאָניעס דאָרט, איז זייער אַ יונגע. אָנגעהויבן האָט זיך די אידישע אימיגראַציע אין לאַנד אין לעצטן צענדליק יאָר פון 19טן יאָר־הונדערט. ביז 1890 זיינען דאָרט כמעט קיין אידן נישט געווען.

קיין אַרגענטינע זיינען געפאָרן דריי סאָרטן אידן: אַזעלכע וואָס האָבן געזוכט אַ נייעם ישוב צו לעבן און זיך באַפרייען פון פאַרפאָלגונגען, פאָגראָמען און שטענדיקער מורא, און אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט צו באַזעצן זיך אויפן לאַנד, ווערן ערד־אַרבעטער און אויפהערן לעבן פון לופט, פון שטענדיקן האַנדל און וואַנדל.

אין יענע יאָרן איז פון דעם באַראָן הירש געגרינדעט געוואָרן די „אידישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט" (איקא), וועמעס צוועק ס'איז געווען: העלפן אידן זיך באַזעצן אויף פאַרמס און ווערן ערד־אַרבעטער. די איקא האָט אָפּגעקויפט ריזיקע לענדערייען אין אַרגענטינע און זיי צעטיילט (ווי הלוואות וואָס האָבן געדאַרפט אָפּגעצאָלט ווערן אין משך פון אַ צאָל יאָרן) צווישן די אַלע, וואָס זיינען וויליק געווען דאָס לאַנד צו באַאַרבעטן, און זיך דאָרטן אויפבויען זייערע היימען.

צווישן 1890 און 1904 האָבן קיין אַרגענטינע איינגעוואַנדערט נאָענט צו 40 טויזנט אידן, פון זיי האָבן זיך אַ טייל באַזעצט אין די איקא־קאָלאָניעס און די גרעסטע צאָל אין די שטעט, באַזונדערס אין בוענאָס איירעס. כאָטש דאָס באַזעצן זיך אין לאַנד איז די אידן אָנגעקומען זייער שווער, זיינען זיי אָבער גרייט געווען איבערצוטראָגן אַלע יסורים, אַבי זיין פריי, ניט ליידן פון קיין באַיקאָטן, פּאָגראָמען און גזרות.

פון סאַמע אָנהייב איינוואַנדערונג ביז דער וועלט־מלחמה האָט דער שטראָם פון אידישער אימיגראַציע ניט אויפגעהערט. יעדעס יאָר פלעגן אין אַרגענטינע אָנקומען אַן ערך זיבן טויזנט נייע אידישע אימיגראַנטן, אַזוי אַז פון 1904 ביז 1915 זיינען צוגעקומען קנאַפּע 85 טויזנט אידן. מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, זיינען זיי אַלע געקומען פון די אידישע צענטערן אין מזרח־אייראָפּע.

די איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע איז פאַר די אימיגראַנטן געווען אַ לייכטע און אַ פרייע. די רעגירונג איז ספּעציעל געווען צופרידן דערפון, וואָס די אידן האָבן זיך באַזעצט אויפן לאַנד און פאַרוואַנדלט די ווילדע

פאמפאס אין רייכע און בליענדיקע קאָלאָניעס.

אצינד געפינען זיך אין ארגענטינע אן ערך צוויי הונדערט טויזנט אידן. די מערסטע פון זיי, ארום 100,000 טויזנט, וואוינען אין דער הויפּט־שטאָט — אין בוענאָס איירעס; ארום 30,000 אידן וואוינען אין די קאָלאָניעס און די איבעריקע 70,000 זיינען צעוואָרפן איבער א גאנצער ריי שטעט און שטעטלעך.

די אידישע איינוואנדערונג קיין ארגענטינע

יאָר	צאָל נפשות	פּראָצענט פון דער אידישער איינוואַנדערונג לגבי דער אלג. צאָל
1904	4,000	2.5
1905	7516	3.4
1906	13,500	4.5
1907	2,518	1.0
1908	5,444	1.8
1909	8,557	3.1
1910	6,581	1.9
1911	6,378	2.3
1912	13,416	3.5
1913	10,860	3.0
1914	3,693	2.0
1915	606	0.7
1916		
1917		
1918		
1919	280	0.4
1920	2,071	1.8
1921	4,095	3.3
1922	7,198	4.5
1923	13,701	5.9
1924	7,799	4.9
1925	6,920	

30 יאָר קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע

אַרגענטינע! אַמאָל איז דאָס געווען אַ וואָרט, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע אידישע שטעט און שטעטלאַך, ווי אַ רוף אויסגעלייזט צו ווערן, אַ וואָרט, וואָס האָט געמאַכט ציטערן אידישע הערצער מיט פרייד און דער־וואַרטונג און האָפענונג. אַזוי ווי אַ פרייער ליבער ווינט אין פרילינג האָט דורכגעשפּאַצירט אין אַלע אידישע מקומות אַ בשורה: אַ לאַנד פאַר אידן, אַ לאַנד פאַר אידישע ערד־אַרבעטער, אַן אויסלייזער איז אויפגעשטאַנען, דער באַראָן הירש! אידן איז באַשערט אויפגעפרישט און אויפגעריכט צו ווערן, פּטור צו ווערן פון אַ לעבן, פול שאַנד און נויט, גזירות און פּאָגראָמען.

קהל־לייט האָבן זיך גע׳קהל׳ט, שרייבער האָבן געשריבן, די צייטונ־גען האָבן געמאַכט אַגיטאַציע, ווער פאַר, ווער קעגן. דער „המליץ" מיט דער „הצפירה" האָבן זיך געאַמפּערט. טומלערס האָבן געטומלט, בעל־דרשנ׳ס האָבן גע׳דרשנ׳ט, אינטעליגענטישע פאַרשפּיצטע קעפּ האָבן זיך גע׳פּלפּול׳ט: צי איז אַרגענטינע אַ קאָנקורענץ צו ציון, צי נישט. מיט איין וואָרט, אין דער אידישער עפנטלאַכקייט האָט אַרגענטינע פאַרנומען עטלאַכע יאָר נאָכאַנאַנד זייער אַ חשוב׳ן אָרט.

קרעמער פון גראָדנער גובערניע, ישוב׳ניקעס פון בעסאַראַביע הערן אויס, זיינען זיך מישב, באַשליסן, און גייען, גייען מחנות גאַנצע, הונדער־טער און טויזנטער, צו אַ ניי לאַנד, צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער, צו אַן ערלאַכער און בכבוד׳יקער פרנסה. געזונטע אידישע פאָלקס־מענטשן, מיט ברייטע פּלייצעס, יונג נאָך און פול מיט בטחון, לאָזן זיך אין ווייטן וועג אַריין. און עס באַגעגנט זיי אַ ברייטע וויסטעניש, אַזוי ווי דער ים אומ־באַגרעניצט און אַזוי ווי דער ים איינטאָניק, אַ ווייטער סטעפּ ווי אַ טיש גלייך, באַוואָקסן מיט ווילד גראָז. אָן אַ שפּור פון מענטשלאַכן ישוב, אָן אַ צייכן פון קולטור. דאָ האָפן זיי צו פאַרבלייבן, זייער לעבן אויסצולעבן.

דאָס לאַנד איז אומבאַקאַנט, דער קלימאַט אַזוי ווילד און שווער, די ווינטן זיינען אַזוי שרעקלאַך, און הונדערטער פּורעניות׳ן און שטרויכלונגען וואַרטן אויף זיי — אויף די פּיאָנערן, געשיקט צו מאַכן פון אַ מדבר אַ פרוכטבאַר לאַנד.

פאַר זיי איז נישטאָ קיין צוריק. זיי קאָנען זיך נישט פאַרקערעווען,

איבערלייגן, אָדער פאַרגעסן, ס'איז אַ האַרטער און ערנסטער ענין, אַ פראַגע פון עקזיסטענץ.

אַן ערך 3500 אידישע פאַמיליעס זיינען איצט פאַראַן אין אַרגענטינע. נישט אַלע זיינען גוט איינגעפונדעוועט; אַ טייל פון זיי מאַטערן זיך נאָך עד־היום, אַרבעטן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, און ראַנגלען זיך אומזיסט מיט דער קאָרופּציע, וואָס האָט איר גלייכן נישט, אַ קאָרופּציע, אַן אומפאַרשעמטע, וואָס האָט פאַקטיש די גרויסע אידייע פון באַראָן הירש געמאַכט צו־נישט. דער גרעסטער טייל אָבער פון די קאָלאָניסטן, נאָכדעם ווי זיי זיינען איבערגעקומען די שווערע און האַרטע יאָרן, זיינען איצט כמעט איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטים, און פיל פון זיי זיינען פאַרמעגלאָך.

30 יאָר זיינען אַריבער. פון די פּיאָנערן זיינען פיל אויסגעשטאָרבן, נאָך מער זיינען זיך צעלאָפן, דאָס גאַנצע „ערב־רב", וואָס שלעפּט זיך נאָך יעדער ערנסטער באַוועגונג, איז סוף כל סוף פאַרשוואונדן. די יק"א האָט אָפּגעשטעלט אין אַרגענטינע איר קאָלאָניסטישע טעטיקייט, אירע באַאַמטע זיינען איצט באַשעפטיקט מיט דער איינציקער פראַגע: ווי אַזוי אַרויסצוציען וואָס מער פּראָפיט פון דער אַרגענטינער „אונטערנעמונג". און דאָך, ווען איר פאָרט איצט נאָך אַרום אין די ווייטע פאַרוואָרפענע פונקטן פון די קאָלאָניעס, ווערט איר דערשטוינט צו טרעפן נאָך עד־היום ביי אַ אידישן געזונטן פאָלקס־מענטש, דאָ, צי דאָרט, דעם אַלטן אידעאַליזם. די ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען הייליק און הויך מיט 30 יאָר צוריק, די ווערטער וועגן ערלאַכער אַרבעט, וועגן בכבוד'יקער פרנסה אויף דער ערד. אָט די ווערטער לעבן נאָך דאָרט, אין דער ווייטער פּאַמפּאַ, ערגעץ אין דעם מויל פון אַ באַיאָרטן קאָלאָניסט, און דאָס זיינען נישט ווערטער, נאָר מעשים, יאָרן פון לאַנגער האָרעוואַניע. נויט און איינגעשפּאַרטקייט ליגן אונטער זיי.

ה. ד. נאָמבערג

אנגעקומען קיין ארגענטינע

אין א זונטיק־טאג, י"ט אב, אדער דעם 23טן אויגוסט פון 1891, האט מיך די דייטשע שיף טאקיא מיט נאך 300 עמיגראנטן געבראכט פון האמבורג קיין בוענאס־איירעס, נאך א רייזע פון 32 טאג אויפן ים.

איידער דער דאמפער איז צום האפן צוגעשוואומען, ווען מיר האבן פון ווייטנס דערזען די שטאט, איינגעהילט אין שאטן פון די פאלמען־ביימער, האט אונז א שטארקע שמחה באהערשט. די מאמעס האבן זייערע קינדער אין דער הייך געהויבן דערקלערנדיק זיי מיט פרייד:

— זעט קינדערלאך! אט דארט איז דער גן־עדן, דאס שיינע גרינע לאנד, וואס דער גוטער בארא̈ן הירש האט פאר אונז געקויפט.

— ערד־ארבעטער, קאלאניסטן וועלן מיר ווערן: פרייע אידן וועלן מיר זיין. אוים פאגראמען, אוים איגנאטיעוו מיט זיינע גזרות! — האבן די ארויסגעטריבענע דארפס־אידן גע'טענה'ט.

קליינע שיפלאך זיינען צו דער טאקיא צוגעקומען, ארויסגענומען צו צוויי־דריי משפחות מיט זייערע פעקלאך און קלומעקלאך, זיי צוגעפירט צום ארגענטינער באדן, ווען מען האט געלאנדט.

עס געדענקט זיך נאך, ווי היינט, יענער עפיזאד אין שיפל, וואו ס'זיינען געזעסן איך, מיין פרוי און מיינע דריי קינדערלאך, פון וועלכע דער עלטסטער, מיין בחור אברהם, איז אכט יאר אלט געווען — ווי ער האט זיך איבערראשט צו זיין מוטער געווענדט:

— זע נאר, מאמע, דארט אויפן ברעג שטייט א שווארצער „אוריאדניק", רויכערט א גרויסע ליולקע, ציט און ציט, און ס'גייט אליין קיין רויך ניט!

ערשט שפעטער האבן מיר זיך דערוואוסט, אז דאס האט דער שווארצער „וויזשילאנט" געצויגן דורך דער „באמביזשע" די פארפארעטע „זשערבא"־טיי — דאס נאציאנאלע ארגענטינער געטראנק, וואס איז באקאנט אונטערן נאמען „מאטע" און וואס ווערט דורך א בלעכן אדער זילבערנע רערל געטרונקען פון א קירבעס־טעפעלע.

די לאדקעס האבן אונז, עמיגראנטן, געבראכט אינם עמיגראנטן־הויז; אן אלטע, גרויסע, מיט מאך און שימל באוואקסענע, הילצערנע געביידע, וואו עס זיינען געווען צימערן און חדרים'לאך אן א שיר, דארטן האבן מיר אנגעטראפן נאך א צוויי הונדערט אידישע עמיגראנטן, וואס די שיף ליסאבאן האט פריער מיט א פאר טעג געבראכט.

עטלאכע פארברווינטע פארשווינען, האלבע נעגער, האבן דורך מימיק אונז צום טיש צוגעוואונקען,, אנצייגנדיק מיטן האנט אין מויל אריין — ווייל שפאניש האט פון אונז קיינער קיין איין ווארט ניט פארשטאנען — און מיר האבן זיך ארום די לאנגע טישן געזעצט.

די שווארצע האבן ברויט און א בלעכן שיסעלע מיט פלייש דערלאנגט יעדערן. קיין אפעטיט האט קיינעם פון אונז ניט געפעלט. אלע, סאמע יונגע מענטשן, נאך א לאנגער ים־רייזע, האט מען זיך געשמאק צו דער אכילה גענומען... פלוצים איז אויסגעוואקסן א דאר אידל, א קליינטשיקס, מיט א משופע געל בערדל און גרויסע אויגן, האט ווי א וויכער זיך גע־טראגן פון איין טיש צום צווייטן און יעדן איינעם עפעס א סוד איינגערוימט אין אויער. ס׳איז א שושקעריי געווארן, פילע האבן די שיסעלאך מיטן געשמאקן עסן אפגערוקט אן א זייט. הונגעריקע קינדער האבן זיך פאנאנ־דערגעוויינט:

— מאמע, מאמע, כ׳וויל עסן! פארוואס נעמסטו צו דאס עסן?

די פרויען האבן נישט געענטפערט און שווייגנדיק ביי די קינדער זייער שפייז אוועקגענומען. עלטערע אידן, פרומע, וועלכע האבן דאס עסן סיי־ווי־סיי ניט אנגערירט, זיינען פון ווייטן געשטאנען, געצויגן מיט די אקסלען און פארכמורעט געשוויגן...

אייניקע פרויען האבן זיך איילנדיק אויפגעהויבן פונם טיש און זיינען אוועק אין דרויסן, וואו זיי האבן צוריקגעגעבן זייער עסן...

דאס האט אונז אנגעהויבן צו פאראינטערעסירן; אבער איידער כ׳האב נאך געוואלט אנהייבן נאכצופארשן, איז יענער אידל אויך צו אונזער טיש צוגעקומען און האט אונז פארטרוילאך מיטגעטיילט:

— עסט ניט! דאס איז פערדן־פלייש! אלטע שקאפעס קוילעט מען דא און מען גיט זיי די אימיגראנטן צו עסן!

אבער כהרף־עין איז ארויסגעשפרונגען א יונגערמאן, שמואל האלעבי־ליאן, אליין א קיעווער, און האט אויסגעשריען:

— אוועק צבוע׳אק, ווער פרעגט דען דיך, ווער? — דערביי האט ער אים מכבד געווען מיט א מתנת־יד, וואס האט רוישיק אפגעהילכט איבערן גאנצן זאל.

דער נפש האט זיך אינדרייען איינגעקארטשעט און איז אונטער די הענט נעלם געווארן... שפעטער האבן מיר אים פילע מאל באגעגנט: ער איז אנגעקומען פאר א קאלאניסט אין מאאוריציא, וואו ער האט אונז א סך צרות פארשארפט.

דער יונגערמאַן, וואָס האָט דעם צבוע'אַק אויסגעפּאַטשט, איז צוזאַמען מיט זיין שוועד, אברהם פּעפּ, אַ זייער בכבוד'יקן אידן, ארומגעגאַנגען די טישן און דעם עולם באַרואיקט, אריינ'טענה'דיק:

— דער שבתי־צבי'ניק איז אַ כזבן! עסט, קינדער, און גלייבט ניט אין זיינע ליגן. אַרגענטינע איז געגוג רייך און פּי, זי דאַרף ניט געבן אירע אימיגראַנטן, וועלכע זי האָט גערן, קיין פערדן־פלייש. מיר קאָנען אים, אָט יענעם פּאַרשוין, נאָך פון גאַליציע, וואו ער איז מיט אונז צוזאַמען געפאָרן. אויף דער רייזע האָט ער זיך ארויסגעוויזן, אַז ער איז אַ שנאָ־רער און דערצו נאָך אַ פּשוט'ער אַפּנאַרער...

נאָכן עסן האָט אַ באַאַמטער יעדן מאַנספּערזאָן אַ דערלויבעניש־צעטל געגעבן ארויסצוגיין אין גאַס, אויב ער וויל די שטאָט אָנקוקן. פרויען האָט מען ניט דערלויבט ארויסצוגיין. די מענער האָבן געמעגט אַפּוועזנד זיין ביז 5 פאַרנאַכט — און דאַן האָט יעדער זיך געמוזט איינגעפינען צוריק אין „אימיגראַנטן־האָטעל".

מרדכי אַלפּערסאָן

אין שטורעם און שלאַקסרעגן

די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן, ס'איז מאָמענטאַל פינסטער געוואָרן.

די פיר אַרגענטינער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיינען פון די פערד אַראָפּ־געקראָכן, פון אונטערן זאָטל האָבן זיי אַפּערגענומען אַ גרויסע שאַל, אַזוי ווי אַ טלית, מיט אַ שפּאַלט אין דערמיט, די „פּאָנטשאָ", און דאָס אָנגעטאָן, ווי אַרבע־כנפות, דורכן קאָפּ. זיי הייבן אָן פאַררויכערן צו ציג־גאַרעטלאָך, ווידער אַרויפגעשטיגן אויף די פערד און האַרט, איינער לעבן צווייטן, זיינען זיי אַלע ארויסגעריטן אויפן פּראָנט אַרויס.

דער הימל האָט באַקומען אַן אַש־קאָליר; ערטערווייז אַזש גרוי. באַלד האָבן זיך די קאָלירן געביטן, שטיקער געוואָרן גרין, שטיקער שוואַרץ, אויף אונז האָט זיך ווי אָנגעהויבן שיטן אַ פינסטערניש, אַ מין געדיכטע שוואַרצ־קייט האָט אונז איינגעהילט. דער חושך האָט אונז איינגעדעקט און ווי אין אייזערנע קלאַמערס איינגעשלאָסן. אינסטינקטיוו האָבן מיר זיך צוגערוקט און איינגעפּרעסט איינער אָן צווייטן, עפּעס אַ מין געהיימער פּחד האָט אונז

באהערשט, און טאקע באלד האבן מיר דערהערט דעם טעמפן שומען פון די גראזן, דער גאנצער סטעפ ארום האט פלוצים גענומען רעש'ן, רוישן און אויפציטערן... די פערד פון די שפאניער האבן שטארק געפארסקעט מיט די נעזער און זיך גערוסן פונם צוים אונטער די לייצעס...

— פאמפערא! פאמפערא! — האבן די „וויאקיאנאס" דערשראקן איינער צום צווייטן געזאגט.

מיר האבן דעמאלסט די באדייטונג פון דעםווארט ניט פארשטאנען. אבער אין א רגע ארום האבן מיר די פארטייטשונג באגריפן.

פון צפון־מערב זייט האט דאס הודיען פונם שטורעם־ווינט זיך צו אונז דערטראגן. דער „פאמפערא" איז אנגעקומען, האט א כאפ געטאן די קעפלאך פון די גראזן און מיט כעס זיי געשליידערט איינעם צום צווייטן, זיי צעריבן, זיי צעריסן אויף פיץ־פיצלאך און די פאלאווע אונז אין פנים אריינגעשאטן... די גאנצע לופט האט אויפגעציטערט, און דער ווינט האט זיך צעבושעוועט, האט געוואיעט, זיך געבייזערט און מיט קולי־קולות גע־ברומט און געשטורעמט... שטראמען ווינט, ווי די כוואליעס פונם ים, האבן זיך געקייקלט איבער אונזערע קעפ. צעריבענע שטרוי, אויסגעמישט מיט זאמד, האבן אונז די אויגן פארשאטן. ווייטער גיין איז אוממעגלאך געווען, און ווי אונטער א מיליטערישער קאמאנדע האבן מיר אלע דריי הונדערט וואנדרער, אינסטינקטיוו זיך אויף דער ערד אויסגעלייגט.

מיטאמאל איז דער ווינט אפגעהאקט געווארן, און א פיינלאכע שטיל־קייט האט איינגעטראטן. א בליץ האט דורכגעריסן דעם שווארצן הימל, און ס'האט א שרעקלאכער דונער אויפגעקנאלט, אז עס האט אזש פון דער ערד געהויבן. ביים שיין פון בליץ האבן מיר דערזען, ווי אונזערע וועג־ווייזער טראגן זיך שנעל אפ און ווערן נעלם....

גראבע טראפנס רעגן, אנפאנג ווארעמע און באלד אייז־קאלטע, האבן אנגעהויבן פאלן אויף דער ערד. דער ווינט, וואס איז אויף א ווילע אנט־שוויגן געווארן, האט איבער אמאלס אויסגעבראכן און געבושעוועט נאך מיט מער כעס ווי פריער, האט געשטורעמט, געריסן, געמאכט א משונה'דיקן רעש און דעם רעגן אפגעטריבן פון אונז...

א שרעקלאכע מלחמה, א לופט־שלאכט צווישן דעם „פאמפערא" און דעם רעגן איז אויבן איבער אונז געפירט געווארן — און דער לעצטער האט גובר געווען. א מבול וואסער האט זיך א גאס געטאן פון די וואלקנס, האט דעם שטורעם באזיגט און אים שווייגן געמאכט.

— געגאנגען! — האבן מיר זיך קעגנזייטיק געמוטיקט און פים גע־

שטעלט, דער רעגן האָט ווי מיט עמער געגאָסן און אונז דורכגענעצט ביז די ביינער. די וואָלענע קאָלדרעס פון דער שיף, וואָס כמעט יעדערער האָט מיט זיך אַזעלכע געטראָגן, זיינען געוואָרן ווי בליי. דורכגענעצט ביזן מאַרך, האָבן מיר זיך פינפערווייז ביי די הענט גענומען און זיך געשטופּט פאָרווערטס, גלייך אין חושך אריין. וואוהין? דאָס האָבן מיר אַליין ניט געוואוסט! מען האָט געבראָדזשעט אין די נאַסע גראָזן און געוויקסן אָן א וועג און אָן א ציל.

באַגלייט פון אומהויפּהערלאַכע בליצן און הילכנדע דונערן, האָבן מיר, ציטערנדיק מיט אַלע נערוון, זיך אַזוי געשלעפּט קענגן א שעה' צייט, ביז ביז מיר זיינען צוגעקומען צו א דראָטענעם פּלויט, אָן „אַלעמבראַדאָ״, מיט וועלכע די היגע פעלדער ווערן ארומגעצוימט.

— סטאָפּ! א וואַנט — האָבן זיך דערהערט קולות פון די פאָדערשטע רייען, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט צעקלאַפּט די נעז און צעקאַליעטשעט אָן די „פאָסטעס״ — די סלופּעס, דורך וועלכע דער דראָט איז דורכגעצויגן.

— היט זיך, א וואַנט! — אָבער ווער האָט געקאָנט אין אַזאַ וועטער הערן? מען האָט זיך אָנגעשלאָגן, זיך צעשטויסן און זיך צע'הרג'עט, צע־בלוטיקט און צעטראָטן. דאָס גליק איז נאָך געווען, וואָס דעמאָלסט האָט מען נאָך קיין שטעכעדיקן דראָט ניט באַנוצט, אַניט וואָלטן נאָך פּיליכט געווען געפערלאַך פאַרוואונדעטע און אפשר אויך טויטע... דער גאַנצער עולם האָט זיך דערשלאָגן צו דער דראָטענער וואַנט און איז שטיין געבליבן, אַליין ניט וויסנדיק, וואָס ווייטער צו טאָן.

אינדעם האָבן מיר דערהערט א געשריי: „רוסאָס״, און א הילכיקער פּייף פון די גאַוטשאָס האָט דורכגעשניטן די לופט און אָפּגעקלונגען אין די אויערן.

ביים שיין פון לאַנג־דויערדיקן שטאַרקן בליץ, האָבן מיר פון דער אַנ־דערער זייט דערזען צוויי פון אונזערע וועג־ווייזער, רייטנדיק גאַנץ געמיט־לאַך אויף זייערע פערד, און מיר האָבן זיך געדרונגען, אַז אונזער לאַנד איז געווים אויף יענער זייט צוים. מיר האָבן איילנד גענומען אריבערקלע־טערן די אָנדערהאַלבן מעטערדיקע וואַנט. מיט מי און אָנשטרענגונג איז אונז ענדלאַך געלונגען אריבערצוקריכן אויף דער צווייטער זייט.

אַן ערך נאָך א שעה צייט האָט דער שלאַקס־רעגן נאָכגעלאָזט, דער מבול האָט אויפגעהערט, און א זומערדיקער דריבנער רעגנדל האָט פּליי־סיק דעם פּלאַץ פאַרנומען. די עלטערע מענטשן זיינען מיד געוואָרן; דער רעגן האָט די קאַפּאָטעס אָנגעווייקט, און די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיי

ווייטער צו טראָגן — און זיי זיינען צוגעשטאַנען. די שטאַרקערע, די אינ־
גערע, האָבן אוועקגעשפּאַנט פאָרויס. וואוהין? גלייך דעם חושך אין מויל
אַריין.

די קאַראַוואַנע איז צעשלאָגן געוואָרן. פריער גרויסע גרופּעס צו דריי־
סיק־פערציק מאַן; נאָכער קלענערע און גאָר קליינינקע, צו 6־5 פּערזאָן.
אַט אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט איבערן סטעפּ, געשריען איין בינטל צום
צווייטן „העפּ! העפּ!" ביז מען האָט זיך דערווייטערט איין גרופּע פון
דער אַנדערער, און די קולות זיינען פאַרשטומט געוואָרן...

איך בין פאַרבליבן אין אַ גרופּע זאַלבעפערט. מיר האָבן זיך ביי די
הענט געהאַלטן און געשפּאַנט אַלץ ווייטער.

פלוצים האָט זיך איינער פון אונז אָפּגעשטעלט. ער האָט מער ניט
געקאָנט גיין, די פיס האָבן ניט געדינט...

— לאָזט מיך, ברידער, לאָזט מיך דאָ — האָט ער פאַראומערט זיך
געבעטן — די כוחות האָבן זיך מיר אויסגעשעפּט! — מינה וביה, איז ער
שוין געלעגן אויפן נאַסן גראָז.

— וואָס רעדט איר, פעטער? שטאַרקט זיך! קומט, באַלד וועלן מיר
שוין צו אַ ישוב אָנקומען!

אָבער ער רירט זיך ניט פונם אָרט... דערווייל שמייסט דער רעגן, און
ער געפינט זיך כמעט ווי אין אַ טייך. וואָס טוט מען?

מיר האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און געטאַסקעט... אָפּגע־
שלעפּט אַ הונדערט מעטער. אָבער שלעכט, מיר ווערן מיד! וואָס־זשע
טוט מען פאָרט? מיר קאָנען דאָך אים ניט לאָזן דערגיין!

— הערט, ברידער — זאָגט צו אונז דאָס אידל מיט אַ שוואַך קול
— לאָזט מיך איבער אָט־דאָ. איר קאָנט מיר גאָרניט העלפן, די כוחות,
פיל איך, גייען מיר אויס... כ'בין אַ מענטש אַריבער חמישים, אויף דער
שיף די גאַנצע צייט ניט געגעסן. אין אימיגראַנטן הויז איז אויך טרפה געווען...
היינט דעם גאַנצן טאָג געפאַסט... קאָלאָמבוסעס בולקעלאָך, די דאָרע פלע־
צעלאָך, זיינען ניט פאַר מיינע ציין... איצט דאָס לויפן אין מדבר — האָט
מיך גאָר דער׳הרג׳עט! נעמט אַרויס פון מיין בוזים־קעשענע אַ ביכל מיטן
פּאַספּאָרט און אין איין זאַק, אויפן לינקן פוס, האָב איך 35 רובל אין אַ
שטיקל סיראַטע באַהאַלטן, כדי די רשעים אין לעמבערגער קאָמיטעט זאָלן
עס ניט געפינען, איך האָב געקלערט דאָס געלט מיין ווייב מיט די פיר
מיידלאַך מיינע צו שיקן, זיי גייען ממש אויס פון הונגער, דאָרט אין „שוואַרץ
טומאה"; איצט וועט דאָס געלט צונוץ קומען אויף בגדים...

און אינדעם צעבליפעט זיך דער אלטער, אקוראט ווי א קינד.

— חברה, א נאסילקע! אינדרייען וועלן מיר אים טראגן! — האט איינער פארגעשלאגן. א קאלדרע פון די שיפס־דעקס איז אויסגעשפרייט גע־ווארן, צוויי פארנט, איך ביי די פיס, האבן מיר אים אזוי עקשנות'דיק געטאסקעט און ווייטער געגאנגען.

דערווייל האט דער רעגן אויפגעהערט, אבער מיר זיינען אלע דריי אין שוויים איינגעטונקען געווארן... פלוצים זיינען מיר אויף א בערגל ארויף, און איינער פון אונז האט פרייליך אויסגעשריען:

— ליכט! איך זע דארט פייער!

דער אלטיטשקער, וואס האט אויסגעוויזן ווי א בר־מנן, איז ביי דעם ווארט גאר פון דאס ניי לעבעדיק געווארן. „מיר זיינען געראטעוועט"! — האט ער מיט שמחה געזאגט און זיך אויף די פיס געשטעלט.

א צען מינוט האבן מיר זיך אויסגערוט, און מיט פרישער האפענונג, פירנדיק דעם אלטן אונטערן ארעם, האבן מיר זיך צום פייער געצויגן.

— אהער! אהער! — אטדא זיינען מיר! — האבן מיר גאר נאענט דערהערט, און מיט די לעצטע קרעפטן זיינען מיר צוגעקראכן צו יענעם ארט.

מרדכי אלפערסאן

דער גאַוטשאָ באַראַבוינאַ

דער גוטער גאַוטשאָ, גלויב איך, איז ווערט, אַז איך זאָל צו זיין געדעכעניש אַ פּאָר טראָפּן טינט פאַרלירן, און איר, לעזער פון דידאָזיקע שורות, מעגט, כ׳לעבן, געדולד האָבן און זיך באַקענען מיט דער אײדעלער נשמה פון אַ האַלב־ווילדן גאַוטשאָ, מיט דער אײנפאַכקייט פון אַ פּרימיטיוון מענטשן, מיטן געהיימניספולן באַראַבוינאַ.

אַן ערך אַ יאָר פערציק איז ער אַלט געווען. ווער קאָן דען אויף ריכטיק וויסן די יאָרן פון די פּאַמפּאַ־קינדער? זיי אַליין ווייסן עס אויך ניט!

אַ ברוינער, מיט אַ צעאַקערטן, צעפּאַלבטן פּנים, גלאַנצנדיקע גלאַטע האָר, שוואַרץ, ווי די גריווע פון זיין „אַסקוראַ“־פערד, אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד האָט ער געטראָגן און פון אונטער די געדיכטע אַרונטערגעפאַלענע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע, דימענטענע אויגן, וועלכע האָבן זיך ווי געבאָדן אין אַ ווייס טייכל, מיט רויטן זאַמד באַברעמט... אַ אידישע אָדלער־נאָז, אַ פּאָר גראָבע פליישיקע ליפּן, פון וועלכע די אונטערשטע איז אַביסל אַרונטערגעהאַנגען, און איבער וועלכער ס׳האָט שטענדיק ווי געשוועבט אַ גוטמוטיקער שמייכל — דאָס איז זיין דאַמאָלסדיקער אויסזען געווען.

זיין געדיכטע קוטשמע האָר, די „מעלענאַ“, איז אַרומגעבונדן געווען מיט אַ שניי־ווייס טיכל, איבער וועלכן ס׳איז, אַראָפּגערוקט ביז צו דער פּאָטעלניצע, געזעסן זיין געלער, ברייט־ראַנדיקער הוט. אויפן האַלז האָט ער געטראָגן אַ געשרייפט טיכל אַלס אַ קראַוואַט. אַ לעדערנער גאַרטל אָדער „פּאַכאַ“ — באַלוישט מיט זילבערנע מטבעות, האָט ער אַרום די לענדן געהאַט און הינטער אים האָט אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגער שאַרפער „פּאַקאָן“ מיט אַ זילבערנעם הענטל, און אים איז נאָכגעהאַנגען אַ פּאַסקעוואַטע „טשיריפּאַ“, וואָס האָט זיין אונטערשטן טייל קערפּער אײנגעוויקלט ביז צו די פיס, אויף וועלכע ער האָט געטראָגן קאָלירטע שקאַרפּעטקעס און ווייסינקע „אַלפּאַגאַטאַס“.

אויפן פלייצע איז אים אַריבערגעהאַנגען אַ גיטאַרע, אַ מעטאַלענער טשייניק און אַ מאַטע־באַמבילשאַ איז אָנגעבונדן געווען.

זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ קליין געפלעקט הינטעלע, וואָס איז ביי אים געלעגן פאָרנט אויפן זאָטל, און הינטן אַ קליין שוואַרץ־חנ׳עוודיק מיידעלע פון אַ יאָר צען האָט מיט אירע הענטלאַך אים פעסט אַרומגעהאַלטן.

אָט אזוי, מיט אזא אויסשטאטונג, מיט דעמדאָזיקן רייכטום, איז ער צו אונז אין גרופּע אריינגערײטן.

ער האָט זיך ביי מיר איינגעבעטן אין א ווינקל פונם גאַלפּאָן זיין וואוינאָרט אויפצושטעלן... דאָרט האָט באַראַבוינאַ זיך באַזעצט. דעם קאָפּ פון א גע'פגר'טער קו האָט ער אַלס זיין שטול געמאכט. האָט צו־זאַמענגעקליבן אויסגעטריקנטע בוריאַנדלאַך, א פייער געמאכט און דעם טשייניק צו „מאַטע" קאָכן צוגעשטעלט.

נאָך דעם, ווי ער פּלעגט אייניקע מאַטעס אויסזופּן, האָט ער מיט רחבות די גיטאַרע אין האַנט גענומען און א ים מיט האַרצרייסנדיקע טענער האָבן זיך פון אונטער זיינע ברוינע, האַריקע פינגער צעגאָסן.

ביים שיין פון דער העלער לבנה פּלעגן מיר, אַלע איינוואוינער פון דער גרופּע, זיך לעבן אים אין שייער אויסזעצן און אַנטציקט אויסהערן זיין מעלאַנכאָליש זיסע שטים, מיט וועלכע ער פּלעגט די טענער פון דער גיטאַרע באַגלייטן. זיינע טרויעריקע מעלאָדיען פּלעגן אין אונז דערוועקן דאָס בענקעניש נאָך דער אַלטער היים; אונזער דמיון פּלעגט פּאַרטראָגן ביזן כרמל, איבער די פעלדער פון בשן, אין די גאַסן פון לעגענדאַרישן בית לחם און אָפּטמאָל אין פיל נאָך העכערע, בעסערע און גליקלאַכע וועלטן, וואו ס'איז ניטאָ קיין נויט, ניטאָ אַזוי פיל פּיין און וואו ס'הערשט יושר און פריינדשאַפט.

זינגען פּלעגט ער פון ליבע, פון פרייהייט, פון די שיינע, גרינע אומדורכדרינגבאַרע אור־וועלדן אין טשאַקאָ, פון די גרויסע באַרימטע נאַ־ציאָנאַלע העלדן, די גענעראַלן כאַסע דע סאַן מאַרטין און מאַנועל בעל־גראַנאָ, וועלכע האָבן זיין היים־געליבטע „פּאַטריאַ" פון פרעמדן יאָך באַ־פרייט.

מיט אַן אומבאַגרעניצטער ליבע פלעגט ער זיין פאַמיליע, דאָס הינ־טעלע און, להבדיל, דאָס מיידעלע, באַהאַנדלען.

— „הוערפאנא קערידיטא" — טייע̤ר יתומה'לע, — פּלעגט ער זי כסדר אָנרופן, און אירע שוואַרצע, לאַנגע האָר מיט טרייסשאַפט גלעטן און דערביי האָבן זיינע ליפּן שטילערהייט געשעפּטשעט: „איגוואַל א מי קערידאַ אַניטאַ, סו מאַדרע" — „ענלאַך צו מיין טייערער אַניטאַ, איר מוטער!" — און זיינע אויגן פלעגן גלייך באַקומען א שמערצלאַכן, אומעטיקן אויסדרוק.

צאַרט און מילד ווי א שעפעלע פּלעגט ער דאַמאָלסט ווערן און מיט ליבשאַפט האָט ער דאַן אונזערע קליינע קינדער אַרומגעאַרמט און צום

הארצן געדריקט. דאָס קליינוואַרג האָט אים דערפאַר שטאַרק ליב גע־האַט. האָט ער נאָר אַ סענט פאַרמאָגט, אַזוי האָט ער צוגלייך מיט פּאַפּי־ראָסן און „זשערבאַ" אויך קאָנפעקטן פאַר די קינדער געקויפט און עס פאַרטיילט צווישן אַלע זיינע ליבלינגען...

די קינדער האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען באַראַבוינאַ בראַט אַ „מוליטאַ" אָדער אַ „פּלודאַ"; ווען ער מאַכט אַן „אַסאַדאָ" פון דידאַזיקע ערד־חזירים'לאַך, אָדער ווען עס געלינגט אים צו פאַנגען אַ גאַמאַ־הירשל, מאַרטינעטאַ־טויב, דאַרפן זיי אַלע זיך אַרומזעצן ביים פייער, מיט אים מיטעסן דאָס בראָטן און פאַרזופּן מיט אַ פּאָר „מאַטע־דולסעס".

ווי ווייך, מילד און איידל ער איז געווען, האַלטנדיק די גיטאַרע אין האַנט, פּונקט אַזוי בראַוו, העלדיש און פלינק איז ער מיטן מעסער אַרומגעגאַנגען. איז ער אויף זיין „אָסקוראָ" געזעסן און די לאַסע אָדער די „באָליאַדאָראַס" אין האַנט געגומען, האָט קיין „נאַוויזשאַ" אָדער „פּאַטראָ", ווי ווילד עס זאָל ניט זיין, פון אים ניט געקאָנט אַנטרינען. אויף וועלכן טייל פון דער ווילדער חיה מען האָט אים געהייסן טרעפן: אויפן האַלז, די הערנער, דעם לינקן פוס צו דעם רעכטן פוס, וואו מ'האָט פאַרלאַנגט, דאָרט האָט ער געטראָפן. באַראַבוינאַ פלעגט די לאַסע צונויפ־ראָלן, אַ הילכנדיקער פייף האָט דורכגעשניטן די לופט און דער „אַנימאַל" האָט זיך שוין געצאַפּלט אין דער פּעטליע.

מיט דער אויבן־דערמאָנטער באַזשאַ־קו האָט ער זיין בריה'שאַפט באַוויזן.

בלויז מיט דער „רעוועגקע" איז ער דער ווילדער בהמה אַנטקעגן געקומען. ווען די קו האָט זיך אַ לאָז געטאָן, אום אים דורס צו זיין, איז ער מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט, האָט זי ביי אַ האָרן אָנגעכאַפּט און אינם זעלביקן אויגנבליק איז ער שוין אויף איר רייטנדיק געזעסן. די ווילדע קו איז געשפּרונגען, זיך אין דרייען געבויגן, האָט מורא'דיק געררעוועט, מיט די קלויען די ערד געשאַרט — אָבער דער העלדישער גאַוטשאָ איז אויף איר האַלב געלעגן, האָט מיט זיין „רעוועגקע" צווישן די הערנער און איבערן מוח געקלאַפּט און אַזוי זי ענדלאַך באַהערשט.

ס'איז באמת איינדרוקספול און איבעראַשנדיק געווען צו קוקן, ווי דער מענטש קעמפט מיט דער חיה. די קו איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ הייסן שוים: האָט געפינעט, אַרויסגעשטעקט אין גאַנצער לענג איר צונג

— איז מיד געוואָרן און זיך צו דער ערד געוואָרפן. בארבוינא איז שנעל אראָפּגעשפּרונגען און דערקלערט:

— בוענא! דזשאעס מאנסא! — און זי איז ווירקלאך געוואָרן רואיק, געצאמט, שטיל ווי א קינד. א סך יאָרן האָבן מיר זי נאָכדעם געמאָלקן און עטלאכע דורות ביקלאך, אָדער „נאָווישעס" פון איר דערלעבט.

אין אָנהייב האָב איך פאַר אים מורא געהאַט. זיין שווייגזאמקייט, זיין שטענדיקע שטילקייט פלעגט אויף מיר א פּחד ארויפוואַרפן. אלע אָפּשטאַמלינגע פון די אינדיאַנער, ווי מ'זאָגט: בלוטדורשטיקע און רויב־גיריקע ברואים, זיינען דאָך בארימט מיט זייער פארטראַכטעניש, מיט זייער שווייגן... נאָר בּאַראַבוינאַ איז אין דער הינזיכט אויך אַן אויסנאַם געווען. אָפּטמאָל פלעגט ער זיין פארטרויליאַך, באַרעדעוודיק; זיצן מיט אונז, טרינקען א מאַטע און לאַנג רעדן: דערציילן, ווי זיין שטייגער איז געווען, פון דער גרויסער פּאַמפּאַ, פון פרייען לעבן אין וואַלד און אין סטעפּ, אָבער אין סאַמע מיטן פון אַזאַ שמועס האָט ער גאָר פּלוצים איבערגעריסן און פלעגט ווי א פעלז שטום ווערן!...

אָך, ווי גרויסאַרטיק־שיין און ווי שפּאַנענד עס זיינען געווען זיינע דערציילונגען וועגן די סודות פון די אור־וועלדער. אין טשאַקאָ, וואו ער האָט זיין יוגנט פארבראַכט, וואו ער האָט זיך מיטן אמעריקאַנער טיגער — דעם יאַגואַר — פּנים אל פּנים אָנגעטראָפן.

— אַרומגעוויקלט דעם אָרעם מיט דער „פּאָנטשאָ", האָב איך דעם בייזן, בלוטדאָרשטיקן יאַגואַר מיט מיין מעסער אָפּגעוואָרט, — דערציילט באַראַבוינאַ. — און ווען ער האָט אויף מיר זיין קעצישן שפּרונג געטאָן, כדי די נעגל אין מיר אריינצוהאַקן, אין דערדאָזיקער שרעקלאכער מינוט האָב איך מיין קאַלטבלוטיקייט ניט פארלוירן, רואיק האָב איך מיין מעסער אנטקעגן געהאַלטן און מיט זיין טרפה'נעם האַרץ איז ער פּונקט אויפן שפּיציקן שטאָל ארויפגעשפּרונגען... אומגעזאַמט האָב איך זיין געפלעקט העמדל אראָפּגעשונדן...

מיט אנטציקונג פלעגן מיר אויסהערן זיינע שילדערונגען פון דעם דרום־אמעריקאַנעם לייב, די „פּומאַ".

— אָ, פּאַטראָן! — האָט ער באַגייסטערט געזאָגט — ווען דו וואָלסט נאָר די „פּומאַ" געזען! דו וואָלסט זיכער באַוואונדערט די שיינע, שטאָלצע חיה! ווען זי דערזעט דעם מענטשן, עפנט זי אויף אירע שיינע, רויטלאכע אויגן, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז צו די פיס: אָבער אליין רירט זי ניט קיין אבר! שטייט אנטקעגן מיט קיילאָכדיקן קאָפּ, פאַררייסן

אין דער הויך, פונקט ווי איינער זאָגט: קוק, מענטש, באַטראַכט ווי ערלאַך די וואַלד־קעניגן איז! זעלטן טרעפט עס, אַז זי זאָל דעם מענטשן באַפאַלן. דאָס געשעעט נאָר, ווען זי איז גרייזלאַך הונגעריק, אָדער ווען דער מענטש האָט זי צוערשט אָנגעגריפן.

אַ זעלטענער דערציילער, אַ פיינער רעדנער איז ער געווען, יעדעס וואָרט האָט ער ריכטיק און קלאָר אַרויסגערעדט, פלעגט עס מטעים זיין, און ווען מיר האָבן עטוואָס נישט פאַרשטאַנען, האָט עס באַרבוינאַ איבער־גע'חזר'ט עטלאַכע מאָל און כסדר איבערגעפרעגט: „קאָמפּרענדע?" און ביז מען האָט אים ניט געענטפערט: „סי, סי, סי, סי", „מיר פאַרשטייען", איז ער פונם אינהאַלט ניט אַוועקגעגאַנגען.

איבערהויפּט פלעגט ער לעבהאַפטער ווערן, בעת ער האָט געגומען דערציילן פונם ריאָ נעגראָ, וואו ער האָט אויך זיין ליבלינג, דעם „אָס־קוראָ" זיינעם געפונען.

— שטיל, „קאַזשאַדיטאַ", בין איך מיר געלעגן צווישן די הויכע גראָזן — דערציילט אונז באַראַבוינאַ — און פונקט ווי אַ טיגער האָב איך געלויערט אויף מיין קרבן. די זון ברענט אַלץ שטאַרקער, און דער דאָרשט טרייבט די ווילדע סטאַדעס פערד צום טייך, דאָרט זיך אָנצוטרינקען. אַ יונגער „פּאָרטאָ", מיט זיינע לאַנגע, שוואַרצע האָר, דעם קאָפּ אויסגע־צויגן ווי אַ בויגן, ביז צו דער ערד, איז לאַנגזאַם מיט אַ פאַרטריקנטן, אַרויסגעשטעקטן צונג צום טייך געגאַנגען. איך צי אין מיר דעם אָטעם און וואָרט. אַז ער קומט פּאַמעלאַך צו נאָענט, לעבן מיר, גיב איך ראַפּטום אַ שפּרונג, האַלט שוין זיין לאַנגע גריווע אין מיין האַנט און זיץ שוין טאַקע אויך אויף אים... ער צעפּודזשעט זיך, הייבט אָן ווילד צו לויפן, דריגעט אין אַלע זייטן, שטעלט זיך דיבאָם און איך קיצל אים מיט מיין „רעווענקע" צווישן די אויערן, קלאַפּ אים איבערן קאָפּ און גיב אים צו פאַר־שטיין, אַז איך בין שוין באַלעבאָס... ער ווערט אַזש ווייס פון שוים און שוויים, מיד פון זיין גאַלאָפּ, פאַרשמאַכט פון דאָרשט און גיט זיך אונטער. „מאַנסאָ" — זאָג איך! טו אָן אַ צוים און באַסטאַ!

אָט ביי אַזאַ דערציילונג בלייבט ער פּלוצלונג שטיל: האַקט אָפּ אין סאַמע מיטן־דרינען און כאַפּט אַ שווייג... אָבער אַזאַ שווייגן, עפּעס אַזאַ אומעטיקע שטילקייט, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ ציטער און אַ סקרוך דרינגט אַדורך איבערן לייב. זיינע שוואַרצע, רויטלאַכע אויגן פלעגט ער אַרונ־טערציען הינטער די לאַנגע ברעמען, זיך אָנכמורען, אַריינגעמען די „באָמ־בישאַ" אין מויל אַריין, זי מיט די ציין אָנבייסן און זיצן ווי פאַרגליווערט,

שטיל... אַ טויטע שטילקייט פֿלעגט זיך פֿאַרשפּרייטן אַרום אים, זיין פֿייערדיקע באַגייסטערונג פֿלעגט אויסגעלאָשן ווערן און באַראַבוינאַ זיצט שטום...

זיין שווייגן פֿלעגט אויף מיר אָניאָגן אַ שרעק. זיין גרויסער פּאַקאָן, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגעשטעקט פֿון אונטערן גאַרטל, האָט נאָך מער די שרעק פֿאַרמערט. די אָנגעווייטיקטע גלות־נשמה פֿלעגט אויפֿצאַפּלען: אַזאַ גרויסער מעסער, אַ ווילדער מענטש אין פֿעלד אַליין ביינאַכט... איך פֿלעג זיך פֿאַרזיכטיק אָפּרוקן, אים איבערלאָזן אין זיין איינזאַמער פֿאַר־טיפֿקייט און שנעל זיך אַריינכאַפּן אין שטוב אַריין.

בּיסלאַכווייז האָב איך זיך צוגעוואוינט צו אים און די מורא איז פֿאַרשוואונדן.

—פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? — האָב איך זיך געזוכט אין אַ טאָג צו דערוויסן.

— מיין „טריסטעזאַ“, פּאַטראָן, קומט פֿון עלנטקייט! אַך, — זיפֿצט ער שמערצלאַך אָפּ — קאָן נאָך זיין עטוואָס שלימערס פֿון עלנטקייט? דו פֿילסט, אַז דו ביסט שטענדיק אַליין, איינזאַם, עלנט, האָסט פֿאַר זיך קיינעם ניט, פֿאַר וועמען דיין טרויער צו אַנטדעקן, דיין אומעט איבער־צוגעבן. האָסט קיין איינציקע פֿריינטלאַכע האַנט נישט, וואָס זאָל דיינע האָר גלעטן, ווען דו ביסט אין טרויעריקע רעיונות פֿאַרזונקען! האָסט...

— וואו איז אַהינגעקומען דיין אַניטאַ? — האָב איך געוואַגט אין איינעם אַ טאָג אים צו פֿרעגן.

דערהערנדיק מיין פֿראַגע איז אַ ציטער אַדורכגעדרונגען זיין גאַנצן קערפּער און זיין האַנט האָט זיך אינסטינקטיוו געכאַפּט צום שטילכל פֿון „פּאַקאָן“. די אויגן זיינען אים מיט בלוט פֿאַרגאָסן געוואָרן... ער האָט קראַמפּהאַפּט מיט די ציין פֿאַרביסן, זיך אָפּגעקערט פֿון מיר און שווייג־זאַם אַוועקגעגאַנגען. מער האָב איך אים דערפֿון שוין ניט דערמאָנט.

אַ יאָר פֿינף איז ער אָפּגעווען ביי אונז און אין אַ שיינער אויסגע־שטערנטער נאַכט איז ער מיט זיין גאַנצער פֿאַמיליע נעלם געוואָרן, און מער האָבן מיר אים שוין אין די אויגן ניט געזען.

מ. אַלפּערסאָן

אויף צעאַקערטער שוואַרצערד

ליב האָב איך אַרומצוגיין אויף צעאַקערטער שוואַרצערד,
דאָס העמד ברייט צעכראַסטעט, מיט נאַקעטער ברוסט קעגן זון, פריי צעעפנט,
די אַרבל פאַרקאַטשעט ביז האַלב עלנבויגן,
מיט באָרוויסן טראָט.
פריי!
און פריי שפּילט דער ווינט זיך מיט מײַנע צעפּאַטלטע האָר אין אַ ווינט-שפּיל,
און זינגט אַזאַ ווינטיקן ניגון אין אויער אַריין מיר;
און קילט מיר מײַן אָנגעבריט לײַב פון דער זון, און דערפרישט מיך.
און איך אַליין גיי אַזוי אַרום, און שעפּ נחת פון צעאַקערטער שוואַרצערד,
און בענטש יעדן שפּראָציקן זאַנג,
און זינג אַ לויב-ליד דער ערלאַכער אַרבעט,
און זינג אַ לויב-ליד דער מי און דער פּראַצע
פון פעלד-מענטש,
וואָס ער האָט די פעלדער פאַראַקערט,
פאַרזייעט,
באַשניטן,
און שפּע פאַר וועלטן פאַרגרייט!
אַ ברכה אין דײַנע הענט, האָרעפּאַשנע,
דו, ערלאַכער פעלד-מענטש!

אברהם מאָשקאָוויטש

דאָס ליד פון גאַוטש

טאַראַ־ראָפּ, טאַראַ־ראָפּ!
רייט דער גאַוטש אין סטעפּ
אויף זיין שלאַנק, הויך־גלאַנציקן פערד.
רירט דאָס קוים מיט די פיס אָן די ערד,
אַזוי לויפט פלינק זיין פערד.
טאַראַ־ראָפּ, טאַראַ־ראָפּ!
אין אַ ווילדן גאַלאָפּ
מיטן גאַוטש אין סטעפּ.

טאַראַ־ראָפּ, טאַראַ־ראָפּ,
האַלט דער גאַוטש זיין קאָפּ
צו דער זון שטאָלץ געשטרעקט.
און אונטער זיין פּאָנטשאָ זיין מעסער אין גאַרטל עס שטעקט.
עס איז דאָך זיין מעסער
פון פריינט אים געטרייער און בעסער
מיט אים איז ער שטאַרקער און גרעסער
פון יעדערן העלד,
וואָס מינערט דעם כבוד פון גאַוטש אין פעלד.
און ווי ער איז מילד,
אַזוי ווערט ער ווילד,
אַזוי ווי אַ חיה ער רעוועט און שילט.
און גלאָצט מיט די אויגן,
און תיכף זיין מעסער פון שיידל געצויגן.
און קריצט מיט די ציינער,
זיך שטעלן דעם גאַוטש אַנטקעגן טאָר קיינער,
ביז וואַנען געפאַלן פוןביידע איז איינער, —
צי ער, צי זיין שונא —
אין בלוט איינגעטונקען, אַ טויטער אויף דר׳ערד.

טאַראַ־ראָפּ, טאַראַ־ראָפּ!
טראָגט דער פאַטראָ דעם גאַוטש

באַרג אַרויף
באַרג אַראָפּ,
איבער שטעג,
אַזוי גאַנצענע טעג.
ווי טרויריק און מיד
קלינגט פון גאַוטש היינט זיין ליד:
„עס זיינען אויף שיפן געקומען פון ווייט
אייראָפּייאישע לייט,
מיט קעלנער געפּרעסט און העמדער פון זייד,
און האָבן זייער האַנט אויף מיין פּאַמפּאַ פאַרשפּרייט;
און האָבן מיין פריי פעלד מיט דראָטן פאַרצוימט,
און אויסגעהאַקט זיי האָבן מיין פעסטן אָמבו,
און האָבן פאַרשקלאַפט מיך, מיין ווייב און מיין קינד,
און היינט דאַרף איך זיין אַ פּעאָן דאָ ביי זיי —
ווי מיר און ווינד!“
און האָבן פאַרשקלאַפט מיך, מיין ווייב און מיין קינד,
אין ערגיץ אַ ראַנטשע מיר לעבן אַ צינד,
אַזוי ווי די הינט,
ווי מיר און ווינד“!

טאַראַ־ראָפּ, טאַראַ־ראָפּ!
יאָגט דער פּאַטראָ גאַלאָפּ.
און דער גאַוטש ער זיצט,

ווי צום זאָטל געשמידט,
שלאַנק און שטייף יעדער גליד.
און ער זינגט זיך אַ ניגון, פול בענקשאַפט זיין ליד —
און דער עכאָ קלינגט אָפּ:
טאַראַ־ראָפּ, טאַראַ־ראָפּ,
פון דעם פּאַטראָס גאַלאָפּ,
און דאָס ליד פון דעם גאַוטש אין סטעפּ!

אברהם מאָשקאָוויטש

אַ שׂרפֿה

פֿון אַלע וועגן, וואָס פֿירן פֿון די פֿעלדער אין קאָלאָניע, הערט זיך דאָס קלאַפּן פֿון די וואָגנס, דאָס געלעכטער און די אויסגעשרייען פֿון אַרבעטער, וועלכע פֿאָרן צוריק אַהיים נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט אויף די פֿעלדער, וואו עס האָט געשניטן די מאַשין און מען האָט צוזאַמענגעלייגט סנאָפּעס אין קופּעס, אויפֿגעלאָדן אויף די וואָגנס און זיי צוזאַמענגעפֿירט אויף איין פּלאַץ, צו מאַכן סטויגן.

גאַנץ פֿרי, ביי זון־אויפֿגאַנג, איז געלייגט געוואָרן דער פֿונדאַמענט פֿאַר די רונדיקע, אָדער פּירעקיקע, לענגלאַכע סטויגן. אַרום האַלבן טאָג האָבן זיי שוין אויסגעזען ווי גרויסע געביידעס אָן דעכער און, ווען די זון האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן צו מערב צו, האָבן די סטויגן באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים: די סנאָפּעס, מיט די זאַנגען אַרויס, הענגען אַראָפּ איבער דער וואַנט ווי אַ סטריכע און וואָס אַמאָל שמאָלער, שמאָלער, ביז עס באַקומט דאָס אויסזען פֿון אַ דאַך; ביי זון־פֿאַרגיין איז שוין דער סטויג אַזוי גרויס, אַז די סנאָפּעס, וואָס ווערן איצט געבראַכט, זעען אויס אַנטקעגן אים קליין, אומבאַדייטנדיק, בעת דער סטויג ווערט אַלץ העכער און שפּיציקער. און אין דער סאַמע הויך שטייט עמיץ, כאַפּט אין דער לופֿט איינציקע סנאָפּעס, לייגט זיי פֿאַרזיכטיק אַוועק און שליסט זיי צוזאַמען.

— נאָך אַ סנאָפּ! — שרייט ער אַראָפּ — כאַפּט דעם לעצטן סנאָפּ, שטעלט אים אַוועק פּונקט אינדערמיט, אויפֿן שפּיץ דאַך, און דער דאַך ווערט נאָר שפּיציקער.

און איצט, מיטן אָנקומען פֿון דער נאַכט, רוקן זיך אַרויס פֿולע וואָגנס מיט קאָלאָניסטן און אַרבעטער — זיי פֿאָרן אַהיים אין קאָלאָניע, זיך אויסרוען, יאָגן זיך איינער איבערן אַנדערן און פֿריילאַכע שרייען זיי אַריבער פֿון איין וואָגן צום צווייטן.

אין דער לופֿט טראָגט זיך אַ קיל ווינטעלע, גנב'עט זיך אַריין אין די אָפֿענע פּאַזוכעס, גלעט די אָנגעהיצטע און פֿאַרשוויצטע לייבער מיט אַ מוטערלאַכער צערטלאַכקייט.

אין קאָלאָניע ווערט מיטאַמאָל לעבעדיקער, פֿריילאַכער. פֿון אַלע זייטן הערן זיך קולות און אויסרופֿן:

— טרייב אַריין די פֿערד אין קינטע!

— בינד צו דעם אָלאַסאַן אויף אַ שטריק!

— מאך צו דעם טויער!

— ווי מיינט איר? — שרייט איין שכן צום צווייטן איבערן וועג — ווי מיינט איר, ר׳ חיים, ס׳וועט נישט רעגענען די נאַכט? ביי מיר געבליבן אַן אָפענער סטויג...

— ניין, ס׳ט׳נישט רעגענען! — ענטפערט דער שכן מיט אַ טאָן פון אַ מבין, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקוקט אויפן הימל.

— ווי אַזוי אַרבעט עפּעס ביי אייך די מאַשין?

— זאָגט נאָר! געפינט זיך אפשר ביי אייך אַן איבעריקע שפּרוזינקעלע פונם בינדער?...

ביי דער שיין פון קליינע קעראָסין־לעמפּלאַך, וואָס קוקן אַרויס פון צווישן די פאַראַיסן־ביימער, זעצן זיך אויס די אַרבעטער, אָפּגעוואַשענע, אָפּגעפּרישטע, מיט צעבראַסטעטע העמדער, טרינקען אַ מאַטאַ און רעדן פון דער בייטאָגיקער היץ.

די באַלעבאָסטע, אַן איילנדיקע, קומט אַרויס פון קיך, ברענגט עפּעס צום טיש און פאַרשווינדט ווידער אין קיך אַריין; ס׳קלינגען טעלער, לעפל און אַנדערע קיך־געשיר אַלע זעצן זיך אַרום טיש.

אָפּגעגעסן, פאַרשווינדן די ליכט פון צווישן די ביימער, באַווייזן זיך אין די פענסטער און באַלד ווערן זיי אויך דאָרט אויסגעלאָשן.

לעבן איין שטוב איז נאָך געבליבן אַ ליכט אין דרויסן. דאָרט פאַר־ריכט איינער דאָס לייוונט פון שנייד־מאַשין, וואָס האָט זיך היינט צעריסן, און מען מוז זי האָבן גאַנץ אויפצומאָרגנס.

ערגעץ פון אַ שטוב הערט זיך דאָס סקריפּען פון אַ וויגעלע — אַ מוטער פאַרוויגט דאָס קינד:

— אַ־אַ־אַ אַ־אַ־אַ...

אַ ווינטל טראָגט זיך פון צפון קיין דרום, פרישט אָפּ, ברענגט צוריק צום לעבן אַלץ וואָס וואַקסט, און וואָס איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען פאַר׳־חלש׳ט קעגן דער זון.

דאָ און דאָרט הערט זיך דאָס גרילן פון אַ גריל, דאָס קוואָקען פון זשאַבעס אין דער נאָנטער לאַגונע, דאָס רעווען פון אַ בהמה אין קאָראַל, דאָס הירזשען פון אַ פערד ערגעץ אין פּאָטרעראָ, וואָס צעטראָגט זיך אין דער נאַכטיקער שטילקייט איבער די פעלדער. און ווידער ווערט עס שטיל.

שאַ, שטיל; מ׳שלאָפט אין קאָלאָניע.

פּלוצים ווערט איבערגעריסן די שטילקייט פון דער נאַכט. פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ קול:

— לויף גיך, ברענג די פערד! איך וועל דערווייל אריבערלויפן צו שמואל'ן אויפוועקן!

פון צווישן די ביימער, ביי א צווייטער שטוב, הייבט זיך אויף א ווייס געשטאלט, גייט צו צו דער דראטענער צוים, בייגט אריבער דעם אייבערשטן טייל פון קערפער צום וועג־ארויס, שטרענגט אן דעם אויער, בייגט אים אויס מיט דער דלאניע פון דער רעכטער האנט. עם דערגרייכט א גערודער פון שנעלן פארטרייבן פערד.

שנעלע טריט, א קלאפ פון א טיר און א שטיל שעפטשען:

— ביי וועמען? — פרעגט א שטימע פון אינעווייניק.

— מ'ווייסט נישט — ענטפערט א צווייטע — נאר מיר דאכט, אז ס'איז ביי פעלדמאנען. אפשר האט איר פערד צום שפאנען?

און ער לויפט אוועק ווייטער צו א צווייטער, צו א דריטער שטוב.

פון אומעטום באווייזן זיך געשטאלטן האלב־אנגעטוענע — געכאפט אויף זיך, וואס ס'נישט איז — לויפן אהין און אהער. עס הערן זיך קולות פון אלע זייטן:

— כ'האב נאר איין פערד. אפשר האט איר נאך איינס? ווען מיר שפאנען א וואגן!

— העי! העלפט שפאנען די פערד! וואס שטייט איר? די גאנצע קאלאניע קאן נאך אוועק מיטן פייער!

— פארגעסט נישט מיטנעמען לידיקע זעק!

— מ'דארף אויפוועקן די גאנצע קאלאניע! דער ווינט איז פון דארט...

— מיר דאכט, אז דאס איז ביי וויינשטיינען אויפן פעלד...

— ניין! זיין „טשאקרע" איז ווייטער, דאס איז ביי פעלדמאנען...

די קולות ווערן אויסגעמישט מיט א האווקען און בילן פון הינט, וועלכע לויפן אום אין גאס דערשראקענע, שמעקן די לופט, ווילן אויסגעפינען וואס ס'איז געשען.

באלד דערהערט זיך דאס רוישיקע לויפן פון א וואגן, וואס טראגט זיך שנעל דורך דער גאס. פון דער פינסטערניש, צווישן די ביימער, לעבן די שטיבער רייסן זיך ארויס געשטאלטן, לויפן נאך דעם וואגן, כאפן זיך אן מיט בײדע הענט ביים הינטערשטן טייל פון וואגן און אונטערשפרינגנדיק ווארפן זיי זיך אריין אין וואגן; תחילת בלייבן זיי הענגען אויפן בויך, מיט דער אייבערשטער העלפט קערפער אין וואגן, אבער נאך א קליינער אנ־שטרענגונג ווארפן זיי אריין אויך דעם צווייטן טייל קערפער אין וואגן, וואס טראגט זיך אלץ פארויס.

באלד לויפט דורך א צווייטער וואגן, א דריטער, אלע פול־געפאקטע מיט מענטשן, לייכטע געקליידעטע — אין הוילע העמדער און הויזן.

און אלע טראגן זיי זיך אהין, וואו עס זעט זיך א רויטע ליכטיקייט. א גרויסער טייל פון הימל איז העל באלויכטן; די שטערן־אויסגעלאשן; און אין דער וויט — רויטע צונגען, וואס הייבן זיך אין דער הויך...

איינער נאכן אנדערן קומען אן די וואגנס פול מיט מענטשן געפאקטע. די פערד שרעקן זיך, שנארכן, שפרינגען אויף צוריק. אלע שפרינגען ארויס פון די וואגנס און מיט נאסע זעק אין די הענט ווארפן זיי זיך מיט אימפעט אין דער מלחמה קעגן פייער, רינגלען עס ארום פון אלע זייטן, שטעלן זיך אויס צווישן פינסטערניש פון דער נאכט און פייער, פאכן מיט די זעק, ווי מיט בלויזע שווערדן קעגן א געפערלאכן שונא...

פון אלע זייטן הערט זיך דאס טעמפע קלאפן פון די זעק אין דער ערד, דאס שפרינגען און איילן פון איין ארט אויף דאס צווייטע, עס פליען פונקען — ס׳זעט אויס, א שדים־טאנץ ארום א גיהנום־פייער.

אלע שרייען און ליארעמען:

— קום אהער! אהער! לאז נישט אריבער!

— העי! לאזט נישט צו צום סטויג!

— צעווארפט די קופעס סנאפעס!

און, ווען דאס פייער ווערט אויף איין פלאץ אביסל איינגעשטילט, ווארפן זיך אלע אריבער אהין, וואוהין דאס פייער רוקט זיך פארויס.

— ווען ס׳זאל זיין א פלוג! — גיט איינער א געשריי.

— א פלוג! א פלוג! ברענגט א פלוג! — שרייט מען פון אלע זייטן.

עס טיילן זיך אפ צוויי געשטאלטן, און ווערן ערגעץ פארשוואונדן אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

און דאס פייער רוקט זיך אלץ ווייטער און ווייטער. די פינסטערניש און אלע וואס רינגלען ארום דאס פייער רוקן זיך אפ אויף אהינטער.

דער ווינט קומט דעם פייער צו־הילף, כאפט פון אים גאנצע שטיקער און ווארפט זיי אויפן סטויג, וואס שטייט א העל־באלויכטענער, מיט א לאנגען, שווארצן שאטן אפגעלייגט אויף אהינטער; דאס פייער רינגלט אים ארום, נעמט קלעטערן ארויף, צום שפיץ צו, פון וואנען ס׳באווייזט זיך באלד א שווארצער רויך; דער סטויג גיט א ציטער, בייגט זיך אויס אויף א זייט און בלייבט שטיין אין פלאמען.

פון אלעמענס מיילער רייסט זיך ארויס א פארצווייפלטער אויסגעשריי:

— הא־א־א!

פעלדמאַן וויל זיך וואַרפן אויפן סטויג, נאָר מען לאָזט אים נישט; מ'פירט אים אַוועק אַ האַלב־פאַר'חלש'ט׳ן.

— אַ גאַנץ יאָר אַזוי ביטער געאַרבעט... וואָס וועט זיין?... וואָס וועט זיין?...

און אָט קומט דער פלוג, געשלעפּט פון פינף פערד. די פערד שרעקן זיך. זיי ווילן נישט צוגיין. אייניקע לויפן צו, פירן זיי ביי די צוימען, פון פאָרנט, מאַכן אַזוי אַ קרייז אַרום פייער. ס'באַווייזט זיך אויפגעריסן אַ שוואַרצער שמאָלער פּאַס ערד. עטלאַכע מאָל אַזוי, און דער שוואַרצער פּאַס ערד ווערט וואָס אַמאָל ברייטער און ברייטער.

דאָס פייער קומט צו ביז צו דער אויפגעאַקערטער ערד, בלייבט שטיין, פאַרברענט די לעצטע שטרוי און ווערט אויסגעלאָשן. די פינסטערניש קומט צוריק; דאָ און דאָרט באַווייזן זיך נאָך קליינע פייערלאַך, אָבער זיי ווערן באַלד פאַרלאָשן דורך די קלעפּ פון די זעק.

אין דער לופט טראָגט זיך אַ ריח פון פאַרברענטס, פאַרסמאַליעטס.
געענדיקט דאָס אָפּלעשן, ווערן רעדלאַך אין דער פינסטער.
איך האָב זיך נאָר־וואָס געלייגט שלאָפן — זאָגט איינער — און איך האָב דערהערט...

— איך בין געשלאָפן אין דרויסן, הער איך עפּעס אַ רעש...
— פון וואַנעט זאָל זיך גענומען נעמען דאָס פייער?
— ווער ווייסט...
— אַ פונק פון אַ ציגאַר...
— אפשר האָט עמיצער אַ שפּיצל אָפּגעטאָן?
— ווער ווייסט...

גאַנץ פרי, פאָרנדיק צו דער אַרבעט און פאַרבייפאָרנדיק פעלדמאַנס פעלד, האָט מען געזען אַ גרויסן שוואַרצן פלעק אינמיטן פעלד. פון דעם סטויג ווייץ איז געבליבן אַ פלאַטשיקע קופּע אַש.

דער אַלטער פעלדמאַן, אינגאַנצן שוואַרץ, פון אַש אויסגעשמירט, מיט קליידער פּייכט־געוואָרענע פון דער ראָסע, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער פון קעלט, האָט זיך אַרומגענומען מיט אַ זאַק און, אַרומשפּאַנענדיק הין און צוריק, האָט ער נישט אויפגעהערט צו מורמלען, ווי צו זיך אַליין:

— וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?...

ברוך בענדערסקי

אין דער פּאַמפּאַ

אויף דרום־זייט פון בוענאָס־איירעס, העט־ווייט ביז צום „שוואַרצן טייך" אויף דרום און ביז צום ברעג אויף מערב, ליגט אויסגעשטרעקט די פּאַמפּע אין איר גאַנצער פּראַכטפולקייט. דינער ווערט די שיכט זאַמד, וואָס באַדעקט דעם שטיין, און ערטערווייז טראָגט דער ווינט אַוועק דעם זאַמד, באַווייזט די פּאַמפּע איר נאַקעט שטיינערן לייב, אָבער נישט אויף לאַנג. ווייל אומרואיק איז דער געגנט, די ווינטן שפּאַצירן הפקר־ווילד, יאָגן זיי ווידער אָן וואָלקנס זאַמד, כדי די פּאַמפּע זאָל נישט שלאָפן נאַקעט.

ביימער זעט מען דאָ זעלטן, און די, וואָס מען זעט, האָבן אַן עלנט אויסזען: קרום, לאַם, נידעריק. הונדערטער מיילן פאָרט מען דורך, און דאָס אויג ווערט מיד צו קוקן אויף דער גראָז־געלער איינטאָניקייט. נאָר וואָס די ערד איז כסדר „אַלאַמברירט", ד. ה. פאַרצוימט מיט צוויי צו דריי דראָטן, אָנגעצויגענע אויף די הויקערדיקע פּלעקער האָלץ, אַ סימן, אַז דער מענטש האָט די ערד אַריינגענומען אין זיין רשות, און אַלס אַ סימבאָל פון צוגעהעריקייט, אַזוי ווי אַ קדושין־רינג, האָט ער איר אָנגעטאָן די „אַלאַמבראַ". נישט באַאַקערט און נישט באַזייעט האָט ער זי, נישט אויסגערוימט די ווילדע גראָזן; און די מוראַשקעס, אין הונדערטער און טויזנטער נעסטן, צעשפּרייטע איבער די ברייטע פעלדער, פירן דאָרט אַ ווירטשאַפט פון ווער ווייסט וויפיל מיליאָנען יאָר. ווייל ווי די ערד איז אַביסל נידעריקער, קאָנט איר זען טויזנטער בערגלאַך אָנגעשיטע ערד. דאָס זיינען אויסגעשטאָרבענע שטעט פון די קליינע באַשעפענישן. זיי האָבן שוין לאַנג אַוועקגעוואַנדערט פון די פעלדער, אָבער די ערדענע טורעמס, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרפן, כדי צו ראַטעווען זיך פון וואַסער, זיינען געבליבן שטיין, אַזוי ווי רעשטן פון אַן אַלטער קולטור. הונדערטער טויזנטער העקטאַר ערד ליגן נאָך ווילד — „טיעראַ ווירכן" הייסט עס דאָ, אָבער פאַרנומען איז אַלץ, אַלץ האָט אַ באַלעבאָס, און טראָגט דעם צייכן פון צוגעהעריקייט — די „אַלאַמבראַ".

טויזנטער קי און פערד פּאַשען זיך צווישן די „אַלאַמבראַס". עפּעס ווי פאַרשעמט האַלטן זיי די קעפּ אַראָפּגעלאָזט און קייען. ווייל אַוועק, אַוועק זיינען די פעטע יאָרן פון דער מלחמה, ווען דער ווערט פון בהמות איז כסדר געשטיגן, און מענטשן האָבן אויף זיי געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס. איצט איז זייער פּרייז מורא'דיק געפאַלן. וואָס מער אַ קאָלאָניסט האָט

בהמות, אַלץ מער דלות איז ער. בלאַנקען זיי זיך אַרום פּאַרלאָזט, קיינער וויל זיי נישט אָנקוקן, און זיי פרעסן נאָך אויף דאָס פאַרבליבענע פאַרמעגן פון זייערע באַלעבאַטים.

שוין ווי לאַנג, ווי מען האָט זיי געפּיטערט אויף די פעטע פעלדער פון דער גרינער אַלאַפאַלפאַ, און מען האָט צוגעזען די טראַגנדיקע קו, וואָס האָט געטראָגן יעדע אַ „הונדערטער" אין אירע געדערים. אייראָפּע האָט זיך גע־שלאָגן, אַרגענטינע האָט געליפערט פלייש, — איצט איז אַ קריזיס אין לאַנד. מען פאַרגעסט אָנצוטרינקען דאָס פי, און שטאַרבט עס אַוועק, קי־מערט זיך קיינער נישט. די „קאַראַמשעס", אַ מין רויב־פייגל פון דער אָד־לער־משפחה, פּיקעט אויף דאָס פלייש פון דעם געפאַלענעם פי אין דער פּאַמפּאַ. מחנות'ווייז באַלאַגערן זיי די פּגירה, פרעסן אויף דאָס פלייש און לאָזן רוען די ביינער, און ווייט און ברייט ווי די פּאַמפּאַ איז, זעט איר דאָ און דאָרט ווייסע פלעקן: דאָס איז דער געביין פון דעם געפאַלענעם פי, וואָס בריט זיך אויף דער זון, געשווענקט פון רעגן, און עס ווערט פאַלירט און ווייס.

זאָלן זיי רוען, די צעוואָרפענע ביינער אויף די ברייטע פעלדער! ווייל די איינטאָניקייט איז דאָ אַזעלכע, אַז עס נעמט אונז קלעמען ביים האַרץ, און דער בליק זוכט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. אַ פרייד באַפאַלט דעם פאַרנדיקן וואָגאָן, ווען ער דערזעט פון ווייטן, ווי עס טראָגט זיך אים אַנטקעגן דאָס ראָד פון דער ווינט־מיל, וואָס פּאָמפּעט וואַסער פון אונטער דעם שטיין אַפּער. דאָס איז דער סימן פון אַ ישוב. אַ „גאַלפּאָן" באַווייזט זיך, אַ מין שטוב, צוזאַמענגעשטעלט פון בלעכענע ווענט. עטלאַכע פאַר־קרימטע, לאָמע, קוים זשיפּנדיקע ביימלאַך, און היידאַ אַוועק! ס'בילד איז פאַרשוואונדן, ווידער ציט זיך די פּאַמפּאַ מיט די מרה־שחורה'דיקע בהמות און פערד. פון ווייט אַהער לויפן אָן אַ פּאָר רעלסן און שניידן דורך קוואַר, אויפן פלאַכן באָדן, אונזער וועג. דער ענגלישער אינזשינער (די באַנען געהערן כמעט אַלע צו די ענגלענדער) לייגט דורך דעם אייזערנעם וועג אין דער פּאַמפּאַ אויפן סאַמע איינפאַכסטן אופן. דער וועג ציט זיך גלייך, גלייך, גלייך, נישט קיין בערגל, נישט קיין טאָל, נישט קיין וואַסער שטערט אים; טרעפן זיך צוויי ליניעס, שניידן זיי זיך דורך, און לויפן ווייטער זייער גראַדן וועג.

די פּאַמפּאַ איז שטענדיק דורשטיק, שטענדיק גאַרט זי צום רעגן. ווען די גרינע שלאַנגען, מיינסטנס נישט גיפטיקע, קריכן־אַרויס פון די נאָרעס און באַווייזן זיך אויף דער אויבערפלאַך, איז אַ שמחה ביים קאָלאָניסט:

דער רעגן וועט קומען. די שלאַנגען האָבן דערשמעקט די פייכקייט פון דער לופט, און זיי זיינען שוין מיד פון דער טריקעניש. ברעכן דעם אַלטן פּאַטער די ביינער און ער קרעכצט אַ גאַנצע נאַכט. קומט דער זון אינדערפרי אָנזאָגן די בשורה זיין שכן: עס קלייבט זיך אויף רעגן.

ארגענטינע ליידט זייער שטאַרק פון פּאַרפּלייצונגען ווען דאָס טראָפּישע געוויטער צעשפּילט זיך, קאָן דער בליץ יאָגן און דער דונער אָפּקנאַלן טעג נאָכאַנאַנד, און דער הימל גיסט אָן אויפהער. עפּעס מבול'דיקעס איז פאַראַן אין די רעגנס. דאָ אָבער, אין דער צענטראַלער פּאַמפּאַ, טרינקט די ערד דעם רעגן און איז קיינמאָל נישט זאַט טרינקענדיק. דורשטיק פאַרשלינגט דאָס זאַמד דאָס וואַסער, און בעט נאָך און נאָך. דאָס דאָזיקע זאַמד האָט אין זיך אַ כוח ארויסצוגעבן אַ גוט גערעטעניש, מיט שפע קאָן ער אָפּשיטן צענטאַרן ווייץ, ווען ער האָט זיין מאָס רעגן, און עס פּאַסירט נישט קיין אומגליק. ליידער, טרעפט דאָס זעלטן, איין מאָל דורך 3 יאָר; דעמאָלט אָבער לעבט אַלץ און אָפּט אויפן לאַנד און אין שטאָט. דער קאָלאָניסט, ווער עס האָט נישט לאַנג געהונגערט, קויפט אהיים מחזורים פאַר זיך, צירונג פאַרן ווייב, זיידענע זאָקן פאַר די טעכטער. דער פּאָרט פון באהיא־בלאַנקאָ ווערט רירעוודיק און רוישיק. אפילו די בהמות הייבן אויף די קעפּ, און זיי מרוטשען ניט מער אַזוי טרויעריק אויף זייער ביטערן גורל און דעם שלעכטן קריזיס.

זעלטן־זעלטן, איין מאָל דורך עטלאַכע יאָר, ווערט אַהער פאַרטראָגן אַביסעלע שניי. אידישע קינדערלאַך, געבוירן אין דער פּאַמפּאַ, וואָס האָבן קיין שניי אין זייער לעבן נישט אָנגעזען, לויפן־אריין אין שטוב דערשראָקן און מיט ציטערדיקע שטימען דערציילן זיי די נייעס, וואָס זיי האָבן געזען:

— מאַמעליו, פייגעלאַך פאַלן פון הימל!

אַ געזונט אויף זייערע קעפּ, אויף די אידישע קאָלאָניסטישע קינדער־לאַך פון דער פּאַמפּאַ! איך האָב זיי געזען, קינדערלאַך פון 8 ביז 13 יאָר, אינגלאַך און מיידלאַך, רייטנדיק אויף די פּאַמפּאַ־פערדלאַך, צו צוויי אויף אַ פערדל, איינס האַלט ארומגעוויקלט די הענט ארום דעם צווייטן, און זיי האָבן גאַלאָפּירט, אַז אַ שטויב איז אויפגאַנגען צום הימל און האָט פאַרדעקט דעם האָריזאָנט. דאָס שענסטע בילד איז דאָס, דער פאַרבנסטער איינדרוק, וואָס די פּאַמפּאַ האָט מיר געגעבן.

דער לערער פון דער קאָלאָניע האָט מיר צוגעגרייט דעם סורפּריז פון מיין אָנקומען. די קינדער קומען געוויינטלאַך אין שולע אריין אויף פערד־לאַך, ווייל די הייזער שטייען צעוואָרפן אויף אַ שטרעקע פון עטלאַכע קילאָ־

מעטער; די פערדלאך פאשען זיך ביז די קינדער לערנען אפ און רייטן אהיים. היינט, לכבוד־מיין־אנקומען, האט מען איבערגעהאקט די לעקציע, און דאס ביסל קליינווארג האט זיך געלאזט גאלאפירן מיט אימפעט מיר אנטקעגן. מען האט געקאנט מיינען, א רעגימענט רייטער קומען־אן; ערשט פון שטויב וויקלען זיך ארויס אפגעברענטע פנימ'לאך פון אידישע קינדער. איך קוק זיי אן: ארעם־געקליידטע, מיט צעשויבערטע האר, די צעפלאך האבן זיך אויפגעלאזט ביי די מיידלאך, ביי די אינגלאך זיינען היטלאך פאררוקט אן א זייט — אונזערע יענקעלאך און שרהלאך, געבוירענע סטעפ־קינדער, ארגענטינישע קאזאקלאך און קאזאטשקעס, פלינק אויף די פערד און מיט דער אידישער שפראך אין זייער מויל.

היימישער איז מיר געווארן אין דער פאמפא...

ה. ד. נאמבערג

פארכאפט פון פאמפערא

אין דער אידישער קאלאניע „מאנטעפיארע" מיט נאמען, זיינען מיר געזעסן א רעדל מענטשן אין שטוב פון א אידישן לערער און האבן גע־טרונקען „מאטע". „מאטע", דאס איז דער נאציאנאלער געטראנק פון די ארגענטינער. פארפארטיקט פון א היימישער פלאנצונג, וואס ווערט אויפ־געבריט ווי טיי, אבער צום שפאט פון אלע אייראפייאישע היגיענישע באג־ריפן, טאר די „מאטע" ניט דערלאנגט ווערן א גאסט באזונדער אין א גלאז, צי אין א טעפל... די „מאטע" ווערט געזופט פון דער „באמביזשא" ארויס, א מין הילצערנעם בעכער, דורך א רערל, געוויינטלאך א זילבערנע, און דאס גאנצע קלאפערגעצייג, די „באמביזשא" צוזאמען מיטן רערל, וואנדערן ארום פון איין מויל צום צווייטן. אז דער לעצטער האט אויסגע־זופט זיין חלק, קומט עס ווידער אן צום ערשטן, אזוי זופט מען און מען זופט שעה'ן נאכאנאנד, מען פארגעסט די אומעטיקייט און איינטאני־קייט פון דער „פאמפא", דעם היימישן סטעפ.

דאס ערשטע מאל בין איך געזעסן אין אזא רעדל פון „מאטע־טרינ־קער" ארום די גליענדיקע קוילן און זודיקן טשייניק, וואס אויף דעם איי־זערנעם געשטעל. עס האט מיר גוט געטאן און איך האב געזופט מיט חשק פון דער „באמביזשא" יעדעס מאל, ווען די ריי איז געקומען אויף מיר.

ווייל אין דרויסן האָט זיך געשפּילט דער "פּאַמפּעראָ" און האָט אָנ־געיאָגט גרויע וואָלקנס, און האָט געשמיסן קאַלטע טראָפּנס אויף די שויבן, און האָט געמאַכט ציטערן און שוידערן דאָס אָרעמע פּי, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום, אויף גאָטס באַראָט, אונטערן פרייען הימל, טאָג ווי נאַכט, און ווייסט קיינמאָל נישט פון קיין שטאָל און פון קיין דאַך איבערן קאָפּ. דער גרויסער ברוינער הונט מיט אַן אויסגעצוואָגענער פעל, מיט אַן אומטעטיק אַראָפּגעלאָזטן עק האָט זיך געשפּאַרט אין שטוב אַריין, און אַלע מינוט, ווייל ער האָט זיך צופיל געפּלאָנטערט אונטער די פיס, האָט מען אים אַרויס־געיאָגט.

עס איז אַ בייזער ווינט אָט דער „פּאַמפּעראָ", אַ גוטער מענטש זאָל אים נישט קענען! ער קייקלט זיך אַראָפּ פון די שניי־בערג אין דרום־מערב, שפּאַצירט איבער דער צענטראַלער „פּאַמפּאַ", יאָגט אָן וואָלקנס זאַמד, פאַרשיט די אויגן פון מענטש און פי, דער הימל בלייבט בלוי, די זון בלאַנקט און ער וואָיעט ביטער: מאָדנע וואָיעט ער, יעדער בלאָז זיי־נער גייט פון אונטן אַרויף, און איר פילט בחוש, אַז דאָס איז אַן איינגעזע־סענער בעל־דבר, ער האָט נישט בדעה אויפצוהערן. קאַלט און שניידיק לויפט ער אַזוי הונדערטער מיילן איבער דעם פלאַכן לאַנד, ווי קיין וואַלד, קיין בערג, קיין שטאָט האַלט אים נישט אויף — אין אַרגענטינע זיינען די ווינטן ביי זיך אין דער היים — ביז ער פאַרציט ערגעץ אין צפון־מזרח דעם בלויען אַרגענטינישן הימל מיט אַ פינסטערן גרויען דעק, צעשפּילט זיך אין אַ געוויטער, אָדער שמייסט קאַלטע טראָפּנס, טעג נאָכאַנאַנד.

מיר האָט די „פּאַמפּעראָ" פאַרכאַפּט אין דער אָרעמער קאָלאָניע, פאַר־לאָזט פון גאָט און לייט. די יק"א־באַאַמטע האָבן דאָ געגאַסן אַ פעטן ביסן ביים איינקויפן די ערד; אַרויסגעגאַנגען איז די קאָלאָניע דערצו מיטן לינקן פוס, דאָס מזל האָט דאָ ביטער צוגעשפּילט צו די מעשים פון דער יק"א; באַלד אין ערשטן יאָר פון דער גרינדונג געהאַט אַ פאַרפלייצונג, די קאָלאָניסטן האָבן זיך דערפילט אָפּגענאַרט און פאַרפירט און נידערגע־שלאָגן און האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט און פאַרלוירן די קעפּ. נישט ווייט פון דאַנען בליט און געדייט די רייכע קאָלאָניע „מאָזעסוויל" — די צירונג פון די אידישע קאָלאָניעס; „מאַנטעפיאָרע" אָבער איז פאַראָרעמט, פאַר־וואָרלאָזט, אַפּאַטיש־נידערגעשלאָגן: אויסגעלאָשן זיינען דאָרט די אויגן, נישט זיכער די בליקן, און איינער אויפן אַנדערן איז אָנגעשטויסן.

איך האָב צוליב דעם „פּאַמפּעראָ" געמוזט פאַרבלייבן דאָ לענגער, ווי איך האָב גערעכנט, און האָב אפילו מיין באַגלייטער — אַ יונגער קאָלאָ־

ניסטישער זון פון מאַזעסוויל, נישט געקאַנט זען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַנדער הויז, ביי אַ צווייטן קאָלאָניסט, אַ קילאָמעטער ווייט פון מיר, און דאָס בייזע וועטער און דער לימיקער באָדן, וואָס איז געוואָרן קלעפּיק, ווי אַ געדיכטע קאַשע, האָט אונז צעשיידט, נישט צוצוקומען איינער צום אַנדערן.

זיינען מיר געזעסן, די קאָלאָניסטן פון די נאָענטע הייזער, געטרונקען „מאַטע" און גערעדט וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון דער קאָלאָניע און ווי אַזוי מען קריכט אַרויס פון דער לאַגע.

אין דער „טשאַקאָ" (וואַלד־געביט) זאָל מען געבן, ווייט אַרויף צו צפון, וואו די רעגירונג טיילט כמעט לאַנד אומזיסט.

און מען דערציילט איינער דעם אַנדערן וועגן דעם לעבן דאָרט אין אורוואַלד, וואו די פּאַמפּאַ הערט אויף. אויף די וועגן, וואָס פירן אַהין, ציען מחנות פון דייטשן, אויסגעמאַטערטע און פאַראָרעמטע, כדי צו פאַר־נעמען דאָס לאַנד דאָרט. פון גאָט געבענטשט איז דאָרט דער באָדן, דער היישעריק פרעסט נישט די פּראַצע פון מענטש. און אַלערליי תבואות, בוים־וואָל און אַרבעס געדייען דאָרט. דייטשן און איטאַליענער גייען אַהין, און מיר דאָ זיצן און פוילן ביי דער „יק"א"...

— אָבער היים מוז דאָרט זיין, נישט אויסצוהאַלטן, — האָט ווער אַריינגערעדט.

דאָ האָט זיך דער אידישער לערער גענומען אונז צו דערקלערן, אַז מיר האָבן אַ טעות. דאָרט, ווי די „פּאַמפּאַ" הערט אויף, ווערן אויך די קלימאַטישע באַדינגונגען געמילדערט, ווייל די וועלדער לאָזן נישט צו, אַז ווינטן, די הייסע, ווי די קאַלטע, זאָלן בלאָזן אַזוי פריי און אומגעשטערט.

די גאַנצע „פּאַמפּאַ" האָט זיך אויסגעלייגט אויף אַ שטיין, באַדעקט אויבן אויף מיט אַ שמאָלן שיכט ערד, און גלייך איז זי. דיביימער צעברעכן זייערע וואָרצלען אָן דעם שטיין, וועלקן און שטאַרבן.

ער האָט אונז אויסגעמאָלט דאָס גאַנצע בילד, ווי אַזוי די פּאַמפּאַ האָט זיך צעלייגט פון די קאַרדיזשערן ביז צום אַטלאַנטיק, און מיר האָבן זיך איינגעהערט. ער האָט גערעדט מיט גרויס חשק אונטער דעם אַקאָמ־פּאַנימענט פון זודיקן טשייניק און כסדר'דיקן ציטערן פון די שויבן.

די טיר האָט זיך געעפנט, דער הונט האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט אויסשפּירן, צי לסוף וועט מען אים פאָרט נישט געבן אַן אָפּרו און אַ שוץ צוזאַמען מיט די מענטשן. נאָך אים האָט זיך באַוויזן אין דער גאַנצער גרויס, פאַרנעמענדיק דעם גאַנצן חלל פון דער טיר אַ מאַנס־

פארשווין פון א יאָר 30, א שווערער, א גרויסער, אַן אַנגעלאָדענער אין א זייער אָפּגעטראָגענעם פּאַלטאָ.

מען האָט אים מיר פאָרגעשטעלט אויף שפּאַניש. דאָס איז געווען דער לערער פון שפּאַניש אין דער שול, א „קרעאָזשע" (אַן איינגעבוירענער), אָנגעשטעלט פון דער רעגירונג.

זיין היסטאָריע איז מיר שוין געווען באַקאַנט פון א פריערדיקן שמועס וועגן אים. ער איז א מין טיפּ פון אַן אַרגענטינישן פאָלקס־לערער אין דער פּראָווינציאַלער פּראָווינץ. ער ווערט שלעכט באַצאָלט, אָבער א סך ווערט פון אים אויך נישט געפאָדערט נישט שטענדיק קריגט ער אויסגעצאָלט זיין געהאַלט. אַנדערע זיינס גלייכן ווערן פויל, נאַכלעסיק און טרינקען; אונזערער איז אָבער געווען אַן אינטעליגענט, האָט פיל געלייענט, און איז דערצו געווען א סאָציאַליסט.

צוליב זיין סאָציאַליזם און צוליב דעם, וואָס ער האָט אויסגערעדט אויף גאָט, האָט ער באַקומען א דיסציפּלינירטע שטראָף, און פון שטעטל איז ער פאַרזעצט געוואָרן אין א קאָלאָניע פון די „כודיאָס" (אידן). אָנגעהערט האָט ער זיך וועגן די „כודיאָס" אַלערליי וואונדערלאַכע זאַכן, דהיינו, אַז ביי א אידן איז דאָ א סימן, א מין איבערבלייבעניש פון א האָרן אויפן שטערן, אַז צו געוויסע צייטן פון יאָר עסן זיי זייערע אייגענע קינדער (א מין ווערסיע פון עלילת־דם). און עס איז אים געוואָרן גאַנץ פּריקרע אויפן האַרצן, ווען ער האָט געמוזט נעמען זיין האַנט־רענצל מיטן לייג־בעטל און איבערוואַנדערן צו די "כודיאָס". היינט שטעלט אייך פאָר זיין איבעררעשונג, אַז ער האָט דאָ אָנגעטראָפן מענטשן, וואָס שטייען קולטורעל פיל העכער ווי זיינע בירגער פון שטעטל, מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרשטאַנען און וואָס ער האָט זיי פאַרשטאַנען, מענטשן וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר זיינע ביכער, און מכוח סאָציאַליזם איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן! אין דער אָרעמער אידישער קאָלאָניע האָט ער זיך באַקענט אפילו מיט די אַנאַרכיסטישע טעאָריעס.

מיט אים האָט פּאַסירט ממש, ווי אין חומש שטייט: זיי האָבן עס גע־מיינט צום שלעכטן און גאָט האָט עס געלענקט צום גוטן. ער האָט זיך דאָ זייער גוט געפילט צווישן דער פאַרהאָרעוועטער אָרעמער מאַסע, וואו זיין אָפּגעטראָגענער פּאַלטאָ איז נישט געווען קיין אומ'כבוד, וואו מען האָט רעספּעקטירט זיינע רייד, זיינע גרויסע, אומגעהייער גרויסע ברילן, און זיינע ביכער.

ער האָט זיך צוגעזעצט מיט קענטיקן פאַרגעניגן צו דעם רעדל אַרום די גליענדיקע קוילן און האָט גענומען זופּן פון דער „באַמביזשאַ״. לכבוד דעם נייעם גאַסט האָט מען זיך דערמאָנט אָן עסן, און ברויט מיט היימישן קעז איז געוואָרן סערווירט, וואָס דער עולם האָט געגעסן גאַנץ געשמאַק.

דער אידישער לערער האָט ווידער אָנגעהויבן זיין לעקציע וועגן דער נאַטור און וועגן דעם בוי פון באָדן אין דער פּאַמפּאַ. דאָ האָט דער שפּאַ־נישער לערער האָט אים אָבער איבערגעהאַקט, געוואָר ווערנדיק, אַז איך בין אַ שרייבער און קום פון אייראָפּע, האָט ער זיך געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע, מיך איבערצוציייגן, אַז דאָס וויגעלע פון אדם־הראשון, פון ערשטן מענטש אויף דער ערד, איז געשטאַנען טאַקע דאָ, אין דער פּאַמפּאַ. ער האָט מיר גענומען מאָלן שאַרבנס, פאָרמען פון מענטשלאַכע ביינער, פאַרשיידענע געצייג פון דער שטיין־עפּאָכע, וואָס מען האָט געפונען, גראָבנדיק דאָ אין באָדן... ער האָט גערעדט לאַנג און מיט היץ און טעמפּעראַמענט, ווייל ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר זיין פּאַטריאָטישער אויפגאַבע, איבערצוציייגן די גאַנצע וועלט, אַז אַרגענטינע איז דאָס וויגעלע פון דער מענטשהייט.

איך האָב מיך געלאַנגווייליקט, און די „מאַטע״ האָט אויף מיר אָנ־געיאָגט אַ שלעפעריקייט, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט, אָבער איך האָב מיך באַמיט צו זיין העפלאַך און צו הערן געדולדיק.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַרגענטינער, פון די עכטע „קרעאָזשעס״, וואָס איך האָב באַגעגנט, און בכלל האָב איך געהאַט און אַזוי האָט דאָס יע־דער מענטש אין בוענאָס־איירעס געזאָגט פאַר מיין אָפּפאָרן אין דער פּראָ־ווינץ: מיטן „קרעאָזשע״ מוז מען זיין אויף דער וואַך, ער איז אַ גוט־האַרציקער מענטש, אָן איבערגעגעבענער און אַ פיינער אַזוי לאַנג ווי דו באַליידיקסט אים נישט. טאָמער אָבער רירסטו אָן זיין כבוד, דעמאָלט היט דיך פאַר דיין לעבן, ער קאָן דיר געבן מיט אַ מעסער אין דער זייט.

און כאָטש אונזער לערער האָט נישט אויסגעזען אויף איינעם, וואָס וועט זיך לויפן שלאָגן, און כאָטש די סכנה פון אַ מעסער אין אַ זייט האָט דאָ נישט עקזיסטירט, האָב איך דאָך געהערט און באַטראַכט די פיגורן, וואָס ער האָט געצייכנט, ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן און מען האָט אָנ־געצונדן דעם לאָמפּ.

דער ווינט אין דרויסן האָט נאָך מער צעהוליעט, ער האָט גענומען שטאַרק שוין רייסן די לאָדן און האָט מורא׳דיק געפייפט איבער די ברייטע פעלדער. מען האָט געפילט שוין אין שטוב, ווי ער שפּאַצירט אַרום, דורכ־

רייסנדיק זיך דורך די שפּאַרעס, און מיין לערער האָט אַלץ געדעדט און געצייכנט פיגורן.

— שטאַרקע ווינטן ביי אייך, — האָב איך איבערגעהאַקט.

אָבער ער האָט מיט אַ פּאַטריאָטישן פּאַטאָס אָפּגעלייקענט מיינע ווער־טער, געשמאַצקעט מיט דער צונג צוויי מאָל „דאַ־דאַ“, לויטן היימישן שטייגער, אַלס צייכן אויף ניין, און האָט געזאָגט:

— נישט באַדייטנדיקע ווינטן, וואָס גייען דורך. אַרגענטינע האָט אַ מעסיק, אַ הערלאַך, אַ געזונט קלימאַט.

ווידער האָט מען אָנגעגאָסן די „באַמביזשע“ און זי האָט גענומען וואַנ־דערן פון מויל צו מויל אין רעדל.

מיין לערער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רעדן און אין איין איבער־ציינגן.

אין אַרגענטינע, נישט ערגעץ וואו אַנדערש, אין אַרגענטינע, האָט זיך באַוויזן דער ערשטער מענטש, אָפּשטאַמענדיק פון דער בראַזילישער מאַלפּע.

— גוט. זאָל זיין — האָב איך געזאָגט, וועלנדיק אים דערצערענען
— איר האַלט דאָס פאַר אַ גרויסן יחוס? איך נישט. זאָגט מיר, ליבער, פאַרוואָס איז דער אַרגענטינישער הימן אַזוי משונה'דיק לאַנג.

מער האָט נישט געפעלט. באַלד האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן פון דעם גאַוטשאָ־סאָציאַליסט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ווער ווייסט, וואָס דערפון וואָלט אַרויסגעקומען, ווען די קאָלאָניסטן וואָלטן אים נישט אַלע צוזאַמען גענומען באַרואיקן.

ת. ד. נאָמבערג

מיר דערוואַרטן דעם באַראָן הירש

איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ פויגל אָדער וועלכער ווינט עס האָט די בשורה געבראַכט. אַ קלאַנג האָט זיך צעטראָגן, די מעלדונג אַזוי ווי פון הימל אַראָפּ, און טיף אַריינגעדרונגען אין יעדנס האַרץ. „דער באַראָן קומט!" — האָט זיך פון יעדער מויל פריילאַך די מיטטיילונג אַרויסגעריסן. יעדעס קינד, וואָס האָט נאָר רעדן געקאָנט, האָט די בשורה דערציילט: „דער באַראָן הירש קומט צו אונז!"

— אַ שיף האָט ער אָן אייגענע געקויפט! — דערציילט אברהם פּיקעלני, שטייענדיק אין דער מיט פון אַ רעדל קאָלאָניסטן. — ער האָט איינגעלאַדן די גרעסטע אַנטיסעמיטן פון אייראָפּע: ער צאָלט פאַר זיי זעקס מאָנאַט פענסיע מיטן תנאי, אַז זיי זאָלן מיטפאָרן קיין אַרגענטינע און זען מיט די אויגן, ווי די שאַכערניקעס, די „זשידעס" באַאַרבעטן די ערד מיט אייגענע הענט...

דער יונגער ישראל דיניעץ איז געשטאַנען צווישן אַ סך פורן אויף סאַמע מיטן וועג, וואָס גייט קיין קאַסאַרעס, האָט אין האַנט געהאַלטן די בייטש און מיטן בייטש־שטעקל אויסגעמאָלט עפּעס אויפן זאַמד אַ מין „בויגן".

— זעט, קאָלאָניסטן! — האָט ער באַגייסטערט גערעדט — אָט אַזאַ סאָרט טריאומף־בויגן דאַרפן מיר צוגרייטן אויפן טויער פון מאַוריציאַ, וואו מיר'ן דורכפירן דעם קבלת־פּנים פאַרן באַראָן!

דער שוחט אייזיק גלאַזערמאַן, אַ היפּשער למדן און אַ חכם, האָט צוגעגרייט אַ נייעם „מי־שברך": עפּעס אַ סאָרט „הנותן תשועה", וואָס ער האָט פאַרפאַסט לכבוד דעם באַראָן און האָט אים איינגעזונגען מיט משוררים...

די דעלעגאַטן־קאָמיסיע, אונזערע ראשים, האָבן פּריוואַט אָפּגערעדט, אַז מ'דאַרף זען אויסווירקן ביים באַראָן אַ ריכטיקן שפּיטאָל מיט אַן אייגענעם אַפּטייק, און מיכעלע רימסקי, אַ קליין אידעלע מיט אַ גרויסן און קלוגן קאָפּ, האָט געדרונגען, אַז אויב בעטן, דאַן זאָל מען שוין פּועל'ן גאַנצע שפּיטעלער — איינעם אין דער קאָלאָניע גופא, און דעם צווייטן, אַ גרויסן אידישן שפּיטאָל אין בוענאָס־איירעס.

— מען דאַרף אים זאָגן... — האָט ער געוואָלדעוועט און זיך געצופּט זיין שיטער בערדל — מ'דאַרף אים גוט דערקלערן, אַז אַ איד קאָן זיך

בשום אופן ניט אויסהיילן און אפילו רואיק ניט שטאַרבן אין קיין גוי'־אישן שפּיטאָל, וואו די באַרמהאַרציקע שוועסטער שטופּן אים אַלע ווײַלע דעם צלם אונטערן נאָז און בענטשן אים אינם נאָמען פון אונזער אידליק פון נצרות!...

אונזערע רעוואָלוציאָנערן האָבן גאָר עטוואָס אַנדערש גע'טענה'ט: לויט זייער מיינונג האָט מען חוץ פרייהייט קיין אנדער זיך ניט געדאַרפט בעטן... „זאָל ער נאָר אַראָפּנעמען די מכה, דעם געשוויר, וואָס הייסט אַדמיניסטראַציע; אויסמעקן דעם שאַנד־פלעק פונם קאָנטראַקט — דעם פּראָצענט, דאַן וועט במילא זיין וואויל און גוט!“

דער הייסגעבאַקענער דוד טשערניץ, אונזער שומר ביים גרעניץ פון דער קאָלאָניע, אָט דער דאָזיקער ברייט־ביינערדיקער, פעסט־געבויטער מענטש מיט די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, דער גיבור, וואָס האָט שוין מערער גאַוטשאָס דערשאָסן אין איינעם אין אַ געשלעג, מיט זיינע אייזערנע ציין פשוט דעם נאָז אָפּגעביסן — אָט דער גאַוטשאָ דרייט זיך נאָך היינט אויך אַרום אין דער קאָלאָניע און דער חלל פון זיין געוועזענער נאָז איז פאַרבונדן מיט אַ טיכל — אָט דער גיבור האָט ווי אַ קינד געוויינט פאַר פרייד, בשעת ער האָט דערהערט די בשורה, אַז דער באַראָן קומט; מען האָט ממש געמיינט, אַז דער מענטש ווערט צעמישט פאַר שמחה. ער האָט נאָר געוואָלט צוזאַמענשטעלן אַ סקוואַדראָן פון בחורים און קינ־דער... — מיט די מעסערס אין די גאַרטלען, מיט רעוואָלווערן און רעמינג־טאָן־ביקסן, רייטנדיק אויף ברענענדע פערד, דאַרפן מיר אַרויספאָרן אַנט־קעגן אונזער מלך־המשיח! — האָט טשערניץ געשריען — די יוגנט מיט כלי־זיין אין איין זייט און אין דער צווייטער זייט די זקנים מיט ספרי־תורות; און די מיידלאַך און ווייבלאַך זאָלן צווישן ביידע רייען, אין דער מיט, דער וועג פאַר אים אַרויסשפּרייטן מיט בלומען...

פון זיין מויל האָט ווי פייער געשפּריצט... פון עקסטאַז האָט ער דאָס היטל אַלע מינוט געשליידערט צו דער ערד.

מאָסקוואַ, דער מקור פון דער דיפּלאָמאַטיע און די פּאָליטישע קאָמ־בינאַציעס, האָט נאָך די בשורה ניט פאַנאַנדערגעגלידערט און איבער איר קיין באַשלוס ניט אָנגענומען. נאָר ווען די שמחה האָט שוין דערגרייכט צו דער העכסטער באַגייסטערונג אין דער קאָלאָניע, און האָט ביי די דיפּלאָמאַטן געפאָדערט עפּעס רעאַלעס, פּאָזיטיווס, האָבן זיך די דאָזיקע ע ל ט ס ט ע געווענדט מיט אַן אָנפראַגע צו לאַפּינען, און ער האָט געענט־פערט מיט אַ צווײדײטיקן שמייכל:

— אָפּיציעל איז נאָך פּאַרלויפיק ניט באַשטעטיקט, אַז ער קומט, נאָר ס'איז מער ווי זיכער, אַז ער וועט דאָ זיין! מעגלאָך, אַז באַלד נאָך דער קאַסעטשע, ווי נאָר מען וועט האָבן דאָס ברויט אַריינגעפירט אין שייער אָדער גאַלפּאַן אַריין — וועט ער אָנקומען!

געוואָרט האָבן מיר, אַז ענדע מערץ, אָדער אָנהויב אַפּריל וועט דער באַראָן הירש זיין ביי אונז.

אָבער דערווייל איז די קאָלאָניע דעמאָלסט געווען פול מיט באַגייסטערונג. מען האָט פלייסיק און מיט ליבע דאָס לאַנד באַאַרבעט און מען האָט אָפּגעוואַרט אויף אַ גרויסן קבוץ־גליות... די זעקס מיליאָן אידן פונם צאַרן־לאַנד וועט מען אַריבערשלעפּן קיין אַרגענטינע און... נאָר צו וואָס זאָל איך איצט שרייבן, וואָס מיר האָבן דעמאָלסט געטראַכט און געהאָפט?

אַך, יענע גליקלאַכע טעג! יענע גאָלדענע צייט, וואו איז זי איצט? דאָך פאַרבלייבט זי מעכטיק איינגעקריצט אינם זכרון פון די חלוצים הראשונים. די פּיאָנערן וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע צייט, וואָס איז געווען די בעסטע, די גליקלאַכסטע און צופרידנסטע פון דער דריי־סיק־יעריקער קאָלאָניזאַציע! אַלעמענס הערצער זיינען איבערגעפולט געווען מיט פרייד. די געזאַנגען, די פריילאַכע לידער האָבן זיך געלאָזט הערן יעדן אָוונט, כמעט אין אַלע גרופּעס. די לופט איז פול געווען מיטן אַראָמאַט פון אַ גן־עדן... אַ ווירקלאַך־אידיש פריי לאַנד!

ביים שיין פון דער לבנה, אונטער דעם הימן קאַליר, מילדער לופט, וואָס האָט ווי געגלעט און געלאַשטשעט, פלעג איך ליב האָבן מיט מיין פרוי אַרומשפּאַצירן; זיך אַדורכגיין צווישן די מאַרזייטע פעלדער, ווי די במעט־צייטיקע הויכע זאַנגען פון באַרלעטאַ־ווייץ האָבן מיט אָנגעבוי־גענע קעפּלאַך זיך איינס צום אַנדערן געטוליעט און ווי עפּעס געהיימ־ניספול זיך געשושקעט איבער נאַטור און לעבן... פון די פענסטערלאַך פון יענקל חוהס גרופּע האָבן ליכטלאַך געבלישטשעט און אין די אויערן האָט אָפּגעקלונגען די קלאָרע שטים פון מאָזעס ראָזעס, וועלכער איז זיך דאָרט געלעגן ערגעץ אויסגעצויגן אין דרויסן אויפן ווייכן גראָז און האָט געזונגען צונזערס „סאָכע":

„...איך דאַרף ניט לייען, באָרגן,
דער מוח דאַרף ניט זאָרגן..."

אָ, ווי מעכטיק האָבן דאַן אונזערע הערצער געקלאַפּט פון אַנט־ציקונג, שפּאַנונג און דערוואַכונג! אַך, ווען דער באַראָן זאָל קומען, ער

אליין זאָל אַלעס הערן ; מיט זיינע אויגן אונז אַלע, זיינע קינדער — זען...
ווי טויזנט־פאַך גליקלאַכער נאָך וואָלטן מיר געווען !

אָט אַזוי פלעגן מיר פאַנטאַזירן און, אין די אָוונטן ארומשפּאַצירנדיק, דאָס אויפן קול צווישן זיך אויסרעדן...

מען בענקט אין בוענאָס איירעס

ביז צו דער מלחמה האָבן אידן געלעבט אין בוענאָס איירעס אויף דערוויל. אין דער טיפעניש פון האַרץ האָט יעדער געהאַט אַ באַהאַלטענע האָפענונג : אָט־אָט וועט זיך דאָס רעדל אַ קער טאָן, עפּעס וועט געשען, און מען וועט צוריקפאָרן אַהיים.

אויף דערוויל האָט מען געלעבט, אויף דערוויל האָט מען חתונה געהאַט און אויף דערוויל האָט מען אפילו קינדער חתונה געמאַכט. מען איז רייך געוואָרן, די געשעפטן זיינען זיך צעוואָקסן, אָדער מען איז פאַרשוואַרצט געוואָרן אין אַ „טאַזשער" (שאַפּ, וואַרשטאַט), אָדער מען איז גאָר געשטאָרבן אויף טובערקולאָז. די קעפּ זיינען גראָ געוואָרן, און מען האָט געוואַרט, און מען האָט געבענקט.

עס איז אַ בענקשאַפט, אַ נישט־קלאָרע, אַ נישט־באַשטימטע, פון מענטשען, וואָס דאָס מזל האָט זיי פאַרטראָגן העט־וויט, אונטער אַ פרעמדן הימל און פרעמדע שטערן. מעג דער הימל זיין ווי טיף בלאָ, מעגן די שטערן ביינאַכט בלאַנקען ווי העל דאָ אין אַרגענטינע — דאָס האַרץ נאָגט.

און שווער איז איינצולעבן זיך מיטן געדאַנק, אַז אָט טאַקע דאָס איז עס, אָט דאָ בלייבט מען, דאָ וועט מען אָפּלעבן דאָס ביסל באַשערטע יאָרן.

ווייל קיין אַרגענטינע איז דער עמיגראַנט פאַרטראָגן געוואָרן געוויינטלאַך פון עפּעס אַ שטראָם, אַהער איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן. זעלטן איינער פון די ערשטע עמיגראַנטן איז געקומען מיט זיין אייגענעם ווילן, מיטן אייגענעם באַשלוס. אָדער ער שטאַמט פון דער ערשטער „באַראָן הירש־עמגיראַציע" און איז געקומען מיט אַ „פאַרטיע", אָדער ער איז געלאָפן פון די פּאָגראָמען, אָדער עס האָט געפעלט אויף אַ שיפס־קאַרטע קיין ניו יאָרק, אָדער אַן אַגענט פון אַ שיפס־געזעלשאַפט האָט אים פאַרנאַרט. כמעט יעדער האָט אַ געשיכטע, עפּעס אַ פּאַסירונג.

דער גאַנצער ישוב איז נאָך יונג. איר דערקאָנט נאָך אין דער אימיגראַציע די באַזונדערע כוואַליעס : די פון באַראָן הירש סוף אכציקער יאָרן,

די כוואליע פון 1905 און נאָר די לעצטע פאר דער מלחמה. עס איז אזוי ווי מען גראָבט אין דער ערד, און אָנשטאָט איין־איינציקע מאסע, זעט מען א שיכט אָנגעלעגט אויף א שיכט, נאָר נישט פארמישט.

אויב בענקען, מוז מען זאָגן, אז אממייסטנס בענקט דער פוילישער איד, ווייל צו זיין א פוילישער איד אין ארגענטינע איז א שטיקל אָפּקומע־ניש. ליטוואקעס און אפילו בעסאראביער באַציען זיך צום פוילישן איד פון אויבן־אראָפּ. עפּעס קרימט מען מיט דער נאָז און מען מאכט א זויערע מינע ביי די ווערטער: „דער? ער איז א פוילישער".

א גרויסע ראָלע שפּילט דאָ דער פאקט, וואָס דער ליטוואַק איז א וואויל־קענער און גרויסט זיך שטארק דערמיט. דער פוילישער גילט פאר אן עולם־הזה'ניק. ער האָט ליב א ברידערלאָכע סעודה, מיט געבראָטענע גענזלאָך און וויין, און האָט ליב צו טאנצן א „שער" אויף חתונות, א זינג צו טאָן און א קלאַפּ צו געבן אויף די פּלייצעס.

דערצו נאָך האָט דער פוילישער איד א שטיקל שוואכקייט צו זיין היים. קיינער איז נישט אזוי צוגעבונדן צו דעם היימישן וועלדל און טייכל, צו דער היימישער נאַטור, ווי ער.

מיך האָט אויסגעזוכט א איד פון וואָלאָמין, א פּיצעלע שטעטעל ביי וואַרשע. ער איז שוין א יאָר 20 אין לאנד: למען השם, איך זאָל אים זאָגן, צי דאָס קליינע וועלדעלע, — אינגאנצן עטלאָכע הונדערט בזשאָזשעס האָרט ביי דער באַן־ליניע — צי עס שטייט נאָך דאָרט? נישט ווייט פון דאָרט האָט ער געוואוינט.

—דאָס וועלדל — האָב איך אים געזאָגט — האָבן די דייטשן אויס־געהאַקט בשעת דער אָקופּאַציע.

— א כאָלערע אויף זייערע קעפּ! — האָט ער געשאָלטן. ער האָט געמיינט, אז די דייטשן זיינען פיינע לייט, ער האָט זיך נישט געריכט, אז זיי זאָלן טאָן עפּעס אזוינס.

אָבער עס איז געקומען די מלחמה. די וועלט איז געוואָרן אָפּגעשניטן. די אַלטע היים איז איבערגעקערט געוואָרן, די האָפענונג זיך אומצוקערן — איז פארשוואונדן, און אן אינערלאָכע שטים האָט אויסגערופן ביי יעדן אין הארץ די ווערטער פון אַלטן נביא:

„בויט הייזער, פלאַנצט וויינגערטנער".

און מען האָט זיך גענומען איינפונדעווען.

בוענאָס איירעס האָט זייער א שיין פאָלקס־לעבן. יונג־שוואכלאָך, אָבער סימפּאַטיש.

די ערשטע אייוואַנדערונג קיין ניו יאָרק און שיקאַגאָ האָבן נישט געהאַט הינטער זיך אינדערהיים אַ דור פון אַרבעטער־באַוועגונג, פון אידישער ליטעראַטור, פון אידישע צייטונגען.

דער איינוואַנדערער קיין אַרגענטינע שטאַמט פון אַ שפּעטערן דור. אינדערהיים איז מען שוין דורכגעגאַנגען אַ געוויסע דערציאונג, אָדער מען האָט געהערט צו אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער געווען אַ מיטגליד פון אַ ביבליאָטעק.

די אידישע מאַסע איז אין פאַרלויף פון דעם דור קולטורעל אויסגע־וואַקסן, און דאָס פילט זיך שטאַרק אין דעם טאָן, אין דעם כאַראַקטער פון פאָלקס־לעבן, אין זיין געשמאַק.

בוענאָס איירעס האָט אויפגעבויט דער דרום־מענטש, פאַר וועמען די „פּלאַסאַ“ (דער שטאָט־גאָרטן, סקווער) איז אַ גוטע היים, דער הימל איז אַ דאַך. דאָס לעבן שפּילט זיך אָפּ אין די גאַסן, אין די קאַפעס, אהיים קומט מען נעכטיקן, אָדער שיצן זיך פון אַ שלאַקס־רעגן, ווען דער טראָפּי־שער הימל צעשפּילט זיך און גיסט, ווי פון צעבערס.

דערפון ליידט דאָס פאַמיליע־לעבן זייער שטאַרק; ווייל זעלטן אַ מענטש האָט דאָ אַ גוט איינגעאָרדנטע היים. אידן, פאַרשטייט זיך, מוזן דאָס שפּירן נאָך מער ווי אַנדערע.

די שפּאַניער האָבן מיטגעבראַכט זייער סיסטעם פון בויען. פון אריינ־גאַנג קומט איר אין אַ פיר־עקיקן קאַסטן, צווישן פיר מויערן, געוויינטלאַך נאָר איין שטאָק הויך. אויבן איז אָפן, דער אונטן איז אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער. דאָס איז דער הויף. דאָ קומען זיך אַלע צוזאַמען, דאָ פאַר־ברענגט מען דעם גאַנצן טאָג, ווייל די צימערן זיינען קליינע, ענגע, מייסנטס אָן טאָג־ליכט, אָן פענסטער און נאָר דינע ווענטלאַך טיילן אָפּ איין צימער פון צווייטן. אין אַזאַ הויף וואוינען זעקס־זיבן פאַמיליעס, אַלע טירן גייען אַרויס אין „הויף“ אַריין. יעדער איז ביי אַלעמען אויף די אויגן, וואָס איי־נער קאָכט, איז ביי יעדן אין דער נאָז... דאָ ליבט מען זיך, דאָ קריגט מען זיך. דאָ כאָוועט מען קינדערלאַך, אַלץ ביי אַלעמען און פאַר אַלעמען אין די אויגן.

עס איז נישט אונזער היים, וואו דער מענטש ווערט אַרומגענומען מיט דער אַטמאָספערע פון הויזלאַכקייט.

ה. ד. נאָמבערג

מאָזעסוויל

מאָזעסווילער יונגט איז שטאָלץ אויף זייער נייעם ישוב. דער גרעס־טער טייל פון די איבער 300 קאָלאָניסטן האָבן שוין אויסגעצאָלט דער יק״א. דער ארגענטינער קריזיס האָט אויך דאָ געמאַכט חורבות, מענטשן האָבן פארלוירן ריזיקע פארמעגנס, אָבער דערשלאָגענע,, ארויסגעשטויסענע זיינען כמעט נישטאָ. מען הערט נישט דאָ, אַז אימיצער זאָל פארקויפן די ערד צו די שפּאַניער, וואָס ס'האָט, לײדער, פּאַסירט מיט זייער פיל אין דער קאָ־לאָניע מאָוריציא.

מאָזעסוויל פאַרמאָגט דעם בעסטן קאָאָפּעראַטיוו, נישט נאָר פון די אידישע קאָלאָניעס, נאָר פון גאַנץ אַרגענטינע. אין מאָזעסוויל לעבן אידן פרומע, הײנטמאָדישע, ראַדיקאַלע, ליטוואַקעס און בעסאַראַביער. מחלוקת קומען דאָ פאָר זעלטן. מאָזעסוויל פאַרמאָגט אַביסל לעבן־הומאָר, וואָס דאָס איז דער בעסטער אויסגלײכער צווישן מענטשן.

מאָזעסוויל האָט הומאָר, און מאָזעסוויל האָט אויף לאַנגע, לאַנגע קילאָמעטער גוטע וועגן, באַפלאַנצט פון ביידע זייטן מיט ביימער, וואָס דאָס איז אויך אַ סימן פון גוטן הומאָר. וואו דער מענטש איז גוט אויפגעלייגט, לאַכט ביי אים דאָס פנים און די אויגן, און עס לאַכט זיין וואוינונג, זיין פעלד און זיין וועג. אין אַ זייט פון דער קאָלאָניע וואוינט אַ גרופּע פאַר־וואָרלאָזטע קאָלאָניסטן: דיזעלבע ערד, דיזעלבע באַדינגונגען, אָבער אָן מזל און אָן גליק. זיינען דאָ אויפן וועג קאַלוזשעס וואַסער, און אַ פּגירה פון אַ פערד ליגט אויסגעצויגן אין מיטן וועג און קיינער רוימט זי נישט אָפּ. און קיין אָנצייכן פון קיין בוים זעט איר נישט און די קאָלאָניסטן קוקן פון אונטער די ברעמען אפער מיט חשד און די „אַלאַמבראַ" איז איבערגע־ריסן און אַלץ פאַלט פון די הענט.

און ווידער פּאַרט־אַרוים די „סילקע", דאָס וועגעלע אויף צוויי רעדער, און עס טראָגט אונז ווייטער דורך גרינע פעלדער. טייל ערטער ווערן איצט באַאַקערט און באַזייט. איר דאַרפט מיך יעצט נישט נאָכצופרעגן אויף דער לאַגע פון די קאָלאָניסטן און יעדער גרופּע באַזונדער; איין בליק פון אויג איז גענוג. וואו דער וועג איז אין אָרדענונג, וואו ביימער זיינען פאַרפלאַנצט, וואו איר מערקט קיין אָפּגעלאָזנקייט נישט, דאָרט, זייט ווויסן, האָט זיך אַ משפחה פעסט איינגעפלאַנצט און פאַרקניפּט איר גורל מיט דער מאָזעס־ווילער ערד.

און ווי לאַנג איז, ווי אויף מאָזעסוויל האָט מען געמאַכט מיט דער האַנט, ווי אויף אַן אומגליקלאַכן דורפאַל! די לאַגע פון די קאָלאָניסטן איז געווען אָן שום האָפענונג. יאָר־איין, יאָר־אויס האָבן זיי געאַקערט און געזייט און יאָר־איין און יאָר־אויס איז געקומען דער היישעריק און האָט אָפּגעפרעסן און נישט געלאָזן קיין רעשט. מאָזעסוויל ליגט אין צפון, און דער פּראָווינץ סאַנטאַ־פּע. דער היישעריק, וואָס האָט זיינע נעסטן אין די וועלדער פון טשאַקאָ און פּאַראַגוואַי, קומט אַהער הונגעריק און מאַכט דאָ זיין ערשטן אויפהאַלט. ער פרעסט־אָפּ די אַרויסגעשפּראָצטע זריעה און שטאַרבט אַוועק. אָבער פאַרן טויט לאָזט ער איבער דעם נייעם דור איינגע־גראָבן אין דער ערד, אין פאָרם פון אייערלאַך, צו 80 אויף איין מאָל, פון וואַנען עס שטאַמט דער צווייטער דור — דער קריכנדיקער היישעריק. ער נעמט אַרויסקריכן פון בלעטער. און אויף הונדערטער קילאָמעטער איז די ערד פול מיט אים, קיין ליידיק אָרט איז נישטאָ! און ער קריכט צו צפון, צו זיין היים צוריק, און פון אים איז קיין רעטונג און קיין באַהעלטעניש נישטאָ. וואָס זיין טאַטע־מאַמע, דער פליענדיקער היישעריק, האָבן איבער־געלאָזט, דאָס פרעסט ער אויף. די זריעה, וואָס איז ווידער אויפגעגאַנגען און איז אויך געוואָקסן, ווערט פאַרשוואונדן, די ביימער בלייבן שטיין אָן אַ פּיצל גרינס... נאָר דער, וואָס איז געווען אין אַרגענטינע, קאָן פילן די ווערטער פון נביא און זיין צער, ווען ער דערציילט די שרעק פון היישעריק.

כמעט ווי אַ צופאַל איז עס געווען, וואָס האָט געראַטעוועט די לאַגע: איינער, אַן אַדמיניסטראַטאָר, האָט אַראָפּגעבראַכט די זוימען פון דער „אַל־פאַלפאַ" און צעטיילט צווישן די קאָלאָניסטן און געהייסן זיי פאַרזייען די ערד דערמיט. די קאָלאָניסטן האָבן זיך געבונטעוועט. אַ נייע גזירה איז אַרויס, — האָבן זיי געשריען, — צו פאַרזייען אַלפאַלפאַ, אָבער די, וואָס האָבן פאַרזייט, האָבן געשניטן 6 מאָל אַ יאָר, און ווען דער היישעריק האָט אויפגעפרעסן, האָט עס אין 8 טאָג אַרום ווידער אַרויסגעשפּראָצט. אויפן צווייטן יאָר זיינען כמעט אַלע פעלדער פון מאָזעסוויל פאַרזייט געוואָרן מיט אַלאַפאַלפאַ, וואָס האָט נאָך די מעלה, וואָס מען דאַרף עס זייען נאָר איין מאָל אין 7 ביז 10 יאָר. אויפן באָדן פון דער אַלפאַלפאַ, וואָס איז דאָס בעסטע פיטער פאַר די בהמות, האָט מאָזעסוויל אַנטוויקלט אַ פּי האָדאָ־וואַניע, וואָס איז איינע צווישן די ערשטע און בעסטע אין אַרגענטינע, און וואָס איז דער יסוד פון איר וואוילשטאַנד.

ביים נאַכט־עסן, אַז מען האָט מיך געפרעגט, ווי געפעלט מיר עפּעס מאָזעסוויל, האָב איך געענטפערט:

— א שאַד, וואָס נאָר איין מאָזעסוויל איז פאַראַן; 50 מאָזעסווילס האָבן געדאַרפט צו זיין!...

— און עס וואָלטן געקאָנט זיין, — האָט מען מיר געענטפערט, — ווען נישט די שלימזל׳דיקע הענט פון דער יק״א און אירע קאָרופּטע באַאַמטע!...

ה. ד. נאָמבערג

די ערד איז קליין

דער רעגן האָט געגאָסן אָן אויפהער. גראָ איז געווען דער הימל, קאַלט די לופט, קויטיק די ערד.

שוין אַ וואָך צייט ווי דאָס צו להכעיס׳דיק וועטער האָט אָנגעהאַלטן. אָנגעהויבן האָט זיך מיט אַ שפּריי־רעגנדל דעם פאַריקן זונטיק פאַרטאָג, פּונקט דאַן, ווען דאָן קאַנטאַליסיאָ האָט אויף אייביק פאַרלאָזן זיין ראַנטשע, וואָס דער זיידע זיינער האָט נאָך אויפגעבויט און וואו, צווישן די שוואַרצע ווענט אירע, ער איז געבוירן געוואָרן און זיינע קינדער אויפגעהאָדעוועט.

נעפּלדיק, קאַלט און מרה־שחורה׳דיק איז געווען יענער זונטיק, ווען די עלנטע קאַראַוואַנע האָט זיך געלאָזט אין אומבאַקאַנטן וועג אריין.

אינם כמעט צעפאַלענעם וועגעלע, אין אַ לאַך, צווישן דעם ביסל אַלטוואַרג — זיין גאַנצע באַלעבאַטישקייט — איז געזעסן איינגעהויקערט די אַלטע סילוויאַ, האַלטנדיק אויפן שויס דעם אינגסטן פון אירע אייניקלאַך.

דאָס אַנדערע אייניקל אירס, איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ מאָגערן פולבייכיקן „פּעטיסאָ״, און האָט געשלעפּט דאָס וועגעלע אויף דער סינטשע.

פאָרויס אויף אַן אַנדער אַלטן, אויסגעדאַרטן פערדל, איז געפאָרן דאָן קאַנטאַליסיאָ, און טריט ביי טריט אָנגעטריבן אַ הייפל שאָף, לערך, נישט מער פון דרייסיק שטיקלאַך.

ביי אַ זייט פונם וועגעלע האָבן געשפּאַנט, שטיל און טרויעריק, פּונקט ווי זיי זאָלן אויך פאַרשטיין און פילן דעם צער פונם גלות, די צוויי אַלטע אויסגעדאַרטע הינט — „באַרסינאָ״ און „פּעל״ — מיט זייערע יאַסלעס אָן ציין און אַ האַלז אָן אַ קול.

ווען עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, און זיי האָבן באַמערקט אויפן פעלד ביים שליאַך אַביסל פאַשע, זיינען זיי שטיין געבליבן און האָבן אויפגעשטעלט דעם ערשטן לאַגער.

מיט אַן אַלטער פאַנטשע און אַן אויסגעריבענער קאָלדרע האָט מען פאַרצויגן אַ ביידל פאַר דאָניאַ סילוויאַ מיטן קינד.

דאָן קאַנטאַליסיאָ האָט געמאַכט פייער מיט אַ פּאָר טרוקענע צווייג־לאַך, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעבראָכן פון דעם פאַרדאַרטן קוויטנבוים פאַרן אַרויספאָרן, און די אַלטיטשקע האָט צוגעגרייט די אָרעמע וועטשערע.

נאָכדעם האָבן די מענטשן און די הינט, אַלע שווייגנדיקע, זיך צעלייגט אין דרויסן, זוכנדיק ביי דער ערד אַ דערלייכטערונג צו די יסורים פונם ערשטן רייזע־טאָג אויף דעם פיינלאַכן וועג צום אומבאַקאַנטן.

נאָר דער שלאָף האָט זיך פאַר׳עקשנ׳ט און נישט געבראַכט די רו דעם אַלטן לאַנדסמאַן. זיין שכל פאַרפינסטערט פון דער עלטער, פון די צרות און קלעפּ פון זיין שלימזל׳דיקן לעבן, האָט זיך אָנגעשטרענגט מיטן גאַנצן כוח צו געפינען אַ דערקלערונג צו דעם גוואַלדיקן אומרעכט, וואָס זיין גורל האָט אים צוגעטיילט.

שוין העכער פופציק יאָר, ווי ער האָט פאַרנומען דעם „קליינעם פלאַץ״, ירשנ׳דיק דעם פאָטער זיינעם, וועלכער האָט עס געהאַט בירושה פונם זיידן.

אַ צייט לאַנג זיינען זיי געווען איינפאַך אַלס „צוגעקומענע״, צאָלנדיק פאַרן קליינעם שטיקל לאַנד, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, מיט פאַרשיידענע אַרבעטן אין דער עסטאַנסיע. געהאָלפן פאַרטרייבן דעם סקאָט, צורעכט מאַכן די „אַלאַמברעס״, שערן די שאָף, האַקן האָלץ, און נאָך פיל אַנדערע קלייניקייטן.

נאָכדעם, ווען דער פּראָגרעס האָט מיט שמיץ פאַרטריבן די פשוט׳ע פאַטריאַרכאַלע איינפירונגען, האָבן זיי זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם נייעם רעזשים. די וואָל פונם ביסל שאָף, וואָס זיי האָב געהאַלטן פאַרן איי־גענעם געברויך, האָט מען געמוזט טיילן האַלב אויף האַלב מיט דעם באַלע־באָס פון יענעם אומגעהייערן גרויסן קאַמפּ, וואָס איז מיינסטנטייל געווען ווילד, אָן קיין שום ישוב. האַלב פונם מאַיס וואָס די „טשאַקרע״ האָט אַרויסגעגעבן, די בעסערע פּראָדוקטן פונם גאָרטן, די שענסטע קאַוואַנעס און די גראָטנסטע פערשקעס האָבן באַלאַנגט צום באַלעבאָס.

אַזוי ווי דאָן קאַנטאַליסיאָ איז געווען אַ פלינקער און אַ קרעפטיקער מאַן, און זיין ווייב און די דריי קינדער זיינע, וואָס זיינען נישט ווייניקער

פון אים געווען אָרענטלאַך און ארבעטס־פּיאיק, האָבן אים צוגעהאָלפן, האָבן זיי ווי נישט איז געלעבט.

נאָר איין מאָל, אין אַ ביינאַכט, האָט זיך אַ סאָווע געשטעלט אויפן שפּיץ דאַך פון דער ראַנטשע און האָט געקוויטשעט. דער טויט איז אריין און האָט זיך היימיש איינגעקוואַרטירט, פאַרזשערענדיק איינגאַנצן דאָס יונגע פלייש. זיינע דריי קינדער זיינען אוועקגעפירט געוואָרן איינער נאָכן אַנ־דערן אין אַ קורצער צייט אין „טאָל פון די מצבות".

די יאָרן און די ליידן האָבן אויסגעשעפּט די כוחות פונם מוטיקן אַרבעטס־מענטש, די הכנסה איז פון יאָר צו יאָר אַלץ קלענער געוואָרן, און עס איז געקומען אַ טאָג, ווען דער באַלעבאָס האָט אים פאַרטריבן אָן רחמנות, אַזוי ווי מען פאַרטרייבט צו דער שחיטה דעם אַלטן אָקס, וואָס טויג שוין נישט צום שפּאַן.

ער האָט געבעטן רחמים. עס האָט נישט געהאָלפן. האָט ער פּראָ־טעסטירט, איז געקומען די „גערעכטיקייט" און אין נאָמען פון רעכט, אַרויס־געשליידערט אויפן מיטן וועג אים מיט זיין אַלטער, זיין ביסל ברוך און אַלטווארג, זיינע קליינע אייניקלאַך, זיין הייפל אויסגעמאַגערטע שאָף און די אַלטע פּאָר הינט.

„קאַנעכאַ" ! — האָט אויסגערופן דאָן קאַנטאַליסיאָ מיט אַ פונק פון מרידה — ווען איך זאָל געווען וויסן מיט צוואַנציק יאָר פריער, אַז דאָס איז די גערעכטיקייט, אָדער ווען איך זאָל איצט האָבן די קראַפט און דעם מוט פון פאַר צוואַנציק יאָר צוריק !...

אָבער ער האָט זיך באַלד אונטערגעגעבן, און ווען עס איז געקומען דער מאָמענט אוועקצולאָזן זיך אין וועג אריין, האָט אים דער עלטסטער פון זיינע אייניקלאַך נאַאיוו פאַרגעלייגט :

— זיידע ! ווילסט איך זאָל אוועקלאָזן מיטן פייער די ראַנטשע, אַז מען זאָל זי אפילו נישט קאָנען באַנוצן צום הייצן ?

ער האָט אים צוגעוואָרפן אַ שטרענגען בליק און האָט זיך אָנגערופן :

— ווען דאָס פערד זאָל זיך בריקן פאַררעטעריש ווי די מולע, וואָלט ער אויך זיך פאַרדינט די זעלביקע פאַראַכטונג וואָס זי !...

און אָט איז שוין זיבן טעג ווי זיי שלעפּן זיך, אָן אַ ריכטונג, אָן אַ צוועק און אָן אַ ציל. דעם אַנדערן זונטיק, ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט זיך דאָן קאַנטאַליסיאָ אויפגעהויבן און געבליבן שטיין, באַטראַכטנדיק דעם אומגעהייערן שטח פון כמעט פוסטע פעלדער, וואָס האָבן זיך גע־שפּרייט אויף ביידע זייטן וועג.

— ווי גרויס און ברייט איז די ערד!... אויף אָט דער ערד וואוינען שטרויספויגלען, הירשן, פוקסן, האָזן, וויסקאַטשעס, קאָמאַדרעכעס, פּעלור־דאָס, יאַשצערקעס, שלענג און אַלערליי אַנדערע אומנוצלאַכע און שעדלאַכע שרצים!... און פאַר אַן אָרעמען אַלטן מאַן, ווי איך, איז קיין פּלאַץ נישטאָ!... אַזאַ גרויסע ערד, אַזוי ברייט און געראַם! און איז צו קליין און קאַרג פאַר דעם, וואָס אַרבעט; פאַר דעם, וואָס באַגערט זי מיט ליבשאַפט: פאַר דעם, וואָס באַהעפט זיך מיט איר און באַפרוכפּערט זי!...

כאַוויער דע וויאַנאַ

קלאַס־אַרבעט

1. וועלכע אורזאַכן האָבן געפירט צו דער אידישער אימיגראַציע אין אַרגענטינע?

2. ווער האָט געגרינדעט די איקאַ? פאַרוואָס האָבן די באַאַמטע פון דער איקאַ אין די מערסטע פאַלן אַזוי מיסבאַהאַנדלט די דאָרטיקע אידישע קאָלאָניסטן?

3. פאַרוואָס האָט די אידן גיכער געצויגן קיין אַמעריקע און אַ סך ווייניקער קיין אַרגענטינע?

4. אין אַמעריקע זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך פּראָבעס צו גרינדן אידישע פאַרם־קאָלאָניעס. פאַרוואָס זיינען זיי דאָ געווען איינגאַנצן אַ דורכפאַל און אין אַרגענטינע זיינען אויפגעבויט געוואָרן און עקזיסטירן נאָך אַ היפּשע צאָל גרויסע אידישע קאָלאָניעס?

5. וואָס פאַראַ פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַרגענטינע וואוינט אין די קאָלאָניעס? פאַרגלייכט דאָס מיט דעם פּראָצענט פון די אידן אין די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל.

6. כאָטש די אידן אין אַרגענטינע זיינען טויזנטער מיילן ווייט פון די אידישע צענטערן אין אַמעריקע און אייראָפּע, שטייען זיי פונדעסטוועגן אין נאָענטער פאַרבינדונג צווישן זיך. אין וואָס דריקט זיך אויס די דאָזיקע פאַרבינדונג?

די אידן אין סאָוועטנלאַנד

די אידן אין סאָוועטנלאַנד

די, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געלעבט אונטער דער טיראַנישער הערשאַפט פון דעם געוועזענעם רוסישן צאַריזם, יענע איז אוממעגלאַך זיך פאָרצושטעלן דאָס גרויסע אומגליק, וואָס די אידן איז אויסגעקומען דורכצולעבן אין די לענדער פון אלטן רוסלאַנד.

אויף אַלע מעגלאַכע אופנים איז דער איד פאַרפאָלגט און אונטערדריקט געוואָרן פון צאַריזם און זיינע אויסהאַלטער און אויפהאַלטער: אידן האָבן ניט געקאָנט וואוינען וואו זיי האָבן געוואָלט, נאָר אין די גרעניצן, וואָס די רעגירונג האָט אָנגעוויזן; אידן האָבן ניט געקאָנט שיקן זייערע קינדער אין די רעגירונגס־שולן, נאָר אַ געוויסן פראָצענט, וואָס די רעגירונג האָט דערלויבט; אידן האָבן אפילו ניט געקאָנט בויען קיין שולן צום דאַווענען, אָן אַ דערלויבעניש פון דער צאַרישער מאַכט.

און ווען די רעגירונג האָט איינגעזען, אַז אפילו מיט די אַלע מיטלען וועט זי ניט פטור ווערן פון דעם אידן און פון דעם אידנס האָפענונג אויף אַ בעסערער און פרייערער רוסלאַנד — האָט מען אָנגענומען די געמיינסטע און שענדלאַכסטע מיטלען: פּאָגראָמען. דירעקט און אומדירעקט האָט די רעגירונג געשטיצט די פּאָגראָמשטשיקעס; די בלוטיקע אָנפאַלן אויף די אידן זיינען אַלעמאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן נ אָ כ ן פּאָגראָם, נאָך די הריגות, און די ראַבירער זיינען כמעט תמיד באַפרייט געוואָרן אָדער אָפּגעקומען מיט לייכטע שטראָפן.

נישט אומזיסט האָט זיך דער איד אַזוי קאָמפּלוסטיק אריינגעוואָרפן אין די פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. פאַר די מערסטע אידן איז קלאָר געוואָרן, אַז זייער באַפרייאונג אין לאַנד קאָן קומען נאָר דאַן, ווען ס'וועט קומען די באַפרייאונג פון גאַנצן לאַנד און פון אַלע פעלקער, וואָס לעבן דאָרט. אַ באַפרייטער איד איז אוממעגלאַך אָן אַ באַפרייט רוסלאַנד.

מיט דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917 זיינע אָפּגעשאַפט געוואָרן — אַזוי ווי קיינמאָל נישט עקזיסטירט — אַלע באַגרעניצונגען אַנטקעגן די אידן. דער איד איז געוואָרן אַ בירגער מיט אַלע צוגליך — ער מעג וואוינען וואו ער וויל און לערנען וויפיל ער וויל. זיין שפּראַך דאַרף זיך מער ניט באַהאַלטן, וואו מ'קאָן זי ניט הערן; ער דאַרף מער נישט מורא האָבן, אַז היינט־מאָרגן וועט מען אים טרייבן, יאָגן — ווייל יעדער אַקט, וואָס ווערט

ספּעציעל געצילט אַנטקעגן די אידן, ווערט פון דער איצטיקער סאָוועטנ־מאַכט באַקעמפט מיט אַלע אירע כוחות.

אחוץ די גלייכבארעכטיקונג, וואָס די סאָוועטנרעגירונג האָט דעם אידן געגעבן, האָט זי אויך אונטערגענומען, מיט דער הילף פון פאַרשידענע אידישע אָרגאַניזאַציעס, צו באַזעצן אַזוי פיל אידן אויפן לאַנד, וויפיל מעגלאַך. ביזן היינטיקן טאָג זיינען שוין טויזנטער אידישע פאַמיליעס אַריבערגעפירט געוואָרן פון שטעטל אויפן לאַנד, וואו ס'איז אָרגאַניזירט און אויפגעבויט געוואָרן אַ גאַנצע ריי אידישע קאָלאָניעס אין ווייס־רוסלאַנד, קרים און אוקראַינע. ניט לאַנג צוריק איז די סאָוועטנרעגירונג אַרויסגעקומען מיט זייער אַ גראַנדיעזן פּלאַן — צו שאַפן אַ אידישע רעפּובליק אין בירא־בידזשאַן.

סאָוועטנרוסלאַנד איז דאָס איינציקע גרויסע לאַנד אויף דער וועלט, וואו די אידן פירן אָן אייגענע אידישע שולן, אידישע געריכטן און אייגענע אָרטיקע פאַרוואַלטונגען מיט דער דירעקטער הילף און אויסהאַלטונג פון דער רעגירונג.

אויב די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד איז דערווייל אַ שווערע, צוליב דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד אין לאַנד, איז אָבער אינגאַנצן לייכטער געוואָרן זייער אידישע לאַגע — זיי זיינען געוואָרן פ ר יי, בירגער מיט בירגער צוגלייך.

די אידן אין היינטיקן רוסלאַנד

נאָמען פון רע־פּובליק	צענזוס פון 1923	צענזוס פון 1926	פּראָצ. לגבי אַלע אידן אין סאָוועטנ־לאַנד	פּראָצ. לגבי דער אַלגעמיי־נער באַפעלק.
או. ס. ס. ר.	1,409,000	1,574,391	60.4	5.4
וו. ס. ס. ר.	494,000	407,000	15.7	8.2
ר. ס. פ. ס. ר.		566,925	21.8	0.5
טראַנסקאַווקאַז		30,489	1.2	0.5
איזבעקיסטאַן	502,000	20,262	0.1	0.4
טורקמעניסטאַן		1,819	0.8	0.2

בסך הכל אידן אין סאָוועטנלאַנד 2,600,945
פּראָצענט אידן לגבי אַלגעמיינער באַפ. 1.8

אידן באַזעצן זיך אויף דער ערד

נאָך די שווערע פּאָגראָמען, בירגער־קריג אין אוקראַינע, האָבן אידן פאַרלאָזן זייערע פּאַרוויסטע שטעט און שטעטלאַך און אין גאַנצע גרופּן גע־לאָזט זיך זוכן ערד.

א שווערער וואַנדער־מאַרש איז געווען דאָס זוכן ערד.

אידן, געוועזענע קרעמער, מעקלער, בעל־מלאכות, לופט־מענטשן, מלמדים, באַלעגאָלעס, אַרענדאַרן, אידן, וואָס זעלטן אימיצער פון זיי האָט געוואוסט, ווי אַזוי איינצושפּאַנען א פערד, ווי אַזוי צו האַלטן א פּאָר לייצעס אין האַנט, האָבן אָנגעקויפט פאַרן לעצטן ביסל געלט פערד און וועגעלאַך, אַרויפגעפּאַקט זייער ביסל אָרעמקייט, דאָס צעריסענע בעטגעוואַנט, די שבת'דיקע לייכטער, עטלאַכע ספרים אָדער ביכלאַך, און געלאָזט זיך איבער די אוקראַינער סטעפּעס, פּאַרלאָזענע, פּוסטע, כדי צו באַזעצן זיך אויף ערד.

נישט אַלע האָבן געהאַט פאַרוואָס צו קויפן פערד און וואָגן, האָבן פילע דאָס פּעקל געשלעפּט אויף די פּלייצעס, בויגנדיק זיך אין דרייען אונטער דער משא.

אַן אמת'ער וואַנדער־וועג איז דאָס געווען, א וואַנדער־וועג פון די קינדער פון ישראל.

נאַטירלאַכער־ווייז האָט עס געצויגן צו אידן, צו אַלטע אידישע קאָלאָניעס אין קריוואָראָגער, כערסאָנער און אין ווייס־רוסישע ערטער, וואו אידן זיצן שוין אויף דער ערד פון העכער הונדערט יאָר אָן. בלויז אָרום אָדעס, וואו קיין אַלטע קאָלאָניעס זענען נישט געווען, האָבן זיך אידן באַזעצט וואו נאָר ס'האָט זיך געלאָזן.

אויך די אידן פון די אַלטע קאָלאָניעס האָבן געליטן פון פּאָגראָמען, פון באַנדעס, און האָבן א סך קרבנות און א סך האָב־און־גוטס מקריב געווען אין דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, נאָר זייערע קאָלאָניעס, זייער ערד האָבן זיי נישט פאַרלאָזן. די ערד, וואָס האָט איינגעזאַפּט דאָס בלוט פון זייערע ברידער, שוועסטער, עלטערן און קינדער, האָבן זיי אויף ס'ניי באַאַקערט און באַזייט און אַרויסבאַקומען ברויט צום לעבן.

און זייערע ברידער, די וואָגלער, האָבן זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

יאָ, נישט אַזוי צוליב רחמנות און ברודער־געפיל האָבן די אַלטע אידישע פּויערים אויפגענומען די נייע. — האַרט איז דער פּויער פּונקט ווי די ערד זיינע, און אויך דער אידישער פּויער איז ענלאַך צו זיין ערד. סענטימענטן זענען אים ווייט. אָבער דער אַלטער אידישער קאָלאָניסט האָט זיך גענויטיקט אין דעם נייעם אידן. אויף די גרויסע אידישע שטרעקעס ערד האָבן איינפאַך געפעלט מענטשן, וואָרים זייערע ביינער האָבן שוין נישט גערוט אויף דער ערד, נאָר אין דער ערד. ערד האָט געפּוסטעוועט. שטייערן דאַרף מען צאָלן פון דער גאַנצער קאָלאָניע און ווער עס זאָל צאָלן פאַר דער פּוסטער ערד איז נישטאָ. דעריבער איז גוט, ווען נייע קומען באַארבעטן און אריינטראָגן זייער חלק צו די שטייערן.

אויסער דעם, האָבן אָנגעהויבן אריינקומען פּויערים און געוואָלט אָפּנעמען די פּוסטע שטיקער ערד, און די אידישע קאָלאָניסטן, די אַלטע אידישע פּויערים, האָבן בעסער געוואָלט האָבן אידן ביי זיך. פּאַרט מיט אייגענע בעסער אויסצוקומען ווי מיט פרעמדע.

און די ערשטע אידן האָבן זיך באַזעצט אין די אַלטע קאָלאָניעס. די איבעריקע, וואָס האָבן שוין נישט געפונען קיין פּלאַץ אין די קאָלאָניעס, האָבן גענומען אין אַרענדע ביי דער רעגירונג שטיקער פּוסטן סטעפּ, אַמאָל אומזיסט, ווי עס האָט זיך געלאָזט, און אין שכנות, נישט ווייט פון די אַלטע אידישע דערפער, אויסגעלייגט זייערע געצעלטן.

שווער, ביטער איז געווען די ערשטע צייטן די נייע פּויערים אויף דער נייער ערד!

וואָרים גרויס, ברייט און ווילד איז דער אוקראַינישער סטעפּ. מען זעט נישט קיין ביימל, קיין קוסט, בלויז סטעפּ און סטעפּ. וויסט איז געווען די ערד, די פּאַרלאָזענע, פון יאָרן־לאַנג נישט געאַקערט, נישט באַזייט, און אין די הויכע ווילדע גראָזן האָבן זיך געפּלאָדעט שלאַנגען.

קיין וואַלד איז נישטאָ אין גאַנצן געגנט, קיין שטיקל האָלץ, קיין שפּענדעל, און מען האָט אויפגעקלאַפּט געצעלטן פון וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט. ווי די מוראשקעס, האָט מען געבראַכט צושלעפּן פון דער ווייט אַ געקויפט ברעטל, אַ פּלאָקן. פון שבת׳דיקע טישטיכער, ליילאַכער, פון אַן אַלטן בגד האָט מען אָנגעצויגןביידלאַך, איינגעפּעסטיקט אין דער ערד און דאָרטן געוואוינט.

אָבער ווינטן בלאָזן שטאַרקע אין ברייטן סטעפּ, און זיי האָבן די ביידלאַך אויסגעריסן, איבערגעקערט.

איז מען שעה'ן לאַנג אַרומגעקראָכן איבער די פעלדער, אויסגעריסן גראָזן, אויסגעגראָבן אַ גרוב, די טרוקענע גראָזן אָנגעצונדן און געקאָכט אָן אָרעמע וועטשערע נאָך אַ גאַנצן טאָג האָראַוואַניע אויף דעם פעלד. האָט זיך אַ שלאָגס־רעגן פלוצלונג אַראָפּגעלאָזן, אַ שלאַגט־רעגן אַ געדיכטער, אַ פעטער, ווי עס טרעפט אין סטעפּ, און אויסגעלאָשן דאָס פייער אין פעלד.

איז מען הונגעריקע אַרונטערגעקראָכן אונטער דעם בידל, וואָס האָט נישט געקאָנטביישטיין דעם רעגן, און אויף דער נאַסער ערד, צוזאַמען מיט ווערים, זשוקעס און אַ פאַרבלאָנדזשעטער שלאַנג, זיך געמאַכט אַ נאַכט־לעגער.

די פערד, די קי, וואָס טייל האָבן מיטגעבראַכט, האָבן געגעצט זיך אויף די רעגנס, קראַנק געוואָרן און אַוועקגעלייגט זיך. פון אַרומיקע דער־פער האָבן גנבים, ווי די וועלף, זיך געדרייט און מיט הונגעריקע אויגן אויסגעקוקט נאָך אַ גנבה, אַנטלויפן מיט אַ פערדל, אַוועקפירן אַ קו. מען האָט שטענדיק געמוזט היטן, וואַכן.

און פאַרטאָג שוין איז מען פון די בידלאַך אַרויס, געקראָכן איבער דער האַרטער, ווייסטער ערד, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט רירן, און מיט אַקעראייזנס, מיט לאָפּעטעס, מיט פלאָקנס און אַפילו מיט בלויזע הענט געקעמפט מיט דער איינגעשפּאַרטער ערד, צעגראָבן זי און פאַרזייט.

אַזוי האָבן אידן זיך באַזעצט אויף ערד.

ערשט דערנאָך איז געקומען די געזעלשאַפט, דער דזשאָינט, דער „גע־זערד", וואָס אידן, סתם אידן, נישט פּאַרטיי־מענטשן, האָבן אים געגרינ־דעט, כדי באַהילפיק צו זיין די איבערוואַנדערער; און די אידישע סעקציעס און „אָרט" און „איקאָר" און „יעקא" האָבן די זאַך גענומען אין די הענט אַריין, אָנגעהויבן שטיצן די קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג.

אָבער די בכורה קומט בלויז די אידן, די איבערוואַנדערער אַליין. זיי זענען געווען די פּיאָנערן.

י. י. זינגער

דאָס ליד פון די קרעמער

.1

און אזוי האָבן קרעמער געזונגען,
פאַרטאָג אין דעם אקער און פעלד:
„מיר וואָלטן קיינמאָל ניט געזונגען
אָט דאָ מיטן אקער און פעלד.

איז ווען האָבן פינגער פאַרשמאַכטע,
געוואוינטע צום וואָג און צום פונט,
געקאָנט זיך פאַרבענקען און טראַכטן
פון רואיקער, זעטיקער נחלה,
פון טיפן און זאַפטיקן גרונט?...

אז קיינמאָל וואָלט אהין ניט געגאַנגען
אונזער פלינקע און איילִיקע פוס
איז דאָס לעבן געקומען אין ראַנגל,
אין ראַנגל, אין וויי און אין אנגסטן,
גענומען ביים נאַקן — מען מוז!

איז אַ סוף און אַן עק און אַן ענדע
צו דעם, וואָס ניט לאַנג איז געווען..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי האָבן קרעמער פאַרענדיקט,
און ברייט האָבן פעלדער צעבלענדט זיך,
פריש האָט די זון זיך צעברענט.

.2

שמעקט דער שבת שוין מיט גרויער וואָך,
און די וואָך ווערט רואיקער פון שבת;
באוואַקסן שוין פון לאַנג מיט שטילקייט און מיט מאָך
אַלע פרומע וועגן פון רב אבא'ס.
נאָר אַלטע זיידעס גייען נאָך אין שול,

אַלטע זיידעס זיינען אַלץ נאָך זיידעס;
ווערן קינדער דול, ווערן טאַטעס דול,
ווילט זיך שוין ניט שילטן און ניט ריידן.

גייט מען שטיל, פאַרבויגן און פאַרטיפט,
עס ליגט די שול ביז אַלע ווענט פאַרזונקען.
קומט אָן און ס'יאָגט, ס'טראָגט פון קאָלעקטיוו
אַ פולע פור מיט פייערדיקע יונגען.

מיט פעט־פאַרברענטע, ברוינע הענט,
מיט בראָנזענע, מיט אָפּגעברענטע נאַקנס:
— גוט שבת, זיידעס, — ניט דערקענט?
— כאָטש שעמען זיך האָט איר געדאַרפט, ליידאַקעס!

און ס'פליט די פור, די גאַס ווערט דול,
אַ הייב די בייטש, אַ פאָך, אַ פייף, פאַרפלויגן.
גייען זיידעס שטילערהייט אין שול
מיט שווערע און אַראָפּגעלאָזטע אויגן...

איזי כאַריק

די ערשטע וואוינונג פון אַן איבערוואַנדערער

שלום געמאַכט

רויט צעעפנטע רויזן אויף עטלאַכע יונגע רויזנקוסטעס האָבן מיך צוגעצויגן צו אַ שטוב, אין אַ גאַנץ גרויסן, נייעם אידישן דאָרף, אויף כער־סאָנער סטעפּ. די פענסטער צו דער גאַס זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט דינע געהאַפטענע גאַרדינען און אויף די פענסטער האָבן געבליט רויטע גערע־ניומס אין וואַזאַנעס. מיינע טריט האָבן זיך אינסטינקטיוו אהין אָנגעצייגט און עס האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט די אָפּטימיסטן, וואָס אין אַזאַ שווער יאָר, בשעת עס ווייזט זיך דער הונגער אין סטעפּ, זאָל נאָך אין זינען ליגן צו באַגיסן אַ פּאָר בייטן בלומען ביים שטוב.

צוקומענדיק נעענטער, האָב איך באַמערקט אַ גרעסערן גאָרטן הינטערן שטוב. אַ פּאָר בלומען־בייטן מיט נעלקן און לעווקאָי, שטאַרק פאַנאַנדער־געבליט און מיד צוליב דער היץ. עס האָבן זיך געצויגן עטלאַכע בייטן בור־ריקעס, מערן, אַ פּאָר בייטן קאַרטאָפל; ניט קיין געראָטענע קרויט־קעפּ. און אַ מיידל, באָרועס, אין אַן אָפּגעניצט ראָזע, ציצענע קליידל האָט באַגאָסן די בייטן פון אַ בלעכענעם באַגיסער. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, זי איז אויסגעקומען מיטן פּלייצע צו מיר און איך האָב אַ ווײַלע געוואַרט, ביז זי וועט מיך באַמערקן.

איך האָב נאָך תּחילת באַמערקט, אַז אין איר שוואַרץ געשוירענעם קאָפּ רייסט זיך דורך אַ פּאַסמע ווייסע האָר. אַז זי האָט זיך אומגעווענדט מיטן פּנים צו מיר, איז דער פּאַס ווייסע האָר דאָס ערשטע געווען וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ער איז געלאָפן פון רעכטן ווינקל אויף אַרויף און אַריבער ביז צום נאַקן.

זי איז געבליבן אַ ווײַלע אין אַ פאַרלעגנהייט. איר נאָך גאָר יונגער, רונדער פּנים איז געווען פאַרברענט פון דער זון און דער פאַרב, וואָס איז איר געקומען אין פּנים אַריין, האָט די פאַרברענטקייט פאַרשטאַרקט. די טיף ברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן אַנטקעגן דער זון, בשעת זי האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דעם ליידיקן בלעכענעם באַגיסער אין דער רעכטער האַנט.

איך האָב זי באַגריסט און זיך אַנטשולדיקט, וואָס איך בין געקומען אומגעבעטן; שולדיק זיינען די בלומען, וואָס האָבן צוגעצויגן מיין אויפ־מערקזאַמקייט; ווייל אַזאַ זעלטנהייט זיינען גערטנער בכלל אַרום די נייע הייזער פון די איבערוואַנדערער...

פאַר מיר איז געשטאַנען נאָך גאָר אַ יונגע פרוי אפשר צוויי־דריי און־צוואַנציק יאָר אַלט, נאָר די צייט האָט צעאַקערט איר יונגן פּנים; די יוגנט איז געלעגן אַ צעאַקערטע אויף איר פּנים, אָט ווי דאָס שטיקל ערד, וואָס איך האָב איינצייטיק באַטראַכט — צעאַקערט און דאָס לעבן גרינט און בליט. מען האָט געקאָנט דערקענען, אַז די צייכנס אַרום איר מויל און אַרום די ברוינע, גרויסע אויגן — זיינען שוין לאַנגאַנענדיקע צייכנס. איצ־טער בליצט צווישן זיי די יוגנט ווידער אויף. ניט מער, וואָס דער ווייסער פֿאַס האָר לאָזט זיך ניט פאַרמאַסקירן. ער דערמאָנט אין פאַרגאַנגענע שרעַ־קען; אָדער ווי אין שפּעטן פרילינג אַמאָל געפינט מען אין אַ שאָטנדיקן אָרט אַ פֿאַס פאַרבליבענעם שניי, וואָס די זון קומט ניט צו.

— איך קאָן די אויגן ניט צונעמען ניט פון די גרינע בייטן, ניט פון די בלומען און ניט פון דעם שטרייף פֿאַר דער צייט ווייס־געוואָרענע האָר אויף אייער יונגן קאָפּ — האָב איך געזאָגט.

זי האָט מיך געבעטן אין שטוב אַריין, נאָר מיר איז געווען ליבער צו זיצן אויף דער באַנק וואָס ביים שטוב און קוקן אויף דעם איין־און־איינציקן גאָרטן אין נייעם דאָרף. איך האָב איר באַדאַרפט ענטפערן אויף אַלערליי פראַגן, וואָס זי האָט מיר די ערשטע געשטעלט, וועגן אַמעריקע, פּאַלעסטינע און וועגן די יאַפּאַנער און זייער ליבע צו בלומען. איך האָב עס געטאָן גערן.

אַז זי האָט זיך אָנגעזעטיקט סיי מיט אירע פראַגעס און סיי מיט מיינע ענטפערס און דערציילונגען, האָט זי גאָר אַליין ניט געשפּירט, ווי זי איז איבערגעגאַנגען צו אירע דערינערונגען פון יענע טעג, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די פֿאַר דער צייט איינגעקאַרבטע צייכנס אין איר יונגן פּנים און מיט דעם ווייסן שטרייף אויף איר יונגן, רונדן קאָפּ.

— אַז איר קוקט אויף מיין ווייסער פּאַסמע האָר קאָן מען מיינען, אַז איך בין אַלט זיבעציק יאָר. איך בין מיט אַ חודש צוריק געוואָרן דריי־און־צוואַנציק יאָר. בעת די פּאָגראָמען בין איך אַלט געווען אינגאַנצן פערצן יאָר. און די פּאַסמע גרויע האָר, וואָס איך האָב געקראָגן אין יענער צייט, האָט אין מיר איינגעשניטן אַזאַ׳אַ עלטער. אַ פּאַס אַן איין־און־איינציקער... ווען מען פרעגט מיך איצטער, צי איך וויל, אַז דער דאָזיקער פּאַס זאָל פאַרשווינדן? — ווייס איך ניט, צי איך וואָלט וועלן. כאָטש מיר אַליין וואונדערט עס, וואָס שוין אַריבער צוויי יאָר, אַז איך בין ביי דער ערד און נאָג פון איר חיונה און כוח ווי די דאָזיקע אַלע גרינסן — עס האָבן שוין באַדאַרפט, דאַכט מיר, אויסגעראָטן ווערן פון בלוט יענע שפּורן, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם דאָזיקן צייכן.

— איך בין דאָ ניט אַליין. איך האָב דאָ אַ טאַטן, אַ איינגערן ברודער און אַ קליין שוועסטערל. איך דערקאָן אויף אַלעמען די צייכנס פון יענער צייט; אפילו מיין שוועסטערל, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן דריי יאָר און איז ניט אַראָפּ פון דער מאַמעס האַנט... יאָ, איך האָב געזאָגט, אַז דעמאָלט האָבן זיך אָפּגעריסן אַלע שוידערלאַכע אינסטינקטן און נאָר די אידישע מיידלאַך, נאָר די אידישע פרויען האָבן זיי אַרומגענישטערט. איך האָב באַדאַרפט ווערן פערצן יאָר. די פרוי אין מיר איז פאַר שרעק אינגאַנצן פאַר'חלש'ט געוואָרן, כאָטש איך בין נאָך כמעט גאָר אַ קינד געווען. און מיידלשע געפילן — וואו האָבן זיי דען דעמאָלט געקאָנט דערוואַכן?... איר פאַרשטייט, מענער האָבן זיי גע'הרג'עט. אַראָפּ פון מאַרק...

— איך דערמאָן מיך, דעמאָלט ווען מען איז געזעסן אין נאַסן וואַלד, שוין געווען אויפן דריטן טאָג; אַזאַ טעמפּער הונגער האָט אָנגעהויבן צו נאָגן און איך האָב אויסגעריסן אַביסל געלבלאַכע גראָז לעבן זיך און גענומען קייען... איך האָב נישט גלייך אַראָפּגעשלונגען; איך האָב לאַנג געקייעט און די אויגן האָבן געקוקט צו דער ערד, צום ערשטן מאָל האָב איך מאָדנע אַזוי געקוקט צו דער ערד, נישט אַזוי ווי עס קוקט אַ מענטש — נאָר ווי עס קוקט אַ בהמה, וואָס זוכט גראָז צום גריזשען. מיר איז ניט געווען שרעקלאַך. גאָרנישט שרעקלאַך. איך דערמאָן מיך איצטער, אַז פאַרן טויט האָב איך נישט געהאַט קיין מורא. אויב איך בין געלעגן אין וואַלד און זיך נישט אומגעקערט אין שטעטל אַריין, איז דאָס נישט געווען דערפאַר, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַרן טויט. ניין. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פון וואַלד איז ניטאָ וואוהין צו גיין, אַז אומעטום אויסער וואַלד, איז עק וועלט; איז אַזאַ טעמפּער ווינקל, פון וועלכן מען קאָן נישט אַרויס. איך קאָן איצטער ניט זאָגן, וואָס די עלטערן האָבן דעמאָלט געשפּירט; די אַלע וואָס האָבן געדאַוונט, תהילים געזאָגט, גאָט געבעטן, זיי, טראַכט איך, האָב יאָ אפשר געזען פאַר זיך דאָס לעבן; ס'איז געווען פאַרצאַמט און זיי האָבן אַריבערגעקוקט אַריבערן צוים... יאָ, מיר איז שטאַרק אין זינען געלעגן מיין עלטערע שוועסטער פון ניינצן יאָר. מיר איז נישט געווען קלאָר, וואָס מיט איר קאָן טרעפן. די מאַמע האָט כסדר נאָר פאַר איר גע'דאגה'ט! זי איז מיט אונז נישט געווען, זי איז אַוועק אין נאָענטן דאָרף. זי האָט זיך זייער גוט געקאָנט אָנטאָן ווי אַן אוקראַינקע. באַקאַנטע פּויערים האָבן זי צוגענומען מיט זיך. מיך האָט מען אויך געוואָלט מיטנעמען, נאָר איך האָב נישט געוואָלט לאָזן דער מאַמען אַליין.

— די מאַמע איז דעמאָלט אין וואַלד געווען לעבן מיר; איך האָב

זיך צו איר געטוליעט. און זי האָט כסדר גערעדט און גע׳דאגה׳ט, וואָס פון דער שוועסטער איז געוואָרן... זי האָט מורא געהאַט, אַז אין דאָרף וועט מען זי אַרויסגעבן; אַז סוף־כל־סוף וועלן די פּויערים זיך מיישב זיין און זי איבערגעגעבן צו די פּאָגראָמשטשיקעס. געדענק איך, אַז דעמאָלט האָט די מאַמע ניט גערעדט פון איר טויט; טאָמער וועט מען איר קינד הרג׳ענען. זי האָט נאָר מורא געהאַט, אַז מען זאָל זי נישט פאַראומרייניקן. דעמאָלט וועט איר לעבן שוין גאָר קיין ווערט ניט האָבן. און איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס איז דער חילוק, צי מען איז ריין צי אומריין, אַז איך אַליין קוק צו דער ערד נישט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ בהמה וואָס זוכט גראָז צו גריזשען? טאַקע, וואָס האָב איך געקאָנט דעמאָלט פאַרשטיין פון דער מאַמעס פאַרבאָרגענעם אומגליק. איך האָב געוואָלט דער מאַמען טרייסטן און נישט געוואוסט ווי אַזוי. —

— איך דערמאָן מיך, אַז מען איז געקומען פון שטעטל און אָנגעזאָגט, אַז מען קאָן זיך אומקערן ווייל די באָלשעוויקעס זיינען אָנגעקומען — ס׳איז שוין געווען אויפן פערטן טאָג — האָבן נישט אַלע זיך גערירט פון אָרט. נאָר מיין מאַמע האָט זיך ווי אַ צעשראָקענער פויגל אַ הייב געטאָן פון אָרט, מיך אַ נעם געטאָן פאַרן האַנט, דאָס קליינע שוועסטערל אויפן האַנט און זיך געלאָזט לויפן אין שטאָט אַריין. דער טאַטע האָט זי קוים אָנגעיאָגט, דאָס שוועסטערל ביי איר צוגענומען. איך קאָן ניט פאַרגעסן מיין מאַמעס אויסזען דעמאָלט. אָ, חבר, דאָס קאָן מען גאָרנישט באַשרייבן די שרעק וואָס אויף איר פּנים איז אַרויסגעקומען, דווקא דעמאָלט, ווען מען האָט אָנגעזאָגט, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען אַוועק... ניין, איך קאָן עס נישט פאַרגעסן אפילו דעמאָלט, ווען איך בין דאָ מיט מיינע אַלע חושים אַריינגעטאָן אין מיין גאָרטן... איר אנסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט. זי איז גאָר דעמאָלט ניט געווען ענלאַך אויף אַ מענטשן. זי האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ חיה, וואָס לויפט פון געפאַר. כאָטש איך האָב מיר ניט געקאָנט אויסמאָלן, וואָס פאַר אַ חיה עס טוט אַזוי אין אַ צייט פון געפאַר. פאַרשטייט איר דאָך, אַז איר חוש האָט איר ריכטיק אונטערגעזאָגט. זי האָט מיין האַנט ניט אָפּגעלאָזן און איך בין מיטגעלאָפן. דער טאַטע איז געבליבן פון הינטן ווייט. אפשר האָט ער געוואוסט, אַז דאָס לויפן איז שוין סיי־ווי צו שפּעט...

— ווען מיר זיינען אָנגעקומען, האָט מען דעם זיידן מיט דער באָבען געפונען פאַרן שטוב מיט צעשפּאָלטענע קעפּ. די מאַמע האָט זיי ווי אויסגעמיטן. דאָס זיינען געווען מיין טאַטנס עלטערן. זי איז געלאָפן אין שטוב

אריין און איז גלייך אוועק אין צווייטן צימער אריין, וואו מיין שוועסטער איז געלעגן אויף דער ערד א טויטע. די קלייד און די העמד איז געווען אויף איר צעריסן. אויף איר הוילן לייב האט מען דערקאנט סימנים פון שטיוול. פשוט'ע בלאטיקע טריט...

— איצטער, אז איר וואלט מיך פרעגן, ווען איז ביי מיר די פאסמע שווארצע האר אזוי ווייס געווארן? — — ווייס איך אליין נישט. און איך ווייס נישט פארוואס זי האלט זיך אזוי עקשנות'דיק. ווייל איך האב דאך שלום געמאכט מיטן לעבן. די רעוואלוציע האט אין מיר שלום געמאכט מיט א סך שווערע איבערלעבונגען און די רעוואלוציע האט מיך אויסגע־לערנט צו באטראכטן זאכן נאר אין דעם ליכט פון דער רעוואלוציע. ווייל א רעוואלוציע פאדערט א סך בלוט, א סך קרבנות. כאטש אז איך זיץ דא אין מיין גארטן און לעב זיך אזוי פרידלאך מיט דעם פראצעס פון וואקסן, פארשטיי איך ווידער נישט דעם זינען פון דער רעוואלוציע; דעם זינען פון בלוט־פארגיסונג.

— נאר דאס, חבר, ווייל איך אייך דערציילן, אז בשעת מען האט פאר־דריי־יארן אנגעהויבן רעדן, אז מען וועט אידן איבערפירן צו ערד־ארבעט און ערד שניידט מען אפ טאקע ביי אוקראינע — אז איך האב דאס צום ערשטן מאל געהערט, האט מיר א שלאג געטאן דאס בלוט אין פנים אריין. איך האב אליין נישט געקאנט מיר אפגעבן קיין חשבון, וואס פאר א גע־פילן זיינען שולדיק געווען אין דעם. איך בין געלאפן צום שפיגל זען צי מיין ווייסער פאס איז פארא‍ן אויפן קאפ... איך האב דאס נישט געקאנט גוט באנעמען. איר ווייסט, חבר, — מיר האט דאס אויסגעזען, אז א טאפל־טער גוואלדטאט קומט דא פאר: ערשטנס, שניידט מען אפ ערד ביי א פאלק, וואס האט א לעבן לאנג זיך געשלאגן פאר דער באפרייאונג פון דער דאזיקער ערד און צוליב דעם אפשר האט די גאנצע שנאה אויסגעלאזן צום שוואכערן. און צווייטנס: — ווי אזוי זאלן אידן זיך גיין באזעצן אויף ערד פון א פאלק, וואס ווייזט נישט ארויס קיין סמנים פון חרטה אויף די שוידערלאכע געשעענישן?

— איך ווייס נישט ווי איר, חבר, מאלט אייך אוים דעם אופן, ווי אזוי מען ברענגט צונויף אידן מיט אוקראינער, נאך אזעלכע יארן ווי דער אכצנטער און ניינצנטער, און מען צווינגט זיי לעבן בשלום; פארגעסן וואס געווען און איינעם גאר ארבעטן פאר דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט. אבער דאס איז דאך א פאקט. די רעוואלוציע האט עס באפוילן. די רעוואלוציע האט געזאגט, אז פון איצטער אן און ווייטער מוז דאס אוק־

ראַינישע פֿאָלק אינײנעם מיט אידן קוקן אין אײן צוקונפֿט אַרײַן; איז דאָס האַרב. איז דאָס שטרענג. אַזױ שטרענג װי די גאַנצע פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז: איר זעט דאָך אַלײן. אַ פֿאַקט איר זענט אױף אוקראַאינישער ערד. איר זענט אין אַ אידישן נײעם דאָרף; איר זיצט אין אַ גאָרטן װאָס אַ אידיש פֿאָגראָמירטע מײדל באַאַרבעט. און איך װיל, איר זאָלט מיר חבר, גלױבן, אַז די ערד, װאָס דעמאָלט אין װאַלד האָב איך צו איר געקוקט מיט דער אײגענער שטומפּיקײט, װי אַ בהמה בשעת זי זוכט גראָז צו גריזשען — איצטער איז די ערד פֿאַר מיר װי אַ מאַמע, װאָס האָט אַ סך װאַרעמקײט און צערטלאַכקײט. מער נישט װאָס דער סטעפּ איז איצטער אין אַ שרעק־לאַכן מצב. דער סטעפּ איז נאָך קײנמאָל אַזױ נישט געװען. איך טראַכט נאָר, װען מען קאָן דעם גאַנצן סטעפּ מיט װאַסער באַװאַסערן און אָפּפֿרישן אים...

—דאָ, אַרום שטוב האָב איך זיך באַקאָנט אױף דאָס נײ מיט דער ערד און פֿון איר קומען צו מיר אַרױס נישט נאָר בלומען; די בלומען זײַנען פֿאַר מיר אַ בײַשפּיל, אָדער איך װאָלט געזאָגט אַ סימבאָל פֿון גאַנצער נאַטור — פֿון דער ערד הײבט אָן אַרױסצוקומען די פֿרידלאַכע צוקונפֿט פֿאַר די אידן און די אוקראַאינישע מאַסן... װאָרים איך קאָן מיר גאָר איצטער קײן אַנדער אױסװעג נישט אױסמאָלן. װי אַנדערש האָבן זיך געקאָנט באַ־געגענען די אידן מיט די אוקראַאינער און גלײַך װי עס װאָלט גאָר קײנמאָל נישט געװען קײן נײַנצנטער יאָר? װי אַזױ? אין שטאָט? אין דער שטאָטישער אָפּגעזונדערטקײט? נײן חבר, דאָס װאָלט צו גאָרנישט געפֿירט. נאָר בײַ דער ערד. נאָר װי די רעװאָלוציע האָט עס געטאָן. אָפּגעשניטן פֿון אוקראַאינער שטיקער ערד און איבערגעגעבן די אידישע מאַסן. זאָלן זײ אױפֿרײַסן יונגערד... זאָלן זײ בױען דערפֿער. זאָלן זײ אָנהײבן צו שיקן אין שטאָט אַרײַן ברױט... זאָלן זײ אָנהײבן שפּײַזן די שטאָט, װי דער פּױער האָט דעם שטאָטישן אידן כסדר באַדאַרפֿט שפּײַזן! כאָטש דער פּױער פֿלעגט נעמען בײַם אידן געלט, נאָר אים האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז דער איד נעמט עס בײַ אים צו אומזיסט... איצטער, חבר, קומט די דערלײ־זונג. הלװאַי װאָלטן אַלע איבערװאַנדערער דאָס שפּירן װי איך זע עס.

— איך זיץ דאָ אין מײַן גאָרטן און הער נישט אױף צו גיסן װאַסער און לעשן די דורשטיקײט פֿון גאָרטן. ס'איז מאַמע־ערד, מײַן ערד, װאָס קוקנדיק צו איר זע איך אַרױס אַזאַ לױטערע צוקונפֿט פֿאַר אַלעמען, פֿאַר אַלעמען, סײַ פֿאַר אידן און סײַ פֿאַר אוקראַאינער. —

— ערד, חבר. איך קאָן שמעקן דעם ריח פֿון די רױזן, װען איך בײג זיך אַראָפּ צו דער ערד. איך באַדאַרף אפֿילו נישט צולײגן קײן בלום צום

נאָז. איך זיץ דאָ און היט אָפּ, אַז אָרום אונזער שטוב זאָל עס גרינען. און איך בין צופרידן, וואָס איר האָט עס באַמערקט און אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעריסן פון עולם...

— און אָט וועל איך אײַך אָפּזוכן אַ רויטע רויז, וואָס האָט זיך היינט געעפנט... אָט נעמט זי צום אָנדענק. אַ אידישע רויז געוואַקסן אויף אוקראַינער ערד...

פרץ הירשביין

דער פריערדיקער איבערוואַנדערער מיט אַ צייט שפּעטער

ע ר ד

בארג ארויף בארג אראפ און וועג דארט עס דרייט זיך,
און פערדל און וואגן שלעפט מאסע און גייט זיך.
און ס׳גייט נאך א אידל און טרייבט אן דאס פערדל
און טשמאקעט מיט די ליפן און שאקלט מיטן בערדל.
— גוט מארגן, רב פעטער, און וואוהין און פון וואנען?
און וואס דארט אין וועגל ביי אייך איז פאראנען?
טוט אידל א שמייכל מיט וואנסן און אויגן:
— גוט מארגן, גוט יאר אייך, און טוט זיך פארנייגן,
איך קום פונדערוויטנס פון סאמע צוקערניע
א שטעטל א געגעץ אין האמלער גובערניע.
געוועזן דארט, ווער מיינט איר, ניט קיין פאריבל,
א בטלן, א שלעפער, א שמש אין שטיבל...
און דא אויף דער עלטער, כ׳זע אידעלאך פארן,
דאס הארץ זיך פארבענקט שטארק נאך ווייץ און נאך קארן.
האט עפעס געגעבן א צי אויף דער עלטער,
פון ארעמען שטעטל צו לאנקעס און פעלדער.
צי האב איך חרטה, חלילה, וואס רעדט איר
אזעלכע פעלדער, א הימל, א וועטער!
היינט האט עס א אידל א פערד מיט א וואגן!
האט ווען דאס א שמש געטאן גאר פארמאגן
אזעלכע נחלאות. איך גלויב באמונה
עס נעמען זיך יאטן און ס׳ווערט א קאמונע...
און נעכטיקער שמש גלייכט אוים זיינע פלייצעס,
א פאך מיטן בייטש און א צי מיט די לייצעס.
— וואס שטיי איך? א גוטן, כ׳מוז דאך גלייך פארן,
ס׳ווארט חברות שוין לאנג אויף די קארן;
מארגן באגינען און אלע מיר גייען
די זאפטיקע פעלדער מיט קארן פארזייען.

מארגאלין

דאָס ערשטע ליד פון די בויער

איך שטיי אויפן פּלאַץ פון מיין נעכטיקער היים,
שמייכלט צו מיר יעדעס ברעט, יעדער שטיין.
פון איין זייט אַ האַמער, פון צווייטער אַ זעג,
און קלאָר איז מיין אויסוועג, און קלאָר איז מיין וועג.
אין וואָכן פון אומרו, אין שעה׳ן פון שרעק,
זיינען שטעטלאַך און שטעט מיט פייער אַוועק.

אַ דאָרט אויפן שליאַך, אויפן אַשיקן שליאַך —
אַ דאַך אָן אַ שטוב און אַ שטוב אָן אַ דאַך.
פון איין זייט אַ האַמער, פון צווייטער אַ זעג,
און דאָ איז מיין אויסוועג, און דאָ איז מיין וועג.

מיר וואוינען אין דרויסן, אין דרויסן איז וואָס?
אַ דאַך איז דער הימל, אַ בעט איז דאָס גראָז,
אָט וואַרטן שוין ברעטער, אָט פירט מען שוין ליים,
אָט שטייט שוין אַ וואַנט פון מיין אַלעמענס היים.

ס׳וויגט זיך אַ פענצטער, סע שמייכלט אַ טיר,
איך פיל זי די שפּראַך אינם שווייגן צו מיר.
וועט שמייסן אַ רעגן מיט האַרבסטיקן וויין,
ניש׳קשה, ניש׳קשה, אַ שטוב וועט דאָ זיין!

כ׳בין שיכור פון איך, מיינע ניכטערע טעג.
און ליב איז מיין אויסוועג, און ליב איז מיין וועג.

א. פעפער

מענטשן

פאָרן מיר אַלץ אַזוי כסדר פון דאָרף צו דאָרף, פון פונקט צו פונקט. דער שאָפער, אַן אַפּגעבליאַקעוועטער גוי מיט שטרויענע וואָנסן, האַלט כסדר דעם קאָפּ אין אַ זייט און רעדט.

— פון וואַרשע? — פרעגט ער מיט פרייד.

— פון וואַרשע.

— און ווי אַזוי זעט אויס וואַרשע, אַלץ נאָך אַזוי שיין ווי אַמאָל?

— דאָס זעלבע.

— איי, איי, איי — באַלעקט זיך דער גוי — אַ לעבן דאָרט געווען, עך אַ לעבן! נו און פון גראַף (ער רופט אָן אַ נאָמען פון אַ גראַף) ווייסט איר?

— געהערט.

— אַ לאַקיי בין איך ביי אים געווען — זאָגט דער גוי מיט שטאָלץ — עטלאַכע יאָר צייט.

נאָך דעם ערשטן גראַף, הייבט ער זיך אָן פרעגן אויף אָן אַ שיר גראַפן. איך דערקלער אים, אַז איך בין צווישן די גראַפן נישט אַזאַ שטאַר־קער איינגייער, נאָר דער גוי מאַכט זיך נישט דערפון, ער האַלט אַלץ אין איין דערציילן וועגן זיינע לאַקייאישע פּאָסטנס ביי די גראַפן און די אויגן זיינע לייכטן פון פרייד, נישטאָ דער גראַף, ביי וועלכן דער גוי זאָל נישט האָבן געווען קיין לאַקיי.

— נו, און איצט ווי לעבט זיך? — פרעג איך אים.

— חזיר'יי! — ענטפערט ער און מאַכט אַוועק.

דער אַגראָנאָם נאַדלעווסקי, אַ ווילנער איד, וואָס מאַטערט זיך נעבאַך רעדן כאָטש איין וואָרט אידיש און קאָן נישט, פאַרדריסט דעם שאָפערס ענטפער.

— ער פאַרדינט גאַנץ גוט — זאָגט ער מיר — נעמט אַ גוטן חודש־געהאַלט, האָט איבער־שעה'ן, און צום בענזין דערלייגט ער אויך נישט...

פאַר אַ דאָרפיש הייזל שטייט אַ יונגערמאַן מיט אַ נישט־געגאָלטן פּנים און לייגט אַ דאַך איבערן הייזל. — דערזעענדיק אונז צופאָרן, שטעלט דער יונגערמאַן אַוועק דעם עמער מיט ליים, ווישט אָפּ די הענט אָן פאַרטוך און פירט אונז אַריין אין הייזל.

אין הייזל זיצט אַ פרוי מיט עטלאַכע קינדער. נאָך אָרים דערוויילן דאָ, ווי אין אַלע נייע דערפלאַך. דער מאַן אירער איז אַוועק פירן שטיינער;

דער יונגערמאַן, וואָס פאַרריכט דעם דאַך, איז אַ שכן.

מיר רעדן זיך פאַנאַנדער. די אידענע ענטפערט קוים. ס'איז נישטאָ אויף איר וואָס פאַריבל צו האָבן — זי איז נאָך נישט צוגעוואוינט צו אַזאַ האַרטן אָרעמען דאָרפישן לעבן. דער יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרריכט דעם דאַך, קלאָגט זיך נישט.

— ביסלעכווייז — זאָגט ער — אַלץ ביסלעכווייז, מ'וועט זיך איינ־אָרדענען.

ער רעדט מיט מיר וועגן פאַרשיידענע זאַכן, וועגן רוסלאַנד, וועגן דער לאַגע פון אַרבעטער אין אייראָפּע, אין אַמעריקע. ער זאָגט אַרויס זיינע מיי־נונגען, איך — מיינע. קומענדיק צו רייד וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער אין אַמעריקע, זאָג איך אַרויס מיין מיינונג, אַז רוסלאַנד וואָלט זיך ווינשן, דאָס אירע אַרבעטער זאָלן אין פינף יאָר אַרום לעבן אַזוי גוט, ווי די אַמע־ריקאַנער.

דער יונגערמאַן פרעגט מיך געלאַסן:

— איר זענט שוין לאַנג פון אַמעריקע?

— ניין, איך בין נאָך דאָרטן קיינמאָל נישט געווען.

— פון וואַנען זשע ווייסט איר?

— טאַקע אַ קשיה! מיר זענען אַלע אַזוי צוגעוואוינט אין אייראָפּע צו דער אַמעריקאַנער עשירות, אַז מען רעדט וועגן דעם, גליך מען זאָל עס האָבן געזען מיט די אויגן.

— איך בין יאָ געווען — זאָגט דער יונגערמאַן.

איצט דערזע איך טאַקע, אַז דאָס פאַרטוך זיינס, וואָס ער טראָגט, איז נישט קיין רוסיש — דאָס איז אַ פאַרטוך מיט אַ פּאָר הויזן צוזאַמען, ווי אַרבעטער אין אויסלאַנד טראָגן.

— שוין לאַנג זענט איר פון אַמעריקע? — פרעג איך ביי דעם יונ־גערמאַן.

— ניין, אַ יאָר, סך הכּל.

— קאָן מען וויסן, צוליב וואָס איר זענט צוריקגעקומען?

— צו אַרבעטן ערד.

— אַרבעטן ערד איז ביי אייך אַן אידייע?

— ניין, נאָר מיך ציט שטענדיק צו דער אַרבעט. איך בין אַ זון פון אַ כערסאָנער קאָלאָניסט.

— און אין אַמעריקע האָט איר נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו ערד־אַרבעט?

— יאָ, נאָר אויב שוין ערד־ארבעט, ווייל איך בעסער אין דער אַלטער היים, צווישן אייגענע.

דער יונגערמאַן אינטערעסירט מיך און איך באַמי זיך אָנצוהאַלטן דעם געשפּרעך.

— קאָן מען וויסן מיט וואָס איר האָט זיך באַשעפטיקט אין אַמעריקע?

— יאָ. איך האָב לעצטנס געאַרבעט אין פאָרדס אויטאָמאָבילן פאַב־ריקן, פאַרדינט פינף און דרייסיק דאָלער א וואָך. פריער האָב איך געאַרבעט ביי אַנדערע פאַכן.

— האָט איר נישט קיין חרטה וואָס איר האָט פאַרלאָזן אַמעריקע?

— ניין!

ער נעמט פון טיש א שטיקל שוואַרצלאַך אַלטגעבאַקן ברויט, רייסט אָפּ אַ שטיקל און קייט, און ער דערציילט ווייטער וועגן זיך:

— א ביטער לעבן אין אַמעריקע — זאָגט ער — מען פאַרדינט דעם דאָלער, אמת, ס'איז געווען צייטן, ווען איך האָב פאַרדינט אפילו אכצן דאָ־לער א טאָג, נאָר עס איז מיר נישט באַקומען.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו זיין א קנעכט.

— אין וועלכער הינזיכט?

— נו, גאַנץ איינפאַך. ביי פאָרדן דאַרף דער מענטש אַרבעטן ווי א מאַשין, טאָמער פאַרהאַלסטו זיך אויף איין ווײַלע בלויז, פאַרהאַלסטו גלייכ־צייטיק הונדערטער מענטשן, דעם גאַנצן מעכאַניזם. טאָרסט נישט א זינג טאָן, טאָרסט קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן, און אפילו, אז מען גייט אַוועק א ווײַלע צוליב א מענטשלאַכן געברויך, קוקט דער אויפזעער נאָך, צו דו האָסט זיך נישט צו לאַנג געזאַמט...

— אָבער אַזוי לעבן דאָך דאָרטן מיליאָנען אַרבעטער!

— יאָ. אָבער איך האָב נישט געקאָנט. איך בין א זון פון אַ קאָלאָ־ניסט, געוואוינט געווען אין דער יוגנט צו פרייהייט, צו אַרבעט אָבער צו פרייהייט, און איך האָב נישט געקאָנט — די דאָלאַרן זענען מיר נישט באַקומען.

— נו, און דאָ?

— דאָ? דאָ איז נישט גוט דערווייל, אמת, מען עסט טרוקן ברויט, ווי איר זעט, און מ'דאַנקט, אז דאָס שטיקל ברויט איז דאָ, מען אַרבעט שווער, אָבער מען איז נישט קיין קנעכט.

ער קוקט זיך אַרום און זאָגט:

— אַט זעט אַליין, זיצן מיר שוין דאָ עטלאַכע צענדליק מינוט און רעדן, קאָן מיר דען אימיצער שטערן?

ווען מיר זענען אַפּגעפאָרן, האָט ער פאַרלייגט אַ האַנט צו די אויגן, באַטראַכט דעם גאַנצן גרויסן סטעפּ אַרום זיך און זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט.

קיין סך ברויט איז נאָך אויף דעם גאַנצן גרויסן סטעפּ נישטאָ, נישט אַלץ איז נאָך באַאַרבעט, דאָס גערעטעניש איז אויך געווען אַ שלעכטס, אָבער פרייהייט איז דאָ, ברייטקייט, רחבות. קיינער גיט נישט אַכטונג וויפיל מען רוט, וויפיל מען וויל רעדן מיט אַ מענטשן.

און וואָס נאָך דאַרף ער, דער זון פון כערסאָנער קאָלאָניסט, וואָס מען האָט אים געהאַלטן געשלאָסן אין די אַמעריקאַנער פאַבריק־ווענט?...

— ווי אומבאַגרייפבאַר, ביסטו מענטש!

י. י. זינגער

שלאַף, מיין קינד

ס'איז קיין ברויט אין שטוב ניטאָ נאָך,
שלאָף, מיין קינד, מיין שלאַפס.
איך קען נאָך איצטער דיר ניט זאָגן
פון אַ פעלד, וואָס רייפט...

כּעט און זאַפטיק זיינען פעלדער,
און אין שטוב איז לער ;
נאָענט גייט אַרום דיין טאַטע,
רייסט אויף ברייט די ערד.

גייט דיין טאַטע נאָכן אַקער
שווער און אויסגעדרייט ;
וועט כאָטש גיין ביי דיר דער אַקער,
ווי אַן אַקער גייט.

דו וועסט וואַקסן, דו מוזט וואַקסן
מיטן וואוקס פון בוים ;
שווערע מי וועט זיין דיין חבר,
פעטע ערד — דיין היים.

און ווען ס'וועט ווערן, ווי מען זאָגט אונז —
גרינג אויף גאָרער ערד,
זאָלסטו וויסן, אַז דיין מאַמען
איז געווען שווער.

א. כאָריק

מאַיסעי אַבראַמיטש

איך פאָר איצט איבער די אידישע דערפער און דערפלאַך, וואָס זענען איצט שוין אויסגעבויט מיט הייזער, מיט ברייטע גאַסן, מיט קוימענס, וואָס רויכן שלענגלען זיך פון זיי.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי איין הייזל, ביי אַ צווייטס, אַ דריטס, — אידן אין פעלצן באַגעגענען:

— פּאָזשאַלאַסטע, קומט אריין!

אויף דעם צוזאַמענפאָר פון „געזערד" האָט איינער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז שוין צופיל באַזוכט מען די קאָלאָניעס, און דאָס טויג ניסט. איך האָב אַליין אויך געטראַכט, אַז די קאָלאָניסטן זענען מסתמא נישט צופרידן מיט די אָפטע וויזיטן, וואָרים באמת, זיצן מענטשן, מאַטערן זיך, האָרעווען, קומען קוים אויס מיט דער חיונה, און דאָ קומען דעלעגאַטן מיט אויטאָמאָבילן און קוקן אויף בייז־וואונדער!

אָבער ווי נישט ריכטיק דאָס איז.

—אדרבה — זאָגן די אידן — קומט אריין. גוט, וואָס מען זעט אַ מענטשן פאר די אויגן.

דער אידישער קאָלאָניסט קאָן נאָך נישט, ווי דער רוסישער פּויער, אוועקליגן זיך ווינטער אויפן אויוון און שלאָפן ווי אַ בער. — ער האָט ליב צו רעדן מיט אַ מענטשן אַ וואָרט, דערוויסן זיך נייעס, הערן פון דער וועלט, און ווי נאָר עס קומט אימיצער, אַ זשורנאַליסט צי אַ דעלעגאַט, איז עס אַ שטיק שמחה אין דאָרף. פון אַלע הייזלאַך קומט מען זיך צוזאַמען און מען ווייזט דאָס ביסל פאַרמעגן.

אין די קאָלאָניעס „נאָוואַיאַ זאַריאַ" און „נאָווי פּוט". שיינע דערפער און אַ סך הייזער, וואָס זענען מערסטנס באַוואוינט. מען באַקענט מיך מיט איינעם אַן עלטערן קאָלאָניסט מיט אַ שטרענג האַרט געזיכט און כמורנע אויגן.

— מאָיסעי אבראמיטש — דערהער איך. דעם פאַמיליען־נאָמען כאַפּ איך נישט.

ווען מען זאָל מיר נישט זאָגן מאָיסעי אבראמיטש, וואָלט איך געשוואוירן, אַז דאָס איז אַ גוי פון גוים־לאַנד, קיין ברעקל פון אידישקייט נישטאָ, נישט אין די קליידער, נישט אין געזיכט, נישט אין די באַוועגונגען. אין אַלגעמיין מערקט זיך אַ מאָדנע זאַך, אידן ווערן ענלאַך צו גוים.

— פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען פריער, מיט דריי יאָר צוריק? — האָט צו מיר טענות מאָיסעי אבראַמיטש.

— וואָס האָב איך דען איצט פאַרשפּעטיקט? — פרעג איך צוריק.

— פּאַרשפּעטיקט גאָרנישט, נאָר איצט קומען אַלע צום גרייטן. מיט דריי יאָר צוריק האָט מען געדאַרפט קומען און זען, ווי אַזוי מיר האָבן דעם דאָרף געבויט.

אַן אינטערעסאַנטער איר, מאָסעי אבראַמיטש. — ביז דער רעוואָלוציע איז ער געווען אַ איד אַ גביר, געהאַט אין קריוואָי־ראָג אַ גרויסן מויער, געהאַלטן אין אַרענדע צוויי טויזנט דעסיאַטין ערד, מילן, געשעפטן. — אַלע פּריצים און פּויערים האָבן פון אים געהאַלטן אַ וועלט.

אַז די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, האָט ער אָנגעהויבן פאַרלירן אַלץ מער און מער. צוערשט, די ערד, דערנאָך די מילן, דערנאָך דאָס הויז. מאָסעי אבראַמיטש איז שוין נישט קיין יונגערמאַן, שוין אַ איד אין די עלטערע יאָרן. נאָר מאָיסעי אבראַמיטש איז נישט פון די, וואָס זעצן זיך אוועק קלאָגן אויף דעם, וואָס איז געווען. צו דער זעלבער ערד, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַלטן עטלאַכע און צוואַנציק יאָר אין אַרענדע, קערט ער זיך אום. ער נעמט צונויף אַ גרופּע אידן, וואָס זענען אויך פּונקט ווי ער, אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע אַלטע פּאָזיציעס, פאָרט אַרום אויף די פּוסטע פעלדער, וואָס זענען שוין דריי יאָר נישט פאַרזייט, און הייבט אָן זיי באַארבעטן.

שווער האָט געאַרבעט מאָיסעי אבראַמיטש, ביטער. די אידן מיט וועלכע ער איז געקומען, זענען שוין גאָרנישט געווען קיין גלייכע שותפים מיט אים, זעלטן אַז אימיצער האָט געוואוסט, ווי אַזוי אַ פערד איינשפּאַנען, ווי אַזוי אַן אַקער אוועקשטעלן, ווי אַזוי האַלטן אַ לאָפּאַטע אין האַנט. און מאָיסעי אבראַמיטש איז געוואָרן אַ מלמד, אַ דרדקי־מלמד און געקנעלט מיט די שטעטלשע אידן די תורה פון דער ארבעט; געלערנט ווי אַזוי אָנ־טרייבן, ווי אַזוי גיין מיטן אַקער, ווי אַזוי גראָבן אַ גרוב, ווי אַזוי פאַרזייען.

קיין אַנשטאַלט צו העלפן די קאָלאָניזאַציע איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. אַלץ האָט מען געמוזט אַליין באַקומען, אַליין איינקויפן פערד, בהמות. געשלאָפן איז מען אויפן פעלד, אונטער שטורעמס און רעגנס. קיין פעלד־געצייג איז נישט געווען, און מאָיסעי אבראַמיטש איז געגאַנגען צו די אַרו־מיקע פּויערים, די אוקראַינער, און געליען דאָ און דאָרט אַקער־אייזנס, דאָ אַ שנייד־מעסער, דאָ אַ לאָפּאַטע.

זיי האָבן אים געגעבן די גוים, וואָרים זיי געדענקען נאָך מאָיסעי אַב־ראַמיטשן פון די גוטע צייטן, ווען ער האָט טויזנטער דעסיאַטין געהאַט, פויערים האָבן ביי אים פאַרדינט, און מאָיסעי אַבראַמיטש האָט זיי קיין עולה נישט געטאָן, און נאָך אַ גוטע עצה אין אַ נויט געגעבן.

איצט איז ער דער טאַטע פון דער שיינער, גרויסער קאָלאָניע, דער פאָרזיצנדער, און אַלע האָבן גרויס אָפּשיי פאַר אים.

— וואו זייט איר דעמאָלט געווען ?— פרעגט ער — האַ ?

אָבער ער איז גאָרנישט אַזאַ בייזער, ווי מען מיינט, אַ אידישער גזלן !

— ער רעדט זיך פאַנאַנדער, ווערט ווייכער, ווייזט זיינע אָפּגעהאָרעוועטע הענט, וואָס האָבן שוין אַלץ דורכגעמאַכט, אי געבויט, אי געלט געקליבן, אי געשיצט זיך בעת רציחות און רויבערייען, אי אַ קאָלאָניע געבויט.

— איצט האָפן מיר אויף ווייטער — זאָגט מאָיסעי אַבראַמיטש. — דאָ, די ערד, איז איצט אונזער לעצטע קאָרט. דאָ לעבן און שטאַרבן.

דאָס איז נישט קיין מליצה, קיין שיינע פראַזע. מאָיסעי אַבראַמיטש איז נישט קיין פראַזע־מענטש — ער האָט ליב צו שווייגן און טאָן, נאָר טאָמער רעדט ער שוין, איז דאָס אָפּגעוואויגן.

י. י. זינגער

אַ בריוול

האָט לייבקע פון טאַטן באַקומען אַ בריוול:
— לייבקע, מיין לייבקעלע, — זון מיינער, ליבער —
ראשית זיי וויסן, אַז איך און די מאַמע
זיינען געזונט. און מען אַרבעט צוזאַמען.
איך — ביי דער ערד. די מאַמע ביי עופות —
זון, ס׳אַ באַשרייבונג און, זון, ס׳איז א מופת —
אַז איך — אַ: אַ מעקלער, מיט תהילים, הבדלות,
זאָל נעמען און וואַרפן דעם מאַרק און דעם פּאָלעש,
דעם זיידענעם גאַרטל און ס׳היטל פון סאַמעט, —
און לערנען זיך שפּאַנען אַן אָגער אין כאָמעט.
און לערנען זיך האַלטן דעם אַקער פאַר גריפּל
לייבקע, מיין לייבקע — זון מיינער, ליבער —
עלטער געוואָרן די ערשטע פאָר יאָרן...
פינגער — אין בלאָטערס, צעשטאָכן פון דאָרן,
פּנים געשיילט זיך פון דורשטיקע ווינטן,
אויגן פון שטויבן צעטרערט און צעפּינטלט.
אוי, רעדעוודיק זיינען די פעלדער אום זומער
נאָר איך בין אויף פעלדער געקומען אַ שטומער...
אַ שטומער געאַקערט, אַ שטומער געדראָשן,
אָ, זון מיין! די ערד האָט איר אייגענעם לשון,
כ׳לעבן! זי טיילט זיך מיט פויערשע זאָרגן.
כ׳לעבן! זי זאָגט אים פאַרטאָג; אַ גוט מאָרגן!

מ. פינטשעווסקי

ערד

קומען און אריינגראָבן אַ שטעקן
און זאָגן: אָט דאָ איז מיין לאַנד,
און צום ארום און צו אַלע פיר עקן
אויסשטרעקן אַ חבר׳שע האַנט.

ניט כשוף פון אַלטע קברים,
ניט טרויער פון אַ פאַרקלונגענער שפּראַך,
נאָר ריח פון רוי־ערד און וואָרים,
און דאָרן און קאָרן און פּאַק.

אויף די ליפּן ניט זען געבאָטן,
נאָר איין־און־איינציק געבאָט: מי;
ווי באַמיסטיקונג אויף בייטן צעשאָטן
די זינגעוודיקע מידקייט פון קני.

שוואַרצע רעמלאַך ארום נעגל,
און פייער דורך הויט און ביין,
ביז ס׳גייט אויף אַ צירה, אַ סגל
פון גרין גראָז אויפן אָרט פון שטיין.

ה. לייוויק

אין א פאַרוואָרפן ווינקל

ווידער אַמאָל אין וואַגאָן. רוסן קייען, שיילן אייער, שניידן קישקעס מיט קניפּערלאַך. סך־הכל איז מען נאָר איינגעזעסן אין וואַגאָן און שוין קייט מען. אַנדערע דרימלען, שוין אַזאַ רוסישע טבע, זעט אויס, אין וואַגאָן דאַרף מען אָדער קייען, אָדער שלאָפן.

איך פאָר צום קליינעם שטעטעלע סמאָלעוויץ ביי מינסק.

פאַרוואָס פּונקט סמאָלעוויץ? — ערשטנס, איז סמאָלעוויץ גאָר א העק, א קליין שטעטעלע, און ס'איז אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזוי זעט אויס א קליין שטעטעלע אין איצטיקן רוסלאַנד. צווייטנס, איז עס אויפן וועג צו די אידישע קאָלעקטיווע־קאָלאָניעס אין ווייס־רוסלאַנד. אין אוקראַי־נע, קרים האָבן זיך תחילת אויך געשאַפן קאָלעקטיוון אין די קאָלאָניעס. נאָר מען איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. אַז מען דערמאָנט די קאָלאָניסטן וועגן די קאָלעקטיוון, זענען זיי גרייט צו דורס'ן. אפילו קאָמוניסטן אליין, וואָס זענען געווען פאַר קאָלעקטיוון, רעדן מער נישט דערפון. אין ווייס־רוסלאַנד האַלטן זיך קאָלעקטיוון — און מען דאַרף זען, ווי אַזוי זיי זעען אויס. דאָס וועטער איז דערווייל שלעכט, און איך נוץ אויס די צייט און פאָר זיך איבער קיין סמאָלעוויץ.

ווי אומעטום, הייבן אידן סוחרים אָן מיט מיר א געשפּרעך. איך טראָג גראָד העלע מלבושים. אין רוסלאַנד זעט מען נישט קיין העלע קליידער — און גלייך דערקענט מען אין מיר דעם „אינאָסטראַנעץ".

—ווי לעבט זיך אידן?

— ניט וואַזשנע.

— וואָס, די מאַכט טויג נישט?

— גאָר! די מאַכט איז גראָד פאַר אונז אידן גוט. נאָך קיינמאָל האָט א איד זיך נישט געפילט דאָ אַזוי תקיף ווי איצט. נאָר דער „נאַרקאָמפין"...

„נאַרקאָמפין" איז דער קאָמיסאַריאַט פון פינאַנסן. און אידן סוחרים האָבן אים נישט ליב.

— איר פאַרשטייט — זאָגן מיר פאַרמעליקטע אידן — פון 22טן יאָר ביזן 25־טן האָט מען געלעבט. די קאָאָפּעראַטיוון האָבן ביי אונז א סך מאָל געמוזט קויפן סחורות. איצט איז געוואָרן אוממעגלאַך צו האַנד־לען. מען גיט נישט קיין וואַגאָנעס פּריוואַטע סוחרים צו ברענגען פון אוק־ראַינע תבואה, מען פאַרקויפט נישט קיין סחורות, און ס'איז ביטער.

אַן עלטערער איד מיט צוויי גרויסע וואָנסן, ענלאך אַביסל צו באַגראַן כמעלניצקין, גלעט זיך איבערביידע וואָנסן און זאָגט מיט אַ הייזעריקער שטים:

— וואָס ווילט איר? — אַמאָליקע צייטן האָבן מיר מיט אַ בעל־מלאכה זיך געשעמט; מען האָט זיך מיטן אַרבעטער נישט געוואָלט משדך זיין, נישט געהאַלטן אים פאַר קיין מענטש. היינט האָט ער די מאַכט, וויל ער אונז אָפּצאָלן. וואָס איז?

אַזוי שמועסנדיק און דיסקוסירנדיק קומט מען אָן צופאָרן. אַ יונגער איד אַ באַלעגאָלע, כאַפּט מיך גלייך אין פאַיעטאָן אריין און מיר פאָרן, אַן אַנדערטהאַלבן וויאָרסט ביזן שטעטל אַריין.

— עפּעס פאַראַן אידישע טוערס ביי אייך אין שטעטל? — פרעג איך דעם באַלעגאָלע.

— ניין, אַלץ רוסישע.

אַ שטעטעלע אַלט ווי דאָס אידישע גלות. פּונקט ווי אַמאָל, קריכן אידן צו די פּויערשע פורלאַך, טאַפּן אַ זעקל און קייען אַ שטרוי. פּונקט ווי אַמאָל, קריכן אַרום די פּויערים און פּויערטעס, אָרעמע ווייסרוסישע פּויערים און פּויערטעס, זיי טאַפּן די סחורות אויף די אידישע טישלאַך, פּונקט ווי די אידן טאַפּן ביי זיי די זעקלאַך תבואה. דאַכט זיך, אַז אי די אידן, אי די גוים קומען אָפּ מיטן טאַפּן — קויפן קויפט מען נישט.

ווען נישט די רויטע פינף־שפּיציקע שטערנס מיט דעם האַמער און סערפּ וואָלט מען דאָס שטעטל געקאָנט אָננעמען פאַר אַ טונעיאַדעווקע פון פופציק יאָר צוריק.

פון גרויס לאַנגווייליקייט, האָב איך שוין געטראַכט אַריינצוכאַפּן זיך צום רב און כאַפּן אַ שמועס מיט אים מכוח אידישקייט און כלל־ישראל זאַכן. — נאָר אָט קוקט עפּעס אַראָפּ פון אַן איינגעהויקערט קרעמל אַ קליין שילדל אין די באַקאַנטע פיר שפּראַכן. — אויף אידיש איז אָנגעשריבן „קוסטאַרן־פּאַריין פון יחידים" — גיי איך שוין בעסער אין קוסטאַרן־פּאַריין.

— עס איז איצט קיינער נישטאָ — זאָגט מיר אַ קליין עלטער אירל אין אַ שלאָפראָק. — מען גרייט זיך אויף יום־טוב, מען קאַלכט די שטוב.

— צו וואָסער יום־טוב?

— וואָס איר ווייסט גאָרנישט — וואונדערט זיך דאָס אידל אין שלאָפראָק — דאָס פייערט מען דאָך זונטיק, וואָס קומט, דעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָט קאַלכט מען ביי אונז די שטוב. אַ פאַרזאַמלונג וועט דאָ זיין, רעדעס.

— און ווער זענט איר אליין, ר׳ איד?

— איך בין דער „קוריער" ביי די קוסטארן — זאָגט דער איד. — ר׳ ישראל רופט מען מיך.

— און ווי אזוי לעבט זיך?

— אַט, מ׳קומט דורך! איינער איז אַ שניידער, אַ צווייטער אַ שוס־טער, אַ דריטער אַ קושניר, אַ פערטער אזוי... מ׳ארבעט און מ׳פאַרקויפט צו ארומיקע פויערים, ווי אַלעמאָל ס׳איז געווען. איך בין אַליין אויך אַ קוש־ניר, נאָר איצט האָב איך מער קיין כוח נישט צו ארבעטן, שוין אַריבער זעכציק, און איך בין אַ קוריער ביי די קוסטארן. גיי אַ שליחות, באַזאָרג...

— און וואָס נעמט איר געהאַלט?

— ווינציק, אַכצן רובל אַ חודש, אָבער קיין סך ארבעט איז נישטאָ, און איך בין צופרידן אַלץ בעסער, ווי אַמאָל.

— אַמאָל איז אייך געווען אַזוי שלעכט, ר׳ ישראל?

— ניין, שלעכט נישט! נאָר אַמאָל בין איך געווען אין דער קאַסע אַ קוריער און איך האָב געהאַט צרות פון דער פּאָליציי, ימח שמה.

— פאַרוואָס?

— פאַר גאָרנישט. אריינגעקומען צו אַ ליאַדע גאָרנישט, אַ טשינאָוו־ניקל, געמוזט אראָפּנעמען דאָס היטל, געזאָגט האָט מען מיר „דו", גערעדט ווי צו אַ הונט. היינט, אז איך קום אין „ראַיקאָם" בין איך ווי ביי זיך אין דער היים. אפילו דאָס היטל נעם איך נישט אראָפּ!

— נו, און די קרעמער ווי אזוי לעבן ביי אייך, ר׳ ישראל?

דער אָרעמסטער קרעמער — זאָגט ר׳ ישראל — לעבט נאָך בעסער פון רייכסטן קוסטאַר, נאָר דער קוסטאַר איז אַלעמאָל געוואוינט צו צרות, איז קוים האָט ער צו עסן, איז ער צופרידן. דער קרעמער איז געוואוינט צו גוטס, האָט אַ גע׳שמד׳טן האַלז, טאָמער קוועטשט מען אים אביסעלע, שרייט ער געוואַלד.

דער אידל אין שלאָפראָק פאַראינטערעסירט מיך און איך פּרואוו מיט אים אוועק ווייטער.

— נו, און אַ רב האָט איר דאָ ביי אייך? אַ שוחט?

— פאַראן — זאָגט ר׳ ישראל בייז — די סחורה פעלט נישט...

— עפּעס האָט איר אַ בייז האַרץ, ר׳ ישראל, אויפן רב מיטן שוחט, אמת?

— אָט! גלאַט אזוי איבעריקע פאַרשוינען... דארמאַיעדניקעס — זאָגט ר׳ ישראל.

— פאַרוואָס, ר׳ ישראל?

— אַז נישטאָ מער דער קייזער, וואָס־זשע דאַרף מען נאָך זיי?

— ווי קומט דער קייזער צו זיי?

— וואָס איז, איר ווייסט נישט? געוועזן דער קייזער, האָבן זיי אים אַלעמאָל געמאַכט אַ מי שברך... היינט, צו וואָס דאַרף מען זיי היינט? די „גדולים" דאַרפן נישט קיין מי שברכ׳ס...

— נו, און אַ שאלה פּסק׳ענען? שעכטן אַ בהמה, אַן עוף?

— עט — מאַכט ר׳ ישראל אַוועק — זיי וועלן אייך היינט עסן, די אידעלאַך, אפילו בשר־קוויטש אויך, אַבי גיב זיי נאָר...

— וואָס הייסט בשר־קוויטש?

— איר פאַרשטייט נישט? — חזיר! איר הערט נישט ווי ער קוויטשעט?

— איר זענט דאָך עפּעס גאָר אַן אפּיקורס, ר׳ ישראל — זאָג איך אים.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין קיין אפּיקורס, אַז מ׳האָט מיר די אויגן געעפנט.

— ווער?

— קיינער נישט! אַליין זע איך. איר מיינט, אַז איך זע נישט? כ׳קאָן נאָר נישט רעדן. מ׳האָט מיך נישט געלערנט. אָבער איך האָב שטענדיק געזען, ווי די רבנים און די גבירים האָבן אונז, בעל־מלאכות, גע׳רודפ׳ט, קיין גלייך וואָרט צו אונז נישט אויסגערעדט... אַ מצוה אויף זיי! וואָס מ׳גיט זיי איבערן קאָלנער, איז נאָך אַלץ ווינציק.

— קומט וועל איך אייך ווייזן אונזער אידישע שול — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ און געפּאַקט מיטן קליינעם שטעקעלע.

דאָס קליינע שטעטעלע סמאָלעוויץ, וואָס ציילט 500 אידישע פאַמיליעס, האָט אַ זיבן־יאָריקע שול מיט צוויי הונדערט פופציק תלמידים און מיט ניין לערער, וואָס כמעט אַלע קומען פון די אידישע טעכניקומס און „פעדפאַקן" (פּעדאַגאָגישע פאַקולטעטן).

אין שול איז טומלדיק. די דערוואַקסענע אינגלאַך און מיידלאַך שרייבן לאָזונגען, וואָס מען דאַרף אויסהענגען צום 9־טן יאָר־טאָג פון דער רעוואָלוציע. איך באַמערק, ווי אויף אַלע לאָזונגען איז אָנגעשריבן „זאָל לעבן דער אַלוועלטלאַכער פּראָלעטאַריאַט".

י. י. זינגער

אַ בריוו פון מאָסקווע

...אין אָנפאַנג קום איך דיר צו לאָזן הערן,
אַז מיר זיינען, גאָט צו דאַנקען — רייך.
מיר כאַפּן נאָך פון הימל ניט קיין שטערן,
נאָר מיר פילן זיך מיט אַלעמען צוגלייך.
דאַוונען, דאַוון איך דאָ נאָענט אין אַ מנין,
און די מנינים זיינען דאָ פאַרפולט.
געבענטשט זאָל זיין דער אַלטיטשקער קאַלינין —
מע זאָגט, אַז ער פאַרהיט דאָס אונזער שול.
האַנדלען, האַנדל איך ניט ערגער, ווי אין שטעטל,
און פיל שוין ניט, געלויבט איז ער, קיין נויט.
קום צופאָרן, לאָז זיך לאַנג ניט בעטן,
האָסטו אויך אַ זאַטן שטיקל ברויט.

א. כאַריק

אין אידישן געריכט

נישט אין קיין געהויבן אָרט געפינט זיך דאָס אידישע געריכט אין מינסק — אין אַן ענגער דירה, אין שכנות מיט ליטווישע אידישע איינוווי־נער. אין פעדערהייזל פון געריכט שטייען ארויסגעשטעלט די קאָטשערעס מיט די לאָפּעטעס, מיט די זאַלץ־ברעטלאַך פון די שכנים. אין די סאַמע ווייכטיקסטע מאָמענטן, ווען דער גורל פון אַ מענטש הענגט אויף די וואָג־שאָלן, רייסט זיך אַריין דורך דער דינער שכנה׳שער וואַנט אַ קריגעריי צווי־שען מאַן און ווייב אָדער דאָס וויג־ליד פון אַ מאַמען ביים וויגל פון איר וויינענדיק קינד.

מיין באַקאַנטער יונגינקער סימפּאַטישער פּאָעט, וואָס נאָך מער ווי די שטיוול זיינע זיינען איינגעטונקען אין בלאָטע, איז דער קאָפּ זיינער איינגע־טונקען אין אידייען, פאַנטאַזיעס און גלויבן, פאַרענטפערט זיך פאַר מיר:

דאָס געריכט איז אַנטשטאַנען שפּעטער, ווען די בעסטע דירות אין שטאָט זענען שוין געווען פאַרכאַפּט, און רעקווייזירן איצט טאָר מען נישט...

אין דעם אָרעמען געריכטס־זאַל זענען פאַרזאַמלט עטלאַכע צענדליק אידן און אידענעס. דער געריכטס־טיש איז געדעקט מיט אַ רויטן טוך. לע־נינס פּאָרטרעט הענגט אויבנאָן. דאָס געריכט פאַרשפּעטיקט. צופיל אַרבעט איז דאָ. כמעט אַלע אידן קומען אין אידישן געריכט, און די ריכטער אַר־בעטן איבער די כוחות. די פאַרזאַמלטע ווייבער זיינען אומרואיק.

— מאַריאַסקע — זאָגט איין אידענע צו דער צווייטער — איך וועל זיך ניט דערוואַרטן, איך גיי אַהיים.

— גיי, גיי — זאָגט איר די שכנה — ישראל'קע דער מיליציאָנער וועט דיך קומען „בעטן".

די אידענע גייט נישט. זי ווייסט, אַז מיט ישראל'קען דעם מיליציאָנער גייען נישט אָן קיין חכמות. פאַר נישט שטעלן זיך, קריגט מען שטראָף — און זי וואַרט און קלאָגט זיך:

איבערגעלאָזן פּיצלאַך אין שטוב. — אַ זינד פאַר גאָט...

אַ איד מיט אַ געשניצט־בערדל וויצלט זיך:

— נישטאָ מער קיין גאָט. זעסט נישט ווי אויף דער וואַנט הענגט ניט גאָט נאָר לענין?...

— ביי אונז אין קאַמאַראָווקע איז נאָך פאַראַן אַ גאָט! — זאָגט די אידענע.

קאַמאַראָווקע איז אַ געגנט אין מינסק; קאַמאַרייקע רופט מען זי. ענד־לאַך קומט אַריין אַ יונגינקער שוואַרץ־חנעוודיקער בחורל, קלינגט מיטן גלאָק און רופט:

אויפשטיין, דאָס געריכט גייט!

אַלע שטעלן זיך אויף — מיין באַקאַנטער רוימט מיר איין:

— אויך אַ יונגער ריכטער, דער סעקרעטאַר פון געריכט, אַ פּייאיקער.

דער ריכטער, אַ יונגערמאַן אין ברילן, זעצט זיך ביים טיש. פון ביידע זייטן זעצן זיך אַוועק אַ מאַן און אַ פרוי, ביידע אַרבעטער און אין אָרעמע קליידער — דאָס זענען מיטריכטער, וואָס מען נעמט פון די שטאָט־איינ־וואוינער, ווי אַמאָל געשוואוירענע.

דער ענין קאַהאַן־שטיגליץ! — רופט אויס דער ריכטער.

צום טיש גייט צו אַן עלטערער איד.

נאָך אַ שעה צייט ווערט פאַרענדיקט דאָס אויספרעגן די עדות. די אַדוואָקאַטן נעמען רעדן.

אַ רחמנות נעבאַך אויף די אַדוואָקאַטן אין רוסלאַנד. אַנשטאָט זיצן אויבנאָן אין אַ פראַק, זיצן זיי, די אַדוואָקאַטן, גלייך מיטן פּובליקום אויף

דער באַנק. דער ריכטער הערט זיי אויס, אָבער ער פירט נישט מיט זיי קיין ויכוחים, צאַצקעט זיך נישט מיט זיי.

אַט טרעט טאַקע אַרויס אַן עלטערער אַדוואָקאַט, וואָס פאַרטיידיקט דער בירגער קאַהאַן. דאָס איז אַ טיפּ פון אַן אַלטן פּראָווינצער „פּריסאַזשני פּאָווערעני", וואָס קאָן דעם קאָדעקס, ווי אַ פרומער איד אשרי — איצט מוז ער רעדן אויף אידיש און עס קומט אים אָן מיט צרות.

— חברים ריכטער — הייבט ער אָן.

דער ריכטער פאַרבעסערט אים:

— בירגער ריכטער!

— איזוויניטע — ריכטער בירגער — זאָגט ער.

ער כאַפּט זיך, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות און וועלנדיק פאַרריכטן, פאַרפּלאָנטערט ער זיך נאָכמער:

— חברים בירגער, המ... בירגער חברים...

דער זאַל לאַכט. דער אַלטער פאַרלירט זיך נאָך מער. ער רעדט האַלב אידיש האַלב רוסיש, שיט מיט פּאַראַגראַפן ווי פון אַ געלעכערטן זאַק.

דער אַדוואָקאַט פון דער פּרוים צד איז אַ יונגער, אַ שיין־רעדנער, אַ היינטיקוועלטישער. ער רעדט אַ ריינעם אידיש, שוין צופיל אַן אויסגעפּוצטן, אין אָנשטאָט שיטן מיט פּאַראַגראַפן, שפּילט ער אויף „פּסיכאָלאָגיע".

— אַ מאכל'דיקער יונגערמאַן!... — סוד'ען זיך די מיידלאַך צווישן זיך.

— אויפשטיין! — באַפעלט דער סעקרעטאַר.

דער ריכטער איז זיך מיישב אַ ווײַלע מיט די בייזיצנדיקע און טראָגט אַרויס אַ פּסק. — אַ ווײַלע טומלט זיך צווישן די צדדים און עדות. און שוין רופט מען אַ נייעם „ענין" — דאָס מאָל אַ קרימענעלער. אַ אידענע אַ קצב'טע, וואָס איז אָנגעשטעלט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו ביי פליש, ווערט באַשולדיקט אין גניבה. דאָס געריכט איז פול מיט קצבים, אַגענטן. די שטימונג איז אָנגעשטרענגט. עס שמעקט מיט תפיסה.

איך שטאָט אָפּ אַ וויזיט דעם ריכטער ביי זיך אין קאַבינעט. ער איז אַ געוועזענער אַרבעטער. אַ צייט לאַנג געקעמפט אויף די פראָנטן, ענדלאַך האָט מען אים באַשטימט אַלס ריכטער פון מינסק. קיין יוריסט איז ער, נאַטירלאַך, נישט, נאָר דעם קאָדעקס האָט ער זיך אויסגעלערנט.

ער איז אפילו שטאַרק פאַרנומען, נאָר ער גיט מיר אָפּ עטלאַכע מינוטן, מיט פאַרגעניגן.

— א מאסע ארבעט — זאָגט ער — 80 פּראָצענט אידן גייט צום אידישן געריכט, אפילו פון פּרעמדע ראיאָנען, איבערהויפּט קרימינעלע.

— מיט וואָס דערקלערט עס זיך?

— ערשטנס, די שפּראַך — מען קאָן זיך אויס'טענה'ן — צווייטנס, די סביבה — פאַראַן מאַסן פּראָצעסן, וואָס פאָדערן, אַז דער ריכטער זאָל קאָנען די סביבה; מען זאָל פאַרשטיין די באַדינגונגען, סכסוכים, מנהגים, דעם טאָן אפילו. — און מען קומט אין אידישן געריכט. — מען קומט שוין צופיל. פאַר דער מינדסטער זאַך גיט מען אָן אין געריכט.

— און ווי אַזוי באַציען זיך אידן צום געריכט?

—איצט שוין פיל בעסער. תחילת האָט מען צופיל גערעדט, געריסן זיך, ווי ביי אַ רב, איצט האָט מען זיך צוגעוואוינט צו דיסציפּלין — כאָטש מען האָט נאָך אַלץ פאַריבל, וואָס מען לאָזט זיך נישט געגוג „אויס'טענה'ן".

עס קומט אריין אַ יונגערמאַן אין אַ שינעל און אין אַ קאַווקאַזער שעפּסן היטעלע און דערלאַנגט דעם ריכטער אַ פּאַפּיר.

— ווער זענט איר?

— רייכלין, איך קום פון „דאָפּר" (טורמע).

— אהא! — דערמאָנט זיך דער ריכטער — זענט איר שוין אָפּגעזעסן די עלף חדשים?

— ניין, נאָך זיבן חדשים האָט מען מיך באַפרייט פאַר גוטער אויפ־פירונג.

— וועט איר שוין זיין אַן ערנטלאַבער מאַן, חבר רייכלין? — פרעגט אים דער ריכטער.

— יאָ.

— און צו וואָס רעכנט איר זיך איצט נעמען?

— צו מאַליערי.

— איר זענט דען אַ מאַליער?

— יאָ, אין טורמע האָט מען מיך אויסגעלערנט מאַליערי.

דער ריכטער שרייבט אים אונטער די פּאַפּירן.

— אַ גוטן טאָג, חבר ריכטער.

— אַ גוטן טאָג, חבר רייכלין.

אַזעלכע אידישע געריכטן זענען דאָ אין סאָוועטן־רוסלאַנד קנאַפּע זעכציק.

י. י. זינגער

אַלץ איז געביטן

איך גיי איבער געסלאַך, אַלץ איז געביטן.
בליען פאַרגאַנגענע יאָרן אין קאָפּ.
דערמאָנט זיך מיר פּיני, דער דולער פון שטעטל,
דערמאָנט זיך דער שטעטלשער איינזאַמער צאָפּ.

ווי אַלץ איז פאַרגאַנגען און אַלץ איז געביטן,
מען גייט און מען רעדט און מען פרישט און מען בויט.
דערמאָנט זיך דאָס אַלטע, דאָס שטויביקע געסל
מיט קלייזן, מיט ציגן, מיט קלייטן און קויט.

אָט זע איך זיי ווידער די שוסטערס און באַנדערס
מיט ברייטע גוטמאָרגנס און טונקעלע הענט.
איך גיי איבער סעטקעס פון איינעם צום אַנדערן,
זיי האָבן מיך אַלע דערקענט.

אָט זע איך זיי ווידער די שניידערס און שמידן,
פאַרוויינט און פאַרלאָפן מיט שטויב און מיט וועג.
די פּראָסטע, די האָריקע, וואָכיקע אידן
מיט האַמערס, מיט שערן, מיט זעגן און העק.

אָט זע איך זיי ווידער די שמידן און באַנדערס
פאַרגרויט און פאַרעלטערט — איך האָב זיי דערקענט.
איך גיי איבער געסלאַך פון איינעם צום אַנדערן,
איך דריק זיי די האָריקע, וואָכיקע הענט.

א. פעפער

פּראָפעסיאָנעלע אידישע פאַריינען

איך קום אַריין אין הויז פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. מען פירט מיך אַריין צום פּאָרזיצער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון באָברויסק און פון גאַנצן קרייז.

א קאַבינעט אַ גרויסער, אַ ברייטער. אַ מאַשיניסטקע קלאַפּט אויף דער מאַשינקע, באַאַמטע גייען אַריין און אַרויס מיט פּאַפּירן. ד'ער טעלעפאָן קלינגט.

דער פּאָרזיצער איז אַ יונגער שיין־געבויטער, פול־בלוטיקער יונג, איינער פון די אידישע שוואַרץ־האַריקע, שוואַרץ־אויגיקע בחורים, וואָס די ענערגיע שפּראָצט פון זיי אומעטום, פון די אויגן, פון די האָר, פון די שלאַנקע־אויסגעפרעסטע פּיס, פון יעדן ריר און באַוועגונג.

— פון אַ מענשעוויסטישער צייטונג? — פרעגט ער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל — זאָל זיין אַזוי... איר ווילט וויסן וועגן די אַרבעטער, ביטע.

ער נעמט אַרויס פּעק פּאַפּירן, סטאַטיסטישע ציפערן, ליסטעס און לייענט פאָר:

באָברויסקער קרייז האָט 20,000 אַרבעטער; באָברויסק אַליין ציילט 8,000 אַרבעטער. אידן אַרבעטער בילדן אין גאַנצן באָברויסקער קרייז 36 פּראָצענט — די אַרבעט ביי אונז ווערט געפירט אין דער שפּראַך אין וועל־כער עס רעדט די מערהייט אַרבעטער אויף דער פאַבריק. ביי די שניידער, טאַבאַק־אַרבעטער, פּאַרניר־אַרבעטער, לעדער־אַרבעטער, שאַכטל־אַרבעטער א. א. וו. ווערט די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט געפירט אין אידיש — וואו די מערהייט איז רוסיש, אויף רוסיש. — אָבער אומעטום קאָן יעדער, אפילו די מינדערהייט, אַרויסטרעטן אין זיין שפּראַך.

ער קלינגט אָן, הייסט זיך דערלאַנגען עטלאַכע אַקטן און ווייזט מיר ווי איינע און די זעלבע אינסטיטוציע, דער ראַט פון די פּראָפפאַריינען פירט זיין אָפיציעלע אַרבעט אין עטלאַכע שפּראַכן — אין רוסיש, ווייס־רוסיש, אידיש, פּויליש.

— אין טייל ערטער — זאָגט ער — מוז מען אפילו קעמפן ביי אידי־שע אַרבעטער פאַר אידיש. — זיי רעדן שלעכט רוסיש און ווילן נישט אידיש — קאָמעדיאַנטן!... אָבער מיר פירן דורך ווי די מערהייט וויל.

די ידיעות זיינע גיט ער פּינקטלאַך, גענוי, ווי ער וואָלט דאַרפן אָפּגעבן אַ באַריכט.

— מיר האָבן אַ סך אידן אַריינגעצויגן אין די פֿאַבריקן — זאָגט ער — מאַסן מיידלאַך, פּרויען, וואָס פּלעגן זיך אַרומשלעפּן מיט קאַשיקעס, געהאַנדלט, אַרבעטן איצט אין די פֿאַבריקן און זענען צופֿרידן.

נאָך די אָפֿיציעלע געשפּרעכן רעדן מיר זיך אַזוי אַביסל דורך, און איך זע אין דעם ענערגישן אידישן בחור'עץ גאָר אַן אינטערעסאַנטן מענטש.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אָט דער דאָזיקער באַאַמטער, וואָס פֿירט אָן מיט אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלאַכן פּאָסטן, וואָס מוז פֿירן זיין אַרבעט אין עטלאַכע שפּראַכן, אין רוסיש, ווייס־רוסיש און אידיש, איז סך־הכל מיט זיבן יאָר צוריק, נאָך אין 20־טן יאָר, געווען אַ פּשוט'ער שמיד, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אונטערשרייבן.

— אַלמאַי זאָל איך זיך שעמען — זאָגט דער שיינער געזונטער יונג — דער טאַטע מיינער האָט אויך נישט געקאָנט, און מיך האָט ער נישט געלערנט...

נאָר מיט אים איז געשען אַ צופֿאַל — איינמאָל איז אַ פּרעמדע אַרמיי געווען אין מינסק, וואו ער האָט געוואוינט. אַ זעלנער האָט אים געטאָן אַ פּאַטש אומזיסט און אומנישט, בלויז דערפֿאַר, ווייל ער איז אַ איד, און דער שמיד האָט באַשלאָסן נקמה צו נעמען. ווי נאָר די באָלשעוויקעס זענען צוריק אַריין אין שטאָט, איז ער אַריינגעטראָטן צו זיי אין דער אַרמיי, כדי צו שלאָגן די, וואָס האָבן אים געפּאַטשט אומזיסט און אומנישט.

גאַנצע צוויי יאָר איז ער געווען אין דער אַרמיי, געווען אויף די פֿראָנטן. דאָרטן, אין דער אַרמיי, האָט ער דאָס ערשטע מאָל גענומען אַ פּען אין האַנט און מיט דעם גאַנצן ברען פֿון אַ פּשוט'ן בחור אַן עם־הארץ גענומען זיך צו לערנען.

איצט איז ער דער פּאָרזיצנדער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און טוט זיין זאַך גלענצנד. ער האָט אונטער זיך אַ גאַנצן פּערסאָנאַל מיט מענטשן, מיט אינטעליגענטן, אַלע רעכענען זיך מיט אים, שעצן אים און האָבן פֿאַר אים מורא.

עס איז באמת צו באַוואונדערן ווי אַזוי אָט דער דאָזיקער שמיד אַרבעט. אַלץ געדענקט ער, אַלץ ווייסט ער, אין אַלעמען אָריענטירט ער זיך, אין פֿאַרלויף פֿון אַ קורצער צייט האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט די אָפֿיציעלע שפּראַך, ווייס־רוסיש, און ער רעדט גאָר פֿליסיק.

— איר רעדט דאָך ווי אַן אמת'ער ווייסרוס — זאָג איך אים.

— אַז מען דאַרף — זאָגט ער — ס'איז דאָך ווייס־רוסלאַנד...

צווישן די פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען איז אויך פֿאַראַן אַ

פאריין פון קאָפּ־מענטשן, פון דאָקטוירים, אינזשינערן און אנדערע. אַט זיצט טאַקע איינער אזא געבילדעטער און פירט מיטן פּאַרזיצנדער אַ פּראָפעסיאָנעלן געשפּרעך. דער מינסקער שמיד אָריענטירט זיך אין אַלע העכערע מאַטעריעס, און מיט וויפיל טאַקט און שכל ער באַציט זיך צו די דאָקטוירים און אינזשינערן.

— נישט גוט — זאָגט ער מוסר דעם געבילדעטן פאַרשטייער — איר מוזט אַפּהאַלטן מער באַראַטונגען...

ער ווייסט, אז מיט שוסטערס און שניידערס איז בעסער צו ארבעטן. אינטעליגענטן קומען נישט אַזויפיל אויף באַראַטונגען. אָבער ער ווייסט אויך, אז מען מוז האָבן די אינטעליגענץ.

— איצט — זאָגט ער מיר — וועל איך זיך באַמיען, מען זאָל מיך באַפרייען פון דער ארבעט. איך וויל אָנקומען אין „וואוז" (אוניווערסיטעט), אָבער איך גלייב נישט, אז מען זאָל מיך באַפרייען.

י. י. זינגער

בירא־בידזשאַן

אַ גרוס אַ שטילן פון דעם לאַנד דעם ווייטן
טראָגן נאָר דערוויילע רופן און באַריכטן...
רופט ער שטיל דער ערנסט, וואַקסט פון אַלע זייטן
און ער דרינגט אַלץ טיפער אין דער גרעב פון שיכטן.

צפון, צפון ווייטער, צפון נים געריכטער,
קוואַלן ניט געצוימטע ביי דעם ים דעם גרויסן!
יאָרן ברענגען צייכנס, צייכנס אומגעריכטע,
נאָענטע און ווייטע קומען אויף און ברויזן!

אַ גרוס אַ שטילן שיק דעם לאַנד, דעם ווייטן!
דער וואָס האָט נאָר ווערטער, זאָל עס ניט פאַרמיידן!

ד. האָפשטיין

קלאַס־אַרבעט

1. פאַרוואָס קומען מער ניט פאָר קיין פּאָגראָמען אויף אידן אין רוסלאַנד? איז דער אַנטיסעמיטיזם אינגאַנצן פאַרשוואונדן?

2. וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט סאָוועטנלאַנד אין אַ דיאַגראַמע פון דער אידישער באַפעלקערונג איבער דער גאַנצער וועלט? רעכן אויס עטלעכע גרויסע שטעט, וואו ס'וואוינען אַ סך אידן.

3. אין וועלכע נייע פאַכן און פּראָפעסיעס באַשעפטיקן זיך די אידן פון סאָוועטנלאַנד זינט דער רעוואָלוציע?

4. געפינט אויס, וואָס ס'הייסט אַ דעקלאַסירטער אין רוסלאַנד. פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזויפיל דעקלאַסירטע אידן אין לאַנד.

5. די אידן אין רוסלאַנד האָבן דאָס רעכט אויף זעלבסט־פאַרוואַלטונג. געפינט אויס וואָס דאָס מיינט. האָבן די אידן אַזעלכע רעכט אויך אין אַנדערע לענדער?

6. אמאָליקע צייטן זיינען די אידישע קינדער אין רוסלאַנד געווען אונטערדריקט, ניט־פריי, זיך ניט געקאָנט לערנען. איצט איז פאַר זיי אָפן די וועלט. ס'וואָלט זיין זייער אינטערעסאַנט צו הערן פון די קינדער אַליין, ווי זיי פילן זיך אין דעם דאָזיקן נייעם לאַנד. אפשר וואָלט מעגלאַך געווען זיך שטעלן שריפטלאַך אין פאַרבינדונג מיט אַ אידישער קינדער־שול, אָדער קינדער קאָלאָניע דאָרט און זיי בעטן און וועגן דעם צו שרייבן? אַזאַ אויסטויש פון בריוו וואָלט זיין אינטערעסאַנט פאַר אַלע.

7. אין וואָס דריקט זיך אויס די הילף, וואָס די אידן אין אַמעריקע שיקן די אידן אין רוסלאַנד און ספּעציעל די אידן, וואָס וואוינען אין די נייע אידישע קאָלאָניעס? וועלכע אָרגאַניזאַציעס באַשעפטיקן זיך מיט דער אַרבעט?

8. ווי איר ווייסט, איז ניט לאַנג צוריק אויפגעהויבן געוואָרן אַ פּלאַן צו גרינדן אַ אידישע רעפּובליק אין בירא-בידזשאַן. וואו געפינט זיך בירא־בידזשאַן? וואָס ווייסט מען וועגן דעם לאַנד?

9. אַזאַ אידישע רעפּובליק, ווען זי וואָלט געגרינדעט געוואָרן, וואָלט מסתמא געהאַט אַן אייגנאַרטיקע קאָנסטיטוציע. ווי וואָלט געווען, ווען מ'וואָלט ביי אייך געבעטן, איר זאָלט אָנשרייבן אַזאַ קאָנסטיטוציע, וואָלט איר דאָס געקאָנט דורכפירן? עס פאַרשטייט זיך, אַז דערצו וואָלט קודם־כל נייטיק געווען זיך פריער צו באַקענען מיט די וויכטיקסטע טיילן פון אַנדערע קאָנסטיטוציעס. פּרובירן שאַדט אוודאי ניט.

די אידן אין סאָוועטנלאַנד

(שטעט מיט אַ אידישער באַפעלקערונג איבער 20,000)

נאָמען פון שטאָט	צאָל אידן	נאָמען פון שטאָט	צאָל אידן
אָדעס	153,243	בערדיטשעוו	30,812
קיעוו	140,256	זשיטאָמיר	30,012
מאָסקווע	131,244	קרעמענטשוג	28,969
לענינגראַד	84,480	ראָסטאָוו אפן דאָן	26,323
כאַרקאָוו	81,130	אומאַן	22,179
דנעפּראָפּעטראָווסק	53,686	וויניציע	21,812
מינסק	62,073	ניקאָלאַיעוו	21,786
האָמעל	37,745	באָברויסק	21,558
וויטעבסק	37,013		

אַ אידישער קאָלאָניסט אין רוסלאַנד

אידן ביי ערדאַרבעט

שוין גאַנץ לאַנגע יאָרן ווערט צווישן די אידן איבער דער גאַנצער וועלט אָנגעפירט אַ באַוועגונג צו באַזעצן גרעסערע אידישע מאַסן אויף דער ערד, כדי זיכער צו מאַכן זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ. פאַר דעם צוועק זיינען אין פאַרשיידענע יאָרן אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפטן אין די פאַרשיידענע גרויסע אידישע צענטערן. אָנגעהויבן האָט זיך די באַוועגונג אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע און האָט מיט דער צייט זיך פאַרצווייגט אין די אַנדערע לענדער פון גרויסן אידישן ישוב.

ווי אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע באַוועגונגען זיינען אין אַמעריקע געגרינדעט געוואָרן פאַרשיידענע אַגריקולטורעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן זיך אָבער ניט איינגאַנצן גוט איינגעגעבן. די גרעסטע אַגריקולטורעלע אונטערנעמונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין ארץ ישראל און אין ארגענטינע: אין ארץ־ישראל דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קאָמוניסטישע און קאָאָפּעראַטיווע גרופּעס און דורך פּריוואַטע אונטערנעמער. אין אַרגענטינע — דער׳עיקר דורך דער אידישער קאָלאָניזאַציע אָרגאַניזאַציע. די אידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, מער ווי קאָלאָניעס אין וועלכן אַנדערן לאַנד האָבן דורכגעמאַכט שווערע נויט און איבערמענטשלאַכע ליידן, איידער זיי האָבן עפּעס דערגרייכט.

אַ חוץ די קאָלאָניעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון פאַרשיידענע אידישע געזעלשאַפטן, אָדער מיט זייער הילף, האָבן זיך טויזנטער און טויזנטער אידן באַזעצט אויפן לאַנד, באַזונדערס אין פּוילן, בעסאַראַביע, טשעכאָסלאָוואַקיע, וואו זיי וואוינען שוין אין משך פון אַ גאַנצער ריי דורות. די לאַגע פון די דאָזיקע אידישע פאַרמער איז נאָכאַנאַנד געווען אַ שווערע און אַ דריקנדיקע. נישט נאָר האָבן די רעגירונגען פון יענע לענער מיט גאָרניט זיי געהאָלפן, ווי דאָס ווערט געוויינטלאַך געטאָן בנוגע די פאַרמער פון אַנדערע פעלקער אין די מערסטע לענדער אויף דער וועלט, נאָר פאַרקערט: מ׳האָט די אידן דירעקט און אומדירעקט געשטערט זיך גוט איינצואָרדענען אויפן לאַנד.

אַ גרויסן שטויס פאָרויס האָט די באַוועגונג צו באַזעצן אידן אויפן לאַנד באַקומען אין סאָוועטנלאַנד נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, באַזונדערס אין די יאָרן פון 1923 ביז 1929. נאָך פאַר דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע האָבן אַ גרויסע צאָל אידן אָנגעפירט קאָלאָניעס אין רוסלאַנד,

אָבער זיי זיינען כמעט אַלע אונטערגעגאַנגען אין די פּאָגראָם־יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע. אָבער אַזוי שנעל ווי די דאָזיקע שווערע יאָרן זיינען אריבער האָט זיך צווישן די אידן אין לאַנד, מיט דער דירעקטער הילף פון דער סאָוועטן־מאַכט, אָנגעהויבן אַ שטאַרקע און אינטענסיווע ארבעט אריבער־צופירן טויזנטער אידישע משפחות אויף די לענדערייען אין ווייסרוסלאַנד, קרים, אוקראַינע און בירא־בידזשאַן, וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעטיילט פאַר דעם צוועק.

לויט די ציפערן, וואָס זיינען פאַרעפנטלאַכט געוואָרן ניט לאַנג צוריק ווייזט זיך ארויס, אַז אין 1928 האָבן 200,000 אידישע נפשות געלעבט אין סאָוועטנלאַנד אין די קאָלאָניעס.

איבער דער גאַנצער וועלט וואוינען אַן ערך 500,000 אידישע נפשות אויפן לאַנד און באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשיידענע צווייגן פון דער אַגרי־קולטור, ווי עס באַווייזט די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

אידן ביי ערד־ארבעט איבער דער וועלט

לאַנד	צאָל	לאַנד	צאָל
סאָוועטנלאַנד	200,000	ארגענטינע	20,000
פוילן	100,000	בראַזיליע	1000
ליטע	15,000	פאַראייניקטע שטאַטן	50,000
לעטלאַנד	1000	קאַנאַדע	5000
בעסאַראַביע	30,000	פאַלעסטינע	28,000
קארפּאַטן רוסלאַנד		ציפערן	500
און טשעכאָסלאָוו.	30,000		
		סך הכל	490,500

אידן אין קלענערע צענטערן

קלענערע אידישע צענטערן

אחוץ אין די לענדער פון צפון־אמעריקע, ארגענטינע און פּאַלעסטינע, האָבן אידן אויך איינגעוואַנדערט, טיילווייז אין גרעסערע צאָלן, טיילווייז אין קלענערע, אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. אידישע קאָלאָניעס, צענטערן פון אידן געפינען זיך איבעראַל, וואו מענטשן קאָנען נאָר וואוינען. אויסרעכענען דאָ די אַלע צענטערן, מיינט אויסרעכענען אַלע לענדער, אינזלען און ישובים פון גאָר דער וועלט.

דאָ ווילן מיר נאָר אָנצייכענען יענע צענטערן, וואו ס'געפינען זיך אַ גרעסערע צאָל אידן און וועלכע שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין לעבן פון די אידן איבער דער גאַנצער וועלט.

דרום־אפריקע: אין דרום־אפריקע וואוינען שוין אידן פון גאַנץ לאַנגע צייטן. אידן פון האָלאַנד, דייטשלאַנד און ענגלאַנד האָבן זיך דאָרט באַזעצט נאָך אין 17טן יאָרהונדערט. אָבער פון אַן אָרגאַניזירט אידיש לעבן אין דרום־אַפריקע הערן מיר ערשט אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט. אידן פון מזרח־אייראָפּע הייבן אָן פאָרן קיין דרום־אַפריקע ערשט אין די לעצטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. דידאָזיקע אידן זיינען דער'עיקר געקומען פון דער ליטע, אַזוי, אַז די אידישע קהילה פון יאָהנסבערג ווערט באַטראַכט ווי אַ קאָלאָניע פון ליטווישע אידן. גאַנצע 80 פּראָצענט פון אַלע אידן אין דרום־אַפריקע זיינען ליטווישע.

די איינוואַנדערונג קיין דרום־אַפריקע מצד אידן איז ניט קיין גאָר גרויסע, אָבער ביז דער איינפירונג פון דעם קוואָטא־געזעץ אין דער „יוניאָן פון דרום־אַפריקע", זיינען דאָרט יעדעס יאָר צוגעקומען שיינע הונדערטער אידן, ווי עס באַווייזן די ציפערן:

אין 1924 זיינען קיין ד.־אַ. אריינגעקומען	773 אידן
" 1925 — — — — — — — — —	1353 "
" 1926 — — — — — — — — —	1479 "
" 1927 — — — — — — — — —	1725 "

אַ סך אידן האָבן זיך געגרייט אין וועג קיין דרום־אַפריקע, אָבער ווי אין אַנדערע פאַלן, האָבן זיי באַגעגנט נייע געזעצן פון באַגרענעצונגען. די איינוואַנדערונג אין לאַנד איז תמיד געווען אַ שווערע: אַרטיקע איינ־וואוינער נאָר האָבן געקאָנט אַרונטערברענגען זייערע קרובים און האָבן

אויך געדראפט נעמען אויף זיך אלע פאראנטווארטלאכקייטן פאר די נייראפגעקומענע.

די לעצטע עטלאכע יאר איז די שווערקייט פארפילפאכט געווארן: מ'לאזט נאר אריין אזויפיל און אזויפיל א יאר פון יעדן לאנד, און ניט מער.

לויטן צענזוס פון 1921 זיינען אין דער יוניאן פון דרום-אפריקע געווען 62,438 אידן. אצינד זיינען דארטן פאראן א סך מער. די איבער 62,000 אידן זיינען געווען צעטיילט אזוי:

קעיפ-קאלאניע	21,242
נאטאל	2585
טראנסוואל	33,515
אראנדזש-פריישטאט	4761

ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז די אידן בילדן גאנצע 65 פראצענט פון אלע איינוואנדערער אין לאנד.

עגיפטן: דאסדאזיקע לאנד האט קיינמאל ניט אויפגעהערט צו זיין א מין שוץ-ארט פאר אידישע וואנדערער פון די סאמע עלטסטע צייטן ביז אויפן היינטיקן טאג.

די 75 טויזנט אידן, וואס געפינען זיך אצינד אין עגיפטן, זיינען הויפטזאכלאך ספרד'ישע. זיי וואוינען שוין דארטן הונדערטער יארן און זיינען געקומען אהין פון אלע פארשידענע אידיש-ספרד'ישע צענטערן: סיריען, טערקאי, שפאניע, פארטוגאל, א. אנד. די לעצטע יארן האבן אויך אנגעהויבן איינוואנדערן אהין די אידן פון מזרח-אייראפע, אבער אין זייער קליינע צאלן.

די מערסטע אידן געפינען זיך אין די שטעט קאירא און אלעקסאנדריע.

אוסטראליע און ניי-זעלאנד: אידן פון ענגלאנד און דייטשלאנד האבן אנגעהויבן איינוואנדערן קיין אווסטראליע און ניי-זעלאנד נאך אין מיטן פון לעצטן יארהונדערט. אין אנהויב פון היינטיקן יארהונדערט האבן זיך דארטן געפונען ארום 17 טויזנט אידן, אין 1921 — שוין קנאפע 25,000 אידן. זינט דעם שלום פון דער וועלט-מלחמה האבן אידן פון מזרח-אייראפע אויך אנגעהויבן איינוואנדערן אין די ווייטע לענדער אין גאנץ גרויסע צאלן. אבער די אימיגראציע איז דארט זייער שנעל אפגעשטעלט געווארן פון דער רעגירונג.

מעקסיקא: זינט דער איינפירונג פון דעם קוואטא-געזעץ אין די פאראייניקטע שטאטן זיינען א סך מדינות אין דרום-אמעריקע געווארן אפ-

שטעטל־פלעצער פאר א סך אידישע איינוואנדערער, מיט דער האפענונג, אז מיט דער צייט וועט מען זיך קאנען אריבערכאפן אין די „שטאטן".

צו די אפשטעטל־לענדער דארף מען צורעכענען מעקסיקא, אורוגוואי און קובא, און טיילווייז אויך בראזיליע.

ביזן וועלט־קריג זיינען אין מעקסיקא געווען זייער ווייניק אידן, ווייני־קער נאך ווי טויזנט. א גרויסער טייל פון די 16,000 אידן, וואס האבן זיך דארט געפונען אין 1930, זיינען אריין אין לאנד נישט אויף צו פארבלייבן, נאר כדי זיך לייכטער קאנען אריינכאפן אין די פאראייניקטע שטאטן. צוליב די שווערע קוואטא־געזעצן האבן די מערסטע געמוזט אויף שטענדיק פארבלייבן אין לאנד און זיך דארט בויען זייערע נייע היימען.

די מערסטע אידן אין מעקסיקא וואוינען אין דער הויפט־שטאט, אין מעקסיקא־סיטי.

קיובא: פונקט ווי אין מעקסיקא, אזוי זיינען אויך אסך אידן גע־צוואונגען געווען צו פארבלייבן אויף שטענדיק, אדער ביז אויף בעסערע צייטן, אין קיובא, וואס זיי האבן באטראכט מער ניט ווי א דורכפאר־ארט פאר זייער ציל: אריינצוקומען אין די פאראייניקטע שטאטן. צווישן 1923 און 1926 זיינען דארט אריינגעקומען ארום 9,000 אידן. אזוי ווי דאס אנקומען אין קיובא האט מער נישט געהאלפן דאס לייכטע אריינפארן אין די פאראייניקטע שטאטן, האט די אידישע אימיגראציע אהין פון מזרח־אייראפע אינגאנצן זיך אפגעשטעלט.

אוראגוואי: אידן האבן אנגעהויבן איינוואנדערן אין אוראגוואי ערשט נאכן קריג, באזונדערס נאך דער איינפירונג פון קוואטא־געזעץ אין צפון־אמעריקע. פון דאנען פארן א סך אידן ווייטער קיין ארגענטינע און די, וואס קאנען ניט — קיין צפון־אמעריקע. אין דער הויפט־שטאט מאנטעווידא געפינען זיך 5,000 אידן.

בראזיליע: שפאנישע אידישע קהילות האבן זיך אין בראזיליע גע־פונען נאך אין 17טן יארהונדערט, זיי זיינען זיך אבער צעפאלן אדאנק די פארפאלגונגען מצד דער שפאנישער אינקוויזיציע, און פון יענע קהילות איז ווייניק פארבליבן.

אין 19טן יארהונדערט האבן אידן פון האלאנד, מאראקא און אנדערע צענטערן צוריק אנגעהויבן אויפשטעלן אידישע קהילות. אבער קיין גרויסע צאלן האבן די אידן אין בראזיליע ניט דערגרייכט. ערשט מיטן אנקום פון די מזרח־אייראפעאישע אידישע אימיגראנטן האט זיך דארט אנגע־

הויבן בויען א גרויסער אידישער ישוב, אזוי, אז מ'האט אויף ב־אזיליע אנגעהויבן קוקן, ווי אויף א נייעם גרויסן אידישן איינוואנדערונגס־צענטער.

צוליב דעם שווערן קריזיס אין לאנד האט די רעגירונג די לעצטע יארן אנגעהויבן מאכן שוועריקייטן ביים אריינקומען, אזוי, אז די איצטיקע אידישע איינוואנדערונג איז שטארק פארקלענערט געווארן. איידער מ'האט אבער איינגעפירט אזעלכע שוועריקייטן האט זיך די צאל אידישע איינוואנדערער גענומען פארגרעסערן פון יאר צו יאר, ווי ס'איז צו זען פון פאקט, אז אין

1925	זיינען אריינגעקומען אין לאנד	1925 אידן
1926	— — — — — — — — —	3906 "
1927	— — — — — — — — — —	5167 "

אלע אידישע איינוואנדערער כמעט בלייבן אין די גרויסע שטעט, און פון די 40,000 אידן, וואס וואוינען אצינד אין בראזיליע, געפינען זיך די מערסטע אין ריא־דע־זשאניירא און סאא־פאולא.

וועלכע שפראכן רעדן אידן אצינד?

שפראך	צאל אידן
אידיש	10,000,000
ענגליש	2,000,000
דייטש	900,000
פויליש	700,000
רוסיש	500,000
שפאניאליש	300,000
טערקיש און אראביש	300,000
אונגאריש	250,000
פראנצויזיש	200,000
האלאנדיש	100,000
רומעניש	75,000
איטאליעניש	50,000
שפאניש	50,000
אנדערע שפראכן (צווישן זיי העברייאיש)	400,000

אַלטע אידישע געטאָס

וואָס ציט אונז אזוי, — אונז איבער דער וועלט וואנדערנדע אידישע טוריסטן, — צו די ערטער פון הונדערטער יאָרן צוריק, וועלכע האָבן אויף זיך שפּורן פון אונזער מארטירער־געשיכטע? א געהיימע קראַפט הייסט אונז איבעררייסן די היינטמאָדישע פאַרגעניגנס, פאַרלאָזן די געמישטע אינ־טערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט, צו וועלכער מען ווערט צוגעקלעפּט אין דער רייזע, און זוכן און נישטערן, אפשר וועלן מיר געפינען איבערבלייבענישן פון אונזער אַלטן עבר אין דער דער אָדער יענער דורכוים גוי׳ישער שטאָט.

ווענענדיק... אין א קליינער, שווארצער גאָנדאָלע פאָרן מיר צו צו דער סענט־מארקאָלא בריק, פונוואַנען מיר וועלן שוין צופוס זוכן די אַלטע געטאָ וואו מיט דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק האָבן אין ענגע און שמאָלע וואסער־געסלאך געפּרוכפּערט זיך און געמערט אייניקע טויזנט אידישע פאַמיליעס, געהאַלטן אין זייערע הענט דעם גאַנצן זיידן־האַנדל פון אייראָפּע, געגרינדעט א גאַנצע ריי באַנק־געשעפטן, און צו גלייכער צייט ארויסגעגעבן פון זיך גרויסע געלערנטע און לומדים, רעליגיעזע פילאָזאָפן און מיסטיקער, לעבנס־לוסטיקע פּאָעטן און וועלט־באַרימטע דאָקטוירים.

דאָ, אין ווענענדיק, האָט שעקספּיר גענומען זיין אומשטערבלאכן פּראָ־צענטניק שיילאָק און אריינגעלייגט אין זיין מויל די פייערדיקע פּראָטעסט־רעדעס קעגן דער חברה׳ אריסטאָקראַטישע אונטערדריקער פון דאָזשן־פּאַ־לאַץ; פאַרמאַכט פון אַלע זייטן האָבן די אידן אין דאַמאָלדיקן געטאָ אויסער גמרא און פּוסקים געלערנט זייערע קינדער פרעמדע שפּראַכן, זינגען און אפילו טאַנצן; אין איטאַליענישן געטאָ איז דאָס לערנען געווען פיל לוסטיקער, ווי אין די געטאָס פון דאַמאָלדיקן דייטשלאַנד, פראַנקרייך און פּוילן.

מיר גייען אריין אויף א שמאָלן פּלאַץ, וועלכער טראָגט נאָך עד־היום דעם נאָמען „פּלאַץ פון געטאָ“, און ווערן פּלוצלונג ארומגערינגלט פון א חברה אָפּגעריסענע קליינוואַרג, וועלכע גיבן אונז אָפּ א ברייטן „שאַלאָם“ און שטרעקן אויס שמוציקע, שווארצע הענטלאך, פּלאַפּלענדיק אויף איטאַליעניש.

דאָס זענען גוט אויסגעדרעסירטע אָרעמע אידישע אינגלאך, וועלכע דערקענען פון ערשטן בליק דעם אויסלענדער, וואָס וויל אָנקוקן די אַלטער־טימער. א דארער ברונעט, וואָס איז ביז איצט געזעסן ביי א טישל פון א שענק, הייבט זיך אָבער אויף, צעיאָגט די בעטלערלאך מיט די שווארצע

אויגן און נעמט אונז גלייך אין ארענדע. „יאהודים, איר ווילט זען די שול, די אלטע געטא־בריק? אט ווייזט ער אונז אלץ; ער איז דא א באלעבאס און וועט קיינעם נישט דערלאזן מיט אונז זיך פארנעמען".

דער פארשוין רעדט א מישמאש פון דייטש מיט איטאליעניש, שפרינגט ארום אונז און לאזט א ווארט נישט ארויסרעדן. אין דער אלטער שפא־ניאלישער שול כאפט ער ארויף אויפן קאפ א שמוציק נאזטיכל, כדי נישט צו זיין בגילוי־ראש און גיט ווילדע דערקלערונגען איבער דער אלטקייט פון ארון־קודש, מאלערייען און אפילו... ארגל, וועלכער איז דא אוועקגע־שטעלט געווארן מיט א דרייסיק יאר צוריק. ס'איז א נס, וואס מיר זענען נישט קיין גרויסע עם־הארצים און פארשטייען זיך אביסל אויף די דאזיקע זאכן.

א פאר ספרי־תורות, וועלכע זענען מיטגעבראכט געווארן פון שפאניע בעת דעם גלות, א צוויי קופערנע הענגלייכטער, מיטגעבראכט פון אמסטער־דאם, — גיבן אונז איבער א וויטן גרוס און וועקן אינטערעסאנטע דערי־נערונגען. אנטקעגן דער שול באמערקן מיר אן אויפשריפט אויף איטאליע־ניש, וואס דארף הייסן, אז אין דער נייער צוויי־שטאקיקער געבײדע געפינט זיך א מושב־זקנים און א ליי־קאסע. מיר שטאטן דארט אפ א וויזיט און ווערן באגעגנט דורך א גאנצן מנין יונגע און אלטע פרויען און נאך א „גוט מארגן" אין איטאליעניש פרעגן זיי אונז: „יאהודים?" און דאס איז געווען דאס איינציקע ווארט, וואס מיר האבן פארשטאנען, ווייטער האבן מיר זיך נישט געקאנט פארשטענדיקן. צוזאמען האבן מיר אפשר געקאנט א צענדליק שפראכן, די פרויען אבער פון אידישן וואוילטעטיקן הויז קאנען נאר איטאליעניש און בשום אופן האט זיך נישט איינגעגעבן צונויפרעדן, ביז מען האט גערופן עפעס א קריסטלאכע דינסט פון א שכן, וואס פארשטייט אביסל דייטש און זי האט געדינט פאר א דאלמעטשערין צווישן די שיינע אידישע כלל־טוערינס און זייערע ווארשעווער־אונגארישע קאלעגן.

מיר גייען איבער א שמוציקער בריק, וואס טראגט נאך דעם נאמען „בריק פון נייעם געטא". פון די הויכע הייזער מיט נאסער וועש באהאנגען, קוקן אויף אונז ארויס גרא־קאלטענעוואטע קעפ און וואו־נישט־וואו גיט א פינקל א לאכנדיק פנים פונם סעמיטישן טיפ. ביים ארויסגאנג ווערן מיר ווידער באגלייט פון דער חברה אינגלאך מיט די אויסגעשטרעקטע הענט־לאך. מיר אנטלויפן פון געטא! אייגנטלאך האבן דאס שוין די ווענעציאנער אידן לאנג געטאן, איבערלאזנדיק דארט אביסל שנארערישע עלעמענטן אלס

„זכר לטיט", צו דער בלאַטע, וואָס קאָן נאָר אין אַ געטאָ באַשאַפן ווערן.

אין פּאַדואַ אָבער, אין דעם אַלטן אידישן פּאַדואַ, וואו תורה, ריינקייט און חכמה האָבן געבליט אין משך פון הונדערטער יאָרן און באַשיינט לענדער און געגנטן גאַנץ ווייט פון איטאַליע, — האָב איך אַ שטיקל מזל.

איך באַקען זיך מיטן יונגן רב דר. גוסטאַוואָ קאַסטעלבאָלאָנע, וועלכער וויקלט פאַר מיר פונאַנדער דאָס לעבן פון היינטיקן פּאַדואַ, וואָס פאַרמאָגט איינגאַנצן אַן אַכט הונדערט אידישע נפשות. אין אוניווערזיטעט אָבער זענען פאַראַן אַזש צוועלף אידישע פּראָפעסאָרן; דריי פּאַדוער אידן זענען פּאַשיסטישע סענאַטאָרן אין רוים; די גרעסטע גיטער אין געגנט געהערן דעם אידישן גראַף קאָנטי־קאָרינאַלדי, דעם אידישן באַראָן טריוואָס די פּיאַן פּילי און די רייכסטע פאַמיליעס טריעסטע און מעצערהאַטי.

אין אַמאָליקן געטאָ, — גרויסע געשעפטן פון אַלטוואַרג, וואָס געהערן צו אידן; אפילו די עשרה בטלנים, וואָס קומען זיך צונויף ביי אַ יאָרצייט אָדער פאַמיליען יום־טוב פון די אידישע מאַגנאַטן, טראָגן... בריליאַנטענע רינגען. אַזוי פאַרזיכערט מיך דער יונגער רב, וועלכער רעדט גוט העברייאיש, אָבער נאָך בעסער אַ פּיר־פינף איראָפּייאישע שפּראַכן.

— און ווי האַלט דאָס מיט אידישקייט אין רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן זין? — מיין רב ווערט אַביסל אומעטיק, די רייכע קומען אין שול ראש־השנה און יום־כפור, אָבער דאַוונען קאָן קיינער נישט אויסער די פּראָפעסיאָנעלע „בטלנים"... געווען אַמאָל אַ „חדר", איצט פּלאַנט דער רב צו עפענען אַ העברייאישע שול, ווייל אַ דאַנק דעם ציוניזם האָט זיך דערוועקט ביי דער איטאַליענישער יוגנט אַן אינטערעס צו נאַציאָנאַלער קול־טור. די גאַנצע האָפענונג איז אויף אָט דער נייער יוגנט, ווייל די אַלטע אַריסטאָקראַטיע איז דורך און דורך פאַרפוילט, די קינדער שמד'ן זיך אָפּט, מען מאַכט שוין אפילו נישט קיין ברית'ן; געמישטע חתונות ווערן אַ געוויינטלאַכע דערשיינונג... און דאָס איז אין דער שטאָט פון מהר"ם מפּאַ־דואַ, וואו די ישיבות פון הונדערטער יאָרן צוריק האָבן צוגעצויגן דורשטיקע נאָך תורה נישט ווייניקער, ווי דער אַלטער אוניווערזיטעט דאָ, דורשטיקע נאָך וויסנשאַפט.

מיר זענען אויף דעם אַלטן פּאַדוער בית־עולם. מיר שטייען פאַר דער מצבה פון דאָן יצחק אַברבנאַל, וועלכער ליגט דאָ.

נישט ווייט פון אונז זענען ברידער־קברים, אויפגעקליבענע פאַרטרו־קענטע ביינער פון שפּאַנישע אידן, וואָס זענען געלאָפן פון פייער און דאָ געפונען שוץ און אָפּרו.

דער שמש פון שול, דער אַלטער דזשעקאָבי, איינער פון די „בטלנים", מיט אַ קיילעכדיקן פּאַרמעגן פון אַ פופציק טויזנט ליר, ווײַל מיר געבן דער־קלערונגען איבער די מצבות, פאַרשטייט ער אָבער נאָר איטאַליעניש און אַביסל עברי אין סידור. דערפאַר אָבער ווייזט ער מיר אָן „אין בית־הכנסת האיטלקי" אַלטע מנורות, מענטעלאַך און פּרוכת'ן פון סאַרדיניע, געשטיקט מיט גאָלד און געוועבט מיט ווענעציאַנער שפּיצן; טייערע עטרות מיט אַלטע דאַטעס. דער שמש, נעבאַך, קוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן, מורא האָבנדיק, אַז איך וועל אים עפּעס פרעגן און פאַרשעמען פאַרן רב. איך האָב זיך אָבער ווי עס איז אַליין אַן עצה געגעבן. פאַר די פינף ליר טרינק־געלט, דאַנקט ער מיר מיט גרויס הכנעה, ער — דער מאַהיקאַנער פון פּאַדוער געטאָ, וועלכן די אידן האָבן לאַנג פאַרלאָזן.

ענדלאַך אין רוים, ביים ברעג פון טיבער, נישט ווייט פון אוראַלטן טעאַטער מאַרצעלאָ. שטאָלץ הייבט זיך אויף די פּרעכטיקע געביידע פון דער מאָדערנער סינאַגאָגע ארומגערינגלט מיט פּאַלמעס, נאָר נישט זי ציט אונזער אויפמערקזאַמקייט.

אנטקעגן באַמערק איך אַן אַלטע קירכע, אויף וועלכער מען לעזט אַ העברייאישן אויפשריפט פון ישוע און איבער איר יעזוס אויפן צלם; אַמאָל איז דאָ געווען אַ אידישער מקום־קדוש, מיט דער צייט פאַרלאָזן און איבער־געבויט דורך פרעמדע. עטוואָס ווייטער — אַ ברוינע קאָלאָסאַלע געביידע, אַ מין אייזערנער טויער אין וואַרשע, מיט הונדערטער קראָמען: אַלט־וואַרג, אייזן, לעדער...

ביי די קראָמען שטייען מענער און פרויען, אַזוי ענלאַכע צו די אי־טאַליענער ארום, וויצלען זיך און לאַכן אין איטאַליעניש. אַן אינערלאַכער אינסטינקט זאָגט מיר, אַז זיי זענען אידן, אָבער מיט קיין זאַך זעט מען דאָס אויסערלאַך נישט ארויס. איך פּרוביר זיך ווענדן צו אַן אַלטער פרוי מיט דער אַזוי געוויינטלאַכער פראַגע אין די פרעמדע לענדער: „יהודית".

„סי, סי, יהודית" — דערפרייט זי זיך שטאַרק און מאַכט מיט די הענט ארום, ווייזנדיק, אַז אַלע קראָמען זענען דאָ אידישע. עס ווערט ארום אונז אַ געזעמל, אַלע רעדן, אַלע זענען צופרידן, וואָס מען זעט אַ יהודי, אָבער מער קיין וואָרט גיט זיך מיר נישט איין פון זיי ארויסצובאַקומען: קיינער פון די דאָזיקע געטאָ־אידן פאַרשטייט גאָרנישט אויסער איטאַליעניש. מיר געזעגענען זיך פונדעסטוועגן מיט אַ וואַרעמען „שאַלאָם", ווייל וואָס נאָך בינדט אונז צוזאַמען?

גרינער מאַך, קברים און לעבעדיקע מתים האָב איך געפונען אין די אַלטע געטאָס פון איטאַליע. דערפאַר אָבער איז דער גענעראַל פון דער פאַשיסטישער מיליציע — אַ איד, דער רעדאַקטאָר פון פאַשיסטישן הויפּט־אָרגאַן — אַ איד, דער אינערן־מיניסטער ביי מוסאָלינין — אַ איד, און... כמעט אַלע פערציק טויזנט איטאַליענישע אידן — אויף דער זייט פון די פאַשיסטן.

ח. שאָשקעס



אידן אין דרום-אפריקע

צי האָט זיי דער גאָלד־כישוף אהער געצויגן ? גיכער האָבן זיי גוטע ווינטן פאַרטראָגן — די אייגענע ווינטן וואָס טראָגן קערנדלאַך אויף זייערע פליגלען און פאַרזייען זיי דאָרט וואו די ערד בענקט נאָך א קערנדל.

וואָרים אזוי ווייט, אזוי ווייט איז דאָך אמאָל געווען דרום־אפריקע. כמעט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען פון אייראָפּע. איצט ווען איך אליין בין שוין געפאַנגען אין דער נעץ פון אפריקעס זוניקע טעג, וואונדערט מיך: פאַרוואָס בלויז א פּופציק טויזנט אידן זענען דאָ פאַראַן און נישט מער?

ליטע האָט דאָך געלייגט דעם עיקר יסוד פון א אידישן ישוב. פאַר א ליטוואַק קוקט נאָך עד היום אויס א רייזע קיין דרום־אפריקע ווי צו א גרויסער אוואַנטורע. אידן פון קאָוונער גובערניע זענען דאָ רוב מנין און רוב בנין. צו זיי קומען צו קורלענדער און אידן פון ארומיקע שטעטלאַך. נישט נאָר איין ווילנער ש״ס האָט מען אהער אריינגעפירט. אויך דעם אהבת ציון האָט מען מיטגענומען. געקומען למדנים, געקומען משכילים, געקומען דער פּראַקטישער מענטש און אויך דער שטענדיקער בעל־החלומות. נישט נאָר ביי איינעם פון די אמאָליקע קאָוונער ליט געפינט מען נאָך העברייאישע שירים אין בוזים־קעשענע, צווישן געשעפט־פּאַפּירן.

א דריי צענדליק יאָר, אז די שמאָלע שורה אידן ציט זיך אהער. קרובים ברענגען קרובים אריבער. איינער דערלאַנגט דעם אנדערן די האַנט איבער אלע ימ׳ען.

א אידישער צענטער.

שוין גלייך ביים ברעג, אין דורבאַן, האָב איך באַגעגנט די היימישע בליקן, וואָס האָבן זיך צו מיר געצויגן. אין יאָהאַנעסבורג האָב איך גע־טראָפן א אידישע היים. און דאָס אייגענע אין קייפּטאָון. דאָס באַגערט דאָך א אידישער רייזנדער אין א ווייטן וועג. דער פאַרלאַנג מיט אייגענע זיך צו באַגעגענען. די עלטער האָט געקוקט און זיך גע׳חידוש׳ט:

— ווי קומט עס אהער א מענטש בלויז א קוק צו געבן?

די יוגנט האָט שטאַרק די האַנט געדריקט און געשמייכלט צופרידן:

אפריקע איז שוין מער נישט קיין ווייטע מדינה. א אידישער שרייבער קאָן שוין אהער פאַרבלאָנדזשען. מיר ווייסן ווער ער איז. מיר וועלן אים שוין דערקאָנען נישט נאָר אין מיטן העלן טאָג.

די עלטער האָט צוגעגעבן:

— הייסט עס, אז מען האָט נאָך נישט אויסגעקוויִלעט אַלע אידן דאָרט, אין יענע מדינות. געלויבט איז דער אייבערשטער.

אַז אַ איד איז אַהער געקומען קיין יאָהאַנעסבורג מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, איז דאָ געווען היים אונטער אַפריקעס הימלען. די איצטיקע יאָהאַנעסבורג — מיט דרייסיק יאָר צוריק איז נישט געווען גאָר קיין שטאָט. בלעכענע כאַלופּקעס האָט מען צונויפגעשלאָגן ביי דער זייט פון די גאָלד־גריבער. עס האָט יעדער איינער געטראַכט פון גאָלד, ווי פון אַ היים. אפשר האָט יעדער איינער געחלומ'ט אין דער שטיל פון שנעלער עשירות. אַביסעלע שווערער ווערן און זיך צוריק לאָזן אַהיים אין דער קילער, שטילער ליטע. ווייל די זון דאָרט ווייסט נישט קיין חילוק פון צווישן דעם בלאַסן ליטוואַק און ברוין־שוואַרצער קאַפיר. און דאָס איז אפשר דער סוד, וואָס דער בלאַסער איד האָט זיך דאָ אָנגעהויבן איינצעוואָרצלען.

און כאָטש איצטער זענען זיי צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, דאָך האָבן זיי אַ צענטער, די אידן פון דרום־אַפריקע. זיי טראָגן אויף זיך דעם אידישע חותם, און דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק איז זייער צענטער. אין די איצטיקע טעג, אין דער צייט וואָס איך האָב זיי באַזוכט, איז דער אַלגעמיינער אידישער צער געווען דער מיטלפּונקט פאַרן אידישן געדאַנק דאָ אין לאַנד. אָבער איך גלייב, אַז אויף אַ געוויסן אופן היט נאָך אונזער שכינה דעם היגן טרוקענעם באָדן. און אַ גאַסט, אַז ער קומט אַהער, זעט ער און שפּירט, אַז ער איז אין צענטער פון אידיש לעבן, מיט אַלע מעלות און אַלע חסרונות.

אַ טאָפּלטע סיבה איז אין דעם בייגעשטאַנען, וואָס אין דרום־אַפריקע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ אידיש לעבן. ערשטנס, וואָס אַהער האָבן זיך פאַרקליבן דורכשניטלאַך אידן פון איין געגנט. אַ געגנט פון וואַנען עס שטאַמען נישט קיין גרויסע אַוואַנטוריסטן. אירע לייט האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו ווערן צו גרויסע עשירים. האָבן בלויז פאַרשטאַנען ווי זיך איינצופונדעווען אויף אַ באַלעבאַטישן אופן. אָבער דער עיקר וואָס דאָס בורן־פאָלק איז נאָך דעמאָלט געזעסן אין זאָטל. אַזוי איז דאָס געווען מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, און דאָרטן, וואו דער גרעסטער טייל אידן גרופּירט זיך איצטער, הערשט נאָך אויך דער בור מיט זיין כוח און ווילן. צום בור האָט זיך דער איד דערנענטערט. פּשוט. לעבן אים איז גרינגער צו לעבן. און פון בור האָט דער איד, אויסער דער מידה פון הכנסת אורחים, מער גאָרנישט געהאַט וואָס איבערצונעמען. דאָס איז דאָך טיילווייז אונזערע אָן אייגענע מידה. נישט געווען פון בור וואָס צו לערנען. קיין שום קולטור

האָט דער בור אויפן אידנס האַלז נישט אָנגעהאָנגען. און די שפּראַך פון לאַנד, וואָס אַ איד כאַפּט זיך אַזוי גערן אין איר אָן, פאַרוואָרפנדיק זיין אייגענע שפּראַך, מוטער־שפּראַך, איידער ער האָט נאָך די פרעמדע אויס־געלערנט — דאָ אין אַפריקע האָט אים דעם בורס שפּראַך נישט פאַרכאַפּט. ווארום שלעכט ענגליש איז נאָך יחוס. שלעכט דייטש — געוויס. אַרום קאָוו־נער גרעניץ באַדט מען זיך אין דעם. אָבער שלעכט בוריש — לוינט נישט. און די בורישע שפּראַך האָט טאַקע אויף אַ גרויסן אופן גורם געווען, וואָס אין לעבן הערשט נאָך דערוויל אידיש. פילט מען זיך מיט דער אייגענער שפּראַך אויך נישט זייער אָרים. פונדעסטוועגן איז מען דאָך פון קאָוונע, שאַוול, פּאָנעוועזש — דער שורש אָן אמת׳ער.

מען האָט אויסגעמויערט בתי־מדרשים. ספר־תורות האָט מען מיטגע־בראַכט. די שווערע ווילנער ש״ס׳ן האָבן פאַרנומען דעם אויבן אָן אין די פּאָליצעס. דער קול־התורה האָט גענומען קלינגען פון אינעווייניק. עס האָט נישט געפעלט צווישן די ערשטע קיין משכילים, פיינע העברייער מיט אַ בענקעניש נאָך שיינקייט. האָבן זיך אויך צייטונגען באַוויזן מיט אַ סך לשון־קודש׳דיקע לידער. גייען נאָך אפילו היינט אַרום שוין עלטערע אידן, שווערע סוחרים, און פון זייער בוזים־קעשענע, פון צווישן וויכטיקע גע־שעפט־פּאַפּירן, ווייגען אַרויס שירים, געשריבן אין דער יוגנט. ציטערדיקע שורות, פערלדיקע אותיות. דער פּאַפּיר שוין צעריבן. אָבער שירים פון דער יוגנט זענען עס.

דורכשניטלאַך איז די פּרנסה פון דעם ערשטן אימיגראַנט געווען פון נישטיקן קוואַל, פון שלעכטן פעלד געשניטן. פון ערגסטן ווינקל גענומען. מען האָט געפעדלט אויפן ישוב צווישן די גוטע, פּשוט׳ע בורן. ווער מיט זיין פּעקל אויפן פּלייצע, און ווער עס האָט זיינע סחורות אויף אַ וועגעלע אומגעפירט. עס האָט דער בור פון אַלטע צייטן ליב די ביבל און שוואַרצע קאַווע. און אַז דער איד איז געקומען און געקלאַפּט אין זיין טיר, אַז דאָס קינד פון דער ביבל האָט זיך באַוויזן, האָט דער בלאָנד־באָרדיקער בור אים אָנגעוויזן אויף אַלע פיר ווינקלען פון זיין שטוב:

— אַלץ איז פאַר דיר אָפן, פאַר דיר מיין שטוב און פאַר דיין פערד — מיין שטאַל.

ביי אַ טעפּעלע שוואַרצע קאַווע האָט מען זיך צעשמועסט. דער איד האָט זיין אידיש אַביסל אַ בויג געטאָן אויף רעכטס, אַביסל אויף לינקס, און דער איד האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיטאַמאָל בוריש. וואונדערט זיך דער בור:

— א גרויס פאָלק, דאָס פאָלק ישראל. צעשפּרייט איבער דער גרויסער וועלט. געלויבט אין זיין נאָמען וואָס אהער, קיין דרום־אַפריקע, דערנעענטערן זיך שוין זייערע טריט.

האָט דער בור ביים אידן אַ פּאָר ברילן געקויפט. אריינגעקוקט אין דער ביבל, האָט דערזעען, אַז אין די אויגן איז טאַקע ליכטיקער געוואָרן. האָבן די בחורים שוין דערזען ביים אידן אין פּעקל זייגערלאַך, קייטעלאַך, קעמעלאַך. האָבן די מיידלאַך דערזען פּאַטשערקעס און סטענגעס, זיידענע טיכלאַך. האָט די מאַמע דערזען לייל־אַכער און טישטוכער און מען האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען. ביז איינער איז דעם אַנדערן מיאוס געוואָרן. אַזוי פּעדלענדיק מיט ביליקע סחורות, פּאַרדאַרבן די ליבע וואָס דער בור האָט געטראָגן צום אַלטן פאָלק פון דער ביבל. איך ווייס ניִשט, אויב דער בור ווכט איצט די שפּורן פון דעם אידן אין דער ביבל. ווייל עס ווייסט שוין דער בור דעם וועג אין שטאָט אַריין. אין די גרויסע פענסטער, וואָס אין דער גרויסער שטאָט, ליגן סחורות אויסגעלייגט און וואַרטן אויפן בור און אפילו אויף דעם נאַקעטן קאַפיר... און אַנדערע האָבן זיך באַזעצט צווישן די גאָלדמינען אָדער בריליאַנטן־גריבער. אַ שפּייז־קרעמל פון בלעך אויפגעשלאָגן, געשפּייזט דעם קאַפיר, וואָס האָט אין מינען געאַרבעט. דער היימישער תּלמיד־חכם האָט באַדינט דעם פרימיטיוון מענטשן. געקאָכט פאַר אים זיינע מאַכלים און מיט אַ ליבלאַך שמייכל אין אין די אויגן געקוקט.

געלעבט האָט מען אין בלעכענע הייזלאַך אויף גיך צונויפגעשלאָגענע, וואָס האָבן זיך געברענט אין דער זון בייטאָג און געזשאַווערט פון ביינאַכטיקן טוי. ווייב און קינד האָט מען איבערגעלאָזן אין דער היים. אויף יענער זייט ים אין ווייטן לאַנד. געבענקט אָן אויפהער, שטיל געהאָפט און געשאָלטן דעם גורל. אַפריקע, אַז דער טאָג קומט אָן פאַרבלענדט ער אַלץ וואָס עס שטייט פאַר די אויגן. אָבער אַז די נאַכט קומט אָן איז די בענקשאַפט אַ גרויסע, אַ ברייטע. אַז מען ליגט נאָך אַ הייסן טאָג ערגעץ וואו ביי אַ בור אין שייער אין די היי — טראָגט זיך דער רעיון איבער ים'ען און בלאָנדזשעט אין קאָוונער סביבה.

דרייסיק יאָר — וואָס איז דרייסיק יאָר פאַר אַ לאַנד אין דער אַלטער היים? העכסטנס האָט מען צעשטערט דאָ און דאָרט אין דער אַלטער היים. אָבער אין די נייע מדינות, יעדער יאָר קאָן מען פאַרצייכענען סימנים פון בויען און צעשטערונג איניינעם. יענע צייטן זענען שוין כמעט פאַרשוואונדן. ווייב און קינד שוין דאָ. די בלעכענע הייזלאַך האָט מען אַראָפּגעוואָרפן און געבויט מאַסיווע הייזער. די פּעדלער האָבן זיך אין שטאָט אַריינגעצויגן. און

אזוי ווערט צעשוואומען דער חלום פון אן אלטער היים ערגעץ אויף יענער זייט פון ווייטע ים׳ען. דאָ דערשפּירט יעדערער זיינע וואָרצלען.

און די איצטיקע צייט, ווען אַלע ווינקלען פון דעם אידישן לעבן האָבן אויפגעציטערט, איז דען אַ וואונדער וואָס אזוי פיל אידן, אזוי פיל האָבן זיך אין יאָהאַנעסבורג צונויפגענומען אויסהערן דעם גאַסט, וואָס איז צו זיי געקומען? זיכער איז דער גרעסטער טייל פון אַלטן דור און אַ סך פון איינגערן דור האָבן פון גאַסט נישט געהערט. אָבער אַ גאַסט, זייער גאַסט. וואָס איז דער חילוק?

איך האָב באַמערקט דעם עולם, שבת׳דיק אָנגעטאָן, אַלטע פּאַרפּאָלק אזוי פיל. און יונגע, איינגערע, בחורים, מיידלאַך — דער נייער דור — אַלע האָבן ברייט די אויגן אויפגעעפנט. אַלע האָבן מיט פאַרוואונדערונג צוגעהערט צו די ווערטער — גאַנץ פּשוט׳ע און נאַטירלאַכע, וואָס דער גאַסט האָט צו זיי גערעדט. דער גאַסט אַליין האָט זיך געשפּירט ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, אין סאַמע הארץ פון ליטע: טאַקע אין דער אייגענער קאָוונע בלויז איין האַלב יאָר פאַר דעם מלחמה־חורבן.

אָבער מען קאָן אויך נישט זאָגן, אַז דאָס אינעווייניקסטע לעבן האָט סימנים פון אַ נייער בעסערער פאָרמע. עס איז דאָס היימישע שטאַרק איינ־געוואָרצלט, סיי דאָס גוטע סיי דאָס שלעכטע, און דאָרט, וואו דאָס גוטע ווערט אָפּגעקראָכן פון דער היגער זון, דאָרטן ווערט דאָס שלעכטע און דאָס גרויע פון דער אייגענער זון אויפגעבראַכט. דאָס איז שטאַרק צו דערקענען אויף דעם נייעם דור, וואָס שטייט אַ צייטיקער און לאָזט זיך באַטראַכטן.

זיי, די קינדער פון נייעם דור דאָ געבוירענע, זוכן שוין דעם תיקון זייערן נישט אין טאַטע־מאַמעס ד׳ אמות. אויך נישט די בענקשאַפט פון דער מאַמען האָט שוין זייער מהות אָנגערירט. און אפשר אפילו דער איצ־טיקער גרויסער טרויער — טאַטע־מאַמעס טרויער — האָט זייער נשמה נישט אזוי שטאַרק פאַרוואָלקנט. ווייל איינער רופט שוין אָן זיין היים דאָס לאַנד, דאָס ווייטע, וואָס איז פון די אַטלאַנטישע וואַסערן געוואַשן. די מאַמע לאָנדאָן איז זיין מוטער־שטאָט. עדינבורג, וואָס אין שאָטלאַנד ווינקט צו אים פון ווייטן. אהין פאָרט ער שטודירן. און דער אַנדערער באַווייזט מיט שטאָלץ אויף אַפריקעס ברייטע שטרעקעס, וויגט זיך דעריבער די בריק, וואָס פירט פון קאָוונער טאַטע־מאַמע צום היגן געבוירענעם קינד.

אָבער אהער האָט דערגרייכט דאָס מאָדערנע אידישע ליד, דאָס מאָדער־נע בוך, סיי אין אידיש און סיי אין העברייאיש. ווייל שטאַרק, ווי אַ יונגער דעמב, שטייט אין דער אידישער גאַס אַ יונגער דור, וואָס איז יונג אהער

אריבערגעקומען. גלייך מיט די טאטעס זיך געברענט דאָ אין דער זון. גע־וואַלגערט זיך אין שטויב און אויסגעוואָקסן שטארק, מיט די אויגן צום מאָ־דערנעם אידישן לעבן געווענדט. מיט די אויגן געווענדט צו היינטיקער צייט. עס ליגט אַ זיכערע בריק צווישן דער דאָזיקער יוגנט און אידישן פאָלק. איז וואָך צו יעדן צאַפּל אין אונזער לעבן.

וואָרים ווי ווייט דרום־אַפריקע זאָל נישט זיין, אָבער גאָר נאָענט האָט צו אירע אידישע קינדער דערגרייכט דער צער פון כלל. גאָר נאָענט דער־נעענטערן זיך די ווינטן, וואָס קומען פון ווייטע לענדער אהער איניינעם מיטן טרויער. מען קאָן נישט מיינען אַז „רעכטס״ און „לינקס״ מישן זיך נישט איניינעם. אָבער לינקס און רעכטס איניינעם שטרעקן אויס זייער הילף ווייט איבער אַלע ימ'ען. רעכטס און לינקס באַגעגענען זיך אויף דעם וועג, וואָס פירט צו הילף.

כמעט די גאַנצע אידישע גאַס האָט אויפגעציטערט. מיט אָנגעשטרענג־טע נערוועָן געוואַרט צו באַגעגענען די יתומים, וואָס זענען אהער אָנגע־קומען. זאָל עס פאַרצייכנט ווערן. כאָטש אויפגעצויגן וועלן זיי מסתמא ווערן אַזוי גוט און אַזוי שלעכט, ווי נאָר עס קאָן טרעפן אין אונזער איי־גענער גאַס, וואו דאָס לעבן איז נישט אָרגאַניזירט און וואו צוליב דעם סיכסוך צווישן צוויי שפּראַכן, לערנט מען אפילו קיין איינע נישט, וואו אויף דעם חשבון פון אונזער טומל טרעט אריין גאָר שטיל און גאָר אָן טומל אַ דריטע שפּראַך, אונז אַ פרעמד ווילדע, אונז ווי אַ דאָרן אַ שטע־כעדיקער. ווי עס זאָל נישט זיין, איך האָב געזען ווי די קינדערס בלאַסע, מאָגערע באַקן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ זוניקער ראָזיקייט און ווי די שיטערע מוסקולן זענען שטייפער געוואָרן. זאָל דאָס זיין אַ נחמה. אפשר וועט אין די קינדער אַליין זיך צאַפּלען דער אידישער גורל, אפשר וועט דורך די קינדער רעדן דאָס בלוט פון גאַנצן פאָלק.

ציון איז דאָ אויסגעקריצט אויבן־אָן אין אידישן לעבן. און אפילו דער דאָזיקער איד, וואָס רעדט שלעכט ענגליש און שלעכט בוריש און אויך שלעכט אידיש. ווייל ער רעדט שלעכט דעם קורלענדער דייטש — און קאָן אויך נישט קיין העברייאיש — ער, דער שטומער איד, האָט זיין קאָפּ אויס־געגליכן און האָט זיך אַוועקגעשעלט אונטער דער פאָן ווייס און בלוי. ארץ ישראל איז אַ נאָענטע מדינה. אפשר די נעענסטע, וואָס קוקט צו אידן אהער אריבער כמעט פון אריבער דעם אייגענעם אַקסל.

עס קומען אָן אהער פון צייט צו צייט פרישע אימיגראַנטן, איינציקע

און גאַנצע משפּחות. כמעט אַלץ פון קאָוונע און אַרומיקע שטעטלאַך. קומען און ווערן איינגעשלונגען אין דעם אַלטן ישוב.

ביי אַ פופציק טויזנט רעכנט מען דאָ אידן אין דרום־אַפריקע. פון זיי האָט יאָהאַנעסבורג און פאָרשטעט כמעט אַ העלפט. קייפּטאָן די צוויי־טע גרויסע קהילה. און אפשר איז גאָר אַ חידוש צו באַגעגענען דאָ גאַנצע פופציק טויזנט אידן אין דער צייט, וואָס דער גאַנצער ווייסער עולם אין דרום־אַפריקע דערגרייכט נישט קיין אַנדערהאַלבן מיליאָן. אַ צווייג פון דעם אידישן שטאַם האָט אַהער דערגרייכט. אַ שטאַרקער וואָרצל האָט זיך אַהער דערשלאָגן.

די עלטער לעבט מיט אירע געפילן, טראַדיציעס. שולן, בתי־מדרשים, הסיד׳ישע שטיבלאַך.

די יוגנט, וואָס שפּירט דעם נייעם ווינט, פאַרמאָגט ביבליאָטעקן. מאָ־דערנע ליטעראַטור. העברייאיש־אידיש. אידיש־העברייאיש. גייען אַרום יונגע דיכטער. גייען אַרום פון צייט צו צייט זאַמלביכער אין אידיש — הערן אויף און גייען ווידער אַרויס. ווי דער שטייגער. ווי אומעטום.

עס זעט אַזוי אויס, אַז אונזער צווייג וועט זיך דאָ אין דרום־אַפריקע פאַרשטאַרקן. די וואָרצלען פאַרטיפערן.

פּרץ הירשביין

אין מאַראָקאָ

אַ געדיכטער נעפּל אַרום די ברעגעס פון מאַראָקאָ, — אַ נעפּל, איבער וועלכן מען זעט נישט דעם ים אפילו אויף פינף שפּאַן, — לאָזט נישט צו אונזער שיף צום האַפן. מען דרייט זיך בלינד, לאַנגזאַם, אַלע אָפיצירן און מאַטראָסן זענען אויף דער וואַך און אַ שווערע אָנגעשטרענגטקייט הערשט אויף דער גאַנצער שיף. די ברעגעס דאָ באַשטייען פון הויכע, שאַרפע פעלזן — ריפן (דעריבער רופט מען אָפטמאָל די קאַבילן — ריפענער) און דער קלענסטער פאַלשער גאַנג קאָן אונז צעשמעטערן אויף שטיקלאַך; די שיף־סירענע פייפט אָן אויפהער און פון ברעג ענטפערן סיגנאַלן, וועלכע פאַר־לייכטערן אונז די אָריענטאַציע.

אייניקע שעה דרייט מען זיך אַזוי אויף איין אָרט ביז דער נעפּל

הייבט אָן פאַרשווינדן צו ווערן ווי אַ פּאַרע און מיר דערזעען זיך כמעט ביים סאַמע ברעג. ווי געוויינטלאַך אין די דאָזיקע ערטער פון טעמפּעראַ־טור־קאָנטראַסטן באַווייזט זיך גלייך אַ זון, וואָס בריט ווי פייער און מען מוז פון זיך אַראָפּוואַרפן אַלץ ביזן העמד און נאָר דער גרויסער טראָפּיקאַל־העלם אויפן קאָפּ באַשיצט אונז פון אַ זונען־שלאָג.

דער גאַנצער האַפן איז באַשאָטן פון שפּאַנישע קאָלאָניאַל־סאָלדאַטן אין דער פולער קריגס־באַוואָפענונג. ביים פּאָרט דערזעען מיר גלייך די קוימענס און מאַסטן פון אַ פאַרזונקענער גרויסער שיף, וועלכע האָט, ווייזט אויס, געהאַט ווייניקער מזל ווי אונזערע...

די שמאָלע באַן, וואָס פירט פון סעוטאָ אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם שפּאַנישן מאַראָקאָ — טעטואַן, געפינט זיך נאָך אונטער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, אָבער טראָץ דעם לויפט זי, ווי אַ בליץ. פאַר די אויגן שווינד־לען שטיינערנע בערג, קליינע דערפלאַך, מאַראָקאַנער אין זייערע קיטלען מיט קאַפּושאָנען אויפן קאָפּ אויף זייערע פלינקע אַראַבישע פערד; באַן־סטאַנציעס, וואָס זענען ענלאַך צו מעטשעטן... ענדלאַך שטייגן מיר אויס אין טעטואַן. דאָס איז אַ שטאָט פון אַ דרייסיק טויזנט איינוואוינער, פון

אַ מאַראָקאַנער אידישע משפחה

זיי ביז זיבן טויזנט אידן. כמעט אַלע אידן וואוינען נאָך אין אַלטן געטאָ, וועלכעס רופט זיך דאָ מעללאַ.

דער ערשטער וויזיט אונזערער איז צו זיי, צו אונזערע ברידער, וועל־כע שטאַמען טיילווייז דירעקט פון די אויסגעוואַנדערטע פון ארץ־ישראל, טיילווייז פון די אַרויסגעטריבענע אידן פון שפּאַניע. צו אונזער גליק טרעפן מיר גלייך אָן אויף אַן אייראָפּייאיש־געקליידטן סוחר, וועלכער רעדט פראַנ־צויזיש. ער וואַרפט אַוועק אינמיטן טאָג זיין באַשעפטיקונג און נעמט זיך אונז אָן צו פירן אין געטאָ.

ס'איז פרייטיק. די מחמד'אַנער רוען. די אידן גרייטן זיך צום שבת.

מיר דערזעהן זיך, אַז די, וואָס טראָגן רויטע פעסקעס, זענען מוסול־מאַנער; די, וואָס טראָגן שוואַרצע פעסקעס — זענען אונזערע ברידער; קיין אַנדערן אויסערלאכן אונטערשייד באַמערקן מיר נישט, ווייל די גאַנצע באַפעלקערונג טראָגט דאָ די לאַנגע פאַרביקע מזרח־כאַלאַטן, איבערגעבונדן מיט ברייטע בונטע גאַרטלען, אויף די פיס אויסגענייטע מיט גאָלד און זילבער סאַפיאַן־פאַנטאָפל און אין מויל די לאַנגע פייקעס; די פרויען אָבער דערקאָנט מען גלייך: די מאַראָקאַנערינס מיט צוגעדעקטע פּנימ'ער; די אידישע ווייזן דער וועלט זייערע שיינענדע שוואַרץ־חנ'עוודיקע געזיכטער און די אייבלבירט־אויגן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך צו גלייכער צייט אומעט און פייער...

אין די שמאָלע געסלאָך פון געטאָ, וואו די סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען פיל בעסער ווי אין די מאַראָקאַנישע קוואַרטאַלן, — באַמערקט מען גלייך די פרעמדע געסט; עס לויפן אונז נאָך מחנות שוואַרצע אינגלאך, וועלכע שטראַלן פון פרייד, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז מיר זענען „יהודים". מיר גייען אַריין אין אייניקע הייזער, וואו אַלטע פרויען און יונגע טעכטער ליגן אויף דער ערד און שייערן און פוצן לכבוד שבת.

די אינגערע פאַרשעמען זיך פאַר זייער באַשיידענער שטוב־קליידונג און באַהאַלטן זיך שנעל אין די אינעווייניקסטע צימערן...

אונער פירער זאָגט אונז: „אַך, ווען מיר קומען דאָ שבת, וואָלטן מיר דאָן געזען, וואָס פאַר אַ זיידנס און צירונג עס באַשיינט די דאָזיקע געטאָ־פרינצעסינס!"

און דאָרט, וואו די קראָמען ציען זיך, שטייען די טאַטעס מיט שוואַרצע געקרייזלטע בערד אָדער די זיידעס ווי פון אַלטע בילדער אַראָפּגענומען אין בונטער קליידונג מיטן הדרת־פּנים פון נביאים...

קראַמען פון כינעזיש און דמשק'ער זיידנס, פון בשמים פון אַביסי־ניע, פון בראַזיליאַנער קאַווע, פון שיינע סאַפיאַן־אויסאַרבעטונגען; רייכע געשעפטן און קליינע אָרעמע לעבער פון אַ גראַשנדיקן ווערט. מיר קאָנען זיך נישט פאַרשטענדיקן, זעלטן ווער עס ענטפערט אַ העברייאיש וואָרט, מען פאַרשטייט נאָר שפּאַנאָליש און אַראַביש.

און אין איינציקע פון די 16 בתי־מדרשים, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, גייען מיר אויך אַריין. זיי זענען אַזוי ניט ענלאַך צו אונזערע מיט זייער אינערלאַכער אַרכיטעקטור, מיט די צענדליקער קיילעכדיקע גלעזערנע לאָמפּן, וואָס הענגען אַראָפּ פון סופיט און וועלכע עס זענען אויפגעשריבן די נעמען פון זייערע פאַרשטאָרבענע מנדבים, און די סידורים און מחזורים זענען אַנדערע...

דער הויפּט־רב פון שפּאַנישן מאַראָקאָ ר' יהודה חלפני, ווייסט שוין וועגן די אידישע געסט פון ווייטן פּוילן. דער בית־דין־שמש, אַ טיפּ פון ווייטן, ווייטן אַלטערטום, פירט אונז אין ביורא פון רב, וועלכע איז צו גלייכער צייט דאָס געריכטס־הויז פאַר די טעטואַנער אידן.

עס קומט אַריין דער רב: אַ שיינער מזרח־טיפּ מיט אַן אַסירישער באָרד. אַ שאָד נאָר, וואָס ער גייט געקליידט אייראָפּייאיש; אים וואָלט אַזוי געפּאַסט די ווייסע מיט גאָלד־געשטיקטע אַבאַיע פון רמב״ם צייטן.

אַ שילער פון דער פּאַריזער ראַבינער־שול, רעדט ער פליסיק פראַנ־צויזיש, אַ זייער שיינעם העברייאיש, דערצו נאָך, פאַרשטייט זיך, שפּאַניאָ־ליש און אַראַביש, אָן וועלכע מען קאָן דאָ נישט אויסקומען.

„די מאַטעריעלע לאַגע פון די אידן?" — „אָך גאַנץ גוט; אַביסל האָט געשטערט דער אויפשטאַנד, נאָר ס'גייט צום בעסערן".

און פּאָליטיש? — „ניין! מיר קאָנען זיך נישט באַקלאָגן אויף דער שפּאַנישער הער־שאַפט, זיי גיבן אונז די ברייטסטע אויטאָנאָמיע: אַ געריכט, צוואַנג־שטייער פאַר די קהילות; פולע קולטורעלע און רעליגיעזע פרייהייט"...

אַ הויפּט־רב — אַליין אַן אייניקל פון שפּאַנישע אנוסים — וואָס לויבט אַזוי שפּאַניע, און מסתם מיט רעכט — איז דאָס נישט איינע פון די קאַפּ־ריזן, וואָס די געשיכטע שפּילט מיט אידן?...

און אפשר איז דאָס קאָלאָניאַל־פּאָליטיק? „געוויס, געוויס" — טרייסט איך מיך...

„איז מען רעליגיעז אין מאַראָקאָ?" — „אָ, זייער! אָבער פאַרגרעבט איז מען אין אידישקייט; מען קאָן קוים דאַווענען, און תלמוד לערנען נאָר

אין קליינע ישובות אַן 18—20 יונגעלייט. און קיין אינטעליגענץ איז ניש־טאָ, אפילו קיין אידישן דאָקטאָר האָבן מיר נישט, און ער וואָלט דאָך גע־האַט פאַר זיך אַזאַ גלענצנדע קאַריערע".

„יאָ! און ציוניסטן זענען מיר אַלע; דעם מאַנדאַט אויפן 12־טן קאָנגרעס האָבן מיר געהאַט פאַרגעלייגט מאַקס נאָרדוין, ער איז אָבער דאָן נישט געפאָרן"...

ס'ווערט שוין טונקעלער; דער שבת רוקט זיך אָן און עס פאַלן נאָך די רעשט פראַגן פון ברידער צו ברידער.

און שפּעטער גייען מיר ווידער איבער די גאַסן פון געטאָ, באַגלייט פון אינגלאַך אַראַביש־געקליידטע אידן און שעמעוודיקע בליקן פון די צניעות'דיקע מאַראָקאָ־טעכטער...

פאַרביק און יום־טוב'דיק באַצירטע מאַראָקאַנער זיצן אין די טיי־הייזער, טרינקען גרינעם פעפער און קוקן טרוימעריש אויף די הויכע שטע־כעדיקע בערג צום מדבר צו. „דאָרטן, הינטער די בערג, אין די זאַמדן פון מדבר, וואוינען די אַדלערס פרייע קאַבילן און ריפענער, דאָרט וועט אויפ־גיין די מחמד'אַנישע זון", — אַזוי זאָגט דער אַראַבישער פירער מיטן פּנים פון אַ שייך...

איך קוק אויף די דאָזיקע מאַראָקאַנער, אָפּגעברענטע, שטאַרקע, שלאַנ־קע, געהיימנוספולע און בין נישט זיכער מיט די פּאָר שפּאַנישע קריגס־שיפן, וואָס שטייען אין סעוטאָ...

אָבער אין די אויערן קלינגען ווי אַ ברכה די לעצטע ווערטער פון מאַראָקאַנער רב: „ברידער, פאָרט געזונט און גריסט אונזער פאָלק אין פּוילן".

ח. שאָשקעס

די אידן אין אַלזשיר

אַן אמת פּאַטערלאַנד האָבן דאָ, אין אַלזשיר, געפונען די כמעט הונ־דערט טויזנט אידן, וואָס באַוואוינען דאָס לאַנד, פון וועלכער דער גרעסטער טייל זענען אור־אייניקלאַך פון די „גולי־ספרד".

פאַרשיידענע צייטן — מערסטנס שלעכטע — האָבן זיי איבערגעלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די אַלזשירער מחמד'אַנישע מלכים, ביז עס איז געקומען פראַנקרייך און גענומען זיי אונטער איר שוץ, פאַרלייכטערט זיי

די בירגערשאַפט און פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרקן פאַרפאַסטן פון דער פראַנצויזישע קולטור. אידן פאַרנעמען דאָ הויכע מלוכה־שטעלעס, פאַרמאָגן גרויסע געשעפטן און האָבן זיך אַמפּריסטן אייראָפּייאַיזירט.

אין אַלזשיר איז שוין נישט בנמצא דער איד אין זיין מזרח־טראַכט, ווי מיר האָבן אים שפּעטער געטראָפן אין מאַראָקאָ. — דאָ איז אים שווער אונטערצושיידן פון דער אַרומיקער אייראָפּייאישער באַפעלקערונג, מער נישט, אונזער אינערלאַכער אידישער אינסטינקט האָט אונז דיקטירט, און שטענדיק כמעט אָן אַ טעות, צו דערקאָנען אין די פלינקע, שוואַרץ־אויגיקע, אַזוי העפלאַכע דורכגייער און סוחרים — אונזערע ברידער.

מיר גייען אַריין אין אַ גרויס געשעפט, וואָס רופט זיך „פּאַריזער אויסשטעלונג". אַ רייכער אויסוואַל פון טייערע בראָנזן, פול מיט פּערל־מוטער באַצירטע מאַדייערער מעבל, אינדישע לאָמפּן און פּערסישע טעפּיכער, — מיר זענען נאָר צוויי אידן אין אַ גרויסער פאַרשיידן־פעלקערישער געזעלשאַפט, — אָבער מיר קוקן אויף דעם יונגן באַלעבאָס, וועלכער, צוזאַמען מיט זיינע געהילפן, פאַרנעמט זיך מיט די קונים, און מיר פרעגן: „יהודי?" — געטראָפן! דער מענטש ווערט אַן אַנדערער; ער פאַרנעמט זיך מיט אונז ספּעציעל, ווייסט, אַז מיר וועלן גאָרנישט קויפן, אָבער לאָזט אונז נישט אָפּ; באַקאָנט אונז מיט זיין יונגער, אכצן־יאָריקער פרוי, אַ שיינהייט פון דמשק; פרעגט, אפשר ווייסן מיר עפּעס נייעס פון ארץ־ישראל; דערציילט, אַז דאָ נישט לאַנג האָט מען דאָ געקליבן פאַרן „קרן היסוד"...

דאָס זעלבע באַגעגענען מיר אין די געשעפטן פון האַנדלס־קוואַרטאַל, וואו יעדער צווייטער אינהאַבער איז אַ ספרד'ישער איד.

מיר באַזוכן די אַלטע שול, וואָס איז געבויט ווי אַ מוסולמאַנישער מעטשעט. מיטן שמש מוזן מיר רעדן פראַנצויזיש, ווייל העברייאיש קאָן ער נישט אַ וואָרט. ער ווייזט אונז אַלטע ספרי־תורות, וועלכע די שפּאַנישע אַרויסגעטריבענע אידן האָבן זיך אין גלות געבראַכט. דאָס אָנזען פון אַזאַ ספר גיט אַ ברי ווי אָנגעגליט אייזן; זי לעבט אויף בילדער פון דער בלוטיקער אַנדאַלוזיע; ווען טויזנטער, טויזנטער זענען פאַר איר אין פייער געשפּרונגען מיטן „שמע ישראל" אויף די ליפּן... ווי ווייניק געדענקען וועגן דעם די קינדער פון די שפּאַנישע אידן, וואָס וואוינען דאָ; נו, און אונזערע קינדער? ווייסן זיי היינט אַ סך וועגן די מיט בלוט פאַרשמירטע בלעטער פון דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט?

און אַ וויזיט מאַכן מיר אויפן רייכן ביתעולם פון אַלזשיר, מיט

מאַרמאָר־פּליטן באַפּוצט, פון טייערע סקולפּטור־אַרבעטן באַצירט. אויבן, אויפן באַרג, אויפן בכבוד'יקסטן אָרט, רוען אויף אַ מאַרמאָרנער טעראַסע, די ביינער פון די גרויסע גאונים און חכמים, וועלכע האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק באַלויכטן די גאַנצע מזרח־וועלט מיט תורה און פילאָזאָפיע. זייערע ביינער זענען דאָ איבערגעטראָגן געוואָרן פון פאַרשיידענע „בית־החיים'ס", וועלכע זענען מיט דער צייט פאַרבויט געוואָרן, און איצט אין ברענענדן זונען־שיין לעזט מען אַראָפּ פון די שמאָלע טירלאַך, וואו יעדנס ביינער רוען, די נעמען פון די גדולים און פון זייערע ווערק.

מיר טרעפן דאָ אויך אַ רירנדן דענקמאָל פאַר די טויזנטער אַלזשירער אידן, וועלכע זענען געפאַלן אין די רייען פון פראַנצויזישן מיליטער, און אַ טראַגישן קבר פון אַ פאָטער אַ פאַלקאָווניק, און דריי יונגע זין, וועלכע, ווי עס לויטעט די אויפשריפט, זענען גע'הרג'עט געוואָרן „פאַר פראַנקרייכס רום און נצחון".

ח. שאָשקעס

אידן אין אויסטראַליע

אַלס איך בין אין סידני אַרומגעגאַנגען אַ וואָך דריי ווי אַפרעמ־דער צווישן פרעמדע. אין די ערשטע פאָר טעג האָב איך אויפגעזוכט צוויי ענגלישע אידן, אַנגעזעענע לייט אין סידני. צו זיי האָט מען פון ניי־זעלאַנד געשריבן וועגן מיין רייזע קיין אויסטראַליע. דער ערשטער, אַ באַנקיר און גרויסער ציוניסט האָט מיך אויפגענומען העפלאַך, כמעט מיט פריינטלאַכ־קייט און נאָך אַ קורצן ניט וויכטיקן שמועס, ביים געזעגענען זיך, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— אויב איר וועט דאָ פאַרברענגען לענגער, וועל איך אָנזאָגן דעם שמש אין שול, ער זאָל אייך איבערגעבן מיין שטאָט אין שול, ווען איר וועט קומען אַהין דאַוונען.

— דער צווייטער, אַן אָנגעזעענער יוריסט, ער האָט מיך אויפגענומען נישט מיט ווינציקער העפלאַכקייט ווי דער ערשטער. ביי אים האָב איך געקראָגן אַ פאָר ידיעות וועגן די אידן אין אויסטראַליע און ביים געזעגענען זיך האָט ער מיך געבעטן נאָך וואַרטן אביסל, ווייל ער וויל מיר עפּעס געבן. ער האָט אויפגעזוכט אַן אַלטן פאַרשטויבטן יאָר־בוך, אַ פאָר פונט שווער, וואָס די אויסטראַליער רעגירונג גיט אַרויס. אַ דיקער בוך מיט אַלע ידיעות

פון אויסטראַליעס באַלעבאַטישקייט: שעפּסן, רינדער, אייזנבאַנען, לוחות, קאַרטעס, שטויב, ציפערן, און נישט געפונען פאַר נייטיק אפילו דעם שטויב אַראָפּצונעמען, האָט ער מיט דערלאַנגט דאָס בוך און צוגעגעבן:

— ער איז פון פאַר דריי יאָרן, אָבער פאַר אייך איז דאָך קיין חילוק נישט. איך האָף, אַז ער וועט אייך צונוצקומען.

ווענן אידן האָב איך אין יאָר־בוך נישט געפונען. אָבער איך האָב דאָך גוט געוואוסט, אַז אין סידני געפינען זיך אַריבער אַכט טויזנט אידן. און אַ סך פון אונזערע זענען דאָ פאַראַן. כמעט גאַרנישט שפּירנדיק ווי אַזוי בין איך אַמאָל, שוין אויף דער פּערטער וואָך, אַריין אין אַ קליידער־געשעפט. אידישע פּנים׳ער. מאַן, ווייב, אַ פּאָר אַרויסהעלפער, אַ פּאָר קריסטלאַכע קונים.

— דאַכט מיר, אַז איר זענט אידן, — הייב איך אָן.

— יאָ, מיר זענען אידן, — ענטפערט ער מיר אויף ענגליש.

אַ געזונטער איד אין די מיטעלע יאָרן. נאָר אַז ער האָט עס אַרויסגע־רעדט, איז ער אַזש בלאַס געוואָרן און נישט באַקוועם האָט ער זיך דער־שפּירט פאַר די פּאָר קריסטלאַכע לייט.

— וואוינט איר שוין לאַנג אין אויסטראַליע? — בין איך ווידער צו אים צוגעשטאַנען.

— נעם אים אַריין אין אַנדערן חדר, — האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי.

זי האָט מיך פאַרבעטן אין הינטערגרונט פון געשעפט, וואו עס איז אָנגעוואָרפן פּעק מיט אַלטע בגדים, און אַ לייכטע אויפרעגונג האָט גע־שפּילט אין איר פּנים זי האָט זיך נישט געשעמט אַרויסצעווייזן איר שמחה, וואָס אַ איד אַן אומבאַקאַנטער איז צו איר אַריין אין געשעפט. און נאָך דעם ווי איך האָב איר דערציילט, אַז איך בין אַ פרעמדער און אַז איך וואָלט זייער געוואָלט דאָ באַגעגענען אונזערע אידן, האָט זי דעם וואָרט אונזערע פאַרשטאַנען אויף איר אייגנעם אופן:

— איר ווילט זען אידן מיט בערד מסתמא, איין איד איז דאָ פאַראַן ביי אונז, מען קאָן אים ברענגען אַהער. ער וואוינט נישט ווייט פון דאַנען.

— ניין, — זאָג איך, — אַלע אידן זענען רעכט. נישט דווקא מיט בערד.

דערווייל איז דער מאַן אויך אַריינגעקומען, צוגעמאַכט די טיר הינ־טער זיך און מיר געגעבן שלום. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך נייטיק מיך חלילה אין גאָרנישט, נאָר פּשוט, איך וויל זיך זען מיט

אידן. עס איז אים געווען די גאַנצע מעשה אַ גרויסער חידוש. ער וואוינט שוין דאָ יאָרן און ער קאָן אויסקומען אָן אידן אויך. און אַזוי, פאַרשטייט זיך, איז דער צווייטער און דער דריטער און דער פערטער. פונדעסטוועגן האָט ער דאָך פאַר מיר געקראָגן דעם שליסל צום אידישן ווינקל אין סידני, וואָס מיר איז נייטיק געווען. ער האָט דורכן טעלעפאָן אָפּגערופן אַ פּאָר מענטשן און איינער, אַ יונגערמאַן איז טאַקע באַלד אריבערגעקומען צו אים אין געשעפט אריין. דאָס איז געווען איינער, וואָס איז קיין סידני גע־קומען פון דרום־אַפריקע. דאָרטן אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. און דעריבער איז ער שוין געווען אונזערער אַ איד. באַקאַנט מיט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין אידישן לעבן אויף גאָר דער וועלט. ווייסט אונזער לי־טעראַטור. אַ דאַנק אים און נאָך אַ פּאָר פון זיין קלאַס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פאָרטראַג, וואו איך האָב געדאַרפט רעדן וועגן אידן אויף דער וועלט. אין אַ גרויסן, פינסטערלאַכן זאַל האָבן זיך צונויפגעקומען ביי אַ הונדערט און פופציק נפשות און דער פּאָרזיצנדער איז געווען דער סידנער רב. אַ מענטש שוין אין די עלטערע יאָרן. אַ געלערנטער מענטש. אַ סך ידיעות אין מוזיק און וועלטלאַכער ליטעראַטור. פאָרגעשטעלט האָט ער מיך, ווי דער שטייגער איז, אין ענגליש און אַזוי געזאָגט:

— דאָ שטעל איך אייך פאָר אַ זשאַרגאָנישן שריפטשטעלער. צו מיין באַדויערן האָט זיך די זשאַרגאָנישע שפּראַך אַנטוויקלט אַ דאַנק אירע שריי־בער. איין גרויסער דור פון זייער וויכטיקע שרייבער איז אין די לעצטע עטלאַכע יאָר אויסגעשטאָרבן. יצחק לייבוש פּרץ איז געווען דער לעצטער פון זיי. דער רעדנער, וועמען איך שטעל אייך פאָר, געהערט צו אַ אינגערן דור, אויך זייער אַ גרויסער דור, אפשר דער בליענדיקסטער. נאָר איך בין זיכער, אַז דער דור וועט אויך אָפּשטאַרבן און שוין אויף אייביק, ווייל קיין זשאַרגאָנישע ליטעראַטור און שפּראַך באַדאַרפן מיר נישט. אידן האָבן איין שפּראַך, דאָס איז די הייליקע צום דאַוונען און גאָט בעטן און מער נישט. ווייטער דינט פאַר זיי די מדינה שפּראַך, אין יעדער מדינה, וואו זיי געפינען זיך. דאָ האָבן מיר ענגליש אונזער מדינה שפּראַך.

אין דער אייגענער שטאָט איז צו מיר געקומען אַ יונגערמאַן מיט זיין פרוי און צוויי קינדערלאַך, איינס ביים האַנט און איינס אויפן האַנט. ער, אַ רוסישער איד, אַ ראַדיקאַל, וואָס האָט לשם מענטשלאַכקייט חתונה' גע־האָט מיט אַ בלאָנדער שאַטלענדער פון טאַסמאַניע. און איצטער —

— וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן, — באַקלאָגט ער זיך פאַר מיר, — זי וויל זיך דוקא מגייר זיין, האָט שוין אָנגעהויבן צו בענטשן

ליבט און מאכן שבת. טענה איך צו איר: נו, גוט, ביסט דאָך שוין א אידיש קינד. וויל זי דוקא, אז דער רב זאָל זי מגייר זיין. און איך האָב פיינט א רב.

זי האָט זיך פאַרדרויטלט, אָבער נישט פאַרשעמט און פריי גערעדט וועגן אירע אידישע געפילן און געבעטן, איך זאָל אויף אים ווירקן, אז ער זאָל זי אַריינברענגען צום אידישן גלויבן.

— די קינדער וועלן שוין זיין אמת'ע אידן, — האָט זי מיט לײדנשאַפט געקושט די קינדער.

אָבער גאָר אנדערש איז מיר אויסגעקומען צו לעבן די עטלאַכע וואָכן אין מעלבאָרן, וואו עס געפינען זיך ביי א זעקס טויזנט אידן. היימיש, צווי־שען היימישע האָב איך געלעבט אין מעלבאָרן. דער ווינט האָט אהין פאַר־טראָגן א גרופע יונגעליט פון ליטע און פוילן, א טייל דירעקט פון רוסלאנד, אַנדערע דורך פאַלעסטינע, און אין דער ווייטער וועלט האָבן זיי באַשאַפן א אידישן ווינקל. גלייך פון באַן האָט מען מיך פאַרפירט אין א ביבליאָטעק און גרויסן לעזע־זאָל. ביכער מאָדערנע. אידיש. העברייאיש. אידישע צייַ־טונגען פון אַלע עקן וועלט. די שפּראַך איז א לעבעדיקע. פראַגן לעבעדיקע, היינטיקע. מיט אַלע נערוון פאַרבונדן מיטן אידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט. איך האָב אין דער איינגענער צייט געפונען ביי זיי א ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צום לאַנד. דאָס באַוויזט אויף א געזונטן שטריך אין זייער לעבן. ווייל כאָטש נישט רייך לעבן זיי אין אויסטראַליע, אָבער פריי און פון קיינעם נישט געשטערט לעבן זיי אין אויסטראַליע. פאַראַן נאָך א סך שול־אידן און כמעט לײדיקע שולן. זייער לעבן אין לאַנד איז ווי אין אַלע לענדער, וואו ענגליש איז די מדינה שפּראַך. נישט בעסער ווי אין אַמעריקע און נישט ערגער ווי אין ענגלאַנד. מען איז זיך משער, אז אין גאַנץ אויסט־ראַליע געפינען זיך ביי א צוואַנציק טויזנט אידן. איך האָב דאָ באַגעגנט א גרויסע צאָל אידן, וואָס זענען אהער געקומען דורך פאַלעסטינע און פון פאַלעסטינע. אין פּערט, מערב אויסטראַליע, געפינען זיך א פּאָר הונדערט משפחות, דער גרעסטער טייל פון ארום פאַלעסטינע. מען רעדט דאָרט העב־רייאיש. אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן. צום באַדויערן איז געווען עפּעס א טעות אין דער קאָרעספּאָנדענץ, שלעכט זיך צונויפגערעדט פון ווייטן. איך האָב אויף זיי געוואַרט אין פּערטער האַפן און זיי האָבן אויף מיר גע־וואַרט אין שטאָט. נישט באַשערט געווען צו טרעפן זיך מיט זיי.

פרץ הירשביין

אין וועלינגטאָן

אין שטאָט איז געווען ווינטיק. און וועלינגטאָן האָט אַ שם פאַר אַ ווינטיקער שטאָט. די שטאָט איז ניי. מאָדערן. פאַרמאָגט ביי אַ זיבעציק טויזנט איינוואוינער. אָבער נאָך איידער איך האָב באַטראַכט די פיר ווענט פון מיין צימער, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט אַ פאַרלאַנג צו זען אידן.

איך האָב גענומען דעם טעלעפאָן־בוך און אָנגעהויבן נאָכן אלף־בית זוכן אידישע נעמען. זיי האָבן זיך אויף יעדן זייט באַוויזן. דאָס אידישע פאָלק. אַן אָט איז אַ האָלענדישער נאָמען, אָבער מיט צוגאָב רעוורענט.

— אפשר איז דאָס אַ אידישער רב? — און איך האָב אָנגעקלונגען.

אַן ענערגישע יונגנטלאַכע שטימע האָט זיך אָפּגערופן און געפרעגט — ווער רופט?

— אַנטשולדיקט, זענט איר דער אידישער רב?

—יאָ, איך בין דער וועלינגטאָנער אידישער רב. און ווער זענט איר?

— אַ אידישער שרייבער פון אַמעריקע. ערשט איצטער אָנגעקומען און איך גאַר צו זען אַ אידן.

— גוט. אָט באַלד וועל איך אַריבערקומען.

ביי מיר איז געווען קלאָר, אַז דאָס רעדט צו מיר אַ יונגערמאַן. ווייל ענערגיש האָט געקלונגען זיין שטימע און דערצו די גרייטקייט זיינע באַלד אַריבערצוקומען. איך בין אָבער נתפעל געוואָרן אין אַ האַלבע שעה אַרום, ווען צו מיר איז אַריינגעקומען אַ גרייז־גרויער מאַן, אַריבער זיבעציק יאָר אַלט. זויבער, אין אַ סורדוט און צילינדער. ער האָט גיכער אויסגעזען ווי אַן אַלטער גר איידער אַ אידישער רב.

דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ וואַרעם פון זיין צד. מיט אַ ברוך־הבא און נאָך אַ פּאָר העברייאישע פראַזן.

אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן צו פרעגן וועגן אידן אין ניי־זעלאַנד: זייער צאָל, זייער לעבן, זייער אָרט אין דער געזעלשאַפט — איז ער מיטאמאָל שטיל געוואָרן, שאַרף מיך אָנגעקוקט און אַביסל שטרענג געפרעגט:

— פאַרוואָס פרעגט איר זיך אַזוי פיל נאָך אויף די אחינו בני ישראל?

— פשוט מיך אינטערעסירט די לאַגע פון אידן אין ווייטע לענדער. בין איך דאָך אַליין אַ איד. איך וויל וויסן וויפיל אידן געפינען זיך אין ניי־זעלאַנד.

— מען טאָר פון זייער צאָל אַזוי הויך ניט רעדן.

— עס קאָן חלילה זיי טרעפן אַן עין־הרע?

— אונזערע שכנים באדארפן אונזער צאָל נישט וויסן. ביי אונז אין וועלינגטאָן פארמאָגן מיר שוין אפשר זיבן הונדערט נפשות און די שכנים אונזערע ווייסן מער נישט פון א צוויי,דריי הונדערט.

— ? ? ?

— יאָ, זיי ווייסן נישט דעם צאָל, וואָרום נישט, וואָלט געווען שלעכט.

— די ניי־זעלאנדער זענען דאָך א ליבעראל פאָלק, וואס הייסט מען טאָר נישט רעדן הויך וויפיל אידן זיינען דאָ פאראן?

— יונגערמאַן, — מאכט ער צו מיר, — אז איך זאָג ווייס איך וואס איך זאָג. און דער עיקר טאָרן זיי נישט וויסן דעם צאָל פון די רוסישע אידן. זייער צאָל איז גרעסער פון אונזערן און זינט זיי זענען אהער אַרי־בערגעקומען — איז נישט. איך בין שוין דאָ אריבער פינף און דרייסיק יאָר. איך האָב די ערשטע צען אידן צונויפגענומען. אלץ איז געגאנגען כשורה ביז די רוסישע אידן זענען אָנגעקומען און אריינגעבראכט מחלוקת, קריטיק — זיי טויגן נישט.

— איך וואָלט וועלן, רבי, איר זאָלט מיך באקענען מיט די רוסישע אידן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט, אין זיין פנים האָט זיך באוויזן אזא פאר־באָרגענער כעס און אומצופרידנקייט איך האָב דערשפּירט, אז ער האָט חרטה וואס ער האָט זיך אזוי דערנידעריקט און געקומען צו מיר. ער האָט מיר אויף דער ביטע נישט געענטפערט האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט ענערגיש, געקוקט צום טיר, ווי ער וואָלט וועלן ארויסגיין און מיטמאָל זיך געווענדט צו מיר:

— מיר האָבן דאָ א שיינעם מוזעאום, אויב איר ווילט קאָן איך אייך פירן אהין.

מיר איז געוואָרן אומבאקוועם. פונדעסטוועגן האָב איך מסכים געווען. און עס איז דאָך געווען זייער נאריש, אז אָנשטאָט זיך צו באקענען מיט לעבעדיקע אידן האָט ער מיך פארפירט אין דעם אָרטיקן מוזייאום. מ׳שטיינס געזאָגט. עטלאכע קליינע צימערן, וואו פארשטויבטע און צעפלאצטע זענען געשטאַנען אויסגעשטאָפטע חיות אלערליי, פייגל אויסגעשטאָפּטע, פאר־גליווערטע אין אלערליי פאָזעס אויך געקינצלטע צווייגעלאך און נאך אזוינע זאַכן, וואס זענען מיר אין דער רגע גאָר אין קאָפּ אריין נישט געקראָכן. ארויסקומענדיק פון דאָרטן אין פארק אריין האָב איך מיך דערקוויקט דער־זעענדיק עטלאכע מימאָזן — ביימער באשאָטן מיט גינגאָלדענע פוך־קעפלאך. איך האָב געשוויגן. ער האָט געשוויגן. נישט געווען מער פון

וואָס צו רעדן. שטיל זענען מיר ביידע געגאַנגען דורך די גאַסן. אַ שווערע אָנגעצויגענע שטימונג האָט זיך אַריינגעקליבן צווישן אונז ביידן, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ קליידער־געשעפט.

— דאָ וועל איך אייך באַקאַנט מאַכן מיט אייערע אידן, און אויב איר פאַרט מאָרגן אַוועק, טאָ פאַרט געזונטערהייט.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין געשעפט. פאָרגעשטעלט צום רוסישן אידן, און איז אַוועק מיט אַ שטאָלצער מינע.

אָבער דער רוסישער איד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ גאַנץ איידעלן פּנים, האָט אויף אידיש אָנגעהויבן אויספרעגן ווער איך בין, און גע־פינענדיק אַז איך בין מיט אים פון איין גובערניע, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, און זיין גרויסער זון, שוין אַ יונגערמאַן אין ניי־זעלאַנד אַ געבוירענער, דערזעענדיק ווי זיין טאַטע וויינט, האָט ער אויך אָנגעהויבן ווישן די טרערן קוקנדיק אויף מיר.

דער איד האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך אַביסל פאַרשעמט פאַר זיינע איינענע טרערן, אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך צערודערט:

—אוי וויי, אוי וויי, איך באַדאַרף דאָך באַלד מודיע זיין, אַז איר זענט געקומען. אוי וויי, אַ אידישער שרייבער. זענען עס טאַקע פאַראַן אידישע שרייבער? שוין אַריבער דרייסיק יאָר דאָ. אינגלוויז אַוועק פון דער היים קיין לאָנדאָן. אַהער געקומען. מיין זון איז שוין דאָ געבוירן געוואָרן. זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט. איר פאָרט דאָך אַוועק אַזוי גיך. אפשר וועט איר ביי אונז עפּעס „זאָגן". מיר האָבן דאָך קיין עין הרע אַן עדה אידן. אָט באַלד וועל איך אָפּרופן.

און ער האָט דורכן טעלעפאָן אָנגעהויבן אָפּרופן איין אידן נאָכן אַנדערן. איינציקווייז האָבן זיי זיך באַוויזן אין זיין געשעפט און פאַרוואונ־דערט געקוקט אויף מיר. קונים, וואָס זענען אין געשעפט אַריינגעקומען, אפילו קריסטן, איז אָנשטאָט פאַרקויפן זיי סחורה, האָט מען מיך גאָר פאָרגעשטעלט. אָנשטאָט בסודי סודות, האָבן זיי אין דער הויך גענומען רעדן פון זייערע אידן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז נישט זיבן הונדערט נפשות פאַרמאָגט וועלינגטאָן, נאָר אַ סך, אַ סך טויזנטער.

דאָך געווען אַ גרויסער חידוש, וואָס אויף מיין פאָרטראָג אין וועלינג־טאָן, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָבן זיך צונויפגענומען אַריבער דריי הונ־דערט נפשות: טאַטעס, מאַמעס, זין, טעכטער, זיידעס, באָבעס און איי־ניקלאַך. מיט אַזאַ נייגעריקייט זענען זיי געזעסן און געוואַרט אויף דעם רעדנער.

און אז דער פּרעזיצנדער, פאַרשטענדיק מיך, האָט זיך אַנטשולדיקט וואָס דער רעדנער וועט מוזן רעדן צו זיי אין אידיש, — האָט אים איבער־געשלאָגן אַ גרויסע פרייד, וואָס האָט זיך ביי אַלעמען פון האַרצן אַרויס־געריסן:

— אוי אידיש! אוי אידיש!

איך האָב לאַנג גערעדט. דערציילט פון אידן אויף דער וועלט. פון אונזער לעבן, אין אַמעריקע, אין אַנדערע לענדער אויף וויפיל מיר איז גע־ווען באַקאַנט. דערציילט פון אונזער ליטעראַטור און שריפטשטעלער. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם איז דער עולם געזעסן און זיך צוגעהערט. מיין באַלוינונג איז געווען, אַז נאָך מיין פאָרטראַג זענען צו מיר צוגעקומען יונגע קינדער און אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף האָט זיך צו מיר געווענדט מיט אַ שטאַמלדיקן אידיש:

— מיר דאַנקען דיר וואָס דו האָסט גערעדט צו אונז אויף אידיש, און אונז דערציילט, אַז די שפּראַך פון מיין טאַטע־מאַמע איז אויף דער גאַנצער וועלט פאַראַן.

איך האָב צווישן די וועלינגטאָנער אידן פאַרבראַכט נאָך עטלאַכע טעג. דער רב האָט מיך שפּעטער נאָך אַמאָל אויפגעזוכט און פאַרנומען צו זיך אין שטוב אַריין אויף אַן אָוונט. אין זיין אייגענעם קרייז, צווישן זיינע דערוואַקסענע קינדער, זין און טעכטער, האָט ווידער דער רוסישער איד אין מיר געליטן. ער האָט זיך באַקלאָגט: נישטאָ ביי זיי קיין דרך ארץ.

— ער איז שוין ביי אונז אַריבער פינף און דרייסיק יאָר. ער האָט מער חן אין די אויגן פון גוים ווי ביי אידן. און אפשר האָט ער די גוים ליבער פון די רוסישע אידן.

אַזוי האָט מען פאַר מיר זיך באַקלאָגט צווישן די רוסישע אידן.

און פונדעסטוועגן האָט זיך די גרייז־גרויע געשטאַלט פון וועלינגטאָ־נער רב שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון. שפּעט ביינאַכט בין איך דע־מאָלט אַרויס פון זיין שטוב. געווען אַ קאַלטע נאַכט. אַ שווערע אויסגע־שטערנטע נאַכט. ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט פון שטוב. האָט אויסגע־שטרעקט זיין בלאַסע האַנט צום הימל און באַמערקט:

— זעט ס׳אַרא גרויסע שטערן דער ניי־זעלאַנדער הימל פאַרמאָגט.

און יעדעס מאָל ווען איך בין שפּעטער אַליין אומגעגאַנגען אין די קי־לע, אויסגעשטערנטע נעכט פון ניי־זעלאַנד איז אויף מיין געדאַנק אויפ־געקומען די בלאַסע האַנט, וואָס האָט מיר איינמאָל צו די שטערן אָנגעוויזן.

פּרץ הירשביין

אין דמשק

ווען מען גייט אריין אין די ריין־מוסולמענישע קווארטאלן פון דמשק, ווען מען גייט דורך די לאנגע, לאנגע „באזארן", וועלכע זענען פשוט פאר־שאטן מיט קערב פון פארשיידענע פירות: ווינטרויבן, מארעלן, עפל, בארנעס, באנאנען, ציטרינען, פייגן גרינע, הייבט מען זיך אן נאכפרעגן, וואו איז דער אידישער קווארטאל.

אויב איר האט גליק און מען פארשטייט אייך, ווייזט מען אן מיט א שמוציקן פינגער פארויס און מען גיט צו שרייענדיק: „האבאד אל יאהוד", דארט, הייסט דאס, איז דאס אידישע פערטל.

גייט איר ווייטער און זענט שוין אין די גאסן, וואו ס'דארף זיין דאס אידישע פערטל און איר זעט נאך „באזארן" מיט פירות פארשאטן און מיט פארשיידענע בשמים, און איר זעט נאך אלץ מענטשן אין רויטע פעס־קעס און לאנגע ווייסע „אבאיעס", וועלכע שרייען אראביש.

פרעגט איר ביי אזא איינעם: „האבאד אל יאהוד?" ענטפערט ער אייך מיט אלע חושים, אז יא, איר זענט דאך אין אידישן קווארטאל! קוקט איר זיך ארום פארוואונדערט אויפן טומלדיקן המון „אראבער" אין זייער מזרח־טראכט, אויף די אייזלען און קעמלען, וועלכע ווערן אנגע־טריבן פון אזעלכע „אראבער", און איר פרעגט נישט דרייסט: „היהודי אתה?" (ביסטו א איד?), ענטפערט דער „אראבער" מיט שמחה: „כן, כן, יהודי! ואתה?" (יא, יא, א איד! און דו?).

וואס ווייטער איז, פארשטייט איר שוין אליין; ס'ווייזט זיך ארויס, אז שוין 15 מינוט שפאצירן מיר אין אידישע גאסן, באקוקן די טיפן, הערן דעם טומל, און אז דאס אלץ זענען אידן, פון וועלכע כמעט יעדער פארשטייט ניש'קשה'דיק העברעאיש און זי איז טאקע די איינציקע שפראך, אויף וועלכער מיר קאנען זיך דאן צונויפרעדן.

פרעגט מען זיך ביי זיי אויף א רב, אויף א שול, ווערט א צונויפגע־לויף פון אלטע און יונגע, יעדער וויל פריער פירן, פריער ווייזן, יעדער שטעקט „שלום" און עפעס אלע זענען אזוי גערירט, וואס די דאזיקע פאר אייראפייער האבן זיך ארויסגעוויזן פאר אייגענע, פאר ברידער. און אויך מיר האבן דאס זעלבע געפיל, ווי ס'וואלט פלוצלונג פארשוואונדן געווארן דער אונטערשייד פון די טויזנטער יארן, וואס טיילט אונז אפ אויף אונזערע באזונדערע גלות־וועגן, ווען דער שיקזאל האט געיאגט די

צעבראָכענע טיילן פון אידישן מלוכה־שיף אויף אַנדערע ימים, אָבער דורך דער אייגענער לייטערונג פון יסורים און אינקוויזיציעס...

א קליין אינגעלע, א שילער פון דער „אליאַנס"־שולע, פירט אונז צום שול־דירעקטאָר, „וועלכער איז אזא געבילדעטער און קלוגער און וועט שוין ווייסן, ווי אזוי אונז געבן די נויטיקע דערקלערונגען".

איך דערמאָן זיך די מאמרי חז"ל וועגן די פראַגעס, וואָס די גריכן פלעגן שטעלן, וועלנדיק ווייסן, צי אידן זענען א קלוג פאָלק; זיי האָבן זיי געפרעגט די ערשטע בעסטע באַגעגנטע קינדער פון ירושלים און לויט זייערע גלענצנדע תשובות האָט מען געמאַכט די אויספירונגען.

איך טו זיי נאָך און צערעד זיך מיטן אינגעלע, דער צוועלף־יאָריקער שילער פון „אליאַנס", וועלכער באַזוכט א קלאַס, וואָס איז ענלאך צום פערטן קלאַס פון אונזערער א פאָלקס־שולע, — רעדט פריי העברייאיש, נאָך בעסער, פאַרשטייט זיך, פראַנצויזיש, וועלכע איז די שפּראַך פון די אַלגעמיינע לימודים.

אָבער אין שטוב רעדט מען עספּאַנאָליש, דאָס איז דאָך זיין מוטער־שפּראַך און אין גאַס רעדט מען דאָך אַראַביש, דאָס איז דאָך די פּאַרקערס־שפּראַך מיט די שכנים...

אָבער חוץ דעם איז דאָס א קלוג נפש'ל, וועלכער ווייסט טאַקע נישט גענוי, וואו פוילן איז, („דאַכט זיך, לויט דער מאַפּע, ערגעץ הינטער פראַנקרייך"...), אָבער דערפאַר ווייסט ער, וויפיל אידן ס'זענען פאַראַן אין דמשק, וויפיל אין ארץ־ישראל, ווער איז געווען דר. הערצל און ווער זענען די קלאַסיקער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

דער פאָטער — א גאָלדשמיד, רעדט גוט העברייאיש, די מוטער נישט, אָבער די שוועסטערלאך יאָ...

„אז ער וועט אַלט ווערן 15 יאָר, וועט ער באַזוכן ארץ־ישראל, ס'איז דאָך גאָרנישט אזוי וויט: 2 טאָג גאַנג איבערן לבנון. באַמערקט: דאָס אינגעלע פאָרט נישט אין ארץ־ישראל, נאָר גייט. ער דאַוונט יעדן טאָג, דער פאָטער אָבער נישט: „דאַוונט נאָר שבת, ווען דאָס געשעפט איז פאַרמאַכט, ווייל אינמיטן וואָך דאַרף מען דאָך אזוי פיל האָרעווען איבער דער פרנסה".

פירט מיך צו דאָס אינגעלע צו א שיינעם ווייסן בנין, פונוואַנען ס'טראָגט זיך דער אזוי באַקאַנטער פריילאַכער טומל פון דער טייערער „קינ־דער־כאַלאַסטרע", וועלכע איז שטענדיק אייגנאַרטיק און דאָך אַלגעמיין פאַר אַלעמען.

אין שיינעם הויף פון דער שולע „שפּילן זיך משהלאַך, שלמהלאַך“, נאָר נישט אין „קאַפּאָטקעלאַך“, נאָר אין שוואַרצע... קליידעלאַך, אַנדערע מיט היטעלאַך פון מזרח־שניט, אַנדערע מיט בלויזע קעפּעלאַך.

אייניקע הונדערט שוואַרץ־אויגיקע, בראָנז־הויטיקע לוסטיקע און לע־בעדיקע „אידעלאַך“...

מיר ווערן מיט פרייד אָנגענומען פון לערער־קאָלעגיום, אַלע פראַנ־צויזיש־קולטיווירטע מזרח־אידן, דער דירעקטאָר איז אפילו פון פּוילישער אָפּשטאַמונג, — ה' זילבערשטיין פון לעמבערג, — אָבער ער איז שוין געבוירן אין דמשק פון עלטערן, וואָס האָבן עמיגרירט פון גאַליציען.

„זעט איר די אינגעלאַך פון דער שולע, ווי אויך די מיידעלאַך און אינגלאַך פון די אַנדערע דריי דמשק'ער פּאָלקס־שולן, צוזאַמען 2000 קינ־דער; — עס וואַקסן פון זיי גוטע, טרייע אידן. מען נעמט זיי שוין אַרויס פון אַראַבער גלות־ים, פון דער קליידונגס־אַסימילאַציע און מען מאַכט זיי פאַר געזונט־דענקענדע מענטשן און אידן“.

דאָס הויז, וואו די שולע געפינט זיך, איז שוין אַלט אייניקע הונדערט יאָר און איז געבויט אין מוריטאַנישן סטיל פון מאָזאַיק אויף די ווענט, מיט אַ גאָרטן און פאָנטאַן, מיט קלאַסן אָן טירן, וועלכע גייען אַלע אַרויס אין אינערלאַכן צענטראַלן גאָרטן; דאָ איז דאָך קיינמאָל נישט קאַלט, — קאָן מען זיך דערלויבן אויך אַ שטענדיקע דורכלופטערונג.

ווען די לימודים הייבן זיך אָן, באַזוכן מיר אייניקע קלאַסן. הערן זיך צו צו די לעקציעס פון העברייאיש, אַראַביש א. ד. גל.

עס הערשט אַ גלענצנדע דיסציפּלין צווישן די קינדער, נישט ערגער, אויב נישט בעסער, ווי אין אונזערע שולן. מיר געזעגענען זיך מיט דער שולע און מיט די קינדער, וועלכע האָבן אונז — נאָך נעכטן ווייטע און פרעמדע — אויסגעוויזן איצט, ווי קרובים און אייגענע.

אכט טויזנט אידן וואוינען איצט אין דמשק, כמעט אַ העלפט, ווי פאַרן קריג. די שווערע באַדינגונגען פון מלחמה אין דאָזיקן געגנט, די אומ־מעגלאַכקייט צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט האָבן אַרויסגעטריבן די יונגנט אין אַלע וועלט־טיילן און מיט דעם פאַרקלענערט די אידישע באַפעל־קערונג.

אַ גרויסער טייל פון דמשק'ער אידן זענען באַשעפטיקט ביי דער קופער־און זילבער־ האַנט־אינדוסטריע, וועלכע איז אַ אידישע ספּעציאַליטעט און אין דער גאַנצער וועלט באַוואוסט אַלס די פיינסטע דמשק'ער אויסאַרבע־טונגען (טאַצן, לאַמפּן, שרייב־געצייג, זילבער־אַזשור־אַרבעט א. ד. גל.).

מער ווי העלפט אידן לעבן פון פעדלעריי איבער די צאָלרייכע אראַ־בישע דערפער, וואו זיי זענען באַקאַנט פאַר ביליקסטע פאַרמיטלער און ווערן דאָרט דעריבער גערן געזען. ארום 15 פּראָצענט זענען שניידער, שוסטער און אַנדערע בעלי־מלאכות, א 15 פּראָצענט גרויסע סוחרים און א 10 פּראָצענט ארבעטנדע אינטעליגענץ.

עקאָנאָמיש — נישט שלעכט: מען ארבעט שווער און א סך, אָבער אַלע פאַרדינען און מאַכן א לעבן.

די באַציאונגען מיט די שכנים: זייער גוטע מיט די מחמר'אנער, ער־גערע מיט די סירישע קריסטן, אָבער אויף דעם, אַזוי צו זאָגן, געזעלשאַפט־לעכן לייטער פאַרנעמען אידן די העכערע שטופן און מען אכטעט זיי.

א באַזונדער קאַפּיטל זענען די בלוט־בילבולים, וועלכע ציען זיך נאָך פון די צייטן, ווען משה מאָנטעפיאָרי האָט געמוזט פאַרן ראַטעווען די אי־דישע באַפעלקערונג פון אונטערגאַנג. יעדעס יאָר כמעט א נייער בלוט־בילבול, מייסטנטיילס מצד די קריסטן, — אָבער עס ענדיקט זיך שטענדיק מיט פאַר'משפּט'ן די בילבול־מאַכער; אין דער הינזיכט זענען די פראַנ־צויזן פולשטענדיק שטרענג און אין אָרדענונג.

אין אַלגעמיין זענען די אידן צוגעבונדן צום לאַנד, פילן זיך דאָ פריי און בילדן א רעליגיעז און נאַציאָנאַל געשלאָסענע איינהייט...

די אידישע פרוי ארבעט שווער, פאַרנעמט א נידעריקערן אָרט אין פאַ־מיליען־לעבן, ווי איבערהויפּט אין מזרח, און אונטערשיידט זיך פון דער אראַבישער פרוי מיטן נישט־באַדעקטן געזיכט און מיט די וואונדער־שיינע אויגן און ברעמען.

די אידישע טעכטער, צניעות'דיקע, בילד־שיינע מזרח־טיפּן, באַקומען מערסטנטיילס אַן אייראָפּייאישע בילדונג און שטייען מיט אייניקע יאָר־הונדערט פאָרויס, ווי זייערע אראַבישע נאָענטע שכנות, אָפּגעשלאָסענע אין שטוב, הארעם, און אונטער דעם שווארצן דעקטוך.

ח. שאַשקעס

אויפן אינזל ראָדאָס

דאָס מאָל האָט מיך אונזער שיף געטראָגן איבער די מזרח־טיילן פון דעם ים, דאָרט, וואו עס קעניגן די אינזלען ראָדאָס, ציפערן און קאָרפו, וועלכע זענען שטארק איינגעקריצט אין אונזער אידישער מארטירער־געשיכטע.

אייגנטלאך האָב איך, אלס איד, געדארפט מורא האָבן פאר ראָדאָס...

דאָס איז דאָך געווען די פעסטונג פון די מיטלאַלטערלאכע קרייץ־צוגן; דאָ האָבן זיי דריי הונדערט יאָר נאָכאנאנד געהערשט, געבויט זייערע פעסטונגען, וועלכע זענען נאָך גאַנץ און אומבארירלאך געבליבן ביז היינטיקן טאָג; דאָ האָט געבושעוועט דער ווילדסטער האַס צו דער אידישער און מוסולמאַנישער וועלט.

און אין יענער צייט איז טאַקע ארויס אַ געזעץ: „קיין פוס פון קיין אידן טאָר זיך נישט געפינען אויפן אינזל; אויב אפילו אַ שיף וועט זיך צעברעכן ביי די ברעגעס און אַ איד וועט וועלן צושווימען און ראַטעווען זיך, — זאָל מען אים גלייך צוריקווארפן אין וואַסער".

און דאָך האָט מען אונזער שיף, אויף וועלכער ס'האָט זיך געפונען אונטער פארשיידענע פּאַספּאָרטן אַ שפּאָר ביסל אידן — גאַנץ פריי אויפ־גענומען, — מיט מוזיק און דעלעגאַציעס. אַ שנור אויטאָמאָבילן און צוויי־פערדיקע קאַרעטעס האָבן אָפּגעוואַרט אַלע פּאַסאַזשירן, כדי צו ווייזן די גלענצנדע רעזולטאַטן פון דער איטאַליענישער הערשאַפט.

מען דארף דאָך געדענקען, אַז איטאַליען האָט דעם אינזל צוגעכאַפּט ביים פּאַר'חלומ'טן טערק אינגאַנצן אין 1912 יאָר, בעת ער האָט זיך גע־שלאָגן מיט די שכנים (און ווען האָט זיך דער טערק נישט געשלאָגן?), און דעריבער גייט איר אין לעבן אויספיינען זיך פאר דער וועלט און ווייזן, וואָס זי האָט מיטן צוגע'לקח'נטן ביינדל געמאַכט.

און אין דער אמת'ן האָט מען דאָ אריינגעלייגט אַ סך ארבעט און קולטור, און דעם היסטאָרישן אינזל מיט זיינע אוראַלטע מויערן און מאַ־לעריש־געקליידטע באַפעלקערונג פארוואַנדלט אין אַ באַמבאָניערקע, אויף וועלכע ס'קאָן זיך דערלויבן אַ לאַנד, וואָס פארמאָגט נאָר איין אינזל, ענג־לאַנד אָבער וואָלט ביי אַזאַ לוקסוס גאַנץ שנעל באַנקראָטירט.

איך לאָז איבער די אויטאָמאָבילן און די קאַרעטעס, וועלכע קרעמפּירן שטענדיק דעם פרייען רייזנדן, און לאָז זיך אריין אין די טיפעניש; פון שטאָט אין דער ריכטונג צום אידן־קוואַרטאַל.

יאָ! נישט קוקנדיק אויפן געבראַכטן שטרענגן געזעץ פון מיטלאַלטער, באַוואוינט דעם אינזל אַ בליענדע אידישע באַפעלקערונג פון אַ מאַן פיר טויזנט, וועלכע בילדעט אַ פינף פּראָצענט פון אַלע אָרטיקע איינוואוינער — גריכן, טערקן און אַביסל איטאַליענער — באַאמטע.

ס'איז שוין אָוונט און מיט גרויס שווערקייט אָריענטיר איך זיך אין די פאַרדרייטע שטיינערנע זעק, וועלכע טראָגן דאָ דעם נאָמען גאַסן, אויף אַ ווינקל לעבן אַ סקוועיר, שטייט אַ לעמאָנאַד־פאַרקויפער אין אַ טערקישן פעז און אַ בונטן כאַלאַט. צו אים ווענד איך זיך מיט דער פראַגע: „וואו וואוינט דער הויפּט־רב?" איך האָב די פראַגע געשטעלט אין אַ שלעכטן איטאַליעניש, אָבער דער „טערק" ענטפערט מיר גלייך אויף העברייאיש: „היהודי אתה? נלכה יחד אל רבינו" (אַ איד ביסטו? לאָמיר צוזאַמען גיין צו אונזער רב). ס'האָט זיך אים, ווייזט אויס, אויסגעדוכט אַז איך קווענקל זיך און וויל זיך נישט לאָזן ביינאַכט אויף אַ פרעמדן אינזל מיט אַ צופעליקן „טערק", מעג ער אפילו רעדן העברייאיש. — עפנט ער שנעל אויף דעם כאַלאַט און ווייזט מיר אַ טלית־קטן מיט ציצית פון העלע פאַסן. דאָס האָט מיך איבערצייגט און איך לאָז זיך פירן פון לעמאָנאַדן־פאַרקויפער אין טלית־קטן.

מיר געפינען זיך שנעל אין אידישן קוואַרטאַל, וואו נישט קוקנדיק אויף דער שפּעטער שעה, זענען נאָך אַלע געשעפטן אָפן און אויפן גאַס זיצן די באַלעבאַטים, אַלע כמעט אין טערקישע פעזן אויף די קעפ און אין מזרח־קליידונג. אויף יעדן טריט און שריט טישלאַך מיט פאַרשיידענע וואַלוטע, דאָס טוישן געלט איז ביי די אידן דאָ אַ נעבן־באַשעפטיקונג צו זייערע פאַכן. קראָמען פון מאַנופאַקטור־סחורות, פון גאַלאַנטעריי, פון אויבסט — אַזוי ווי ערגעץ אין פּיאַטעטשנע, אָדער קראַסניסטאַוו. מער נישט סחורה איז פאַראַן מער און די אידן זענען אַנדערש געקליידט און רעדן אויף אַ רייע פון פרעמדע שפּראַכן. אַלע אָבער פאַרשטייען און רעדן העברייאיש. נאָכמער איז דאָס אַרויסצוזעצן ביי די קינדער, וועלכע גייען שוין אייראָפּייאיש געקליידט, באַזוכן אינדערפרי די איטאַליענישע שול און נאָכמיטיק די העברייאישע מיט אַ גרויסן רעליגיעזן פּראָגראַם.

אויפן וועג צום רב ווערן מיר וואַרעם באַגריסט פון אונזערע ברידער און באַגלייט פון צענדליקער קינדער דערגייען מיר ביז צו אַ צוויי־שטאָקיקער געביידע, וואו פון אַ סך יאָרן וואוינען די הויפּט־רבנים פון ראָדאָס.

איך דאַרף באַמערקן, אַז מיט מיר צוזאַמען געפינט זיך אויסער מיין אידישן חבר, — אַ וואַרשעווער אַדוואָקאַט, — אויך אַ פּוילישער דאָקטאָר

פון בידגאָשטש — באַקאַנט דאָרט אַלס נישט־איבעריק אידן־פריינטלאַך. אָבער ווי נאָר ער דערהערט, אַז מיר לאָזן זיך ערגעץ אין אַ „אידישער" עקסקורסיע, לאָזט ער אונז שוין נישט אָפּ; ער זאָגט, אַז עס פאַרכאַפּט די עקזאָטישקייט פון אידישן מזרח און ס'דוכט זיך אים, אַז ער בייט זיינע איבערצייגונגען...

צו אונז גייט אַרויס אַ פּרוי אין די מיטעלע יאָרן און אין אַ ריינעם פראַנצויזיש דערקלערט זי אונז, אַז דער רב וועט באַלד קומען.

עס דויערט נישט קיין פינף מינוט און אין טיר באַווייזט זיך אַ פיגור, וועלכע מיר וואָלטן געהאַלטן פאַר אַ דערשיינונג פון אַן אַנדער וועלט, ווען נישט דאָס געפיל פון ווירקלאַכקייט; אַ הויכער אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער זילבערנער באָרד, אפשר פון אַ יאָר ניינציק, אָנגעטאָן אין אַ זילבערנער היטל, ווי עס טראָגן די פּראַוואָסלאַוונע מיטראָפּאָליטן, אין אַ לאַנגען כאַלאַט פון זילבערנער לאַמע מיט וועלכן עס גיסן זיך כמעט צונויף די זילבער־פּעדעם פון דער ווייסער באָרד. אַ ווייכער קוק פון אַ תלמיד־חכם דרינגט דורך אונזער גרופּע; ער הייבט אויף די הענט איבער אונזער קאָפּ צו אַ ברכה... דער ערשטער בייגט זיך איין און גיט דעם רב אַ קוש אין האַנט דער בידגאָשטשער פּוילישער דאָקטאָר, נאָכדעם טוען מיר אויך דאָס זעלבע.

דער רב, ר' אליהו ישראל, רעדט, פאַרשטייט זיך, אַ גוטן העברייאיש. כדי אָבער דאָס געשפּרעך זאָל זיין אַן אַלגעמיינס, גייט ער גלייך איבער אויף פראַנצויזיש. ער דערציילט אונז וועגן זיין עדה, איר מאַטעריעלער און גייסטיקער לאַגע. אין אַלגעמיין איז ער צופרידן, אידן האָבן דאָ פּרנסה בריוח, ווערן פּאָליטיש שטאַרק געשטיצט פון די איטאַליענער, וועלכע שפּילן זיי אַביסל אויס קעגן די טערקן און גריכן. די יוגנט לערנט זיך געשמאַק איטאַליעניש, גריכיש, פראַנצויזיש און העברייאיש. דערצו רעדט מען צווישן זיך שפּאַניאָליש...

דער רב לאָזט זיך שפּעטער אַריין מיט אונזער פּוילישן דאָקטאָר אין אַ ויכוח איבער רעליגיע און דערוויל געניסן מיר פון געשמאַקן איינגע־מאַכטס מיט עקזאָטישע פּרוכטן, וועלכע ס'טיילט אונז גאַסטפריינטלאַך די רבי'צין.

מיר פאָטאָגראַפירן זיך צוזאַמען מיטן רב און באַגלייט פון זיינע ברכות לאָזן מיר זיך ווייטער אין וועג.

ח. שאָשקעס

צו מיין פאָלק

שטיי אויף דער וואַך !
האָט דיך די שעה פון נסיון געטראָפן,
נעם און באַפריש די פאַראַכטעטע וואָפן,
מאַך ניט די אויגן צו, לייג דיך ניט שלאָפן —
שטיי אויף דער וואַך !

זיי ווי אַ פעלז !
דער וואָס פאַרשטייט נאָר זיין אומגליק — דער קען עס !
ליאַרעמען בייז מעג דער ים פון סכנות,
שטיי ווי פאַרגליווערט אין שטרענגער עקשנות —
זיי ווי אַ פעלז !

היט דיין פאַרמעג !
זיי פאַר דיין בנין אַ שומר אַ טרייער,
שיץ דיינע אוצרות פון גיהנום׳שן פייער,
שיץ דיינע פערל, וואָס זיינען דיר טייער —
היט דיין פאַרמעג !

בעטל קיין טרייסט !
גרוים איז דיין וויי פון דיין גרויסער נשמה,
בעט ניט ביי קיינעם קיין שטראַל פון נחמה,
מאַך ניט דיין שטאָלץ און דיין הייליקייט טמא —
בעטל קיין טרייסט !

גלייב אין דיין קראַפט !
מעג זיין דיין קערפּער צעוואונדעט, צעשטאָכן,
גלייב אין דיין עתיד מיט פעסטן ביטחון,
גלייב אין דיין קינפטיקן גרויסן ניצחון —
גלייב אין דיין קראַפט !

מ. ל. ניידוס

אידישע סעקטעס און טיפּן

די קנאַפּע זעכצן מיליאָן אידן איבער דער גאָרער וועלט טיילט מען געוויינטלאַך איין אין צוויי הויפּט־טיפּן, אָדער קלאַסן, דאָס זיינען: דער טיפּ, וואָס איז געוויינטלאַך באַקאַנט אונטערן נאָמען „אשכנזים", אָדער דייטשישע אידן, און „ספרדים", אָדער שפּאַניאָלישע אידן.

אחוץ די צוויי הויפּט־טיפּן, שרייבט מען צו די אידן צו אַ דריטן טיפּ, אָדער קלאַס, וואָס מ'קאָן אים באַצייכענען מיטן נאָמען האַלב־איד. האַלב־אידישע סעקטעס זיינען פאַראַן גאָר אַסך איבער דער וועלט און זיי טיילן זיך איין אין צוויי גרופּעס: קאָוועערטירטע, אָדער גע'שמד'טע, און פּראָזעליטן, אָדער גרים.

א. די אשכנזישע און ספרד'ישע אידן

צו די אשכנזישע, אָדער דייטשישע אידן, געהערט דער גרעסטער רוב פון אַלע אידן. אז מ'רעדט פון אידן, מיינט מען געוויינטלאַך די אשכנזישע. דאָס זיינען די אידן פון אייראָפּע, פון צפון און דרום אַמעריקע, און די אידן אין די נייע צענטערן פון פּאָדער־אַזיע, דרום־אַפריקע און אַנדערע קלענערע ישובים.

פון די קנאַפּע זעכצן מיליאָן, ציילן די אשכנזי'שע אידן קרוב צו פופצן מיליאָן (14,600,000). די אַלע באַוועגונגען, אינסטיטוציעס און פּאַרטייען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען ביי די אידן די לעצטע עטלאַכע הונדערט יאָר, זיינען געשאַפן געוואָרן פון די אשכנזישע אידן.

די ספרד'ישע אידן בילדן אַציגד אַ גאָר קליינעם טייל פון אַלע אידן, אינגאַנצן וואָסערע ניין (9) פּראָצענט. אמאָל איז דאָס אָבער געווען אַנדערש. אין 17טן יאָרהונדערט האָט זייער צאָל באַטראָפן גאַנצע 60 פּראָצענט פון אַלע אידן. פון דאַן אָן איז זייער צאָל געפאַלן, בעת די צאָל פון די אשכנזישע האָט זיך כסדר פאַרמערט.

צו די ספרד'ישע ווערן געוויינטלאַך צוגערעכנט יענע אַלע אידן, וואָס האָבן צווישן 12טן און 15טן יאָרהונדערט געוועדט שפּאַניש פאַר און נאָך זייער פאַרטרייבונג, און האָבן שפּעטער איבערגענומען אַנדערע שפּאַכן.

ווי אַזוי די אידן זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געווען לויט אשכנזים און ספרדים אין פאַרשידענע ציטן, באַווייזט אונז די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

צאָל אידן אין פאַרשידענע צייטן

יאָר	אַלע אידן	פון זיי אשכנזים
1170 נ. ק.	1,500,000	1,000,000
1300	2,000,000	300,000
1500	1,500,000	500,000
1650	1,750,000	700,000
1700	2,000,000	1,000,000
1800	2,500,000	1,500,000
1840	4,500,000	3,600,000
1860	6,000,000	5,200,000
1900	10,500,000	9,550,000
1930	15,9000,000	14,600,000

די מערסטע ספרדים וואוינען אין פאַרשידענע לענדער פון אזיע און אַפריקע, אין קלענערע צאָלן אין אייראָפּע אין צפון און דרום אַמעריקע. זייערע צאָלן לויט די לענדער איז ווי פאָלגט:

לענדער פון פאָדער־אזיע (מעסאָפּאָטאַמיע, קאַווקאַז, סיריע, פּאַלעסטינע, אַראַביע, פּער־סיע און אז. וו.) — — — — — — — — — 440,000
צפון אַפריקאַנישע מדינות — — — — — — 410,000
גריכנלאַנד — — — — — — — — — — — 110,000
איטאַליע — — — — — — — — — — — — 45,000
יוגאָסלאַוויע — — — — — — — — — — — 35,000
בולגאַריע — — — — — — — — — — — — 40,000
טערקיי (אין אייראָפּע) — — — — — — — 80,000
איבעריקע לענדער פון אייראָפּע (פראַנקרייך, האָלאַנד, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, גיבראַלטאַר) — 50,000
אינדיע — — — — — — — — — — — — 30,000
אַמעריקע (צפון און דרום) — — — — — — 60,000

(אין די ציפערן ווערן שוין אָריינגערעכנט די אָריענטאַלישע אידן פון דער ווייטערדיקער טאַבעלע).

די ספרד'ישע אידן אין צפון־אַמעריקע וואוינען דער'עיקר אין דער שטאָט ניו יאָרק; אין דרום־אַמעריקע: אין אַרגענטינע, בראַזיליע און קובאַ.

צו די ספרד'ישע אידן רעכנט מען אויך צו די פאַרשידענע אָריענ־טאַליש־אידישע גרופּעס, וואָס מ'רופט זיי: די אָריענטאַלישע אידן. די אָריענטאַלישע אידן וואוינען דער'עיקר אין אַזיע און טיילן זיך לויט די לענדער אַזוי:

יעמען (תימן) — 40,000	פּערסיע און אַפגאַניסטאַן — 80,000
סיריע — — — 30,000	בוכאַרע און ירושלים — — 20,000
מעסאָפּאָטאַמיע — 100,000	קאַווקאַז און טאַווריז — — 70,000

די אָריענטאַלישע אידן שפּילן אַצינד נאָך אַ קלענערע ראָלע אין דעם אידישן לעבן, ווי די ספרד'ישע. אַ וויכטיקער אויסנאַם זיינען די אָריענ־טאַלישע אידן פון יעמען, די תימנ'ער אידן. זיי האָבן די לעצטע יאָרן איינגעוואַנדערט אין גרויסע צאָלן קיין ארץ ישראל און ווייזן זיך דאָרטן אַרויס ווי טיכטיקע און אַרבעטסזאַמע מענטשן.

ב. די האַלב־אידישע סעקטעס

האַלב־אידישע סעקטעס זיינען פאַראַן אַ היפּשע צאָל אין דער וועלט. די מערסטע האַלב־אידישע סעקטעס געפינען זיך אין אַזיע. דידאָזיקע סעק־טעס טיילן זיך איין אין צוויי באַזונדערע קלאַסן: אַזעלכע, וואָס שטאַמען, אָדער מ'רעכנט, אַז זיי שטאַמען, פון אידן, אָבער פירן זיך מער ניט, ווי אַלע אַנדערע אידן. זיי האָבן איבערגענומען אַנדערע רעליגיעס, האַלטן פון אַנדערע ריטואַלן און פירונגען. דאָס זיינען די קאָנווערטירטע, אָדער גע־שמד'טע אידן. צום צווייטן קלאַס פון האַלב־אידישע סעקטעס געהערן יענע, וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע אַנדערע פעלקער, אָבער פירן זיך אינגאַנצן, אָדער טיילווייז, ווי פרומע אידן. זיי האָבן איבערגענומען מיט לאַנגע צייטן צוריק די אידישע רעליגיע מיט אירע פירונגען און ביזן היינטיקן טאָג האַלטן זיי זיך אָפּגעזונדערט פון די פעלקער, פון וועלכע זיי זיינען אָפּ־שטאַמער. די סעקטעס אידן רופט מען פּראָזעליטן, אָדער גרים.

1. די קאָנווערטירטע אידן

א) די שומרונים: נאָך דעם ערשטן חורבן (586 פ. ק.) זייען אין ארץ ישראל פאַרבליבן אַ צאָל אידן. דידאָזיקע אידן האָבן לאַנג נישט אָנגע־האַלטן זייער באַזונדער לעבן און האָבן מיט דער צייט זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע איינוואוינער, האָבן איבערגענומען טיילן פון זייערע גלויבנס און פירונגען און אויך זייערע שפּראַכן. זיי זיינען אינגאַנצן אויסגעמישט געוואָרן צווישן די אַנדערע עלעמענטן און האָבן אַזוי אַרום פאַרלוירן

זייער אייגנארט. אין די אמאליקע צייטן האבן די שומרונים געציילט א גאנץ גרויסע צאל אנהענגער, זיי גייען אבער אצינד כמעט אינגאנצן אונטער. אין ארץ ישראל געפינען זיך אצינד וואסערע 200 נפשות, וואס לעבן פאר זיך, אפגעזונדערט, מישן זיך נישט אוים מיט קיין אנדערע איינוואויער, האבן חתונה נאר צווישן זיך. אנגעטאן גייען זיי ווי די אראַבער און רעדן אראביש.

ב) די קאראאימער: אין אכטן יארהונדער נ. ק האבן זיך א גרויסע צאל אידן אפגעטיילט פון פאלק, דורכדעם, וואס זיי האבן מער ניט געהאלטן פון די פארשידענע טראדיציעס און כללים, וואס זיינען ביי אידן איינגעפירט געווארן אין יענע צייטן, און ווערן אבער נישט דערמאנט אין חומש. די

א שומרונישער כהן־גדול

אידן האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „קאַראַאימער" און זיינען אין משך פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט געווען אַ שטאַרקע סעקטע, וואָס האָט צונעג־צויגן צו זיך אַנהענגער צווישן די אידן אין עגיפּטן, א"י, באַבילאָניע און פּערסיע. זייער הויפּט־צענטער איז פון אָנהויב געווען אין סיריע. פון דעם צענטער האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט אין אַנדערע לענדער.

אין צווייטן יאָרה. געפינען מיר שוין די קאַראַאימער אין רוסלאַנד און זיי ווערן אויך דאָ מיט דער צייט גאַנץ שטאַרק און קריגן אפילו אַזעלכע רעכטן, וואָס די אַנדערע אידן האָבן ניט געהאַט.

אין 1897 זיינען נאָך אין רוסלאַנד געווען אַרום דרייצן טויזנט קאַ־ראַאימער. פון דרייצן טויזנט האָבן אַן ערך 400 גערעדט אידיש, 2,600 רוסיש, און די איבעריקע — טאָטעריש. די קאַראַאימער האַלטן איצט אין פאַרשווינדן, אַזוי, אַז אין 1926 זיינען אין סאָוועטנלאַנד געווען בלויז 8,000. אחוץ אין רוסלאַנד געפינען זיך קאַראַאימער אויך אין גאַליציע און טערקײַ (אין דער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל).

ג) די מאַראַנען: ווען מ'האָט אין 15טן יאָרהונדערט אַרויסגעטריבן די אידן פון שפּאַניע און אַנדערע ערטער, האָבן געוויסע אידן אויסגעקליבן שמד לפּנים וועגן, איידער אַרויסגעטריבן צו ווערן פון לאַנד. אין די ערשטע צייטן האָבן די מאַראַנען טאַקע אָפּגעהיט זייער טאָפּלט לעבן: פאַרן דרויסן האָבן זיי זיך געפירט ווי אַלע אַנדערע פרומע שפּאַניער, אָבער אין האַרצן זיינען זיי געבליבן טריי זייער אידישן גלויבן.

די אָפּשטאַמער פון די ערשטע מאַראַנען האָבן שוין ווייניקער אָפּגעהיט אַזאַ סאָרט לעבן. וואָס ווייטער, אַלץ ווייניקער אָפּגעהיט זיינען זיי געוואָרן, אַזוי, אַז מיט דער צייט האָבן זיי זיך אינגאַנצן אויסגעמישט מיט זייערע שכנים און כמעט פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם, ס'איז ביי זיי ניט געבליבן קיין סימן פון אידישקייט.

אויף די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע גרעניצן, רעכנט מען, לעבן אַצינד אַן ערך 10,000 אָפּשטאַמער פון די מאַראַנען און צווישן זיי געפינען זיך זייער אָנגעזעענע משפּחות פון דעם שפּאַנישן און פּאָרטוגעזישן פאָלק.

ד) די מאמינים: אין דער צייט פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג האָט זיך אָרגאַניזירט אַ אידישע סעקטע מיטן נאָמען די „מאמינים". אַ סך פון פון זיי האָבן זיך גע'שמד'ט און האָבן איבערגענומען דעם מחמד'נישן גלויבן. נאָך אַצינד געפינען זיך אין דער שטאָט סאַלאָניקי עטלאַכע טויזנט אָפּשטאַמער פון יענע מאמינים. די מאמינים באַזוכן די מאָשייען, קליידן זיך ווי זייערע שכנים, אָבער מישן זיך מיט זיי ניט אויס. אין געהיים האַלטן

זיי נאָך פון געוויסע אידישע ריטואַלן.

2. די פּראָזעליטן

א) די פאַלאַשן: אין אַביסיניע, אַפריקע, געפינען זיך אַ 50,000 „שוואַרצע אידן", וואָס מ'רופט זיי פאַלאַשן. זיי זיינען טאַקע שוואַרץ און זייער גאַנצער אויסזען איז אַ נעגערשער. פאַראַן אַזעלכע פאָרשער, וואָס האַל־



אַ ספרדישער איד



דר. פייטלאָוויטש מיט אַ גרופּע פאַלאַשן

טען, אַז די פאַלאַשן האָבן זיך געפונען אין אויבער-עגיפּטן שוין זינט דעם יאָר 600 פ. ק. פון דאַנען זאָלן זיי האָבן אויסגעוואַנדערט נאָך אַביסיניע.

די פאַלאַשן האַלטן פון די דינים פון חומש, היטן אָפּ דעם שבת און אַנדערע אידישע ימים־טובים און זיינען זיך מל. זיי וואוינען אין אייגענע געטאָס אין די אַביסינישע דערפער און באַשעפטיקן זיך ס'רוב מיט ערד־אַרבעט.

די לעצטע יאָרן האָבן אַסך פאַלאַשן גענומען אויסוואַנדערן. אַ קליינע צאָל פאַלאַשן געפינען זיך אין ניו יאָרק.

ב) די בני־ישראל: אין אינדיע געפינען זיך אַצינד עטלאַכע און צוואַנציק טויזנט אידן. פון זיי געהערן מער ווי אַ העלפט (15000) צו דער סעקטע „בני־ישראל", וואָס זאָלן שוין האָבן געווען אין אינדיע אין 7טן יאָרהונדערט נ. ק. ס'איז ביז אַצינד ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן גענוי, ווי אַזוי די בני־ישראל זיינען געקומען קיין אינדיע. אַסך האַלטן, אַז זיי

זיי זיינען געקומען קיין אינדיע פון פֿאָדער־אזיע נאָך פ. ק. אַלס סוחרים און האָבן זיך דאָרטן אויסגעמישט מיט די אָרטיקע איינוואוינער, איבער־גענומען זייער קליידונג, שפּראַך און פירונגען.

זייער גרעסטער צענטער איז אין דער שטאָט באָמבעי און אין דעם אַרום. די לעצטע יאָרן האָבן זיי גענומען שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין אָרטיקן לעבן און זיי פאַרנעמען אַצינד אָנגעזעענע פּלעצער אין לעבן פון אינדיע, ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און רעגירונגס־באַאַמטע. זיי האָבן אויך גע־עפנט שולן צו לערנען העברייאיש און פירן די שפּראַך איין אין זייערע תפילות. זייער אומגאַנג־שפּראַך, אָבער, איז אַן אינדישער דיאַלעקט — מאַראַטי. זיי קליידן זיך, ווי די אינדיער, און זייער אויסזען איז אויך ווי ביי די אינדיער — אַ ברוינע הויט.



פרויען פון דער בני־ישראל סעקטע אין אינדיע

ג) די כינעזישע אידן: ביז ניט לאַנג צוריק האָבן זיך אין כינע גע־פונען עטלאַכע הונדערט נפשות, וואָס האָבן זיך געפירט ווי אידן און זיינען באַקאַנט געווען, ווי „די כינעזישע אידן". דער גרעסטער צענטער זייערער איז געווען אין דער שטאָט קאַיפאַנגפו, וואו זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע סינאַגאָגע. דידאָזיקע סינאַגאָגע איז פאַרשוואונדן אין דער פאַרפלייצונג פון דער שטאָט אין מיטן פון לעצטן יאָרהונדערט. דאָס ביסל כינעזישע אידן האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט צווישן די איינוואוינער און ס'איז פון זיי כמעט גאָרנישט געבליבן.

ד) די גרים: אין 15טן יאָרהונדערט האָט זיך אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט אַ רעליגיעזע סעקטע, וואָס האָט אָנגענומען געוויסע אידישע פירונגען צוגלייך מיט די קריסטלאַכע. זיי זיינען באַקאַנט מיטן נאָמען „די גרים". זיי זיינען שרעקלאַך פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער רוסישער קירכע און זיי זיינען אַנטלאָפן, וואוהין ס'איז נאָר מעגלאַך געווען, און אָפּגעהיט זייער גלויבן אין געהיים. צווישן די אַנדערע לענדער, וואוהין זיי זיינען אַנטלאָפן, איז אויך געווען ארץ־ישראל. דאָרטן האָבן זיי כמעט אינגאַנצן איבערגענומען דעם אידישן גלויבן. זיי געפינען זיך נאָך אַצינד אין די קאָלאָניעס פון דער איקא און ציילן עטלאַכע טויזנט נפשות.



אַ בוכאַרישער איד

אַ קאַווקאַזישער איד

אנווייזונגען פאַר די לערער

1. ליטעראַטור אין די שולן: ס'איז שוין באַלד געוואָרן אַ טראַדיציע אין אונזערע אידישע שולן צו לערנען ליטעראַטור אין די העכערע קלאַסן פון דער אָנפאַנג־שול. דער לימוד פון ליטעראַטור, ווי די פּראָגראַם־פּראָיעקטן פון די פאַרשידענע שולן שטעלן אים אַרויס, דאַרף די קינדער אויסלערנען צו אַנאַליזירן אַ קינסטלעריש ווערק, דורכפירן פאַרגלייכן צווישן די העלדן, דערקענען וואָס איז אַ דערציילונג, אַ באַשרייבונג, אַ באַלאַדע, פּראָזע, פּאָע־זיע, א. א. וו. אַנדערע גייען אפילו אַזוי ווייט און פירן איין, אין פאַרבינדונג מיטן לימוד פון ליטעראַטור, די פאַרשידענע פאָרמען פון ווערסיפי־קאַציע א. אַז. וו.*) פאַר דעם צוועק ווערן געוויינטלאַך באַנוצט אַזוי גע־רופענע „קינסטלערישע" ווערק, גאַנצע, אָדער זאַמלונגען פון אויסצוגן פון פאַרשידענע מחברים. די איינציקע פאַרבינדונג, אין פּרט פון אינהאַלט, וואָס מיר געפינען צווישן די פאַרשיידענע ווערק, וואָס קומען אַריין אין אַזעלכע ליטעראַרישע זאַמלונגען, איז דאָס וואָס זיי זיינען אַלע געשריבן אין אידיש און ווערן כמעט אַלע אויסגענוצט אין די קלאַסן אויפן זעלבן אופן: מ'לייענט דורך אַ טייל פון אַ זאַך, אָדער אינגאַנצן, מ'שמועסט וועגן אינהאַלט, וועגן די העלדן, מען דערציילט איבער דעם אינהאַלט און מ'שרייבט קאָמפּאָזיציעס איבער דעם געלייענטן, אָדער אויף אַ שייכות'דיקער טעמע, א. אַז. וו.

דער דאָזיקער פּראָצעס פון אַנאַליזירן אַ קינסטלעריש ווערק און אי־בערגעבן צוריק מיט אייגענע, אָדער דעם לערערס ווערטער, די איינדרוקן, די אינהאַלטן פון דעם געלייענטן, חזר'ט זיך איבער כסדר און נאָכאַנאַנד. מ'לערנט וועגן די סעזאָנען פון יאָר, וועגן יום־טובים, וועגן נאַטור, און וועגן צופעליקע העלדן פון דער אָדער אַ צווייטער דערציילונג.

2. ליטעראַטור מוז זיין פאַרבונדן מיטן לעבן: ס'איז די מיינונג פון אַ סך, אַז ס'איז אין דער אָנפאַנגשול נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ לימוד, באַזונדערס אין אונזער שול אין אַמעריקע; און דער'עיקר פאַר אַ לימוד פון ליטעראַטור, וואָס ווערט אַזוי געלערנט, ווי אויבן אָנגעוויזן. אפילו ווען מיר זאָלן קענען טעאָרעטיש באַגרינדן און באַרעכטיקן אַזאַ געגנשטאַנד, מוז ער פאַר אונז זיין איבעריק צוליב אַ סך טעמים.

*) זע די פּראָגראַמען פון די אַר. רינג שולן, שולן פון נאַצ. אַר. פאַרבאַנד און פּועלי־ציון און פון דער אידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן.

און דער׳עיקר דערפֿאַר, ווייל אַזאַ לימוד איז אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿון ממשות׳דיקן לעבן, ווילנדיק, צי ניט ווילנדיק. לייענען און אַנאַליזירן, לאָמיר זאָגן, אַזאַ פּיין ווערק ווי אַפּאַטאָשוס „משפּט״, אָדער ראַבאָיס „העד גאָלדבערג״ וועט אָן שום ספק פֿירן צו באַקענען זיך מיט רייכע אינהאַלטן און ווערן באַווירקט פֿון די מאָראַלישע און עטישע הויכן, וואָס הילן איין אַזעלכע ווערק. אָבער די באַווירקונגען וועלן בלייבן אָפּגעריסן צווישן זיך, בפֿרט ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן קינדער, וועלן זיך מיט גאַרנישט פֿאַרבינדן אויסערן קלאַס, ווען זיי ווערן באַהאַנדלט ווי ריינע ליטעראַרישע ווערק און מער ניט.

ערשט דאַן ווען אַזעלכע ווערק קומען, ווי אַן אָפּשפּיגלונג, ווי אַ באַלייכטונג, ווי אַ קינסטלערישע אויפֿקלערונג איבער אַ שטיק לעבן, וואָס מ׳וויל דערקענען און דערלערנען, נאָר דאַן בלייבט אַזאַ לימוד וואָרצלדיק, נאָר דאַן ווערט דאָס אַ שטיק לעבן אַליין.

אין דער שול דאַרפֿן זיך די קינדער באַשעפֿטיקן מיט דערלערנען און דערקענען די נאָענטע און די ברייטע סביבה פֿון דער וועלט — מיטן לעבן וואָס שפּרודלט אַרום און אַרום. דעם קינסטלער נעמען מער צוהילף דאָס דאָזיקע לעבן בעסער צו זען, טיפֿער צו דערקענען.

כדי אויף אַזאַ אופֿן אַריינצופֿירן די לעבעדיקע ליטעראַטור אין דער שול אַריין, איז נייטיק פֿריער פֿון אַלץ אָפּצוקלייבן יענע צווייגן פֿון דער לעבנס־סביבה מיט וועלכער מיר ווילן די קינדער זאָלן זיך באַקענען און דאַן זוכן די אַנטשפּרעכנדיקע ווערק ביי די שרייבער. מיר דאַרפֿן אַזוי אַרום אָנהייבן מיט דער סביבה און איבערגיין צו דעם שרייבער, ניט ווי עס איז ביי אַ סך אָנגענומען, אַז מיר מוזן די און יענע שרייבער אַריינגעמען אין די ביכער, מחמת זיי זיינען גרויסע קינסטלער, קלאַסיקער און די קינדער דאַרפֿן זיך מיט זיי באַקענען.

3. דאָס ברייטע אידישע לעבן, ווי אַ לימוד: אַזאַ צוגאַנג איז גלייך מחייב דעם געדאַנק, אַז ס׳איז דורכוים נייטיק אַריינצופֿירן אין אונזערע שולן דאָס ברייטע אידישע לעבן. דאָס קען קלינגען זייער מאָדנע, ווען ס׳זאָל ניט זיין אמת. אודאי זיינען די שולן געגרינדעט געוואָרן הויפּטזעכלאַך צוליב באַקענען און אַריינפֿירן די קינדער אין דער דאָזיקער ברייטער אידישער סביבה. אוודאי איז אמת, אַז אין די שולן לערנט מען וועגן אידן טאָג־איין טאָג־אויס. דער חסרון ליגט אָבער דערין, וואָס דאָס לערנען טראָגט אַ צופֿעליקן כאַראַקטער און שטעלט מיט זיך אין קיין פֿאַל נישט

פאַר קיין אָרגאַניזירטן לימוד (אויף וויפיל דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די פּראַקטישע דורכפירן און אין די מערסטע כרעסטאָמאַטיעס). אין די שולן לערנט מען וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אידן, אָבער שטיקלעכווייז, בערקלאַכווייז, אָן אַן אינעווייניקסטן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג, וואָס זאָל פירן צו אַ קלאָרער דערקענטעניש, זיכערער אינפאָרמאַציע און טיפער איינלעבונג.

דערצו איז נייטיק נעמען די גאַנצע ברייטע אידישע סביבה, אויסקלייבן די צוגענגלאַכע מאַטעריאַלן און איינטיילן זיי לויט די באַשטימטע אינהאַלטן. פאַר יעדן אָרגאַניזירטן קורס אָפּגעבן אַ יאָר, צי ווייניקער, אָדער מער, ביז מ׳גייט אים גרינטלאַך דורך. כדי צו דערלערנען יעדן אינהאַלט פון אידישן לעבען אויף אַן אופן, וואָס זאָל לאָזן טיפע איינדרוקן, קלייבן מיר אויס די שאַפונגען ביי אונזערע קינסטלער און דורך זיי, און מיט דער הילף פון פּראַקטישע אַרבעטן, גייען מיר מיט די קינדער דורך דעם קורס אויף אַ כסדר׳דיקן אופן. אַזוי גייען מיר איבער פון איין קורס צום צווייטן, ביז מיר דעקן די אַלע וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר דער אָנפאַנגשול.

4. וואָס דאַרפן זיין די אידישע קורסן: דעם איצטיקן מחבר ווייזט זיך אויס, אַז די ברייטע אידישע סביבה קען, פאַר די צוועקן פון דער אָנפאַנגשול און אירע אויפגאַבן, איינגעטיילט ווערן אין פאָלגנדיקע אינהאַלטן:

א) די אידישע משפחה (מיט די שייכות׳דיקע אינסטיטוציעס און אָפּצווייגונגען, ווי: חדר, ישיבה, פּרנסה, א. אַז. וו);

ב) דער אידישער יום־טוב (אין זיין ברייטן, סאָציאַלן און רעליגיעזן פאַרנעם);

ג) אידישע דעמאָגראַפיע (די איצטיקע לאַגע פון די אידן איבער גאָר דער וועלט); און

ד) אידיש פאָלקוויסן (די גאַנצע עקזיסטירנדיקע און פאַרגייענדיקע אידישע „מינהאָלאָגיע").

ארויסצוברענגען די פּונקטן א׳ און ב׳ האָט דער צוזאַמענשטעלער שוין אַרויסגעגעבן דאָס פינפטע און זעקסטע לייענבוך פון זיין סעריע „לייענביכער פאַר דער אידישער שול". דאָס איצטיקע לייענבוך „אונזער פאָלק" קומט דעקן דעם פּונקט ג׳ — די לאַגע פון די אידן איבער דער וועלט.

5. ווי אויסנוצן דאָס לייענבוך: אין קורצן קען מען אָנווייזן אויף פאָלגענדיקן פּלאַן פאַר אַרבעט:

א) די קינדער לייענען אַדורך דעם קורצן אַריינפיר צו יעדער אָפּטיי־

לונג. מיט דעם לערערס דירעקציע ווערן אויסגעטיילט די וויכטיקע פּראָב־לעמען און פראַגעס, וואָס די אָפּטיילונג זוכט צו באַהאַנדלען.

ב) דער לערער גיט אַ קורצן היסטאָרישן איבערבליק איבער די אויס־געטיילטע פראַגעס.

ג) די קינדער לייענען פון דער געגעבענער אָפּטיילונג יענע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פראַגע און באַאַרבעטן און אַנאַליזירן די אָנ־געגעבענע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן.

ד) יענע פראַגעס וואָס ווערן ניט אינגאַנצן געדעקט אין דער אָפּטיי־לונג, ווערן איבערגעגעבן געוויסן אינדיווידועלע קינדער (מיט קאָנקרעטע אָנווייזונגען, וואו די מאַטעריאַלן צו געפינען) צו באַאַרבעטן און באַריכטן צום קלאַס. פאַר דעם צוועק דאַרף אויסגענוצט ווערן די ביבליאָגראַפיע, אָדער אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען דעם לערער צו דער האַנט.

ה) אויף ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלאַך, דאַרף מען אויסנוצן די לאָקאַלע סביבה סיי מיטן צוועק צו באַקומען מער אינפאָרמאַציעס, סיי מיטן צוועק צו פאַרענטפערן די געשטעלטע פראַגעס.

6. די קלאַס־אַרבעט: נאָך יעדער אָפּטיילונג איז אָנגעגעבן אַ פּלאַן פון אַרבעט פאַר די קינדער. די דאָזיקע אָנוואָרפן פון אַרבעטס־פּלענער זיי־נען דורכאויס ניט אַלץ וואָס מ׳קען טאָן. יעדער לערער אין זיין סביבה וועט מסתמא צוגעבן, אָדער אַראָפּנעמען, אָדער גאָר ענדערן. דער׳עיקר אָבער איז די קינדער זאָלן טאָן זעלבסשטענדיקע אַרבעט.

פאַר דעם צוועק איז דורכאויס נייטיק, אַז דער לערער זאָל פון פריער גוט צוגרייטן אין דעטאַל יעדן פּלאַן און האָבן פאַרטיק פאַר די קינדער אַלע אָנווייזונגען, באַזונדערס וואָס האָט אַ שייכות צו זייער ווייטערדיקן לייענען. ווען די קינדער האַלטן אין אַרבעטן איבערן פּונקט „צרות פון אַ גרינעם", דאַרף דער לערער פאַר זיי גרייט האָבן אַזעלכע ווערק ווי ראַבאָיס „איז גע־קומען אַ איד קיין אַמעריקע", שלום עליכמס 2טער טייל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס" א. אז. וו.

7. שווערע ווערטער און באַגריפן: אין בוך קומען אריין אַן אַ שיעור נייע ווערטער, טערמינען און גאַנצע קולטור־באַגריפן. געוויינטלאַך ווערט אור־מעטום געפירט אין די קלאַסן אַ ווערטערביכל, וואו די אויסדריקן ווערן אָפּ־געטייטשט. ס׳וואָלט זייער ראַטזאַם געווען די אַרבעט פאַנאַדערטיילן אין צוויי: (א) פירן אַ ווערטערביכל אין קלאַס, וואו איינפאַכע אָבער נייע און פרעמדע ווערטער ווערן אָפּגעטייטשט מיט סינאָנימען, אָדער פאַראַפראַזיסט און (ב)

צונויפשטעלן אַן ענציקלאָפּעדיע אין וועלכער ס׳קומען אריין נייע באַגריפן, היסטאָרישע, קולטור־געשיכטלאַכע, וואָס נייטיקן זיך אין לענגערע דערקלע־רונגען.

8. מאַפּעס, צייכענונג, א. אַז. וו.: אַן אַ שיעור חשיבות און אינטערעס וועט צוגעגעבן ווערן צו דער גאַנצער אַרבעט, אויב דער לערער וועט זען, אַז די קינדער, פּונקט ווי זיי לייענען און שרייבן אין קלאַס, זאָלן אויך צייכענען. אָנצייכענען אַ פּיינע דיאַגראַמע איז מיט גאָרניט מינדערווערטיק לגבי אָנ־שרייבן אַ קאָמפּאָזיציע. אין די מערסטע פאַלן זיינען די קינדער פון פריער שוין באַקאַנט מיט אַזעלכע אַרבעטן אין צייכענען און דעם לערערס אַרבעט וועט אַזוי אַרום מיט גאָרניט באַשווערט ווערן.

9. אויסנוצן די טאַבעלעס: אַ חוץ דעם גרויסן נוץ פון די טאַבעלעס שאַר־פער און בולט׳ער אַרויסצוברענגען געוויסע פאַקטן, דאַרפן זיי אויך ברענגען נוצן און צוגעוויינען די קינדער רעכענען און לייענען ציפערן אויף אידיש. דאָ איז נישט דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויפן מאָמענט, וואָס פּאַר אַ ראָלע מאַטעמאַטיק שפּילט אין דער טעגלאַכער שפּראַך און ווי נייטיק ס׳איז די קענטעניש פון רעכענען אויף אידיש, כדי בכלל צו קענען רעדן אין דער שפּראַך. איינס איז אָבער קלאָר: דורכגיין די אַלע טאַבעלעס פון בוך וועט ביי די קינדער איינשטעלן גאַנץ שטאַרקע און פּערמאַנענטע „מאַטעמאַטישע" שפּראַך־געוואוינהייטן.

10. די לייען־טעטיקייט: קינדער פון אַזאַ עלטער, ווי די וואָס וועלן דאָס דאָזיקע בוך נוצן, נייטיקן זיך מער ניט אין ספּעציעלע מעכאַנישע איבונגען אין לייענען. די גאַנצע לייען־אַרבעט דאַרף דער׳עיקר געווענדט ווערן אין איין פּונקט בלויז: איינזאַפּן אין זיך די אינהאַלטן. פאַר דעם צוועק איז לחלוטין ניט נייטיק דאָס הויכע, אָדער דאָס אַרטיקולירטע לייענען. יעדעס קינד דאַרף לייענען פאַר זיך, נאָכדעם ווי דער לערער האָט געמאַכט די פּאַסיקע צוגרייטונגען דער פאַר, דהיינו:

א) אין אַלגעמיינע שטריכן אָנווייזן אויפן אינהאַלט פון דער מעשה, וואָס מ׳נעמט לייענען;

ב) אויסטיילן יענע פּרטים, וואָס זיינען פאַר די קינדער לכתחילה ניט פאַרשטענדלאַך און זיי קלאָר מאַכן;

ג) דורכפירן פון פריער די צוויי פּונקטן, ווי אָנגעוויזן אין פּאַראַגראַף 7.

פאַרלייענען הויך אין קלאַס דאַרף באַנוצט ווערן דער׳עיקר ביי די לידער און ביי יענע שטעלן פון אַ מעשה, וואָס די קינדער ברענגען אריין, ווי

צוגאָב־מאַטעריאַלן. און אויך — ווען דער לערער דאַרף פון צייט צו צייט קאָנטראָלירן דעם לייען־צושטאַנד פון זיינע תלמידים.

אין אַלע אַנדערע פאַלן וועט דאָס שטילע לייענען ברענגען אַ סך מער נוצן און וועט איינשפּאָרן אַ היפּש ביסל צייט.

11. וועגן דער אָפּטיילונג אַמעריקע: די לערער וועלן גאַנץ לייכט באַמערקן, אַז אין דער אָפּטיילונג איז זייער פיל אַכט געלייגט געוואָרן אויף יענע דערשיינונגען אין אידישן לעבן, וואָס זיינען שוין כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, אָדער געפינען זיך אין אַ פאַרגייענדיקן צושטאַנד. דאָס סאַמע איצטיקע לעבן שפּיגלט זיך גאָר ווייניק אָפּ. דאָס דורכצופירן פאַלט אינגאַנצן אויף די לערער מיט די קינדער אַליין. פאַר דעם צוועק וועלן די לערער זיך דאַרפן באַנוצן מיט אונזער פּעריאָדישער און ניט־פּעריאָדישער פּרעסע און דער עיקר: גיין און זוכן, אויספאָרשן דאָס לאָקאַלע לעבן און אויף ווי ווייט מעגלאַך — אויך דאָס ווייטערע. אַזאַ אַרבעט וועלן די לערער אודאי צופּאַסן צו דעם גייסטיקן צושטאַנד פון זייערע תלמידים.

דער דאָזיקער צוגאַנג איז אפשר אַ חסרון פאַר אַ לייענבוך, אָבער אַ גרויסע מעלה — פאַרן קלאַס. אַזאַ טעטיקייט וועט קענען אַריינברענגען יענע לעבנס־אינטערעסן, וואָס פעלן אַזוי אָפט אין אונזערע בוך־שולן.

עס דאַרף דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז די פּראָבלעמען פון אַרבעט און קאַמף, אין זייער ברייטן זין, זיינען אין דעם לייענבוך דירעקט ניט אָנגערירט געוואָרן, מחמת דאָס זיינען אין תוך נישט קיין ספּעציעלע אידישע פּראָבלעמען. מיט דעם ענין פאַרנעמט זיך דאָס ספּעציעלע לייענבוך, וואָס ווערט צוגעגרייט אונטערן נאָמען „לעבן און קאַמף“.

ביבליאָגראַפיע

(פון יענע ביכער וואָס זיינען טיילוויז אויסגענוצט געוואָרן ביים צונויפשטעלן דאָס לייענבוך, ווי אויך אַזעלכע, וואָס אַנטהאַלטן פּאַסיקע מאַטעריאַלן פאַר די לע־רער. ביכער באַצייכנט מיט אַ שטערנדל * קענען אויך באַנוצט ווערן פון די קינדער, אינגאַנצן, אָדער טיילן פון זיי).

1) אידישע (די) זעלבסטשוץ פון אוקראַינע — יעקב ראַבלים.

2) אַמעריקע — ה. ד. נאָמבערג (רייזע־איינדרוקן פון דרום און צפון־אַמעריקע, די אידן אין אַרגענטינע און פ. ש.)

3) *אידישע יוגיאָנס אין אַמעריקע — ב. וויינשטיין (ערשטע צוויי קאַפּיטלען צוגעגנגלאַך פאַר קינדער).

4) ארץ־ישראל אין פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט — ד. בן־גורין און י. בן־צבי (היסטאָריש און געאָגראַפיש לייענבוך).

5) *ארום דער וועלט — פרץ הירשביין.

6) אידן אין פ. ס. ס. ר. — אַטלאַס פון קאַרטאָגראַמען און דיאַגראַמען (סטאַ־טיסטיק וועגן צאָלן, פראָפעסיעס, א. אַז. וו. אין סאָוועטנלאַנד).

7) *אויף אידישע פעלדער — ברוך בענדערסקי (בילדער און דערציילונגען וועגן אידישן לעבן אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס).

8) איז געקומען אַ איד קיין אַמעריקע — א. ראַבאַי (ראָמאַן פון די צייטן פון דער גרויסער אימיגראַציע).

9) *אין ארץ־ישראל — שלום אַש (רייזע־באַשרייבונגען).

10) *אָן אַ לשון — וו. קאָראָלענקאָ (גרעסערע דערציילונג וועגן לעבן פון ערשטע רוסישע אימיגראַנטן).

11) *ארץ־ישראל — ה. ד. נאָמבערג (רייזע־באַשרייבונגען).

12) *אָנקל מאָזעס — שלום אַש.

13) *אַלט־ניי לאַנד — דר. טעאָדאָר הערצל (ציוניסטישע אוטאָפּיע).

14) *אין די רויטע און שוואַרצע טעג — ז. קאַטלער (פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען און פאַרשיקונגען אין אַמאָליקן רוסלאַנד).

15) איד (דער) אין קאַנאַדע — אברהם רייזין (סקיצירטע געשיכטע פון אידי־שער איינוואַנדערונג ביז די לעצטע צייטן).

16) *אידן — נפתלי גראָס (דאָס אידישע שטייגער־לעבן אין דעם קליינעם שטעטל).

17) *אידישע (דאָס) פאָלק אין ציפערן — יעקב לעשצינסקי (אַ ניצלאַך בוך, סטאַטיסטיק שוין אַביסל פאַרעלטערט).

18) אידישע (די) וואַנדערונג די לעצטע 25 יאָר — יעקב לעשצינסקי (1900 — 1925, סטאַטיסטיש באַהאַנדלט).

19) אידישער (דער) חורבן פון פוילן, גאַליציע און בוקאָווינע — ש. אַנסקי (די אידן אין דער גרויסער וועלט־מלחמה).

20) אָנהויבן פון דער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע ביי אידן אין 19טן יאָר־הונדערט — יעקב לעשצינסקי.

21) *אָרע די באָרד — לעאָן קאָברין (ערשטע קאַפּיטלען — דער אויפשטייג פון דער בראָנזוווילער אידישער געטאָ).

22) אַלמאַנאַכן און אויסגאַבן (פון: קאָמזעט, איקאָר, אָזעט, עמיגדירעקט אַגריקולטורעלע געזעלשאַפטן, אַר. רינג, בונד, איד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנדן און אידישע יו־ניאָנס).

23) ביאַליסטאָקער פּראָצעס אין קיעוו — רעד. ש. ביבער (סטענאָגראַפישער באַריכט)

24) בירא־בידזשאַן — מ. אַלבערטאָן (וועג־איינדרוקן).

25) *געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד — דר. י. שאַצקי (קורצער איבערבליק).

26) *גרים (די) אין היינטיקן רוסלאַנד — ש. אַנסקי.

27) *געשיכטע פון מיינע לײדן — מענדל ביילים.

28) געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע — פּרץ וויערניק.

29) געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג — הערץ בורגין.

30) *30 יאָר אין אַרגענטינע — מרדכי אַלפּערסאָן, דריי בענד (ערשטער באַנד דער צוגענגלאַכסטער פאַר קינדער).

321 *החלוץ — זיינע אויפגאַבן און צילן — ז. קאַטלער.

32) *הער גאָלדנבאַרג — אַ. ראַבאַי (גרעסערע דערציילונג וועגן אַ אידישער פאַר־מער־משפחה אין מערב־אַמעריקע).

33) וועו דאָס פאָלק שטאַרבט — בערנאַרד לעקאַש (זיין וויי־געשריי נאָכן באַזוך אין אוקראַינע אין די פּאָגראָם־יאָרן).

34) וועליזשער (דער) בלוט־בלבול — מ. ריבקין (ראָמאַן).

35) *יזכור, צום אָנדענקען די געפאַלענע וועכטער און אַרבעטער אין א"י — רעד. א. חאַשין (ביאָגראַפישע סקיצן פון די געפאַלענע שומרים).

36) *לענדער און שטעט — ה. שאָשקעס (רייזע־באַשרייבונגען, נעמט אַריין די אידיש־אָריענטאַלישע צענטערן).

37) *מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס — שלום עליכם (2 בענד).

38) מיין רייזע אין א"י — דר .בן ציון האָפמאַן (צביון) (פעלעטאָניסטישע בילדער און באַשרייבונגען).

39) מיין רייזע איבער רוסלאַנד — ה. ד. נאָמבערג.

40) מיינע זכרונות — יחזקאל קאָטיק (אַ קלאַסיש ווערק וועגן אידישן לעבן

אין מזרח־אייראָפּע אין 2טער העלפט פון לעצטן יאָרהונדערט).

41) מגילת שוואַרצבאָרד — צייכנונג און אויסשטאַטונג פון מאַרק שאַגאַל, פּאַריז (ציטירט פון ביבליאָגראַפישן יאָרבוך פון איוו״א).

42) *נײַ־רוסלאַנד — י. י. זינגער (רייזע־באַשרייבונגען).

43) נייסטע (די) געשיכטע פון אידישן פאָלק — ש. דובנאָוו (דריטער באַנד, יאָרן 1914—1881)

44) *פון ניו יאָרק ביז רחובות און צוריק — יהואש (2 בענד).

45) *קיין אַמעריקע — שלום אַש.

46) *קענטאָקי — י. י. שוואַרץ.

47) *קדוש השם — שלום אַש.

48) *קוש (דער) און אַנדערע דערציילונגען — ל. שאַפּירא.

49) *שטעטל (אַלבום פון 31 אָרגינעלע בילדער פון קליינעם אידישן שטעטל) — יששכר בער ריבאַק.

50) שוואַרצברוך — פּרץ הירשביין (רייזע־איינדרוקן און באַשרייבונגען אין די נייע אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד).

51) התישבות החקלאית של היהודים ברוסיה — דר. אַרטור רופּין (אַ באַריכט פון זיין באַזוך אין רוסלאַנד אין 1928).

52) ידיעת עמנו — יעקב רובינזון (דעמאָגראַפישע אַרבעטן, די סטאַטיסטיק שוין אַביסל פאַרעלטערט).

53) ספר סטטיסטי לארץ ישראל (אין העברייאיש, ענגליש און דייטש) — קרן היסוד, ירושלים, תר״ץ.

54) Agricultural Colonies in U. S. (Jewish Encyclopedia, Vol. 1, p. 256, etc.)

55) Agricultural Activities of the Jews in America, by Leonard G. Robinson.

56) American Jewish Yearbook, (published by the Jewish Publication Society)

57) History of the Jews in Russia and Poland—S. M. Dubnow (Vol. 3)

58) Handbook of Palestine, etc., by Harry Ch. Luke and others.

59) A Short Account of the Calcutta Jews, Chinese Jews, Falashas, etc.—by I. A. Isaac.

60) The Falashas—by Jacque Faitlovitch.

61) The Bene-Israel Annual & Yearbook, 1917-1918.

62) Die Sociologie der Juden—Dr. A. Rupin (2 b.)
(אַן אומפּאַסנדיק ווערק אומגעהייער רייך אין מאַטעריאַלן).

ווערטערביכל

אַבאַז — קאַראַוואַן, אַ ריי וועגענער.
אבות־אבותיו — זיינע אורעלטערן.
אַבאַיע — אַ סאָרט פעלערינע וואָס
ווערט געטראָגן אין אָריענט.
אשת חיל, א.אַז. וו. — אַזאַ בראַווע
פרוי, ווער קען געפינען (אַ טייל
פון די שבת'דיקע זמירות).
ארבע־כנפות — טלית־קטן, ציצית.
אַפּאָסטאָלן — די פּריידיקער פון
דער קריסטוס־לערע.
אל מלא רחמים — גאָט, דער
באַרמהאַרציקער (אַ טרויער־גע־
בעט נאָך אַ טויטן).
איכה ישבה, א. אַז. וו. — אַ קלאָג־
ליד אויפן חורבן ירושלים.
איזדיעקעווען — מאָן מיט עמיצן
וואָס מ'וויל.
אחינו בני ישראל — אונזערע ברי־
דער, אידן.
אַרשין — רוסישע מאָס, אַן ערך
3 פוס.
אימעניעס — גיטער.
אוריאַדניק — אויפּפּאַסער, אָפיציר.
אלפּאַגאַטאַס — אַ סאָרט שיך גע־
מאַכט פון רויען פלאַקס.
אַסאַדאַ — געבראָטנס.
אינאָסטראַנעץ — פרעמדער.
אשרי — דער אָנהייב פון אַ קאַפּיטל
תהלים, וואָס אידן קענען שנעל
זאָגן אויף אויסווייניק, ווייל דאָס
ווערט זייער אָפט געזאָגט אין
דאַווענען.

אַלאַסאַן — נאָמען פון אַ פערד.
אלאַמבראַ — צוים.

בוענאָס — גוט.
בית־הכנסת האיטלקי — איטאַלי־
ענישע סינאַגאָגע.
באַמביזשע — אַ כלי מיט אַ רערל
דורך וועלכן מ'זופּט טיי.
באַמבאַניערקע — געפּוצטע ליאַל־
קע.
בשמים — געווירצן.
בערלענקעס — שיפלאַך.
בנעימות — געלאַסן.
באַלעמוטשען — פאַרגעסן זיך,
פטר'ן צייט.
באריכות — אין דעטאַל.
באַלאַגאַן — אַן אויסשטאַטונג פון
טישן, בענק, א. אַז. וו. אויף אַן
אָפענעם פּלאַץ.
בקיאות — גוטע באַקאַנטשאַפט,
וואוילגעלערנטקייט.

גזשיבע — די האָר אויפן פאָדער־
שטען טייל פון קאָפּ.
גאַנעק — באַלקאָן.
גולי־ספרד — פאַרטריבענע פון
שפּאַניע.
גואל — אויסלייזער.
געכאַוועטע — דערצויגענע.
גאַלפּאָן — שפּייכלער, שייער.

דערוויש — איינער, וואָס פאַר־

אַרימט זיך און לעבט זייער פּשוט כּדי ער זאָל זיך אינגאַנצן קענען איבערגעבן זיין רעליגיע.
דאַזאַר — אויפזעער, משגיח.
דראַבנע — שיטער, דינער.
דאַשעק — שייער פאַר תבואות.
דזשאַעם מאַנסאַ — איינגעצוימטע חיה.
דושנע — ענג, שטיקנדיק.
ד׳ אמות — 4 איילן, ענג; ד׳ על ד׳ — 4 מאָל 4.
דולסעם — זיס.
דאַרמאַיעדניקעם — אומזיסטע עסער.

הנותן תשועה — דער וואָס העלפט; אַ טייל פון די שבת׳דיקע תפילות.
האַבאַד אַל יאַהוד — קוואַרטאַל פון אידן.
המלך — דער קעניג, (דאָס ערשטע וואָרט פון אַ תפילה ראש־השנה).
הילוך — גאַנג, אויסזען.
הכנסת־אורחים — אויפנעמען פרעמדע, וואַנדערער.
הוזאַרן־היט — הויכע שטייפע היט מיט פעדערן, אָדער טראַלדן פאַרנט, וואָס די הוזאַרן־זעלנער טראָגן.
התראות — פאַראָרדענונגען, מעלדונגען.
הזכרת נשמות — דערמאָנונג פון די נשמות (פון געשטאָרבענע).

וואויסק — מיליטער.
וואָליק — פעלץ.
וועריבליודן — קעמלען.
וויזשילאַנט — היטער, אויפפּאַסער, פּאָליציאַנט.

זשידעס — אידן (זידלוואָרט).
זכר לטיט — אָנדענק אָן ליים, (אָנדענק פון שלעכטע צייטן).
זאָנטיק — שירם.

חלל — ליידיקייט, אַטמאָספערע.
חק לישראל — אַ ספר, וואָס אַנטהאַלט אויסצוגן פון תלמוד און תנ״ך.
חלוקה — איינטיילונג, נדבות; חלוקה־אידן — אידן וואָס לעבן פון נדבות.
חאָוואַדזשע — האַר.
חלוצים הראשונים — די ערשטע פּיאָנערן.

טיעראַ וויר̄כן — ניט באַאַרבעטע ערד.
טשאַקרע — פאַרם, אינדיאַנישע פאַרם.
טשאַרט וואָזמי סאָווסעם — צום טייוול מיט אַלעם.
טשינאָווניקעם — באַאַמטע, אָנגעשטעלטע פון דער רעגירונג.
טאַבליצע — שרייב־ברעט.
טשאַטע — סטאַדע, גרופּע.

יאַסנע וויעלמאָזשנעם — טייערע, חשוב׳ע לייט.

יראה — מורא, דרך ארץ, רעספעקט.
יודאָש — לויט די קריסטלאַכע גלויבנס, דער וואָס האָט קריסטוסן פאַרראַטן פאַר 30 זילבערשטיק.
יעוורעי — איד.
ירגזון — צאָרן.
יוסטע — צופרידענע, סאָלידע.
יוצאים מן הכלל — אויסנאַמען, ניט לויטן געזעץ.

כרם — ווייגאָרטן.
כהנה וכהנה — אַזויפיל און אַזויפיל.
כמטחוי קשת — ווי דער פלי פון א בויגן.
כרך — גרויסע שטאָט.
כלל — דער קאָלעקטיוו, אַלע.
כן יאבדו כל הרשעים — אַזוי זאָלן אונטערגיין אַלע רשעים (א פסוק פון תהלים).
כראַנזע — א מין גענעראַל (פּוילישער טיטול).
כל נדרי — אַלע צוזאָגן (די תפילה פון יום כפור ביינאַכט).

לאָדקעם — שיפלאַך.
לדוד ה' א. אז. וו. — אָנהייב פון א קאַפּיטל תהילים.
לכו נרננה — לאָמיר זיך פרייען, זינגען (שבת'דיקע תפילה).
לוציפער — שד, אשמדי, האר פון די טייוואָלים.
לאַכעם — שמאַטעס.
לא יחרוץ'ל — געלט וואָס מ'גיט איינעם, ער זאָל האַלטן ס'מויל.
לרחמים גדולים — גרוס רחמנות.
לאַגונע — אַן אָפּגעצאַמט וואַסערל אין א פעלד.

מעטאַליק — א טערקישע מטבעה.
מרגל זיין — אויספאָרשן.
מתנת יד — מתנה פון האַנט (א פאַטש).
מינה וביה — דערוויל.
מוליטאַ — יונגער אייזל.
מי שברך — דער וואָס האָט געבענטשט; א נייעם „מי־שברך" — א נייע ברכה לכבוד דעם באַראָן.
מטעים זיין — באַטאָנען, אַקצענטירן.
מולע — אייזל (די „זי").
מימאָזן — טראָפּישע פלאַנצן.
מתעסק זיין זיך — באַשעפטיקן זיך.
משולחות — אָנשיקעניש.
מה טוב — ווי גוט.
מסכתא — א טייל פון תלמוד.
משופע — קרום, שיף.
מאָרדאָוואַניע — מוטשעניש.
מאַלאַקאַנעם — נאָמען פון א רוסישער סעקטע.
מקובל — א קענער פון דער לערע פון קבלה.
מחבל — ריז, טייוול, העלד.
מעטשעטעם — טערקישע קירכעס.
מגייר זיין — איבערגיין צום אידישן גלויבן.

מאַריאַ, מאַטקאַ באָסקאַ, א. אַז.
וו. — מאַריע, די מוטער פון אונ־
זער הייליקן גאָט, זאָל זי געלויבט
זיין אויף אייביק.
מאומה'דיקע — שרעקלאַכע.
מלך של חסד — בארמהאַרציקער
קעניג.
משחיתים — פאַרדאַרבער, צעשטע־
רער.
מעסיקערע — מילדערע, ליבעראַלע.
מיזאַנטראָפיש — מיט שנאה צו א
מענטש, אָדער מענטשן.
מודעות — אנאָסן, מעלדונגען.
מאמרי־חז"ל — די רייד פון אונ־
זערע געלערנטע (חז"ל — חכמינו
זכרונם לברכה).

סמירנאָ — רואיק, אויפמערקזאַם.
סטויג — א הויפן, א קופע, א בארג.
סקלאַדן — שפייכלער.
סטעזשקעס — וועגן.
סברות — טעאָריעס, מיינונגען.
סטאַלע — אויף שטענדיק.
סעניק — אָנגעשטאָפּטער זאק מיט
שטרוי, מאַטראַץ.
ספאַדניצע — אונטערקליידל.
סטאָדאָלע — שייער, שפייכלער.
סאָנד — געריכט.
ספר־היוחסין — דאָס בוך פון יחוס,
פון אָפּשטאַם.

עוקר מן השורש זיין — אומברענ־
גען אינגאַנצן, אויסוואָרצלען.

עץ — איר.
עץ־חיימס — די צוויי שטעקלאַך
אויף וועלכע מ'וויקלט אויף די
תורה.
עסטאַנסיע — וואוינונג, פאַרם.
עטרות — די קעלנער פון טליתים.

פעאָן — טאָג־ארבעטער.
פאַזוכעס — שפאַלטן.
פאַטרערא — אן אָפּגעצוימט פּלאַץ
פאַר בהמות אין פעלד.
פריסאַזשני פּאָווערעני — אדוואָ־
קאַט, לאַיער.
פיאָשן — אראַבישע גראָב־אייזנס,
סאָכע.
פאַנטשא — אויבערמאַנטל (אין
דרום־אַמעריקע).
פאַמפּערא — שטורעם־ווינט.
פאַטריא — היימלאַנד.
פאָטראָ — פערד.
פושע ישראל — פאַררעטער צו די
אידן.
פּראָשעניעס — אָנקלאַגעס, ביטעס,
ווענדונגען אין געריכט.
פרק משניות — א קאַפּיטל משניות
(פון תלמוד).
פיטשעוועקעס — דעטאַלן, איינצל־
הייטן.
פריקאַזטשיקעס — אָנגעשטעלטע
אין געשעפטן.
פערינעס — בעטגעוואַנט.
פאַראַבאָק — שמייסער, אָנטרייַ־
בער.
פּראַוואָסלאַוונע — פון רוסישן אָר־

טאַדאַקסישן גלויבן.

פּאַראַסאַלניק — שירם־מאַכער.

פּענסנע — ברילן.

פּראָפּעטקע — א הויז, אַ שטיק לאַנד.

פּאָלנע — גאַנצע, פולע.

פּאַלענט — באָל.

פּאוויע־פּושן — פּעדערן פון א פּאַ־ווע.

פּאָטשאַרדזש — א לויב־תּפילה צו דער הייליקער מאַריע.

פּראַפּנם — שטאַפּערם.

פּאַנאָוויע — מיינע הערן.

פערשטער — וואַלד־היטער.

פעסקעם — אַראַבישע היטלען.

צרכי־צבור — די נויטן פון פאָלק.

צמענטאַזש — בית־עולם, בית־הקברות.

ציקאָריע — קאַווע.

קאָלייקע — באַן.

קינות — קלאָגלידער (וואָס ווערן געזאָגט תשעה באב).

קופּע — קאָמפּאַרטמענט (אין א באַן.

קאַנטושן — מאַנטלען, רעק.

קיעוולאַנין — נאָמען פון א קיעווער צייטונג.

קיבוץ גליות — צונויפזאַמלונג פון אַלע פאַרטריבענע אידן.

קאָסעטשע — שניט־צייט.

קאָדעקס — געזעץ־בוך פון לאַנד.

קלאַפּטער — אַן ערך 7 פוס.

קאַשקעטל — היטל.

קימא לן — סומע, סך הכל.

קאַנצעלאַריע — אָפּיס.

רעווענקע — א בייטשל.

רעקוויזירן — צונעמען אין נאָמען פון דער מאַכט.

שפּיליטער — שליח, גייער.

שעת הכושר — גינסטיקע צייט.

שובקעס — פעלצלאַך, וואַרימע רעקלאַך.

שני בשלישי — נאָנטע קרובים.

ש"ס — אָפּקירצונג פון „ששה סדרים", די ביכער פון תלמוד.

שליאַכטשיטשעס — פּריצים.

שרפים — מלאכים.

שבת נחמו — דער שבת נאָך תשעה באב.

שקאַלפירן — פּלעטן יענעם דעם קאָפּ.

שבוש — קלייניקייט, באַגאַטעל.

שכונות — געגענטן, קוואַרטאַלן.

שאַכערניקעס — שווינדלער.

שינעל — זעלנערישער מאַנטל.

תוספת'ל — צוגאָב, (אַ פּאַרטיי־טשונג צום תלמוד).

תחום — גרעניץ (די געגענטן אין וועלכע אידן האָבן געמעגט וואוי־נען).